# תורת
# חובות הלבבות

מהרב הגדול החסיד

## רבנו בחיי הדין הספרדי בר״י זצ״ל

איבערזעצט אין אידיש

## פון א. ד. אַגוז

HEBREW PUBLISHING COMPANY
NEW YORK

# פאַרוואָרט פון איבערזעטצער

ווען איך בין אַ יונגער אינגעל געווען, נאָך ניט קיין בר־מצוה, האָב איך געלערענט אין דער שטאָדט פרוזין, ניט ווייט פון מיין געבורטס־שטעדטעל קארטוז בערעזע, גראָדנער גובערניע. איך האָב דאָרט געלערענט אין דער תלמוד תורה אָדער קליינע ישיבה, וואָס פרוזין האָט דאמאָלס געהאט. דער העכסטער מלמד פון דעם לעהר־אנשטאַלט איז געווען אַ איד אַ זקן, ר' איטשע נאָטע, האָט ער געהייסען. פלעגט דער ר' איטשע נאָטע זאָגען אַ שיעור „חובות הלבבות" פאַר אַן עולם, אין אַ בית המדרש.

איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערען דעם שיעור און דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק. הגם מיין יונגער, קינדערשער מח'ל האָט ניט געקענט ריכטיג באגרייפען די לעהרען פון דעם רבנו בחיי, האָב איך דאָך געפיהלט אין דעם אַן עונג רוחני און אָנשטאָט צו חזר'ן מיין שיעור גמרא, אָדער מאַכען אַ „לייענען", וואָס דער רבי פלעגט מיר ארויסגעבען, האָב איך זיך אָנגעהויבען צורוקען צו ר' איטשע נאָטע'ס „חובות הלבבות שיעור.

דער „חובות הלבבות" איז מיר אָזוי באליבט געוואָרען, אַז איך פלעג כמעט ניט פאַרפעהלען אַ טאָג צו שטעהן אָדער זיצען פון ווייטען און אויפמערקזאם צוהערען יעדעס וואָרט. ארייגרוקען זיך צווישען די „גרויסע" האָב איך ניט געוואַגט, און מען וואָלט עס מיר אפשר ניט געלאָזט אויך. ווי קומט אַ אינגעל צו „חובות הלבבות"? האָב איך דעם שיעור צוגעהערט, אָזוי צו זאָגען, בגנבה.

ר' איטשע נאָטע איז געווען אַ גרויסער בעל מסביר און ער האָט עס ארויסגעגעבען זעהר שעהן, מיט אַ פיינעם ניגון, וואָס האָט זיך געפּאַסט צו דעם. עס קען זיין, אַז דער ניגון האָט מיך אפשר מעהר צוגעצויגען ווי די ווערטער, אָבער סאַי ווי סאַי האָב איך זיך פערליעבט אין דעם דאָזיגען ספר און בין פון איהם בעגייסטערט געווען.

איך האָב, ווען נור איך האָב געהאַט די געלעגענהייט, אַליין פּרובירט ארייגקוקען אין „חובות הלבבות", אָבער דאָס איז פאַר מיר געווען אַ צו שווערער לימוד און איך האָב איהם ניט געקענט פערשטעהן. איך האָב פּרובירט ארויסהעלפען זיך מיט'ן „עברי טייטש", אָבער אַלץ אָהן ערפאָלג.

האָב איך מקנא געווען דעם אַלטען למדן ר' איטשע נאָטע, וואָס איז בענאַבט מיט אַזאַ איינגנשאַפט, אַז ער לעגט ממש אריין די ווערטער אין מויל אריין.

ווען איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך זיך ווידער גענומען צום „חובות הלבבות", אָבער עס איז מיר אַלץ שווער געווען דורכצוקריכען אַ פּרק און פערשטעהן איהם ריכטיג. איך האָב זיך בענוצט מיט מפורשים אויפ'ן ספר, אָבער עס איז מיר אַלץ ניט אָנגעקומען לייכט, איבערהויפּט דעם שער היחוד, האָב איך גאָר ניט געקענט „צוקייען".

## פאַרוואָרט פון איבערזעצער

און די צייט לויפט. איך בין נאָך עלטער געוואָרען, בין געוואָרען א שטיקעל „משכיל" און געלייענט פערשידענע ביכלאך און ביכער אין העב־רעאיש און אידיש. דער „חובות הלבבות" איז מיר אלץ פון זינען ניט ארויס און איך פלעג אין איהם אריינקוקען און מעהר פערשטעהן. אָבער אלץ צו האמטענע, מיט צופיעל אָנשטרענגונג. און בעטראכטענדיג דעם ספר פאַר זעהר א נוצליכען און וויכטיגען, פלעגט מיך אָפט פערדריסען וואָס ער איז פערפאַסט אָדער איבערזעצט געוואָרען אין א שווערען לשון. אזא ספר — האָב איך געטראכט — איז נוצליך פאַר אלעמען, פאַר פּראָסטע מענשען אזוי גוט ווי פאַר לומדים, האָט ער געדאַרפט זיין אין א לייכטער שפּראַך, פער־שטענדליך צו אלעמען.

די אידישע ליטעראַטור איז שוין דאמאָלס געווען פערנאַאנדערגעבליהט. עס זיינען שוין געווען אידישע צייט־שריפטען און ביכער, ניט אין אמאָליגען דייטשמעריש, נור אין ריינעם און שעהנעם מאַמע־לשון. האָב איך געטראכט, אז אימיצער וואָלט געטהאָן א גוטע זאַך ווען ער זעצט איבער דעם „חובות הלבבות" אין א ריינעם, פערשטענדליכען אידיש. און אזוי ווי דער רבנו בחיי דערצעהלט אין זיין הקדמה צום „חובות הלבבות", אז איהם האָט געוואונדערט וואָרום עס האָט זיך ניט געפונען א מחבר וואָס זאָל פערפאַסען אזא ספר, אזוי האָב איך זיך געוואונדערט וואָרום עס געפינט זיך ניט איינער פון די אידישע שרייבער וואָס זאָל דיעזען וויכטיגען ספר איבערזעצען אין א ריינעם, גלאַטען אידיש, וואָס אלע זאָלען קענען לערנען אָדר לייענען און פערשטעהן.

און איך האָב געטראכט: „מתי תבא לידי ואקימנה" — אויב איך וועל אמאָל האָבען די געלעגענהייט, וועל איך זיך נעהמען די מיה צו טהאָן דאָס.

און אַן אָנווייזונג אויף אזא געלעגענהייט איז שפּעטער געקומען. איך בין א אידישער שרייבער געוואָרען דאָ אין אמעריקא מיט אריבער צוואַנציג יאָהר צוריק. מיין ערשטע שרייבערישע קאַריערע האָב איך אָנגעפאַנגען אין „טעגליכען אידישען העראָלד", א צייטונג וואָס איז אונטערגעגאַנגען מיט א יאָהר צוואַנציג צוריק. דער רעדאַקטאָר איז דאַמאָלס געווען דער פערשטאָר־בענער מ. הערמאַלין. איך האָב מיט איהם גערעדט וועגען איבערזעצען דעם „חובות הלבבות" פאַר דער צייטונג, אָבער ער האָט מיר געזאָגט, אז פאַר אזא ספר איז א טעגליכע צייטונג ניט קיין פּלאַץ.

איך בין נאכהער אָנגעקומען אין די געוועזענע „ווארהייט". דיעזע צייטונג איז געווען, אזוי צו זאָגען, א האלב ראַדיקאַלע און דאָרט, האָב איך אליין געדענקט, איז ניט קיין פּלאַץ פאַר'ן „חובות הלבבות".

שפּעטער בין איך געוואָרען שטענדיגער מיטאַרבייטער אין „מאָרגען זשור־נאַל", וואו איך בין נאָך איצט אויך בעשעפטיגט, אָבער צוליעב געוויסע אור־זאכען האָב איך אלץ מיין אידעאַל ניט געקענט פערווירקליכען. נעהמען די גאַנצע ריזיקע אויף זיך און איבערזעצען דעם ספר גלייך אין א בוך, האָבען מיר די אומשטענדען ניט ערלויבט. אגב האָב איך א ביסעל מורא געהאַט. אמעריקא, א פרייע מדינה, ווער ווייסט, אויב אזא ספר וועט דאָ אָנגענומען ווערען, וועט זיין מרוצה לקהל.

ענדליך אָבער איז מיין חלום פאָרט פערווירקליכט געוואָרען. א דאַנק די ערמוטהיגונג פון די רעדאַקטאָרען פון „מאָרגען זשורנאַל" האָב איך זיך

געגומען צו דער ארבייט און האָב דעם „חובות הלבבות" איבערזעצט פאר'ן „אמעריקאנער", א וואָכענבלאַט וואָס ווערט ארויסגעגעבען פון די ארויסגעבער פון „מאָרגען זשורנאַל".

עס איז מיר איצט אויך ניט אָנגעקומען אזוי לייכט און איך האָב געגוג מיה און ענערגיע אוועקגעלעגט אויף דעם, אָבער מיין ארבייט איז ב"ה געווען אָנגעלעגט. די לעזער פון „אמעריקאנער" האָבען מיין ווערק אויפגענומען מיט גוטע מיינונגען און טיילווייז מיט בעגייסטערונג. דאָס האָט מיר געגעבען מעהר מוטה אָפּצודרוקען דעם ספר אין בוך פאָרם, און מיר דאכט, אז עס איז ארויסגעקומען א כלי שלמה.

איך האָב זיך גענומען די מיה צו פּאָפּולאַריזירען די שפּראַך אזוי פיעל ווי מעגליך. איך האָב דורכגעלאָזט מאנכע טערמינאָלאָגישע ווערטער און זיי אויסגעטייטשט אין איינפאַכען אידיש. איך האָב ערגיץ ניט בענוצט קיינע „פוט-נאָוטס", בעמערקונגען אָדער אויסטייטשונגען אונטען. איך האָב געמאכט א פעראייניגונג, א קאָמבינאַציע פון טעקסט מיט דעם פירוש צוזאמען.

און דאָס, גלויב איך, איז בעסער ווי „הערות", בעמערקונגען וואָס מען דאַרף זוכען אונטען, ווייל דער לעזער דאַרף זיך ניט שטערען און ער לייענט גלייך און ווייס און פערשטעהט וואָס ער לייענט.

איך האָב דורכאויס נאָכגעפאָלגט די העברעאישע איבערזעצונג פון רבנו יהודה ן' תבון. דערביי האָב איך זיך בענוצט מיט פערשיעדענע פירושים און אויסגעקליבען די בעסטע און לייכטסטע, וועלכע איך האָב צוזאמענגעפלאָכטען מיט'ן טעקסט, מיט די ווערטער פון גוף הספר. איך האָב חלילה ניט געזאָגט דאָס וואָס דער רבנו בחיי האָט ניט געמיינט און האָב דורכאויס ארויסגעגעבען זיינע אידעען און פילאָזאָפישע געדאנקען, קיין זאך ניט פערפעהלט, אָבוואָהל איך האָב מיר ערלויבט אין פלעצער אביסעל מקצר צו זיין, אויס בעקוועמ־ליכקייט פאר'ן לעזער. דער תוך איז אָבער פערבליבען גאנץ, אונבעריהרט. אין שער היחוד האָב איך אויך דורכגעלאָזט מאנכע שטעלען, ווייל זיי זיינען שווער ארויסצוגעבען און מאכען פערשטענדליך פאר יעדען.

און דעריבער, ווייל איך האָב פעראייניגט דעם גוף הספר מיט קאָמענ־טארען, איז דער „חובות הלבבות אין אידיש" ארויסגעקומען א סך א גרעסערער ספר ווי ער איז אין העברעאיש. איך האָב אין איהם קיין אייגענס גאָר ניט צוגעגעבען, בלויז אויסגעטייטשט און ערקלעהרט דאָס וואָס דער רבנו בחיי האָט געזאָגט און געמיינט.

ווי געזאָגט, האָב איך אין דעם ספר חלילה גאָר ניט געענדערט. איך האָב מיר אָבער ערלויבט צו ענדערען א טהייל פון די פרקים פאר די בעקוועמ־ליכקייט פון די לעזער.

אין אָריגינאַל זיינען מאנכע פרקים קליינע, וואָס ענטהאַלטען בלויז איינינע שורות. און מאנכע צו לאַנגע. דער רבנו בחיי האָט אויך צום אָנפאַנג פון יעדען שער א „פתח השער", א מין פאָררעדע, א קורצע ערקלערונג וועגען וואָס פאר אן ענין אין דעם בעטרעפענדען שער ווערט גערעדט. איך האָב די „פתחים" פעראייניגט מיט די פרקים און אין פעלע פעראייניגט צוויי פרקים צוזאמען, אָדער פערקעהרט: געטהיילט איין פרק אויף צוויי פרקים, כדי עס זאָל זיין בעסער און בעקוועמער צו לייענען אָדער לערנען דעם ספר אין מעסינע

פּאַרציאָנען, ניט דאַרפן אָפּשטעלן זיך צו אָפּט אָדער לייענען צופיעל בנשימה אחת.

דאָס מאַכט ניט קיין שטערונג. דער אינהאַלט פערבלייבט דער זעלבער, די געדאַנקען די זעלבע און קיין ענין אָדער געדאַנק ווערט ניט אָפּגעהאַקט אין מיטען.

ווי געזאָגט, איז דער „חובות הלבבות" אין אידיש געווען געדרוקט אין „אמעריקאַנער". זיינען, ווי געוועהנליך, אריינגעפאַלען אין ספר אַ ביסעל דרוק־פעהלערען. עס איז שווער, אָדער טעכניש אונמעגליך אויסצופיהרען, אַז אַ צייטונג אָדער אַ צייט־שריפט זאָל אינגאַנצען ריין זיין פון דרוק־פעהלערען. ביים צוזאַמענשטעלען מיין ווערק אַלס ספר, האָב איך אויסגעבעסערט די דרוק־פעהלערען און אויך מיינע אייגענע געמאַכטע פעהלערען, אַזוי ווייט ווי איך האָב זיי געקענט געפינען. איך האָב ניט געשפּאָרט קיין מיה און זיך גע־סטאַרעט, אַז מיין ווערק זאָל זיין פאָלקאָם, און עס איז מיט גאָטס הילף, דאַכט מיר, ארויסגעקומען אַ דבר מתוקן.

אָבער שגיאות מי יבין. מעגליך אַז איך האָב פּאַרט עפּעס פערזעהן און ניט ארויסגעבראַכט ריכטיג. בעט איך ענטשולדיגונג און מען זאָל מיך ניט חושד זיין אַז איך האָב אַבזיכטליך עטוואָס געפעלשט.

אויב עס געפינען זיך וועלכע ניט איז טעות'ן אין דעם ספר, בעט איך די לעזער זיי זאָלען מיר אויפמערקזאַם מאַכען אויף דעם און איך וועל זיי העכסט דאַנקבאַר זיין און זעהן אַלעס פערריכטען איה"ש אין אַ צווייטע אויסגאַבע.

בעזרת השם, כ"א תמוז, תרפה, ברוקלין, ניו יאָרק.

**אהרן דוד ב"ר גדליהו אָגוז,**

**יליד קאַרטוז בערעזע, פּלך גראָדנאָ.**

לה' הארץ ומלואה
ה ספרית הרב אהרן ווייגרטן
איש ירושלים

# דער רבנו בחיי, זיין רעליגיעזע פילאָזאָפיע און וועלט־אַנשויאונגען

## אַ.

די ביאָגראַפיע פון רבנו בחיי, דער מחבר פון דיעזען ספר, איז אונז ניט בעקאַנט. די געשיכטע דערצעהלט ניט פון זיין לעבענס־בעשרייבונג, פון זיין יחוס און עס איז אַפילו ניט פעסטגעשטעלט אין וועלכע צייט ער האָט געלעבט. מאַנכע ווילען האָבען אַז ער האָט געלעבט אין עלפטען יאָהרהונדערט, אַנדערע זיינען אין דער מיינונג — אין צוועלפטען יאָהרהונדערט, און עס איז אויך דאָ אַ דעה, אַז ער איז געבוירען געוואָרען נאָך שפּעטער.

דאָס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז ער איז געבוירען געוואָרען און געלעבט אין שפּאַניען אונטער די ממשלה פון די אַראַבער, בעת אידען איז דאָרט געגאַנגען גוט און זיי האָבען ניט גע׳חלומ׳ט פון אינקוויזיציע און גירוש. מען גלויבט, אַז ער האָט געוואָהנט אין דער שטאָדט סאַרגוסאַ, וואו ער איז געוועזן אַ דין, ווייל אַזוי רופט ער זיך: „רבנו בחיי בר יוסף אבן פקודה הדין“.

וואָס פאַר אַ דין ער איז געוועזן, ווייס מען אויך ניט. עס איז ניט בעקאַנט אויב ער איז געוועזן אַ אידישער דין, וואָס האָט בלויז גע׳פסק׳נט דיני תורה אָדער אפשר אַ רעגיערונגס דין, אַ ריכטער, ווייל אין שפּאַניען האָבען צו יענער צייט אידען פערנומען הויכע רעגיערונגס שטעלען. און אפשר ביידע צוזאַמען, אי אַ דין, אי אַ רעגיערונגס ריכטער.

עס איז אַפילו דאָ אַ שטיקעל סברא, אַז דער רבנו בחיי האָט ניט פערטראָטען קיין רעגיערונגס שטעלע. אין זיין הקדמה צום „חובות הלבבות“ זאָגט ער: „ושאינני בקי בצחות לשון הערבי“ — איך בין ניט קלאָהר, איך בין ניט בעהאַוועוואנט אין דער ריינער אַראַבישער שפּראַך און דעריבער האָב איך מורא געהאַט צוטרעטען צו דער אַרבייט צו שרייבען דיעזען ספר, וועלכען איך האָב בעשטימט צו פערפאַסען אין אַראַביש, די שפּראַך וואָס די מענשען פון מיין דור פערשטעהען. און אַ רעגיערונגס ריכטער, איז דער שכל מחיב, מוז גוט פערשטעהן די לאַנדס־שפּראַך.

אָבער קיין בעגניגענדע ראיה איז דאָס ניט. עס קען זיין, אַז ער איז פאָרט געוועזן אַ רעגיערונגס־ריכטער, אי אַ אידישער דין. וואָרום נאָך אַלעמען האָט ער דאָך געקענט אַראַביש, והראיה: ער האָט דאָך דעם ספר „חובות הלבבות“ פערפאַסט אין אַראַביש און מען ווייס אויך פון נאָך ספרים וואָס ער האָט געשריבען אין דער זעלבער שפּראַך. אָבער בעת ער האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה צו שרייבען דעם „חובות הלבבות“, צו ניט, האָט ער זיך אריינגעוואָרפען אין פערשיעדענע ספקות און ער האָט אויך געצווייפעלט אפשר איז זיין קענטנים אין דער שפּראַך נאָך צו וועניג פאַר אַזאַ אונטערנעהמונג.

סאַי ווי סאַי ווייסען מיר זעהר וועניג פון דעם לעבען פון מחבר פון

דיעזען ספר, אָבער זיינע אידעען אין רעליגיעזער פילאָזאָפיע און זיינע וועלט אנשויאונגען זעהען מיר דייטליך אין דעם „חובות הלבבות" גופא.

עס איז ווערטה צו בעמערקען, אז דער בעל „חובות הלבבות" איז ניט דער זעלבער רבנו בחיי, וואָס ווערט אָפט דערמאָהנט אין טייטש־חומש „צאינה וראינה". יענער איז אויך געווען א שפּאַנישער. ער האָט אָבער געהייסען רבנו בחיי ברבי אָשר און האָט געלעבט מיט א פּאָר הונדערט יאָהר שפּעטער פון רבנו בחיי בר יוסף.

דער בעל „חובות הלבבות" האָט געקוקט אויף רעליגיאָן מיט אַנדערע בליקען. ער איז געווען א געגנער פון פּלפּול און פּשט׳לאך, מיט וועלכעס רבנים און לומדי תורה האָבען זיך אָפּגעגעבען. ער האָט זיך שאַרף אויסגע־דריקט וועגען די וואָס גיבען זיך אָפּ מיט שאלות ותשובות וועגען ענינים וואָס זיינען וויטלויפיג און פּאַסירען זעלטען אין לעבען. אין זיין הקדמה דער־צעהלט דער מחבר, אז איינער איז געקומען צו א חכם אָדער צו א רב מיט אַן אויסערגעוועהנליכע שאלה אין דעם ענין פון גטין. האָט דער חכם איהם געענטפערט: „איהר פרעגט א זאך וואס מיר קענען גאָר ניט פערלירען אויב מיר וועלען דאָס ניט וויסען. ווייסט איהר אַלעס וואָס איהר דאַרפט וויסען? וואָרום אָפּגעבען זיך מיט שאלות וואָס קענען זעהר זעלטען טרעפען און פער־נאַכלעסיגען די חובות הלבבות, וואָס מען איז מחויב אין זינען צו האָבען שטענדיג?" און אין שער עבודת האלהים געהט אויך דער מחבר ארויס זעהר שאַרף געגען די לומדים וואָס גריבלען זיך אין אומנויטיגע שאלות און פּלפּולים. דער רבנו בחיי זאָגט, אז דאָס איז אַן איבוד זמן און מיט אויסערגעוועהנליכע שאלות איז געוועהנליך אז מען גיט זיך מיט זיי אָפּ בעת זיי פּאַסירען אין לעבען, אָבער ניט פערשווענדען צייט און בעוואָרענען זיך מיט תשובות אָדער פּסקי דינים, טאָמער וועלען די שאלות ווען עס איז פּאַרקומען.

דער בעל „חובות הלבבות" איז חלילה ניט קיין געגנער פון רבנים. ער האָט געוויס געהאַלטען פון דער תורה און פון תלמוד און זיי זיינען ביי איהם געווען ליעב און טהייער. אָבער לויט זיין שיטה שטעהען די חובות הלבבות, די הערצען־פּפליכטען העכער ווי פּלפּולים און פּשט׳לאך און לומד׳ישע חריפות.

## ב.

אין זיין הקדמה צום „חובות הלבבות" זאָגט דער רבנו בחיי, אז ער האָט געזוכט און ניט געפונען קיין ספר מיוחד וואָס זאָל זיין געווידמעט בלויז די „חכמת המצפון", די בעהאַלטענע הערצליכע חכמה, די חיובים וואָס א מענש האָט צו ערפילען מיט זיין הארץ. ער בעטאָנט „ספר מיוחד", ווייל אין ספרים פון געוויסע מחברים פאַר׳ן רבנו בחיי געפינען זיך פּרקים אָדער מאמרים וואָס ענטהאַלטען רעליגיאָן אָדער מאָראַל פילאָזאָפישע געדאַנקען. אָבער אז א גאַנצער ספר זאָל אויסשליסליך ענטהאַלטען די לעהרען פון הערצליכע פּפליכ־טען, איז דעם רבנו בחיי׳ס ספר „חובות הלבבות" דער ערשטער און ביז איצט דער איינציגער פון דיעזען סאָרט.

דער גאַנצער ספר „חובות הלבבות" פיהרט צו איין הויפּט־צוועק — צו אהבת ה׳. דעם רבנו בחיי׳ס לעהרע איז אַזעלכע וואָס פיהרט פון מדרגה צו מדרגה, פון שטאַפּעל צו שטאַפּעל ביז ער ברייננגט ארויף — אויב מען פאָלגט נאָך זיינע לעהרען — צום העכסטען שטאַפּעל, צו באַקומען הימעלשע חכמה

און זיין פערזאייניגט מיט גאָט און אזוי נאָהענט צו איהם אזוי ווי די הייליגע מלאכים. די געדאַנקען ווערען גערייניגט און דער גאַנצער מענשליכער וועזען ווערט אָנגעפילט מיט ליעבע צו זיין בעשעפער, וואָס דאָס גופא איז א געגוס וואָס א זינדיגער מענש קען זיך ניט פאָרשטעלען.

דער רבנו בחיי קוקט אויף דער וועלט ניט מעהר ווי אויף א פאָרבערייטונגס פּלאַץ פאַר יענער וועלט, פאַר חיי עולם הבא. ער איז מבטל אַלע תענוגים און אַלע געגוסען אויף דער וועלט. נאָך זיין שיטה איז דאָ איין צוועק אין לעבען און דאָס איז, צו שטרעבען צו דערנעהענטערען זיך צו גאָט וואָס מעהר, כדי צו קומען אויף יענער וועלט ריין און געלייטערט און די נשמה זאָל נהנה זיין מזיו השכינה.

דער בעל „חובות הלבבות" האָט אָנגענומען איין שיטה און ער טרעט פון איהר ניט אָפּ אין גאַנצען ספר. ער בעציהט זיך אויף איין זאַך, אויף לייטערען די געדאַנקען און קומען צו קרבת אלהים, ווייל דאָס איז ביי איהם דער עיקר, און דעריבער רעדט ער ניט אין זיין ספר פון ענינים וואָס האָבען צו טהאָן מיט אונז אידען אַלס א בעזונדער פאָלק. ער פערשווייגט אפילו און לאָזט דורך די אידישע האָפענונג אויף ביאת המשיח און ער דערמאָהנט עס קיין איין מאָל אין זיין ספר. און כאָטש דער „חובות הלבבות" איז פול מיט פּסוקים פון די נביאים, געפינט איהר דאָרט ניט קיין איינציגען פּסוק וואָס אין איהם זאָל זיין דערמאָהנט ציון און ירושלים.

אָבער דאָס איז ניט, ווייל ער איז חלילה געוועזן א כופר און ניט געגלויבט אין דער גאולה העתידה, וואָס רבנו סעדיה גאון, וואָס האָט געלעבט פאַר איהם, און שפּעטער דער רמב"ם און אַנדערע האָבען אָנגענומען פאַר איינס פון די עיקרים פון דער אמונה. דער רבנו בחיי האָט זיכער דריי מאָל אין טאָג מתפּלל געווען „ולירושלים עירך ברחמים תשוב"; אָבער ער האָט ניט געהאַלטען אַז די דאָזיגע האָפענונג, די האָפענונג אויף אַן אייגען לאַנד, אויף זעלבסטשטענדיגקייט, קען פיהרען אָדער מיטהעלפען צו ברייננגען צו זיין הויפּט שטרעבונג מקרב צו זיין מענשען צו גאָט. צו ברייננגען מענשען צו פאָלקאָמענהייט, גלויבט דער רבנו בחיי, דאַרף מען זיי איבערהויפּט לערנען און איבערצייגען ניט אָפּצוגעבען זיך מיט גשמיות, מיט מאַטעריעלע זאַכען מעהר ווי נויטיג איז. דאָס וואָס די תורה אַליין פערשפּרעכט גוטעס אויף דער וועלט אויב מען וועט אויספאָלגען וואָס זי, די תורה, הייסט, זאָגט אויף דעם דער רבנו בחיי אין שער היחוד, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרען פאַר'ן המון, וואָס האָט ניט קיינע העכערע השגות, און דאָס איז אזוי ווי מען ניט א בהמה א סך גערשטען אָדער האָבער אָדער אזוי ווי מען סמאָקעט צו א בהמה מיט די ליפּען, כדי זי זאָל מעהר טרינקען.

דער רבנו בחיי איז געטאַדעלט געוואָרען פון רבנים און גאונים פון שפּעטערע דורות, ווייל מען האָט אין זיין ספר „חובות הלבבות" געפונען ציטאַטען וואָס זאָלען שטאַמען פון אפּאָסטאָלען אָדער פון ישו הנוצרי אַליין. דער רבנו בחיי האָט ניט געלייקענט אַז ער האָט ענטנומען געוויסע זאָגען פון די אומות העולם. אין „חובות הלבבות" זאָגט ער פיעל מאָל: „ואמר אחד החסידים" אָדער „אחד החכמים" און דאָס מיינט ער ניט דוקא אידישע חסידים אָדער חכמים. ער זאָגט עס בפירוש אין זיין הקדמה צום ספר: „סמכתי להם דברי הקבלות שקבלנו מרבותינו ז"ל ומן החסידים והחכמים שבכל אומה שהגיעו

דבריהם אלינו" — איך האָב צוגעגעבען די רייד פון קבלות, וואָס מיר האָבען מקבל געווען פון אונזערע רבנים, ז"ל, און פון די חסידים און חכמים פון יעדער אומה, וואָס זייערע רייד איז אונז אָנגעקומען. ווייל איך האָב, זאָגט ער, געהאָפט, אז הערצער וועלען זיין גענייגט צו זיי און זייערע קלוגע רייד וועלען אָנגענומען ווערען. און ער ברייינגט דאָרט ראיות פון תלמוד אז גוטע זאכען און מדות דאַרף מען אָננעהמען אפילו פון גוים און מען מעג איבערזאָגען דברי חכמה פון חכמי אומות העולם.

ווי עס זעהט אויס, איז דער רבנו בחיי געווען בעהאַווענט אין דער דאָ־מאָלסטדיגער אראבישער ליטעראטור און ער האָט פון דאָרט געשעפּט אַ ביסעל מאַטעריאַל פאַר זיין ספר. עס קען זיין אַז די ציטאַטען וואָס זאָלען האָבען געשטאַמט פון די גרינדער פון קריסטענטהום, האָט דער רבנו בחיי גענומען פון אראבישע ביכער, און אפשר האָט ער דאָרט גענומען מעהר ווי דאָס.

אָבער סאַי ווי סאַי האָבען דעם רבנו בחיי'ס טאַדלער נאָכהער אויפגע־הערט צו טאַדלען איהם, ווייל זיי האָבען סוף כל סוף איינגעזעהן די וויכטיג־קייט פון דעם ספר און די נוצען וואָס ער קען ברייינגען, און דער ספר „חובות הלבבות" איז געוואָרען פּאָפּולער און אָנגענומען ביים פאָלק.

## ג.

דער רבנו בחיי איז ניט געווען קיין געגנער פון אויסערליכע לימודים. ער איז ניט געווען פון די „קנאים" וואָס האָבען געלעבט אין שפּעטערע דורות, וועלכע האָבען ניט געוואָלט וויסען פון אנדערע חכמות אויסער חכמת התורה. דער רבנו בחיי האָט געהאַלטען פון וועלטליכע חכמות און קענטניסען, וועלכע ער האָט אליין, ווי עס שיינט, געלערענט, און ניט פערבאָטען אנדערע צו לערנען. פערקעהרט: ער האָט געהאַלטען אַז חכמות „חציוניות" זיינען אַ געשאַנק פון בורא יתברך. אין שער חשבון הנפש, רעדענדיג וועגען מאַטהע־מאַטיק, זאָגט דער רבנו בחיי: „כמעט שתדמה לנבואה הבאה מאת אלהים" — דער מאַטהעמאַטיקער קען דערגעהן אַזעלכע זאכען וואָס זיינען כמעט גלייך צו אַ נבואה פון גאָט. אין זיין הקדמה צום „חובות הלבבות" זאָגט דער מחבר, אַז אַלע חכמות ווערען איינגעטהיילט אין דריי חלקים: חכמת הטבע (פיזיק); חכמת השמוש, ברוכבאַרע חכמות, ווי מאַטהעמאַטיק, מוזיק, אַסטראָנאָמיע און דאָס גלייכען, און די חכמת האלהות, די געטליכע חכמה. און די אַלע קלאַסען חכמות, זאָגט ער, זיינען טהויערען וואָס דער בעשעפער האָט געעפענט פאַר די מענשען כדי זיי זאָלען דורכדעם בעגרייפען און פערשטעהן די תורה און די וועלט. דערפון זעהט מען גאַנץ דייטליך, אַז דער רבנו בחיי איז ניט געווען אויף דער זייט פון אונוויסענהייט אין וועלטליכע קענטניס און וויסענ־שאַפט. ער איז געווען אין דער מיינונג פערקעהרט, אַז די חכמת האלהות, די געטליכע חכמה געהט האַנד אין האַנד מיט וועלטליכע חכמות און איינע די אנדערע קענען ניט שאַדען, ווען מען ווייס נור ווי אַנצוגעהן מיט זיי.

דער מחבר פון ספר „חובות הלבבות" איז ניט געגאַנגען אין וועג פון מחברים פון מוסר ספרים, וועלכע האָבען געשילדערט דעם נאָכ'ן טויט מיט שרעקליכע פאַרבען, האָבען פאַרגעשטעלט דעם מלאך המות, די מאַטערנים פון „חיבוט הקבר" און די יסורי גהינום צו וואַרפען אַ מורא אויף די לעבעדיגע

מענשען. דער רבנו בחיי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף דעם און מיט אַ פּאָר קליינע אויסנאַהמען, דערמאָהנט ער עס כמעט ניט אין זיין ספר, ווייל זיין שיטה צו לערנען רעליגיאָן און מאָראַל איז אָן אַנדערע. די הויפּט זאַך וויל ער מקרב זיין מענשען צו גאָט, צו דיענען איהם מיט'ן גאַנצען הארצען, ליעב האָבען איהם און מורא האָבען פאַר איהם מיט אַ יראת הכבוד און צו דעם פאָדערט זיך מעהר אויפקלערונג און וויניגער אָנוואַרפען אַ פּחד פון פיזישע ליידען.

ער געפינט אפילו ניט פאַר נויטיג צו דערמאָהנען די נסים וואָס גאָט האָט געטהאָן מיט די אידען, ווי עס ווערט דערצעהלט אין תורה און נביאים, כאָטש ער רעדט וועגען דעם ענין אין „חובות הלבבות". ער מאַכט עס אָפּ בקיצור און דערצעהלט ניט קיינע איינצעלהייטען, ווייל ער האלט אַז גאָט'ס נסים זעהט מען יעדען טאָג און יעדע רגע און איבעראַל וואו אַ מענש געפינט זיך. מיר זעהען גאָט'ס חכמה און וואונדער אין טעגליכען לעבען, אויב נור מיר בעאָבאַכטען דאָס און מיר גיבען זיך די מיה צו טראַכטען וועגען דעם.

אין אַ פּלאַץ אין שער חשבון הנפש זאָגט דער רבנו בחיי: מענשען וואונדערען זיך, ווערען איבערראַשט ווען זיי זעהען אַ לקוי חמה, גרויסע בליצען, שטורמס און דאָס גלייכען און זיי ווערען ניט איבערראַשט פון זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג, געוועהנליכען רעגען און דאָס גלייכען, וואָס זיי זעהען שטענדיג. דער אמת איז דאָך אַז אויף וואָס מען זאָל ניט אַ קוק טהאָן אויף דער וועלט, זעהט מען אַלץ די נפלאות הבורא. דעריבער געפינט דער רבנו בחיי ניט פאַר נויטיג צו ערמוטהיגען מענשען צו דיענען גאָט צוליעב נסים וואָס ער האָט מיט זיי אַמאָל געטהאָן, ווייל די גאַנצע וועלט און דאָס לעבען איז דורכאויס פול מיט נסים.

דער רבנו בחיי, ווי מיר זעהען אין דיעזען ספר, האָט געהאַט אַ שאַרפען פּסיכאָלאָגישען בליק. אין פיעלע ערטער ברייננט ער ארויס געדאַנקען אזוי פּסיכאָלאָגיש קלוג, אַז מען מוז ניעדערגעריסען ווערען פון וועלכע עס איז אַנדערע אידעען און האלטען מיט איהם. ווי לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש ער רעדט אין שער הבטחון וועגען דעם אונטערשייד פון בעל בטחון און ניט בעל בטחון! ער וויזט דאָרט אויף אַז דער בעל בטחון, ווען אפילו עס איז איהם שלעכט, איז איהם אויך גוט, און פערקעהרט, דער וואָס בעזיצט ניט די מדה פון בטחון, מעג איהם אפילו געהן ווי גוט, איז איהם פּאָרט ניט גוט. ער רעדט אזוי קלוג, אַז ווען נור מען טראַכט זיך אַ ביסעל אריין אין דעם, זעהט מען אַז יעדעס וואָרט איז אמת, קיין זאַך ניט איבערטריבען, כאָטש אין פלוג קען זיך אויסדראַכטען, אַז דאָס זיינען ניט מעהר ווי ווערטער פון אַ פאַנאַטישען מוסר זאָגער.

און אזוי אין נאָך שטעלען צייגט דער רבנו בחיי ארויס, אַז ער איז ניט סתם אַ מוסר זאָגער אָדער מאָראַל פּריידיגער, נור אַ מענש מיט וויסען, וואָס רעדט אימער שכל'דיג ווי אַן ערפאַהרענער און פּראַקטישער אויף אַלע גע־ביעטען אין לעבען.

## ד.

דער רבנו בחיי פּרעדיגט שטאַרק פאַר דער מדה פון „ואהבת לרעך כמוך". אויסער דעם וואָס דאָס איז אַ מצוה פון דער תורה, צייגט דער רבנו בחיי אָן

אויף די איבלען וואָס קומען ארויס דערפון וואָס מענשען זאָרגען בלויז פאַר זיך אַליין און קימערען זיך ניט פאַר'ן כלל, פאַר זייערע מיטמענשען.

ריידענדיג וועגען דיעזען ענין אין שער חשבון הנפש, דריקט דער מחבר אויס אידעען, וואָס קענען אָנגענומען ווערען אלס סאָציאַליסטיש. ער גיט דאָרט אַ משל צו אַ צאָהל מענשען וואָס האָבען געפיהרט שווערע משאות יעדער איינער אויף אַ בעזונדער וואָגען. זיי האָבען די דאָזיגע משאות געדאַרפט אויסלאָדען און אָנלאָדען, איז אויב זיי העלפען איינע די אַנדערע, טהוען זיי אָפּ זייער זאַך בשלום; ווען אָבער יעדער איינער זאָרגט בלויז פאַר זיין וואָגען, ווערען דאָס רוב פון זיי פערמאַטערט און דערגרייכען ניט זייער ציעל. אַזוי, זאָגט ער, איז מיט די מענשהייט בכלל אויך. ווען איינער דעם אַנדערען זאָל העלפען, וואָלטען אַלע אויסגעקומען מיט זייער חיונה און מיט אַלעם. די צרה איז אָבער וואָס איינער וויל אַ סך און עס קימערט איהם ניט וואָס דער צווייטער האָט גאָר ניט. דער איבעל איז וואָס פיעלע זוכען נור פאַר זיך, אָנצולאָדען זייערע אייגענע וואָגענס, דעריבער איז דאָס לעבען שווער און דעריבער מאַטערען זיך מענשען אויף דר וועלט. ווען אַלע — זאָגט ער — וואָלטען געלעבט געזעלשאַפטליך; ווען יעדער יחיד וואָלט געזאָרגט פאַר אַנדערע אַזוי ווי פאַר זיך; ווען מענשען וואָלטען איינע די אַנדערע געהאָלפען, וואָלט דאָס לעבען געווען לייכטער פאַר אַלעמען און יעדער איינער וואָלט געהאַט וואָס ער דאַרף.

דאָס שמעקט אַ ביסעל מיט סאָציאַליזמוס, אָבער מען מוז ניט זיין אַ סאָציאַליסט מסכים צו זיין צו זיינע ווערטער אַז זיי זיינען אמת.

דער „חובות הלבבות" איז בעליעבט געוואָרען ביים פאָלק צוליעב זיינע גוטע לעהרען און עד היום, כאָטש עס איז שוין אַזוי פיעל הונדערטע יאָהרען זייט ער איז פערפאַסט געוואָרען, איז נאָך דער ספר אַלץ פּאָפּולער, פּאָפּולערער ווי אַנדערע ספרים וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען שפּעטער.

דער ספר „חובות הלבבות" איז געווען אַ נייעס, אַן אונערוואַרטעטע ערשיינונג ביי אידען. דעריבער האָט מען זיך לכתחילה גענומען איהם לערנען און שטודירען. עס האָבען זיך שפּעטער געפונען איבערזעצער און האָבען דעם ספר איבערזעצט פון זיין אַראַבישען אָריגינאַל אין לשון הקודש. נאָך שפּעטער — אויך אין „עברי־טייטש", און ער איז אַלץ מעהר און מעהר פערשפּרייט געוואָרען צווישען אידען אין אַלע לענדער.

דער „חובות הלבבות" איז שטענדיג געווען דעם אידען צום הארצען. אין איהם האָבען די גלות מענשען געפונען טרייסט מעהר ווי אין אַנדערע ספרים, ווייל זיינע לעהרען פיהרען צו אַ הויכען ציעל, צו זיין מדובק אין השי"ת, אַ געגנוס וואָס איז בעסער פון אַלע גענוסען אין דער וועלט.

עס איז דאָ ניט איין איבערזעצונג פון „חובות הלבבות" אין לשון הקודש, אָבער עס איז אָנגענומען געוואָרען די איבערזעצונג פון ר' יהודה אבן תבון, אויך אַ שפּאַנישער איד, ווייל זיין איבערזעצונג איז די ריכטיגסטע און ער האַלט זיך שטרענג ביים אָריגינאַל, הגם די שפּראַך איז ניט אַזאַ לייכטע און דער סגנון, דער סטיל איז ניט אַזעלכער וואָס „ירוץ הקורא בו".

# אויסצוג פון מחבר׳ס הקדמה

האָט דער מחבר געזאָגט:

געלויבט זאָל זיין דער גאָט פון ישראל, וואס בלויז אויף איהם איז ריכטיג צו זאָגען אז ער איז דער אמת׳ער, איינציגער, דער ערשטער אין עקזיסטענץ, דער אָהן אויפהערליכער גוטס טהוער, וואס האָט בעשאַפען אַלעס אין דער וועלט אלס צייכען אויף זיין איינהייט, און האָט פאַרמירט פאָרמען וואָס זאָגן עדות אויף זיין גבורה, און ער האָט מחדש געווען די וועלט, האָט איהר בעשאַפען פון גאר ניט צו בעשטעטיגען זיין חכמה, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: דור לדור ישבח מעשיך וגבורותיך יגידו" — איין דור צום צווייטען ריהמט דיין ווערק און ווענען דיין קראַפט זאָגען זיי איינער דעם אנדערען. אַן אַנדער פסוק אין תהלים זאָגט: „יודוך ה׳ כל מעשיך" — עס לויבען דיך, גאָט, אַלע דיינע ווערק. דאָס הייסט: אין די גאַנצע שאפונג, אין אַלעס וואָס אויף דער וועלט געפינט זיך זעהט מען גאָט׳ס גרויסקייט און מען פערשטעהט ווי מען דאַרף איהם דאַנקען און לויבען. נאָך אַ פסוק זאָגט: „כבוד מלכותך יאמרו" — די עהרע פון דיין קעניגרייך זאָגען זיי. דורך די שאַפונגען ווערט מען איבערצייגט ווי גרויס דער כבוד פון גאָט איז און עס איז גלייך ווי די שאַפונגען זאָגען דאָס, ערקלעהרען דאָס.

און די גרעסטע פון די טובות, וואס דער בעשעפער האָט געטהאָן זיינע קנעכט די רעדעוודיגע, די מענשען, איז וואס ער האָט זיי בעשאַנקען מיט א ריכטיגען געפיהל פון אנערקענונג און פאַלשטענדיגען פערשטאַנד. ער האָט די מענשען געגעבען חכמה וואס דאָס איז זייער לעבענס אָטהעם און די ליכט פון זייער שכל, און דאָס ברייננט זיי צו ערפילען גאָט׳ס רצון און עס פערהיט זיי פון זיין צאָרן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. און אז די חכמה וואָס א מענש בעזיצט איז אַ מתנה טובה פון גאָט ווייסען מיר פון פסוק אין משלי: „כי ה׳ יתן חכמה מפיו דעת ותבונה" — גאָט גיט חכמה, פון זיין מויל, דורך זיין גזירה בעזיצט דער מענש ווייסען און פערשטאַנד. אין ישעיה איז דאָ א פסוק: „אני ה׳ אלהיך מלמדך להועיל" — איך, גאָט דיין גאָט לערען דיך שכל וואָס זאָל דיר נוטצען ברייננען. אין די הייליגע שריפטען זיינען דאָ נאָך פסוקים וואָס בעשטעטיגען, אז חכמה ביים מענשען איז א מתנת אלהים, א געשאַנק פון גאָט.

און די חכמה, וואָס גאָט האָט געגעבען די מענשען, ווערט איינגעטהיילט אין דרייערליי חלקים. עס זיינען דאָ, הייסט עס, דרייערליי הויפט חכמות. דער ערשטער טהייל איז: חכמת היצירות, די חכמה פון בעשעפענים, פון בעשאַפענע זאַכען. דאָס הייסט: די לעהרע צו ווייסען די נאַטור און ענדע־רונגען וואָס קומען פאָר אין דער נאַטור צוליעב געוויסע אורזאַכען. די דאָ־זיגע לעהרע ווערט אָנגערופען „פיזיק". דער צווייטער טהייל חכמה איז: חכמת השימוש, אָדער חכמת המוסר. צו דעם געהערען די וויסענשאַפטען וואָס מענשען געברויכען פאַר געוויסע צוועקען, וואָס זיי נויטיגען זיך אין

לעבען, ווי, למשל, מאטהעמאטיק, אסטראָנאָמיע, מוזיק און נאָך וויסענשאפטען וואָס מענשען געברויכען און זיינען מוסר, גיבען איבער אָדער לערנען איינע די אנדערע.

דער דריטער טהייל חכמה איז די חכמת האלהות, די חכמה פון געטליכקייט. דאָס הייסט: וויסען און בעגרייפען גאָט, זיין תורה און אנדערע הויכע ענינים, ווי בעגרייפען וואָס די נשמה איז, וואָס דער שכל איז און וואָס מלאָכים זיינען. און די אלע טהיילען פון חכמה זיינען טהויערען וואָס דער בעשעפער האָט געעפענט פאר די רעדעוודיגע — די מענשען, כדי דורכדעם זאָל מען משיג זיין די תורה און די וועלט. דער מענש זאָל, הייסט עס, זיי בענוצען פאר וועלטליכע ענינים און פאר געטליכע.

אָבער די גרעסטע און העכסטע פון אלע חכמות איז די דריטע — די חכמת האלהות, וואָס מיר דארפען לערנען בלויז מיט דעם איינציגען צוועק צו וויסען און פערשטעהן אונזער תורה, אָבער לערנען די געטליכע חכמה, כדי צו געניסען עפּעס דאָ אויף דער וועלט, טאָרען מיר ניט. עס איז אונז פערבאָטען צו לערנען תורה און די פאָרשונג פון גאָטהייט צוליעב כבוד אָדער צוליעב אנדערע וועלטליכע צוועקען, נאָר לשמה, מיט דעם איינציגען אבזיכט צו וויסען די תורה און בעגרייפען די גאָטהייט.

און דער בעשעפער האָט געעפענט דריי טהויערען, דורך וועלכע מען קען קומען צו דער הויכער געטליכער חכמה. די דריי טהויערען זיינען: דער שכל, די תורה, וואָס איז געגעבען געוואָרען דורך משה רבנו, און די קבלות, די תורה שבעל פה, וואָס איז שפּעטער איבערגעגעבען געוואָרען פון איינעם צום אנדערען מינדליך, ווי פּרטים און דקדוקים פון מצוות, וואָס זיינען ניט געגעבען געוואָרען שריפטליך מסיני.

די חכמת התורה בכלל איז איינגעטהיילט אין צוויי חלקים. עס זיינען דאָ מצוות נראיות, מצוות וואָס מען זעהט ווי מען טהוט זיי מיט די גליעדער, און מצוות צפוניות, בעהאלטענע, וואָס מען איז זיי מקיים מיט דער מחשבה, מיט׳ן הארצען. די ערשטע זיינען דאָ צווייערליי: מצוות וואָס דער שכל איז מחיב אז מען דארף זיי מקיים זיין און אזעלכע וואָס דער שכל זאָגט ניט אז מען זאָל זיי טהאָן און אויך ניט אז מען זאָל זיי ניט נאָכקומען, ווי בשר בחלב, שעטנז און דאָס גלייכען. די חובות הלבבות אָבער, די מצוות וואָס זיינען אָבהענגיג דער מחשבה, דעם געדאנק זיינען אלע שכל׳דיגע, ווי איך וועל איה״ש ערקלערען דייטליך. און אזוי ווי די חובות האברים, די מצוות וואָס הענגען אָפּ אָן די גליעדער זיינען דאָ צווייערליי: מצוות עשה און מצוות לא תעשה, זאכען וואָס מען דארף טהאָן און זאכען וואָס מען דארף ניט טהאָן אָדער געבאָטען און פערבאָטען, אזוי איז ביי די חובות הלבבות אויך פאראן געבאָטען און פערבאָטען. מען דארף, למשל, גלויבען אז די וועלט האָט א בעשעפער, וואָס האָט איהר בעשאפען פון גאָר ניט; מען דארף האָבען אויפ׳ן זינען אז דער בעשעפער איז איינער און מען דארף אין איהם האָבען בטחון, זיין אונטערטעניג צו איהם, מורא האָבען פאר איהם און שעהמען זיך פאר איהם. דאָס און עהנליכע זאכען זיינען די מצוות עשה פון די מצוות צפוניות, פון די בעהאלטענע מצוות וואָס קיין זייטיגער קען ניט זעהן און וויסען אויב מען איז זיי מקיים אָדער ניט. דער היפּוך פון דעם, ניט גלויבען אין אחדות

הבורא, און גאָט׳ס איינהייט, ניט זיין אונטערטעניג צו גאָט און ניט מורא האָבען פאַר איהם, דאָס זיינען די לאו׳ן אָדער די לא תעשה׳ס פון חובות הלבבות. דערצו קען מען אויך צורעכענען די פערבאָטען פון „לא תחמוד" און „לא תקום", ניט האָבען קיין חשק צו פרעמדעס און נקמה האָבען אָן איינעם, וואָס דאָס איז אויך תלוי בלב, אָבהענגיג אָן הארץ און מען זעהט עס ניט אין די עפענטליכקייט, און נאָך אזעלכע זאכען וואָס זיינען נור אנטפלעקט צו גאָט און ניט צו קיין מענשען, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין ירמיה: „אני ה׳ חוקר לב" — איך גאָט פאָרש דאָס הארץ.

און ווייל די חכמת המצוות בעשטעהט פון עפענטליכעס און פערבאָרגענעס, ווי איך האָב פריהער געזאָגט, האָב איך נאָכגעזוכט אין די ספרים פון אמאָליגע מחברים, וואָס האָבען געלעבט נאָך די פערפאַסער פון תלמוד, די בעלי הגמרא, און איך האָב איינגעזעהן, אז די ספרים, וואָס זיי האָבען געשריבען איבער תורה און נביאים, ענטהאַלטען אַלץ אַנדערע ענינים. זיי טייטשען אויס און ערקלערען מיינונגען פון פסוקים, גיבען זיך אָפּ מיט זאכען וואָס האָבען צו טהאָן מיט דקדוק, נעהמען ארויס דעם תמצית, דעם קיצור פון געוויסע דינים אָדער זיי ברייננגען ראיות, אז מען דאַרף מקים זיין די מצוות התורה און גיבען אָן תשובות וואָס מען זאָל ענטפערען אפיקורסים, אומגלויבינגע, וואָס האַלטען ניט פון דער תורה, ווי איך האָב געפונען אין די ספרים פון פערשיעדענע מחברים און אויך טהיילווייז אין די ספרים פון רבנו סעדיה גאון. די חכמה אָבער פון חובות הלבבות האָבען זיי דורכגעלאָזט און עס האָט זיך ניט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל פערפאַסען א ספר מיוחד, א ספּעציעלען ספר, אין וועלכען דיעזער ענין זאָל זיין ארומגערעדט און ערקלעהרט. איז מיר די זאך געווען א וואונדער. ווארום ניט האָבען קיין בעזונדערען ספר וועגען אזא וויכטיגען ענין?

האָב איך געטראַכט: אפשר זיינען חובות הלבבות גאָר ניט אין כלל פון די מצוות וואָס מיר זיינען מחויב מקים צו זיין לויט די תורה; אפשר איז דאָס א ביי־זאך, א צוגאָב צו דער תורה, וואָס אז מיר ווילען קומען מיר דאָס נאָך און אז ניט, איז אויך רעכט, און דעריבער האָבען די אמאָליגע מחברים ניט געפונען פאַר נויטיג צו שרייבען וועגען דעם ספרים. ווען אָבער איך האָב זיך אריינגעטראַכט אין דעם ענין, האָב איך אויסגעפונען, אז די פערבאָרגענע הערצליכע מצוות זיינען אויף אונז א חוב און איך קען דאָס אויפווייזען על פי שכל און פון דער תורה און פון דער קבלה. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז די חובות הלבבות זיינען דער יסוד, דער פונדאַמענט פון אַלע מצוות און אויב מיר קומען זיי ניט נאָך ריכטיג, קענען די מצוות האברים ניט געטהאָן ווערען ווי געהעריג איז.

דער שכל איז מחיב אז מען דאַרף דיענען גאָט מיט׳ן הארץ, ווייל דער מענש איז צוזאַמענגעשטעלט פון א נשמה מיט א גוף. דעם גוף, דעם קערפּער, זעהט מען און די נשמה איז פערבאָרגען, מען זעהט איהר ניט. דעריבער דאַרף דאָס דיענען גאָט זיין א דאָפּעלטע, אָן עפענטליכע און א פערבאָרגענע. מיר זיינען מחויב צו טהאָן מצוות וואָס לייט זעהען, ווי, למשל, תפלה טהאָן צו גאָט, צדקה געבען, לערנען תורה און מקים זיין אַלע מצוות האברים, און אויך דיענען איהם בנסתר, פערבאָרגען אין אונזערע הערצער, גלויבען אין אחדות הבורא, מורא האָבען פאַר׳ן בעשעפער, ליעב האָבען איהם און זיין

## אויסצוג פון מחבר'ס הקדמה

אונטערטעננג צו איהם און עהנליכעס וואָס קיין זייטיגער מענש קען ניט זעהן און בעמערקען, ווייל דאָס ווערט ניט געטהאָן עפענטליך מיט די גליעדער.

און עס איז א דבר ברור, א פעסטגעשטעלטע זאַך, אז די מצוות האברים, די מצוות וואָס מיר טהוען מיט אונזערע גליעדער, קענען ניט זיין פאָלקאָם סיידען זיי ווערען געטהאָן בלב שלם, מיט'ן גאנצען הארצען, סיידען מיר האָבען א חשק צו דעם. אָהן אן אמת'ן, אויפריכטיגען ווילען קען א זאך ניט געטהאָן ווערען בשלימות. און וויבאלד אז עס ליגט אויף אונז א פפליכט צו טהאָן מצוות מיט אונזערע גליעדער, מוז אונבעדינגט אונזער הארץ, אונזער מחשבה אויך זיין איבערגעגעבען דערצו, ווארום אָהן דעם קען דאָך דאָס ניט זיין. אזוי פארשטעהען מיר מיט'ן שכל אז די חובות הלבבות זיינען א מוז און מען קען ניט זיין קיין עובד ה' ווען מען איז ניט מקים די פפליכטען וואָס זיינען אָבהענגיג די הארץ, די פערבאָרגענע מחשבה.

און די תורה זאָגט אונז בפירוש אָן אויף אזעלכע פפליכטען. „ואהבת את ה' אלהיך" — דו זאָלסט ליעב האָבען גאָט דיין גאָט, זאָגט אונז די תורה, און ליעב האָבען איז א הערצליכער געפיהל וואָס איז פערבאָרגען און מען זעהט עס ניט. אין דער תורה זיינען דאָ א סך אזעלכע מצוות. ווי, למשל: „ואהבת לרעך כמוך" — די זאָלסט ליעב האָבען דיין חבר ווי זיך אליין; „לא תשנא את אחיך בלבבך" — דו זאָלסט ניט פיינט האָבען דיין ברודער, דיין מיטמענשען אין הארצען; „לא תחמד אשת רעך" — דו זאָלסט ניט גלוסטען דיין חבר'ס ווייב, און נאָך פיעלע אזעלכע מצוות עשה און מצוות לא תעשה, וואָס בעלאַנגען צום הארץ, ניט צו די אברים.

און אזוי האָב איך אויך געפונען אין קבלה, אין די דברי חז"ל, אז דער עיקר איז די הארץ, די גוטע אָדער שלעכטע כונה. די גמרא זאָגט: „רחמנא לבא בעי" — גאָט וויל א גוט הארץ, און אין פיעלע שטעלען האָבען אונזערע חכמים, ז"ל, ערקלערט און פעסטגעשטעלט, אז מיר מוזען דיענען גאָט בנגלה ובנסתר, עפענטליך מיט אונזערע אברים און פערבאָרגען מיט אונזערע הערצער.

און אז מיר איז דאָס קלאָהר געוואָרען, האָב איך געטראכט: אפשר איז חובות הלבבות אזא מצוה וואָס מען איז ניט מחויב צו מקים זיין צו אלע צייטען און אין יעדען אָרט. האָב איך אָבער נאָכגעזוכט און זיך איבערציינגט, אז דער חוב צו דיענען גאָט מיט'ן הארצען איז אויף אונז חל שטענדיג און אין יעדען אָרט וואו מיר געפינען זיך און אונטער אלע אומשטענדען. איך האָב אויסגעפונען אז אין אלע פרטים דארפען מיר פאָלשטענדיג זיין איבערגעגעבען צו גאָט און מיר דארפען מיט אלע מעגליכקייטען זעהן אויס־מיידען אזעלכע זאכען, וואָס קענען אונז מאכען וועלכע עס איז שטערונג אין דיענען גאָט בלב ונפש, מיט'ן הארץ און מיט דער נשמה, און דאָס זיינען מיר פערפפליכטעט שטענדיג, אָהן אויפהער.

דעריבער האָט מיר נאָך מעהר געוואונדערט: ווארום האָט זיך ניט גע־פונען א מחבר צו פערפאסען א ספר מיוחד וועגען דעם ענין פון חובות הלבבות.

אָבער וועלענדיג דן זיין די מחברים לכף זכות, האָב איך איבערגע־טראכט: אפשר זיינען די חובות הלבבות ניט אזוי וויכטיג, ווייל זיי זיינען אפשר בעשרענקט אויף א געוויסע צאָהל און אנדערע מצוות זיינען ניט אָפּ־הענגיג אָן זיי. האָב איך אָבער אויסגעפונען אז עס איז פערקעהרט: די

מצוות האברים, די מצוות וואָס מען טהוט מיט די גליעדער, די האָבען דוקא אַ בעשטימטע צאָהל. בכלל ווייסען מיר דאָך אז מיר האָבען תרי"ג מצוות, זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצוות, אָבער אָן די הערצליכע חיובים העננגען אָפּ אזוי פיעל מצוות, אזוי פיעל גוטע טהאַטען וואָס האָבען גאָר קיין צאָהל. האָב איך ווייטער געטראַכט: אפשר זיינען די חובות הלבבות אזוי פּאָפּולער, אזוי בעוואוסט צו אַלעמען און מען היט עס אזוי אָפּ, אז עס איז ניט נויטיג צו האָבען וועגען דעם ספּעציעלע ספרים. האָב איך אָבער אריינגעקוקט אין אַלטע ספרים און איך האָב אויסגעפונען אז אין די דורות, ווען די ספרים זיינען פערפאסט געוואָרען, זיינען מענשען געווען ווייט פון אָפּהיטען חובות הלבבות. בלויז אויסנאַהמען זיינען געווען צדיקים און פּרושים, אָבער די איבעריגע האָט מען געדאַרפט לערנען און עס איז נויטיג געווען צו לערנען זיי דאָס.

און היינטיגע צייטען זיינען דאָס רוב מענשען מזלזל, האַלטען פאַר ביליג, פאַר וואָכעדיג אפילו די מצוות האברים און די הערצליכע מצוות — אודאי. אפילו דער וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער חכמת התורה, איז זיין כונה כדי מען זאָל איהם האַלטען פאַר אַ למדן, אַ חכם און קונה שם זיין אויף דער וועלט. אַזעלכער ווערט לייכט אָפּגעטרעטען פון דער וועג פון דער תורה, ווען נור ער וועט ווייסען, אז דאָס מקים זיין וועלכע ניט איז מצוה וועט איהם ניט ברייננגען קיין כבוד, און אזא לערנען די תורה איז ערגער ווי ניט לערנען, וואָרום אז מען לערענט און מען ווייס וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט און מען קומט עס ניט נאָך, איז דאָך די זינד געווים גרויס. דער וואָס האָט ניט געלערענט קען זיך רעכטפערטיגען: איך האָב ניט געוואוסט, אָבער דער לערנער האָט דאָך ניט מיט וואָס צו פערענטפערען זיך. און דער לערנער לשם כבוד אָדער צוליעב אַנדערע גענוסען פערנאַכלעסיגט צו ווייסען דאָס וואָס ער דאַרף און מוז ווייסען און וואָס אָהן דעם קען מען ניט מקים זיין די מצוות, אזוי ווי די אמונת היחוד, דאָס גלויבען אין גאָט'ס איינהייט, אַ זאַך, אין וועלכע מיר דאַרפען זיך אריינטראַכטען און מען קען דאָס אָבערפלעכליך ניט דערגעהן. אָט דיעזע פערבאָרגענע הערצליכע חכמה אַכטען זיי ניט, און וואָס טויג עס אז עס פעהלט דער עיקר?

מען דערצעהלט אויף אַ געוויסען חכם, אז ביז האַלבען טאָג פלעגט ער זיצען און פערברייננגען מיט מענשען און ווען ער פלעגט נאָכהער פערבלייבען אַליין, פלעגט ער זאָגען צו זיינע גליעדער: „גיט אַהער דאָס בעהאַלטענע ליכט". געמיינט האָט ער עס — די חובות הלבבות, די הערצען פּפליכטען. אויף אַן אַנדער חכם ווערט דערצעהלט, אז מען האָט איהם אַמאָל געפרעגט אַן אויסערגעוועהנליכע שאלה אין דעם ענין פון גטין, און ער האָט דעם פרעג־ גער געענטפערט: „איהר פרעגט אַ זאַך וואָס עס קען אונז גאָר ניט שאַדען אויב מיר וועלען עס ניט ווייסען. ווייסט איהר אַלעם וואָס איהר זייט מחויב צו ווייסען און טאָרט ניט פערנאַכלעסיגען, וואָס עס ליגט אייך אין זיינען אַ שאלה וואָס קען זעהר זעלטען טרעפען און איהר קענט דערמיט גאָר ניט מתקן זיין? איך שווער אייך, אז זייט איך בין פינף און דרייסיג יאָהר אַלט גע־ וואָרען בעשעפטיג איך זיך מיט ענינים וואָס זיינען נויטיג פאַר די מצוות פון מיין תורה, און איהר ווייסט דאָך וויפיעל מיה איך לייג אויף דעם אַוועק און וויפיעל ספרים איך גענברויך אויף דעם און איך האָב זיך קיינמאָל ניט

אָפּגעלייגט אויף אַזעלכע שאלות ווי אייערע". און דער חכם האָט דעם פרע־גער געזאָגט מוסר און איהם געטאַדעלט דערפאַר.

אַ פערשטענדיגער מענש דאַרף זיך ניט גריבלען אין שאלות וועגן ענינים וואָס זיינען ווייטלויפיג און עס איז אַ גרויסער ספק אויב זיי קענען ווען פאָרקומען. אַז עס פּאַסירט אַן אויסערגעוועהנליכע שאלה, איז גענוג צו טראַכטען וועגען דעם בעת דאָס פּאַסירט, אָבער ניט אָפּגעבען די רעיונות אויף אַזעלכע זאַכען און בעוואָרענען זיך מיט אַן ענטשיידונג טאָמער וועט עס ווען פּאַסירען. עס איז אַן איבוד זמן צו דענקען וועגען אַזעלכע זאַכען בעת מען האָט שטענדיג וויכטיגעס וועגען וואָס צו דענקען — וועגען חובות הלבבות, ווי אחדות הבורא און אַנדערע ענינים, אין וועלכע מען דאַרף זיך פערטיעפען.

איך האָב אמאָל וועגען דעם גערעדט מיט איינעם וואָס מען האָט גע־האַלטען פאַר אַ חכם אין חכמת התורה, פאַר אַ למדן, האָט ער מיר געענט־פערט, אַז מען דאַרף זיך אין די פערבאָרגענע ענינים ניט פערטיעפען, מען דאַרף זיך אין דעם ניט גריבלען און עס איז גענוג אַז מען וויים דאָס בקבלה, וואָס איינער גיט איבער דעם אַנדערען. האָב איך צו איהם געזאָגט, אַז דאָס איז שייך צו זאָגען אויף קינדער, פרויען אָדער אַזעלכע וואָס זייער שכל איז טעמפּ און זיי קענען די פערבאָרגענע חכמה ניט בעגרייפען מיט זייער איינע־נעם שכל, אָבער אַ מענש וואָס האָט בכח צו פערשטעהן עס מיט זיין אייגענעם שכל, טאָר ניט זיין פויל אָדער פערנאַכלעסיגען צו טראַכטען וועגען דעם.

דאָס איז אַ משל צו אַ קעניג וואָס האָט געהייסען איינעם פון זיינע דיענער איינצומאָהנען שטייער פון זיינע אונטערטהאַנען און איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל יעדען איינעמס שטייער איבערצעהלען און פיהרען אַ ריכטיגען חשבון. האָט זיך אָבער דער דיענער פערלאָזט אויף די שטייער־צאָהלער, וועלכע האָבען זיך צו איהם גע'חנפ'עט, און ניט געצעהלט און ניט נאָכגעקוקט די געלדער וואָס זיי האָבען איהם געבראַכט. האָט זיך דער קעניג דערפון דערוואוסט און געפאָדערט פון דיענער חשבון, אָבער דער דיענער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און ער איז בעשטראָפט געוואָרען פאַר פרנאַכ־לעסיגען זיין שליחות און פערלאָזען זיך אויף די שטייער־צאָהלער. איז ווען דער דאָזיגער דיענער וואָלט ניט געווען פעהיג צו זיין שליחות; ווען ער וואָלט געווען אַזעלכער וואָס קען ניט צעהלען און רעכענען, וואָלט דער קעניג ניט געקענט האָבען קיינע טענות צו איהם. וויסענדיג אָבער, אַז ער טויג זיך צו דעם, האָט איהם געקומט אַ שטראָף אפילו ווען דער חשבון זאָל שטימען און עס זאָל גאָר ניט פעהלען. אַזוי איז אויך מיט דער חכמה הצפונה, מיט דער פערבאָרגענער חכמה, מיט די חובות הלבבות. ווען איינער האָט נור ביכולת אַליין צו דערגיין דאָס מיט זיין אייגענעם שכל, טאָר ער זיך ניט פערלאָזען בלויז אויף דער קבלה. ער טאָר זיך ניט פוילען צו טראַכטען דעריבער און דאַרף אָנשטרענגען זיינע רעיונות צו פערשטעהן דאָס מיט זיין שכל. דער וואָס טהוט עס ניט, איז דאָס איהם גערעכענט פאַר אַ זינד און וועט דערפאַר בעשטראָפט ווערען.

די תורה זאָגט אין דער סדרה שופטים: „כי יפלא ממך דבר למשפט, ועשית על פי הדבר אשר יגידו לך" — אַז עס וועט פון דיר פערבאָרגען זיין אַ געזעץ, אַז דו וועסט ניט וויסען עפּעס אַ דין, זאָלסטו טהאָן ווי דער כהן,

דער עלטסטער אָדער דער ריכטער וועט דיר זאָגען. רעכענט דאָרט דער פּסוק אוים געוויסע זאכען, אויף וועלכע מען דארף זיך פערלאָזען בלויז אויף די כהנים אָדער שופטים. עס ווערט אָבער ערגעץ ניט געזאָגט, אז אין די אמונה אין אחדות הבורא, בטחון און אנדערע הערצליכע חיובים זאָל מען זיך פערלאָזען בלויז אויף דעם וואָס מען האָט בקבלה פון אנדערע אָדער פון עלטערען. אזעלכע זאכען דארף מען זיך אויך בעמיהען צו פערשטעהן מיט'ן אייגענעם שכל.

אויף די חובות הלבבות זאָגט דער פּסוק אין ישעיה: „הלא ידעת אם לא שמעת" — דו ווייסט דאָך דאָס אליין מיט דיין שכל, אויב דו האָסט עס ניט געהערט, אויב דו האָסט עס ניט בקבלה. אין אַן אנדער פּלאַץ ווערט דאָרט געזאָגט: „הלוא תדעו, הלוא תשמעו, הלוא הוגד לכם מראש" — איהר ווייסט דאָך, עס הייסט: איהר פערשטעהט דאָך, איהר הערט דאָך, דאָס איז דאָך אויך פארצייטען געזאָגט געוואָרען. זעהט מען דאָך אז די זאכען איז מען ניט יוצא מיט דער קבלה אליין און מען דארף דאָס אויך וויסען מיט'ן אייגענעם שכל.

און אז איך האָב די זאך בעטראַכט ריכטיג און זיך איבערצייגט, אז די חובות הלבבות לעהרען איז א פּפליכט, א חוב צו לערנען און פערשטעהן, און איינזעהענדיג אז די דאָזיגע וויכטיגע לימודים זיינען פערנאַכלעסיגט געוואָרען און עס איז נאָך דערוועיל ניט פערפאַסט געוואָרען קיין באַזונדערער ספר פאַר דיעזען צוועק, און וויסענדיג, אז היינטיגע צייטען איז מען לייכטזיניג אין די זאכען, מען לייגט זיך ניט אָפּ דאָס צו לערנען און וויסען, בפרט נאָכקומען דאָס — אודאי ניט, דעריבער האָב איך מיט גאָט'ס חסד זיך גענומען נאָכפאָרשען וועגען דעם, דערגעהן די אלע עיקרים פון חובות הלבבות, ווייל איך בין איבערצייגט אז אלע גוטע מעשים, וואָס א מענש טהוט, איז ניט דער עיקר די מעשים גופא, נור די ריינקייט פון הארץ. איז מען זיך אפילו שטענדיג עוסק אין מעשים טובים, נור די ריכטיגע הערצליכע כונה איז דערביי ניטאָ, טייג עס ניט. יעדע גוטע טהאָט מוז זיין אויפריכטיג אי במעשה, אי במחשבה. א מענש מוז זיין גלייך אָפען און פערבאָרגען. זיין מחשבה טאָר ניט ווידערשפּרעכען זיינע מעשים אָדער רייד פון מויל, און ער קומט ניט נאָך זיינע פּפליכטען צו גאָט ווען זיין הארץ איז ניט ריין און לויטער אין אָנקלאַנג מיט די גוטע זאכען וואָס ער טהוט אָדער מיט די רייד וואָס ער רעדט.

און אז דאָס אלעס איז מיר קלאָהר געוואָרען, האָב איך זיך גענומען איינגעוואָהנען אין די הערצליכע מצוות און איך האָב זיך אָנגעשטרענגט צו וויסען און טהאָן זיי וואָס מעהר. און אז איך האָב זיך דערוואוסט איין זאך, האָב איך זיך דערפון דערוואוסט נאָך א זאך. די צווייטע זאך האָט מיך געלערענט א דריטע זאך, און אזוי כסדר ביז דער ענין פון חובות הלבבות האָט זיך פערבּרייטערט אין מיין וויסען און עס איז מיר שווער געווען אלעס צו טראָגען אויף מיינע רעיונות. האָב איך מורא געהאַט טאָמער וועל איך צוליעב געוויסע אומשטענדען אָדער סבות עטוואס פערגעסען פון דעם און ווער עס זאָל מיר העלפען, ווער עס זאָל מיר דערמאָהנען דאָס פערגעסענע איז אין מיין דור דאָ וויניג. דעריבער האָב איך בעשלאָסען צו פערשרייבען די אלע זאכען און מאכען פון דעם א ספר, כדי איך זאָל עס שטענדיג קענען לערנען און שטודירען, און ווען איך וועל וואָס פון דעם ניט אָפּהיטען ווי געהעריג איז, וועל איך זיך אליין פאָרווירפע מאכען און זיך סטאַרען אויסצובעסערען דעם פעהלער. איך

# אויסצוג פון מחבר׳ס הקדמה

האָב געוואָלט אַז דער ספר זאָל דיענען אַלס וועג־ווייזער, אַלס ליכט, וואָס זאָל בעלייכטען דעם וועג פאַר מיר און פאַר אַנדערע. איך האָב געהאָפט, אַז אויב איך וועל די זאַך דורכפיהרען, וועט עס ברייננגען נוטצען אי מיר, אי אַנדערע מענשען.

און טראַכטענדיג אַזוי, און האָבענדיג בעשלאָסען צו פערפאַסען אַ ספר איבער די חובות הלבבות, האָב איך אָבער איינגעזעהן, אַז איך בין ניט ראוי דערצו. איך האָב מיר משער געווען, אַז דער ענין איז אַ צו שווערער און איך בין ניט מעכטיג גענוג צו מאַכען אַ פאָלקאָמענע זאַך. אויסערדעם בין איך ניט אַזאַ קענער אין דער אַראַבישער שפּראַך, אין וועלכער איך האָב געוואָלט שרייבען דעם ספר, ווייל די מענשען פון מיין צייט האָבען דיעזע שפּראַך צום בעסטען פערשטאַנען. איך האָב דעריבער אָנגעהויבען חרטה האָבען אויף מיין פאָריגען בעשלוס און געדענקט אויפגעבען דאָס איינגאַנצען.

און טראַכטענדיג וועגען דעם, האָב איך זיך אַליין חושד געווען, אפשר קומט עס אויס פוילקייט, ווייל איך וויל אויף זיך ניט נעהמען די מיה, און דער חשק צו רוה, צו פרייהייט האָט עס מיר אַריינגעגעבען אין זינען אָפּצוזאָגען זיך פון דער זאַך. און אין דער זעלבער צייט האָב איך זיך דערמאָהנט פון איינעם וואָס האָט געזאָגט, אַז ווען עס האַנדעלט זיך וועגען טהאָן אַ גוטע זאַך, דאַרף מען ניט זיין צופיעל איבערגעקלעהרט. מען דאַרף ניט אַריינפאַלען אין ספקות, טאָמער וועט מען די זאַך ניט דורכפיהרען ריכטיג און צוליב דעם גאַר ניט אָנפאַנגען דאָס. איך האָב דעריבער זיך איבערלייגט אין דער זאַך און געטראַכט : ווען יעדער וואָס איז זיך עוסק אין אַ גוטען ענין פאַר זיך אָדער אין לערנען אַנדערע דעם ריכטיגען וועג, אין וועלכע זיי זאָלען געהן, וואָלט ניט געוואָלט אונטערנעהמען די זאַך סיידען ער זאָל זיכער זיין, אַז ער וועט עס דורכפיהרען בשלמות, וואָלט קיינער נאָך די נביאים, עליהם השלום, ניט אויסגערעדט אַ מוסר וואָרט צו זיינע מיטמענשען און די וועלט וואָלט געווען פוסט פון גוטע מעשים און שעהנע מדות. און ווען יעדער איינער, וואָס קען ניט נאָכקומען אַלע גוטע מדות, זאָל אפילו דאָס וואָס ער האָט ביכולת נאָכצוקומען אויך פערנאַכלעסיגען, וואָלטען דאָך מענשען אינגאַנצען געווען פוסט און לעער פון מעשים טובים און די וועגען, וואָס פיהרען צו גוטעס, וואָלטען געווען וויסט און די גאַנצע וועלט וואָלט געווען דורכאויס שלעכט און פערדאָרבען.

און איך האָב די זאַך גוט באַטראַכט און האָב פערשטאַנען, אַז מענשען זיינען בטבע שלעכט און האָבען אַ נייגונג צו טהאָן וואָס ניט רעכט איז, אָבער צו גוטע טהאַטען זיינען זיי פויל. מענשען זיינען גענייגט צו זוכען פאַרגעניגענס און הוליאַנקעס, און קומט זיי צו דער האַנד אַזעלכעס וואָס זיי האָבען צו דעם חשק, געפינען זיי שוין אויסריידען און תירוצים וואָרום זיי זאָלען די זאַך טהאָן. פערקעהרט וויעדער, ווען עס קומט צו טהאָן אַ גוטע זאַך, געפינען זיי פאַלשע טענות וואָרום זיי זאָלען זיך דערפון אָפּווענדען. אום אַ מענש זאָל נאָר טהאָן גוטעס און אויסמיידען שלעכטעס, מוז ער אָנקומען צו די הילף פון גאָט אָדער ער מוז האָבען אימיצען וואָס זאָל איהם מוסר זאָגען און ווירקען אויף איהם, אַז ער זאָל ניט געהן אין די וועגען פון יצר הרע, נור שטענדיג פאָלגען דעם יצר טוב.

נעהמענדיג דאָס אַלעס אין אַנבאַטראַכט, בין איך געקומען צום בעשלוס אַז איך דאַרף זיך ניט פוילען און נעהמען אויף זיך די מיה צו פערפאַסען דעם געפּלאַנטען ספר און ערקלעהרען אַלעס אין וואָס פאַר אַ שפּראַך איך וועל

קענען און אין וואָס פאַר א מליצה מיר וועט זיך איינגעבען, אבי מען זאָל מיך פערשטעהן. איך וועל זיך ניט אָנשטרענגען ארומצורייךען אלעם וואס האָט צו טהאָן מיט אַלע פונקטען פון חובות הלבבות, ווייל דאָס וועט זיין צופיעל און אזא ספר וועט זיין צו גרויס. איך וועל בלויז ריידען בקיצור וועגען די הויפט ענינים און וועל די זאך, מיט גאָט'ס הילף, דורכפיהרען. און איך בעט ביי גאָט אז ער זאָל מיר אָנווייזען די ריכטיגע וועג לויט זיין הייליגען רצון און איך זאָל ריידען און טהאָן אַלעם וואס איהם געפעהלט אין די עפענטליכקייט און אין פערבאָרגענהייט.

און אז איך האָב פעסט בעשטימט צו פערפאסען דעם ספר, האָב איך געלייגט זיין פונדאמענט און איינגעריכטעט זיינע הויפט זיילען, בעשטעהענד פון צעהן שרשים אָדער הויפט פונקטען פון אלע חובות הלבבות. דיזע האָב איך איינגעטיילט אין צעהן שערים, טהויערען אָדער אריינגאנגע צו די הערצליכע מצוות וואָס א מענש דארף נאָכקומען. און איך מאך דעם ספר ווי ווייט מעגליך פערשטענדליך. איך לאָז דורך טיפע מליצות און פרעמדע ווערטער און איך וויל ניט צייגען קיינע קונצען אין שפראך און אויסדריקע. איך מייד אויך אויס טיפע חקירות און איך בענוץ מיך נור מיט קורצע ערקלעהרונגען, דורך וועלכע מען קען די געטליכע חכמה פערשטעהן מיט'ן שכל. אין קיין חכמה אָדער מלאכה דארף מען ניט זוכען קיין גרונד. מען דארף ניט וועלען דערגרייכען אין דעם אזוי פיעל וואָס מעהר קען שוין ניט זיין, ווייל דאָס איז אונמעגליך. אין יעדע חכמה קומען אלע מאָל צו נייעסען און מען קען זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלען און זאָגען: עד כאן, מעהר קען שוין אין דעם ניט ערפונדען ווערען. בפרט די געטליכע חכמה, די חקירה וועגען גאָטהייט, האָט געוויס קיין סוף. דעריבער האָב איך זיך באנוגענט מיט אָבערפלעכליכע ראיות וואָס לייגען זיך אויפ'ן שכל און ניט געזוכט פעסטצושטעלען זאכען דורך ממשות'דיגע וועלטליכע ענינים, וואָס מיר ווייסען און מיר פיהלען מיט אונזערע חושים. די געטליכקייט איז ניט קיין דבר ממשות און מען קען דאָס ניט צוגלייכען און צופּאסען צו קיין זאך אין דער וועלט. אויסער אין ערשטען שער, אין שער היחוד, בין איך געווען געצוואונגען צו זוכען ראיות פון זאכען וואָס מיר ווייסען און פיהלען מיט אונזערע חושים, ווייל דער ענין איז זעהר א דעליקאטנער און אום צו בעגרייפען די זאך, מוז מען אָנקומען צו בעווייזע וואס זיינען נעהענטער צו אונז און זיינען אונז בעקאנט און מיר צווייפלען ניט אין דעם.

און צו די ראיות וואס איך ברייננ אין דיזען ספר האָב איך אויך צוגעגעבען וואָס די נביאים האָבען געזאגט אין דיזע ענינים און וואָס מיר האָבען בקבלה פון אונזערע אלטע חכמים, ז"ל, און אויך וואס מיר ווייסען פון חסידים און חכמים פון אנדערע אומות, ווייל איך האָב געהאָפט, אז זייערע רייד וועלען אָנגענומען ווערען און אז די הערצער פון מענשען וועלען זיין גענייגט אָנצונעהמען זייערע מיינונגען און נאָכפאָלגען זייערע אויפקלעהרונגען און גוטע אויפפיהרונגען.

און אונזערע רז"ל האָבען שוין לאנג געזאגט: אין סנהדרין פ"ד: אין איין פסוק שטראָפט יחזקאל די אידען: „וכמשפטי הגוים אשר סביבותיכם עשיתם" — איהר האָט זיך געפיהרט אזוי ווי די פעלקער וואָס ארום אייך, און אין אַן אנדער פלאץ שטראָפט דער זעלבער נביא: „וכמשפטי הגוים אשר

סביבותיכם לא עשיתם" — איהר האָט זיך ניט געפיהרט ווי די פעלקער וואס ארום אייך. ווי אזוי זשע מאכט עס א נביא אזא ווידערשפרוך? איז דער תירוץ, אז יחזקאל האָט אזוי געמיינט: די גוטע זאכען, די גוטע מדות פון די פעלקער האָט איהר ניט אָנגענומען, אָבער זייערע שלעכטע מעשים האָט איהר געטהאָן. זעהט מען דאָך אז גוטע זאכען מעג מען זיך לערנען פון גוים אויך. און די רז"ל האָבען אויך געזאגט, אין מגילה: „כל האומר דבר חכמה אפילו באומות העולם נקרא חכם" — דער וואס זאָגט א קלוגע זאך אפילו פון די אומות העולם, ווערט אָנגערופען א חכם. איז נאָך א ראיה, אז מען מעג זיך בענוטצען מיט קלוגע און גוטע ווערטער וואס זיינען געזאגט געווארען פון גוים.

און אז איך האָב פעסט בעשלאָסען ארויסצוגעבען דיעזען חיבור, וואָס זאָל ענטהאלטען די חובות הלבבות, איז מיין אבזיכט געווען אויסצוקלייבען אזעלכע הערצליכע מצוות וואָס זאָלען כולל זיין אנדערע. איך האָב בעשלאָסען ארויסצוגעבען שריפטליך די הויפט פונקטען פון דיעזען ברייטען ענין און פון זיי זאָל מען קענען לערנען די איבעריגע ניט געשריבענע.

אלס יסוד, אלס הויפט פונדאמענט האָב איך גענומען יחוד האל, די לעהרע פון גאָט׳ס איינהייט וואס מיר דארפען גלויבען מיט׳ן גאנצען הארצען. נאָכדעם האָב איך געפונען פאר פאסענד אָנצוגעבען בעווייזע, איבערצייגונגען פון דאָס בעשאפענע אויפ׳ן בעשעפער. דאָס איז דער שער הבחינה, אין וועלכען עס ווערט אויפגעוויזען מיט ראיות פון אלעם וואס מיר זעהען און מיר ווייסען, אז די גאנצע שאפונג איז די מייסטערווערק פון דעם בורא, יתברך. נאָכדעם, האָב איך בעשלאָסען, איז אין פלאץ צו ריידען וועגען עבודת האלהים, וועגען די חיובים וואָס ליגען אויף אונז צו דיענען גאָט און זיין איבערגעבען צו איהם. דער פיערטער שער, האָב איך מסדר געווען, זאָל זיין דער שער הבטחון, וואָס זאָל לערנען און איבערצייגען אז מען דארף זיך אין אלעם פערלאָזען אויף גאָט. ווארום וויבאלד מיר ווייסען שוין פון פריהער אז קיין זאך ווערט ניט געטהאָן אָהן דעם ווילען פון בעשעפער, דארפען מיר קומען צו דער מדה פון בטחון, פון פערלאָזען זיך אין אלעם אויף גאָט׳ס פיהרונג. דאן קומט שער יחוד המעשה, דער טהויער פון איינינגען טהאטען פון גאָט׳ס וועגען. די לעהרע, אז אלעם וואס א מענש טהוט דארף ער אין זינען האָבען ניט זיך אליין, נור דעם בעשעפער. דעם זעקסטען הויפט פונקט פון חובות הלבבות האָב איך בעשטימט, שער הכניעה, די לעהרע פון אונטערטעניג זיין צו גאָט. און בעטראכטענדיג אז שוין אפילו נאָך אלע זאכען קענען מענשען פערנאכלעסיגען די עבודת הבורא, האָב איך בעשטימט דעם שער התשובה, די לעהרע פון תשובה טהאָן, פון אויסבעסערען פעהלערען אלס דער זיעבענטער שער. איך האָב נאָכהער נאָכגעזוכט און נאָכ־געפארשט און איך האָב אויסגעפונען, אז מיר קענען ניט דיענען גאָט ווי געהעריג איז, סאי מקיים זיין די מצוות וואס מיר זיינען מחויב צו טהאָן מיט אונזערע גליעדער און סאי נאָכקומען די חובות הלבבות, סיידען מיר זאָלען מיט זיך אליין האָבען חשבונות, איבעררעכענען און איבערדענקען וואס מיר געניסען פון בעשעפער און מיט וואס מיר דארפען איהם דערפאר אָפּצאָהלען, און איך האָב דעריבער בעשטימט דעם שער חשבון הנפש אלס אכטער הויפט פונקט פון די חובות הלבבות. נאָכהער קומט שער הפרישות, די לעהרע פון זיין אָפּגעזונדערט, צוריקגעצויגען פון וועלטליכע תענוגים. ווארום וויבאלד א מענש איז אריינגעטאָן אין תאוות, קען ער ניט זיין קיין ריכטיגער עובד ה' אפילו נאָך אלע איבער־

ציינגונגען. און צולעצט קומט דער עיקר, דער תכלית וואס ווערט ארויסגעבראכט פון די אלע פאריגע לעהרען, און דאס איז אהבת ה', די לעהרע פון ליעב האבען גאט, וואס דאס איז די העכסטע מדרגה וואס קען דערגרייכט ווערען נאכפאל־גענדיג די אלע לעהרען פון די ניין שערים, און צו וועלכעם די אלע לעהרען ציעלען.

אזוי איז געווען מיין לעצטער בעשלוס. און איך האב דיעזען ספר א נאמען געגעבען „ספר תורת חובות הלבבות" — דער ספר וואס לערענט הערצען פפליכטען.

מיין כונה מיט מחבר זיין דיעזען ספר איז קליגער צו מאכען נאראנים און די וואס פערקירצען, קומען ניט נאך אלעס וואס אונזער תורה הייסט. איך וועל זיך אבער ניט נעהמען די מיה צו ענטפערען די יעניגע וואס זיינען דאגעגען אונזער תורה. מיט כופרים, מיט ניט גלויבינגע וויל איך קיינע ויכוחים האבען. און אז דו ועסט, ברודער, לייענען מיין ספר, נעהם אלעס אריין אין דיין זכרון און לעהרען פון איהם אויך גוטע זאכען וואס זיינען אין איהם ניט געשריבען. און אויב דו וועסט אין איהם זעהן א טעות, פערריכט עס, און וועסטו געפינען א פעהלער, בעסער עס אויס, און אורטהייל מיך צו גוטען און בעשולדיג מיך ניט אויף מיינע טעות'ן און פעהלערען, ווייל איך האב דעם ספר פערפאסט איילענדיג אויס מורא טאמער וועל איך שטארבען און וועל מיין ציעל ניט ערדייכען. און דו זאלסט ניט לערנען כדי צו בער־ריהמען זיך מיט דעם און כדי מען זאל דיך האלטען פאר א לערנער. לערען לשם תכלית, כדי דו זאלסט וויסען און נאכפאלגען גוטע לעהרען, און האב ניט דערביי קיינע אנדערע פניות.

וויים, אז אלע חובות הלבבות זיינען נכלל אין די צעהן שרשים, הויפט פונקטען וואס ווערען ארומגערעדט אין דיעזען ספר. לערען זיי, שטודיר זיי און דו וועסט זיי לייכטער בעגרייפען און פערשטעהן, ווען דו וועסט לערנען די ספרים פון דעם גאון רבינו סעדיה, ז"ל, וועלכע דערלייכטען דעם שכל און שארפען דעם פערשטאנד און לערנען דעם נאר, און מאכען פלייסיג דעם פוילען.

און גאט זאל אונז אנווייזען דעם וועג ווי אזוי צו דיענען איהם, אזוי ווי זיין געזאלבטער, דוד המלך, האט ביי איהם געבעטען: „תודיעני אורח חיים שובע שמחות את פניך, נעימות בימינך נצח" — מאך מיך וויסען, גאט, די וועג פון לעבען, זעטיגקייט פון פרייד מיט דיין שכינה און אייביגען פאר־גענינגען ביי דיין רעכטע האנד.

# אינהאַלטס פערצייכנים

## פון די צעהן שערים אָדער חלקים פון ספר.

### שער היחוד.

אין דיעזען שער ווערט בכלל גערעדט וועגען אחדות הבורא, וועגען גאָט׳ס איינהייט.

עס ווערט אויפגעוויזען, אז מיר זיינען מחויב צו גלויבען אין דעם מיט׳ן גאַנצען האַרצען.

אז עס ליגט אויף אונז א פפליכט נאָכצוקלעהרען די זאַך און אָנשטרענגען זיך אין די חקירה פון גאָט׳ס איינהייט, כדי מיר זאָלען עס פערשטעהן מיט׳ן שכל און איבערציוגט זיין אין דעם.

ווי אזוי אָנצוגעהן מיט דער דאָזיגער חקירה און דער סדר ווי אזוי צו דער־געהן אויף ריכטיג אַז גאָט איז איינער.

אַן ערקלעהרונג וואס עס מיינט ריכטיגע איינהייט און ניט ריכטיגע.

א שכל׳דיגע אויפקלעהרונג אז די וועלט האָט אַ בעשעפער, וועלכער האָט איהר בעשאַפען פון גאָר ניט.

אַן אָפּהאַנדלונג וועגען גאָט׳ס מדות, וועגען זיין וועזען ווי מיר דארפען איהם פאָרשטעלען אין אונזערע געדאַנקען. וואָס מיר מעגען דענקען וועגען איהם און וואָס מיר טאָרען ניט.

### שער הבחינה.

אין דיעזען שער ווערט בכלל גערעדט פון פרוף, פון איבערציוגונגען פון די שאַפונג אז עס איז דאָ א בעשעפער.

עס ווערט אויפגעוויזען, אז מיר זיינען מחויב בעאָבאַכטען עקזיסטירענדע זאַכען אויף דער וועלט, כדי איבערצייגט צו ווערען אין גאָט׳ס חכמה.

עס ווערט ערקלערט ווי אזוי, אויף וואס פאר אַן אַרט מיר זאָלען עס טהאָן.

עס ווערען אָנגעציינט די סמנים פון דער הימעלישער חכמה אין בעשעפענישען.

וועלכע פון די ברואים זיינען נעהענטער צו אונז און פון וועלכע מיר קענען מעהר לערנען —

און די אורזאכען וואס פערדאַרבען די איבערציוגונג אין גאָטהייט; די זאַכען וואָס שטערען דעם מענשען צו פערשטעהן און וויסען אז די וועלט האָט א בעשעפער.

### שער עבודת האלהים.

אין דיעזען שער ווערט ברייט אַרומגערעדט וועגען אונזערע חיובים צו דיענען גאָט.

עס ווערט ערקלערט ווי אַזוי, אויף וואָס פאַר אַן אופן מען דאַרף זיין גאָט'ס דינער לויט דעם שכל און פערזאָג פון דער תורה.

עס ווערט אָנגעוויזען ווי יעדער איינער דאַרף זיין אַן עובד ה' לויט די טובות וואָס ער געניסט פון בעשעפער.

אין דיעזען שער ווערט אויך גערעדט וועגען בחירה און הכרח, וועגען זאַכען וואָס די ברירה איז ביים מענשען צו טהאָן דאָס אָדער ניט און זאַכען וואָס דער מענש איז געצוואונגען צו טהאָן דורך די גזירה פון בעשעפער.

אַ קורצע אָפּהאַנדלונג וועגען דעם צוועק פון די בעשאַפונג פון מענשען —

און אַ ברייטער אויפקלעהרענדער ויכוח צווישען די נשמה מיט'ן גוף.

## שער הבטחון.

דיעזער שער איז געווידמעט פאַר דער מדה פון בטחון, פון פערלאַזען זיך מיט אַלעס אויף גאָט.

אין דיעזען שער ווערט אויפגעקלעהרט, ווי דער מענש מוז שטענדיג זיין אַ בעל בטחון, ווייל קיין זאַך געשעהט ניט אָהן דעם רצון פון בורא יתברך.

עס ווערט אויפגעוויזען ווי דער בעל בטחון פיהרט דורך זיין וועלט גוט און ווי דער וואס באַזיצט ניט די מדה פון בטחון ליידעט דערפון.

עס ווערט דאָ אויך ארומגערעדט וועגען די מענשען וואס פערלאַנגען פון גאָט משכנות. זיי ווילען ער זאָל זיי פריהער בעזאָרגען מיט אלעס און נאָכהער וועלען זיי איהם דיענען —

און וועגען די זאכען וואָס ווענדען אָפּ דעם מענשען פון דער מדה פון בטחון.

## שער יחוד המעשה.

אין דיעזען שער ווערט גערעדט וועגען איינציגען טהאָטען פון גאָט'ס וועגען.

עס ווערט ערקלעהרט ווי אַ מענש איז מחויב אין זינען צו האָבען גאָט ווען ער איז זיך עוסק אין וועלטליכע זאַכען.

ווי אַזוי אַ מענש דאַרף זיך אויפפיהרען אַז זיינע מעשים וואָס ער טהוט זאָלען זיין מרוצה צו גאָט, ווי אזוי ער קען דאָס דורכפיהרען —

און וואָס עס פערהינדערט איהם פון איינציגען זיינע מעשים פון גאָט'ס וועגען.

## שער הכניעה.

דיעזער שער שמועסט אַרום דעם ענין פון זיין אונטערטעניג צו גאָט.

עס ווערט דאָ ערקלעהרט און בעוויזען וואָס כניעה מיינט און ווי אזוי אַ מענש קען קומען צו דיעזער מדה.

ווי אזוי אַן אמת'ער נכנע דאַרף זיך אויפיהרען און פרטים ווען אַ מענש דאַרף ניט זיין קיין נכנע, ווען ער דאַרף דוקא געברויכען די מדה פון שטאָלץ זיין.

עס ווערט אין דיעזען שער אויך ערקלעהרט, אויב גוטע מדות בכלל קומען פון כניעה, פון אונטערטעניג זיין, אָדער פערקעהרט: ווען מען איז אַ בעל מדות טובות, איז מען שוין במילא אַ נכנע —

און די נוצען וואָס די מדה פון כניעה ברענגען דעם מענשען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

## שער התשובה.

אין דיעזען שער ווערט אַרומגעריעדט דער ענין פון תשובה. ווי אזוי אַ זינדיגער דאַרף און קען תשובה טהאָן, אָדער אויסבעסערען זיינע פעהלערען.

דאָ ווערט אויך ברייט ארומגערעדט אלע תנאים פון תשובה און וואָס עס ווענדעט אָפּ דעם מענשען פון תשובה.

אן ערקלעהרונג ווען דער בעל תשובה קען גלייך זיין מיט א צדיק וואס האָט גאר ניט געזינדיגט און ווען ניט.

אויב מען קען תשובה טהאָן אויף כל־ערליי זינד אָדער ניט —

און מיטעל פאר די וואס עס איז זיי שווער תשובה צו טהאָן.

## שער חשבון הנפש.

דיעזער שער איז אַ לעהרע ווי דער מענש דאַרף שטענדיג האָבען א חשבון מיט זיך אליין, כדי צו וויסען, וואו ער האלט אין דער וועלט אין דעם ענין פון דיענען גאָט.

דאָ ווערט ארומגערעדט ווי אזוי דער מענש זאָל די דאָזיגע חשבונות מיט זיך אליין פיהרען.

אויב דער חשבון הנפש איז איינער און דער זעלבער פאר אלעמען און דער פועל יוצא, דער צוועק פון חשבון הנפש.

## שער הפרישות.

אין דיעזען שער גיט זיך דער מחבר אָפּ מיט ערקלעהרונגען וועגען פרישות, וועגען צוריקגעצויגען זיין פון וועלטליכע תענוגים.

עס ווערט דאָ ארומגערעדט פערשיעדענאַרטיגע פרישות וואָס קענען און דאַרפען דורכגעפיהרט ווערען פון אַלע קלאַסען מענשען און פרישות, צוריקגעהאלטענהייט אָדער צוריקגעצויגענהייט וואָס זיינען נור שייך ביי יחידים, ביי איינצעלנע פערזאָנען.

עס ווערט אין דיעזען שער אויך אָנגעוויזען שטעלען פון דער תורה און פון די נביאים אין דעם ענין פון פרישות —

און דעם אונטערשייד פון פאַרצייטיגע פרושים און די פרושים פון היינטיגע דורות.

## שער אהבת ה'.

דיעזער שער איז דער לעצטער פון ספר און דער הויפט ציעל, צו וועלכען די פאַריגע ניין שערים פיהרען.

דאָ ווערט ארומגערעדט דער ענין פון ליעב האָבען גאָט און ווי אזוי מען קען קומען צו דיעזער מדרגה.

דאָ ווערט אויך ערקלעהרט און אויפגעוויזען אין וואס די ליעבשאַפט צו גאָט בעשטעהט, די אורזאַכען וואס ווענדען אָפּ פון אהבת ה' —

און די סמנים דורך וועלכע מען קען דערקענען א ריכטיגען אוהב ה'.

# תורת חובות הלבבות

## שער הראשון

# שער היחוד

**דער טהויער פון איינהייט. די אויפקלערונג אַז גאָט איז איינער.**

## פרק א׳

דער הויפּט פונדאמענט פון אונזער אמונה איז: צו גלויבען איז אחדות הבורא, גלויבען, אז גאָט, דער בעשעפער פון דער וועלט, איז איינער. אזוי ווי מיר זאָגען „שמע ישראל — ה׳ אחד“.

אבער גלויבען צו גלויבען איז ניט גלייך. איינער גלויבט אין א זאך, ווייל ער האָט דאָס געהערט פון בעגלויבטע מענשען און ער פערלאָזט זיך אויף זייערע רייד, ניט נעהמענדיג זיך די מיה צו פערשטעהן די זאך מיט זיין אייגענעם שכל, אז אזוי איז דאָס, אזוי מוז דאָס זיין און אנדערש קען דאָס ניט זיין. אן אנדערער ווידער גלויבט אין דער זאך, ווייל ער פערשטעהט עס גוט און קען אנדערע אויפקלעהרען מיט ריכטיגע ראיות, אז דאָס איז אזוי.

דאָס גלויבען אין די איינהייט פון גאָט ב״ה דארף זיין אויפ׳ן צווייטען אופן. מען מוז דאָס גלויבען און פערשטעהן מיט׳ן שכל. מען מוז דאָס גרינדליך בעגרייפען אזוי, אז עס זאָל אין דעם קיין ברעקעל ספק ניט קענען זיין. מען מוז אין געדאנקען וויסען אונטערצושיידען פון אן אמת׳ע איינהייט און א פאַלשע. עס מוז זיין אַ פאַלשטענדיגע הערצליכע אמונה.

מענשען געברויכען דאָס וואָרט ״איינער״ אָדער ״איינציג״. מען איז גע־וואוינט ארויסצוברייננגען דיעזע ווערטער פון מויל ניט בעטראכטענדיג זייער בעדייטונג. אז מען וויל מגזם זיין עפּעס א זאך, זאָגט מען, אז זי איז די איינ־ציגע אין איהר מין. אז מען וויל, למשל, בעצייכענען א זאך אז זי איז זעהר גוט, זאָגט מען, אז זי איז די איינציגע גוטע זאך. וויל מען, פארקעהרט, בע־צייכענען א זאך, אז זי איז זעהר שלעכט, דריקט מען זיך אוים, אז זי איז די איינציגע שלעכטע זאך אויף דער וועלט. דאָס איז אָבער פאלש. אין אמת׳ן איז גאָר קיין אבסאָלוטע אָדער פאָלשטענדיגע איינהייט ניטאָ. וואָס אין דער וועלט מיר זאָלען אָנכאפּען, הן מאטעריעלע זאכען, געגענשטענדע וואָס מיר זעהען מיט די אויגען, הן זאכען וואָס מיר בעגרייפען נור גייסטיג, מיט אונזער שכל אָדער געפיהלען, קען מען אויף זיי ניט זאָגען אז זיי זיינען אין אלע פּרטים איינציג. דאָס קען נור געזאָגט ווערען אויפ׳ן בעשעפער פון דער וועלט, וועלכער קומט צום סאמע גרענעץ פון איינהייט.

דעריבער, איז דער וואָס רעדט פון אחדות הבורא, פון די איינהייט פון בעשעפער, אזוי ווי ער רעדט פון אנדערע זאכען וואָס ער רופט ״איינע״ אָדער ״איינציגע״, איז דאָס גלאט געדערט אין דער וועלט אריין, און ער ברייננגט ניט ארויס דאָס וואָס עס דארף ארויסגעבראכט ווערען אין דיעזען ענין. די וואָס מיינען, אז זיי דיענען גאָט בעטראכטענדיג איהם אלס אן איינציגען אויפ׳ן זעלבען אופן ווי זיי בעטראכטען אנדערע זאכען אלס איינציגע, דיענען זיי ניט דעם אמת׳ן גאָט. אין דעם ענין פון גאָט׳ס איינהייט דארף מען זיך אריינ־טראכטען, מען דארף צולייגען דעם שכל צו פערשטעהן און בעגרייפען די זאך גרינדליך.

רעדען וועגען די איינהייט פון בעשעפער און ניט פערשטעהן די זאך גענוי, און ניט קענען אויפווייזען מיט קלארע ראיות, מיט פעסטגעשטעלטע ארגומענטען, אז ער איז א פאלשטענדיגער איינציגער, מעג מען אפילו גלויבען אין דעם פאקט, קען דער דאזיגער גלויבען אויפהערען, ווען מען הערט טענות פון אפיקורסים, וועלכע גלויבען ניט אין אחדות הבורא.

גלויבען בלויז מצד הקבלה, ווייל מען האט די זאך געהערט פון בעגלויבטע מענשען, איז אזוי ווי א בלינדער וואס ווערט געפיהרט פון א זעהענדיגען, איז, אויב דער זעהענדיגער פאלט אריין אין א גרוב, פאלט דער בלינדער אויך אריין, און ער איז קיינמאל ניט זיכער אז ער וועט קומען בשלום צום פלאץ, צו וועלכען ער דארף קומען. די בלינדע אמונה, די אמונה אהן אויפקלעהרונג, שטעהט אין ריזיקע צו פערשווינדען דורך געוויסע סבות, און אזא אמונה איז קיין אמונה.

איז אבער א מענש מחויב צו גריבלען זיך אין דער זאך? איז א מענש פערפליכטעט נאכצוזוכען און נאכצופארשען און מאטערען זיין מח צו פערשטעהן דעם ריכטיגען זינען פון אחדות הבורא? יא. ווי ווייט מעגליך דארף זיך א מענש אריינטהאן אין דעם און דאס וויסען און פערשטעהן לויט דעם כח פון זיין שכל און לויט די השגה, לויט דעם בעגריעף וואס זיין מח קען דערגרייכען.

דער וואס וויל זיך ניט נעהמען די מיה און טראכטען וועגען דעם, איז אזוי ווי א חולה וואס פערשטעהט אליין זיין חלאת, אבער ער פערלאזט זיך אויף פרעמדע רופאים און אליין פוילט ער זיך נאכצוטראכטען אויב די רופאים בעהאנדלען איהם ריכטיג אדער ניט, אויב זיי גיבען איהם די ריכטיגע מעדיצינשע הילף אדער ניט. און די תורה האט אונז אנגעזאגט: "שמע ישראל". דאס ווארט "שמע" מיינט פארשטעה, בעגרייף, און "וידעת היום והשבות אל לבבך" —דו זאלסט וויסען און זיך נעהמען די זאך צום הארצען, דאס הייסט: נעהמען אין זינען און בעטראכטען דעם ענין מיט'ן שכל אז גאט איז איינער אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד. מיר געפינען אין תנ"ך נאך פסוקים וואס זאגען אן דאס זעלבע. פאלגליך, איז דאס א פפליכט, א חוב אויף יעדען איינעם.

אבער איידער מיר געהען צו דער חקירה פון אחדות הבורא, מוזען מיר פריהער נאכפארשען אויב די וועלט האט א בעשעפער אדער ניט. און נאכהער, ווען מיר וועלען זיין זיכער, אז ער עקזיסטירט; ווען מיר וועלען פערשטעהן מיט'ן שכל אז עס איז דא אזעלכער וואס האט די וועלט בעשאפען, וועלען מיר נאכזוכען, אויב ער איז איינער אדער מעהר ווי איינער. און אז מיר וועלען קומען צום בעשלוס אז ער איז איינער, וועלען מיר נאכפארשען וואס עס מיינט אז אמת'ער איינער און ניט קיין אמת'ער. און ווען מיר וועלען האבען די גאנצע חקירה איינגעקריצט אין אונזערע מחות און אין אונזערע הערצער, דאן וועלען מיר וויסען אז מיר זיינען ריכטיגע מאמינים אין אחדות הבורא, אין גאט'ס איינהייט.

אבער אום צו קומען צו דער איבערצייגונג, אז די וועלט האט א בעשעפער, וועלכער האט זי בעשאפען פון גאר ניט, מוזען מיר פריהער וויסען און פערשטעהן דריי זאכען: ערשטענס, אז קיין זאך מאכט ניט זיך אליין; צווייטענס, אז יעדער אנפאנג האט אן ענדע און יעדע ענדע האט אן אנפאנג; דריטענס, אז יעדע זאך וואס בעשטעהט פון מעהרערע זאכען, יעדע זאך וואס איז פון עפעס צוזאמענגעשטעלט, איז ניט געווארען פון זיך זעלבסט, נור אימיצער

האט דאס געמאכט. און אז די דאזיגע דריי פונקטען וועלען ביי אונז קלאהר ווערען, וועלען מיר זיין איבערציינגט, אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט און מיר וועלען קומען צו'דער חקירה פון אחדות הבורא.

## פרק ב'

מיר וועלען די דריי פונקטען פון פאריגען פרק ערקלעהרען דייטליך.

ערשטער פונקט: א זאך מאכט ניט זיך אליין, איז גאנץ לייכט צו פער־שטעהן. ממה נפשך: אויב מיר וועלען זאגען אז א זאך האט זיך אליין געמאכט אין דער צייט ווען זי האט שוין עקזיסטירט, ווען זי איז שוין געווען אויף דער וועלט, האט דאך דאס קיין זינען ניט. ווארים, וויבאלד די זאך איז שוין גע־ווען, טא ווי איז שייך צו זאגען, אז זי האט נאכהער זיך אליין געמאכט? וועלען מיר ווידער זאגען, אז א זאך האט זיך אליין געמאכט פריהער איידער זי איז געקומען אויף דער וועלט, האט דאך דאס נאך מעהר קיין זינען ניט, ווארים ווי קען גארניט, א זאך וואס עקזיסטירט נים, וואס איז לחלוטין ניטא, עפעס אויפטהאן? שליסליך פערשטעהען מיר מיט'ן שכל, אז קיין זאך, קיין געגענ־שטאנד וואס געפינט זיך אויף דער וועלט האט זיך אליין ניט געמאכט.

דער צווייטער פונקט, אז אלעס וואס האט אן ענדע האט אויך אן אנהויב, איז אויך פארשטענדליך. יעדע זאך וואס האט א גרענעץ, האט עס א גרענעץ אין ביידע זייטען. איז דא א סוף, מוז אויך זיין אן אנהויב. קענען מיר ווידער בעגרייפען א זאך וואס האט ניט קיין סוף, זיינען מיר זיכער, אז דאס האט קיין אנהויב אויך ניט. און קוקענדיג אויף זאכען וואס האבען א גרענעץ, וואס ענ־דיגען זיך ווען עס איז, פערשטעהען מיר, אז זיי געהען צוריק און אין דער געשיכטע ביז עס מוז קומען צום סאמע אנפאנג פון דער זאך, צו אן אנ־פאנג וואס האט פריהער ניט געהאט קיין אנדער אנפאנג.

מיר דארפען אויך אין זינען האבען, אז יעדע זאך וואס האט אין זיך א טהייל, א זאך, הייסט עס, וואס מען קען דערפון אוועקנעהמען א געוויסען חלק, איז יענע זאך א גאנצע, מיט אן אנהויב און מיט א סוף. ווארים א זאך וואס האט ניט קיין אנהויב און קיין סוף, קען ניט צוטהיילט ווערען אויף חלקים. אונענדליך איז אונענדליך און עס איז ניט שייך צו זאגען אן אונענדליכע זאך א גרעסערע און א קלענערע, אדער לענגערע און א קירצערע. אצינד לאמיר נעהמען, צום ביישפיעל, די מענשהייט: דורות פערשווינדען. הייסט עס, אז פון דער מענשהייט ווערען ארונטערגענומען חלקים, און וויבאלד עס ווערען ארונטערגענומען געוויסע טהיילען, כאטש אפילו עס קומען צו אנדערע, מוז מען זאגען, אז די מענשהייט האט געהאט אן אנהויב, אז עס איז געווען אן ערשטער מענש, וואס קיין פריהעריגער פון איהם איז ניט געווען.

אזוי איז מיט אלע עקזיסטירענדע זאכען אויף דער וועלט. ווייל יעדע זאך האט אין זיך טהיילען, און קוים האבען זיי טהיילען, האבען זיי זיכער געהאט אן אנפאנג.

דער דריטער פונקט, אז אלעס וואס ענטהאלט אין זיך מעהר ווי איין זאך, איז מחודש, בעניינט. דאס הייסט: איז ניט געווארען פון זיך אליין, נור אי־מיצער האט עס געשאפען אדער געמאכט, איז אויך ניט שווער צו בעגרייפען.

לאמיר נעהמען, למשל, א הויז, איז זי געבויט פון ציגעל. פערשטעהט מען גאנץ גוט, אז די הויז איז ניט אויסגעוואקסען פון זיך אליין, נור אימיצער האט זי געמאכט פון די ציגעל, וועלכע זיינען געווען אין עקזיסטענץ פון פריהער. די ציגעל גופא, פערשטעהען מיר, זיינען אויך מחודש, ווארים פריהער איז דאס געווען ערד, לייהם, און ווען ניט די לייהם, וואלטען קיינע ציגעל ניט געווען.

פאלגליך, האט יעדער געגענשטאנד א סבה ווארום ער איז אזוי ווי ער איז. די הויז איז א הויז, ווייל מען האט די ציגעל געמויערט איינע אויף די אנדערע. די ציגעל זיינען געווארען ציגעל, ווייל מען האט געקנאטען די לייהם, פארמירט און געטריקענט. די לייהם גופא איז געווארען לייהם, ווייל געוויסע עלעמענטען האבען דאס געשאפען. אזוי, אז מיר געהען אויף צוריק, מוזען מיר קומען צו א פונקט, ביי וועלכען מיר בלייבען שטעהן און מיר קענען שוין מעהר ניט געהן אויף צוריק. ווען מיר ווילען אננעהמען, צום ביישפיעל, אז די עלעמענטען וואס האבען געשאפען די לייהם זיינען אויך געבילדעט געווארען פון עפעס, און יענער עפעס — פון נאך עפעס און אזוי ווייטער, מוזען מיר דאך קומען צו די ערשטע שאפונג, וואס איז געשאפען געווארען אהן א נאטירליכע סבה. און אזוי ווי מיר ווייסען שוין, אז א זאך קען זיך אליין ניט מאכען, איז דאך קיין ספק ניט אז עס איז דא א שעפער וואס האט געמאכט די ערשטע זאך, פון וועלכע עס האט זיך נאכהער אנטוויקעלט די לייהם, פון וועלכע מען האט נאכהער געמאכט ציגעל און שפעטער די הויז. און די ערשטע שאפונג האט שוין געווים ניט געהאט קיין סבה ווארום זי איז געשאפען געווארען. דאס איז געווען דער גרענעץ, דער סאמע אנפאנג פון דער יצירה. מיר בעגרייפען דאס גאנץ גוט און מיר פערשטעהען מיט'ן שכל אז אזוי איז דאס.

איצט, אז די דריי דערמאהנטע פונקטען זיינען שוין פאר אונז קלאהר, קענען מיר זיך שוין איבערצייגען אין מציאות הבורא, אין די עקזיסטענץ פון גאט, ווי מיר וועלען עס ווייטער דייטליכער ערקלעהרען.

## פרק ג'

אלעס וואס געפינט זיך אויף דער וועלט איז צוזאמענגעשטעלט פון געוויסע טהיילען אין א וואונדערבארע ארדנונג און הארמאניע. די גאנצע וועלט בכלל איז אזוי ווי א הויז; דער הימעל פון אויבען איז די סטעליע, די ערד אונטען איז די פאדלאגע, דער דיל, און די זון, די לבנה און די שטערען זיינען די בעלייכטונגען, און אלע וואקסונגען און חיות און עופות זיינען די ווירטהשאפט פון דער גרויסער הויז, וואס מיר רופען וועלט. מיר זעהען, אז קיין זאך ווערט ניט געענדערט. די וועלט געהט שטענדיג איהר גאנג. די זון געהט אויף און פערגעהט שטענדיג אין דער בעשטימטער צייט. די ימים ווערען קיינמאל ניט אויסגעטריקענט און די סעזאנען פון יאהר ווערען ניט פערביטען. זומער קומט ניט קיין ווינטערדיגע קעלט און ווינטער קומט ניט קיין זומערדיגע היץ. דאס צייגט אז עס איז דא א מייסטער וואס האט דאס אלעס געמאכט און איינגעארדענט אז אזוי זאל אלעס זיין און ניט אנדערש.

און אלע איינצעלנע זאכען וואס מיר זעהען אויף דער וועלט, אזוי גוט ווי אלעס צוזאמענגענומען, איז צוזאמענגעשטעלט פון איינציגע זאכען. וואקסונגען

און לעבעדיגע בעשעפענישען ענטהאלטען אין זיך די פיער יסודות, די פיער הויפט־עלעמענטען: פייער, וואסער, ווינד אדער לופט, און ערד. אט די פיער זאכען, ווי מיר ווייסען, הארמאנירען ניט איינע מיט די אנדערע. מיר קענען ניט אויסמישען וואסער מיט פייער אדער ווינד מיט ערד, ווייל זיי זיינען גאר קאנטראסטען. די טבע פון איין עלעמענט איז דער היפוך פון צווייטען, ראד האלטען זיי זיך צוזאמען און הארמאנירען איינע מיט די אנדערע. און אזוי ווי עס איז שוין ביי אונז אן איבערצייגטער כלל, אז יעדע זאך וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון מעהר ווי איין זאך, איז פון אימיצען געשאפען געווארען, און אזוי ווי מיר ווייסען שוין און פערשטעהען מיט'ן שכל, אז א זאך קען ניט מאכען זיך אליין, זיינען מיר זיכער, אז אימיצער האט אלעם געמאכט, און דער אימיצער איז גאט, דער בעשעפער פון דער וועלט, וועלכער האט די יסודות בעהעפט און זיי געצוואונגען צו זיין צוזאמענגעבונדען געגען זייער נאטור.

און אז מיר וועלען נאכפארשען ווייטער אויף צוריק, זיינען די פיער עלעמענטען, פון וועלכע די וועלט איז ענטשטאנען, נאך אויך ניט די סאמע ערשטע אין די בעשאפונג, ווארום זי אליין, די יסודות גופא, זיינען ענטשטאנען פון א געוויסען חומר. א מין שטאף אדער מאטעריא אהן א פארם. דאס הייסט, אז גאר די סאמע ערשטע מאטעריע, אדער דער סאמע ערשטער עלעמענט, האט ניט געהאט קיין געשטאלט, קיין אויסזעהן. איז יענע מאטעריע פעראייניגט געווארען מיט א פארם, מיט א געשטאלט און געבילדעט די פיער יסודות. אזוי ערקלערען מחקרים. און ווידער דער זעלבער שכל'דיגער ארגומענט: וויבאלד עס קען ניט זיין אז א זאך זאל זיך אליין מאכען, מוזען מיר זאגען, אז דער אויבערשטער, דער ערשטער פון אלע ערשטע, האט געמאכט דעם ערשטען חומר מיט דער צורה, פון וועלכע ער האט צוזאמענגעשטעלט די פיער עלעמענטען, פון וועלכע ער האט נאכהער בעשאפען און ענטוויקעלט די גאנצע וועלט.

און געמאכט האט ער דאס אהן די הילף פון אירגענד וועלכע זאך און ניט צוליעב וועלכע עס איז סבה וואס האט איהם געצוואונגען דאס צו מאכען אדער בעשאפען.

עס זיינען דא מענשען וואס זאגען, אז די וועלט איז אליין געווארען, אליין פון העלער הויט, אהן א בעשעפער, אפילו אהן א מייסטער, וועלכער האט געמאכט דעם אנפאנג פון די שאפונג. וואונדערט מיך זעהר ווי אזוי קען א געזונטער מענש, א מענש וואס איז ביים זינען, רעדען אזעלכעס? ווי אזוי לייגט זיך איהם דאס גאר אויפ'ן מח?

ווען דער זעלבער זאל הערען ווי איינער זאגט אויף א קאנאל, וואס ציהט זיך דורך א פעלד, כדי צו בעוואסערען איהר, אז ער דענקט, אז דאס איז געווארען פון זיך אליין, אהן די ארבייט און אהן א ספעציעלען אבזיכט פון א בעל־מלאכה, וועלכער האט דאס געמאכט, וואלט דער זעלבער "חכם" יענעם אויסגעלאכט, וואלט איהם בעטראכט פאר א גרויסען נאר און וואלט איהם אויפגעציינגט אז ער רעדט נארישקייט. היינט, אז ער וואלט אפגעלייקענט אז אזא קליינינקייט איז ניט געווארען פון זיך זעלבסט, טא ווי קען ער זאגען אדער גאר דענקען אז די גרויסע און ברייטע וועלט מיט אלעם וואס עס געפינט זיך אויף איהר איז געווארען פון זיך אליין, אהן די ארבייט און ספעציעלען אבזיכט פון א מעכטיגען און קלוגען מייסטער?

און מיר ווייסען, אז א זאך וואס ווערט אליין אפגעטהאן אהן דער כונה פון

אימיציען צו מאכען עפּעס, איז ניטאָ אין דעם קיין סמן פון חכמה און קענטנים. למשל, ווען טינט גיסט זיך אליין אויס אויף פּאפּיר, וועט דערפון קיינמאָל ניט ארויסקומען קיין שריפט מיט אותיות און שורות אזוי ווי מען שרייבט מיט א פעדער. און ווען איינער זאָל אונז צייגען א פּאפּיר געשריבען אין אָרדנונג און ער זאָל אונז דערציילען, אז א טינטער טינט האָט זיך ביי איהם אויסגעגאָסען אויפ׳ן פּאפּיר און עס איז ארויסגעקומען די דאָזיגע שריפט, וואָלטען מיר דאָס אָפּגעלייקענט און איהם איבערצייגט אז דאָס איז פאלש, ווייל דאָס איז א זאך וואָס קען ניט געטהאָן ווערען אליין אָהן איינעם וואָס האָט דאָס אבזיכטליך געמאכט צוליעב אַ צוועק. היינט ווי קען מען דענקען, אז די וועלט, אזאַ איידעלע ארבייט, אזא קלוגע ארבייט, אזא קונציגע ארבייט איז געוואָרען אליין פון העלער הויט, אָהן א מעכטיגען און קלוגען מייסטער?

האָבען מיר שוין אלזאָ ראיות ברורות, קלאָהרע בעווייזע, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט. מיר זיינען שוין איצט פערטיג מיט די איבערצייגונג אין מציאות הבורא, אין די עקזיסטענץ פון בעשעפער, און מיר דאַרפען נאכפאָרשען אויב דער בעשעפער איז איינער אָדער מעהר ווי איינער. און צו קומען צו דער איבערצייגונג אין אחדות הבורא — די איינהייט פון גאָט, קענען מיר אויף זיעבען־ערליי אופנים, ווי מיר וועלן ווייטער ארומריידען:

# פרק ד׳

דאָ זיינען די זיעבען אופנים, דורך וועלכע די איינהייט פון גאָט ווערט ערקלערט:

ערשטענס: ווען מיר בעטראכטען די וועלט, געפינען מיר אז יעדע זאך וואָס עקזיסטירט איז געשאפען געוואָרען דורך א געוויסע סבה, דורך אן אורזאך. און די סבות זיינען שטענדיג ווייניגער ווי די זאכען וואָס זיינען דורך זיי געשאפען געוואָרען. צום ביישפּיעל, עלטערען זיינען די סבות פון קינדער. בלומען־פלאַנצען — די סבות פון בלומען; פרוכט־בוימער — די סבות פון פרוכט. זיינען עלטערען דאָ ווייניגער ווי קינדער; פלאַנצען ווייניגער ווי בלומען און פרוכט־בוימער ווייניגער ווי פרוכט. און אז מיר וועלען געהן אויף צוריק, ווערען די סבות, די אורזאַכען וואָס האָבען עפּעס געבראַכט אויף דער וועלט, אליץ ווייניגער און ווייניגער. מיר פערשטעהען, למשל, אז מיט טויזענד יאָהר צוריק זיינען געווען ווייניגער פּאָטערס ווי היינט. מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק — נאָך ווייניגער, און אזוי כסדר, ביז מיר מוזען קומען צום סאמע אָנהויב, צו דער ערשטער סבה וואָס קיין פריהעריגע פאר דער איז ניט געווען.

און אלעם וואָס עס עקזיסטירט אין דעם גרויסען און ברייטען וועלט־רוים איז אונצעהלבאר. מען קען אלע איינצעלנע זאכען ניט איבערצעהלען. ווען מיר ווילען אָבער אָננעהמען די מינים, די סאָרטען פון דער גאנצער שאפונג, זיינען זיי שוין א סך ווייניגער. מיר ווילען, למשל, זאָגען: מענשען, חיות, עופות, אינזעקטען, בוימער, פלאנצונגען און אזוי ווייטער — קענען מיר שוין די מינים איבערצעהלען. ווען מיר ווילען נאָך די מינים איינטהיילען אין קלאסען, ווי, צום ביישפּיעל, לעבעדיגע בעשעפעניסען, סתם וואקסונגען, און אזוי ווייטער, וועט זייער צאָהל זיין נאָך ווייניגער, ווייל אונטער די ווערטער ״לעבעדיגע בע־

שעפענישען" פערשטעהען מיר שוין אי מענשען, אי חיות, אי עופות און אזוי ווייטער. אונטער'ן ווארט "וואקסונגען" פערשטעהען מיר אי בוימער, אי פלאנ־צונגען, און אזוי ווייטער. ווען מיר געהען נאך אויף צוריק, געפינען מיר, אז די גאנצע שאפונג בעשטעהט פון פינף זאכען: די פיער יסודות—פייער, וואסער, ווינט אדער לופט, און בעוועגונג, דער כח פון בעוועגונג. ווייטער אויף צוריק, האבען מיר שוין נור צוויי זאכען: חומר און צורה — די ערשטע מאטעריע פון וועלכע די יסודות זיינען בעשאפען געווארען און דער געשטאלט, דער אויסזעהען פון דער מאטעריע אדער שטאף. ווייטער אויף צוריק, מוז דאך, נאטירליך, זיין נאך וועניגער, און וועניגער פון צוויי איז איינס, און דאס איז דער רצון פון בורא ב"ה, וואס ער איז די סבה איבער אלע סבות, דער איינ־ייגער וואס האט פער־אורזאכט די ענטשטעהונג פון דער וועלט.

צווייטענס: זעהען מיר דאך, אז אלעס וואס עקזיסטירט אויף דער וועלט, אין די הימלען און אונטען אויף דער ערד, סאי די דוממים, ווי שטיינער און מעטאלען, סאי די וואקסונגען און סאי די לעבעדיגע ברואים, זיינען אלע גע־מאכט פון איין פעהיגען און קלוגען בעל־מלאכה. אלעס ענטהאלט אין זיך די פיער הויפט יסודות און אלעס איז בעשאפען געווארען אונטער איין סיסטעם, אונטער איין מעטהאדע. מיר זעהען דאס ביי קליינע בעשעפענישען אזוי גוט ווי ביי גרויסע. דער מענש, די חיה אדער וועלכע עס איז בעשעפעניש האבען כמעט איינע און די זעלבע ארגאנען וואס האלטען אויף זייער עקזיסטענץ און שאפען זיי לעבען. די וואקסונגען ציהען אויך זייער חיונה אלע פון איינע און די זעלבע קוועלען. און ווען די וועלט וואלט געהאט מעהר ווי איין בעשעפער, וואלט יעדע זאך וואס איז בעשאפען פון אן אנדער בעשעפער געווען אנדערש, עקזיסטירט און געלעבט אויף אן אנדער אופן.

און נאך א זאך: מיר זעהען אז אלעס וואס דער וועלט־רוים פערמאגט איז געקייטעלט און געבונדען איינס צו דאס אנדערע. יעדע זאך איז א חלק פון דער גאנצער גרויסער שאפונג. די זון בעלייכט די ערד און אנדערע פלאנעטען. ווען ניט די זון וואלט די ערד קיין קיום ניט געהאט. לעבעדיגע ברואים מוזען אויך אנקומען איינע צו די אנדערע. פיעלע באשעפענישען לעבען דערפון וואס זיי עסען איינע די אנדערע, און אזוי אלעס. איז דאך דאס אויך א קלאהרער בעוויז, אז עס איז נור דא איין בעשעפער. ווארים, ווען עס וואלטען געווען מעהר ווי איינער, וואלט יעדענ'ס שאפונג געווען אפגעזונדערט און ניט געהאט קיין שום שיכות מיט דער שאפונג פון צווייטען.

דריטענס: איז דאך שוין בעוויזען געווארען, אז די וועלט איז מחודש, בע־נייט. דאס הייסט, אז זי איז אמאל ניט געווען און איז אין א געוויסע צייט געווארען. און וויל, ווי עס איז שוין פריהער ערקלערט געווארען, אז עס קען ניט זיין אז א זאך זאל האבען זיך אליין געמאכט, איז במילא פערשטענדליך, אז אימיצער האט די וועלט געמאכט. און ווען מיר זאלען זיך קענען פארשטעל־לען אז א זאך קען געמאכט ווערען פון וועניגער ווי איין מייסטער, וואלטען מיר אזוי אנגענומען; אבער אזוי ווי דאס קען דאך ניט זיין, מוזען מיר זאגען, אז עס איז געווען איין בעשעפער און ניט מעהר, מצד השכל, ווארום אויף איינעם האבען מיר ראיות, גרינדליכע בעוויזע און מיר קענען ניט געפינען קיינע בע־וויזע אויף מעהר.

דאס איז אזוי ווי מען זאל אונז ציינען א געשריבענעם פאפיר, וואס דער

# שער היחוד

כתב און די שורות זיינען דורכאויס גלייך, וועלען מיר זיכער ניט דענקען אנדערש, נור אז איינער האט דאס געשריבען. ווענינגער ווי איינער קען דאך ניט זיין און אויף מעהר האבען מיר ניט קיינע בעווייזע, ווייל די אותיות און די שורות זיינען אלע גלייך און מיר זעהען אין זיי קיינע ענדערונגען. און ווען איינער וועט קומען און זאגען אז צוויי אדער מעהרערע הענד האבען דאס געשריבען, מוז ער ברענגען ראיות אז דאס איז אזוי. ער מוז דאס אויפצייגען מיט א שכל, און קען ער דאס ניט אויפצייגען, פערבלייבען מיר ביים גלויבען, אז דער שרייבער איז געווען נור איינער. מיר דארפען דעם איינעם ניט קענען פערזענליך און די ראיות וואס מיר האבען פון דעם כתב אויפ'ן פאפיר זיינען גענוג צו איבערציינגען אונז אז ער איז איינער. אזוי איז אויך מיט'ן בעשעפער פון דער וועלט. מיר קענען אנדערש ניט זאגען און עס קען אונז אויפ'ן זינען ניט ארויף אז עס איז געווען מעהר ווי איינער, מחמת אויף איינעם האבען מיר ראיות און קיינער קען ניט ברענגען אירגענד וועלכע ראיה, אז עס איז געווען מעהר ווי איינער.

פערטענס: אויב איינער דענקט, אז דער בעשעפער איז מעהר ווי איינער, מוז ער זיך דאך פארשטעלען, אז דער עצם, דער געגענשטאנד, ווי מיר קענען משיג זיין אין אונזער געדאנק, איז מעהר ווי איינער, צוו״י אדער מעהר געגענשטענדע, וואס זיינען באשעפער. ווארום אננעהמענדיג אז דער עצם איז איינער, איז ער דאך איינער און ניט מעהר. און ווי באלד ער דענקט , אז דער עצם גופא איז מעהר ווי איינער, קענען זיי דאך פאנאנדערגעטהיילט ווערען. פאלגליך, איז דאך דאס באגרענעצט, ווארום א זאך וואס קען צוטהיילט ווערען אויף חלקים, האט דאך אן אנהויב און א סוף, און א זאך וואס האט אן אנהויב מיט א סוף, ווייסען מיר שוין, איז מחודש, בענייעט, געשאפען פון עפעס, און א זאך וואס איז געשאפען מוז דאך האבען א בעשעפער, קעהרט זיך דאך אום אלץ צו דאס זעלבע, אז עס איז דא א יחיד ומיוחד, אן ערשטער, וואס קיין ערשטער פאר איהם איז ניט געווען, אזוי ווי דער פסוק זאגט: ”אתה הוא ה' לבדך” — דו, גאט, ביזט אליין.

פינפטענס: דער בעגריף פון אחדות, פון איינהייט, האט געמוזט זיין פריהער פאר'ן צאהל איינס, אקוראט ווי דער בעגריף פון היץ איז פריהער פון וועלכע עס איז ווארימע זאך. ווען אונזער שכל, אונזער געפיהל וואלט אונז ניט געגעבען דעם בעגריף פון היץ, פון ווארימקייט; ווען מיר וואלטען ניט געוואוסט אונטערצושיידען פון היים און קאלט, וואלטען מיר ניט געוואוסט צו זאגען אויף א זאך אז דאס איז ווארים. ווען מיר זאלען אין אונזערע מחות ניט האבען דעם בעגריף פון איינהייט, וואלטען מיר ניט געקענט זאגען אויף אן איינציגע זאך אז דאס איז איינס, איין מענש, איין הויז און דאס גלייכען.

און דער בעגריף פון אחדות, פון איינהייט, מוז זיין אן אבסאלוטע איינהייט, וואס קען אויף קיין אופן ניט זיין מעהר ווי איינס; אן איינציגע זאך, וואס איז ניט צוזאמענגעשטעלט געווארען פון צוויי זאכען, וואס קען ניט צוטהיילט ווערען אין חלקים און וואס האט ניט קיין גלייכען צו זיך, אז מען זאל קענען זאגען, אז עס זיינען דא צוויי אדער מעהר אזעלכע. ווארים, אויב מיר וועלען זיך אזוי פארשטעלען, וועט דאך אויסקומען אז דער מעהר־צאהל איז פריהער פון דעם איין־צאהל, און דאס קען דאך ניט זיין. דעריבער קומען מיר צו דער איבערציינונג, אז עס איז דא אן אחדות, אן אבסאלוטע איינהייט, אהן

אז אנהויב און אהן א סוף, און דאס איז דער בורא, דער בעשעפער פון דער וועלט.

זעקסטענס: ווייסען מיר און מיר בעגרייפען, אז יעדע מעהרהייט, יעדע זאך וואס עקזיסטירט אויף דער וועלט אין א מעהר־צאהל, איז א צופאל. עס איז, הייסט עס, ניט קיין עצם, קיין אריגינאל, נור פון דעם עצם, פון דעם ארי־גינאל איז געווארען מעהר. למשל, עס זיינען דא אויף דער וועלט א סך מענ־שען, זיינען זיי געקומען פון דעם צופאל, פון דער טבע אז מענשען זאלען גע־בוירען נאך מענשען. און אז מיר געהען אויף צוריק צום אנפאנג פון דער שא־פונג, קומען מיר דאך צום סאמע אריגינאל, צום אויבערשטען וואס האט אלעס בעשאפען, איז דער שכל מחייב, אז אין איהם קען ניט זיין קיין מעהרהייט אזוי ווי אין אלע עקזיסטירענדע זאכען אין גרויסען וועלט־רוים. ווארים א מעהר־הייט ווערט דאך בעשאפען און דאס איז ניט שייך צו זאגען אויף א בעשעפער. און וויבאלד אז ניט קיין מעהרהייט, מוז זיין איינער, ווארים עס איז ניטא קיין מיטעל־פונקט צווישען א מעהרהייט און איינס. פאלגליך, איז נאך א ראיה, אז דער בעשעפער איז איינער.

זיבענטעס: אויב מיר וועלען זאגען אז דער בעשעפער איז מעהר ווי איי־נער, דארפען מיר זיך שטעלען די פראגע: האט יעדער איינער פון זיי געקענט בעשאפען די וועלט אהן די הילף פון צווייטען, אדער ניט? איז דאך ממה נפשך: וועלען מיר אננעהמען, אז איינער האט געקענט בעשאפען די וועלט, איז דאך דער צווייטער איבעריג; אויב וויעדער זיי האבען דאס געמוזט טהאן בשותפות און איינער אהן דעם אנדערען וואלט די זאך ניט דורכגעפיהרט, וואלט דאך דאס געהייסען, אז יעדער איינער פון זיי האט ניט די פולע קענטנים, די פולע מאכט אדער דעם פולען כח, און וויבאלד אז דער כח איז בעשרענקט, איז דאס גאנצעס וועזען בעשרענקט צו א געוויסען פונקט. און א זאך וואס האט א גרענעץ, איז שוין ערקלערט געווארען, איז מחובר, צוזאמענגעשטעלט פון גע־וויסע עלעמענטען אדער מאטעריאלען, און צוזאמענגעשטעלטע זאכען זיינען מחודשים, נעשאפענע, געווארענע, וואס זיינען פריהער ניט געווען, און אלע געשאפענע מוזען דאך האבען א בעשעפער, פאלגליך, קען דאך ניט זיין אז דער בעשעפער גופא זאל זיין א שוואכעס וועזען וואס האט געמוזט מאכען די שא־פונג דורך די הילף פון נאך איינעם.

און ווען אפילו עס זאל מעגליך זיין, אז עס זאל זיין מעהר ווי איין בעשע־פער; ווען מען וואלט זיך געקענט פארשטעלען אזא זאך, וואלט מען דאס בלויז דאן געקענט זיך פארשטעלען, ווען מיר וואלטען נאך די שאפונג געזעהן אדער בעמערקט וועלכע עס איז אבסאלוטע פערשיעדענהייטען; ווען מען זאל זעהן אז איין בריאה איז אינגאנצען אנדערש פון דער צווייטער; ווען מען זאל בע־מערקען אז די גאנצע שאפונג איז ניט געשאפען געווארען נאך איין סיסטעם. און ווען עס וואלט ווירקליך אזוי געווען, וואלט די שאפונג ניט געווען קיין פאל־שטענדיגע ווי זי איז. אבער אזוי ווי מיר זעהען, אז די וועלט איז איינגעריכ־טעט נאך איין סדר, נאך איין ארדנונג און איין כח פון בעוועגונג בעוועגט אלע ברואים אימער און שטענדיג, קען ביי אונז קיין ברעקעל ספק ניט זיין, אז דער בורא איז איינער און די וועלט ווערט געפיהרט נור פון איינעם און ניט מעהר.

האבען מיר שוין אלזא זיבען ראיות ברורות, זיבען ריכטיגע בעווייזע, אז דער בורא איז א יחיד ומיוחד.

# פרק ה'

אבער אום צו פערשטעהן בעסער דעם ענין פון אחדות, דארפען מיר זיך מעהר ארייינטראכטען אין דעם אונטערשיעד פון אן אמת'ע איינהייט, א שטענ־דיג עקזיסטירענדע איינהייט, און א צייטליכע אדער צופעליגע איינהייט, וואס איז באמת גאר ניט איינס.

די צופעליגע איינהייט איז איינגעטהיילט אין צוויי חלקים. אין איינעם זעהען מיר און מיר בעגרייפען באלד די מעהרהייט, כאטש מיר רופען דאס איינס. ווען מיר זאגען, למשל: א רעגימענט סאלדאטען, א סטאדע שעפסען, א טאפ תבואה, מיינט עס: א סך מענשען, א סך שעפסען און א סך תבואה קערנער. הייסט עס, אז אין איין זיט איז דאס איינס און אין צווייטען זייט — א סך, אדער מיר בעגרייפען דאס אלס איינס און אין דער זעלבער צייט אלס פיעל, כאטש מיר דריקען דאס אוים אין איין־צאהל. צום צווייטען טהייל בע־לאנגען זאכען וואס זיינען טאקע ניט מעהר ווי איינס, אבער פארט ניט איינס. ווען מיר נעהמען, צום ביישפיעל, א שטיין, טאקע ניט מעהר ווי איין שטיין, האט ער אבער אין זיך א סך טהיילען. מען קען דעם שטיין צוברעכען אויף א סך שטיקלאך און יעדע שטיקעל וועט הייסען א שטיין. אדער פערקעהרט: מען קען איין שטיין צוקלעפען צו נאך א שטיין און מאכען פון צוויי איינעם.

און וואס מיר זאלען ניט נעהמען, איז אלץ אזוי. ווען מיר זאגען: איין מענש, קענען מיר אין דעם אויך ניט האבען דעם פולען בעגריף פון איינהייט, ווארים דער מענש בעשטעהט דאך פון חלקים, פון פלייש, ביינער, אדערען, אזוי ווי עס איז שוין פריהער ערקלעהרט געווארען. פאלגליך, קענען די אלע זאכען ניט בעצייכענט ווערען מיט'ן נאמען אחדות, איינהייט, ווייל זיי זיינען ניט קיין אמת'ע איינציגע.

אבער דיא אמת'ע איינהייט ווערט אויך אויסגעדריקט אין צוויי־ערליי אופנים. איינער איז מחשבה, אין געדאנקען, און דער צווייטער אין טהאט, אין די ווירקליכקייט. דער ערשטער איז דער צאהל איינס, דער בעגריף וואס מיר האבען וועגען דעם. ווען מיר האבען אין זינען איינס, מיינט עס איינס, דער ערשטער פון אלע צאהלען. דאס איז ניט מעהר ווי א בעגריף, אן איינהייט, איבער וועלכע מיר דענקען, אבער מיר קענען דאס ניט זעהן אדער פיהלען מיט אנדערע פון אונזערע חושים.

אבער דער צאהל איינס, כאטש ווי מיר זיינען דאס משיג, איז דאס טאקע אן אבסאלוטע איינהייט — איינס און ניט מעהר, קען מען דאך אבער צולייגען צום איינס נאך איינס און עס וועט שוין ווערען צוויי, אדער מען קען צולייגען מעהר און עס וועט ווערען מעהר. אבער די צווייטע אמת'ע איינהייט, וואס גע־פינט זיך אין די ווירקליכקייט, איז אזעלכע וואס ווערט ניט און קען ניט ווערען מעהר, און ווערט קיינמאל ניט געענדערט, און מען קען דאס ניט צורעכענען צו קיין זאך, איז ניט גלייך צו קיין זאך, און מען קען וועגען דעם ניט האבען אירגענד וועלכען בעגריף וואס מען האט פון אנדערע זאכען וואס עקזיסטירען אויף דער וועלט. אט דאס איז ערשט די ריכטיגע, אמת'ע איינהייט, דער מקור אדער דער אריגינאל פון אלע זאכען וואס עקזיסטירען און מעהרען זיך אין גרוי־סען און ברייטען וועלט־רוים.

און די אמת'ע, פאלשטענדיגע איינהייט האט ניט קיין אנהויב און קיין

סוף. ווארים ווען עס זאל יא האבען אן אנהויב און א סוף, הייסט דאך דאס שוין, אז עס איז פארגעקומען אדער עס וועט איין דעם פארקומען אן ענדערונג. און דאס הארמאנירט שוין ניט מיט אבסאלוטע איינהייט. ווארום וויבאלד אז א וועזען אדער א זאך האט אין זיך צוויי כחות, צו זיין ווי עס איז און צו ווערען אנדערש, איז דאך דאס ניט איינס. מיר קענען צו דעם אמת'ען איינהייט ווע־זען ניט צורעכענען קיין שום דמות, קיין געשטאלט, קיין אויסזעהן. ווארום אז מיר וועלען זאגען, אז עס זעהט אויס אזוי און אזוי, הייסט דאך דאס, אז עס איז דא נאך עפעס ענהליכעס צו דעם, און וויבאלד אזוי, איז דאך דאס שוין ניט איינס.

און אזא אמת'ע, פאלשטענדיגע איינהייט איז דער בעשעפער פון דער וועלט. און אום צו פערשטעהן די זאך דייטליכער, וועלען מיר זאגען:

אלע עקזיסטירענדע זאכען אויף דער וועלט זיינען מחובר, צוזאמענגע־שטעלט פון חלקים. קיין זאך קומט ניט אריין אין עקזיסטענץ, סיידען די חלקים, פון וועלכע די זאך בעשטעהט, פעראייניגען זיך. איז א כלל, אז די איינצעלנע זאכען מוזען קומען פריהער פאר דער גאנצער זאך, וואס ענטהאלט אין זיך די איינצעלנע זאכען, אקוראט ווי דער צאהל איינס קומט פריהער פאר'ן מעהר־צאהל. און האלטענדיג זיך ביי דיזען כלל, בעגרייפען מיר דאס וואס איז שוין פריהער ערקלעהרט געווארען, אז געהענדיג א'ז'ף צוריק ווערען די מעהרהייטען אלץ ווייניגער און ווייניגער ביז עס קומט צום צאהל איינס, און דערביי מוזען מיר זיך אפשטעלען. און דער ערשטער איינס איז טאקע איינס, וואס קען ניט פארגעשטעלט ווערען אין קיין מעהרהייט, אין קיין צוזאמענבינ־דונג מיט נאך עפעס.

און נאך א זאך: עס איז בעוואוסט, אז יעדע זאך וואס קומט דורך א צו־פאל מוז קומען דורך אן עצם, דורך א הויפט זאך, וואס האט געבראכט דעם צו־פאל, און דער צופאל הערט ניט אויף סיידען דער עצם גופא הערט אויף. למשל, ווארימע וואסער איז א צופאל. דאס וואסער איז אליין ניט ווארים פון דער נא־טור, נור וואס דען? א פייער ווארימט דאס וואסער. הייסט עס, אז פייער איז דער עצם, די זאך וואס איז פון נאטור הייס, און די היץ אין די וואסער איז א צופאל, ווארום, וועט מען אוועקנעהמען דעם פייער, וועט דאס וואסער אפגע־קיהלט ווערען, וועהרענד דער פייער גופא וועט פערבלייבען הייס. אדער לאמיר נעהמען א נאסע זאך, איז דאס נאס, ווייל עס איז געקומען אין בעריהרונג מיט וואסער. נעהמט מען עס ארויס פון די וואסער, טריקענט זיך עס אויס, וועהרענד דאס וואסער גופא פערבלייבט נאס, ווייל דאס וואסער איז דער עצם, די נא־טירליכע נאסקייט, וואס קען ניט געענדערט ווערען. און אזוי ווי א מיר ווייסען, אז אלע עקזיסטירענדע זאכען אויף דער וועלט זיינען מקרים, צופעליגע, וואס זיינען געווארען פון עפעס, איז דער שכל מחייב, אז עס איז דא אן עצם, א הויפט־וועזען וואס האט פערארזאכט די אלע צופעלע. איצט קומען מיר צו אחדות. אזוי ווי עס איז שוין בעוויזען געווארען, אז די אלע זאכען וואס מיר בעצייכענען מיט'ן ווארט "איינס", למשל: איין מענש, איין בוים, איין שטיין, און אזוי ווייטער, איז דאך דער סמן "איינס" נור א צופעליגער, ווארים באמת קען דאך אלעס אין דער וועלט צוטהיילט ווערען אויף מעהר חלקים. אם כן, מוז דאך זיין אן עצם, א שטענדיגע און ריכטיגע איינהייט, וואס האט געבראכט די דאזיגע צופעלע פון די ניט ריכטיגע איינהייטען, אקוראט אזוי ווי עס מוז

זיין פייער צו מאכן דאס וואסער הייס, אדער וואסער צו מאכן א זאך נאס. פאלגליך, איז נאך א ריכטיגער בעוויז, אז דער בורא איז דער אמת'ער יחיד ומיוחד, די אמת'ע איינהייט, וואס האט געשאפן די אלע צופעליגע איינהייטען פון דער וועלט.

צום בורא, ב"ה, ווערן צוגערעכנט מדות אדער אייגענשאפטן, אבער דאס נעהמט פון אונז ניט אוועק דעם בעגריף פון זיין אמת'ע איינהייט, כאטש ביי אלע זאכן אין דער וועלט, וואס ווערן בעצייכנט מיט געוויסע אייגענשאפטן, ציינט עס אז זיי זיינען ניט קיין איינציגע. ווען מען זאגט, למשל, דער און דער איז א שווארצער, מיינט עס, אז עס זיינען דא נאך אזעלכע ווי ער, אבער יענע זיינען ווייסע. ביים באשעפער איז דאס אנדערש. מיר בעצייכנען איהם מיט געוויסע אייגענשאפטען און ער איז פארט א יחיד ומיוחד.

די מדות אדער אייגענשאפטן, מיט וועלכע מיר בעצייכענען דעם רבונו של עולם, זיינען צווייערליי: אזוי צו זאגען אייגענע, פערזענליכע, און טהאטליכע. די, אזוי גערופענע, פערזענליכע, זיינען דריי: אז ער עקזיסטירט, אז ער איז איינער, און אז ער איז דער ערשטער וואס קיין פריהעריגער פון איהם איז ניט געווען. מיר מוזען איהם בעצייכנען מיט די דריי זאכען, ווייל מיר זיינען מחויב צו וויסען אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, וועמען מיר דארפען דיענען. און אז ער עקזיסטירט, אז ער איז דא, האבען מיר דאך געגונג ראוית, וועלכע מען קען ניט אפלייקענען. דאס זעלבע איז אויך מיט די אנדערע צוויי, ווי עס איז שוין פריהער אויספיהרליך ערקלעהרט געווארען. אבער דאס מיינט ניט צוצורעכענען עטוואס צו זיין הייליגען נאמען, נור אוועקצונעהמען פון אונז דעם היפוך, דעם פערקעהרטען בעגריף, אז די דריי זאכען זיינען ביי איהם ניטא.

און מיר דארפען אויך פערשטעהן, אז די דאזיגע דריי אייגענשאפטען זיינען געקניפט און געקייטעלט איינע אין די אנדערע. ווען מיר רעכענען צו צום רבונו של עולם איינע פון די דריי, מוזען די צווייטע במילא קומען. ווען מיר זאגען אויף איהם, אז ער איז די אמת'ע איינהייט, מוזען מיר דאך זאגען אז ער עקזיסטירט, ווארים א זאך וואס עקזיסטירט ניט, איז דאך ניט שייך צו בעצייכנען מיט א צאהל. אזוי איז אויך וועגען דער דריטער אייגענשאפט, אז ער איז דער סאמע ערשטער, ווארום וויבאלד אז ער איז די אמת'ע איינהייט, מוז דאך אזוי זיין ווי עס איז שוין ערקלעהרט געווארען, אז אמת'ע איינהייט קען ניט געזאגט ווערען אויף א זאך וואס האט אן אנהויב. אזוי איז אויך ווען מיר זאגען, אז ער איז א קדמון, אן ערשטער, וואס קיין ערשטער פאר איהם איז ניט געווען, אן אייביגער, הייסט עס, אהן אן אנהויב און אהן א סוף, מוזען מיר שוין אויך זאגען, אז ער איז די אמת'ע איינהייט, ווייל א זאך וואס עקזיסטירט ניט אייביג, קען ניט זיין קיין אמת'ע איינהייט, ווי עס איז שוין דייטליך בעוויזען געווארען אין די פאריגע פרקים. פאלגליך, זיינען די אלע דריי מדות אדער אייגענשאפטען אייגענטליך ניט מעהר ווי איינע. און ווען מיר זאלען דאס קענען אויסדריקען אין איין ווארט, וואלטען מיר דאס געטהאן. אין אונזער געדאנק בעגרייפען מיר די זאך שנעל און גוט, אבער אויסדריקען דאס אין איין ווארט קענען מיר ניט, ווייל עס איז אין קיין שפראך ניטא אזא ווארט וואס זאל אויסדריקען די געטליכקייט ווי זי איז. דעריבער מוזען מיר דאס ארויסבריינגען אין דריי ווערטער: עקזיסטירענדער, איינער און אייביגער. בכלל

אבער דארפען מיר אין זינען האבען, אז מיר קענען דעם בורא ניט אפמעלדען ווי מיר מעלדען אפ אנדערע עקזיסטירענדע וועזענס. און אלעס וואס מיר זאגען אויף איהם, דארפען מיר אין זינען האבען ניט דאס וואס מיר רעכענען צו איהם צו, נור אז עס איז ניט דער היפוך דערפון.

דער פילאזאף אריסטו האט געזאגט: "בעצייכענען גאט אין נעגאטיווס איז ריכטיגער ווי בעצייכענען איהם אין פאזיטיווס". דאס הייסט: עס איז, למשל, גלייכער צו זאגען אויף איהם אז ער איז ניט טויט ווי זאגען אז ער לעבט. אדער עס איז ריכטיגער צו זאגען אז ער איז ניט שוואך און מיעד איידער זאגען אז ער איז א גבור. ווארים וויבאלד אז מיר רעכענען צו איהם צו א געוויסע אייגענשאפט, הייסט עס, אז מיר פערגלייכען דעם בעשעפער צו די בעשאפענע, וואס האבען אויך אזעלכע אייגענשאפטען אין א געוויסער מאס, און דאס נעהמט אוועק דעם ריכטיגען בעגריף וואס מיר דארפען האבען וועגען גאטהייט.

דאס אלעס וועגען די, אזוי צו זאגען, אייגענע אדער פערזענליכע אייגענשאפטען. אצינד וועלען מיר רעדען וועגען די טהאטליכע אייגענשאפטען וועלכע די תורה און די נביאים רעכענען צו צום בעשעפער.

## פרק ו'

די נעטליכע טהאטליכע מדות אדער אייגענשאפטען זיינען ניט די וואס מען זאגט אויף זיין וועזען גופא און מיר פערשטעהען דורך זיי, אז ער איז ניט גלייך צו די ברואים וואס ער האט בעשאפען. די טהאטליכע מדות וואס ווערען צו איהם צוגערעכענט זיינען ניט ווי די דריי, וועגען וועלכע מיר האבען פריהער גערעדט, נור אזעלכע וואס מעלדען אפ דעם בעשעפער אין די מדרגות אדער שטופען פון בעשאפענע. עס זיינען דא אין תנ"ך אויסדריקע, וואס רעכענען צו איהם צו א געשטאלט, אן אויסזעהן, א געוויסע פארמע. אין פלעצער ווערט ער אפגעמעלדט אלס א וועזען מיט גליעדער, מיט קערפער־טהיילען, און אין פלעצער זיינען דא אויסדריקע וואס רעכענען צו איהם צו חושים אדער געפיהלען און אויך האנדלונגען פון פשוט'ע ברואים. דא זיינען אייניגע ביישפיעלע: "ויברא את האדם בצלמו" — ער האט בעשאפען דעם מענשען אין זיין פארמע; "על פי ה'" — דורך גאט'ס מויל; "באזני ה'" — אין גאט'ס אויערען; "וירח ה'" — גאט האט געשמעקט; "וינחם" — ער האט חרטה געהאט; "ויקץ כישן" — ער האט זיך אויפגעכאפט ווי א שלאפענדער, און נאך פיעלע אזעלכע אויסדריקע. וועגען דיעזען ענין האט שוין דער גרויסער גאון רבנו סעדיה, ז"ל, גערעדט און עס איז ניט נויטיג איבערצוגעבען זיינע רייד. מיר וועלען אבער יא זאגען, אז דער נויט האט געצוואונגען צוצורעכענען צום בעשעפער אייגענשאפטען פון בעשאפענע, כדי מענשען זאלען בעסער פערשטעהן די מציאות הבורא, גאט'ס עקזיסטענץ. ווארום ווען מען זאל רעדען וועגען גאט אויף אזא אופן ווי מען דארף וועגען איהם רעדען, אין הויכע גייסטיגע ווערטער און פראזען, וואלטען מיר די זאך ניט פערשטאנען, ווייל דאס איז א צו דעליקאטער ענין וואס איז שווער משיג צו זיין מיט'ן פשוט'ען שכל. און ווען מיר וואלטען די גאטהייט גאר ניט פערשטאנען, וואלטען מיר איהם ניט געדיענט.

דעריבער האָבען די תורה און די נביאים גערעדט וועגען דעם בעשעפער מיט אזעלכע ווערטער און אויסדריקע וואָס מענשען פערשטעהען, כדי מיר זאָלען אנפאנגס אריינגעהמען אין זינען, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, און נאכהער וועלען מיר זיך אליין אריינטראכטען אין דעם ענין און מיר וועלען פערשטעהן, אז אין אמת'ען איז די גאָטהייט א הויכער און טיעפער ענין; א דעליקאטנע זאך וואָס קען ניט אָפּגעמעלדט ווערען אזוי פּראָסט. און דער קלוגער און פערשטענדיגער, וואָס וועט זיך גוט אריינטראכטען אין דעם, וועט ביסלעכווייז סוף כל סוף קומען צו א העכערען בעגריף און וועט פערשטעהן דעם ענין ריכטיגער. און דער נאר און דער פּראָסטאק וואָס וועט ניט געהן ווייטער צוליעב זיין קורצען שכל און וועט אין זיין געדאנק אָפּמעלדען דעם בעשעפער אויף דעם פּראָסטען אופן, ווי עס ווערט געזאָגט אין די פּסוקים, וועט ער אויף דיענען גאָט אויף ווי ווייט ער וועט קענען, און קיין שטראָף וועט ער דערפאר ניט האָבען, ווייל ער וועט דאָך האָבען א גערעכטע טענה, אז ער האָט מעהר ניט געוואוסט, אז ער האָט בעסער ניט פערשטאַנען. וואָרום עס ווערט פון א מענשען ניט פערלאנגט, אז ער זאָל וויסען מעהר ווי ער ווייס און קען בעגרייפען מיט זיין שכל אָדער מעהר ווי זיינע קרעפטען ערלויבען איהם. מען קען נור בעשטראָפען יענעם וואָס קען משיג זיין מעהר און ער פוילט זיך אָדער ער פערנאכלעסיגט דאָס צו טהאָן, אָבער ניט דעם יעניגען וואָס האָט ניט ביכולת צו וויסען מעהר ווי ער ווייס.

און ווען די תורה און די נביאים וואָלטען גערעדט וועגען גאָט מיט די ריכטיגע הויכע אויסדריקע ווי עס דארף וועגען איהם גערעדט ווערען, וואָלטען דאָס בלויז אביסעל מענשען פערשטאַנען און די איבעריגע, מיט די שוואכערע מחות, וואָלטען קיין זאך ניט געוואוסט און וואָלטען פערבליבען אָהן א תורה און אָהן א גלויבען. איז דאָך גלייכער, אז מען האָט דעם ענין פון גאָטהייט איינגעוויקעלט אין גשמיות, אין פּראָסטקייט. ווייס דער נאר, דער מענש מיט'ן שוואכען שכל, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, און דעם מענשען מיט א העכערען פערשטאַנד, שאדט דאָס ניט, ווייל ער פערשטעהט, אז דאָס איז ניט אזוי איינפאך ווי עס ווערט געזאָגט און ער נעהמט זיך די מיה צו בעטראכטען דעם ענין טיעפער ביז ער פערשטעהט די זאך בעסער.

דאָס איז אזוי ווי איינער קומט צופאָהרען צו א רייכען פריינד צו גאַסט. דארף דאָך יענער פערזאָרגען, אז דעם אורח'ס קעמלען אָדער עזלען זאָלען האָבען וואָס צו עסען און ער דארף דעם אורח אליין אויך געבען עסען. שיקט ער א סך היי און האָבער פאר די בהמות און דעם גאַסט גיט ער א געוועהנליכען מאָלצייט וואָס א מענש דארף האָבען. אזוי האָבען די תורה און די נביאים זיך פערברייטערט מיט פּראָסטע, האמעטנע אויסדריקע וועגען דעם בורא פאר די פּראָסטאַקעס, צו וועלכע מען מוז רעדען אין דער פּשוט'ער שפּראַך וואָס מענשען רעדען און פערשטעהען, אזוי ווי אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: „דברה תורה כלשון בני אדם” — די תורה האָט גערעדט אין דער מענשליכער שפּראַך. אָבער דעליקאַטנע, גייסטיגע ענינים, וואָס בלויז נור שאַרפע מחות קענען בעגרייפען, זיינען בלויז וואָר־ניט־וואו אָנגעדייטעט. דאָס איז כדי אלע מענשען זאָלען וויסען, אז עס איז דאָ א בורא אויף דער וועלט, דער אומוויסענדער אויף זיין שטייגער, לויט ווי ער קען משיג זיין, און דער פערשטענדיגער לויט זיינע העכערע בעגריפע, וואָס ער קען האָבען פון קורצע אָנדייטונגען. און דאָס וואָס

די צוויי סארטן מענשן זיינען פערשידען אין זייערע בעגריפע וועגן די גאטהייט, מאכט ניט אוים, אבי זיי ווייסען ביידע אז עס איז דא א גאָט אויף דער וועלט.

צוליעב דעם זעלבען טעם ווערט אין דער תורה ניט דערמאָהנט בפירוש קיין שכר און עונש אויף יענער וועלט, מחמת פשוט'ע מענשען קענען ניט בע־גרייפען וואס עס הייסט א גייסטיגער תענוג אדער פערקעהרט — גייסטיגע יסורים. דעריבער ברייגנט די תורה אין פיעלע ערטער פערשפרעכונגען אויף גוטעס פאר טהאָן גוטעס און פערקעהרט — געוויסע שטראָפען פאר די וואס פערדיענען דאס, אבער אלץ פיזישע, קערפערליכע, ניט קיין גייסטיגע לעולם הבא נאכ'ן טויט. אויף די לעצטע זיינען נור פאראן אייניגע אנדייטונגען, אבער זיי ווערען ניט ארויסגעזאגט דייטליך. אזוי איז אויך מיט אנדערע הויכע ענינים, וועלכע פערשטענדיגע מענשען קענען ביסלעכווייז אליין ערפאהרען מיט זייער שכל און די טעמפע מחות קענען דאס סאי ווי סאי ניט פערשטעהן, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין משלי: „ומבקשי ה׳ יבינו כל" — די וואס זוכען די גאטהייט, די וואס נעהמען זיך די מיה צו פארשען דעריבער, קענען אלעס פער־שטעהן.

און משה רבנו האט אנגעזאגט, אז מיר זאלען ניט דענקען, אז דער בע־שעפער האט וועלכע עס איז געשטאלט אדער פארמע. די תורה רעכענט עס צו איהם צו, כדי מענשען, וואס קענען איהם ניט פארשטעלען ווי ער איז, זאלען וועניגסטענס וויסען אז ער איז דא, אז ער עקזיסטירט; אבער מען דארף ניט אננעהמען אז דאס איז טאקע אזוי, ווי עס ווערט געזאגט: "ונשמרתם מאד לנפשותיכם, כי לא ראיתם כל תמונה" — איהר זאלט זיך היטען ניט פארצו־שטעלען דעם בורא אלס א גשמיי, א קערפערליכעס וועזען, ווייל ווען ער האט צו אייך גערעדט אויפ'ן בארג סיני, האט איהר קיין געשטאלט געזעהן. מיר געפינען נאך אזעלכע פסוקים אין דער תורה, אין נביאים און אין כתובים. דע־ריבער זיינען דא אנדערע פסוקים וואס רעדען וועגן זיין נאמען, ניט פון איהם אליין. „ויברכו שם כבודך", „ליראה את השם", „יודו שמך גדול ונורא", און נאך פיעלע אזעלכע אויסדריקע, ווייל מיר קענען אין אונזער פאנטאזיע ניט פארשטעלען די גאטהייט גופא, רעדען די פסוקים וועגן זיין נאמען, וואס איז פיעלע מאל דערמאהנט אין דער תורה און אין די ספרי הנביאים.

אין מאנכע ערטער פון די הייליגע שריפטען ווערט צוגערעכענט גאָט'ס נאמען צום הימעל, צו דער ערד און צו די ווינטען: „אלהי השמים ואלהי הארץ", „יפקוד אלהי הרוחות", און נאך אזעלכע. דאס איז צוליב דעם, ווייל דורכ־דעם, דורך די עקזיסטענץ פון דיעזע זאכען, איז דער אויבערשטער בעוואוסט אלס זייער בעשעפער. מיר געפינען אויך, אז גאָט'ס נאמען ווערט דערמאהנט אין פערבינדונג מיט אונזערע אבות: „אלהי אברהם יצחק ויעקב". דאס איז צוליעב דעם, ווייל דורך די אבות זיינען מענשען מעהר בעקאנט געווארען מיט דעם ענין פון גאטהייט, און מחמת מיר האבען פון זיי בקבלה צו געהן אין גאָט'ס וועגען, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אויף אברהם'ען: "למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט" — ער וועט אנ־זאגען זיינע קינדער און זיין הויז־געזינד נאך איהם זיי זאלען היטען גאָט'ס וועג און טהאן גוטעס און גערעכטיגקייט. און דעריבער האבען אונזערע אבות זוכה געווען אז דער בעשעפער זאל גערופען ווערען אויף זייערע נעמען, ווייל

אין זייער צייט זיינען זיי געווען די איינציגע צו דינען איהם, ווארים די מענ־
שען פון זייער דור זיינען געווען געצענדיענער.

אבער דאס וואס מיר רעכענען צו גאט'ס נאמען צום הימעל, צו דער ערד
און צו די אבות, מיינט ניט חלילה וועלכע עס איז אבהענגיגקייט פון זיין זייט.
ווען מיר וואלטען געקענט בעגרייפען די גאטהייט ריכטיג, וואלטען מיר פער־
שפארט אנגעבען סמנים, דער גאט פון הימעל, פון דער ערד, אדער פון די אבות.
אבער אזוי ווי אונזער שכל איז ניט שארף גענוג צו בעגרייפען דעם ריכטיגען
ענין פון גאטהייט, מוזען מיר אנקומען צו געוויסע בעצייכנונגען. ווען דער
אויבערשטער האט געשיקט משה'ן ארויסנעהמען די אידען פון מצרים און ער
האט געפרעגט וואס פאר א נאמען ער זאל אנגעבען, האט ער איהם פריהער גע־
הייסען אנגעבען זיין נאמען "אהיה", אבער אזוי ווי דער אויבערשטער האט גע־
וואוסט, אז פון דיעזען נאמען וועט דאס פאלק ניט בעגרייפען וואס ער איז, האט
ער געהייסען משה'ן אנגעבען דעם סמן: "דער גאט פון אייערע עלטערען",
דאס הייסט: דער וואס זיי ווייסען בקבלה פון די אבות, כאטש מיט'ן אייגענעם
שכל פערשטעהען זיי איהם נים.

ווארים די איבערצייגונג אז א זאך עקזיסטירט, קומט דורך דרייערליי
אופנים: ווען מיר פיהלען די זאך מיט אונזערע חושים, דורך זעהן, הערען, פיה־
לען דעם געשמאק, דעם ריח אדער ווען מיר קענען דאס אנטאפען מיט די הענד.
צווייטענס, ווען מיר פערשטעהען די זאך מיט'ן שכל און מיר האבען ראוית אז
דאס איז דא, אז דאס עקזיסטירט. דריטענס, ווען מיר האבען בקבלה פון אזעל־
כע וואס מיר גלויבען אז זיי האבען געזאגט די ריכטיגקייט. אויב מיר קענען
א זאך ניט פיהלען מיט אונזערע חושים, אויך ניט פערשטעהן מיט אונזער שכל
ווי אזוי אזא זאך קען עקזיסטירען, אבער ווען עס ווערט אונז איבערגעגעבען און
בעשטעטיגט פון מענשען, אויף וועלכע מיר פערלאזען זיך, גלויבען מיר אין
דעם. און ווייל פיהלען דעם בורא מיט אונזערע חושים זיינען מיר ניט אימ־
שטאנד, בעגרייפען מיר איהם פון די ראיות וואס מיר האבען אויף זיין עקזיס־
טענץ און פון דער הגדה, פון די זאגען וואס מיר האבען פון אונזערע אבות.

אבער די ראיות וואס מיר האבען אויף די מציאות הבורא, אויף גאט'ס
עקזיסטענץ, זיינען אונגעהייער פיעל. ווען מיר בעטראכטען דיא שאפונגען
אין דעם גרויסען וועלט־רוים, זיינען ניטא אזוי פיעל ווערטער און אזוי פיעל
געדאנקען אויסצודריקען דעם בעשעפער'ס גרויסקייט און זיינע מדות. מיר
געפינען אפילו אין תנ"ך פערשיעדענע פסוקים און אויסדריקע און, אזוי צו זאג־
גען, טיטולען פאר'ן בעשעפער, אבער דאס איז אלץ נור אויבערפלעכליך, ווארים
ארייטראכטענדיג זיך מעהר אין דעם ענין, קען אפילו א טויזענד־טויזענד חלק
פון זיין גרויסקייט ניט אויסגעדריקט ווערען אין ווערטער אדער געדאנקען. דער־
ריבער זאגט דער פסוק אין תהלים: "לך דומיה תהלה" — פאר גאט איז שוויי־
גען א לויב־געזאנג. דאס איז אזוי ווי א דימענט וואס זיין ווערטה קען גאר
ניט אפגעשאצט ווערען, איז ווען איינער זאגט, למשל, אז דאס איז א שעהנער
דימענט, א בלישצענדיגער דימענט, הייסט עס ניט אז ער לויבט איהם, נור
פערקעהרט, אז ער מאכט איהם ביליגער.

דעריבער דארף זיך א מענש בעמיהען צו קענען דעם בורא פון זיינע טהא־
טען, אבער ניט פון זיין עצם, פון זיין וועזען גופא, ווייל די ערשטע איז די
לייכטסטע וועג צו קענען איהם, און די צווייטע — זעהר א שווערע. א גע־

וויסער חכם האָט געזאָגט: וואָס מעהר מען ווייס דעם בעשעפער, אַלץ מעהר ווייס מען, אַז מען ווייסט איהם ניט. און אַנדער חכם האָט זיך אויסגעדריקט: די חכמה ביי א קלוגען מענשען בעשטעהט אין דעם, וואָס ער ווייס, אַז אין דעם ענין פון משיג זיין די אמת'ע גאָטהייט איז ער א נאַר. דער נאַר ווידער מיינט, אַז ער ווייסט עס און בעגרייפט עס.

## פרק ז׳

פון אַלעם וואָס איז געזאָגט געוואָרען אויבען ווייסען מיר, אַז מען קען דעם בעשעפער ניט פאָרשטעלען אין וועלכע עס איז געשטאַלט אָדער פאָרמע. די פסוקים וואָס שטעלען איהם אזוי פאָר, טאָרען ביי א פערשטענדיגען מענשען ניט אויסגעטייטשט ווערען פּראָסט, און דער וואָס קען בעגרייפען מעהר דאַרף זיך סטאַרען דאָס צו טהאָן.

איינער האָט אַמאָל געפרעגט ביי א קלוגען מענשען: "וואָס איז דער בעשעפער?" האָט ער איהם געענטפערט: "אַן איינציגער גאָט". "און ווי איז ער וואָס פאַר א סימן קענסטו מיר אָנגעבען אויף איהם?" — האָט יענער ווייטער געפרעגט. "א גרויסער קעניג" — האָט דער חכם געענטפערט. "און וואו איז ער?" "אין געדאַנקען, אין שכל" — איז געווען דעם חכם'ס ענטפער.

יענער האָט זיך ניט בענוגענט מיט די דאָזיגע תשובות און ער האָט זיך אָפּגערופען: "ניט דאָס האָב איך געמיינט. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר איהם אָפּמעלדען ריכטיג וואָס ער איז, ווי ער זעהט אויס און וואו זיין בעשטימטער פּלאַץ איז". "דו פרעגסט מיך אויפ'ן בעשעפער" — האָט דער חכם געענטפערט — "אַזעלכע פראַגעס וואָס זיינען שייך צו פרעגען אויף בעשאַפענע, ניט אויף א בעשעפער, וואָס קען ניט אָפּגעמעלדעט ווערען אַזוי, אַז מיר זאָלען איהם פיהלען מיט אונזערע חושים. מען קען צו איהם ניט צורעכענען קיין אויסזעהן, מען קען אויף איהם ניט אָנגעבען קיינע סמנים און קיין אָרט, וואו ער געפינט זיך. אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אויף איינעם, אַז ער פלעגט זאָגען אין זיין תפלה: "גאָט, וואו קען איך דיך געפינען? אָבער וואו קען איך דיך ניט געפינען? דו ביזט בעהאַלטען און מען זעהט דיך ניט און דו ביזט פול אומעטום". דאָס וואָס איך האָב דיר געענטפערט אויף דיינע פראַגען איז ווייל פאַר דעם וואָס האָט ניט קיין העכערען בעגריף קען מען דעם בורא אַנדערש ניט אָפּמעלדען. אָבער די ריכטיגקייט איז אזוי ווי יענער פלעגט זאָגען. קערפּערליך איז ער ניטאָ, מען קען איהם ניט זעהן און געפינען, אָבער ער עקזיסטירט אויף אזא אופן וואָס אונזערע קערפּערליכע געפיהלען קענען ניט בעגרייפען. אין דעם ענין פון גאָטהייט דאַרפסטו ווויסען און פערשטעהן, אַז דו ביזט אונוויסענד און דו קענסט די ריכטיגע גאָטהייט ניט בעגרייפען. און ווען דו שטעלסט פאַר דעם בורא און דיינע געדאַנקען אין וועלכע עס איז געשטאַלט אָדער פאָרמע, בעמיה זיך נאָכצופאָרשען די זאַך, אַריינטראַכטען זיך אין דעם מעהר, דאַן וועט דיר קלאָהר ווערען, אַז ער עקזיסטירט, אַז ער איז דאָ, אָבער דו וועסט זיך אַרויסשלאָגען פון זינען, אַז מען קען צו איהם צורעכענען א געוויסען אויסזעהן אָדער פאָרמע. דו וועסט איבערצייגט זיין אין זיין עקזיסטענץ פון די בעשאַפונג וואָס דו זעהסט אויף דער וועלט, אָבער ניט אַלס אזא וועזען וואָס מען קען אָפּמעלדען אָדער בעגרייפען מיט אונזערע חושים".

און כאָטש אפילו עס איז ניטאָ קיין זאַך וואָס מען קען צוגלייכען צום בורא, אָבער א קליינעם פערגלייך קענען מיר צו איהם יאָ געפינען, אום צו פערשטאַרקען דעם בעגריף וועגען גאָטהייט.

מיר ווייסען גוט, אז יעדער איינער פון אונז האָט א נשמה, א לעבהאַפט אָדער א לעבענס־קראַפט. מיר זיינען איבערצייגט אין דעם, כאָטש מיר קענען ניט האָבען דעם מינדעסטען בעגריף, אז דאָס זאָל האָבען וועלכע עס איז פאָרמע, געשטאַלט אָדער אפילו ריח. אָדער לאָמיר נעהמען אונזער שכל. מיר ווייסען, אז דער שכל ווירקט אין אונז. מיר זיינען זיכער, אז דער שכל ארבייט און טהוט אויף געוויסע זאכען, כאָטש מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען, אז דאָס זעהט אויס אזוי אָדער אזוי. היינט אז מיר, בעשאַפענע, האָבען אין זיך זאכען צו וועלכע מען קען ניט צורעכענען קיין געשטאַלט, קיין פאָרמע, טאָ ווי איז שוין דער בעשעפער אליין ? און אז מיר האַלטען שוין דערביי, דאַרפען מיר שוין ניט מעהר ערקלעהרען דעם ענין. עס איז שוין פאַר אונז גאַנץ דייטליך, אז מיר דאַרפען מורא האָבען פאַר'ן בעשעפער און ניט פאָרשטעלען איהם אלס א וועזען וואָס מען קען זעהן אָדער פיהלען מיט איינעם פון אונזערע חושים. און קיין מענש טאָר זיך ניט אָנשטרענגען צו וועלען פאָרשטעלען אין זיין פאַנטאַזיע וועלכען עס איז אויסזעהן אָדער געשטאַלט פאַר'ן בעשעפער, אזוי ווי בן סירא האָט געזאָגט : "דאָס וואָס עס איז פון דיר בעהאַלטען, זאָלסטו ניט נאָכזוכען ; דאָס וואָס איז פאַר דיר פערדעקט, זאָלסטו ניט נאָכפאָרשען. סטאַרע זיך נור צו ווישען דאָס וואָס דיר איז ערלויבט און האָב ניט קיין עסק מיט בעהאַלטענע זאַכען". דער כלל איז, אז אין דעם ענין פון גאָטהייט דאַרף מען ניט געהן צו ווייט. אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין משלי : „כבוד אלהים הסתר דבר" — פאַר גאָט איז מעהר כבוד אז מען בעהאַלט, אז מען פערעפענטליכט זיין גרויסקייט וואָס וויניגער.

און מיר דאַרפען אין זינען האָבען נאָך א זאַך וועגען די פיזישע און גייסטיגע חושים פון מענשען. די פיזישע אָדער קערפערליכע חושים אָדער געפיהלען זיינען : "זעהן, הערען, שפּירען א ריח, פיהלען א טעם און אָנטאַפּען זאכען מיט די הענד אָדער מיט אַן אנדער אבר. די גייסטיגע חושים זיינען : דער זכרון, די מחשבה, דער געדאַנק אָדער דאָס טראַכטען און דער ווילען, דער כח פון וועלען, פון חשק האָבען צו געוויסע זאכען. און די אלע חושים זיינען אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. יעדער חוש אָדער געפיהל האָט זיין אייגענע אויפגאַבע און קען ניט דיענען פאַר אַן אנדערען. מען קען ניט זעהן מיט די אויערען אָדער הערען מיט דער נאָז. מען קען ניט פיהלען א טעם טאַפּענדיג א מאכל מיט די הענד און מען קען ניט געברויכען דעם כח פון אַן אנדער חוש צו פיהלען וואַרעם אָדער קאַלט, טרוקען אָדער נאַס. און יעדער חוש איז בעשרענקט. עס קען נור דערגרייכען ביז א געוויסען גרעניץ. א מענש קען זעהן פאַר א געוויסע שטרעקע, און וואָס א געגענשטאַנד דערווייטערט זיך פון אויג, אַלץ שוואַכער זעהט מען איהם, ביז ער ווערט אינגאַנצען פערשוואונדען און מען זעהט איהם גאָר ניט. אזוי איז אויך מיט'ן געהער געפיהל און די אנדערע געפיהלען, ווייל זיי זיינען אלע בעשרענקט, און אזוי איז אויך מיט די גייסטיגע געפיהלען, וועלכע האָבען אויך יעדער איינער א בעזונדערען כח און זיינען אויך בעגרעניצט ביז געוויסע פונקטען.

דער שכל האָט זיין אויפגאַבע דער מענש זאָל דורך איהם פערשטעהן זאכען און ענינים. מען קען אָבער ניט אָנווענדען דעם כח פון זכרון אז ער זאָל טהאָן

דעם שכל'ס ארבייט. דער שכל האט בכח צו בעגרייפען זאכען פון זיך אליין אדער פון ראיות, פון בעווייזע וואס דער מענש ווייס. זאכען וואס זיינען ניט צו הויך, פשוט'ע זאכען פערשטעהט דער שכל אליין און הויכע זאכען פערשטעהט דער שכל דורך ראיות וואס בעווייזען אזא אזוי איז דאס. צו בעגרייפען די גאטהייט, צו פערשטעהן ריכטיג וואס דער בעשעפער איז, איז אונזער שכל צו שוואך. ער קען דאס ניט משיג זיין, בעגרייפען מיר נור אז ער איז דא, אז ער עקזיסטירט פון די ראיות וואס מיר האבען אויף זיין עקזיסטענץ. און דער וואס טראכט צופיעל וועלענדיג אויסגעפינען וואס פאר אן אויסזעהן אדער פארמע דער בורא האט, אדער ער וויל איהם צוגלייבען צו וואס עס איז, קען ער חס ושלום קומען צו דער מיינונג אז ער איז גאר ניטא, ווייל מען קען פאר איהם ניט געפינען קיין געשטאלט, קיין אויסזעהן און קיין עהנליכקייט צו וואס עס איז. וועלען בעגרייפען אזא הויכע, פערבארגענע זאך מיט'ן שכל איז פונקט ווי וועלען זעהן מיט די אויערען אדער שפירען א גערוך מיט די אויגען. אונזער שכל איז געשאפען צו בעגרייפען און צו פערשטעהן ביז א געוויסען פונקט און ניט מעהר.

דאריבער דארף א מענש ניט טראכטען איבער'ן קאפ. מען דארף נור פערשטעהן און וויסען אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט פון די ראיות וואס מיר זעהען פון די בעשאפונג און ניט מעהר. טראכטען צופיעל קען אראפפיהרען פון וועג, ניט ארויפפיהרען.

איך וועל די זאך דייטליכער ערקלעהרען. יעדער חוש, יעדער געפיהל בעגרייפט נור דאס וואס בעלאנגט צו איהם. און ווען די קערפערליכע חושים טהוען אפ זייערס, דאן ערשט בעגרייפט דער שכל דאס וואס ער האט בכח צו בעגרייפען. צום ביישפיעל: א זאך איז געווארפען געווארען פון וויטענס און האט געטראפען א מענשען, האט דער מענש געהערט דעם קלאנג אין דער לופט, האט געזעהן די זאך, און ווען די זאך האט איהם בעריהרט, האט דער מענש געפיהלט איהר קאלטקייט אדער ווארימקייט, אדער איהר הארטקייט אדער ווייכקייט, ערשט נאך דעם אלעמען האט דער שכל פערשטאנען אז אימיצער האט די זאך געווארפען, ווארום וועלכער עס איז געגענשטאנד וועט זיך דאך ניט אויפהויבען פון זיך אליין. זעהען מיר דאך, אז דאס וואס די קערפערליכע חושים בעגרייפען בעגרייפט ניט דער שכל, באטש ער איז גייסטיג און העכער פאר די זעה־קראפט, הער־געפיהל און אנדערע קערפערליכע געפיהלען, איז זעלבסטפערשטענדליך, אז זאכען וואס מיר בעגרייפען בלויז מיט'ן שכל, קענען ניט בעגריפען ווערען מיט די קערפערליכע געפיהלען. און וויבאלד אזא אזוי, וויבאלד אז בעגרייפען די עצם גאטהייט קענען מיר אפילו מיט אונזער שכל אויך ניט, טא ווי קענען מיר זיך ערלויבען צו וועלען איהם בעגרייפען מיט אונזערע האמעטנע קערפערליכע געפיהלען און דענקען צו פערגלייכען איהם צו וועלכען עס איז קערפערליכען געגענשטאנד?

און צווייטענס: האבען מיר א בעוויז, אז נאכטראכטען און נאכפארשען צופיעל אין גייסטיגע ענינים מאכט קאליע אונזער שכל. דאס איז אזוי ווי איינער וואס בענוגענט זיך ניט מיט די ליכטיגקייט און ווארימקייט פון דער זון צו זיין איבערציינגט אז זי עקזיסטירט און ער קוקט אויף דער זון צו וויסען מעהר וועגען איהר אויסזעהן און קיילעכדיגקייט. אזעלכער מאכט קאליע זיינע אויגען און קען אינגאנצען בלינד ווערען. אזוי איז אויך מיט בעגרייפען די גאטהייט. אויב מיר בעגרייפען דעם בעשעפער נור דערפון וואס מיר זעהען זיין בעשאפונג און די

חכמה און וואונדער וואס עס ליגט אין דעם, איז גוט; ווילען מיר זיך אבער אנ־שטרענגען צו בעגרייפען מיט אונזער שכל איהם אליין, זיין וועזען גופא, קענען מיר דעם שכל פערלירען, אקוראט אזוי ווי מיר קענען פערלירען די אויגען פון קוקען א סך אויף דער ליכטיגער זון.

מיר דארפען דאריבער פארזיכטיג זיין אין דעם. מיר דארפען אויך וויסען און פערשטעהן, אז דאס וואס די תורה און די נביאים האבען דעם בורא פארגע־שטעלט אלס א וועזען מיט קערפערליכע אייגענשאפטען, איז דאס ניט געמיינט פשוט ווי געזאגט. דאס זיינען נור מליצות צו געבען די פראסטע מענשען, וואס פערשטעהען ניט מעהר, א בעגריף אין גאט׳ס עקזיסטענץ. אזוי ווי עס איז שוין פריהער ערקלעהרט געווארען. דאס איז אזוי ווי ווען מען גיט א בהמה אדער א פערד טרינקען, סמאקעט מען מיט די ליפען אדער מען פייפט און דאס מאכט דער בהמה אדער דעם פערד צו טרינקען מעהר. די חיה פערשטעהט דאס סמאקען אדער פייפען בעסער ווי מען זאל צו איהר רעדען מיט ווערטער, מיט מענשליכע קלוגע ווערטער. קורץ: צום בעשעפער קען מען ניט צורעכענען קיין שום קער־פערליכע אייגענשאפט, אזוי ווי דער פסוק זאגט: „ומרומם על כל ברכה ותהלה" — ער איז העכער פון וועלכע עס איז ברכה און לויב־געזאנג. מיר דארפען איהם נור פערשטעהן און בעגרייפען פון דער חכמה וואס עס ליגט אין די בעשאפונג און אין דער וועלט פיהרונג.

עס זיינען אבער דא זאכען וואס נעהמען אוועק פון מענשען דעם אמת׳ן בעגריף פון יחוד, פון די איינהייט פון בעשעפער: דאס גלויבען, חס ושלום, אז עס איז דא מעהר ווי איינער; אמונה אין עבודה זרה, ווי דיענען, למשל, צו דער זון, צו דער לבנה אדער שטערען; דאס פראווען צבוע׳סטווא, זיין כלומרשט א ריכטיגער מאמין, כדי צו קריגען לאסקע ביי מענשען, און דאך זיין ארייגגע־טהאן אין תאוות, אין קערפערליכע ליידענשאפטען. ווארום די וואס זוכען נור זייער אייגענע הנאה, מעגען זיי אפילו לפנים זיין פרומע און גלויביגע, זיינען זיי פארט ניט קיין אמת׳ע מאמינים, און פון דיזע און עהנליכע זאכען דארף זיך א מענש אויסהיטען.

און אויב עס וועט זיך געפינען א נארישער מענש וואס וועט לייענען מיין ספר און וועט פרעגען: צו וואס האב איך אזוי פיעל אנגעשריבען אין דעם "שער היחוד"? ווייס מען דען ניט אז גאט איז איינער ווען מען לערנט אפ איין בלעטעל פון דער תורה!? וועל איך איהם ענטפערען אזוי ווי שלמה המלך האט געזאגט: "ענה כסיל כאולתו" — ענטפער דעם נאר לויט זיין נארישע פראגע. מיין תשובה צו איהם וועט זיין: אז ניט אלע מענשען האבען דעם זעל־בען פערשטאנד. איינער פערשטעהט מעהר, איינער ווייניגער; איינער האט א שארפען קאפ, איינער א טעמפען, און פאר די וואס זייער פערשטאנד און השגה איז ניט גרויס, מוז מען א זאך ערקלעהרען ריכטיג מיט איינצעלהייטען. די תורה אליין זאגט פיעלע זאכען בדרך רמז, בלויז מיט קורצע אנדייטונגען. איז דער וואס זיין פערשטאנד איז גרעסער, פערשטעהט מעהר, און דער וואס זיין שכל איז טעמפ, פערשטעהט ווייניגער אדער גאר ניט. איך האב דאריבער געמוזט מאריך זיין, ערקלעהרען די זאך ברייט פאר די פערשלאפענע, פאר די מענשען מיט שוואכע מחות וואס פערשטעהען ניט זאכען אויפ׳ן וואונק.

א משל דערצו לאמיר נעהמען די זון, וואס איז פריי פאר אלע מענשען הנאה צו האבען פון איהר. זיינען אבער דא דרייערליי מענשען. עס זיינען דא

מענשען מיט געזונטע אויגען, וואס געניסען די אמת'ע הנאה פון דער זון ; עס זיינען ווידער דא בלינדע, וואס זיי געניסען גאר ניט פון דער זון'ס ליכטיגקייט, און ווידער מענשען מיט קראנקע אויגען, וואס די שיין פון דער זון איז פאר זיי שעדליך. עס איז גאר פונקט פארקעהרט : אז זיי לייגען צו פלאסטערס צו זייערע אויגען און זעהען ניט די שיין פון טאג, קענען זיי געהיילט ווערען ; ווען אבער זיי לאזען זייערע אויגען פריי, קענען זיי גאר אינגאנצען בלינד ווערען. דער ענין פון יחוד, פון גאט'ס איינהייט, די לעהרע דערפון איז אויך פאר דרייערליי קלאסען מענשען : פאר מענשען מיט געזונטען שכל, פאר גאר אומוויסענדע און פאר מענשען מיט שוואכען שכל. די ערשטע זיינען אזוי ווי די מענשען מיט פאלקאם געזונטע אויגען. דיזע קענען בעגרייפען אחדות הבורא פון דער תורה אליין, אזוי ווי יענער געניסט פריי די ליכטיגקייט פון דער זון און זיי דארפען ניט פיעל אנקומען צו מיין ספר. די צווייטע זיינען אזוי ווי די בלינדע. אזוי ווי יענע זעהען גאר ניט, אזוי ווייסען דיזע און פערשטעהען גאר ניט, זיי קען מיין ספר ניט ברייננגען קיינע נוצען. מיינע ערקלעהרונגען וואס איך האב אנגעגעבען זיינען אבער נויטיג פאר'ן דריטען קלאס, פאר מענשען וואס פערשטעהען עפעס יא, אבער ניט אינגאנצען. זיי דארף מען צולייגען פלאסטערס, מען דארף זיי געבען מעהר צו פערשטעהן, כדי זיי זאלען קומען צו דער מדרגה פון די ערשטע. אויב אבער מען וועט דיזען קלאס מענשען ניט שארפען דעם שכל, אויב מען וועט ניט קורירען זייער שוואכען פערשטאנד און זיי וועלען נעהמען קוקען צו הויך, וועלען זיי גאר פערנארישט ווערען, אקוראט אזוי ווי דער מענש מיט די שוואכע אויגען קען בלינד ווערען, ווען ער קורירט זיך ניט, ווען ער לייגט ניט צו קיין פלאסטער צו זיינע אויגען און קוקט אויף דער זון. אין תנ"ך זיינען דא א סך פסוקים וואס פערגלייכען חכמה מיט נארישקייט צו ליכטיגקייט מיט פינסטערניס, צו זעהענדיגקייט און בלינדקייט : "יש יתרון לחכמה כיתרון האור מן החושך", "החכם עניו בראשו והכסיל בחשך הולך", און נאך אזעלכע.

אט פאר די האלב בלינדע האב איך געשריבען דיזען ספר און גאט זאל אונז העלפען צו טהאן זיין ווילען.

## סוף פון שער היחוד

## שער השני

# שער הבחינה

**דער מהויער פון פרוף אָדער איבערצייגונג אין גאָטהייט בעאָבאכטענדיג די שאפונג**

## פרק א׳

האָט דער מחבר פון ספר געזאָגט:

ווייל מיר האָבען אין דעם ערשטען שער ארומגערעדט די ארט און ווייזע פון דער אמונה אין גאָט׳ס איינהייט, און ווייל מיר האָבען דאָרט געזאָגט, אז אום צו קומען צו דער דאָזיגער ריכטיגער אמונה אם שנעלסטען, דארפען מיר בעאָבאכטען די חכמה וואָס עס ליגט אין די שאפונגען פון דער וועלט, געפינען מיר פאר נויטיג אויפצואווייזען דאָס אין דיזען שער. מיר ווילען געהן כסדר אין די ערקלערונגען פון גאָטהייט און די פפליכטען וואָס מיר האָבען צום בעשעפער.

און מיר ווערען פאָראויס זאָגען, אז כאָטש די טובות פון דעם בעשעפער אויף זיינע בעשאפענע זיינען אלגעמיינע; כאָטש יעדע בעשעפענים געניסט פון גאָט׳ס חסדים, זיינען אָבער דאָס רוב מענשען אזוי ווי בלינד אין דעם און זיי זעהען דאָס ניט און פערשטעהען דאָס ניט צוליעב דריי אורזאכען:

ערשטענס, ווייל דאָס רוב מענשען זיינען צופיעל פערטהאָן אין וועלטליכע זאכען, אין פאַרגעניגענס און אין לוסט צו זאכען וואָס זיי קענען ניט דערלאַנגען. זיי זיינען פערנומען מיט די געדאַנקען צו קריגען וואָס מעהר. רק זיי שטרעבען צו בעסערם און זיי שענקען ניט קיין אויפמערקזאמקייט אויף די גרויסע מתנות וואָס דער בעשעפער שענקט זיי. זיי פערנאכלעסיגען צו בעאָבאכטען און פער־שטעהן די גוטעס וואָס זיי געניסען. ביי זיי קומט אויס, אז די גוטעס וואָס אנדערע האָבען, איז ביי זיי אוועקגענומען געוואָרען, און דאָס וואָס זיי אליין געניסען נעהמען זיי גאָר אָן פאַר שלעכטעס.

צווייטענס, קומען דאָך מענשען אויף דער וועלט אָהן שכל. דער מענש ווערט געבוירען אזוי ווי א בהמה, ווי א נארישער עזעל, אזוי ווי דער פסוק זאָגט: ״ועיר פרא אדם יולד״ — דער מענש ווערט געבוירען ווי א ווילדער עזעל. און אז זיי ווערען אויפגעהאָדעוועט און וואקסען אויס מיט גאָט׳ס גענאָדען, אנערקע־נען זיי דאָס ניט. דאָס ווערט ביי זיי א געוואָהנהייט און זיי מיינען אז די גוטעס וואָס זיי געניסען אויף דער וועלט איז פערבונדען מיט זייער בעשאפונג און אזוי מוז דאָס זיין. און אפילו ווען זיי ווערען עלטער און קומען צום שכל, נעהמען זיי זיך אויך ניט אין זינען, אז זיי דארפען דאנקען גאָט, ווייל זיי פערשטעהען נים, אז אלעס וואָס זיי געניסען אויף דער וועלט קומט פון איהם, פון דעם בעשעפער.

פאָלגענדעס איז א ריכטיגער משל צו דעם.

א גוטער מענש האָט געפונען א קליין קינד אין א וויסטע און ער האָט עס צוגענומען צו זיך אהיים און געהאָדעוועט, געשפייזט און געקליידט און פער־שאפט אלע בעקוועמליכקייטען אויפ׳ן בעסטען אופן ביז דאָס קינד איז אויס־געוואקסען און געוואָרען א פאָלקאָמענער מענש. דער זעלבער גוטהערציגער מאַן

האט אויסגעבעטען א געפאנגענעם פון די הענד פון זיינע פאנגער, וועלכע האבען איהם געפייניגט, געלאזט ליידען הונגער און קעלט און פערשאפט כל־ערליי צרות. ער האט דיזען אויך געבראכט צו איהם אהיים און האט איהם געגעבען עפעס אפצועסען און א בגד אויף זיין לייב. דאס אלעס וואס ער האט פאר איהם געטהאן, איז דער צווייטער, כאטש דער גוטער מענש האט פאר איהם געטהאן א סך וויינינגער ווי פאר'ן קינד, איהם געווען דאנקבאר און דאס ביסעל גוטעס איז ביי איהם געווען א סך אנגעלייגט, ווייל ער האט געוואוסט און פערשטאנען, אז יענער האט איהם ארויסגעצויגען פון שלעכטעס צו גוטעס. דאס קינד אבער, כאטש דער מאן האט פאר איהם געטהאן א סך מעהר ווי פאר'ן געפאנגענעם, פערשטעהט עס ניט, אפילו מיט יאהרען שפעטער, ווען ער קומט צום פולען פערשטאנד, ווייל ער איז איינגעוואהנט אין די גוטעס און ער מיינט, אז אזוי מוז דאס זיין.

דריטענס: זיינען דא אזעלכע, וואס זיי געהט טאקי ערגער ווי אנדערע. זיי פערשטעהען אבער ניט, אז דאס וואס זיי ליידען קערפערליכע וועהטאגען אדער געלד־פערלוסט איז אויך צו גוטען. אפשר איז דאס א נסיון, אפשר ווייל זיי דער בורא אויספרובירען ווי ווייט זיי האבען אין איהם אמונה, אדער אפשר איז דאס אן אפקומעניש פאר זייערע זינד. אזוי ווי דער פסוק זאגט: "אשרי הגבר אשר תיסרנו" — וואויל איז דעם מענשען וואס גאט שטראפט איהם. זיי פערגעסען, אז זייער געזונדהייט און זייער געלד און אלעס וואס זיי האבען געהאט און פערמאגט, האבען זיי ערווארבען דורך די הימעלשע חסדים און עס פאלט זיי ניט איין, אז די שלעכטעס וואס עס קומט זיי אוים צו ליידען איז אויך פון זייער טובה ווענגען, און זיי נעהמען דאס ניט אן פאר גוט און זיי זיינען ניט דאנקבאר דעם בעשעפער פאר אלעס וואס ער טהוט מיט זיי, און זייער נארישקייט ברייננגט זיי אפטמאל דערצו, אז זיי הויבען זיך אן האלטען קליגער פון בעשעפער און זיי דענקען, אז זיי וואלטען געפיהרט די וועלט בעסער, כאטש אין אמת'ן זיינען אלע שאפונגען און אלע פאסירונגען נור פון זייער טובה וועגען.

די דאזיגע לייט זיינען גלייך צו בלינדע, וועלכע זיינען געבראכט געווארען אין א פלאץ, וואו עס זיינען געווען צוגעגרייט אפאראטען און אינסטרומענטען, מיט וועלכע צו קורירען זיי, און אויך ערפאהרענע דאקטוירים, וואס זאלען זיך אפגעבען מיט זייער קוראציע. די בלינדע אבער האבען ניט געטרויעט די דאקטוירים, און לא די וואס זיי האבען ניט געפאלגט וואס די דאקטוירים האבען זיי געהייסען, זיינען זיי דארט אומגעלאפען הין און צוריק און זיינען געפאלען אן די אינסטרומענטען, וואס זיינען געווען צוגעגרייט צו זייער הילף און רעטונג, און האבען זיך צוקאליעטשעט. האבען זיי פערדרוס געהאט אויף דעם וואס האט אויסגעבויט דעם שפיטאל און האבען איהם געטאדעלט, ווייל זיי האבען ניט פערשטאנען, אז אלעס איז געמאכט געווארען פאר זייער טובה און האבען אנגענומען אז מען האט עס געמאכט און איינגעריכטעט מיט דעם אבזיכט זיי צו שעדיגען. און וויבאלד אזוי, זיינען מענשען מיט וויסען מחויב ערקלעהרען די יעניגע וואס וויסען ניט און פערשטעהען ניט, אז אלעס וואס גאט טהוט מיט זיי איז דאס פון זייער טובה וועגען.

ווארום עס פאסירט זעהר אפט אז מענשען סטארען זיך אליין אפצואווענדען זיך פון גוטעס, ווייל זיי פערשטעהען ניט אז דאס איז גוט פאר זיי. ווען אבער מען וועט דיזע מענשען אויפקלעהרען און איבערצייגען, אז דאס וואס זיי נעהמען

אַן פאַר שלעכטס איז גאָר אין אמת'ן גוט. וועלען זיי דאַנקבאַר זיין זייער וואָהל־טהעטער און זיי וועלען דערפון הנאה האָבען אויף דער וועלט און אויך האָבען שכר אויף יענער וועלט פאַר זייער אמונה אין גאָט, אַז ער איז אַ טוב ומטיב און וואָס ער טהוט איז אַלץ צו גוטען, ניט צו שלעכטען.

אָבער ווי אַזוי קומט מען צו דיזער בחינה? צו דיזער איבערצייגונג? וועלען מיר ווייטער ערקלעהרען.

# פרק ב'

אום צו קומען צו דער איבערצייגונג אין בעשעפער'ס חכמה דורך די שאַפונג, דאַרף זיך יעדער איינער פערטיעפען אין דעם ענין לויט זיין שכל ערלויבט איהם. אויף אַזוי ווייט הייסט עס, ווי זיין מוח קען פערנעהמען.

און אַ מענש זאָל ניט זאָגען, אַז דאָס איז אַן אונמעגליכע זאַך, ווייל ביי יעדער בעשעפעניס זעהען מיר אַן אַנדער מין חכמה, אַן אַנדער מין קונסט, טאָ ווי קענען מיר אַלצדינג נאָכפאָרשען? דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. דער פונדאַמענט, דער עיקר פון גאָט'ס חכמה איז איינס, נור זי שפּיגעלט זיך אָפּ אויף בעשעפעניסען אין אַנדערע אופנים, אין אַנדערע געשטאַלטען, אַזוי ווי די זון וואָס האָט איין אויסזעהן, אָבער איהר שיין ווערט געענדערט לויט דעם קאָליר פון די שויבען, דורך וועלכע זי דרינגט אריין, אָדער אַזוי ווי מען בעגיסט בלומען, קריגען די טראָפּענס וואַסער וואָס פאַלען אויף די בלומען דעם קאָליר פון די בלומען, כאָטש דאָס וואַסער אַליין האָט ניט קיין פאַרב. דאַריבער דאַרף אַ מענש גוט בעאָבאַכטען די שאַפונג פון דער וועלט סיי די קליינע, סיי די גרויסע, און זיך אריינטראַכטען אין זאַכען וואָס ער ווייס ניט און די גאָטהייט וועט פאַר איהם ענטדעקט ווערען. דאָס הייסט, ער וועט איבערצייגט זיין, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. און טאַקי צוליעב דעם, ווייל די הימעלשע חכמה איז ניט אָנגעווענדעט אויף אַלע עקזיסטירענדע זאַכען גלייך, ווייל פייער, למשל, האָט אַן אַנדער איינגענשאַפט און וואַסער — אַן אַנדערע, דאַריבער דאַרף מען זיך אריינטראַכטען אין דעם צו פערשטעהן די זאַך גרינדליך. וואָרים ווען די סמנים פון חכמה וואָלטען געווען אויף אַלע בעשעפּעניסען גלייך, וואָלט זיכער ביי קיינעם קיין ספק געווען אַז איין מייסטער האָט זיי געמאַכט. עס וואָלטען אין אַזאַ פאַל ניט געווען קיין קלוגע און קיין נאַראָנים און אַלע וואָלטען דעם ענין פערשטאַנען אויף איינעם און דעם זעלבען אופן.

און וואָרום האָט דער בורא טאַקי ניט אָנגעווענדעט זיין חכמה אויף אַלע בעשעפעניסען גלייך? ווערט עס ערקלעהרט אַזוי:

יעדע זאַך וואָס איז שטענדיג טהעטיג אין איינס; יעדע זאַך וואָס האָט אימער איינע און די זעלבע איינגענשאַפט אָדער עובדא, איז אַ סמן, אַז דאָס איז ניט ווירקזאַם מיט'ן איינענעם רצון, ווייל דאָס וויל אַזוי, נור ווייל די נאַטור צווינגט עס דערצו. פייער ברענט שטענדיג און וואַסער קיהלט, פערשטעהט מען, אַז ניט דאָס פייער און ניט דאָס וואַסער האָט אַ קאָנטראָל איבער זיך, נור די נאַטור צווינגט זיי צו האַלטען זיך שטענדיג ביי זייערע איינגענשאַפטען, מיט וועלכע זיי זיינען בעשאַפען געוואָרען. אָבער אַ געגענשטאַנד וואָס האָט ביכולת צו טהאָן מיט זיין איינענעם ווילען, טהוט עס ניט שטענדיג גלייך איינס און דאָס זעלבע. אַ מענש, למשל, וואָס האָט אַ רצון, אַ ווילענס־קראַפט, קען טהאָן פער־

שידענע זאכען לויט זיין ווילען, און ווייל דער בעשעפער טהוט דאך אלעס מיט זיין הייליגען רצון און איז ניט געצוואונגען און איז ניט אונטערוואַרפען דער נאטור, האָט ער זיינע שאפונגען געמאכט אנדערש איינע פון די אנדערע, כדי צו ציינען, אז ער האָט דאָס אלעס געמאכט מיט'ן פרייען ווילען, אזוי ווי דער פסוק זאָגט "כל אשר חפץ עשה" — וואָס ער האָט געוואלט, האָט ער געמאכט. ווען אבער די גאנצע שאפונג וואלט געווען גלייך אין איינגענשאפטען אדער אין אויס־זעהן, וואָלט מען געקענט מיינען, אז דער בעשעפער איז פון א געוויסע קראפט געווען געצוואונגען אזוי צו באשאפען.

דאָס איז איינע פון די אורזאכען וואָרום די וועלט איז אזוי ווי זי איז. עס זיינען אויף דעם דאָ נאך טעמים, נאך אורזאכען, וועלכע אונזער שכל איז צו שוואך צו בעגרייפען.

איז אָבער די פראגע: זיינען מיר מחויב צו בעאָבאכטען די בעשעפעניסען פון דער וועלט, אום פון זיי צו בריינגען א ראיה אויף דעם בעשעפערס חכמה? איז אונזער ענטפער: יא, מיר זיינען דאָס מחויב צו טהאָן על פי שכל, און לויט דער פסוק און אונזערע חכמים האָבען אונז געלערנט.

מיר זיינען דערצו פערפליכטעט על פי שכל, ווייל מיר פערשטעהען דאָך, אז מיר, ריידעוודיגע ברואים, שטעהען העכער פון די ברואים וואָס קענען ניט רעדען מיט דעם וואָס מיר ווייסען און בעגרייפען מעהר פון די לעצטע. איז ווען א מענש דענקט און ווענדעט אָן זיין פערשטאנד צו פערשטעהען פיעל מעגליך חכמת הבורא, שטעהט ער אין א העכערע מדרגה פון א בהמה. ווען אָבער ער פערנאכ־לעסיגט דאָס און גיט זיך ניט די מיה צו טראכטען וועגען דעם, איז ער נאך נידריגער פון דער אונוויסענדער בהמה, אזוי ווי דער פסוק זאָגט: "ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו" —— דער אָקס קען זיין קויפער און דער עזעל — די קאָרעטע פון זיין ווירטה, און דער מענש וואָס סטאַרעט זיך ניט פיעל מעגליך צו קענען זיין ווירטה, זיין בעשעפער, איז אלזא נארישער פון דעם אָקס און פון דעם עזעל.

פסוקים וואָס לערנען אונז אז מיר זיינען מחויב צו פאַרשען חכמת הבורא פון די שאפונג זיינען דאָ א סך. אין תהלים ווערט געזאָגט: "כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננת" — ווען איך זעה דיינע הימלען וואָס דו האָסט בעשאפען, די לבנה און די שטערען וואָס דו האָסט פערפערטיגט, פער־שטעה איך דערפון די גאָטהייט. עס זיינען דאָ פיעלע עהנליכע פסוקים אין תנ"ך, אָבער עס איז ניט נויטיג אויסצורעכענען זיי אלע.

און אונזערע חכמים, די חכמי התלמוד האָבען אונז אויך דאָס זעלבע גע־לערנט. די גמרא זאָגט, אז די וואָס האָבען בכח צו פערשטעהן אסטראָנאָמיע און זיי גיבען זיך ניט אָפּ מיט דעם, אויף יענע זאָגט דער פסוק: „ואת פועל ה' לא יביטו" — זיי גיבען זיך אָפּ מיט וועלטליכע תענוגים און אויף דעם בעשעפער'ס קינסטליכע ארבייט אכטען זיי ניט און ווילען עס ניט זעהן. אין אן אנדער פלאַץ זאָגט די גמרא, אז מיר מענשען קענען לערנען בעשיידענהייט פון א קאַץ, פאַ־מיליע ריינליכקייט אדער געשלעכטליכע אנשטענדיגקייט — פון א טויב, דרך ארץ — פון א האָהן און דעם פערבאָט פון גזלה — פון א מוראַשקע. די דערמאַהנטע ברואים זיינען געהיט אין די דאָזיגע זאכען און מיר מענשען, ווען מיר בעאָבאכ־טען זייערע אויפפיהרונגען, קענען עס פון זיי לערנען.

פאַלגליך, איז אונזער פּפליכט צו קוקן און בעאָבאַכטן אַלעס וואָס מיר זעהען אויף דער וועלט, ווייל אַלעס זאָגט עדות אויף דעם בעשעפער׳ס איינהייט און חכמה און מיר קענען פון אַלעס עטוואָס לערנען.

# פּרק ג׳

אָבער ווי איינגענטליך קומט מען צו דער פּרוף, צו דער איבערצייגונג איז גאָטהייט דורך בעאָבאַכטען די שאַפונג? מען קומט דערצו, ווען מען טראַכט זיך אריין אין די הויפּט יסודות, אין די מאַטעריעס, פון וועלכע אַלעס איז בעשאַפען געוואָרען, דאָס איז פייער, וואַסער, ערד און לופט, און אין די אַלע זאַכען וואָס די פיער יסודות האָבען ארויסגעבראַכט. מען דאַרף זיך אויך אריינטראַכטען ווי יעדע עקזיסטירענדע זאַך אויף דער וועלט איז צוזאַמענגעשטעלט פון געוויסע חלקים און יעדער חלק ברייננט געוויסע נוצען. אקוראַט ווי יעדער רעדעלע אָדער שרייפעלע אין א מאַשין איז נויטיג, אזוי איז אין יעדען געגענשטאַנד נויטיג אַלעס וואָס עס ענטהאַלט. מען דאַרף אויך בעטראַכטען וואָס פאַר א נוצען יעדע זאַך אַלס גאַנצע ברייננט, און בעאָבאַכטען דעם אויסזעהן פון יעדע זאַך און דאָס גייס־טיגעס וואָס די שאַפונג ענטהאַלט, דאָס הייסט, דער כח החיים, די עקזיסטענץ קראַפט וואָס יעדע זאַך האָט אין זיך. מען מוז אויף אַלעס אין דער וועלט קוקען מיט אָפענע אויגען און ווי ווייט מעגליך פערשטעהן דעם תכלית, דעם צוועק פון יעדער בריאה, הן לעבעדיגע זאַכען, הן רעדעוודיגע, ווי מיר מענשען, הן דוממים, שטומע זאַכען, ווי, למשל, שטיינער אָדער מעטאַלען, הן וואַקסונגען. דאָס אַלעס דאַרף מען בעטראַכטען און פערשטעהן אז דער בעשעפער האָט אַלעס פּינקטליך צוזאַמענגעשטעלט אין געוויסע אָרדנונגען, כדי אַלעס זאָל קענען א קיום האָבען. און אויף וואָס מען זאָל ניט קוקען, איז אַלץ אן אָנצייגונג אויף׳ן בעשעפער, אקוראַט ווי א בגד, למשל, איז אן עדות, אז אימיצער האָט עס אויפ־גענעהט, אָדער א געביידע איז אן איבערצייגונג אויף איהר בויער.

און מען דאַרף וויסען, אז די גאַנצע וועלט איז צוזאַמענגעשטעלט פון מאַ־טעריעלע שטאָפען און גייסטיגעס, וואָס איינע די אַנדערע האַלטען אויף אזוי ווי די לעבהאַפט פון לעבעדיגע בעשעפעניסען און זייערע קערפּערס. אָבער ניט אַלעס קענען אַלע מענשען זעהן און פערשטעהן. פאַראַן זאַכען אין גאָט׳ס חכמה, וואָס אפילו אומוויסענדע, נאַראָנים זעהען אויך איין. למשל, דעם גאַנג פון דער זון זעהען אַלע און יעדער איינער פערשטעהט אז עס ליגט אין דעם א הימעלשע חכמה און מיר מענשען און אַנדערע ברואים געניסען דערפון. עס איז ניטאַ אזא שוטה וואָס זאָל זאָגען אז די שיין פון דער זון איז ניט נויטיג און ברייננט ניט קיינע נוצען. פאַראַן וויעדער איינריכטונגען אין דער וועלט וואָס נור א גאַנץ גרויסער חכם, א ריכטיג אויפגעקלעהרטער מענש קען פערשטעהן זייער נויט־ווענדיגקייט. אויף׳ן פּסוק: "וירא את כל אשר עשה והנה טוב מאד" — גאָט האָט געזעהן אז אַלעס וואָס ער האָט בעשאַפען איז זעהר גוט, זאָגט די גמרא: "טוב מאד זה המות" — זעהר גוט, מיינט מען דעם טויט. דאָס איז א זאַך וואָס איז פאַר׳ן אַלגעמיינעם מענשען אומפערשטענדליך. ווי קען מען דאָס, דאַכט זיך, זאָגען אז דער טויט איז בעשאַפען געוואָרען פון מענשען׳ס טובה ווע־גען? אָבער דאָס איז אזוי און דער אמת׳ער חכם קען פערשטעהן, אז דער טויט, די שטערבליכקייט צווישען בעשעפעניסען איז א תקנה, אן אויסבעסערונג

פאר דער וועלט און ווען ניט דער טויט, וואלט געווען ערגער. פאראן ווידער א דריטער קלאס פון די סמנים פון בעשעפער'ס חכמה, וואס אונבעטראכטערהייד קען א מענש דיינקען, אז זיי זיינען ניט גוט; אבער ווען ער לייגט זיך איבער אין דעם און טהוט א ביסעל א טראכט, זעהט ער איין אז ער האט א טעות געהאט. מיר ווילען נעהמען, למשל, די סעזאנען פון יאהר, דעם זומער מיט'ן ווינטער, קען אמאל איינער דענקען אז דער ווינטער איז אן איבעריגע זאך, א זאך וואס ברייגנט קיינע גוטעס און קיין הנאה פאר'ן מענשען; ווען אבער ער נעהמט זיך די מיה א טראכט צו טהאן וועגען דעם, געפינט ער אויס, אז די קאלטע וועטערען זיינען אויך נויטווענדיג און ברייגען נוצען אין געוויסע הינזיכטען. אזוי זיינען אויך דא אנדערע זאכען, וואס זעהען אויס אוננוצבאר און ניט גוט; אבער אז מען טהוט נאר א ביסעל א טראכט וועגען דעם, ווערט מען איבערצייגט, אז עס איז ניט אזוי.

דעריבער דארף א מענש מיט שכל קוקען אויף די שאפונג ניט נור פון מאטעריעלען שטאנדפונקט. מען דארף אין זינען האבען אז אין יעדע זאך ליגט עטוואס גייסטיגעס, עטוואס דעליקאטנעס, אין וועלכע מען דארף זיך פיעל מעגליך אריינטראכטען, און דאס אריינטראכטען זיך, דאס בעאבאכטען די שאפונג מיט א געדאנק, מיט א שכל איז פאר'ן מענשען אזוי ווי א לייטער, דורך וועלכען ער וועט אלע מאל דערגרייכען א העכערען שטאפעל אין די איבערצייגונג פון גאט'ס חכמה און זיינע חסדים אויף זיינע בעשעפעניסען, און ער וועט איהם דיענען לויט די גרויסקייט און ערהאבענקייט, וואס ער וועט אין איהם אנערקענען און לויט די גוטעס און גנאדען וואס דער בעשעפער האט געטהאן מיט איהם איידער ער האט עטוואס געטהאן פאר'ן בעשעפער. ווארום ווען א מענש טהוט דעם רצון פון גאט, טהוט ער דאך דאס ערשט נאכדעם ווי גאט האט איהם געגעבען די מעגליכקייט דאס צו טהאן.

און אז דער מענש קומט צו דער מדרגה צו פערשטעהן גאט'ס חסדים, זאל ער זעהן וואס ער דארף נויטיג פאר זיין לעבען און עקזיסטענץ און דערפון זאל ער געניסען. איבעריגע זאכען, צו וועלכע מענשען האבען חשק און אהן וועלכע מען קען אויסקומען, זאל ער דורכלאזען און ניט שטרעבען דערצו, ווייל צו פיעל קערפערליכער גענוס ווענדעט אפ דאס הארץ פון גאט, און א מענש דארף פערזארגען פאר'ן סוף, פאר יענער וועלט, וואוהין ער וועט קומען נאך זיין טויט.

דער מענש דארף בעטראכטען די וועלט און די גוטעס וואס מען קען דא געניסען ניט מעהר ווי א פארבערייטונג צו א רייזע, און ער דארף אין איהר נעהמען בלויז דאס וואס ער איז נויטיג צו דער רייזע, אבער ניט קיין איבעריגעס. נור א נארר בעטראכט די וועלט אלס אן אייביגקייט פאר איהם און ער ווענדט אן אלע מעגליכקייטען אריינצוקריגען וואס מעהר. ער מיינט, אז ער לויפט און האוועט אליין צו גונסטען זיין אייגענע פערזענליכקייט און ער בעטראכט גארניט אז זיין מיה און זיין פראצע צו זאמלען וואס מעהר איז ארויסגעווארפען, ווארום דאס קען איבערגעהן צו אנדערע ביי זיין לעבען און נאך זיין טויט געוויס.

די צווי, דער וואס קוקט אויף דער וועלט ווי מען דארף אויף איהר קוקען, און דער שוטה וואס זוכט אריינצוכאפען וואס מעהר פון די וועלטליכע תענוגים, זיינען גלייך צו צוויי ברידער, וועלכע האבען גע'ירש'נט לאנד פון זייער פאטער און זיי האבען זיך דערמיט צוטיילט. קיין אנדער זאך אויסער די

פעלד האָבען זיי ניט געהאט. איז איינער פון די ברידער געווען א בעל שכל און א פלייסיגער מענש, און דער צווייטער — פערקעהרט, א נארר און א פוילער. האט דער קלוגער און פלייסיגער איינגעזעהן, אז פון זיין שטיקעל לאנד אליין וועט ער קיין חיונה ניט ציהען, האט ער זיך פערדונגען צו ארבייטען אין פרעמדע פעלדער, אָבער ניט מעהר ווי אויף אזוי פיעל, אז ער זאָל האבען אן ארימע אויסקומעניש, און אין די פערבליעבענע צייט האָט ער ביסלעכווייז בעארבייט זיין אייגענע שטיקעל פעלד מיט גרויס חשק און פלייסיגקייט ביז ער האָט זי אזוי אויסגעארבייט, אז ער האָט פון איהר אליין געצויגען חיונה און נאָך אָפּגעשפּאָרט א קאפּיטאל אויף שפּעטער. דער צווייטער אָבער, דער נארר און דער פוילער, האָט ניט געקוקט אויף זיין אייגענע פעלד. ער האָט געמוזט עפּעס טהאָן צו פערדיענען אויף עסען, אָבער ווען ער איז פריי געווען האָט ער געזוכט פערגעניגענס און פערבראכט זיין צייט אין אומניצליכע זאכען. דערווייל איז זיין פעלד פערוויסט געוואָרען און ער איז קיינמאָל צו קיין תכלית ניט געקומען.

א מענש מיט שכל דארף פערשטעהן, אז זיין אייגענע פעלד איז די עולם הבא, און דאָ, אויף דער וועלט, איז א פרעמדע פעלד. דארף מען זיך ניט ארייןטהאָן אין דער עולם הזה קיין סך, בלויז פיעל עס איז נויטיג פאר'ן גוף, און די איבעריגע צייט ארבייטען פאר דער נשמה, אזוי ווי יענער קלוגער און פלייסיגער ברודער האָט געטהאָן מיט זיין פעלד און איז טאקי געקומען צו א תכלית. דער נארר אָבער און דער פוילער טהוט פערקעהרט: ער ארבייט אויף א פרעמדע פעלד און זיין אייגענע פערלאָזט ער. ער האָט נור אין זינען דעם היינט און דעם שפּעטער פערגעסט ער. מען דארף דעריבער דעם משל גוט בעטראכטען און אראָפּנעהמען א מוסר.

אָבער מיר קעהרען זיך אום צוריק צו דעם ענין פון חכמת הבורא, אין וועלכעם מיר זיינען מחויב ארייןצוטראכטען זיך.

דיא חכמה פון דער וועלט שאפונג קענען מיר זעהן אויף זיעבענערליי אופנים. דאָס הייסט: מען קען עס איינטיילען אין זיעבען הויפּט חלקים. אין אמת'ען אָבער זעהט מען דאָס אויף יעדען שריט און טריט. אויף וואָס מען זאָל ניט א קוק טהאָן און וועגען וואָס מען זאָל ניט א טראכט טהאָן, איז אין אלעם דאָ הימעלשע חכמה און געטליכע קונסט. מיר וועלען אָבער ניט רעדען פון איינצעלנע זאכען, נור פון אלגעמיינע, און דיעזע זיינען, ווי געזאָגט, זיעבען.

ערשטענס, לאָמיר קוקען אויף אונזער ערד, ווי זי שטעהט אין מיטען פון דעם וועלט־רוים און די וואסערען, די ימים, זייגען אויף איהר, אויף דער ערד. די לופט איז איבער זיי ביידע, איבער דער ערד און איבער די ימים און דאָס פייער, דער יסוד האש, איז העכער פון זיי אלע. דאָ האָט איהר די פיער יסודות, וועלכע שטעהען שטענדיג אויף איין וואָג און אויף איין מאָס און ווערען קיינמאָל ניט געענדערט. יעדער פון די דאָזיגע עלעמענטען געפינט זיך אויף זיין פּלאץ, וואָס איז פאר איהם בעשטימט. די וואסערען פון די ימים, כאטש זיי זיינען העכער פון דער ערד, גיסען זיך ניט ארונטער, די וואסערען זיינען אזוי ווי איינגעצאמט, איינגעבונדען און געהן ניט אריבער די גרעניץ. דארף מען האָבען א בעסערע געטליכע חכמה ווי דאָס איז?

צווייטענס: זעהען מיר די הימעלשע חכמה אין אונז מענשען גופא. דער מענש בכלל, וואָס איז אן און פאר זיך אן עולם קטן, א קליין וועלטעל; דער מענש וואָס די אלע שאפונגען זיינען פאר איהם און ער בעשעהנט די וועלט

און ברייגגט איהר צו פאלקאמענהייט, איז א קינסטליכע בעשעפענים, וואס נור די הימעלשע חכמה האט געקענט בעשאפען.

דריטענס: זעהט מען גאט'ס חכמה אין די צוזאמענשטעלונג פון די קערפערליכע און גייסטיגע טיילען פון דעם מענשען, פון דעם שכל וואס דער בעשעפער האט איהם געגעבען און איהם געשטעלט העכער פון אנדערע ברואים דערמיט וואס ער קען רעדען.

פיערטענס: איז די הימעלשע חכמה אנזיכטיג אין אלע לעבעדיגע בעשעפעניסען, קליינע אזוי ווי גרויסע. מיר זעהען דאס אין די פליהענדע בעשעפניסען, אין די שווימענדע, אין די קריכענדע און אין די וואס געהען אויף פיער פיס. ווען מיר בעטראכטען ווי יעדע פון זיי האט אן אנדער אויסזעהן, אן אנדער פארמע, אן אנדער נאטור און אן אנדער אייגענשאפט, בעגרייפען מיר וואס פאר א חכמה עס ליגט אין זייער שאפונג.

פינפטענס: איז די הימעלשע חכמה אויבען אויף אין וואקסונגען און אין מעטאלען, וואס זיינען בעשאפען געווארען פאר'ן מענשליכען געברויך. מען זעהט קלאהר ווי די נאטור פון וואקסונגען און מעטאלען איז ניט גלייך ביי אלע, ווי יעדע זאך האט איהר בעזונדערע אייגענשאפט, איהרע בעזונדערע כחות, און מען מוז צוגעבען, אז זיי זיינען בעשאפען געווארען פון א קלוגען מייסטער.

זעקסטענס: לאמיר בעטראכטען די קלוגע אויפטהואכצען פון אונז מענשען, די פערשיעדענע ארבייט וואס מיר מאכען פאר אונזערע בעקוועמליכקייטען, אלגעמיינע, ווי א שטייגער די קלוגע און קונציגע מיטעל וואס מיר ווענדען אן ארויסצוקריגען און פערפערטיגען אונזערע שפייזען אדער ארויסצוקריגען די מאטעריע פאר בגדים און פערפערטיגען די בגדים, און איינצעלנע זאכען וואס ניט אלע נויטיגען זיך אין דעם, ווי, למשל, די ארבייט פון מאכען ציערונג און דאס גלייכען. ווען מיר בעטראכטען דאס, ווען מיר נעהמען זיך די מיה צו בעאבאכטען די זאך ריכטיג, זעהען מיר, אז אין דעם ליגט אויך א הימעלשע חכמה. ווארום ווען דער אויבערשטער וואלט די מענשען ניט אריינגעגעבען דעם זינען צו טהאן אלעם וואס זיי טהוען און מאכען אלעם וואס זיי מאכען, וואלט די וועלט קיין קיום געהאט.

זיעבענטענס: זעהט מען די צייכענס פון דער הימעלשער חכמה אין דעם וואס דער בורא האט אונז געגעבען די תורה און געזעצע צו דיענען איהם און הנאה האבען דורכדעם אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, אזוי ווי דער פסוק זאגט: "שמעו שמוע אלי ואכלו טוב ותתענג בדשן נפשכם" — העבט מיך צו און געניסט גוטעס און אייערע זעעלען זאלען פערגעניגען האבען. עס זיינען דא נאך פיעלע פסוקים, וואס דריקען אויס דאס זעלבע. און אז דער תורה, אן די געזעצע וואס גאט האט געגעבען זיינען אבהענגיג די געזעצע און מנהגים פון לענדער און רעגיערונגען. ווען ניט די ערשטע געטליכע געזעצע, וואלטען מענשען ניט געוואוסט און ניט געהאט קיין בעגריף פון שאפען געזעצע, א זאך וואס ברייגגט נוצען דער וועלט און דער מענשהייט. און די טבע, די נאטור האט א שיכות מיט דער תורה אויף אזא שטופע ווי א קנעכט צו זיין ווירטה. ווארום די כחות פון דער נאטור פאלגען נאך די פערזאגען פון די געטליכע געזעצע, אזוי ווי דער פסוק זאגט: „ועבדתם את ה׳ וברך את לחמך" — אז איהר וועט דיענען גאט, וועט ער בענשען אייער ברויט. אדער: „אם שמוע תשמע לקול ה׳ כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך" — אויב דו וועסט הערען גאט'ס

שטימע און דו וועסט טהאָן דאָס וואָס ער פערלאַנגט, וועל איך דיך בעשירמען פון די קראַנקהייטען וואָס איך האָב געבראַכט אויף די מצריים, און נאָך פיעלע אַזעלכע פסוקים, וואָס דריקען אויס, אַז די קראַפט פון דער נאַטור איז אַבּ־הענגיג אַן דער תורה, אַז די געזעצע, פאָלגט מען זיי אויס, איז די נאַטור גוט און מילד צו די מענשען; ווען ניט, ברייננגט זי שלעכטעס אויף דער מענשהייט.

## פרק ד׳

אָבער וועלכער פון די זיעבען צייכענס אויף חכמת הבורא, וואָס זיינען אויסגערעכענט אין פאָריגען פרק, איז נעהענטער צו אונז? און אין וועלכע פון די זיעבען דאַרפען מיר זיך מעהר אַריינטראַכטען, אום צו ווערען איבערצייגט אין דעם בעשעפער׳ס חכמה און זיינע חסדים מיט אונז? וועלען מיר זאָגען, אַז די איבערצייגונג קען קומען פון יעדע פון די זיעבען זאַכען; אָבער אויב מיר דאַרפען זיך אין וועלכען עס איז ענין מעהר אַריינטראַכטען, איז דאָס אין דעם וואָס איז נעהענטער און מעהר בעקאַנט צו אונז, און דאָס איז: די חכמה און גבורה וואָס עס ליגט אין די בעשאַפונג פון מענשען גופא, דאָס קליינע וועלטעל וואָס איז די הויפּט אורזאַך פון די גאַנצע וועלט־שאַפונג.

און מיר דאַרפען בעטראַכטען כסדר פון דעם אָנפאַנג ווי אַזוי דער מענש־ליכער קערפּער ווערט ענטוויקעלט, ווי ער ווערט געבוירען, ווי די טהיילען, פון וועלכע ער בעשטעהט, זיינען צוזאַמענגעקניפּט, ווי זיינע גליעדער זיינען צוזאַמענגעשטעלט, די נוצען וואָס ער האָט פון יעדעם גליעד, און וואָרום דער מענש מוז זיין ווי ער איז. נאָכהער דאַרפען מיר בעטראַכטען ווי אַלעס איז איינגעריכטעט צו גונסטען די מענשליכע בעשעפּנים, ווי אַלע זיטען און אויפ־פיהרונגען פון מענשען, זיינע גייסטיגע כחות, זיין פערשטאַנד, זיינע נאַטיר־ליכע נייגונגען, הן שטענדיגע, הן צופעליגע, האָבען אַ געוויסען צוועק, אַ געוויסע כונה צו נוטען. און אַז דאָס וועט אונז קלאָהר ווערען, וועט אונז פיעל קלאָהר ווערען וועגען דער וועלט בכלל, ווייל דער מענש איז, ווי געזאָגט, אַז און פאַר זיך אַ קליין וועלטעל און איז גלייך צו דער גרויסער און ברייטער וועלט. אַ געוויסער חכם האָט שוין לאַנג געזאָגט, אַז די פילאָזאָפיע, די אויפקלעהרונג ליגט אין קענען זיך אליין. ווייס אַ מענש זיך אליין, בעגרייפט ער די חכמה און געטליכע קונסט פון זיין שאַפונג, פערשטעהט ער אויך די גאָטהייט. און אַזוי האָט אויך איוב געזאָגט: „ומבשרי אחזה״ — פון מיר אליין זעה איך די גאָטהייט.

און וויבאַלד אַז דאָס איז אַזוי, געפין איך פאַר נויטיג צו שרייבען צו ביסלעך פון יעדען ענין, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכען די יעניגע וואָס פער־נאַכלעסיגען צו דענקען וועגען דעם, אַז זיי זאָלען זיך אין דעם אַריינטהאָן און דאָס וועט זיי ברייננגען צו טראַכטען ווייטער און נאָכפאָרשען איבער זאַכען, וואָס איך וועל ניט דערמאָהנען, און וועלען וויסען צו דאַנקען דעם בעשעפער פאַר די חסדים וואָס ער טהוט מיט זיי.

צוערשט דאַרף זיך יעדער נעהמען אין זינען דעם אָנפאַנג פון דעם מענשען און זיין קומען אויף דער וועלט, און דורכדעם אליין וועט ער שוין אַנערקענען גאָט׳ס גענאַדען וואָס ער האָט איהם געבראַכט אין עקזיסטענץ פון גאָר ניט. און דאָס איז דער סדר הבריאה, די אָרדנונג פון די בעשאַפונג פון מענשען:

ער פאננט זיך אָן פון די פיער יסודות: פייער, וואסער, לופט און ערד, וואס זיי זיינען דער אָריגינאַל פון אַלע שאַפונגען פון דער וועלט. פון די פיער יסודות קומען ארויס וואקסונגען. די וואקסונגען ווערען פערוואנדעלט אין נאהרונג, אין שפייז. פון די שפייז, וואָס דער מענש עסט, בעקומט ער בלוט און זוימען, וועלכע געהען איבער צו דער קאטעגאָריע פון א לעבעדיג בעשעפעניס אין בויך פון דער מוטער. דאַן ווערט די דאַזיגע בריאה׳לע א מענש, א לעבעדיגעס וועזען וואָס קען רעדען. און ער ווערט ענטוויקעלט און וואקסט אויס און עס קומען פאָר אין זיין לעבען געוויסע ענדערונגען און פערשיעדענע סבות און פאסירונגען און שטענדיגע איבערגאנגען פון איין שטופע צו אַן אנדערע. און דאָס אַלעס איז פון בעשעפער פאָראויס אויסגערעכענט און בעשטימט פון מענשען׳ס טובה וועגען.

און אז מען ווייס שוין און מען פארשטעהט שוין דאָס, דאַרף מען זיך אריינטראכטען ווייטער אין די צוזאַמענשטעלונג פון דעם קערפער פון מענשען און זיין נשמה. דער קערפער, ווי מיר ווייסען שוין, ענטהאלט די פיער יסודות, וועלכע זיינען אייגענטליך איינס דער קאָנטראַסט פון דאָס אנדערע, און די גייסטיגע נאטורען פון מענשען זיינען אויך ניט גלייך. יעדער מענש קען זיין אי פרעהליך, אי אומעטיג; אי מילד, אי שטרענג, און דאָס גלייכען. דאַך האָט דער בעשעפער די אַלע יסודות און כחות פעראייניגט און עס פערוואַנדעלט אין א קערפער וואָס זעהט אויס איינס, כאָטש זיינע אייגענשאפטען און נאטורען זיינען א סך.

און דאָס גופא וואָס אין דעם מענשען זיינען פעראייניגט קערפער און גייסט אָדער גוף און נשמה, צוויי קאָנטראַסטען, וועלכע זיינען אזוי צוזאַמענגעבונדען אַז זיי הארמאָנירען איינע מיט די אנדערע — דאָס גופא איז א וואונדערליכע זאַך, וואָס נור די הימעלשע חכמה האָט געקענט אויפטהאָן.

מען דאַרף זיך אריינטראכטען ווי דער רוח החיים, דער לעבענס אָטהעם, די נאַטירליכע היץ, די בלוט, די אָדערען, די מארך־ביינער און די נערוועז שאפען די לעבענס־קראפט אין דעם מענשען, און דער בעשעפער האָט געשאפט מיטעל צו היטען און בעשיצען די דאָזיגע דעליקאטנע לעבענס פאַקטאָרען פון אַל־דאָס־ביין דורך די לייב, די ביינער, די הויט, די האָר און די נעגעל, וואָס דעקען זיי צו און בעוואכען זיי פון שלעכטע פאסירונגען. דאַן דאַרף מען זיך נעהמען אין זינען ווי גרויס עס זיינען די גנאַדען פון בעשעפער וואָס ער האָט דעם מענשען אנפאנגס געגעבען א געלעגער אין זיין מוטער׳ס בויך, א זיכערער פּלאַץ, וואו קיין האַנד קען איהם ניט דערגרייכען און עס קומט צו איהם ניט צו קיין היץ, ניט קיין קעלט און ער ליגט דאָרט בעוואָרענט אזוי ווי אין א שטארקען פּאַנצער, און ער ווערט דאָרט פערזאָרגט מיט נאהרונג פון די שפייז וואָס זיין מוטער עסט, און ער וואקסט און ענטוויקעלט זיך ביז ער בעקומט אייגענע בעוועגונגס־קראפט, דורך דעם וואָס ער קריגט זיין נאהרונג אָהן שום מיה אין א פּלאַץ וואו קיין מענש קען בשום אופן ניט צוקומען.

און וואָס זיין קערפער ווערט גרעסער אַלץ מעהר נאהרונג קריגט ער דאָרט, און דאַן קומט ער אַליין ארויס אויף דער וועלט דורך די הילף און די גנאַדען פון גאָט וואָס איז א רחום וחנון. און ווען דער מענש ווערט געבוירען איז ער שוואַך. ער בעזיצט ניט אַלע חושים, אַלע געפיהלען פון אַן ערוואקסענעם מענשען. ער האָט בלויז דעם חוש המשוש, דעם געפיהל אנצוטאפען געגענ־

שטענדע מיט זיינע הענטלעך, און דעם חוש הטעם, דער געפיהל פון פיהלען א טעם, א געשמאק אין די נאהרונג וואס ער קריגט. און דער בעשעפער האט שוין פאראויס פאר איהם צוגעגרייט זיין שפייז פון זיין מוטער'ס בריסט, וועלכע פליסען מילך, א זיסע און געשמאקע פליסיגקייט, פון וועלכעס דאס קינד האט הנאה. און עס איז אזוי איינגעריכטעט מיט א רעכענונג, אז די מילך זאל ניט געהן צו לאנגזאם און ניט צו שנעל, כדי דאס קינד זאל לייכט קענען זויגען און זיך ניט דערהווערגען מיט א צו שטארקען שטראם מילך.

נאכהער ווערט דעם מענשענ'ס קערפער שטארקער און ער בעקומט שוין די געפיהלען פון זעהן און הערען. און דער בעשעפער האט אין די הערצער פון זיינע עלטערען איינגעפלאנצט א ליעבשאפט צום קינד, כדי דאס הארעווען איהם זאל אויף זיי ניט זיין קיין שווערע לאסט. און זיי היטען איהם און גיבען אויף איהם אכטונג בעסער ווי אויף זיך אליין און בעזארגען איהם מיט אלע בעקוועמליכקייטען. דאן, ווען דאס קינד ווערט עלטער און זיינע בעדערפניסע זיינען מעהר, פער'מיאוס'ן איהם אויך ניט זיינע עלטערען און זיי גיבען איהם אלעס וואס ער דארף, אפילו ווען ער פערשטעהט נאך ניט צו אנערקענען די מיה וואס זיי בעמיהען זיך פאר איהם און די לאסט וואס עס ליגט אויף זיי צו בעזארגען איהם מיט אלעס וואס זיין הארץ גלוסט.

און ווערט דאס קינד נאך עלטער, קען ער שוין רעדען און זיינע קערפערליכע און גייסטיגע געפיהלען ווערען שטארקער, און ער ענטוויקעלט זיך אלץ מעהר און מעהר ביז ער ווערט א פאלקאמענער מענש. און דאס וואס דער מענש ווערט לכתחילה ניט געבוירען מיט פולען שכל, איז אויך פון זיין טובה וועגען. ווארום ווען א קינד וואלט געבוירען ווערען מיט פערשטאנד און וואלט פערשטעהן, אז ער איז געגען אנדערע א שוואך בריאה'לע; ווען ער וואלט געהאט א באגריף, אז אנדערע מענשען זיינען מעהר בעוועגליך, קענען געהן און טהאן אלעס און האלטען זיך אליין ריין, וועהרענד ער, דאס קליין קינד, איז הילפלאז און קען דאס ניט, וואלט ער דערפון געהאט גרוים עגמת נפש און וואלט אפשר געשטארבען פון קלעמענים.

און עס איז וואונדערבאר, אז דאס וואס א קינד וויינט, איז אויך פון זיין טובה וועגען. מעדיצינער זאגען, אז אין א קינד'ס מח געפינט זיך א פליסיגקייט, וואס איז שעדליך פאר איהם ווען דאס פערבלייבט דארט, האט די נאטור געמאכט, אז די קליינווארג זאלען וויינען און יענע שעדליכע פליסיגקייט קומט ארויס אין דער פארמע פון טרעהרען און זיי ווערען דורכדעם נצול פון שלעכטע פאלגען. און דאס וואס ביי קינדער בייטען זיך די צייהן איז אויך א חסד פון גאט. ווען דאס קינד איז גאנץ יונג און עסט ניט קיין הארטע זאכען דארף ער האבען אנדערע צייהן און ווען ער ווערט עלטער דארף ער האבען אנדערע, שטארקערע ווי די פאריגע. און ווען די צייהן בייטען זיך ביי איהם, פאלען זיי ניט ארויס אלע מיט אמאל, נור איינציגווייז, כדי ער זאל ניט פערבלייבען אינגאנצען אהן צייהן און ניט קענען צוקייען זיין שפייז.

און דאס וואס אויף קינדער קומט פיעלע מינים קראנקהייטען ווי פאקען, מאזלען און נאך אזעלכע, איז אויך מיט א געוויסען אבזיכט, מיט א געוויסע כונה פון הימעל, כדי דער יונגער מענשעל זאל קענען די וועלט און זאל ניט מיינען אז זי איז דורכאויס גוט און פארגעניגענד. ווארום ווען א מענש זאל אזוי דענקען, וואלט ער בעהערשט געווארען פון געוויסע תאוות, פון לוסט צו

זאכען וואס זיינען ניט רעכט און ניט פיין און וואלט געווען ניט בעסער פון א בהמה.

דאן דארף דער מענש בעטראכטען די נוצען וואס ער האט פון די גליעדער פון זיין קערפער און ווי יעדעס גליעד איז איינגעריכטעט פאר א געוויסען צוועק. די הענד, צו נעהמען און צו געבען; די פיס, צו געהן; די אויגען, צו זעהן; די אויערען, צו הערען; דער נאז, צו שמעקען; די צונג, צו רעדען; דאס מויל, צו עסען; די ציינער, צו קייען; דער מאגען, צו קאכען; דער לעבער צו לייטערען, צו סטאלירען די שפייז, און אזוי יעדעס גליעד, יעדער ארגאן, סיי אן אויסווייניגסטער, סיי אן אינעווייניגסטער, האט א געוויסע אויפגאבע וואס ווערט דורך איהם דורכגעפיהרט און אלעס איז נויטיג, אלעס מוז זיין, ווייל די אלע אברים און אדערען וואס געפינען זיך אין מענשען׳ס קערפער זיינען געשלאסען איינע אין די אנדערע און מען מוז אלעס האבען. און פיעל מיר זאלען זיך ניט צוקוקען, פיעל מיר זאלען ניט בעטראכטען דעם געבוי פון אונזער קערפער, וועט אלץ פערבלייבען מעהר וואס מיר ווייסען ניט וועגען די נוצען וואס יעדעס גליעד ברייננט ווי מיר ווייסען יא.

און אריינטראכטענדיג זיך אין דעם ענין קען מען זעהן ווי די נאטור ארבייט און איז ווירקזאם אין מענשען׳ס קערפער, ווי די שפייז וואס דער מענש פערדייהעט ווערט פערנאנדערגעטהיילט אין יעדעס גליעד. יעדער ארגאן בעקומט זיין געהעריגען חלק, און אין דעם ליגט א געטליכע חכמה, ווי דוד המלך זאגט: „כל עצמותי תאמרנה: ה׳ מי כמוך" — אלע מיינע ביינער זאגען: ווער איז נאך אזוי ווי דו גאט. דאס הייסט, אז בעטראכטענדיג די ביינער, די אברים פון מענשען, זעהט מען אין דעם די גאטהייט און עס איז גלייך ווי די ביינער אליין זאלען רעדען פון גאט׳ס גרויסקייט.

לאמיר בעטראכטען דעם פראצעס פון עסען. דאס עסען געהט ארונטער אין בויך דורך א גלייכען וועג, דורכ׳ן ושט, דאן ווערט עס אין די געדערים צומאהלען בעסער ווי די ציינער האבען עס צוקייעט. דאן שיקט דער מאגען נאהרונג צום לעבער דורך דינע אדערען, וואס זיינען געמאכט ווי א זיפ, כדי אהין זאל ניט אריינקומען קיין גראבע זאך. און דער לעבער פערוואנדעלט די שפייז אין בלוט, וועלכע צושפרייט זיך איבער׳ן גאנצען קערפער דורך געוויסע רעהרען וואס זיינען דארויף געשאפען. און דער אפפאל, די שעדליכע שטאפען ווערען אפגעטהיילט פון די נאהרענדע. און אלעס ווערט געלייטערט און גערייניגט, כדי קיינע שעדליכע שטאפען זאלען איינדרינגען אין קערפער און זאלען איהם ניט קראנק מאכען.

דאן דארף מען בעטראכטען אונזער שטים־ארגאן, ווי ער ברייננט ארויס די קולות און אפקלאנגען וואס קומען ארויס פון די ליפען, פון צונג, פון די ציינער, פון גומען און פון האלז. ווי עס איז בעוואוסט, אז די אותיות "בומף" קומען ארויס פון די ליפען, "דטלנת" — פון צונג, "זשרץ" — פון די ציינער, "גיכק" — פון גומען, און "אחהע" — פון האלז. אונזער שטים אדער רעדע ארגאן איז זעהר א קונציגע זאך, און אזוי יעדעס פיצעלע אין אונזער קערפער איז געמאכט מיט חכמה און צוליעב געוויסע צוועקען. אביסעל ווייסען מיר און מיר פערשטעהען און א טהייל ווייסען מיר ניט און פערשטעהען ניט.

אויך דארף א מענש בעטראכטען די פיער כחות פון זיין קערפער און וואס זיי טהוען אויף. די פיער כחות זיינען דער כח המושך, די ציהונגס קראפט,

וואס ציהט דאס עסען ארונטער אין מאגען; די אויפהאלטס קראפט, וואס האלט אויף די שפייז ביז עס ווערט איבערגעקאכט און איבערגעארבייט; די קאך קראפט, וואס קאכט איבער די שפייז און ציהט פון דעם ארויס דעם עסענץ, די נאהרונג; און די שפאר קראפט, וואס שפארט ארויס די פסולת, דעם אפפאל, וועלכען דער קערפער דארף ניט.

אט די פיער כחות האבען די אויפגאבע צו דיענען דעם מענשען און טהאן אלעס וואס עס איז גוט פאר איהם. דער מענש בכלל איז אזוי ווי א קעניג און די פיער דערמאהנטע כחות זיינען זיינע משרתים. די ערשטע בעזארגען איהם מיט זיינע נויטיגע בעדערפניסע און דער לעצטער ראמט ארויס די שמוץ, די אומנוצליכע זאכען פון זיין הויז.

# פרק ה'

נאכדעם וויא מען בעטראכט גוט דאס אויבענגעשריבענע וועגען דיא קערפערליכע כחות און אייגענשאפטען, דארף יעדער מענש א טראכט טהאן וועגען די גייסטיגע געפיהלען וואס ער בעזיצט און די נוטצען וואס דער מענש האט פון דעם כח המחשבה, דער געפיהל אדער די אייגענשאפט פון דענקען, דעם געפיהל פון זכרון, די אייגענשאפט צו געדענקען זאכען, די פערגעסונג, דעם געפיהל פון שעהמען זיך, דעם שכל און די רעדונגס־קראפט, און ער וועט זיך איבערצייגען אז ער מוז דאס אלעס האבען און קען אהן דעם ניט אויסקומען. ווען א מענשען זאל פעהלען בלויז דער זכרון, וואס וואלט ער געטוינגט אויף דער וועלט? און ווי שעדליך וואלט עס געווען פאר איהם אין אלע היגזיכטען? ער וואלט ניט געדענקט וואס ער האט שוין אפגעטהאן און וואס ער דארף נאך טהאן; ער וואלט ניט געדענקט וואס ער האט גענומען און וואס ער האט געגעבען; וואס ער האט געזעהן און וואס ער האט געהערט און וואס ער האט געזאגט און וואס עמיצער האט איהם געזאגט. ער וואלט ניט געדענקט ווער עס האט איהם א טובה געטהאן און ווער עס האט איהם א רעה געטהאן; ווער עס האט איהם געהאלפען און ווער עס האט שאדען געטהאן. ער וואלט אפילו ניט געטראפען דעם וועג, מיט וועלכען ער איז שוין פיעל מאל געגאנגען. ער וואלט זיך קיין זאך ניט געקענט אויסלערנען אפילו ווען ער וואלט אויף דעם געהארעוועט זיין גאנצען לעבען. עס וואלט איהם ניט געהאלפען קיין פראקטיקע און ער וואלט קיינמאל ניט געקענט מעסטען א זאך וואס קען קומען פון א זאך וואס איז שוין איינמאל געווען. ער וואלט, הייסט עס, ניט געקענט נעהמען קיין ראיה אויף דער צוקונפט פון דער פערגאנגענהייט, און ער וואלט זיך אינגאנצען אויסגעטהאן פון דעם מין מענש.

דאס זעלבע איז אויך מיט'ן כח השכחה, מיט דער אייגענשאפט פון פער־געסונג, וואס דער מענש בעזיצט. ווען א מענש זאל ניט האבען דיעזע איי־גענשאפט, וואלט ער קיינמאל ניט געלעבט אהן טרויער און עגמת נפש. קיין פרייד אין דער וועלט וואלט ביי איהם ניט אוועקגענומען זיין שטענדיגען אונמוטה און ער וואלט קיינמאל קיין הנאה געהאט פון לעבען. ווען ער וואלט שטענדיג געהאט אויפ'ן זינען די בייזע בעגעגעניסען וואס קומען און קענען קומען אויף דער וועלט, וואלט ער קיינמאל קיין רוה ניט געהאט און וואלט אלץ געטראכט און געקלעהרט ווי אזוי אויסצומיידען זיי, אט די דאזיגע בע־

געגניסען. זעהט מען דאָך דערפון, אז כאָטש זכרון און פערגעסונג זיינען צוויי קאָנטראַסטען, דאָך זיינען דיביידע געפיהלען אדער איינגעשאַפטען איינגעפלאַנצט אין מענשען און ביידע ברייגגען איהם נוטצען און ביידע זיינען פון זיין טובה וועגען.

איצט לאָמיר נעהמען דעם געפיהל פון בושה, פון שעהמען זיך, וואָס בלויז דער מענש בעזיצט, אָבער ניט קיינע אנדערע בעשעפעניסען. לאָמיר עס בעטראַכטען און זעהען וואָס פאַר א נוטצען דאָס ברייגגט דעם מענשען.

ווען מענשען וואָלטען זיך ניט געשעהמט פאַר מענשען, וואָלטען פיעלע קיין אורח ניט אריינגענומען צו זיך אין הויז, מען וואָלט צוגעזאָגט און ניט געהאַלטען וואָרט, איינער דעם אנדערען וואָלט קיינע טובות געטהאָן, און מען וואָלט זיך ניט דערוויטערט פון שלעכטע טהאַטען. דער געפיהל פון בושה איז אין פיעלע זאכען מעהר ווירקזאם ווי געבאָטען פון דער תורה. די תורה האָט, למשל, אָנגעזאָגט: "כבד את אביך ואת אמך", פון דעסטוועגען וואָלטען א סך די דאָזיגע מצוה ניט מקיים געווען און זיי וואָלטען זייערע עלטערען ניט געהאַלטען עהרליך, בכבוד, ווען זיי וואָלטען זיך ניט געשעהמט פאַר לייטען. ווער שמועסט אנדערע מענשען, ניט פאָטער און מוטער, וואָלט מען געווים ניט נוהג כבוד געווען. ווען ניט די חרפה פאַר לייטען, וואָלטען א סך ניט מקיים געווען די מצוה פון השבת אבדה. געפונען, איז מיינס, וואָלטען זיי געזאָגט, און וואָלטען געפונענע פרעמדע פערלוסטען ניט אוועקגעגעבען, און וואָלט נאָך עברות בעגאַנגען. וועט איהר דאָך פרעגען: מען זעהט דאָך אָבער פאָרט, אז מענשען בעגעהען די דאָזיגע עולות? איז דער תירוץ, אז די וואָס טהוען דאָס האָבען פון זיך אראָפּגעוואָרפען די בושה, אזוי ווי דער פסוק זאָגט: "ולא ידע עול בשת" — דער בעל עולה, דער פערברעכער ווייס ניט צו שעהמען זיך. וועט מען זיך דאָך וואונדערען: וואָרום האָט דער בעשעפער איינגעפלאַנצט אין מענשען די טבע צו שעהמען זיך פאַר מענשען און ניט פאַר איהם, פאַר גאָט גופא? איז דער תירוץ: אז ווען דער מענש וואָלט געהאַט בושה פאַר גאָט, וואָס זעהט זיינע מעשים און קוקט אויף איהם שטענדיג, און די בושה וואָלט איהם אָפּגעווענדט פון זינד, וואָלט ער דאָך געווען א מוכרח, א געצוואונגענער צו טהאָן גאָט'ס געבאָטען, דאָס הייסט: די נאַטור פון שעהמען זיך וואָלט איהם געצוואונגען דערצו, און דאָס וויל דער בעשעפער ניט. ער וויל אז דער מענש זאָל האָבען די בחירה, דעם אויסוואהל, צו דיענען איהם מיט זיין אייגענעם רצון, ניט עפּעס זאָל איהם טרייבען דערצו, כדי עס זאָל איהם דערפאַר קומען שכר. וואָרום ווען דער מענש זאָל דיענען גאָט אוים א נאַטירליכע נייגונג, פאַרוואָס וואָלט איהם געקומט שכר?

אָבער כאָטש די נאַטור האָט אונז ניט אריינגעגעבען דעם געפיהל פון בושה פאַר'ן בעשעפער, דאַרפען מיר אָבער האָבען בושה פאַר איהם אוים אייגענע איבערצייגונג, אז מיר זיינען מחויב איהם צו דיענען און אז ער זעהט און גיט אכטונג אויף אלעם וואָס מיר טהוען, הן אין דער עפענטליכקייט, הן אין געהיים.

אָבער וועגען דעם שכל, וואָס דער בורא האָט אונז געשענקט און דעם געפיהל צו פערשטעהען און בעגרייפען מיט אונזערע געדאַנקען וואָס ער האָט אונז געגעבען, וואָס אין דיעזען פּרט זיינען מיר די איינציגע פון אנדערע לעבעדיגע בעשעפעניסען — וועגען דעם דאַרפען מיר זיך ניט פיעל אריינ-

טיעפּען צו וויסען די גרויסע נוטצען וואָס מיר האָבען דערפון, ווייל דאָס איז אויבען אויף. דער שכל דיקטירט אונז ווי אזוי צו פיהרען זיך מיט אונזער גוף, ווי אזוי צו בעוועגען אונזערע גליעדער. אויסער די וואָס דער שכל איז פון זיי אוועקגענומען געוואָרען דורך א צופאל וואָס האָט פּאסירט מיט זייערע מחות, משוגעים, הייסט עס, וויסען דאָס ניט און פערשטעהען ניט. אָבער ניט נור דאָס: מיט אונזער שכל ערגרייכען מיר זעהר פיעל. דער שכל לערענט אונז אז עס איז דאָ א בעשעפער, א קלוגער שטענדיג עקזיסטירענדער איינציגער בעשעפער, אן אלער־הערשער, וואָס קען ניט געמאָסטען ווערען מיט צייט אָדער אָרט, וואָס מען קען, הייסט עס, אויף איהם ניט זאָגען, אז ער האָט זיך אנגעפאנגען אין א געוויסע צייט און געפינט זיך אין א געוויסען אָרט, און מען קען צו איהם ניט צורעכענען קיינע איינגענשאפטען פון בעשעפעניסען, און ער איז העכער און ערהאבענער פון די געדאנקען פון די ברואים וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט. איז א רחום וחנון און א וואָהלטהעטער וואָס איז ניט גלייך צו קיין זאך און קיין זאך קען פערגלייכט ווערען צו איהם. אָט דיעזע ידיעות האָבען מיר צו פערדאנקען אונזער שכל. ווען ניט דער שכל, וואָלטען מיר דאָס ניט געוואוסט.

און אז מיר פערשטעהען דאָס, פערשטעהען מיר אויך מיט'ן שכל, אז מיר זיינען פערפליכטעט צו דיענען גאָט ווי געהעריג איז פאר די אלגעמיינע און איינצעלנע חסדים און טובות וואָס ער טהוט מיט אונז. דורך'ן שכל פערשטעהען מיר אויך די וואָהרהייט פון גאָט'ס תורה וואָס איז געגעבען געוואָרען צו זיין נביא משה, עליו השלום. און ווייל דער מענש האָט שכל און אנערקענט די גאָטהייט, רעכענט זיך מיט איהם דער בעשעפער און קוקט נאָך זיינע מעשים אויב זיי זיינען גוטע אָדער שלעכטע. דער וואָס האָט קיין שכל, דער משוגענער, יענעם פעהלט אין גאנצען די מענשליכקייט און ער קען ניט געהאלטען ווערען פעראנטוואָרטליך פאר זיינע טהאטען.

וויטערע מעלות פון אונזער שכל זיינען, וואָס דורך דעם בעגרייפט דער מענש זאכען וואָס ער קען ניט בעגרייפען מיט זיינע קערפּערליכע געפיהלען. דורך'ן שכל פערשטעהט ער זאכען וואָס ער קען ניט זעהן מיט די אויגען אָדער הערען מיט די אויערען. אזוי ווי, למשל, דאָס וואנדערען פון שאָטען. א מענש זעהט דעם שאָטען פון וועלכען עס איז געגענשטאנד אין איין פּלאַץ און שפּעטער זעהט ער איהם אויף אן אנדער פּלאַץ, פערשטעהט ער מיט'ן שכל, אז דער שאָטען שטעהט ניט אויף איין אָרט, כאָטש ער האָט מיט זיינע אויגען ניט געזעהן ווי דער שאָטען האָט זיך אָפּגערוקט. אָדער ווען וואסער טריפט א לאנגע צייט אויף א שטיין, איז די טבע אז אויף יענעם פּלאַץ ווערט א גריבעל. ווען מען קוקט זיך צו בעת דאָס וואסער רינט טראָפּענווייז זעהט מען ניט אז אין שטיין זאָל ווערען עפּעס אן ענדערונג. ווען מען זעהט אָבער אין א צייט ארום, אז עס איז שוין אויסגעקלאַפּט א גריבעל, פערשטעהט מען מיט'ן שכל, אז די טראָפּענס וואסער האָבען דאָס אויסגעקלאַפּט.

און מיט'ן שכל וויים דער מענש אונטערצושיידען פון אמת צו פאלשקייט, צווישען א סך און א ביסעל, צווישען גוטס און שלעכטס, צווישען דאָס בעסטע און דאָס ערגסטע, צווישען זאכען וואָס דארפען זיין, וואָס קענען זיין און וואָס קענען ניט זיין. מיט'ן שכל פערקנעכט דער מענש אנדערע לעבעדיגע ברואים און זיי בעדיענען איהם און טהוען פאר איהם ארבייט. מיט'ן שכל

ווייס דער מענש דעם גאנג פון די פּלאנעטען, ווי ווייט זיי זיינען איינע פון די אנדערע און אין וואָס פאר א ריכטונגען זיי בעוועגען זיך. דורך׳ן שכל לערענט דער מענש די רעכענונג קונסט און פיעלע אנדערע מלאכות און חכמות, וואס עס דארף פערנעהמען פיעל פּלאץ אויסצורעכענען זיי.

און אזוי, אז איהר וועט זיך ארייטראכטען אין אלע איינגענשאפטען פון מענשען, וועט איהר אויסגעפינען אז זיי בריינגען פאלשטענדיגע נוצען אזוי גוט ווי דער שכל.

נעהמט די רעדונגס קראפט און בעטראכט וואס פאר א גוטעס דאס בריינגט אונז מענשען, ווי דורך דעם קען דער מענש ארויסבריינגען די געדאנקען וואס זיינען בעהאלטען אין זיין מח, ווי ער מאכט זיך פערשטענדליך דורך׳ן רעדען און ווי ער פערשטעהט דורך דעם אנדערע. דער צונג איז דער הארץ׳ס פעדער און א שליח וואס טראגט איבער פערבארגענהייטען פון איינעם צום אנדערען. ווען ניט דאס רעדען וואלטען זיך מענשען ניט קאמפּאנירט איינע מיט די אנ־דערע, וואלטען ניט געווען געזעלשאפטליך און וואלטען געווען ווי בהמות.

דורך׳ן רעדען קען מען זעהן און וויסען דעם אונטערשייד פון מענש צו מענש. דורך דעם ווייס מען אויב איינער איז קלוג אדער נאריש, ארענטליך אדער פערדארבען און דורך דעם ווערען מענשען פערבונדען איינע מיט די אנ־דערע און דאס פערבינדט אויך דעם מענשען מיט׳ן בעשעפער, ווארום ווען א מענש פיהלט זיך אומגערעכט געגען גאט, טהוט ער תשובה און בעט ער זאל איהם מוחל זיין. און עס איז שוין לאנג געזאגט געווארען, אז דער עיקר מענש איז דאס הארץ און דער צונג און דאס בריינגט די בעשעפנים וואס מען רופט מענש צו דער מדרגה פון א מענשען, און דערמיט איז ער אפּגעזונדערט, אנ־דערש פון די בהמות.

דאן דארף א מענש בעטראכטען די גרויסע נוצען וואס ער האט פון דעם וואס דער בעשעפער האט איהם געגעבען דעם שכל צו לייענען און שרייבען. דורך די אותיות פון שריפט, האט דער מענש די מעגליכקייט צו וויסען פּאסי־רונגען פון אמאל און פערצייכענען געגענווערטיגע פּאסירונגען פאר די קומענדע דורות. דורך דער חכמה פון שרייבען קען מען צרוויסען געבען זאכען און גע־שעהניסען צו אזעלכע וואס זיינען דערביי ניטא. מענשען ווייסען דורך דעם זאכען וואס פּאסירען ווייט און וואס עס טהוט זיך מיט זייערע קרובים אין אנ־דערע לענדער, און עס קען פּאסירען אז דורך די שריפטליכע ידיעות, וואס זיי בעקומען, קענען זיי זייערע פריינד העלפען אין א צייט פון נויט און פערהיטען זיי פון אומגליק. און דורך שרייבען קענען חכמים פערשרייבען זייערע חכמות און קענטנים אין ביכער זיי זאלען פערבלייבען אויף אימער און ניט פערגעסען ווערען. אהן שרייבען וואלט קיין מסחר ניט געקענט אנגעהן, א סך שידוכים וואלטען ניט געשלאסען געווארען און נאך פיעלע און פיעלע זאכען וואלטען ניט געקענט דורכגעפיהרט ווערען, ווען מענשען וואלטען ניט געקענט שרייבען און לייענען.

און ווען דער בעשעפער וואלט דעם מענשען ניט געגעבען קיין העגד מיט פינגער, וואלט ער ניט געקענט שרייבען, נעהען, אנציינדען פייער און אלע אנ־דערע מלאכות, אין וועלכע דער מענש נויטיגט זיך. און איך וועל זאגען, אז עס איז ניטא קיין איינציגער אבר אין מענשען׳ס קערפּער, וואס מען זעהט אין איהם ניט דעם בעשעפער׳ס חכמה און די נוצען וואס ער בריינגט. מען זעהט עס גאנץ

דייטליך, ווען מען קוקט זיך צו, ווען מען בעטראכט די זאך. און ווען איך זאל וועלען בעשרייבען גענוי אפילו איין איינציגען גליעד, וואלט עס פערנומען צופיעל פלאץ, און דאס וואס איך האב ביז איצט געזאגט איז גענוג צו וויסען און פערשטעהן גאט'ס גרויסקייט און די חסדים וואס ער טהוט מיט אונז פון אנפאנג פון אונזער בעשאפונג און אין אונזער גאנצען לעבען.

און ניט נור פון מענשען, נור אפילו פון אלע לעבעדיגע ברואים קענען מיר זיך איבערצייגען ווי גרויס די הימעלשע חכמה און חסדים זיינען, ווען מיר קוקען זיך צו ווי אזוי זיי לעבען, ווי זיי פיהרען זיך אויף און ווי זיי ערנעהרען זיך, און דעריבער רעדען וועגען דעם די הייליגע שריפטען, ווען זיי דערמאהנען גאט'ס וואונדער. אין איוב ווערט געזאגט: "מי יכין לעורב צידו" — ווער גרייט צו דעם ראב זיין שפייז, ווען זיינע קינדער שרייען צו גאט ? אדער ווי עס ווערט געזאגט אין תהלים: "נותן לבהמה לחמה לבני עורב אשר יקראו" — גאט גיט דער בהמה איהר נאהרונג, צו יונגע ראבען, וואס רופען איהם, און נאך פיעל עהנליכע פסוקים.

און אזוי אויך ווען דער מענש בעאבאכטעט דעם גאנג פון דער זון, לבנה און אנדערע פלאנעטען, ווי זייערע בעוועגונגען זיינען פערשיעדען איינע פון די אנדערע, וועט ער אויך אין דעם זעהן די חכמה און מאכט פון דעם בעשעפער, וואס זיינען אזוי גרויס, אז א מענשען'ס געדאנק קען עס ניט בעגרייפען און מען קען דאס מיט ווערטער ניט ארויסגעבען, אזוי ווי דער פסוק זאגט: "השמים מספרים" — די הימלען דערצעהלען גאט'ס רוהם, און דער גאנצער קאפיטעל רעדט דארט פון דעם זעלבען ענין. און דער גרעסטער וואונדער פון דער שאפונג, וואס ווארפט זיך אין די אויגען, איז דער הימעל. וואו דער מענש שטעהט אויפ'ן ערד־קוגעל זעהט ער אלץ די האלב קיילעכדיגקייט פון הימעל אויבען. אומעטום, אויף וואסע'ר טייל פון דער ערד דער מענש זאל זיך ניט געפינען ווייזט איהם אלץ אויס אז ער איז אין מיטען. דארף מען האבען א גרע־סערען וואונדער ווי דאס איז ?

איצט לאמיר בעטראכטען: ווען מיר זעהען עפעס א קונסט ארבייט פון פארצייטיגע מענשען; ווען מיר זעהען עגיפטישע פיראמידען אדער פארצייי־טיגע געביידעס, וואונדערען מיר זיך אויף די חכמה, מאכט און קענטנים פון יענע מענשען וואס האבען דאס געמאכט. היינט אז פון א קלייניגקייט, פון אז ארבייט וואס שטייגט ניט איבער פיעל די ארבייט וואס מיר אליין האבען ביכלות צו טהאן, וואונדערען מיר זיך, טא ווי דארפען מיר שוין בעוואונדערען דעם בעשעפער פון הימעל און ערד און אלעס וואס אויף זיי געפינט זיך ? ווי דאר־פען מיר שוין בעוואונדערען דעם אלמעכטיגען, וואס האט אלעס געמאכט אהן שום מיה און מאטערנים ? און דער וואונדער איז דאך נאך גרעסער: די וואס האבען געמאכט די פיראמידען אדער קינסטליכע געביידעס, האבען דאך דאס געמאכט פון עפעס, און דער בורא האט אלעס בעשאפען פון גארניט און ניט צוליעב וועלכער עס איז אורזאך וואס האט איהם געטריבען דערצו, נאר ווייל אזוי איז געווען זיין אייגענער הייליגער ווילען, אזוי ווי דער פסוק זאגט "בדבר ה' שמים נעשו" — מיט גאט'ס רייד זיינען געווארען די הימלען און מיט דעם אטהעם פון זיין מויל אלע הימעלשע שטערען און פלאנעטען.

און יעדער מענש דארף דאס נעהמען אין אנבעטראכט, און דאס געזאגטע איז גענוג איבערצייגונג אז דער בעשעפער איז מעכטיג און אלעס וואס ער האט בעשאפען איז לטובת האדם, צו גונסטען דעם מענשען.

# פרק ו׳

אין דעם פאריגען פרק איז גערעדט געווארען פון די סמנים פון גאט׳ס חכמה און זיינע גרויסע חסדים וואס מען זעהט, ווען מען בעאבאכטעט דעם מענשען גופא, איצט וועלען מיר רעדען פון אנדערע זאכען, וועלכע זאגען עדות אויף די געטליכקייט און זיין איינהייט, און וועלכע זיינען אויך בעשאפען און איינגעריכטעט געווארען פאר דער טובה פון די מענשען. אבער עס זיינען דא זאכען וואס מען זעהט אין זיי גאט׳ס גרויסקייט און חסדים אויבען אויף, און ווידער זאכען, אין וועלכע מען זעהט עס ניט אזוי אויבען אויף.

לאמיר נעהמען, צום ביישפיעל, ליכטיגקייט און פינסטערניש. די נוצען פון ליכטיגקייט וויים יעדער איינער און בעגרייפט. עס איז ניטא קיין מענש אויף דער וועלט, אפילו אן אומוויסענדער און א נארר, וואס זאל ניט פערשטעהן ווי גוט די ליכטיגקייט איז פאר׳ן מענשען. דאגעגען אבער די פינסטערניש, קען ביי מאנכע אויסזעהן ווי אן איבעריגע זאך, וואס ברייננגט קיינע נוצען. ביי נאכט הערט אויף די טהעטיגקייט פון די מענשען און די וועלט איז אזוי ווי האלב טויט. קען מען דעריבער דענקען, אז עס וואלט ניט געווען קיין נאכט, נור שטענדיג טאג, וואלט געווען בעסער. אבער אין אמת׳ען איז ניט אזוי.

ווען ניט די פינסטערניש פון דער נאכט, וואלטען לעבעדיגע בעשעפניסען שטענדיג געווען בעשעפטיגט, פערהאוועט און דאס רוב וואלטען אוימגעקומען פון צופיעל מאטערנים און אנשטרענגונג. ווען ניט די נאכט, וואלט מען ניט געוואוסט ווער עס לעבט לאנג און ווער ניט. מען וואלט ניט געוואוסט קיינעמס עלטער און וואו מען האלט אין דער וועלט.

ווען די צייט וואלט ניט געווען צוטיילט אין טאג און נאכט און עס וואלט שטענדיג געווען איינס, בלויז ליכטיג, וואלטען ניט געקענט זיין די מצוות וואס זיינען אבהענגיג אן צייט, ווי שבתים, ימים טובים און תעניתים, ווארום מען וואלט דאך ניט געקענט בעשטימען ווען עס איז דער זיבעבטער טאג און ווען עס איז א געוויסער דאטום, א געוויסער טאג אין חודש, ווייל מען וואלט דאך בכלל גארניט געקענט צוטיילען די צייט אויף וואכען און חדשים. און ווען עס וואלט אזוי געווען, וואלטען מענשען ניט געקענט בעשטימען קיין צייט פאר וואס ניט איז און מען וואלט ניט געוואוסט פיעלע זאכען וואס זיינען אבהענגיג אן צייט, ווי, למשל, די פעריאדע פון שוואנגערשאפט, די צייט צו זעען פעלדער און נאך פיעלע זאכען. און ווען ניט די נאכט, וואלט מען ניט געשלאפען און דאס וואלט געשאדט צו די פערדייהונג פון עסען, ווייל די מעדיצינישע וויסענשאפט וויל האבען, אז דער שלאף האט פיעל צו טהאן מיט׳ן איבערקאכען די שפייז אין די מאגענס פון לעבעדיגע ברואים.

און ווייל די נאכט איז א נויטווענדיגקייט, אבער מענשען דארפען פארט אפטמאל עפעס טהאן ביי נאכט אדער זיצען נעבען א קראנקען און לינדערען זיינע וועהטאגען, האט גאט בעשאפען פייער, וואס בעלייכט די פינסטערניש און מען קען דאס אנצינדען און אויסלעשען ווען מען וויל.

און עס איז צו בעוואונדערען וואס דער אויסזעהן, דער קאליער פון הימעל איז אזעלכער וואס איז גוט פאר די אויגען. דער קאליער פון הימעל איז דונקעל און דאס שטארקט די ראיה, די זעהונגס־קראפט. ווען אבער דער קאליער

פון הימעל וואלט געווען ווייס, פון א העלען קאליער, וואלט עס געווען שעדליך פאר די אויגען פון לעבעדיגע בעשעפּניסען. זעהט מען דאך, אז די זאכען זיינען געמאכט געוואָרען מיט חכמה, מיט אויסרעכונג צו גוטען, אז זיי זאלען ברייננען נוצען, ניט שאַדען. און אזוי איז אלעס, די גאנצע שאַפונג.

און עס איז אויך א גרויסער חסד פון בעשעפער, וואס ער האט אנגעוואָרפען די מורא פאר'ן מענשען אויף אנדערע ברואים, ווי דער פסוק זאגט: ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ" — און אייער מורא און שרעק זאל זיין אויף אלע לעבעדיגע בעשעפּניסען פון דער וועלט. ווען ניט די דאזיגע מורא, וואלט א קליין קינד ניט זיכער געווען פון א קאַץ, א מויז אדער אנדערע בעשעפּניסען. ווען דער מענש איז טויט איז ער שוין ניט זיכער פון חיות, אבער כל זמן ער לעבט, האָבען די חיות פאר איהם מורא, אזוי ווי אונזערע חכמים האבען געזאגט, אז א פּיטצעל קינד איין טאג אלט דארף מען ניט היטען פון מייז, אבער אפילו אזא ריזען ווי עוג מלך הבשן, ווען ער איז טויט, דארף מען היטען, אז מייז זאלען ניט פרעסען זיין לייב. דאס האָט דער בעשעפער אריינגעגעבען די חיות אזא נאטור צוליעב דעם מענשען'ס טובה.

און מען דארף אויך פערשטעהן דעם פערבאָרגענעם סוד פון דער עקזיס־טענץ און פּאָלקאָמענהייט פון אלע ברואים פון קלענסטען ביז'ן גרעסטען, וואס מיר בעגרייפען ניט מיט אונזערע קערפּערליכע געפיהלען, און דאס איז די בעוועגונג, דער איבערגאנג אָדער די ענדערונג וואס קומט פאָר אין יעדע זאך. כמעט קיין זאך שטעהט ניט אימער אויף איין מאס. זאכען עקזיסטירען און ווערען כלה. זאכען זיינען קליין און וואקסען אויס גרויס. מיר זעהען ניט, למשל, מיט אונזערע אויגען ווי אזוי א בוים פוילט, ווי אזוי דער פּראָצעס פון פוילען ווערט ענטוויקעלט, אבער ווען דער בוים איז שוין צופוילט און עס ווערט פון איהם ערד, פערשטעהען מיר מיט'ן שכל, אז דער יסוד האש און דער יסוד המים, די פייער און וואסער עלעמענטען, וואס האָבען זיך אין בוים געפונען, זיינען פון איהם אוועק און עס איז פערבליעבען דער יסוד העפר, דער ערד עלעמענט. אָדער מיר קענען ניט זעהן ווי אזוי א וואקסונג וואקסט, אָבער ווען מיר זעהען היינט אז א געוויסע וואקסונג איז גרעסער געוואָרען ווי זי איז געווען נעכטען, דאן איז ביי אונז קיין ספק און מיר פערשטעהען, אז דאָס איז זיכער געקו־מען פון א געוויסען כח, פון א געוויסע קראפט, וואס מאכט די וואקסונגען צו וואקסען.

ווען ניט די בעוועגונגס קראפט, ווען ניט די נאטור פון איבערגאנג אדער ענדערונג, וואלט קיין זאך ניט פערטיג געוואָרען און ניט כלה געוואָרען. אלעס וואלט אימער געשטאנען אויף איין ארט און וואלט שטענדיג געהאט די זעלבע מאָס און דעם זעלבען אויסזעהן.

א פילאָזאָף האט שוין אמאָל געזאגט, אז דאס רוב פון די זאכען וואס די נאטור האָט געשאפען זיינען בעוועגליך, איבערגענגליך. זעהר ווייניג פער־בלייבען שטענדיג אויף איין מאָס און אין איין פאָרמע.

און אז איהר וועט פערשטעהן דעם דאזיגען ענין און אייער שכל וועט עס ריכטיג איבערנעהמען, וועט איהר איינזעהן אז אין דעם ליגט א געטליכע חכמה און איהר וועט אנערקענען גאָט'ס רחמנות אויף זיינע שאפונגען. איהר וועט דאן וויסען, אז אלע אייערע בעוועגונגען, הן די בעוועגונגען פון אייערע גליעדער, הן די איבערגאנגען און ענדערונגען וואס קומען פאר אין אייער לע־בען, קומען אלץ דורך דעם הימעלשען רצון און דעם בעשעפער'ס פיהרערשאפט

צוליעב א געוויסען צוועק, וואס אפטמאל ווייסען מיר דאס און פערשטעהען און אפטמאל בעגרייפען מיר דאס גארניט. בלויז איין זאך איז די בחירה ביים מענשען אליין; בלויז איין זאך ליגט אין מענשען'ס אייגענעם ווילען — צו טהאן גוטעס אדער שלעכטעס. דערויף איז ער אליין א בעל דעה און ער טהוט ווי ער וויל, אבער אנדערע זאכען ווערען ניט געטהאן אהן דעם בעשעפער'ס ווילען.

און אז דאס וועט אייך קלאהר ווערען, וועט איהר זיך ביי אלע אייערע בעוועגונגען, הן קערפערליכע, הן גייסטיגע, וואס קומען נור פון דער מחשבה, בעדענקען, אפשר דארפט איהר די זאך ניט טהאן אדער דענקען; אפשר איז דאס גענגען דעם ווילען פון גאט. און אז איהר וועט געדענקען און קיינמאל ניט פערגעסען דעם בונד וואס דער בעשעפער האט אייך פערבונדען מיט איהם, וואס פאר א שייכות איהר האט מיט איהם, ווי איהר קענט קיין זאך ניט טהאן אויסער זיין קאנטראל, דאן וועט איהר זיך שעהמען פאר איהם און מורא האבען פאר איהם און זיך איבערגעבען צו זיין משפט און רעכטפערטיגען אלעס וואס ער וועט אייך בעשערען, אפילו זאכען וואס עס וועט אייך אויסווייזען אז זיי זיינען שלעכט פאר אייך. און אז איהר וועט אזוי טהאן, וועט איהר ערפילען גאט'ס ווילען און דער סוף וועט זיך אויסלאזען גוט, אזוי ווי דער פסוק זאגט: „והבוטח בה' חסד יסובבנו" — ווער עס פערלאזט זיך אויף גאט ווערט ארומגערינגעלט מיט גענאדען.

און א מענש דארף בעטראכטען די געשעהעניסען פון דער וועלט. ער דארף פאראויס בעטראכטען דעם סוף פון פאסירונגען, וואס ווייזען אויס אלס א לאסט, אלס א צרה און ער וועט זעהן גרויס וואונדער. ער וועט זיך איבערצייגען, אז א סך אזעלכע זאכען קומען אויף אונז מיט געוואלד, געגען אונזער ווילען און דער סוף לאזט זיך אויס גוט און מיר זיינען צופריעדען מיט יענע געשעהעניסען, און וויעדער פערקעהרט: מיר האבען אפטמאל לוסט צו עפעס א פאסירונג און לסוף לאזט זיך עס אויס שלעכט. מען דערצעהלט, אז אייניגע מענשען זיינען געשלאפען ביי דער וואנד פון א געביידע. איז געקומען א הונד און האט משתין געווען אויף איינעם פון זיי. האט ער זיך אויפגעכאפט און ער האט די זאך זעהר ניט געוואלט ליידען. אבער ווען ער איז אוועקגעגאנגען ארומוואשען זיך פון דעם הונד'ס שמוץ, איז די וואנד אומגעפאלען און זיינע חברים זיינען גע'הרג'עט געווארען. און אזעלכע זאכען טרעפען אפט, און אויך פערקערט: מען איז אפט פון א זאך צופריעדען און עס לאזט זיך אויס שלעכט.

מען דארף בעוואונדערען דעם פאקט, אז רעגען, למשל, איז בכלל א מתנה פון גאט צו לעבעדיגע בעשעפעניסען און וואקסונגען. אין רעגען ליגט די חיונה פון לעבעדיגע ברואים און אלעם וואס וואקסט פון דער ערד, און קען ווער ברייגען רעגען אויסער דעם הייליגען רצון פון בעשעפער? אזוי ווי דער פסוק זאגט אין איוב: "הנותן מטר על פני ארץ" — גאט איז דער איינציגער וואס גיט רעגען אויף דער ערד, און נאך פיעלע עהנליכע פסוקים זיינען דא וואס רעדען וועגען דיעזען ענין.

און וואונדערבאר ווי וואקסונגען ווערען געשפייזט. איין קערענדעל, ווען ער איז געשיצט פון סבות וואס שטערען זיין פרוכטבארקייט, זיין וואקסען, קען ארויסברייגען טויזענד און מעהר קערנער. עס ווערט געזאגט, אז אין איין ווייץ קערענדעל געפינען זיך זוימען פאר דריי הונדערט זאנגען און אין יעדען זאנג אריבער צוואנציג קערנער. עס זיינען דא בוימער וואס זייער ווארצעל בע־

שטעהט פון איין קערנדעל און וואקסען אויס גרויס פיעל מעהר אין פערגלייך מיט די ווייץ, וואס איך האב פריהער דערמאהנט.

געלויבט זאל זיין דער קלוגער גאט, וואס האט פעראורזאכט די עקזיס־טענץ פון גרויסע זאכען און פון קליינע און שוואכע זאכען און בעשטימט די שפייז און נאהרונג פאר אלעמען און פאר אלעס. אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "כלם אליך ישברון לתת להם אכלם בעתם" — אלע האפען צו דיר, גאט, דו זאלסט זיי געבען זייער נאהרונג אין צייט.

און ווען דער קלוגער מענש בעאבאכטעט דאס אלעס און בעגרייפט די סבות, די אורזאכען וואס ברייננען די נאהרונגען צו יעדען מין בעשעפענים, אנערקענט גאט'ס חכמה. און איך וועל נאך, מיט גאט'ס הילף רעדען וועגען דעם אין שער הבטחון.

# פרק ז'

און די גרעסטע טובה וואס דער בעשעפער האט געטהאן מיט די מענשען און די בעסטע ראיה אויף זיין חכמה און גבורה איז די תורה וואס ער האט געגעבען דורך זיין נביא משה, עליו השלום, און די וואונדער וואס ער האט דורך איהם בעוויזען דורך ענדערונגען אין די וועלט־פיהרונג און נאטור. ער האט די איבערנאטירליכע וואונדער בעוויזען, כדי מען זאל גלויבען אין איהם און זיין נביא, אזוי ווי דער פסוק זאגט: "וירא ישראל את היד הגדולה, ויאמינו" — אז די אידען האבען געזעהן די נסים וואס גאט האט געטהאן מיט זיין מעכטיגע האנד, האבען זיי געגלויבט אין גאט און אין משה זיין קנעכט.

און ווער עס וועט נאכזוכען צו זעהן ביי איצטיגער צייט, וועט ער אויך געפינען אז גאט טהוט איצט עהנליכע וואונדער ווי די וואס ער האט געטהאן אין משה רבנו'ס צייטען אין מצרים. זאל נור דער מענש קוקען מיט אפענע אויגען און בעטראכטען אונזער מצב, אונזער לאגע אין דער וועלט זייט מיר זיינען אין גלות, ווי מיר לעבען צווישען די אומות העולם, וועלכע דולדען אונז ניט און פערפאלגען אונז, ווייל מיר זיינען אפגעזונדערט פון זיי, און דאך ווערען מיר ניט כלה און עקזיסטירען אלס פאלק — ווען א מענש וועט די זאך ריכטיג בעטראכטען, וועט ער זיך איבערצייגען, אז מיר לעבען היינט אויך איבער אזעלכע נסים און נפלאות עהנליך צו יענע וואס זיינען געטהאן געווארען מיט אונז אין מצרים. אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: „לולי ה' שהיה לנו בקום עלינו אדם, אזי חיים בלעונו" — ווען דער אויבערשטער וואלט ניט געווען מיט אונז, ווען פעלקער שטעהען אן אויף אונז, וואלטען זיי אונז איינגעשלונגען לעבעדי־געהייד. איך וועל נאך מיט גאטס הילף ארומרעדען דעם ענין ברייטער אין א ווייטערען שער.

און איהר דארפט זיך אין זינען נעהמען דאס פאלגענדעס: מענשען פון פערשיעדענע אויפפיהרונגען און מיינונגען אייניגען זיך אין אויפנעהמען אויף זיי א הערשער, א קעניג און אלע, כאטש זיי זיינען אין געוויסע הינזיכטען אפגע־זונדערט איינע פון די אנדערע, זיינען זיי אייניג אין אויספאלגען דעם קעניג'ס געזעצע און געבאטען און האבען פאר איהם מורא און דיענען איהם, און ער, דער קעניג, היט זייערע אינטערעסען און איז בארעמהערציג צו זיי און פיהרט זיי אויף א וועג וואס איז גוט פאר זיי און זעהט אז זיי זאלען זיין בעווארענט

פון פרעמדע שונאים. דאס איז צו פערדאנקען דעם בעשעפער וואס ער האט די מענשען אריינגעגעבען אזא דעה אויפצונעהמען פיהרער און רעגיערער וואס זאלען זארגען פאר'ן כלל. ווען אבער יעדער איינער וואלט נור געזוכט צו בעזארגען זיך אליין און דעם כלל וואלט ער פערשטויסען פון זיך, וואלט מען ניט געבויט קיינע פעסטונגען און מען וואלט זיך ניט בעווארענט פון שונאים. אין אזא פאל וואלטען זיי פערלארען זייערע פערמעגענס, ווייל יעדער איינער וואלט געטהאן וואס ער וואלט געוואלט און עס וואלט ניט געווען קיין סדר און קיין ארדנונג אין לאנד. דאריבער זאגען אונזערע חכמים: "הוי מתפלל בשלומה של מלכות" — דו זאלסט בעטען פאר'ן פריעדען פון דער רעגיערונג, ווארום ווען ניט די מורא פאר די רעגיערונג, וואלט איינער דעם אנדערען איינגעשלונגען לעבעדיגערהייד.

אין דעם וואס מענשען האבען א חשק צו האנדלען, צו קויפען און פערקויפען, זעהט מען אויך די הימעלשע חכמה און גאט'ס גענאדען. מענשען סטארען זיך צו האבען וואס מעהר גאלד און זילבער, ווייל דער בעשעפער האט זיי אריינגעגעבען אזא טבע, כדי די וועלט זאל קענען א קיום האבען, כדי די וואס האבען ניט זייערע נויטווענדיגקייטען זאלען עס קענען קריגען פאר געלד. גאלד און זילבער גופא קענען א מענשען ניט בעפרידיגען. ווען איינער איז הונגעריג אדער דורשטיג, קען איהם גאלד און זילבער ניט זאט מאכען אדער שטילען זיין דורשט, אויב ער קריגט ניט וואס צו עסען אדער טרינקען. אדער ווען א מענש איז קראנק, קענען איהם דיזע מעטאלען ניט דיענען אלס רפואה, ווארום זיי ווערען זעהר וויניג געברויכט אין מעדיצין. טא צו וואס גלוסט דער מענש דערצו? ער גלוסט דערצו, ווייל דער בעשעפער האט אין איהם איינגעפלאנצט אזא נאטור, כדי צו מאכען איהם מעגליכער צו לעבען אויף דער וועלט און העלפען איהם אין פיעלע הינזיכטען.

מען זעהט אויך צייכענס פון דער געטליכער חכמה אין דעם וואס א קליינער טהייל מענשען האבען א סך געלד אדער גאלד און זילבער, מעהר פיעל זיי דארפען, און די מעהרסטע האבען וויניג. ווארום אויב אלע וואלטען דאס געהאט א סך, וואלט דאס ניט געווען קיין חשיבות און קיינער וואלט דאס ניט געוואלט אננעהמען אין אויסטויש אויף וואס עס איז. דאס הייסט: מען וואלט קיין זאך ניט געוואלט פערקויפען פאר געלד, און ווען איינעם וואלט עפעס אויסגעפעהלט, וואלט ער דאס ניט געקראגען. און דאס געלד ביים עושר וואס האט עס איבער גענוג, איז דאס ביי איהם אי אביסעל, אי א סך. ווי רייך א מענש זאל ניט זיין, איז זיין גאלד און זילבער א גאנץ קליינער טהייל פון די גאלד און זילבער וואס עס געפינט זיך אויף דער וועלט. ווען ער קוקט אבער נור אויף זיך און אויף ארימערע פון איהם, הייסט עס, אז ער פערמאגט א סך. אויך איז געלד טהייער פון איין זייט און ווערטהלאז פון צווייטען זייט. טהייער איז דאס, ווייל מען קען דערפאר קריגען וואס דאס הארץ גלוסט און ווערטהלאז איז דאס, ווייל פון דעם גופא קען מען קיינע נוצען ניט ציהען, ווי עס איז פריהער געזאגט געווארען אז מען קען דערמיט ניט זאט ווערען אדער שטילען דעם דורשט.

און דאס איז אלץ פון בעשעפער איינגעריכטעט געווארען מיט א כיון, מיט א געוויסען אבזיכט, כדי דער רייכער זאל ניט צופיעל שטאלצירען מיט זיין געלד און זאל מיט דעם העלפען ארימע.

אויך דארף א מענש בעטראכטען די זאכען וואס דורך זיי האבען די קערפערס פון לעבעדיגע ברואים א קיום און ווען ניט זיי, וואלטען די בעשעפעניסען

ניט עקזיסטירט. דיזע זאכען זיינען דא מעהרערע און ווייניגערע. די זאכען וואס די נאטור פאדערט מעהר, זיינען זיי דא מעהר, און די זאכען וואס די נאטור פאדערט ניט אזוי פיעל, זיינען זיי דא ווייניגער און עס איז זיי שווערער צו בעקומען.

לאמיר נעהמען, צום ביישפיעל, לופט. אהן לופט קען קיין בעשעפענים ניט לעבען, דאריבער האט עס דער בעשעפער געגעבען א סך. דער גאנצער וועלט־רוים איז אנגעפילט מיט לופט און וואו און ווען א מענש זאל ניט זיין קען ער אלץ שעפען לופט פראנק און פריי. וואסער איז אויך א נויטווענדיגקייט, אבער ניט אזוי פיעל ווי לופט, דאריבער איז שוין וואסער זעלטענער ווי לופט. עס זיינען דא פלעצער, וואו עס איז דא זעהר ווייניג וואסער און מען דארף דערפאר צאהלען גוטעס געלד; אבער לופט פעהלט ערגיץ ניט, ווייל אהן דעם איז אונמעגליך אויסצוקומען אפילו א גאנץ קורצע צייט. וואסער מוז מען אפטמאל זוכען, צולייגען טרחה ביז מען קריגט עס, ווייל מען קען פאר א געוויסע צייט אויסקומען אהן דעם, אבער לופט דארף מען ניט זוכען, מען קריגט עס איבעראל, ווייל מען מוז דאס שטענדיג האבען.

אזוי איז אויך מיט עסען. דער מענש און אלע לעבעדיגע בעשעפעניסען מוזען עסען, אבער מען קען פאר א געוויסע צייט אויסקומען אהן דעם, דאריבער איז די נאטור ניט אזוי פרייגעביג דער־מיט און מען דארף ארבייטען, הארעווען ביז מען קריגט די נויטיגע נאהרונגען וואס מען דארף האבען. קליידונג ווידער קומט אן נאך שווערער ווי עסען. עסענוואוארגען זיינען דא אזעלכע וואס וואקסען פערטיגע ווי, למשל, פירות. מען פערפלאנצט איין מאל א פרוכט־בוים, האט מען שוין מעהר ניט וואס צו טהאן און זי בריינגט נאכהער פרוכט. אויף הלבשה אבער דארף מען אויסארבייטען די פעל אדער שפינען די פלאקס אדער די וואל, דאן וועבען און נעהען און מען מוז צו דעם צולייגען מעהר טרחה ווי צו קריגען נאהרונג. דאס איז צוליעב דעם, ווייל אהן קליידונג קען מען זיך גיכער בעגעהן ווי אהן עסען. און לאמיר נעהמען דימענטען, גאלד, זילבער און אנדערע טהייערע מעטאלען, דאס איז דא ווייניג און עס קומט אן גאנץ שווער צו קריגען דאס, ווייל דיזע זאכען זיינען ניט קיינע נויטווענדיגקייטען און מען האט פון זיי ניט קיינע גרויסע נוצען. עס איז מעהר ניט ביי מענשען איז אנגענומען אז דאס זיינען חשוב'ע זאכען, אבער דער גרעסטער טהייל קומט אוים אהן דעם, דאריבער איז דאס נימא אזוי פיעל אז אלע זאלען דאס קענען האבען אזוי ווי עסען אדער אפילו קליידונג.

געלויבט איז דער בעשעפער, דער קלוגער און בארעמהערציגער, וואס האט רחמנות אויף זיינע קנעכט — די מענשען, און ער גיט אויף זיי אכטונג צו גוטען און שיקט זיי צו זייערע בעדערפניסע פראפארציאנעל, לויט ווי זיי פאדערען און דארפען.

עס זיינען אבער דא געוויסע שטערונגען, געוויסע זאכען וואס נעהמען אוועק פון מענשען דעם רעיון פון נאכקוקען און בעטראכטען אלעם אום צו ערקונדיגען זיך אין גאט'ס גבורות און חסדים. די זעלבע אורזאכען וואס נעהמען אוועק פון מענשען דעם אמת'ן בעגריף פון דעם בעשעפער'ס איינהייט, נעהמען פון איהם אויך אוועק דעם געדאנק פון נאכזוכען און נאכפארשען די בחינה, די איבערצייגונג אין גאט'ס חכמה און טובות וואס ער טהוט מיט אונז. איך שאדען דערצו די דריי זאכען וואס מיר האבען דערמאהנט אין אנפאנג פון דיזען שער.

אין דעם איז דאָס וואָס עס זיינען דאָ נארישע מענשען וואָס האַלטען זיך גרויס ביי זיך און זיי דענקען אז עס קומט זיי אַלעס און נאָך מעהר וויפיעל גאָט גיט זיי. דיעזע ווילען ניט דאנקען דעם בעשעפער פאר זיינע חסדים, ווייל זיי דענקען, אז ער גיט זיי ווייניג און עס קומט זיי מעהר.

אָבער דאָס דארף אַזוי ניט זיין. א מענש דארף פערשטעהן און אנערקענען די טובות וואָס גאָט טהוט מיט איהם און ער דארף אויף זיך נעהמען צו דיענען איהם דערפאר. א מענש דארף שטענדיג אין זינען האָבען און נאָכפארשען וועגען דעם בעשעפער׳ס חכמה סאַי פון זאכען וואָס ער פיהלט מיט די חושים, וואָס ער זעהט אדער ער הערט, און סאַי פון די זאכען וואָס ער קען בלויז בעגרייפען מיט׳ן שכל. און אז ער וועט אַזוי טהאָן, וועט ער יעדען טאָג אַלץ דערגעהן מעהר און מעהר, אַזוי ווי דוד המלך, עליו השלם, האָט געזאָגט: "יום ליום יביע אמר" — יעדער טאָג זאָגט עפּעס, דערצעהלט עפּעס פון גאָט׳ס גבורות.

און מען דארף וויסען, אז אַלעס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען אין דיזען שער, איז בלויז א קליינער טהייל פון דעם וואָס א מענש קען דערגעהן מיט זיין אייגענעם שכל. און ווען אפילו איהר וועט מיט אייער קלאָהרען פארשטאנד דערגעהן אַזוי פיעל וויפיעל עס איז מעגליך, זאָלט איהר אַלץ וויסען, אז דאָס איז נאָך ניט אַלעס, אז דאָס וואָס איהר ווייסט שוין פון גאָט׳ס חכמה איז אַזוי גוט ווי גאָר ניט אנטקעגען זיין גרויסע חכמה און מאכט. ווארום מיר זעהען נור וואָס ער טהוט מיט אונז, פאר דער טובה פון די מענשען, אָבער מיר קענען ניט בעגרייפען זיין אונענדליכע חכמה, מאכט און גרויסקייט, און מען דארף אין הארצען מורא האָבען פאר איהם לויט ווי ער איז, ניט לויט ווי מיר פערשטעהען איהם מיט אונזער שוואכען שכל.

בעטראכט זיך אויף דער וועלט אַלס א קינד וואָס איז געבוירען געוואָרען אין א תפיסה, אין א געפענגניס, און ער איז פערזאָרגט געוואָרען מיט אַלעס פון א גוטהערציגען קעניג, אונטער וועמעס רשות ער איז געווען, ביז ער איז גרויס געוואָרען און בעקומען שכל. דאָס קינד האָט אָבער קיינמאָל ניט אנגעזעהן די ליכטיגע וועלט און פון בעסערע בעקוועמליכקייטען ווי א ליכט אין זיין פינסטערען קאמער, עסען און טרינקען און א בגד האָט ער ניט געוואוסט. האָט מען דעם קינד דערצעהלט, אז ער איז דעם קעניג׳ס א קנעכט און ער דארף איהם דאנקען און לויבען פאר די טובות וואָס דער קעניג טהוט מיט איהם. האָט דאָס קינד געזאָגט: "איך דאנק איהם און לויב דעם ווירטה פון דיעזער תפיסה, וואָס איך בין דער איינציגער וועמען ער טהיילט צו אַזוי פיעל חסדים און טובות". האָט מען דעם קינד ערקלעהרט: "זאָג דאָס ניט, ווייל דאָס איז א לעסטערונג פאר אונזער גרויסען קעניג. מיין ניט, אז ער איז דער מושל בלויז איבער דיזער תפיסה. ער האָט אונטער זיין רשות שטעדט און לענדער און דו ביזט ניט זיין איינציגער קנעכט. ער האָט קנעכט אָהן א צאָהל, און די טובות וואָס דער קעניג טהוט מיט דיר זיינען גאָר ניט אנטקעגען די טובות וואָס ער טהוט צו אנדערע, צו די איבריגע אונטערטהאנען זיינע, און זיין השגחה איבער דיר איז אַזוי ווי א טראָפּען פון ים אנטקעגען די השגחה וואָס ער האָט איבער אַלע וואָס זיינען אונטער זיין רשות". ענטפערט דאָס קינד: "איך זעה דאָס אפילו ניט און בעגרייף דאָס ניט פיעל, אָבער פון דעם אַליין וואָס דער קעניג טהוט מיט מיר, מיט מיין פערזאָן, פערשטעה איך זיין גרויסקייט און איך דאנק און לויב דעם גרויסען, מעכטיגען קעניג וואָס זיין גוטסקייט איז גאָר ניט משער צו זיין, און

# שער הבחינה

דאָס וואָס ער טהוט מיט מיר איז בלויז א גאַנץ קליינער טהייל פון די חסדים וואָס ער טהוט מיט די אַלע וואָס זיינען אונטער זיין הערשאַפט".

און דאָס קינד הויבט עס אָז צו בעגרייפען בעסער און ווערט נאָך מעהר איבערגעגעבען צו זיין וואָהלטהעטער, כאָטש ער אַליין געניסט ניט מעהר ווי א קליין ביסעלע פון זיינע טובות און חסדים.

אָט דיזען משל נעהמט זיך אריין אין זינען. קוקט אין דעם גרויסען און ברייטען וועלט־רוים און בעטראַכט, אז מיר פערשטעהען זעהר ווייניג וואָס עס טהוט זיך דאָ ביי אונז אויף דער ערד; מיר ווייסען אפילו ניט אַלעס וואָס עס טהוט זיך אין דעם קלענסטען טהאָל, ווייסען מיר געוויס ניט וואָס עס טהוט זיך הינטער דעם וועלט־רוים.

בעטראַכט דעם משל אויפמערקזאַם און פּינקטליך און איהר וועט דערפון פערשטעהן די גאָטהייט לויט ווי דאָס איז, ניט בלויז לויט די טובות וואָס דער בעשעפער טהוט מיט אייך אַליין, און איהר וועט איהם מעהר דאַנקען און לויבען פאַר די חסדים וואָס ער טהוט מיט אייך און מיט דער גאַנצער שאַפונג בכלל. און קוקט אויף זיין תורה און געזעצע מיט אָפענע אויגען און נעהמט זיך אין זינען ווי דאַנקבאַר איהר וואָלט געווען א מענשען, וואָס דאַרף קיינמאָל צו אייך ניט אָנקומען, און טהוט אייך טובות, ווי איהר וואָלט אַזעלכען געשעצט און געאַכטעט, אַזוי דאַרפט איהר אויך דאַנקען און לויבען דעם בעשעפער און אויס־פאָלגען זיינע געבאָטען. איבערלייגט זיך וועגען דעם ריכטיג און גאָט וועט אונז העלפען מיר זאָלען איהם דיענען און אנערקענען זיין גוטסקייט און רחמנות, אמן.

## סוף פון שער הבחינה

## שער השלישי

# שער עבודת האלהים

**דער טהויער פון גאָט'ס דיענסט. די פפליכט צו דיענען איהם און ווי אזוי צו דיענען איהם.**

## פרק א'

זאָגט דער מחבר:

ווייל מיר האָבען פריהער ערקלעהרט די פליכט פון דער אמונה אין גאָט'ס איינהייט מיט'ן גאנצען הארצען, און ווי אזוי צו איבערצייגט זיין אין די גוטעס וואָס דער בעשעפער טהוט מיט די מענשען, זיינען מיר איצט מחויב צו וויסען און געדענקען וואָס דער מענש האָט צו טהאָן נאכדעם ווי דאָס געשריבענע אין די ערשטע שערים איז שוין צו איהם קלאָהר און פערשטענדליך. און דאָס איז: אז ער דארף אויף זיך נעהמען צו דיענען גאָט לויט ווי דער שכל איז מחיב, אז דער וואָס קריגט די טובות דארף דיענען דעם וואָס טהוט איהם די טובות.

און מיר דארפען צוערשט ערקלעהרען די ארט און ווייזע פון די גוטעס וואָס מענשען געניסען איינע פון די אנדערע און אויף ווי וויים מען איז מחויב צו דאנקען מענשליכע וואָהלטהעטער. און אז מיר וועלען דאָס וויסען, וועלען מיר שוין וויסען און פערשטעהן אויף ווי וויים מיר דארפען דאנקען און לויבען דעם בעשעפער פאר די פיעלע חסדים און גוטעס וואָס ער טהוט מיט אונז.

מיר ווייסען, אז מיר זיינען פערפליכטעט צו דאנקען יעדען וואָס טהוט אונז גוטעס לויט די כונה, לויט דעם אבזיכט פון דעם גוטס-טהוער. אויב איינער מיינט נור באמת צו טהאָן א מענשען א טובה, דארף איהם יענער דאנקבאר זיין, ווען אפילו דער בעל טובה פיהרט די זאך ניט דורך צוליעב געוויסע אומשטענדען וואָס שטערען איהם אין דעם. קוים מיינט ער נור גוט, דארף מען איהם דאנקען. פארקעהרט ווידער, ווען איינער טהוט דעם אנדערען א טובה דורך א צופאל בעת ער מיינט גאר ניט צו טהאָן די טובה און האָט עס גאר ניט אין זינען, איז אויב דער וואָס קריגט די טובה ווייס דערפון, זעהט עס אויס, אז דאן פאלט ארונטער דער חוב פון דאנקבארקייט. אבער אפילו אין אזעלכע פעלע איז מען אויך פערפליכטעט צו דאנקען.

ווארום ווען מיר וועלען בעטראכטען די טובות וואָס מענשען געניסען פון מענשען זיינען זיי אויף פינף-ערליי אופנים: א פאטער טהוט גוטעס זיין קינד; א ווירטה טהוט גוטעס זיין דיענער; א רייכער טהוט גוטעס אָרימערע פון איהם; סתם מענשען טהוען טובות איינע די אנדערע, און שטארקע העלפען שוואכע און הילפלאָזע. איצט לאָמיר בעטראכטען וואָס זיינען אויסען די דאָזיגע בעלי טובה. מיינען זיי טאקע דורכאויס אימיצענס טובה אָדער ניט? מיר וועלען געהן כסדר.

א פאטער טהוט זיין קינד גוטעס, ניט אזוי צוליעב דער טובה פון קינד ווי צוליעב זיין אייגענע טובה, צוליעב זיין אייגענעם גענוס. ווארום דאָס קינד

איז דאך דעם פאטער'ס פלייש און בלוט און די טבע איז פון מענשען אכטונג צו געבען אויף זיינע קינדער מעהר ווי אויף זיך אליין. יעדער פאטער סטארעט זיך אז זיין קינד זאל האבען צו עסען, צו טרינקען און הלבשה, בעת אפילו איהם אליין קומט אוים צו הונגערען אדער ליידען קעלט. עס איז פאר איהם קיין זאך ניט שווער צו טהאן פאר זיין קינד'ס בעקוועמליכקייט. דער פאטער קען גאר אנדערש ניט האנדלען, ווייל דאס איז ביי איהם אן איינגעוואורצעלטע נאטור און ער קען ניט געהן געגען זיין נאטירליכע נייגונג. פון דעסטוועגען, כאטש דער פאטער איז געצוואונגען פון דער טבע צו טהאן גוטעס מיט זיינע קינדער און ער איז ניט מעהר ווי א שליח אין דער זאך, דאך האט די תורה אנגעזאגט, אז א קינד דארף דעם פאטער אפגעבען כבוד און מורא האבען פאר איהם, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: "כבד את אביך ואת אמך" — דו זאלסט עהרען דיין פאטער און מוטער, און "איש אמו ואביו תיראו" — יעדער זאל פאר זיין מוטער און פאטער מורא האבען.

די גוטעס וואס א הארר, א ווירטה טהוט מיט זיינע דיענער, איז בעוואוסט, אז ער איז דערמיט אויסען זיין אייגענע טובה. ווען ער בעהאנדעלט דעם דיענער גוט, איז איהם דער דיענער מעהר געטריי און ברייגנט איהם גרעסערע פראפיטען. פון דעסטוועגען, כאטש דער ווירטה מיינט גאר ניט דעם דיענער'ס אדער דעם ארבייטער'ס טובה, איז איהם דער לעצטער מחויב אפצוגעבען כבוד, אזוי ווי דער פסוק זאגט: "בן יכבד אב ועבד אדוניו" — א זוהן זאל עהרען זיין פאטער און א דיענער — זיין ווירטה.

ווען א רייכער טהוט גוטעס מיט אן ארימאן, ווען ער גיט צדקה און העלפט א נויטבעדערפטיגען, איז אויך ניט זיין כונה דעם ארימאן'ס טובה. ער מיינט נאר צו קריגען דערפאר שכר אויף יענער וועלט. דאס איז ביי איהם א מין געשעפט. פאר די ביסעל צדקה וואס ער גיט, האפט ער צו קויפען זיך עולם הבא. ער איז אויסען די מצוה און די תענוגים וואס ער וועט דערפאר האבען אויף יענער וועלט. פון דעסטוועגען, כאטש יענער האט גאר אין זינען זיינע אייגענע פראפיטען וואס ער וועט האבען נאך זיין טויט, דאך איז דער יעניגער וואס קריגט פון איהם די טובה מחויב צו דאנקען איהם און בענשען איהם, אזוי ווי איוב האט געזאגט: "ברכת אובד עלי תבא" — די ברכה פון דעם אומגליקליכען וואס איך האב געהאלפען זאל מיר געשעהן, און נאך עהנליכע פסוקים געפינען זיך אין די הייליגע שריפטען.

עס זיינען ווידער דא פעלע וואס מענשען טהוען איינע די אנדערע טובות צוליעב כבוד אדער זייער כונה איז אז אימיצער זאל זיי דערפאר אפטהאן טובות, ווען זיי וועלען זיך אין דעם נויטיגען. אין אזא פאל זיינען זיי אזוי ווי לייטע וואס בעהאלטען ביי אימיצען געלד עס זאל ליגען גרייט פאר א שלעכטע צייט. פון דעסטוועגען, כאטש זיי זיינען אויסען זייער אייגענע טובה, דאך פערדיענען זיי לויב־געזאנג און דאנקבארקייט, ווי עס ווערט געזאגט אין משלי: "מתן אדם ירחיב לו ולפני גדולים ינחנו" — דעם מענשען'ס געשאנק, ווען א מענש גיט צדקה, ווען ער העלפט נויטבעדירפטיגע, מאכט עס איהם גרויס און ברייגנט איהם אין געזעלשאפט פון גרויסע לייט. דאס הייסט: מען טהיילט איהם צו כבוד.

שטארקע העלפען הילפלאזע אויך ניט ווייל זיי זיינען אויסען יענעם'ס טובה. זיי טהוען דאס, ווייל זיי קענען ניט צוזעהן יענעם'ס צער און עס פערשאפט זיי עגמת נפש. דאס זעלבע איז זעהר אפט אויך מיט צדקה־געבער און מיט אנדערע

ארט גוטעס וואָס מענשען טהוען איינע מיט די אנדערע. זיי שטיצען אדער העלפען זייערע מיטמענשען, ווייל זייערע הערצער טהוען זיי וועה, ווייל זייערע נערווען זיינען ערשיטערט פון יענעם'ס צרות, פון יענעם'ס ליידען. דער געפיהל פון רחמנות פלאגט זיי און זיי ווילען מיט זייער טרחה אדער געלד זיך אליין לייכטער מאכען. דאך פערדיענען זיי אלע א דאנק פון די געשטיצטע און געהאָלפענע.

פאלגליך: איז גאר ניטאָ קיין מענשליכע טובה וואָס די כונה זאל זיין לשם טובה, ווייל אלע בעלי טובה האָבען גאר דערביי אנדערע אבזיכטען. זיי מיינען גאר שכר אויף יענער וועלט, כבוד אדער געלד פראָפיטען אויף דער וועלט, אדער זיי זיינען געצוואונגען פון דער נאטור צו טהאָן די גוטעס וואָס זיי טהוען. און די טובות וואָס מענשען טהוען מיט מענשען זיינען ניט קיין שטענדיגע און ניט קיין דויערהאפטע, דאך דארף מען זיי דערפאר דאנקען און ליבען, טאָ ווי דארף מען שוין דאנקען און ליבען דעם בעשעפער, וואָס טהוט מיט אונז שטענדיג גוטעס, אהן שום זייטיגע אבזיכטען און אהן אירגענד וועלכע אורזאך וואָס זאל איהם צווינגען דערצו ?

און מען דארף אין זינען האָבען נאך א זאך: אלע טובות וואָס מענשען געניסען פון מענשען זיינען נור צופעליגע. אלע מענשען זיינען קערפערליך גלייך. אלע מענשען האָבען איינעם און דעם זעלבען אויסזעהן, איינע און דיזעלבע גליעדער און כמעט איינע און דיזעלבע נאטור־אייגענשאפטען. עס איז מעהר ניט, מאנכע מענשען האָבען צייטליכע צוגעגעבענע זאכען וואָס אנדע־רע האָבען ניט. איינער איז שטארקער און א צווייטער שוואכער; איינער איז רייך און א צווייטער אָרים, פון דעסטוועגען דארף איינער דעם אנדערען דאנקבאר זיין פאר די גוטעס וואָס ער געניסט פון איהם. און איהם אפדיענען דערפאר מיט וואָס נור ער קען. טאָ ווי דארפען מיר שוין דאנקען און דיענען דעם בעשעפער פאר די טובות וואָס ער טהוט מיט אונז ?

ווען דער מענש וואָס געניסט טובות פון אן אנדער מענשען זאל זיך בעטראכטען אלס דער נידעריגסטער פון די נידעריגע אנטקעגען דעם וואָס טהוט מיט איהם גוטעס, וואלט ער דעם בעל טובה געדארפט זיין מעהר דאנקבאר. היינט אז מיר ווייסען, אז דער בעשעפער איז דער בעסטער, דער חשוב'סטער און ערהאבענסטער פון אלע עקזיסטירענדע אויף דער וועלט און מיר זיינען ניט מעהר ווי נידעריגע און שוואכע ברואים, דאך איז ער אונזער וואָהלטהעטער און הערט ניט אויף צו טהאָן גוטעס מיט אונז, איז דער שכל מחיב, אז מיר דארפען ניט אויפהערען צו דאנקען און ליבען איהם און דיענען איהם מיט אלע אונזערע כוחות פאר זיינע גרויסע חסדים, וואָס ער קוקט זיך אום אויף אונז, כאָטש מיר זיינען אנטקעגען איהם גארניט.

און פון גאָט'ס גרויסקייט און מאכט איז שוין געזאָגט געוואָרען אין ערשטען שער. און אז מיר מענשען זיינען אזוי גוט ווי גארניט נעגען איהם, קענען מיר וויסען ווען מיר בעטראכטען די זאך, אז מיר שטעהען אפילו נידעריגער פון אנדערע ברואים וואָס זיינען ניט בעגאבט מיט דער אייגענשאפט צו קענען רעדען. מיר זיינען איבערצייגט אין דעם דורך דרייערליי פונקטען: ערשטענס, זיינען דאָ חיות וואָס זיינען פיעל גרעסער און שטארקער פון אונז און קענען איבערטראָגען מעהר שלעכטעס און צער ווי מיר. און וועהרענד אנדערע לעבעדיגע בעשעפעניסען זיינען ניט קיין לאסט אויף זייערע עלטערען צו

האָדעוועז זיי, קען א מענש ניט אויסוואקסען אהן די גרויסע טרחה פון זיין פאטער און מוטער אָדער אנדערע וואָס פארנעהמען זייער פּלאץ.

צווייטענס, איז דער מענש אייגענטליך ניט גאר קיין ריינע בריאה. א מענש מוז זיך פון צייט צו צייט וואשען. זאָל ער זיך א לענגערע צייט ניט וואשען, ווערט ער ברודיג און קויטיג. ווען א מענש שטארבט, ווערט זיין קערפּער גיכער פערדאָרבען ווי אנדערע טויטע בעשעפעניסען און גיט ארויס אז ערגערן ריח ווי וועלכע עס איז טויטע בריאה.

דריטענס, זעהען מיר וואָס עס ווערט פון א מענשען ווען דער כח הדבור, די רעדענס־קראַפט ווערט פון איהם אוועקגענומען, אדער ווען עס פּאסירט עפּעס אין זיין מח און ער געהט אראָפּ פון זינען. ער איז דאן גרייט צו טויטען זיך דורך כל־ערליי מיתות משונות און קען אָפּטהאָן אזעלכע ווילדע מעשים וואָס קיין חיה טהוט ניט. מיר זעהען אויך אז דאָס רוב לעבעדיגע בעשעפע־ניסען ווייסען וואָס עס איז פאר זיי גוט און וואָס ניט. חיות ווייסען וואָס פאר א שפּייז עס איז פאר זיי גוט און וואָס עס איז שעדליך, א זאך וואָס אפילו א סך פערשטענדיגע מענשען ווייסען ניט, און מענשען אהן שכל — אודאי ניט.

פאָלגליך, ווען מיר בעטראכטען דעם אומגעהייער גרויסען קאנטראסט פון דעם בעשעפערס מאכט, קענטניס און חכמה און אונזער שוואכקייט און פעהלערהאפטיגקייט אין אלע הינזיכטען, און דאך גיט ער אויף אונז אכטונג און בעזאָרגט אונז מיט אונזערע בעדערפניסען, פערשטעהען מיר דערפון אויף ווי וויים מיר דארפען איהם אכטען און דיענען און דאנקבאר זיין שטענדיג און מורא האָבען פאר איהם, ווייל דאָס איז דער צוועק פון דעם מענשענס בעשאַ־פונג, און ער וועט נאָך דערפאר האָבען עולם הבא.

און אויב עס געפינט זיך א נארר, אן אומוויסענדער, וואָס האלט ניט אז א מענש איז מחויב צו דאנקען און לויבען גאָט, איז אויב ער וועט גוט בע־טראכטען דאָס וואָס עס איז פריהער געזאָגט געוואָרען, וועט ער מודה זיין אויפ׳ן אמת. דער פערשלאָפענער וועט זיך דאן אויפכאפּען און דער נארר וועט קלוג ווערען און דער קלוגער וועט נאָך קליגער ווערען, ווייל ער וועט דורכדעם מעהר איבערצייגט זיין אין די פליכטען פון מענש צו גאָט דורך די ראיות און בעווייזע וואָס זיינען פריהער בעוויזען געוואָרען.

איצט אז עס איז שוין פאר אונז קלאָהר, אז מיר זיינען מחויב צו דיענען דעם בעשעפער פאר די שטענדיגע טובות וואָס ער טהוט מיט אונז, האָבען מיר נאָך ארומצורעדען אייניגע ענינים און דאן וועלען מיר וויסען ווי אזוי און מיט וואָס צו דיענען דעם בעשעפער און אָפּדאנקען איהם פאר זיינע גרויסע חסדים וואָס ער טהוט מיט אונז.

# פרק ב׳

אייגענטליך שטעלט זיך א פראגע: וויבאלד אז דער שכל איז מחיב אז מיר דארפען דיענען גאָט און מיר זיינען איבערצייגט אין דעם, טא צו וואָס דארף מען גאָר דעם מענשען בעוועגען צו גאָטעס דיענסט? צו וואָס דארף מען איהם זאָגען: דיען דעם בעשעפער, אין דער צייט ווען ער פערשטעהט מיט׳ן אייגענעם שכל אז ער דארף אזוי טהאָן? איז דער תירוץ: אז פון דער צייט

וואס דער מענש הויבט אן נעניסען פון גאט'ס חסדים ביז ער בעגרייפט עס מיט'ן שכל געדויערט א לאנגע צייט. ווארום געניסען געניסט ער די טובות באלד פון דער צייט ווען ער ווערט בעשאפען און שכל קריגט ער ערשט מיט יאהרען שפעטער. דאריבער דארף מען איהם לערנען און אויפקלעהרען, אז ער האט געוויסע פליכטען צו זיין שטענדיגען וואהלטהעטער, כדי ער זאל ניט פערווילדעט ווערען איידער ער וועט קומען צום ריכטיגען פערשטאנד.

אבער אייגענטליך איז דער שכל אליין וויכטיג צו בעוועגען א מענשען צו גאטעס דיענסט. עס זיינען דא דרייערליי אורזאכען וואס שוואכען אפ דעם מענשען'ס שכל און פערטעמפען איהם. דאריבער זיינען מיר אויך מחויב צו לערנען ווי אזוי צו דיענען גאט פון דער תורה, פון די גוטע לעהרען וואס דער אויבערשטער האט אונז נעגעבען דורך זיין נביא משה.

דאס זיינען די דריי אורזאכען וואס שוואכען אפ דעם מענשענס ריכטיגען פערשטאנד:

ערשטענס, איז דער מענש בעשאפען פון פערשיעדענע זאכען, פון פערשיעדענע מאטעריאלען און עלעמענטען, וואס זיינען קאנטראסטען איינע פון די אנדערע. די נשמה פון מענשען און זיין קערפער זיינען דער היפוך איינע פון די אנדערע. און דער בעשעפער האט אין דעם מענשען איינגעפלאנצט זיטען און כחות חשק צו האבען צו געוויסע זאכען, וועלכע האלטען איהם אויף דער וועלט און גיבען איהם לוסט צו לעבען. און כאטש אפילו מענשען זעהען ווי זייערע מיטמענשען שטארבען און ווערען כלה, ווערט דאך דער לעבען ביי זיי ניט נמאס צוליעב זייער לוסט צו די קערפערליכע הנאות און תענוגים. די נאטירליכע נייגונג צו לעבען און געניסען איז אריינגעגעבען געווארען אין אלע בעשעפעניסען. אין דער נשמה פון מענשען איז איינגעפלאנצט נאך א מין כח אדער נייגונג, וואס איז דער היפוך פון די ערשטע. ווען דער מענש בענוצט זיך מיט די לעצטע, פערליערט ער דעם חשק צו קערפערליכע תענוגים און די נשמה וויל זיך גאר אפשיידען פון קערפער און קומען צוריק צו איהר שורש, אין די הימעלשע ספערען, פון וואנען זי קומט. אט דיזער כח אדער נייגונג איז די אמת'ע פאלשטענדיגע חכמה.

אבער ווייל די קערפערליכע הנאות קומען צום מענשען פון זיין קינדהייט אן; ווייל דער חשק צו געניסען פון לעבען קומט פריהער פאר'ן שכל, ווערט דער מענש דערצו צוגעוואהנט און עס ווערט איינגעווארצעלט אין זיין הארצען אזוי שטארק, אז דאס בעזיעגט דעם שכל וואס קומט שפעטער און ער פערנאכלעסיגט די נייגונג פון זיין נשמה און גיט זיך אפ מיט די זאכען צו וועלכע זיין קערפער גלוסט. דאריבער דארף דער מענש אנקומען צו זאכען וואס בעשטרייטען זיינע קערפערליכע, טהיערישע מדות און ברייננען איהם צום שכל. און דאס זיינען די לעהרען פון דער תורה, אין וועלכע גאט לערנט די מענשען ווי אזוי צו דיענען איהם.

צווייטענס: דער שכל איז א גייסטיגע זאך, גענומען פון א הויכע גייסטיגע וועלט און איז פרעמד אין דער וועלט פון קערפערליכע גראבע זאכען. די תאוה ווידער, דער חשק וואס דער מענש בעזיצט צו וועלטליכע הנאות אדער גענוסען, קומט פון פערשיעדענע עלעמענטען, פון קערפער וואס איז געבויט פון די הויפט יסודות: פייער, וואסער, ערד און לופט. דיזע העלפען ארויס איינע די אנדערע

און פערשטארקען די מענשליכע תאוות צו קערפערליכע הנאות. דער שכל אבער, וואס איז א דעליקאטנע זאך און איז, ווי געזאגט, פרעמד אין דער וועלט פון ממשות'דיגע קערפערס, ווערט אפגעשוואכט ניט האבענדיג ווער עס זאל איהם העלפען אדער אונטערהאלטען. דאריבער מוז דער שכל האבען אזעלכעס וואס זאל פון איהם אוועקשטויסען די כחות פון תאוה, פון לוסט צו קערפערליכע תענוגים, און דיזע הילף קריגט דער שכל דורך דער תורה, וועלכע לערנט אונז גוטע מדות און צו דערווייטערען זיך פון שלעכטעס.

דאריבער האט די תורה אנגעזאגט א סך זאכען וואס זיינען געגען געוויסע תאוות. אין דער תורה און אין די אנדערע הייליגע שריפטען ווערט געזאגט וועגען פאסטען, תפלה טהאן, צדקה געבען און אנדערע מדות, וואס זיינען דער קאנטראסט פון תאוות וואס דער מענש האט, כדי אויפצולעבען דעם שכל און פערשטארקען איהם. אזוי ווי דוד המלך זאגט: "נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי" — גאטעס רייד איז פאר מיר א ליכט און א בעלייכטונג צו מיין וועג, אין וועלכע איך דארף געהן. דאס הייסט: די תורה בעלייכט מיין שכל ער זאל מיך פיהרען אין ריכטיגען וועג. עס זיינען דא נאך עהנליכע פסוקים וואס דריקען אויס דעם זעלבען געדאנק.

דריטענס: די תאוה, דער חשק צו קערפערליכע גענוסען, איז א זאך וואס דער מענש געברויכט שטענדיג. דער מענש מוז אפט עסען און טרינקען, וואס דאס ברייגנט הנאה צום קערפער. ער שלאפט און געניסט אלע מאל אנדערע הנאות. די תאוות ארבייטען ביי איהם אהן אויפהער, וועהרענד דעם שכל בענוצט ער זעלטען. דער שכל איז דער געגענזאץ פון די תאות און זיין אויפגאבע איז בלויז צו דערווייטערען, צו פערטרייבען די תאוות און ער ווערט פאר דיזען צוועק ווייניג אנגעווענדעט. און עס איז בעוואוסט, אז די אברים, וועלכע מען נעברויכט שטענדיג לויט זייער נאטור, ווערט זייער צושטאנד פערבעסערט און זיי ווערען פון צייט צו צייט שטארקער. ווען אבער א מענש זאל גאר ניט טהאן מיט זיינע הענד, וואלטען זיי אפגעשוואכט געווארען. ווען א מענש זאל פאר א לאנגע צייט ניט געברויכען זיינע אויגען און זיי האלטען געשלאסען, וואלטען זיי זייער זעהע־קראפט פערלארען, און אזוי אלעס. דאריבער איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די תאוה, דער לעבענס־לוסט איז שטארקער פון דעם שכל, מחמת דאס ערשטע בענוצט מען א סך און דאס צווייטע זעהר ווייניג. צוליעב דעם מוז דער שכל האבען א העלפער כדי ער זאל האבען בכח גובר צו זיין די תאוות, און דאס איז די תורה, די געטליכע לעהרע, וואס ווען דעם שכל נעהמט איהר צו הילף, ווערט ער ריינער און מעכטיגער און ער קען דאן פערטרייבען די צופיעל קערפערליכע נייגונגען. אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: „תורת ה' תמימה משיבת נפש", און אזוי ווייטער די נאכפאלגענדע פסוקים.

פאלגליך, ווייסען מיר פון דעם וואס איז פריהער געזאגט געווארען, אז די ערוועקונג אדער בעוועגונג צו גאט'ס דיענסט דארף קומען דורך דער תורה וואס ענטהאלט מצוות, וועלכע מען פערשטעהט מיט'ן שכל און אויך אזעלכע וואס מיר פערשטעהען ניט, אבער מיר מוזען זיי אויספאלגען, ווייל אזוי איז געזאגט געווארען אויפ'ן בארג סיני, און דורך זיי, דורך דער תורה און די מצוות, ווערט דער מענש קומען צום ריכטיגען שכל, וואס דאס איז דער ריכטיגער צוועק פון די בעשאפונג פון מענשען אויף דער וועלט.

# פרק ג׳

אבער אויף וואס פאר אן ארט און ווייזע דארפען מיר דיענען גאט? אין וועלכע פרטים דארפען מיר דאס אויסדריקען? איז די הויפטזאך, אז מיר דארפען פיהלען צום בעשעפער די אונטערטהעניגקייט, די אונטערוואָרפענקייט, וואס מען פיהלט צו א וואָהלטהעטער, און וועלען אפצאהלען איהם מיט גוטעס פאר די גוטעס וואס מיר געניסען פון איהם.

אבער אונטערטעניגקייטען זיינען דא צווייערליי. איינער איז אמאל אונטערטעניג דעם אנדערען אויס מורא, אדער ווייל ער קוקט אויס, ער האפט צו קריגען פון יענעם א טובה אדער מעהר טובות ווי ער האט שוין פון איהם געקראגען. אזא אונטערטעניגקייט הייסט א געצוואונגענע. עס איז ווידער דא אן אונטערטעניגקייט וואס דער אונטערטעניגער בעטראכט אלס חוב, אלס פליכט. ער איז אונטערטעניג צו יענעם, אום אויסצודריקען, אז יענער שטעהט העכער פון איהם און ער פיהלט אז יענער האט ביי איהם פערדיענט אז ער זאל איהם שעצען און אכטען און זיך ערנידריגען געגען איהם. די אונטערטעניגקייט פון מענש צו גאט איז אויך אויף דיזעלבע צוויי אופנים. דאס ערשטע ברייגנט די מורא פאר שטראף אדער די האפנונג צו קריגען שכר אויף דער וועלט אדער אויף יענער וועלט. דאס לערנט אונז די תורה, וואס דערמאהנט אין פיעלע פלעצער, אז פאר היטען גאט׳ס געבאט וועט מען האבען גוטעס און אויב פערקעהרט, וועט מען געשטראפט ווערען. די צווייטע אונטערטעניגקייט האט ניט צו טהאן מיט שכר ועונש. א מענש קען זיין אונטערטעניג צום באשעפער, ניט האבענדיג דערביי אין זינען צו קריגען דערפאר געצאהלט אדער אויס מורא פאר שטראף, נור ווייל דער שכל דיקטירט איהם אזוי, אז ער זאל זיין אונטערוואָרפען און ערנידריגט געגען זיין וואהלטהעטער ניט האפענדיג אויף מעהר טובות און ניט מורא האבענדיג פאר וועלכע עס איז שלעכטעס.

און דיביידע סארטען אונטערטעניגקייט זיינען גוט און זיי היטען און בעשירמען דעם מענשען פון שלעכטעס. אבער איינע פון זיי ברייגנט דאס אנדערע. ווען א מענש איז אונטערטעניג צו גאט דורך דער לעהרע פון דער תורה, אויס די מורא פאר שטראף אדער די ערווארטונג אויף שכר, קומט ער נאכהער במילא צו דער אנדערער מדרגה פון אונטערטעניגקייט וואס איז בלויז אויס דאנקבארקייט און וואס דער שכל איז אויף דעם מחייב. און דיזע מדרגה איז א העכערע און מעהר אנגענומען ביים בעשעפער ווי די ערשטע. ווארום איז די צווייטע מדרגה פון אונטערטעניגקייט בעסער ווי דער ערשטע? וועלען מיר אנגעבען זיבענערליי טעמים.

ערשטענס: ווען א מענש דיענט גאט בלויז מצד התורה, ווייל די תורה הייסט אזוי, קען זיין אז ער זאל דאס טהאן לשם שמים, פון גאט׳ס וועגען אהן שום זייטיגע פניות, און עס קען ווידער זיין אז ער זאל דאס גאר טהאן פון לייטענס וועגען, כדי מענשען זאלען איהם האלטען פאר א פיינעם מאן און איהם אפגעבען כבוד. ווארום די תורה איז דאך געגרינדעט אויף שכר און עונש, אויף האפנונג צו גוטעס ווען מען פאלגט אויס איהרע געבאטען און אויף מורא פאר שלעכטעס, ווען מען פאלגט זיי ניט אויס. ווען אבער מען דיענט דעם בורא מצד השכל, ווייל מען פערשטעהט גרינדליך אז מען דארף איהם דיענען, דאן טהוט

מען דאס געוויס נור לשם שמים אהן שום חניפה און פעלשונג און מען האט דערביי ניט אין זינען געליבטע צו ווערען פון אימיצען אדער קריגען דערפאר געוויסע בעלוינונגען און מען טראכט אויך ניט וועגען שטראף. די כונה פון אזא גאט'ס דיענסט איז נור נאכצוקומען די פפליכטען וואס א בעשאפענער איז פערפפליכטעט צו זיין בעשעפער.

צווייטענס: ווען מען ווערט א עובד ה' דורך דער תורה, ווייל מען האט מורא פאר'ן שטראף אדער מען האפט אויף שכר, איז דאך דאס לכתחילה אזוי ווי א געצוואונגענע זאך. דעריבער קען דער מענש דענקען אז פיעל ער טהוט איז געגנוג אדער נאך צופיעל. ווען אבער מען איז אן עובד ה' ווייל מען פערשטעהט מיט'ן שכל אז מען דארף אזוי טהאן, טהוט מען דאס פריוויליג און אז מען טהוט א זאך מיט'ן איינענעם רצון, סטארעט מען זיך צו טהאן וואס מעהר און וואס בעסער. דער וואס דיענט דעם בורא על פי שכל ווייס און איז איבערצייגט, אז דער בורא טהוט פאר איהם מעהר ווי ער טהוט פאר'ן בורא מיט זיין דיענען איהם. און ער דענקט קיינמאל ניט אז ער דיענט איהם צופיעל. זיין גייסט, זיין נשמה האט דערפון הנאה און ער בעטראכט ניט דאס וואס ער טהוט פאר גאט פאר אן אנגעווארפענע זאך.

דריטענס: דער וואס דיענט גאט בלויז צוליעב דעם ווייל אזוי איז געשריבען אין דער תורה, זעהט מען די גוטע טהאטען וואס ער טהוט מיט זיין קערפער, מיט זיינע גליעדער, אבער די עבודה שבלב, דאס דיענען גאט מיט'ן הארצען, מיט'ן געדאנק, קען זיין, פעהלט איהם. דער אבער וואס דיענט גאט ווייל ער פערשטעהט מיט'ן שכל אז מען דארף איהם דיענען, איז זיין עבודה שבלב, זיין אינערליכע דיענסט, די אונטערטעניגקייט וואס ער פיהלט אין הארצען נאך מעהר ווי די גוטע מעשים וואס מען זעהט איהם טהוענדיג. אזעלכער קומט נאך די חובות הלבבות, די הערצען־פפליכטע, וואס דאס איז דער עיקר אין עבודת הבורא.

פיערטענס: איז די עבודת הבורא, וואס דער מענש לערענט פון דער תורה, מעהר ניט ווי א טיהר אדער א טהויער צו דער ריכטיגער עבודה וואס קומט פון שכל. דאס הייסט: אז מען לערענט די תורה און מען פאלגט אוים איהרע געבאטען אפילו בלויז מיט דער כונה אויסצומיידען שטראף אדער בעלוינט צו ווערען, קען דאס במילא ברייננגען צו דער ריכטיגער גאטעס דיענסט על פי שכל. די לעהרען פון דער תורה זיינען אזוי ווי די ארומארבייטונג אין א פעלד וואס מאכט די פערזעעטע קערנער צו וואקסען. דורך דער תורה קען דעם מענשען'ס שכל אויסגעארבייט ווערען, אז ער זאל דיענען גאט ניט אויס מורא פאר שטראף אדער ערווארטונג אויף שכר. אזוי ווי אונזערע חכמים האבען געזאגט:

"אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס" — איהר זאלט ניט זיין ווי דיענער וואס דיענען זייער ווירטה, כדי צו קריגען געצאהלט. "ויהי מורא שמים עליכם" — די מורא פון גאט זאל אויף אייך זיין, ניט די מורא פון שטראף. פאלגליך, איז אלץ די עבודה על פי שכל א העכערע און בעסערע מדרגה.

פינפטענס: האבען די מצוות פון דער תורה א גרעניץ. זיי זיינען בעשרענקט אין א געוויסע צאהל — תרי"ג מצוות, זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצוות. אבער די מצוות וואס דער שכל קען טהאן האבען גאר קיין שיעור ניט. וויבאלד אז דער מענש פערשטעהט מיט'ן שכל אז ער דארף דיענען דעם בעשע־

פער, וועט ער טאג טעגליך אלץ מעהר פערשטעהן און אלץ מעהר אנערקענען די חסדים וואס דער בעשעפער טהוט מיט איהם און ער וועט אלץ מעהר און מעהר זיין אונטערטעניג און זיך ערניעדעריגען פאר איהם. דעריבער זאגט דוד המלך ע"ה אין תהלים: "לכל תכלה ראיתי קץ, רחבה מצותך מאד" — צו אלע זאכען האב איך געזעהן א סוף, א גרעניץ, אבער דיינע געבאָט זיינען זעהר ברייט. דאס הייסט, אז עס איז גאר קיין שיעור ניטא צו די שולדען וואס מיר זיינען דעם בעשעפער שולדיג פאר די טובות וואס ער טהוט מיט אונז.

זעקסטענס: די עבודה וואס מען לערענט פון דער תורה ליגט אין דעם רצון און כח פון מענשען. ווען דער מענש וויל נור האט ער ביכולת נאכצוקומען די פארשריפטען פון דער תורה. די צווייטע מדרגה אבער, דיענען גאט על פי שכל, דערצו מוז מען זיך שוין שטארק אנשטרענגען און אנקומען צו גאט'ס הילף, ווייל עס איז זעהר שווער צו קומען דערצו. דעריבער בעט דוד המלך אין "אשרי תמימי דרך", אז גאט זאל איהם קומען צו הילף און ער זאל איהם קענען דיענען ווי געהעריג איז.

זיעבענטענס: ווען א מענש דיענט דעם בורא בלויז ווייל אזוי האט ער געלערענט אין דער תורה, איז ער מיט זיך אליין ניט זיכער, אז ער זאל זען עס איז ניט אראפ פון גלייכען וועג. די תאוה וואס א מענש בעזיצט, דער לעבען-לוסט וואס איז אין מענשען איינגעווארצעלט פון זיין קינדהייט אן, קען גובר זיין און קען איהם ברייננגען צו זינד. מיט דער עבודה אבער וואס קומט פון שכל איז דער מענש זיכער אז ער וועט דערביי פערבלייבען. ווארום דער שכל איז ניט קיין קערפערליכער געגענשטאנד און האט ניט קיין נייגונג צו קערפערליכע גענוסען. דער שכל קען שטענדיג גובר זיין די קערפערליכע תאוות און דעריבער שטעהט דאס דיענען דעם בעשעפער על פי שכל העכער ווי דיענען איהם דורך די פארשריפטען פון דער תורה.

אבער פון דעסטוועגען מוז מען אנקומען צו דער תורה, כדי צו קומען צו דער ריכטיגער מדרגה פון עבודת הבורא, ווי עס וועט ווייטער ערקלערט ווערען.

## פרק ד'

צוליעב זיעבען אורזאכען מוז מען אנקומען צו דער תורה, אום צו קומען צו עבודת ה'.

ערשטענס, איז בעוואוסט אז דער מענש בעשטעהט פון א גוף און א נשמה און ער האט צווייערליי נייגונגען. איינע ברייננגט איהם איבערצוגעבען זיך צו פארגעניגענס און זינקען אין טהיערישע תאוות און פערטרייבען פון זיך דעם ריכטיגען ריינעם פערשטאנד. די צווייטע נייגונג זיינע איז פארקעהרט אזעלכע וואס ברייננגט איהם צו פער'מיאוס'ען די וועלט, אויסצומיידען פארגעניגענס און אפזאגען זיך פון קערפערליכע ענינים, ווייל ער זעהט איין, אז דיעזע וועלט איז ניט קיין אייביגקייט, אז סוף כל סוף מוז מען זי פערלאזען, און אפילו די צייט וואס דער מענש לעבט איז ער אונטערוואַרפען כל-ערליי בייזע בעגעגעניסען. דאריבער איז איהם דער לעבען ניט ניחא און דאס בעוועגט דעם מענשען מבטל צו מאכען די וועלט און האבען לוסט צו דערגרייכען דעם הימעלישען שכל אויף יעגער וועלט.

אבער דיביידע עקסטרעמע נייגונגען זיינען ניט גוט. עס טויג ניט נאכצוגעבן אין גאנצען דעם קערפער און עס טויג ניט נאכצוגעבן אין גאנצען דער נשמה. ווען א מענש איז דיזע וועלט אין גאנצען מבטל ברייגנט עס גרויס שאדען אין דער וועלט'ס ארדנונג. אז מען האלט פון דער וועלט גאר ניט און מען שטרעבט נור צו יענער וועלט, וויל מען גאר ניט אויפטהאן, און די וועלט קען קיין קיום ניט האבען אהן די אויפטהועכצען פון מענשען. ווען ווידער מען גיט זיך אפ אין גאנצען מיט עולם הזה, ווען מען לאזט זיך אריין אין צופיעל קערפערליכע תענוגים, קען דאס ברייגנגען דערצו, אז מען זאל ניט האבען ניט די וועלט, ניט יענע וועלט. דאריבער האט דער אויבערשטער מיט זיינע גרויסע גענאדען אנגעצייגט די מענשען א מיטעל-וועג, אין וועלכען זיי זאלען געהן. ער האט געמאכט א פשרה צווישען דעם גוף און דער נשמה, אז זיי זאלען ביידע ניט זיין צו עקסטרעם, און דאס זיינען די לעהרען פון דער תורה, וואס דערוויטערען די מענשען פון צופיעל תאוות אויף דער וועלט, כדי זיי זאלען אויך האבען יענע וועלט.

צווייטענס: עס זיינען דא מצוות, וואס דעם מענשען'ס שכל וואלט איהם ניט בעוועגט צו טהאן זיי. למשל: תפלה טהאן, פאסטען אדער געבען צדקה. דער שכל קען גאר דיקטירען אז תפלה טהאן צו גאט, בעטען ביי איהם רחמים אדער פאסטען קען קיין שום ווירקונג ניט האבען. ווארום וויסענדיג אז אין דעם בעשעפער קומט קיינמאל ניט פאר קיין ענדערונג, איז דאך ניט שייך צו זאגען, אז די תפלה אדער דער תענית זאל אין איהם מאכען וועלכען עס איז שינוי. נאכ'ן שכל קען אויסקומען, אז ווער עס איז ווערטה גוטעס, קריגט עס און ווער עס האט דאס ניט פערדיענט, קען איהם קיין בעטען און פאסטען ניט העלפען. וועגען צדקה און אנדערע וואהלטהאטען, קען אמאל על פי שכל אויסוויזען, אז מען דארף דאס ניט טהאן. ווארום אויב איינער איז לויט זיינע מעשים ווערטה צו האבען אלעס וואס ער דארף, וועט איהם גאט אליין געבען, און אז ער גיט עס איהם ניט, מסתמא דארף מען ניט. און ווען אפילו דער שכל זאל דיקטירען אז מען דארף יא תפלה טהאן, פאסטען און געבען צדקה און טהאן מענשען טובות, וואלט מען אבער ניט געוואוסט ווען צו טהאן די אלע זאכען, וויפיעל צו טהאן דאס און אויף וואס פאר אן אופן. מען וואלט אויך קיין אידעע געהאט וועגען די שטראף פאר ניט מקיים זיין די דאזיגע מצוות. דאריבער איז געזאגט און אנגיזדייטעט געווארען אין דער תורה און אין די הייליגע שריפטען פון די נביאים וועגען תפלה און פאסטען אויף וואס פאר אן אופן דאס זאל געטהאן ווערען, און אויך ענינים פון וואהלטהאט ווי דאס זאל דורכגעפיהרט ווערען און וועגען שכר און עונש פאר מקיים זיין אדער ניט מקיים זיין די דאזיגע מצוות. פאלגליך, קען מען ניט קומען צו דער מדרגה פון ערפילען דעם רצון פון בעשעפער סיידען דורך ביידע זאכען, דורכ'ן שכל און דורך דער תורה.

דריטענס: קען דער שכל אליין ניט בעוועגען אלע מענשען צו גאטעס דיענסט, ווייל שכל, אמת'ער שכל, איז א זאך וואס ניט אלע בעזיצען. און אפילו צווישען די פערשטענדיגע מענשען זיינען אויך דא קליגערע און נאך קליגערע און זיי קענען זיך אין דיזען פרט ניט אויסגלייכען. די לעהרען אבער פון דער תורה לערנען אלעמען גלייך, דעם געלערנטען און דעם פראסטאק, כאטש אפילו דער ערשטער פערשטעהט זיי מעהר און דער צווייטער — וויניגער. די תורה איז ניט געגעבען געווארען פאר געוויסע קלאסען אזוי און פאר געוויסע אנ-

דערש, נור פאר אלע קלאסען מענשען גלייך. דאס וואס איינער איז מעהר מקיים די תורה און א צווייטער וויינינגער, איז ווייל דער ערשטער פערשטעהט זי בעסער פון דעם צווייטען. ווען אבער עס וואלטען ניט געגעבען געווארען די לעהרען פון דער תורה, וואלטען אפילו א טהייל פערשטענדיגע מענשען ניט געוואוסט די פליכטען פון עבודת הבורא. וויינינגסטענס וואלטען זיי בלויז א טהייל גע־וואוסט, אבער ניט אין גאנצען.

פיערטענס: איז דאך א זיכערע זאך אז מענשען זיינען פערפליכטעט צו דיענען איינעם און זיין אונטערטהעניג אונטער איהם לויט די טובות וואס זיי געניסען פון יענעם. א גרעסערען בעל טובה דארף מען מעהר דיענען ווי א קלענערען. און אזוי ווי אין יעדען דור קומען פאר פערשידענע ענדערונגען אויף דער וועלט און עס פאסירען זאכען, פון וועלכע איין פאלק געניסט מעהר פון אן אנדערען, איין לאנד, צום ביישפיעל, האט א הונגער און די צווייטע א גרויס גערעטענים, אדער אין איין לאנד איז חלילה א מגפה און אין דער צווייטער ניט, איז דאך דער שכל מחייב, אז די וואס געניסען מעהר גוטעס, דארפען מעהר דיענען דעם בורא וואס האט זיי געבראכט די גוטעס. אבער דאס איז אלץ גע־רעדט, ווען דאס פאלק ווייסט אז עס האט געגאסען מעהר טובות ווי אנדערע פעל־קער. ווען דאס פאלק וויים דאס אבער ניט, וועט דער שכל אליין דאס ניט ברייגנגען דערצו אז עס זאל האלטען אלס א פליכט צו דיענען דעם בורא מעהר פון אנדערע פעלקער. און פון וואנען ווייסען מיר אידען, אז דער בעשעפער האט מיט אונז געטהאן מעהר טובות ווי מיט אנדערע? פון דער תורה, וועלכע דערצעהלט אונז פון יציאת מצרים און די אנדערע גרויסע נסים און חסדים וואס ער האט מיט אונז געטהאן. דערפון ווייסען מיר אז מיר דארפען דיענען גאט מעהר ווי אנדערע. און כאטש מיט אונזער דיענען איהם צאהלען מיר איהם אפ א חוב וואס מיר זיינען איהם שולדיג און עס קומט אונז דערפאר ניט קיין דאנק, דאך ווערט נאך אונז פערשפראכען גוטע בעלוינונגען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. און דאס אלעס ווייסען מיר פון דער תורה, אבער דער שכל אליין וואלט דאס אונז ניט געלערנט.

דער פינפטער טעם ווארום מיר מוזען האבען די תורה איז: ווייל די תורה, ווי עס איז שוין פריהער געזאגט געווארען, מוז דיענען אלס א פאדער־זאך צום שכל. דער מענש, ווען ער איז יונג, מוז מען איהם לערנען און פירהען אין גוטען וועג ביז זיין שכל ווערט שטארק און פאלקאם. און אפילו עלטערע מענשען זיינען אויך דא וואס זייער שכל איז ניט רייף גענוג און איז צו שוואך גובר צו זיין די קערפערליכע תאוות, און פאר דיזע מוז מען האבען א מיטעל־וועג, וואס זאל זיי ברייננגען צו גאט'ס דיענסט אהן שארפען פערשטאנד. דאריבער זיינען די לעהרען פון דער תורה געגרינדעט געווארען אויף די פרינציפען פון שכר ועונש, האפען צו קריגען גוטעס פאר טהאן גוטעס און מורא האבען פאר שטראף פאך טהאן שלעכטעס. און אפילו דער וואס טהוט גוטעס מיט דער כונה צו קריגען דערפאר שכר און מיידט אויס שלעכטעס אויס מורא פאר שטראף, שטעהט ער אויך אויף דער שטופע פון עכט פרומע און איז בערעכטיגט צו בעלוינונג אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. און דער וואס שטייגט ארויף פון דיזען סארט עבודת הבורא צו עבודת הבורא וואס קומט פון שכל, פון אויפקלעהרונג, קען דער־גרייכען די שטופע פון די נביאים און גאר גרויסע צדיקים און זיין בעלוינונג אויף דער וועלט איז די שמחה און די הנאה פון דעם גופא וואס ער דיענט דעם רבונו

של עולם, און אויף יענער וועלט וועט ער האבען אזעלכע גייסטיגע פארגעניגענס וואס מען קען גאר ניט אפמעלדען און פארשטעלען זיך אפילו אין פאנטאזיע. אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "מה רב טובך אשר צפנת ליראיך" — ווי גרויס זיינען דיינע גוטע זאכען וואס דו האסט בעהאלטען פאר דיינע פערעהרער. און נאך אזעלכע עהנליכע פסוקים געפינען זיך אין תנ"ך.

דער זעקסטער טעם איז: ווייל עבודת הבורא איז כולל זאכען, וועלכע זיינען אונערקלעהרבאר פאר'ן שכל, דהיינו שעטנז און דאס גלייכען, און ווידער אזעלכע וואס דער שכל איז מחייב אז אזוי דארף מען טהאן אדער אזוי דארף מען ניט טהאן. און אזוי ווי בעת די אידען זיינען ארויסגענומען געווארען פון מצרים זיינען זיי געווען שוואכזיניג, ארייגעטהאן אין טהיערישע תאוות אזוי, אז זייער שכל איז געווען טעמפ צו פערשטעהען אפילו די געבאטען וואס דארפען פערשטאנען ווערען מיט'ן שכל, דאריבער האט זיי גאט געגעבען די תורה און ניט געמאכט קיין אונטערשיעד צווישען פערשטענדליכע געבאטען און אונפערשטענדליכע. ער האט געגעבען אלע מצוות צוזאמען, אי די וואס מען קען פערשטעהען מיט'ן שכל, אי די וואס מען קען ניט פערשטעהן, כדי מען זאל זיי אלע אויספאלגען, אויב ניט מצד השכל, איז צוליעב דעם ווייל גאט האט אזוי געהייסען, און אויף דיזען אופן וועלען אלע זיין גלייך, אי די וואס וועלען בעגרייפען די מצוות מיט זייער פערשטאנד, אי די נאראנים און אונוויסענדע, וואס פערשטעהען דאס ניט. ווען אבער די תורה וואלט ניט געגעבען געווארען, וואלט מען אפילו אין בעסטען פאל נור געוואוסט פון די מצוות וואס זיינען פערשטענדליך און אפשר דאס אויך ניט, ווייל, ווי געזאגט, זיינען די מענשען דאמאלס געווען צופיעל געזונקען אין טהיערישע תאוות און זיי האבען אפילו שכל'דיגע געבאטען אויך ניט פערשטאנען.

דער זיעבענטער טעם ווארום מען דארף די תורה זי זאל בעווענען צו גאטעסדיענסט, איז דיעזער:

די תורה איז געגעבען געווארען דורך א פערמיטלער, דורך משה רבנו, וועלכער האט געציינט אותות ומופתים, וואונדערטהאטען, וואס מענשען האבען געזעהען און געפיהלט מיט זייערע קערפערליכע חושים. אלע, אפילו ניט די בעלי שכל, האבען עס בעגריפען און קיינער האט עס ניט געקענט אפלייקענען. דערפון האבען אפילו די גאר אומוויסענדע געדרונגען אז אלעס וואס משה האט געזאגט אין גאט'ס נאמען איז אמת, און מען דארף אלעס אויספאלגען, צי מען פארשטעהט די געבאטען, צי מען פארשטעהט זיי ניט. די אותות ומופתים זיינען דאך געווען איבערצייגענד, האבען זיי שוין געדיענט אלס איבערצייגונג, אז מען דארף משה'ן פאלגען אלעס וואס ער זאגט.

ווארום דאס איז דאך א פשוט'ע זאך. דער וואס בעגרייפט נור די טובות וואס אימיצער האט מיט איהם געטהאן, גלויבט ער אז ער איז פערפליכטעט צו דיענען יענעם לויט זיין בעגריף. ער מעג אפילו זיין דער גרעסטער פראסטאק, דער גרעסטער שוטה, קוים אבער פיהלט ער אז ער האט פון יעמאנדען עפעס גענאסען, גלויבט ער, אז ער דארף יענעם אויף וועלכען עס איז אופן אפדיענען. און אז איינער ווייס און איז איבערציינגט, אז דער בורא האט מיט זיין פאלק געטהאן מעהר טובות ווי מיט אנדערע פעלקער, גלויבט ער, אז ער דארף איהם דיענען מעהר ווי אנדערע און אויספאלגען אפילו אזעלכע געבאטען וואס ער בעגרייפט ניט מיט'ן שכל.

אזוי איז אויך ווען איינער איז איבערצייגט אז א געוויסער טהייל אדער א געוויסער קלאס, צו וועלכען ער בעלאנגט טאקי פון זעלבען פאלק, האט מעהר פריווילעגיען פון גאט'ס געגאדען ווי די אנדערע טהיילען אדער קלאסען פון זיין פאלק, גלויבט ער, אז ער דארף מקיים זיין די עקסטרא מצוות וואס זיינען געגעבען געווארען נור פאר די צו וועלכע ער בעלאנגט. די כהנים און לויים, למשל, האבען געהאט געוויסע פריווילעגיען וואס אנדערע האבען ניט געהאט. דאריבער זיינען פאר די כהנים און לויים געגעבען געווארען עקסטרא מצוות, וואס זיינען ניט געגעבען געווארען צו די אנדערע שבטים, און זיי האבען גע־פיהלט די פליכט אויסצופאלגען זיי. דאס זיינען אלעס רעזולטאטען דערפון וואס גאט האט געגעבען די תורה דורך משה רבנו, וועלכער האט געצייגט וואונ־דערליכע זאכען, וואס מען האט געזעהן און געפיהלט, און דאריבער האט מען איהם שוין געגלויבט אין אלעם וואס ער האט געזאגט אין גאט'ס נאמען.

פון דעם איז צו לערנען אז יעדער מענש, וועמען גאט גיט גוטעס מעהר פון אנדערע, דארף איהם דיענען און דאנקען פיעל ער קען און פיעל ער בעגרייפט אויסער די אלגעמיינע דיענסט וואס אלע זיינען מחויב צו דיענען איהם. דערפאר וועט איהם דער בעשעפער געבען מעהר גוטעס לעולם הבא. א מענש דארף ניט און טאר ניט זיין אזוי ווי די וואס דער נביא הושע האט אויף זיי געזאגט פון גאט'ס וועגען: "וכסף הרביתי להם וזהב עשו לבעל" — איך האב זיי געגעבען א סך זילבער און גאלד און זיי האבען דאס פערברויכט אויף עבודה זרה, אויף געצענדיענסט.

און דער וואס דאנקט ניט גאט פאר זיינע פערזענליכע טובות; דער וואס לייגט ניט צו בעזונדערע גאטעס דיענסט פאר די חסדים וואס ער האט גענאסען מעהר פון אנדערע, וועט עס איהם בריינגען דערצו, אז ער וועט אין גאנצען אויפגעבען די עבודת הבורא. ער וועט אפילו ניט אפהיטען די אלגעמיינע פליכטען צום רבונו של עולם און וועט פערלאזען די גאנצע תורה און איהרע גוטע לעהרען. און וויבאלד ער וועט פון זיך אראפווארפען דעם יאך פון דער תורה, וועט ער שוין ניט אפהיטען אפילו די פליכטען וואס זיין אייגענער שכל דיקטירט איהם אז מען דארף זיי אפהיטען. אין אזא פאל געהט דער מענש גאר אין גאנצען ארויס פון כלל מענש און איז נאך ערגער פון א בהמה. ווארום א בהמה האט אויך עפעס א געפיהל פון אנערקענונג, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין ישעיה: "ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו" — דער אקס קען זיין ווירטה וואס האט איהם געקויפט און דער עזעל — זיין אייגענטהימער'ס קארעטע אין וועלכע ער גיט איהם עסען. און דער סוף פון אזא אונדאנקבארען קען זיין זעהר שלעכט, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין תהלים: „ואויבי ה' כיקר כרים" — גאט'ס פיינד זיינען אזוי ווי אקסען וואס מען שטאפט, מען גיט גוט עסען און זיי ווערען פעט צו דער שחיטה.

## פרק ה.

מיר דארפען ערקלערען דייטליכער ווי אזוי די תורה בריינגט דעם מענשען צו גאטעס דיענסט. מיר דארפען די תורה צוגליעדערען אויף חלקים און בע־טראכטען וואס מענשען קענען געניסען, ווען זיי גלויבען אין דער תורה און זיינען איהר מקיים.

די תורה איז א געטליכע זאך, געגעבען פון גאט דורך איינעם פון די מענ־שען, וואס איז איהם געפעלען געוואָרען פאר זיין דיענען איהם—דורך משה רבנו, מיט דעם צוועק אז מענשען זאָלען דורכדעם בעלוינט ווערען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. דאָס געבען די תורה איז פון גאָט געווען א חסד, א טובה פאר די מענשעהייט.

די תורה צוטהיילט די מענשליכע טהאטען אין דריי חלקים: א) זאכען וואָס איז געבאָטען אז מען זאָל טהאָן (ציוויים); ב) זאכען וואָס איז פער־וועהרט צו טהאָן (אזהרות); ג) זאכען וואָס מען מעג טהאָן אויב מען וויל, אָבער קיין חוב, קיין געבאָט איז עס ניט (מותרות). די ערשטע, די זאכען וואָס די תורה הייסט אז מען זאָל דוקא טהאָן, זיינען צוטהיילט אויף צוויי טהיילען: הערצליכע מצוות און טהאטליכע מצוות. הערצליכע, מיינען די דאָזיגע פער־זאָגען וואָס מען איז זיי מקיים נור מיט'ן הארצען, מיט דעם געדאנקען, ווי גלויבען אין גאָט'ס איינהייט, האָבען בטחון אין איהם, זיין איבערגעגעבען צו איהם, אָננעהמען זיינע משפטים פאר גוטען, גלויבען אין די נביאים, פערשטעהן און בעגרייפען די טובות וואָס דער בורא טהוט מיט אונז מענשען און נאָך פיעלע אזעלכע. טהאטליכע מצוות זיינען די, צו וועלכע די גליעדער און דאָס הארץ דארפען זיין פעראייניגט. צום ביישפיעל: רעדען דאָס זעלבע וואָס דאָס הארץ דענקט, לערנען, תפלה טהאָן, פאסטען, צדקה געבען, סוכה, לולב, ציצית און דאָס גלייכען, וואָס דער מענש דאַרף טהאָן מיט זיינע אברים, און זיין הארץ, זיין מחשבה מוז אויך זיין דערביי.

די אזהרות, פערזאָגען, וואָס מען זאָל ניט טהאָן, זיינען אויך צוטהיילט אויף צוויי טהיילען: הערצליכע און טהאטליכע. זאכען וואָס מען טאָר ניט האָבען במחשבה, וואָס מען טאָר ניט אין זינען האָבען, און זאכען וואָס מען טאָר ניט טהאָן מיט די גליעדער. די ערשטע זיינען, צום ביישפיעל: דאָס דיענען גאָט און דערביי האָבען זייטיגע כונות. דיענען גאָט מיט פאלשקייט, מיט דער זייטיגער כונה, כדי מענשען זאָלען איהם האלטען פאר א צדיק; האָבען אין זינען צו טהאָן זאכען וואָס מען טאָר ניט טהאָן; האָבען אין זיך גאוה; מבזה זיין מענשען ביי זיך אין הארצען; אפלאכען אין געדאנקען פון נביאים און געטליכע זאכען; ליעב האָבען שלעכטע מענשען; מקנא זיין; פערדרוס האָבען אויפ'ן בעשעפער פאר שלעכטעס וואָס ער ברייננגט אויף א מענשען, און פיעלע אזעלכע. די עבודת הבורא דאַרף זיין ריין פון זייטיגע אבזיכטען. אפילו ווען מען דיענט גאָט מיט דער כונה כדי צו קריגען דערפאר שכר, וואָס נאָך אונזער שיטה איז דאָס ניט קיין איסור, מוז מען אָבער דער־ביי אין זינען האָבען און גלויבען אז דעם שכר, אויף דער וועלט אָדער אויף יענער וועלט, וועט גאָט געבען, ניט קיין אנדערער. און דאָס וועט במילא ברייננגען צו דיענען דעם בורא על פי השכל.

די אזהרות וואָס מען טאָר ניט טהאָן מיט די אברים, מיט די פיזישע גליעדער, זיינען די פיעלע זאכען וואָס די תורה האָט פערזאָגט אז מען זאָל זיי ניט טהאָן, ווי דיענען עבודה זרה, פאלש שווערען, רכילות רעדען, עסען טרפות, גנב'ענען, גזל'ענען, מאָרדען און דאָס גלייכען.

מותר, די זאכען וואָס מען מעג טהאָן, אָבער עס איז ניט קיין מוז אז מען

זאָל זיי טהאָן, זיינען דאָ דרייערליי: נויטוועןדיגע, איבערפליסיגע און קאַרגהאַפּטע.

לאָמיר נעהמען, צום ביישפּיעל, עסען, טרינקען, און קליידונג, דאָס זיינען נויטוועןדיגקייטען פאַר'ן מענשען. ער מוז דאָס האָבען און אָהן דעם קען ער ניט אויסקומען. דאָס זעלבע איז אויך מיט שלאָפען. קיין דירעקטער פערזאָג אז מען זאָל עסען, טרינקען, קליידען זיך און שלאָפען איז ניטאָ; קיין פערבאָט אז מען זאָל דאָס ניט טהאָן איז אויך ניטאָ, דעריבער געהערען די זאכען צום קלאַס פון "מותר".

אָבער צו די זאכען איז קיין שיעור ניטאָ. מען קען אויסקומען מיט עסען אזוי פיעל וויפיעל עס ווערט געפאָדערט אויפצוהאַלטען דעם געזונד און מען קען עסען איבערפליסיג, צו פיעל, מעהר פיעל עס איז נויטיג, פיעל מען מוז אומבעדינגט עסען. דאָס זעלבע ווידער קען מען מקצר זיין, קאַרגען מיט'ן עסען און געברויכען ווייניגער שפּייז ווי דער קערפּער פאָדערט אויפצוהאַלטען זיין עקזיסטענץ. דאָס זעלבע איז אויך מיט טרינקען, קליידען זיך, שלאָפען און אַנדערע זאכען.

די ערשטע מדה פון געניסען נור אזוי פיעל וויפיעל מען מוז, וויפיעל עס איז נויטיג, איז די בעסטע. די איבערפליסיגקייט אין דעם פּרט, דאָס לאָזען זיך צופיעל וואוילגעהן אין עסען, טרינקען, קליידען זיך און דאָס גלייכען, טויג ניט, ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: "אל תהי בסובאי יין בזוללי בשר" — דו זאָלסט ניט זיין צווישען וויין־זויפער און פלייש פרעסער. ריידען איז אויך איינע פון די נויטוועןדיגסטע זאכען פאַר'ן מענשען; אָבער צופיעל טויג דאָס אויך ניט, אזוי ווי דער פּסוק זאָגט: "ברוב דברים לא יחדל פשע" — פון פיעל ריידען איז זינד אונפערמיידליך. קיין דירעקטער פערבאָט אין דער תורה איז דערויף ניטאָ, אָבער אז א מענש לאָזט זיך אריין אין צופיעל קערפּערליכע תענוגים ברייננט עס איהם סוף כל סוף צו טהאָן זאכען וואָס זיינען פערבאָטען.

דאָס מקצר זיין אין נויטוועןדיגע זאכען, לאָזען זיך פיהלען מאַנגעל אין עסען, טרינקען, שלאָפען וכדומה, טהוען אָפּטמאָל מענשען צוליעב צוויי אורזאַכען. עס זיינען דאָ אזעלכע וואָס ווילען ניט הנאה האָבען פון דער וועלט אויס פרומקייט. זיי מיידען אויס זאכען, פון וועלכע דער גוף האָט הנאה, כדי דערנעהעןטערען זיך מעהר צו גאָט, און אַנדערע ווידער קאַרגען מיט'ן עסען און מיט אַנדערע זאכען ענטוועדער אויס קאַרגשאַפט, ווייל זיי זשאַלעווען אויסגעבען געלד, אָדער זיי טהוען דאָס פאַר דער וועלט, פון לייטענס וועגען, כדי מען זאָל אויף זיי זאָגען אז זיי זיינען צדיקים וואָס האַלטען ניט פון קערפּערליכע תענוגים. די ערשטע מדה: אויסמיידען תענוגי העולם פון גאָט'ס וועגען ניט האָבענדיג דערביי אַנדערע כונות, איז א גוטע; אָבער ענטזאָגען זיך פון נויטוועןדיגקייטען, ווייל מען זשאַלעוועט די געלד אָדער כדי געלויבט צו ווערען פון מענשען, איז א מאוס'ע מדה. דער וואָס עסט ניט גענוג, טרינקט ניט גענוג אָדער קליידט זיך ניט גענוג, ווייל ער וויל שפּאָרען די געלד ציינט דערמיט אז ער האָט ניט קיין אמונה אין גאָט אז ער קען איהם געבען גענוג פיעל ער דאַרף, און דער וואָס בערויבט זיין אייגענעם גוף פון זיינע נויטוועןדיגע הנאות כדי די וועלט זאָל איהם אָננעהמען פאַר א פרומאַק,

ציינט דערמיט אז די וועלט איז איהם ליעבער ווי זיין אייגענער קערפער, און דאס טויג ניט. געוויסע חכמים האבען געזאגט, אז דער וואס טהוט זיך ארויס פון וועלט זאכען אויס ליעבשאפט צו דער וועלט, איז אזוי ווי דער וואס וויל אויסלעשען א פייער מיט שטרוי.

אבער דאס איז גערעדט וועגען עסען, טרינקען און קליידען זיך. מיט דיעזע זאכען דארף א מענש ניט קארגען צופיעל סיידען זיין כונה זאל זיין לשם שמים, פון גאט'ס וועגען; אבערריידען און שלאפען איז שטענדיג בעסער אז מען איז איין דעם קארג. רעדען א סך איז קיינמאל ניט גוט. ווי שלמה המלך האט געזאגט: „על כן יהיו דבריך מעטים" — דו זאלסט רעדען וויינינג, ווייל דו קענסט זיך נאך אויסרעדען אזעלכעס וואס מען דארף ניט, וואס מען טאר ניט. און וועגען שלאפען האט אויך דער חכם געזאגט: "מעט שנות, מעט תנומות", א ביסעל שלאפען, א ביסעל דרעמלען.

ווען אבער מיר וועלען די זאך בעטראכטען גרינדליך, וועלען מיר קומען צום שלוס, אז אלע מענשליכע טהאטען זיינען אונטערוואַרפען בלויז צוויי קאטע־גאריען—"צווי" און "אזהרה"—געבאטען וואס מען איז פערפליכטעט צו טהאן און זאכען וואס זיינען פערבאטען צו טהאן, און דער "מותר" — טהאטען וואס מען מעג יא טהאן און ניט טהאן, פאלט ארונטער, ווייל אזעלכעס איז איי־גענטליך גאר ניטא.

לאמיר נעהמען, צום ביישפיעל, עסען, קען מען זאגען, אז דאס עסען פיעל עס איז נויטיג אויפצוהאלטען דאס געזונד איז א צווי, א פערזאג פון דער תורה, ווארום אין דער תורה ווערט געזאגט: "הנה נתתי לכם את כל עשב זורע זרע" — איך האב אייך געגעבען אלע גראזען, אלע וואקסונגען צום עסען. אז מען עסט מעהר פיעל נויטיג איז אדער וויניגער איז דאך ממה נפשך: טהוט מען דאס לשם שמים, איז דאס א צווי, א פערזאג אז מען זאל דאס טהאן; טהוט מען דאס וויעדער צוליעב אנדערע אבזיכטען, איז דאס אן אזהרה, א פערבאט אז מען זאל דאס ניט טהאן. פאלגליך איז דאס אזוי:

דער וואס טהוט א זאך וואס די תורה האט געבאטען מען זאל דאס טהאן, איז דאס א גוטער טהאט, א מצוה; ווען ער טהוט עס ניט אין דער צייט, ווען ער קען דאס יא טהאן, איז ער עובר אויף דער תורה. פערקעהרט וויעדער: טהוט איינער א זאך וואס איז פערבאטען, איז ער א זינדיגער; האלט ער זיך אפ פון טהאן דאס, איז ער א צדיק, אזוי גוט ווי ער וואלט געטהאן א מצוה מעשיות — א טהאטליכע מצוה, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין תהלים: "אף לא פעלו עולה בדרכיו הלכו" — אז מען טהוט ניט קיין אומרעכט, אז מען האלט זיך אפ פון טהאן א זאך וואס מען טאר ניט איז אזוי גוט ווי מען זאל טהאן א מצוה. אזוי איז אויך מיט עסען, טרינקען און אנדערע זאכען. אזוי פיעל וויפיעל מען מוז, פיעל עס איז נויטיג, איז דאס פעררעכענט פאר א מצוה; צופיעל אדער צו וויניג, ווענדט זיך שוין וואס פאר אן אבזיכט מען האט דערביי. איז די כונה פון גאט'ס וועגען, איז דאס א גוטער טהאט; איז ניט די כונה פון גאט'ס וועגען, איז דאס א העסליכער טהאט.

פאלגליך, זיינען די מעשים פון מענשען איינגעטהיילט ניט מעהר ווי אין גוטעס און שלעכטעס. וואס א מענש זאל ניט טהאן, איז עס ענטוועדער

א גוטער טהאט אדער א שלעכטער. איז דער קלוגער וואס וועגט זיינע טהא־טען מיט א וואג איידער ער טהוט זיי; דער מענש מיט שכל וואס בעדענקט זיך פריהער, וואס טראכט איבער און לייגט זיך איבער וועגען דער זאך וואס ער האט בדעה צו טהאן, וועט ער געוויס טהאן נור גוטעס און אויסמיידען שלעכטעס. פערקעהרט וויעדער: איז מען ניט איבערלייגט, נעהמט מען זיך ניט די מיה צו בעטראכטען וואס מען טהוט, קען מען אמאל אפטהאן א מעשה רע.

א בעוויז אז אלע מענשליכע טהאטען זיינען איינגעטהיילט אין די צוויי קאטעגאריען: גוט און שלעכט, איז דער פסוק אין קהלת: "כי את כל מעשי יביא במשפט על כל נעלם אם טוב ואם רע" — אלע מעשים פון מענשען וועט גאט ברייננגען פאר'ן געריכט, גוטע אדער שלעכטע. זעהט מען, אז שלמה המלך בעשטעטיגט אויך אז עס גיבען ניט מעהר ווי צווייערליי מעשים, גוטע און שלעכטע, און מיטעלמעסיגע, אזעלכע וואס זיינען ניט קיין פערזאג אז מען זאל יא טהאן און ניט קיין פערבאט מען זאל ניט טהאן, איז ניטא, ווייל די "מותרים" ווענדט זיך אויף וואס פאר אן אופן מען טהוט זיי, אזוי ווי מיר האבען פריהער ערקלערט, אז די "מותרים", כאטש זיי זיינען ניט קיין דירעקטע פער־זאגען אדער פערבאטען, זיינען אמאל מצוות און אמאל עברות, אדער זיי ווערען פערוואנדעלט אין "צוויים" און "אזהרות".

איצט וועלען מיר גהען צו לימוד התורה און בעטראכטען גענוי די שטופען פון לערנען די תורה און די רעזולטאטען וואס דאס קען ברייננגען.

## פרק ו.

די תורה בעשטעהט פון ווערטער און קאמענטארען, פירושים אויף די ווערטער. דעריבער איז די חכמת התורה, דאס לערנען די תורה ניט איינאר־טיג, נור דאס ווערט איינגעטהיילט אין מדרגות אדער שטופען, צעהן אין צאהל, איינע העכער פון דער אנדערער.

עס זיינען דא אזעלכע וואס קענען כלומר'שט די עברי, זיי פערשטעהען צו לייענען די ווערטער פון חומש, נביאים און כתובים, אבער דאס אויך ניט ווי געהעריג איז. ווער שמועסט דעם טייטש, די בעדייטונג פון די ווערטער וויסען זיי גאר ניט. דיעזע זיינען אזוי ווי אן עזעל וואס פיהרט א וואגען מיט ספרים.

צו דער צווייטער מדרגה בעלאנגען די וואס זיינען א ביסעל מעהר אריינ־געטהאן אין דער זאך און לערנען כאטש צו לייענען די ווערטער אהן גרייזען.

א דריטע קלאס מענשען בענוגענען זיך דערמיט אויך ניט און סטארען זיך אויסצולערנען דקדוק און אלע כללים פון לשון הקודש.

א פיערטע קלאס תורה לערנער געהען נאך ווייטער און לערנען אויס פינקטליך די בדייטונגען, דעם פשט פון די ווערטער אויף אלע אופנים ווי זיי פאסען זיך צו די ענינים, איבער וועלכע עס ווערט גערעדט.

עס זיינען וויעדער דא אזעלכע וואס גריבלען זיך מעהר אין די הייליגע שריפטען און סטארען זיך אויסצוטייטשען ווערטער און פסוקים לויט זייער

איינענעם שכל, אָבער זיי פערלאָזען זיך ניט אויף די אויסטייטשונגען וואָס מיר האָבען בקבלה פון אונזערע חכמים. זיי זוכען נור אויסצוטייטשען פסוקים אָבערפלעכליך און נעהמען זיך ניט די מיה צו גרונטעווען זיך מעהר און וויסען וואָס אונזערע אַלטע חכמים האָבען געזאָגט און וואָס זיי האָבען ארויסגענומען פון די פסוקים. דיעזע בעלאַנגען צום פינפטען קלאַס.

צום זעקסטען קלאַס בעלאַנגען די, וואָס לערנען אויך משנה אָדער משניות און ווייסען וואָס די חכמי המשנה האָבען אויסגעדרונגען פון געוויסע פסוקים און די דינים וואָס זיי האָבען פון זיי פעסטגעשטעלט. זיי ווילען זיך אָבער ניט גריבלען אין תלמוד, אין גמרא, וואו עס קומען פאָר טיעפזיניגע פּלפּולים, פון וועלכע געוויסע מצוות און דינים ווערען פעסט געשטעלט.

נאָך א העכערע איז די זיעבעטע מדרגה, ווען מען לערנט אויך תלמוד, כאָטש מען גיט זיך ניט די מיה צו גרונטעווען זיך אין דעם און מען זוכט ניט צו פערענטפערען די קשיות און שווערע שטעלען וואָס געפינען זיך דאָרט. דער דאָזיגער קלאַס בנוגענט זיך מיט וויסען דעם אָבערפלעכליכען אינהאַלט פון דער גמרא און ניט מעהר.

צום אכטען קלאַס בעלאַנגען די טיעפע לומדים, וואָס בעמיהען זיך צו לערנען גמרא גרינדליך ניט איבערלאָזענדיג אומפערענטפערטע קשיות און אומ־פערשטענדליכע שטעלען. זיי טהוען דאָס כדי צו קריגען א נאָמען אלס גרויסע, טיעפזיניגע לומדים; אָבער די חובות הלבבות, די הערצען־פּפליכטען מאכען זיי אוועק מיט דער האַנד. זיי זיינען אריינגעטהאָן אין די טיעפע ענינים פון תלמוד, גריבלען זיך אין דעם און פערשוועגדען זייער צייט אין ענינים און דינים, וואָס מאנכע פון זיי קענען זעלטען פאָרקומען אין לעבען, און דעם עיקר, וואָס מענשען זיינען מחויב נאכצופאָרשען, לאָזען זיי דורך. דער אמת איז אָבער אז מיט לומדות אליין איז מען ניט יוצא. די הויפּט זאַך איז דאָס ערקונדיגען זיך אין די גאָטהייט, פערשטעהן מיט'ן שכל אז מען דאַרף דיענען גאָט און לערנען און שטודירען צו וויסען די זאכען וואָס וועגדען אָפּ פון גאָטעס־דיענסט, כדי צו קענען אויסמיידען זיי, און דוקא צו דיעזער חקירה גיבען זיך ניט אָפּ.

צום ניינטען קלאַס בעלאַנגען די וואָס זיינען אי לומדים אין אלעם, אי זיי ווייסען און היטען אָפּ די חובות הלבבות, די חיובים וואָס געהערען צום הארץ. זיי ווייסען דאָס בקבלה פון פריהעריגע חכמים און זיי פערשטעהען דאָס אויך מיט זייער איינענעם שכל. צו דיעזע האָבען בעלאַנגט די בעלי הגמרא און די גאונים זייערע נאכפאָלגער, וואָס האָבען זיך געפיהרט אָדער פיהרען זיך אזוי ווי זיי.

די צעהנטע און העכסטע מדרגה אין לימוד התורה איז די פון די אנשי כנסת הגדולה, וועלכע האָבען גע'ירש'נט די חכמת התורה מיט אלע איהרע פירושים דירעקט פון די נביאים; די חכמי המשנה והבריתא, וועלכע האָבען זייער קענטניס אין דער תורה איבערגענומען פון זיי, פון די אנשי כנסת הגדולה, ביז ר' יהודה הנשיא, דאָס איז רבנו הקדוש, וועלכער האָט מסדר געווען די משנה, אויסגעשטעלט די סדרים משניות אין אָרדנונג. די אנשי כנסת הגדולה און די חכמי המשנה והבריתא האָבען דערגרייכט די העכסטע שטופע פון לערנען, אמונה און יראה, ווייל זיי האָבען געוואוסט די גאנצע חכמת התורה אָהן פּלפּולים, וועהרענד די חכמי התלמוד, וואָס זיינען געווען שפּעטער, האָבען

זיך מפלפל געווען איבער די דינים פון די משנות און זיי האבן ניט געהאט אזוי פיעל צייט אפצוגעבען זיך מיט פארשונגען אין געטליכע חכמות און סודות.

און אזוי ווי דער למוד התורה איז איינגעטהיילט אין צעהן מדרגות אדער שטופען, אזוי איז אויך די אמונה און דאס גאטעס דיענסט פון די וואס לער־נען די תורה איינגעטהיילט אין צעהנערליי מדרגות.

עס זיינען דא א קלאס מענשען וואס זייער נארישקייט און צולאזענקייט ברייגנט זיי מיט צו פערראכטען די תורה און איהרע געזעצען, וועלכע זיי בע־טראכטען בלויז פאר מנהגים פון נארישע מענשען און במילא גלויבען זיי ניט אין שכר ועונש און אין די וואונדער וואס גאט האט בעוויזען דורך זיינע נביאים. די תאוה, די צולאזענקייט איז ביי זיי שטארקער ווי דער שכל און זיי ווילען דעריבער ניט נעהמען דעם יאך פון דער תורה אויף זיך. עס איז זיי ליעבער צו זיין פריי, הפקר יונגען, דערוייטערט פון מצוות. אויף דיעזע זאגט שלמה המלך: "לא יחפץ כסיל בתבונה, כי אם בהתגלות לבו" — דער נאר, דער אומוויסענדער וויל ניט וויסען פון אויפקלעהרונג, נור צייגען פאר דער וועלט וואס ער איז, וואס פאר א הפקרות ער בעזיצט.

צום צווייטען קלאס בעלאנגען די וואס לייקענען ניט די מופתים, די אי־בערנאטירליכע וואונדער וואס מען האט געזעהן פון משה רבנו און אנדערע נביאים. זיי לייקענען דאס ניט, ווייל זיי זיינען פאפולאר, בעוואוסט צו אלעמען. זיי צווייפלען אבער אין דעם ענין פון נבואה און זאגען אז גאט האט ניט גערעדט מיט משה אדער מיט אנדערע נביאים. זיי ווילען אויך האבען אז די לעהרען פון דער תורה זיינען נור געזעצע צו גונסטען די מענשען דא אויף דיעזער וועלט, אבער עס איז ניטא קיין שכר ועונש אויף יענער וועלט פאר מקים זיין אדער פאר ניט מקים זיין די מצוות פון דער תורה. נאך זייער שיטה קומט אויס, אז גאט האט די נביאים אריינגעגעבען א רעיון זיי זאלען לערנען די מענשען ווי אזוי צו פיהרען זיך בלויז פאר זייער אייגענע טובה וועגען דא אויף דער וועלט, און בכדי מען זאל זיי גלויבען האט ער זיי געהאלפען צו צייגען וואונדער, אבער ער האט מיט זיי ניט גערעדט, און דאס היטען אדער ניט היטען די תורה האט ניט וועלכע עס איז פערבינדונגען מיט אן אנדער וועלט אויסער מיט דיעזער, אויף וועלכע מיר לעבען. די דאזיגע לייט וועל איך ער־קלעהרען אין קורצען, אז זייער מיינונג איז א פאלשע, און אויב אפילו מען זאל, חס ושלום, מסכים זיין צו זייער שיטה, דארף מען אלץ אפהיטען די תורה.

עס איז לייכט צו פערשטעהן, אז דער בעשעפער וועט ניט ענדערען די נאטור פאר א ליגנער, א פעלשער, וואס זאגט אין זיין נאמען אזעלכעס וואס ער האט גאר ניט געזאגט. ווען אפילו א מענש זאל זאגען אין גאט'ס נאמען א גוטע זאך טאקי פון גאט'ס וועגען, אבער ער האט עס ניט געזאגט, וועט ער אויך יענעם ניט העלפען צו איבערצייגען עס דורך אומנאטירליכע זאכען. היינט אז מען גלויבט, אז משה האט געשפאלטען דעם ים, האט געמאכט אז א שטיין זאל פליסען וואסער און אנדערע וואונדער, מוז מען אויך גלויבען אין "וידבר ה' אל משה" אדער „ואמר ה' אל משה". און נאך אלעמען: אז מען גלויבט אין די אומנאטירליכע מופתים וואס משה רבנו האט בעוויזען, ווארום זאל מען

ניט גלויבען אין די אומנאטירליכקייט פון גאָט'ס ריידען צו א מענשען? מיט וואָס איז דאָס לעצטע מעהר אומנאטירליך ווי דאָס ערשטע?

און ווען אפילו מען זאָל קענען אויפצייגען מיט ריכטיגע ראיות, אז עס איז אונמעגליך אז דער בעשעפער זאָל האָבען גערעדט מיט משה רבנו אָדער אנדערע נביאים, דאַרף מען אלץ אָפּהיטען און מקים זיין אלעם וואָס זיי האָבען געזאָגט, ווייל מען מוז דאָך צוגעבען אז דאָס איז דער רצון הבורא, ווארום ווען ניט, וואָלט ער דאָך דורך זיי ניט געצייגט די איבערנאטירליכע וואונדער. פאָלגליך דאַרפען מיר אויף אלע אופנים מקים זיין די געבאָטען פון דער תורה.

א דריטער קלאַס מענשען גלויבען אין די וואהרהייט פון דער תורה, אז זי איז טאקע געגעבען געוואָרען דירעקט פון בעשעפער, וועלכער האָט גערעדט צו משה רבנו. זיי בעטראַכטען דאָס פאר א גרויסען חסד, ווייל די מצוות פון דער תורה פיהרען דעם מענשען אין גוטען וועג און דורך זיי קען דער מענש מעהר געניסען פון לעבען אויף דער וועלט. זיי לייקענען אָבער אין עולם הבא, ווייל עולם־הבא ווערט ניט דערמאָהנט ניט אין דער תורה און ניט אין די אנדערע הייליגע שריפטען. עס ווערט בלויז דערמאָהנט גוטעס און שלעכטעס וואָס מען וועט האָבען דאָ אויף דער וועלט פאר מקים זיין אָדער ניט מקים זיין די תורה, און מעהר ניט. אָבער אויך דיעזע טענה איז א פאלשע, ווייל אין אמת'ן זיינען דאָ פסוקים וואָס דייטען אָן אויף שכר און עונש אויף יענער וועלט. אין קהלת ווערט געזאָגט: "כי את כל מעשה יביא במשפט" — יעדע מענשליכע טהאט וועט גאָט ברייננגען פאר'ן געריכט. דאָס איז אן אָנדייטונג אויף דעם משפט פון צדיקים און רשעים אויף יענער וועלט. אין ישעיה איז דאָ א פסוק: "ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי כי תועלתם לא תמות ואשם לא תכבה" — און זיי וועלען ארויסגעהען און זעהן די פגרים פון די זינדיגע וואָס די ווערים (וואָס פרעסען זייער לייב) וועלען ניט פגר'ן און זייער פייער (פון גהינום) וועט ניט אויסגעלאָשען ווערען. אין תהלים ווערט געזאָגט: "מה רב טובך אשר צפנת ליראיך" — ווי גרויס אָדער ווי פיעל איז די גוטעס וואָס דו (גאָט) האָסט בעהאלטען פאר די וואָס האָבען פאר דיר מורא. דאָס איז אויך געמיינט לעולם הבא. אן אנדער פסוק אין ישעיה זאָגט: "עין לא ראתה, אלהים, זולתך יעשה למחכי לו" — דער שכר, די בעלוינונג פון די וואָס האָפען צו איהם (צו גאָט) האָט קיין אויג ניט געזעהן אויסער גאָט אליין, און נאָך פיעלע אזעלכע פסוקים געפינען זיך אין נביאים און כתובים.

די פיערטע מדרגה איז די פון מענשען וואָס גלויבען אז די תורה איז געגעבען געוואָרען פון הימעל. זיי לייקענען אויך ניט אין בעלוינונג און שטראָף אויף יענער וועלט, אָבער זיי זיינען צופיעל ארייגעטהאָן אין עולם - הזה, אין וועלטליכע פארגעניגענס, און צוליעב דעם, כדי צו קענען געניסען מעהר פון לעבען, פון קערפערליכע תענוגים, זיינען זיי פערמאסקירט, פיהרען זיך כלומרש'ט אויף ווי פרומע, ערענטליכע מענשען, כדי מען זאָל צו זיי האָבען מעהר צוטרויען און זיי זאָלען קענען קריגען כבוד און געלט אויף ערפילען זייערע תאוות, וואָס זיי בעטראַכטען פאר בילכער און וויכטיגער ווי די גייסטיגע תענוגים אויף יענער וועלט, כאָטש זיי גלויבען, אז עס איז דאַ א יענע וועלט. אויף דיעזע זאָגט דער נביא ישעיה: בפיו ובשפתיו כבדוני ולבם רחק

ממני" — מיט'ן מויל און מיט די ליפּען עהרען זיי מיך (גאָט) און זייער האַרץ איז ווייט פון מיר.

צום פינפטען קלאַס בעלאַנגען די וואָס זיינען ניט קיינע צבוע'קעס. זיי גלויבען אין דער תורה מיט אַלע פּינקטליכקייטען און אויך אין שכר ועונש לעולם הבא, אָבער זיי האָבען אויך ליעב דיזע וועלט און מיט זייער היטען די תורה זיינען זיי אויך אויסען צו האָבען דערפאַר כבוד דאָ אויף דער ערד, מענשען זאָלען זיי אַכטען און דערמאָהנען צו גוטען. אַזאַ אַרט דיענען גאָט איז אַ מין פערבאָרגענע שותפות. אויפ'ן בליק מיינען לייט אַז זיי זיינען אמת'ע פרומאַקעס בלויז פון גאָט'ס וועגען און אין האַרצען האָבען זיי אַ שותף — כבוד זוכעריי.

אַ זעקסטער קלאַס מענשען איז פאַראַן וואָס לערנען די תורה און דינען גאָט לשמו, פון גאָט'ס וועגען און זיי זוכען ניט קיין כבוד. זיי האָבען אָבער אין זינען אַז זיי וועלען דערפאַר קריגען בעלוינט אויף דער וועלט, מחמת זייערע מחות בעגרייפען ניט די גייסטיגע תענוגים וואָס מען קען האָבען אויף יענער וועלט.

עס גיבט ווידער אַ זיעבענטער קלאַס מענשען וואָס ווייסען און פערשטעהען אַלעס און האָבען אויך אַ בעגריעף וואָס עס מיינט תענוגי עולם הבא, און טאַקי דערפאַר דיענען זיי גאָט, כדי ער זאָל זיי געבען שכר אי אויף דער וועלט, אי אויף יענער וועלט. ווען אָבער זיי וואָלטען ניט ערוואַרטעט קיינע בעלאָהנונגען, וואָלטען זיי איהם גאַר ניט געדיענט. אויף אַזעלכע ווערט געזאָגט אין פּרקי אבות: „אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס" — איהר זאָלט ניט זיין ווי דיענער וואָס דיענען זייער ווירטה בלויז מיט דעם אַבזיכט צו קריגען דערפאַר בעצאָהלט.

צום אַכטען קלאַס בעלאַנגען די וואָס דיענען גאָט אויס מורא פאַר אַ שטראָף אויף דיעזער וועלט און אויף יענער וועלט. זיי זיינען ניט אויסען דעם שכר, נור זיי ווילען זיך אויסהיטען פון עונש, און דאָס טויג אויך ניט, ווייל די כונה פון עבודת הבורא דאַרף זיין צו עהרען גאָט'ס גרויסען נאָמען, און קוים פעהלט דיעזע כונה איז די עבודה ניט קיין פּאַלקאָמענע.

צו דער נייגטער מדרגה בעלאַנגען די וואָס בעזיצען ניט קיין איינציגען פון די דערמאָהנטע חסרונות און זיי דיענען גאָט ווי געהעריג איז, ניט אויס מורא פאַר שטראָף און ניט ווייל זיי האָפען אויף שכר, אָבער זיי זיינען ניט פּאַרזיכטיג פאַר זאַכען וואָס קענען פערדאַרבען, קאַליע מאַכען די ריכטיגע גאָטעס דיענסט. צו אַזעלכע כאַפּט זיך אַפּטמאָל אַריין אַ שלעכטער רעיון און זיי בעגרייפען דאָס ניט און פיהלען דאָס ניט און קענען אַראָפּגעפיהרט ווערען פון וועג. לאָמיר נעהמען צום ביישפּיעל גאוה, ווען אַ מענש לאָזט צו זיך צו די מדה פון גאוה, קען דאָס איהם ברייננגען צו פיעלע זינד. וויבאַלד ער האָט אין זיך גאוה, וויל ער שוין כבוד, און אַז ער וויל כבוד, האָט ער פיינט די וואָס גיבען עס איהם ניט וויפיעל ער דענקט אַז ער איז ווערטה, און דאָס קען שוין ברייננגען צו נאָך און נאָך זינד. דעריבער האָט אַ חסיד אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים: "ווען איהר וואָלט ניט געהאָט קיינע זינד, וואָלט איך מורא גע־האַט אַז איהר האָט נאָך עטוואָס ערגערעס ווי זינד, און וואָס איז דאָס אַזעלכעס? גאוה". דאָס הייסט: ווען איהר וואָלט געווען ריין פון עברות, וואָלט איהר

זיך אפשר גרויס געהאלטען ביי זיך פאר אייערע צדקות, און דאס איז נאך ערגער ווי אנדערע זינד, אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי: „תועבת ה׳ כל גבה לב״ — גאט האט פיינט א בעל גאוה.

צו דער צעהנטער, בעסטער און העכסטער מדרגה אין גאט׳ס דיענסט בעלאנגען די וואס לערנען די תורה מיט אלע פרטים, האבען ריינע אמונה אין אלעס, דיענען דעם בעשעפער בלויז לשמו, ווייל זיי בעגרייפען איהם און קענען איהם און זיינען איבערצייגט אז זיי זיינען מחויב צו דיענען איהם, אבער ניט כדי צו קריגען שכר אדער אויס מורא פאר שטראף, און זיי זיינען פאר־זיכטיג און אפגעהיט ניט צו קומען צו וועלכע עס איז מדה וואס קען זיי אראפ־פיהרען פון ריכטיגען וועג. ווען א מענש קומט צו אזא שטופע, שטעהט ער אויף דער מדרגה פון די נביאים און צדיקים און חסידים, וואס זיינען געוועזען איבערגעגעבען צום בעשעפער מיט זייערע לעבענס, מיט זייערע פערמעגענס און קינדער און קיין זאך האט זיי ניט אראפגעפיהרט פון אמת׳ן דרך הישר און זיינען שטענדיג פערבליבען ביי זייער ריינער אמונה.

און דאס איז דער ריכטיגער וועג וואס די תורה קען ברייגגען צו גאט׳ס דיענסט און אפשר צו נאך העכערעס וואס מיר האבען ניט דערמאהנט.

מיר האבען אבער בלויז דערמאהנט מדרגות וואס דאס רוב פון אונזער אומה קענען דערגרייכען. דער מענש מיט פערשטאנד קען שטענדיג פער־שטעהן ביי וועלכע מדרגה, ביי וועלכע שטופע ער האלט און זיך סטארען צו דערגרייכען אלץ ווייטער און ווייטער, העכער און העכער, ביז ער קומט צו דער לעצטער מדרגה, און דאס וועט איהם אנקומען לייכט.

# פרק ז׳

איצט דארפען מיר קלאהר מאכען די ארט און ווייזע ווי אזוי א מענש קומט צו דער מדרגה פון דיענען גאט בלויז אויס די דיקטירונג פון שכל. מיר וועלען דאס ביז׳ן סוף פון דיזען שער ערקלעהרען אין דער פארמע פון פראגען און אנטווארטען אדער א דיאלאג צווישען דעם שכל און דעם נפש הבהמית, דעם אינסטינקט פון טהיערישע געפיהלען, וואס א מענש בעזיצט. מיר האבען אויס־געקליבען דיזע פארמע, ווייל דאס איז דער בעסטער וועג צו מאכען אונזער הקירה פערשטענדליך און איבערצייגענד.

דאס פערשטעהן אז מען דארף דיענען גאט, קומט פון גאט דורך די פער־מיטלונג פון שכל. דורך דעם שכל, וואס דער מענש האט אין זיין מח, דערמאהנט איהם דער בעשעפער, אז ער זאל איהם וויסען און אנערקענען זיין חכמה. אבער דאס קען נור קומען צו אזעלכען, וואס האט געמאכט די תורה פאר א ליכט אדער א לאנטערנע צו בעלייכטען זיין וועג. דאס הייסט: דער וואס לערנט די תורה און פיהרט זיך לויט איהרע פארשריפטען, אזעלכער קען קומען צו זיין ריכ־טיגען פערשטאנד און דיענען גאט על פי שכל, און זיך סטארען צו דערגרעהן אלץ מעהר און מעהר אין דעם ענין פון גאטהייט, ביז ער ווערט ארויסגעטהאן פון עולם הזה זאכען און דערגרייכט צו דער מדרגה פון צדיקים.

אבער פריהער דארף קלאהר זיין וואס אזעלכעס פאדערט דער שכל, וואס פאר א פערלאנגען האט גאט איינגעפלאנצט אין שכל אז ער זאל זיי דיקטירען צום מענשען? די זאכען וואס דער שכל איז מחיב זיינען: שעצען דעם אמת

און פּעראַכטען דעם שקר, טהאָן גערעכטיגקייט און אויסמיידען אומרעכט, דאַנק־באַר זיין און בעצאָהלען גוטעס פאַר גוטעס און אין פעלע אָפּצאָהלען שלעכטעס פאַר שלעכטעס, לעבען פריעדליך מיט מענשען און טהאָן זיי גוטעס, ווענען און מעסטען די דאַנקבאַרקייט אדער די שבחים וואָס מען גיט אימיצען לויט די טובות וואָס מען האָט פון יענעם געגאָסען. דאָסזעלבע לערנט דער שכל דעם מענשען צו זיין אויסגערעכענט און אָפּצאָהלען שלעכטעס פאַר שלעכטעס, און מוחל צו זיין די יעניגע וואָס טהוען איהם בייז, ווען זיי בעטען זיין פערצייהונג און האָבען באמת חרטה.

און ווען ביים מענשען זיינען די דאָזיגע זאַכען קלאָהר און ער בעגרייפט זיי ריכטיג, הייסט עס, אז ער איז געקומען צום ריכטיגען פערשטאַנד. און ווען גאָט וועט איהם אריינגעבען אין רעיון צו בעטראַכטען די טובות, וואָס ער, דער מענש, האָט פון איהם געגאָסען, וועט ער אָנשטרענגען זיינע געדאַנקען צו וויסען די זאַך פאָלקאָם אויף ווי ווייט די טובות זיינען גרויס. ער וועט זיי אבער ניט קענען איבערצעהלען און אויסרעכענען, ווייל זיי זיינען זעהר פיעל, אהן אויפהער און געקייטעלט איינע אין די אנדערע. דאַן וועט דער מענש זיך פיהלען פערפליכטעט אָפּצוטהאָן דעם בעשעפער גוטעס פאַר גוטעס לויט די פּראָפּאָרציע וואָס ער וואָלט אַ מענשען געצאָהלט פאַר טובות וואָס יענער וואָלט איהם געטהאָן; וועט ער אבער איינזעהן, אז ער איז ניט אימשטאַנד אָפּצוצאָהלען אזוי פיעל, און אז דער בעשעפער דאַרף ניט זיינע טובות, און ער וועט קומען צום בעשלוס, אז דאָס איינציגע מיט וואָס ער קען יא אויסדריקען זיין דאַנקבאַרקייט צו גאָט איז, צו זיין אונטערטהעניג און נידערגעשעצט נעגען איהם און בעמיהען זיך צו טהאָן זיין רצון און דערנעהענטערען זיך צו איהם ווי ווייט מעגליך. פאַרקעהרט ווידער וועט דער מענש קענען משער זיין ווי גרויס זיין שטראָף דאַרף זיין פאַר זינדיגען נעגען גאָט לויט די פּראָפּאָרציע ווי ער וואָלט פערזינדיגט נעגען אַ מענשען וואָס האָט איהם גוטעס געטהאָן.

איצט וועלען מיר געהן צום דיאַלאָג, צום געשפּרעך צווישען דעם איידעלען געפיהל — דעם שכל און דעם גראָבען געפיהל, דעם טהיערישען אינסטינקט, וואָס מיר וועלען רופען "נפש".

זאָגט דער שכל צום נפש:

איז ביי דיר קלאָהר און ביזטו פעסט אין דער דעה, אז דו ביזט פערמשבון'ט, פערפליכטעט צו דיין בעשעפער פאַר די חסדים וואָס ער טהוט מיט דיר?

ענטפערט דער נפש: יאָ, איך ווייס דאָס און בין אין דעם איבערצייגט.

שכל: האָסטו בדעה אָפּצוצאָהלען דעם בעשעפער כאָטש אביסעל פון דעם וואָס דו ביזט איהם שולדיג?

נפש: געוויס.

שכל: ווי אזוי איז דאָס דיר מעגליך, אין דער צייט ווען דו האָסט גאָר קיין חשק דערצו? מיר ווייסען, אז דער חולה וואָס גאַרט געזונד צו ווערען נעהמט מיט פאַרגעניגען איין די רפואות, מעגען זיי אפילו ווי ביטער זיין; דער אָבער וואָס אכטעט ניט אויף זיין געזונד, קען ניט פערטראָגען דעם שלעכטען טעם פון אַ רפואה. אויב דו, נפש, ווילסט ניט איננעהמען די מעדיצין און אויפגעבען די קערפּערליכע תאוות, איז דאָך אַ סימן, אז דו ווילסט ניט צופריעדען שטעלען דיין בעשעפער.

נפש; איך וויל זעהר שטארק, און מיך ערנערט זעהר, ווייל איך בין גערן צו בעצאהלען מיין חוב צו גאט ווי ווייט מעגליך, און דו, שכל, לערען מיך ווי אזוי איך זאל דאס טהאן.

שכל: אויב דאס וואס דו זאגסט איז ווירקליך אמת, קען זיין, אז דער מיטעל וואס איך וועל דיר געבען וועט העלפען; אויב אבער דו ביזט ניט אויפ־ריכטיג מיט דיינע רייד, צו וואס זאלסטו זיך אליין פערפיהרען? אז א חולה נארט דעם רופא, נארט ער זיך אליין און פערשוועדעט אומזיסט דעם רופא'ס צייט און מיה, און ער, דער קראנקער, ווערט מעהר קראנק.

נפש: און ווי אזוי קען איך וויסען אויב דער לוסט צו ערפילען מיינע פליכטען צו גאט איז אן אמת'ער אדער ניט?

שכל: אויב דער חשק צו צאהלען דעם בעשעפער די חובות וואס דו ביזט איהם שולדיג איז צו דיר געקומען אוים ריכטיגע איבערצייגונג ווי גרוים דיינע שולדען צו גאט זיינען און ווי ווייניג דו קענסט איהם אפצאהלען, און אויב דו פערשטעהסט, אז נאכלעסיגקייט אין דעם קען בריינגען דיין נידערלאגע און דיין בעמיהען זיך אין דעם קען דיר בריינגען גליק און לעבען — אויב דו ווייסט עס און דו בעגרייפסט עס, איז דיין חשק, דיין בעגעהר, אן אמת'ער און אן אויפריכטיגער. אויב אבער דו דענקסט וועגען דעם אויבערפלעכליך, אהן איבערצייגונג און געוויסהייט, איז דיין חשק א פאלשער חשק.

נפש: איך גיב צו, אז מיין תשוקה צו דיענען גאט איז אנפאנגס געוועזען שוואך. אבער פון דער צייט וואס איך האב געלערנט אין דער תורה די אלטע געשיכטע ווי מענשען האבען געקראגען זייער שטראף פאר שלעכטע אויפפיה־רונג, ווי דער דור המבול, דער דור הפלגה און קורח און זיינע אנהענגער, און פארקעהרט ווידער פון צדיקים וואס זיינען בעלוינט געווארען פאר זייערע מעשים טובים, — פון דער צייט וואס איך האב זיך דאס אלעס דערוואוסט, איז מיר די זאך מעהר קלאהר געווארען אין פראקטישען זינן. נאכהער האב איך פערשטאנען מיט'ן שכל, אז מען דארף זיך אפגעבען מיט עבודת הבורא, און איצט איז מיין תשוקה צו דיענען גאט אוים ריינע איבערצייגונג אז איך דארף און בין פערפליכטעט דאס צו טהאן.

שכל: אויב דיין ערקלעהרונג איז א ריכטיגע, נעהם זיך אן מיט כח איבערצוטראגען די ביטערקייט און ניט געשמאקען טעם פון מיין רעצעפט און הער זיך אויף שפייזען מיט די שלעכטע שפייזען, צו וועלכע דו ביזט געוואהנט.

נפש: און וואס רופסטו שלעכטע שפייזען, צו וועלכע איך בין געוואהנט?

שכל: איך מיין די שלעכטע מדות, די מיאוסע זיטען וואס דו בעזיצט זייט דו האסט אנגעפאנגען אויפוואקסען. שלעכטע מדות, מיאוסע אינסטינקטען זיינען אין דיר דא א סך, אבער דער עיקר זיינען צוויי, אז וועלכע די אנדערע זיינען אבהענגיג. די הויפט זאכען זיינען. ערשטענס: דאס ליעב האבען קער־פערליכע הנאות, ווי עסען, טרינקען און אנדערע זאכען וואס שטעלען צופרידען דעם קערפער, און צווייטענס: די נייגונג, דעם חשק וואס דו האסט צו שטעהן העכער פון אנדערע, צו הערשען איבער אנדערע. גאוה און הנאה. דיזע מדות בריינגען דיך דערצו, אז דו זאלסט קריוודען די יעניגע וואס טהוען דיר גוטעס.

נפש: און וואס בריינגט צו די דאזיגע מדות? פון וואס דארף איך זיין אפגעהיט, אז איך זאל ניט בעזיצען קיינע שלעכטע מדות?

שכל: ניט עסען פיעל, ניט טרינקען פיעל, ניט שלאפען פיעל, ניט רוהען

פיעל, ניטריידען פיעל, ניט פערברייינגען צופיעל אין געזעלשאפט, ניט פוצען זיך, ניט זוכען אויסצופיינען זיך, ניט וועלען געלויבט ווערען, ניט זוכען קיין כבוד און ניט מקנא זיין די וואס זיינען מעהר פערמעגליך. עסען, טרינקען, שלאפען, און דאס גלייכען, דארף דער מענש נור אזוי פיעל וויפיעל עס איז נויטיג אויפצור־האלטען דעם קערפער, אבער ניט קיין קיין איבעריגס. די אנדערע דערמאהנטע מדות דארף מען אינגאנצען אויסמיידען. קנאה, צום ביישפיעל, קען בריינגען דערצו, אז איינער זאל ביי אנדערע אוועקנעהמען זייער אייגענטהום מיט געוואלד. גאוה קען בריינגען מבזה צו זיין אנדערע און ערנידריגען זיי. איז אויב דו ווילסט באמת אפצאהלען גאט פאר זיינע טובות, דערוויטער זיך פון אלעם וואס איך האב דיר געזאגט און נאכהער וועל איך דיר ווייטער לערנען.

נפש: אויפצוגעבען דיא אלע זאכען וועט מיר שווער זיין, מחמת איך בין שוין צופיעל איינגעוואהנט אין דעם. בעט איך דיר, לערען מיך, צייג מיר דעם וועג ווי אזוי איך זאל דאס קענען אויספיהרען אהן גרויסע שוועריגקייטען.

שכל: דו ווייסט דאך, אז א פערשטענדיגער, א קלוגער מענש וועט זיך לאזען אפשניידען א קראנקען גליעד, כדי די קראנקהייט זאל זיך ניט פער־שפרייטען אין אנדערע טהיילען פון זיין קערפער, ווייל ער פערשטעהט אז דער צער וואס ער וועט האבען ביים אפשניידען דעם איין אבר איז א קלייניגקייט אין פערגלייך מיט די יסורים וואס ער וועט דארפען איבערטראגען ווען מעהרערע אברים אין זיין גוף וועלען קראנק ווערען. אזוי זאלסטו אויך בעטראכטען די ביסעל אונאנגענעהמליכקייט וואס דו וועסט האבען פון דיין אפגעוואהנען זיך פון די מיאוסע מדות געגען די גרויסע צרות וואס דו קענסט האבען האלטענדיג זיך ביי זיי, און דאן וועט דיר גאר ניט שווער זיין צו שיידען זיך מיט די אלע דערמאהנטע זיטען.

נפש: און וואס פאר א גוטעס וועל איך געניסען, ווען איך וועל די דאזיגע זיטען אויפגעבען? און וואס וועט מיר שאדען אויב איך וועל זיך מיט זיי ניט שיידען?

שכל: אז דו וועסט ניט זיין ארייינגעטהאן אין קערפערליכע, טהיערישע תענוגים, ניט זוכען קיין כבוד און ניט מקנא זיין, וועט דיין נשמה האבען רוה און וועסט פערשפארען זארגען פאר דער פינסטערער, שווארצער וועלט, וואס איהרע הנאות, איהרע באקוועמליכקייטען זיינען אויסגעמישט מיט טרויער, און די גוטעס וואס מען געניסט אין איהר זיינען ניט קיין שטענדיגע, נור זיי ווערען איבערגעהאקט, אויב ניט ביים לעבען איז נאכ'ן טויט. דאס וועט דיר בריינגען צו דענקען מעהר און אנערקענען דיין אמת'ן רוה־פלאץ אויף יענער וועלט, און דו וועסט זיך בעמיהען צו קומען צום אמת'ן תכלית, צום פאלשטענדיגען גליק, וואס האט אין זיך קיינע שלעכטעס און ווערט ניט אפגעשניטען — די חיי עולם הבא. וועסטו זיך אבער האלטען ביי דיינע שלעכטע מדות, וועסטו שטענדיג האבען צו זארגען פון ניט קענען ערפילען דיינע פערלאנגען אויף דער וועלט און דו וועסט קיינמאל קיין רוה ניט האבען. און ווען דיר זאל געלינגען צו קריגען דאס וואס דו וועסט וועלען, איז דאך דאס נאך אלעמען גארניט. די אלע קערפערליכע תענוגים הבען קיין קיום, קיין בעשטענדיגונג, ווייל דאס מוז אהן ספק איבערגעהן צו אן אנדערען, און ניט די עולם הזה וועט ביי דיר פערבלייבען און ניט דו וועסט ערווערבען עולם הבא. בפרט, אז א מענש קריגט גאר קיינמאל ניט פולע בעפרידיגונג אין זיינע וועלטליכע פערלאנגען אדער

שטרעבונגען, ווייל ער וויל רק מעהר און מעהר, אם כן לוינט געווים ניט צו זיין ארייננעמהאן אין עולם הזה.

נפש: איך האב פערשטאנען דיין ערקלעהרונג און איך האף אז די זאכען מיט וועלכע מיר איז פריהער געווען שווער צו שיידען זיך, וועט מיר איצט זיין לייכטער. אבער גיב מיר צו נאך עפעס, פון וועלכעם איך זאל קענען לערנען ווי אזוי צו ערפילען מיין באגעהר צו דיענען גאט.

שכל: די הויפט זאך זאלסטו זיך האלטען ביי דעם כלל, אז דו דארפסט אויף זיך נעהמען די דיענסט פון דעם וואס איז העכער פון דיר אויף אזוי פיעל ווי דו פערלאנגסט אז א נידעריגער פון דיר זאל דיך דיענען לויט די פראפארציע פון די הויכקייט און נידעריגקייט, און דאס וואס דו ווילסט אז דער נידעריגער פון דיר זאל פאר דיר טהאן אדער ניט טהאן, דארפסטו טהאן אדער ניט טהאן פאר דעם העכערען פון דיר.

נפש: ערקלעהר מיר דאס דייטליכער.

שכל: נעהם זיך אין זינען די גוטעס וואס דו געניסט פון גאט, די אלגע־מיינע, וואס דו געניסט צוזאמען מיט אנדערע מענשען, און די פערזענליכע, וואס דו אליין געניסט. דאן שטעל זיך פאר אז דו טהוסט די זעלבע טובות צו דיינעם א קנעכט, און מיט דאס וואס דו וואלסט אין אזא פאל פערלאנגט פון דיין קנעכט אז ער זאל דיר אפצאהלען, מיט דאס זעלבע צאהל אפ דיין בעשעפער.

נפש: אין אלגעמיין האב איך די זאך פערשטאנען. אבער זיי אזוי גוט און ערקלעהר עס מיר בפרט, מיט מעהר איינצעלהייטען.

שכל: דיא פפליכטען פון א דיענער צו זיין ווירטה, כאטש דיא טובות וואס דער ווירטה טהוט מיט איהם זיינען קליין אנטקעגען די טובות וואס דיין בעשעפער טהוט מיט דיר, זיינען פאלגענדע:

ער זאל דיענען בלויז איהם, דעם ווירטה אליין, מיט רייד און מיט טהאט. ער זאל צו איהם זיין טריי, איבערגעבען און פלייסיג אין זיין ארבייט סאי אין די עפענטליכקייט און סאי ניט אין די עפענטליכקייט. ער זאל פאר איהם מורא האבען און זיך שרעקען פאר איהם צו יעדער צייט ווען ער איז אנוועזענד. ער זאל זיין ערנידריגט און אונטערטהעניג זיין ווירטה אין זיין קליידונג און אויפ־פיהרונג. ער זאל איהם עהרען און ערהויבען מיט׳ן מויל און אין הארצען. ער זאל איהם דאנקען און לויבען בייטאג און בייגאכט און דערמאהנען זיינע טובות מיט זיך אליין און אין די עפענטליכקייט. ער זאל דערצעהלען זיין ווירטה׳ס שבחים און מעלות ווי עס קומט איהם און לויפען צו זיין דיענסט מיט שמחה און מיט א ריינעם געוויסען אוים ליעבע צו איהם און כדי צו האבען ביי איהם חן. ער זאל זיך דערנעהענטערען צו זיין ווילען און תמיד בעטען ביי איהם פערצייהונג אויף פעהלערען וואס ער איז בעגאנגען. ער זאל שטענדיג מורא האבען טאמער ערפילט ער ניט דעם ווירטה׳ס פערלאנגען און היטען זיינע געבאטען און דערווייטערען זיך פון דעם וואס ער פערבאט איהם. ער זאל דעם ווירטה שעצען און אכטען, האלטען זיינע טובות פאר גרויס און רע־כענען די מעשים וואס ער, דער קנעכט, טהוט פאר קליין אין פארגלייך מיט די גוטעס וואס ער געניסט. ער זאל זיך אליין גרינג־שעצען געגען די גרויסקייט פון זיין ווירטה און זיך בוקען פאר איהם און זיך קניען מיט גרויס אונטער־טהעניגקייט און ערנידערונג. ער זאל זיך פערלאזען אויף איהם מיט אלע זיינע בעדערפניסע און אלעס וואס ער בעווילינט פאר איהם, אננעהמען פאר גוט.

מאכט ער איהם זאט, זאל ער איהם דאנקען און לויבען, און אויב ער פער־הונגערט איהם, זאל ער אויך צופריעדען זיין און ליידען געדולדיג. ער זאל איהם, דעם הארר, ניט פערדעכטיגען אין זיין אורטהייל און ניט האלטען זיינס א גזירה פאר אן עולה. ער זאל זיך בענוגענען מיט דעם וואס ער גיט איהם און איהם רעכטפערטיגען, ווען ער שטראפט איהם. ער זאל ארויסצייגען זיין קנעכטשאפט צו זיין ווירטה מיט די בעוועגונגען פון זיינע גליעדער און מיט זיין אויפפיהרונג. ער זאל ניט טראכטען און ניט ריידען ניט דערמאהנענדיג איהם אין זיין מחשבה אדער מיט'ן מויל. זיינע אויגען זאלען זיין געווענדעט נור אין זיין הארר'ס וועגען, זאל הערען נור זיינע רייה, זאל זיך ערנעהרען נור מיט דאס וואס ער שפייזט איהם, טראכטען נור וועגען זיין גרויסקייט און טהאן נור אזעלכעם וואס איז איהם לרצון. ער זאל זיך פרעהען נור מיט זיין דיענען איהם און זיין בענעהר זאל זיין נור דאס וואס ער, דער הארר, בענעהרט. ער זאל לויפען נור אין זיין שליחות און זיך ניט אפשטעלען פאר קיין זאך אויסער פאר אזעלכעס וואס איז איהם, דעם ווירטה, דערווידער. ער זאל זיצען נור אין זיין הויז גרייט צו דיענען איהם, זאל איהם האבען אין זינען ווען ער ליינט זיך שלאפען און ווען ער שטעהט אויף פון שלאף און זאל ניט געפינען קיין געמיטה בעפריעדיגונג נור אין איהם. נור דעם הארר'ס כעס זאל איהם ענטמוטהיגען און ער זאל בלויז האפען אויף זיינע גענאדען. ניט אין כעס זיין נור אויף דאס וואס ער, דער הארר, וויל מען זאל זיין בייז און ניט גוטמוטהיג זיין נור צו דעם וואס טהוט דעם ווירטה'ס ווילען. ער זאל ניט נעהמען קיין זאך נור מיט זיין ער־לויבנים און ניט געבען נור צו דעם וואס דער ווירטה הייסט געבען.

און אזוי אין אלע זיינע טהאטען, אין אלע זיינע בעוועגונגען זאל ער ניט ריהרען א פוס און ניט בעוועגען א שווארצאפעל פון אן אויג געגען דעם ווילען פון זיין ווירטה, פון זיין הארר. ווען דער קנעכט פיהרט זיך אזוי איז ער א גוטער דיענער וואס צאהלט אפ זיין ווירטה פאר די טובות וואס ער טהוט מיט איהם; פיהרט ער זיך ניט אזוי, איז ער דער היפוך, דער קאנטראסט.

איצט האב איך דיר פון די אלע זאכען אנגעצייגט אויף א כלל מיט וואס א דיענער קען צופריעדענשטעלען זיין ווירטה און דערפון האסטו גענוג צו לער־נען די איבעריגע פפליכטען און זייערע קאנטראסטען. און אז אזוי דארף א קנעכט צופרידענשטעלען זיין הארר, וואס זיינע טובות זיינען נאך אלעמען קליינע, קענסטו שוין פערשטעהן וואס פאר א פפליכטען דו האסט צו גאט פאר זיינע פיעלע און גרויסע טובות און חסדים וואס ער טהוט מיט דיר.

## פרק ח'

זאגט ווייטער דער נפש צום שכל:

איך האב גענוג פערשטאנען אלעס וואס דו האסט מיר געזאגט און ער־קלעהרט, אבער ערקלעהר מיר דייטליכער מיינע פפליכטען צו דיענען גאט מעהר ווי אנדערע.

ענטפערט דער שכל:

עס זיינען דא איינצעלנע פערזאנען וואס זיינען מחויב צו דיענען גאט מעהר ווי אנדערע איינצעלנע פערזאנען און אויך גרופעס מענשען וואס דאר־פען איהם דיענען מעהר ווי אנדערע גרופעס. דאס איז געווענדט לויט די טובות

וואָס איינצעלנע אָדער גרופּעס געניסען. די טובות וואָס די רעדעווודיגע (מענ־שען) געניסען פון גאָט זיינען איינגעטהיילט אין פיער קלאַסען. ערשטענס, די געטליכע אַלגעמיינע טובות צו דעם גאַנצען כלל מענשהייט דערמיט וואָס ער האָט זיי געבראַכט אויף דער וועלט א יש מאין, עקזיסטירענדע וועזענס גע־שאַפען פון גאָר ניט, און דאָס וואָס ער ערנעהרט זיי און טהוט מיט זיי פיעל גוטעס, אַזוי ווי מיר האָבען ארומגעשמועסט אין צווייטען שער פון דיזען ספר. דערפאַר דאַרפען מענשען דיענען גאָט אַן אַלגעמיינע דיענסט. זיי זיינען דערפאַר אַלע אין כלל מחויב מקיים צו זיין די מצוות און די לעהרעס, וועלכע דער שכל איז מחייב אַז מען דאַרף זיי אָפּהיטען און מען וואָלט זיי אָפּגעהיט, ווען אפילו זיי זאָלען ניט דערמאָהנט ווערען אין דער תורה. דאָס זיינען אַזעלכע געבאָטען וואָס זיינען אָפּגעהיט געוואָרען פון אדם, חנוך, נח און זיינע קינדער און אנ־דערע גוטע מענשען ביז משה רבנו ע"ה. און ווער עס היט אָפּ די דאָזיגע מצוות ניט בלויז ווייל דער שכל דיקטירט איהם אַזוי, נור ער האָט אויך איז זינען צו דיענען דערמיט גאָט, וועט איהם גאָט דערפאַר אָפּצאָהלען מיט בע־זונדערע טובות מעהר ווי אַנדערע מענשען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, אַזוי ווי אברהם אבינו וואָס גאָט האָט צו איהם געזאָגט: "אנכי מגן לך, שכרך הרבה מאד" — איך בין דיין שיטצער אויף דער וועלט און דיין שכר וועט זיין פיעל לעולם הבא. און ווער עס טהוט דעם אויבערשטען דערווידער טראָץ די טובות וואָס ער געניסט פון איהם, פאַלט ארונטער פון דער מדרגה פון רעדעוודיגע צו דער מדרגה פון א חיה וואָס קען ניט רעדען. יענער איז, הייסט עס, קיין מענש ניט, און זיין סוף וועט זיין ווי דער סוף פון א בהמה, ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים ל"ז: „ואויבי ה' כיקר כרים" — גאָט'ס פיינד זיינען אַזוי ווי פעטע אָקסען, וואָס מען קאָרמעט זיי גוט, כדי ברייגנען זיי צו דער שחיטה. אַזוי וועלען די רשעים האָבען זייער ביטערען סוף אויף יענער וועלט.

צווייטענס, זיינען די טובות וואָס דער אויבערשטער טהוט מיט א פאָלק פון פעלקער אָדער א נאַציאָן פון נאַציאָנען, אַזוי ווי ער האָט געטהאָן גוטעס מיט די אידען, וואָס ער האָט זיי ארויסגענומען פון שקלאַפעריי פון מצרים און זיי געבראַכט אין לאַנד כנען, זאַכען וואָס ער האָט געטהאָן בלויז פאַר זיי, פאַר די אידען, אָבער ניט פאַר אַנדערע. דאַריבער איז אויף דעם פאָלק ישראל ארויפ־געלייגט געוואָרען א חוב צו מקיים זיין אויך געהערטע מצוות, מצוות וואָס זיי האָבען געהערט פון משה רבנו, אָבער דער שכל וואָלט ניט מחייב געווען מען זאָל זיי טהאָן, ווי, למשל, ציצית, שעטנז און דאָס גלייכען. און די וואָס היטען אויך אָפּ די דאָזיגע סאָרטען מצוות פון גאָט'ס כבוד וועגען, טהוט ער זיי בע־זונדערע טובות אויסער די אַלגעמיינע וואָס ער טהוט מיט אַלע מענשען, אַזוי ווי מיר ווייסען פון שבט לוי, וואָס האָבען זיך איינגעשטעלט פאַר גאָט'ס כבוד בעת די אידען האָבען געמאַכט דעם עגל, האָט ער זיי דערפאַר ערוועהלט פון די אַנדערע שבטים זיי זאָלען איהם בעדיענען אין משכן, און האָט בעשטימט אהרן און זיינע קינדער פאַר כהנים, און זיי מזכה געווען מיט בעזונדערע מצוות אויסער די מצוות, וואָס זיינען געגעבען געוואָרען צו דער גאַנצער אידישער נאַציאָן, פאַר וועלכעס ער האָט זיי בעשטימט א בעזונדערע פערגיטיגונג לעולם הבא.

דריטענס, זיינען די טובות וואָס דער בעשעפער טהוט צו איין פאַמיליע בעזונדער, אַזוי ווי די כהנים און לויים, וואָס זיינען פאַרבליבען כהנים און לויים

לדורות, אדער אזוי ווי די משפחה פון דוד המלך, פון וועלכע עס האט זיך גע־צויגען א קעניגליכע דינאסטיע. אויך דיעזע ליגט א פליכט צו דיענען גאט מעהר ווי אנדערע, און עס זיינען טאקי דא פיעלע געבאטען בלויז פאר כהנים און מלכים. און היטען זיי אפ דאס וואס זיי דארפען אפהיטען, ווערען זיי בעלוינט אי אויף דער וועלט, אי אויף יענער וועלט; ווען אבער נים, ווערען זיי געשטראפט, אזוי ווי מיר וויסען פון קורח, וועלכער איז געווען א לוי, און האט געהאט אזא מיאוס'ן סוף דערפאר וואס ער האט נים ערפילט זיינע פפליכטען אלס לוי.

דער פיערטער סארט טובות זיינען די וואס גאט טהוט מיט אן איינצעלנעם מענשען אויסגעשלאסען פון זיין משפחה, פאלק און די מענשהייט בכלל, אזוי ווי, למשל, א נביא, אן ערוועהלטער הערשער, א חכם און דאס גלייכען. דיעזע פון גאט געבענשטע, וואס האבען זוכה געווען צו אזעלכעם וואס אנדערע בע־זיצען נים; דיעזע אויסנאהמען פון כלל און פון זייערע אייגענע משפחות, דארפען דיענען גאט מעהר ווי אלע אנדערע און דארפען איהם דאנקבאר זיין מעהר ווי אלע אנדערע פאר די בעזונדערע גענאדען וואס דער בעשעפער טהוט מיט זיי.

פאר דיזע פיער־ערליי טובות וואס מיר האבען אויסגערעכענט זיינען מענשען מחויב צו דיענען גאט, און וואס מעהר דער בעשעפער טהוט א מענשען גוטעס, אלץ מעהר איז דער מענש פערפליכטעט צו איהם, צו דיענען איהם. א ראיה קענען מיר נעהמען פון מעשר. די תורה האט אנגעזאגט אז מען זאל געבען מעשר פון תבואות. פיעל תבואה איינער נעהמט ארונטער פון זיינע פעלדער, זאל ער א צעהנט חלק דערפון אוועקגעבען די לויים. איז דער וואס גאט האט איהם געגעבען הונדערט מאס תבואה האט געדארפט אוועקגעבען צעהן מאס, און דער וואס גאט איהם געגעבען צעהן מאס, האט געדארפט אוועקגעבען נור איין מאס. און ווען דער ערשטער זאל געבען ניין און א האלב מאס און דער צוויי־טער — איין מאס, וועט דער ערשטער געשטראפט ווערען און דער צווייטער וועט קריגען שכר, כאטש ער האט געגעבען א סך ווייניגער פון ערשטען. דאס איז צוליעב דעם, ווייל פאר דער טובה וואס ער האט גענאסען פון אויבערשטען, האט ער איהם גענוג אפגעצאהלט, בעת דער ערשטער, וואס האט געהאט הונ־דערט מאס תבואה האט פראפארציאנעל נים אויסגעדריקט גענוג זיין דאנק־בארקיים.

אזוי איז אויך מיט אנדערע זאכען. דער וואס האט א זוהן איז מחויב אפצודיענען גאט דערמיט וואס ער טהוט גאט'ס רצון און איז דעם קינד מל און לערנט איהם תורה; האט ער אבער נים קיין זוהן, פאלען פון איהם ארונטער די דאזיגע מצוות. ווען א מענש איז קראנק, פאלט פון איהם ארונטער די פפליכט פון די מצות וואס ער קען נים טהאן קראנקערהייד, אלץ צוליעב דעם זעלבען שכל, אז וואס מעהר גוטעס דער מענש געניסט אלץ מעהר דארף ער דיענען גאט, און געניסט ער ווייניגער, פאלען פון איהם ארונטער געוויסע פפליכטען און עס קומט איהם נים קיין שטראף.

זאגט ווייטער דער נפש:

איך האב פערשטאנען אלעס וואס דו, שכל, האסט מיר געזאגט און איך פיהל זיך נים צו זיין אימשטאנד אפצוצאהלען מיינע שולדען צום בעשעפער פאר די אלגעמיינע גוטעס וואס ער טהוט מיט אלע מענשען בכלל און פאר די

ספּעציעלע טובות וואָס ער טהוט מיר בעזונדער — אודאי ניט. ווארום אויב אפילו איך וויל איהם אָפּצאָהלען מיינע שולדען, קומט מיר באלד ארויף אויפ'ן געדאנקען, אז ווען איך וועל דאָס האָבען אָפּגעטהאָן זאָל איך דערפאר גופא, פאר אָפּצאָהלען דעם בעשעפער זיין חוב, קריגען נאָך גוטעס. אזוי איז ווען איך פאָלג אויס זיינע געבאָטען אלס געצאָהלט פאר זיינע גנאדען, און אזוי אויך ווען איך דאנק איהם, האָב איך אלץ אין זינען צו פערלאנגען אז די גוטעס וואָס איך געניס זאָל ניט אויפהערען און איך זאָל קריגען נאָך מעהר גוטעס. אזא דאנק אָדער אָפּצאהלונג פאר א טובה מיט דער כונה צו קריגען דערפאר א גרעסערע טובה, פערשטעה איך, איז ניט גענוג, און איך דארף קריגען א לעקציאָן וואָס זאָל מיר פיעל וועניג לערנען ווי אזוי צו דיענען גאָט מיט א ריינעם געוויסען און דאָס דיענען איהם זאָל זיין א שטענדיגעם.

ענטפערט דער שכל:

דאָס וואָס דו, נפש, בעקלאָגסט זיך, אז דו האָסט ניט די ריכטיגע כונה אין דיענען און דאנקען דיין גאָט, אז ריידען רעדסטו ווי א דאנקבארער און דיין כונה איז פון א בעטער וואָס פערלאנגט מעהר, קומט פון דריי מדות וואָס דו האָסט אין זיך. ערשטענס, ווייל דו האָסט זיך צופיעל ליעב און דו זוכסט אלץ צו האָבען מעהר פארגעניגענס. צוליעב דיין פארגעניגען לוסט, ווערסטו ניט א טראָט טהאָן א טריט צו גאָטעס־דיענסט אָדער צו דיענען אימיצען אנדערש אהן דער כונה, אז דו זאָלסט אליין דערפון הנאה האָבען. האָב איך דיר שוין פריהער געזאָגט, אז דו דארפסט זיך סטארען ווי ווייט מעגליך אָפּצוגעוואוינען זיך פון דער דאָזיגער מדה.

דיין צווייטע שלעכטע מדה איז, וואָס דו פערשטעהסט ניט גענוג די חסדים וואָס דער בעשעפער טהוט מיט דיר און דו דענקסט, אז דו קריגסט פון איהם קיין טובה סידען דו בעטסט איהם. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. דער בעשעפער האָט נאָך פריהער, איידער דו האָסט ביי איהם געבעטען, געטהאָן מיט דיר פיעל חסדים, וואָס דו ווייסט און וואָס דו ווייסט ניט, ווייל עס קען זיין אז דאָס וואָס דו בעטראַכסט פאר שלעכט, איז דוקא פאר דיר גוט. ווען דו נעהמסט דאָס אין אכט; ווען דו פערטרייבסט דעם געדאנק, אז גאָט טהוט דיר גוטעס, נור דאמאלס ווען דו בעטסט איהם; ווען דו בעטראַכסט, אז ער האָט דיר געטהאָן טובות איידער דו האָסט איהם געבעטען, איידער דו האָסט גאָר געקענט בעטען, איידער דו האָסט שכל געהאט צו בעטען, דאן וועט דיין דיענען איהם און דאנקען איהם זיין מיט דער געהעריגער כונה און דאן, אז דו וועסט מיט דיין דיענען איהם און דאנקען איהם ניט אין זינען האָבען קיין ווייטערע טובות, ווערסטו מעהר בערעכטיגט זיין צו מעהר טובות.

די דריטע שלעכטע מדה, וואָס דו בעזיצסט איז, וואָס דו קענסט ניט זיך אליין און דו בעטראַכסט ניט דיין נישטיגקייט. דו בעדענקסט זיך ניט פון וואנען דו קומסט, וואָס דו ביזט ביי דיין לעבען און וואָס דו וועסט זיין נאָך דיין טויט. דו בעטראַכסט זיך פאר א וועזען וואָס איז בערעכטיגט דערהויבען צו ווערען און געניסען אַלעס גוטעס, און דו הערסט ניט אויף צו וועלען און פערלאנגען. וויפיעל דו האָסט, ווילסטו אלץ מעהר, ווייל נאָך דיין פאַלשען חשבון קומט עס דיר, און דו זעהסט ניט איין, אַז דער בעשעפער איז בערעכטיגט צו אַלע מעגליכע דיענסטע פון דיר. אז דו דיענסט איהם, מיינסטו אז דו טהוסט מיט איהם א גרויסען חסד, כאָטש דו ווייסט אז דו דארפסט אָנקומען צו איהם

און ניט ער צו דיר. ווען אָבער דו וועסט זיך אַרויסשלאָגן די דאָזיגע נאַרישקייט פון דיין מח און דו וועסט קוקן אויף אַלעם מיט אָפענע אויגן און פער־שטעהן אַז דיין בעשעפער האָט דיר אין זינען און ווייס בעסער ווי דו וואָס פאַר דיר איז גוט און וואָס ניט, דאַן וועסטו צופריעדען זיין מיט דעם וואָס ער גיט דיר און דו וועסט איהם פאַר אַלעם דאַנקען מיט'ן גאַנצען האַרצען. ווען דו האָסט אין זיך די דאָזיגע מדה, וועסטו ניט לייגען קיינע האָפנונגען אויף זאַכען וואָס קענען דיר אָפּווענדען פון אַנערקענען גאָט'ס חסדים און בעי־צאָהלען איהם דערפאַר. דו וועסט דאַן וויסען, אַז דאָס וואָס דיר קומט, וועסטו אונבעדינגט קריגען, און וועסט ניט זוכען קיין בעלוינונג פאַר דיענען גאָט אָדער דאַנקען איהם.

און דאָס וואָס דו פערלאַנגסט אַז איך זאָל דיר לערנען פיעל ווייניג און ניט אַרויפלייגען אויף דיר קיינע שוועריגקייטען אין דעם ענין פון דיענען גאָט, וועל איך דיר זאָגען די עיקרים, די הויפּט זאַכען, וואָס אַהן זיי קען מען ניט יוצא זיין אין גאָטעס דיענסט און דאַנקבאַרקייט צו איהם פאַר זיינע טובות. דיעזע זיינען דאָ צעהן, ווי פאָלגט:

א מענש זאָל גאָט'ס טובות ניט מאַכען פאַר קיין סבה, קיין אורזאַך צו זיין איהם דערוואַרער. למשל, ווען איינער ווערט רייך, זאָל די רייכטהום איהם ניט ברייננגען צו גאוה.

ער זאָל אין אַלע צייטען דערמאָהנען די גוטעס מיט'ן מויל און דאַנקען גאָט און לויבען איהם דערפאַר אי מיט'ן מויל, אי אין האַרצען.

די טובות זאָלען ביי איהם זיין אָנגעלייגט און ער זאָל ניט נידערשעצען זיי.

ווען א טובה קומט איהם דורך א מענשען, זאָל ער ניט דענקען אַז דער מענש האָט עס איהם געטהאָן, נור בעטראַכטען דעם בעל טובה אַלס א שליח פון גאָט.

ער זאָל זיך ניט בעריהמען און עס זאָל איהם אפילו אויפ'ן געדאַנקען ניט קומען אַז ער האָט עטוואָס גוטעס געגאָסען דורך זיין אייגענעם כח אָדער חכמה, אָדער אַז ער האָט עס, ווייל ער האָט עס פערדיענט פאַר זיינע גוטע מעשים.

ער זאָל אויך ניט דענקען, אַז ווען ער וועט זיך די מיה געבען וועט די גוטעס אָנהאַלטען און עס וועט אויסמיידען וועט ער וועט עס פערנאַכלעסיגען. ער דאַרף וויסען אַז דאָס ווענדט זיך ניט אָן איהם, נור אָן גאָט און זיין מיה און סטאַראַניע קענען ניט העלפען, ווען דער ווילען פון אויבערשטען איז אַנדערש.

ער זאָל ניט פעראַכטען דעם יעניגען וואָס קריגט ניט די זעלבע טובות וואָס ער. דער רייכער, למשל, דאַרף ניט פעראַכטען דעם אָרימאַן און דענקען אַז ער האָט ערוואָרבען רייכטהום, ווייל גאָט האָט איהם ליעב און יענער האָט עס ניט, ווייל גאָט האָט איהם פיינט. וואָרום ער קען ניט וויסען. עס קען גאָר זיין, אַז דער בעשעפער גיט איהם עשירות, כדי צו שטעלען איהם צו פּראָבע אויב ער וועט אַרויסצייגען די בייזע מחשבות וואָס ער האָט פערבאָרגען אין זיין האַרצען, און אויב דער זינדיגער מענש טהוט דאָס טאַקי, און ווען ער ווערט רייך צייגט ער זיך אַרויס אין זיין ריכטיג געשטאַלט, קען קיין ספק ניט זיין, אַז דער וואָס איהם גערט ניט גוט איז ביים אויבערשטען דוקא מעהר בעליעבט.

דעם מענשענ'ס הארץ, זיין כונה דארף זיין גאנץ מיט גאט. ווען ער טהוט עפעס פון גאט'ס וועגען, זאל ער דערביי ניט האבען קיינע אנדערע אבזיכטען, און ווען גאט טהיילט איהם איין גוטעס און ער, דער מענש, טהוט ניט מעהר מעשים טובים ווי פריהער און דאנקט איהם ניט מעהה, זאל ער לכל הפחות פערבלייבען ביי די פריהעריגע און ניט ערגער ווערען, און ניט אפווענדען זיינע געדאנקען פון בעשעפער.

ער זאל שטענדיג קוקען אויף ניעדעריגערע פון איהם, ניט אויף העכערע אדער גרעסערע אין רייכטהום. וואס אנבעלאנגט צו דיענען גאט, זאל ער, פער־קעהרט, קוקען אויף העכערע פון איהם, אויף פרימערע, און זיך סטארען צו קומען צו זייער מדרגה. ער טאר ניט קוקען אויף קלענערע פאר איהם אין דיזען פאך און בעטראכטען זיך אלס צדיק געגען זיי.

דאס וואס דער בעשעפער פערבארגט זיין כעס פון א זינדיגען מענשען און ער שטראפט איהם ניט, זאל ביי איהם ניט אנגענומען ווערען, אז ער איז שוין בעווארענט פון אן עונש. ער זאל ניט זאגען: אז גאט שטראפט מיך ניט, מעג איך שוין ווייטער זינדיגען.

אט די צעהן אנגעגעבענע הויפט פונקטען, ווייסען מיר פון דער געשיכטע פון דורות פאר אונז און פון דער געגענווערטיגער צייט, אז ווען זיי ווערען ניט אפגעהיט, ברייננט עס מענשען אראפצוגעהן פון דרך הישר און זינדיגען געגען בעשעפער. מיר ווייסען אז מענשען זיינען פערדארבען צוליעב פיעל גוטעס וואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבען און צוליעב דעם וואס זיי האבען ניט אפגעהיט די צעהן פריהער געזאגטע כללים.

מיר ווייסען דאס פון די נביאים פון אלע דורות, אז דער געגענזאץ פון די דאזיגע פונקטען אדער כללים איז שטענדיג דער הויפט פאקטאר צו פערדאר־בען די לעהרע פון דיזען שער, מיט וועלכען מיר בעצוועקען צו ברייננען מענשען צו ריינע און אויפריכטיגע גאטעס דיענסט. און ווער עס האט ספע־ציעלע טובות פון בעשעפער און ער קען איהם ניט דיענען מעהר, זאל ווייניג־סטענס אפהיטען די צעהן עיקרים, וואס איך האב דערמאהנט, מיט א ריינעם געוויסען און דאס וועט איהם ברייננען צו בערעכטיגונג צו נאך בעזונדערע גוטס פאר איהם אליין, אויסער די אלגעמיינע גענאדען וואס דער בעשעפער טהוט מיט דער מענשהייט בכלל.

און ווען דער אויבערשטער וועט ביי איהם די גוטעס אוועקנעהמען, וועט עס זיין צוליעב איינע פון די צוויי אורזאכען: ענטוועדער כדי אפמעקען דורכ־דעם א זינד פון פריהער, אדער כדי אפצוגעבען איהם דערפאר שכר לעולם הבא. וואס דאס איז פיעל בעסער און טהייערער ווי די גוטעס וואס א מענש האט דא, אויף דער וועלט.

# פרק ט'

זאגט ווייטער דער נפש הבהמית, דער טהיערישער אינסטינקט:

דו, שכל, האסט זיך גענומען די מיה צו היילען מיך און דיר איז דאס געלונ־גען. דו האסט מיר מיט דיין גרויסען ליכטיגען פערשטאנד איבערצייגט אין וואס מיין רפואה בעשטעהט און דו האסט פון מיר ארונטערגענומען די פינסטערע

נארישקייט און אומוויסענהייט. אבער איין פראגע, אן אנגעוועהטאגטע פראגע, וואס קען מיר שאדען צו גאטעס־דיענסט, איז ביי מיר פערבליבען. אויב דו וועסט נאך מיך אויסקורירען דערפון אויך און אוועקנעהמען פון מיר די זארג וואס איך קען די דאזיגע פראגע ניט פערענטפערען, דאן וועל איך פריי זיין פון דאס ערגסטע און וועל זיין נאהענט צו א פאלשטענדיגע היילונג.

שכל: און וואס איז דאס אזעלכעס?

נפש: די פראגע וואס עגבערט מיין מח איז וועגען הכרח און חפץ, וועגען צוואנג און אייגענער ווילען. אין די כתבי הקודש, אין די הייליגע שריפטען זיינען דא פסוקים וואס צייגען אז דער מענש איז ניט קיין בוחר, קיין אויס־קלייבער צו טהאן וואס ער וויל, נאר אלע זיינע מעשים קומען בהכרח, דורך צוואנג. ער איז אלעס געצוואונגען צו טהאן לויט די גזירה און ווילען פון גאט, וועלכער רעגירט די גאנצע שאפונג פון דער וועלט. אזוי ווערט געזאגט אין פסוק: "כל אשר חפץ ה' עשה בשמים ובארץ" — אלעס וואס גאט וויל טהוט ער אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד. אדער דער פסוק: "מי זה אמר ותהי, ה' לא צוה; מפי עליון לא תצא הרעות והטוב" — ווער האט עפעס גע־זאגט און עס איז געווארען אויב גאט האט ניט געהייסען, און ווער זאגט עס, אז שלעכטעס און גוטעס קומען ניט פון אויבער־שטענס מויל? אדער דער פסוק: "אם ה' לא יבנה בית, שוא עמלו בוניו בו" — אויב גאט וועט ניט בויען א הויז, איז אומזיסט די מיה פון די בויער. עס זיינען דא נאך פסוקים וואס זאגען, אז קיין זאך ווערט ניט געטהאן אהן בעשעפער און קיין זאך בעוועגט זיך ניט אהן זיין הייליגען רצון. מחקרים האלטען אויך אזוי, אהן מיינונגס־פערשידענהייטען. קומט אבער די תורה אליין און קריגט אויף דעם און זאגט אונז פונקט דעם היפוך, אז די בחירה איז ביים מענשען, אז ער קען טהאן זאכען מיט זיין אייגענעם רצון און דאריבער איז ער בערעכטיגט צו שכר פאר גוטע טהאטען און עס קומט איהם א שטראף פאר שלעכטע מעשים.

די תורה זאגט: "ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע ובחרת בחיים" — זעה, איך לייג דיר פאר לעבען און גוטעס, און טויט און שלעכטעס, און דו זאלסט זיך אויסקלייבען דאס לעבען, הייסט דאך דאס, אז די ברירה איז ביים מענשען און ער קען טאהן ווי און וואס ער וויל. אין איוב ווערט געזאגט: "כי פועל אדם ישלם לו" — די טהאט פון מענשען בעצאהלט איהם. טהוט ער גוטעס, ווערט ער בעלוינט מיט גוטעס, און טהוט ער שלעכטעס, קריגט ער בעצאהלט שלעכטעס. און פון אלעס וואס ווערט געזאגט אין אונזער תורה אין דעם ענין פון מצוות און עברות, שכר און עונש, זעהט מען אז אזוי איז דאס, אז דעם מענשען'ס מעשים זיינען אין זיין אייגענעם רשות, אז ער קען טהאן וואס ער וויל און גאט'ס כבוד איז ריין פון צווינגען דעם מענשען צו זיינע טהאטען, גוטע אדער שלעכטע, און ער איז ניט פעראנטווארטליך פאר דעם מענשען'ס מעשים טובים אדער מעשים רעים. אט די סתירה, דער ווידערשפרוך אין די פערשיעדענע פסוקים איז מיר שווער צו פערשטעהן, און אויב די דאזיגע אנגעוועהטאגטע פראגע קען פארענטפערט ווערען; אויב עס איז דא א רפואה צו היילען מיין נעוויסען דערפון, זאל מיך גאט היילען דורך דיר.

ענטפערט דער שכל:

דער ווידערשפרוך אין די פסוקים, וואס דו זאגסט, איז ניט שווערער צו פארענטפערען ווי די ווידערשפרוכען וואס מיר זעהען אין דער פראקטיק אין די

מעשים פון מענשען. מיר זעהען אז צייטענווייז טהוט א מענש וואס ער וויל און ווי ער וויל און אפטמאל קומען זיינע טהאטען ארויס ניט לויט זיין ווילען און אבזיכט. דאס לערנט דיך, אז דער בעשעפער האט די ממשלה איבער'ן מענשען און דער מענש איז געבונדען אונטער זיין רצון, וויל ער, בינדט ער איהם אפ און לאזט איהם טהאן וואס ער וויל, און וויל ער, פערהינדערט ער איהם דורכצופיהרען זיין פערלאנג. מיר זעהען דאס אויך אין די בעוועגונג פון מענשען'ס צונג, זיין געהער און זעה־קראפט. ניט שטענדיג רעדט א מענש דאס וואס ער האט בדעה צו רעדען, און אמאל הערט ער דאס וואס זיין הארץ גלוסט צו הערען און זעהט וואס ער וויל זעהן, און אמאל קומען פאר הינדערונגען און דער מענש קען ניט הערען און זעהן דאס וואס ער גארט, דאס וואס ער האט חשק צו הערען אדער זעהן. זעהען מיר דאך אין פראקטישען לעבען, אז די בחירה איז ניט ביים מענשען, דאך זעה איך נאכהער אז שכר און עונש קומט דעם מענשען לויט זיינע מעשים. איז דאך אויך די זעלבע פראגע: ווי באלד אין פראקטישען לעבען איז דער מענש ניט פעראנטווארטליך פאר זיינע מעשים; ווי באלד אז ער טהוט אפטמאל זאכען געגען זיין ווילען, טא ווארום זאל בעלוינונג אדער שטראף גערעכענט ווערען לויט זיינע טהאטען? איז אויב מען קען פערענטפערען דיזע פראגע, קען מען אויך פערענטפערען די סתירות וואס דו פרעגסט אויף די פסוקים.

וועגען דיזען ענין זיינען שוין אנגעגאנגען דעבאטען צווישען חכמים, וועלכע האבען געזוכט צו פערענטפערען די פראגע. איז דא א דעה, אז אונז דאכט זיך בלויז אז מענשען האבען אפטמאל קיין דעה איבער זייער אייגענעם ווילען; אין אמת'ן אבער זיינען מענשליכע טהאטען, גוטע און שלעכטע, ביי איהם אין די הענד און ער טהוט ווי ער וויל און ווי ער קען לויט זיין פעהיגקייט און מאכט. דער בעשעפער האט דערמיט גאר ניט צו טהאן און אין דיזען פרט איז דער מענש בעל הבית איבער זיך. דאריבער איז זעלבסטפערשטענדליך, אז עס קומט איהם שכר פאר גוטע מעשים און אן עונש פאר טהאן שלעכטעס.

אנדערע ווילען האבען, אז אלע מענשליכע טהאטען און אלע געשעהעניסען זיינען אין די הענד פון בעשעפער. זיי זאגען, אז אלע פאסירונגען פון דער וועלט, סאי מיט מענשען, סאי מיט אנדערע זאכען, זיינען אין רשות פון השי"ת. געפינען זיך שטענדיג אונטער זיין קאנטראל און טרעטען ניט אפ אפילו א האר פון זיין השגחה. די קלענסטע זאך אזוי גוט ווי די גרעסטע איז אונטערווארפען דעם ווילען פון גאט און אהן זיין ווילען קען קיין זאך געשעהן. און אז מען האט דיזע חכמים געפרעגט וועגען דעם ענין פון שכר ועונש, ווייל נאך זייער שיטה איז דאך אומפערשטענדליך פארוואס זאל א מענש קריגען שכר פאר גוטע מעשים און געשטראפט ווערען פאר שלעכטע, האבען זיי געענטפערט: בעלוינונג און שטראף ווייסען מיר ניט וואס דאס איז. מיר בעגרייפען דאס ניט. מיר פערשטעהען ניט ווי גאט'ס משפט געהט אן, אבער גאט איז אימער דער גערעכטער און טהוט ניט קיין עולה. ער איז בעגלויבט, אז ער צאהלט מיט גוטעם פאר גוטעם און מיט שלעכטעם פאר שלעכטעם, כאטש אונזער פערשטאנד איז צו שוואך צו בעגרייפען די זאך ריכטיג. זיין גערעכטיגקייט און זיינע חסדים זיינען אפענבאר און מען זעהט זיי אזוי פיעל, אז מען קען איהם ניט חושד זיין אז ער זאל ח"ו טהאן אומרעכט.

אנדערע חכמים ווידער האבען אנגענומען די פאריגעביידע דעות און זיי זאגען, אז עס זיינען דא זאכען וואס דער מענש איז געצוואונגען צו טהאן אדער

ניט טהאָן לויט דעם רצון פון בעשעפער, און זאכען וואָס דער מענש האָט דעם אויסוואהל צו טהאָן אָדער ניט טהאָן. אָבער ווען א מענש זאָל זיך פערטיעפען אין דיעזען ענין אָננעהמענדיג וועלכע שיטה עס איז, מוז עס איהם ברייגנען צו זינד. עס טויג דאריבער ניט צו טראַכטען אין דעם צופיעל און דער בעסטער וועג, האָבען יענע חכמים געזאָגט, איז אָנצונעהמעןביידע דעות, אז עס זיינען דאָ זאכען וואָס זיינען אין די הענד פון גאָט און זאכען וואָס זיינען אויסשליסליך אין די הענד פון מענשען. מען דאַרף גלויבען, אַז מעשים טובים און מעשים רעים, גוטע און שלעכטע טהאטען זיינען שטענדיג אין רשות פון מענשען און עס איז נור געווענדט אַז זיין ווילען צו טהאָן זיי אָדער ניט טהאָן, פאר וועלכעס ער וועט קריגען שכר אָדער עונש. די דאָזיגע אמונה וועט דעם מענשען ברייגנען צו סטארען זיך ווי ווייט מעגליך פון זיין אייגענע טובה וועגען, כדי צו געניסען פוןביידע וועלטען, און וואָס אנבעלאנגט צו וועלטליכע זאכען אויסער מצוות און עברות, דאַרף דער מענש גלויבען און האָבען בטחון, אַז אַלעס איז אונטער גאָט'ס ממשלה, אז גוטעס און שלעכטעס קומען נור פון דער גזירה פון בעשעפער און זיין רצון. מען דאַרף דעריבער אין זינען האָבען, אַז דער בורא, ב"ה, קען האָבען א שטארקע טענה צום מענשען, ווען ער איז ניט מקיים זיינע פערזאָגען, ווייל אין דעם פּרט איז דאָך די בחירה ביים מענשען און עס איז אין זיין רשות אויפ־צופיהרען זיך גוט אָדער שלעכט; אָבער דער מענש קען קיינע טענות ניט האָ־בען צו גאָט.

און דיזע שיטה איז נעהענטער צום ריכטיגען וועג ווי די וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָהנט. אָבער דער אמת איז, אַז מיר מוזען צוגעבען, אַז אונזער ניט וויסען די ריכטיגקייט אויב די בחירה איז ביים מענשען אָדער ניט, איז צו־ליעב דעם, ווייל מיר מענשען האָבען ניט גענוג פארשטאַנד און אונזער שכל איז צו שוואך צו פערשטעהן א זאך וואָס בעלאנגט צו דער חכמה פון השי"ת. און מיר דארפען גלויבען, אַז אונזער אונוויסענהייט אין דיזען ענין איז איינע פון די טובות וואָס דער בעשעפער טהוט מיט אונז, און ווען עס וואָלט פאר אונז בעסער געווען צו וויסען דעם סוד אויב די בחירה איז ביי אונז און מיר קענען טהאָן זאכען לויט אונזער אייגענעם ווילען אָדער מיר ווערען אין אַלעם קאָנטראָ־לירט פון הימעל, וואָלט דער בעשעפער דאָס אונז מגלה געווען.

א ביישפּיעל דערצו קענען מיר געבען פון דעם וואָס מיר זעהען, אַז איינער וואָס האָט שוואכע אויגען קען ניט קוקען אויף די ליכט פון דער זונן סיידען ער זאָל די אויגען פערשטעלען מיט עפּעס א דינע מאַטעריע, און וואָס שוואכער די אויגען זיינען, אַלץ דיקער דאַרף זיין די מאַטעריע וואָס פערשטעלט זיי, כדי צו קענען קוקען אויף דער שיין פון דער זונן און עס זאָל פאַר'ן מענשען זיין בעסער. דאָס זעלבע איז אויך מיט די ענינים וואָס זיינען פון אונז פערבאָרגען. מיר זיינען צו שוואך צו בעגרייפען זיי, האָט זיי דער בעשעפער פערדעקט פון אונזער טובה וועגען. און וואָס דער פערשטאַנד ביי א מענשען איז שאַרפער, וואָס מעהר ער קען משיג זיין, אַלץ דינער איז דער צודעק, אַלץ ווייניגער זיינען די פערבאָר־גענע זאכען פון איהם פערבאָרגען און ער בעגרייפט מעהר פון אנדערע.

און ווידער זעהען מיר אין פיעלע קערפערליכע מלאכות אָדער זאכען וואָס ווערען געמאַכט פון מענשען, וואָס ווען מיר זאָלען זיי ניט זעהן מיט אונזערע אויגען און מען וואָלט אונז דערצעהלט וועגען זיי, וואָלטען מיר עס ניט געגלויבט און מיר וואָלטען עס אָפּגעלייקענט, אַזוי ווי, צום ביישפּיעל, די טעלעסקאָפּען און

אנדערע אינסטרומענטען און אפאראטען, וואס אסטראנאמער געברויכען און זיי ווייסען דורך זיי דעם גאנג פון די שטערען און פלאנעטען, וואו זיי געפינען זיך, ווי ווייט זיי זיינען איינע פון די אנדערע, די פונקטען וואס זיי דערגרייכען צו געוויסע צייטען און נאך פיעלע זאכען. ווען מיר זאלען די דאזיגע אסטראנאמישע אינסטרומענטען און אפאראטען ניט זעהן מיט אונזערע אויגען, וואלטען מיר ניט געגלויבט אז אזעלכע עקזיסטירען.

אדער מיר ווענלען נעהמען א געגענשטאנד וואס איז נעהענטער צו אונז, א זאך וואס איינפאכע מענשען געברויכען,—א בעזמען, אן אינסטרומענט וואס מען בענוצט צו וועגען דערמיט. דאס איז א שטעקעל וואס האט ביי איין ברעג א געוויסע משא, אן אייזערנע קויל אדער א שטיינערנע. אויף דעם שטעקעל זיינען דא צייכענס, לאמיר זאגען, א פונט, צוויי פונט, דריי פונט, און אזוי ווייטער. ווען מען וויל ווייסען די וואג פון א געוויסע זאך, הענגט מען די זאך אן ביים צווייטען ברעג פון בעזמען און האלטענדיג דעם בעזמען אויף א שנירעל, באלאנסירט מען איהם אזוי, אז ער זאל הענגען גלייך, ניט איין זייט אונטערגעבויגען מעהר ווי די צווייטע, און דער קומער, אויף וועלכען דער שנירעל געפינט זיך בעת דער בעזמען איז ריכטיג באלאנסירט, צייגט די ריכטיגע וואג פון דעם געגענשטאנד וואס מען וועגט. די כלי אדער דער אינסטרומענט איז אזוי געמאכט אז עס צייגט די וואג פינקטליך. מיר זעהען דאס און מיר זיינען איבערצייגט אז אזעלכעס עקזיסטירט; ווען אבער מיר וואלטען עס ניט געזעהן, וואלטען מיר ניט געגלויבט, אז אזא זאך איז מעגליך.

עס זיינען דא נאך גאנץ געוועהנליכע זאכען, וואס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען און ווען מיר וואלטען זיי ניט געזעהן און מען וואלט אונז נור דערצעהלט וועגען זיי, וואלטען מיר די דערצעהלער אנגענומען פאר ליגנער. און דאס איז ווייל עס פעהלען אונז ידיעות אין די געזעצען פון דער נאטור און אין די כחות פון דער שאפונג. הייגט אז מיר פערשטעהען ניט און מיר בעגרייפען ניט זאכען וואס זיינען ביי אונז אלטעגליך און וואס מיר האבען פאר אונזערע אויגען, איז שוין קיין וואונדער, אז מיר זיינען צו שוואך אין אונזער שכל צו פערשטעהען דעם גאנג פון צוואנג און אויסוואהל, די זאכען וואס ווערען געטהאן נור דורך דעם בעשעפערס גזירה, ווייל ער הייסט אזוי, און זאכען וואס דער מענש קען טהאן מיט זיין אייגענעם ווילען. דאס גופא, אונזער אונוויסענהייט אין דעם, בעלאנגט, ווי מיר האבען פריהער געזאגט, צו גאט'ס משפטים, צו די גערעכטיגקייט וואס ער טהוט מיט מענשען.

דאריבער זאגט דוד המלך אין תהלים: „ה' לא גבה לבי ולא רמו עיני ולא הלכתי בגדולות ובנפלאות ממני" — גאט, איך טראכט ניט צו הויך און קוק ניט צו הויך און איך גיב זיך ניט אפ מיט גרויסע זאכען וואס זיינען פון מיר פערבארגען.

## פרק י'

זאגט ווייטער דער נפש צום שכל:

דו האסט מיך געטרייסט דערמיט וואס דו האסט ארויסגעשלאגען פון מיינע געדאנקען דעם חשק צו וועלען דערגעהן דעם גאנצען סוד וועגען צוואנג און אויסוואהל מיט דיין ערקלעהרונג אז דער ענין איז צו דעליקאטנע און טיעף.

אבער ענטדעק מיר דעם סוד פון מיין זיין אויף דער וועלט און צוליעב וואס פאר א צוועק בין איך דא. דו זאלסט מיר אויך ווי ווייט מעגליך אין קורצען אויפקלעהרען כאטש פיעל ניט איז וועגען דעם ענין פון צוואנג און אויסוואהל. דערגעהן דאס אין גאנצען, ווייס איך, אז איך קען ניט, אבער איך וויל כאטש עטוואס וויסען, כדי איך זאל ניט זיין אזוי ווי יענער שטאדט ממונה, וועגען וועלכען מען האט מיר דערצעהלט.

אויף אן אינזעל אין אינדיען, — האב איך געהערט דערצעהלען, — האבען די איינוואהנער פון א שטאדט אפגעמאכט צווישען זיך, אז זיי זאלען יעדעס יאהר אויסקלייבען איינעם פון א פרעמדע לאנד אלס זייער אויבער־הארר און שטאדט־פארוואלטער. נאך יעדען יאהר זאל מען דעם ממונה ארויסשיקען און אן אנדער פרעמדער זאל פערנעהמען זיין פלאץ.

האט די שטאדט אויפגענומען אלס איהר ממונה א נארישען מענשען, וואס האט זיך ניט גענומען די מיה נאכצופארשען אויף די מנהגים פון דער שטאדט, און ניט וויסענדיג, אז ער האט דארט צו דיענען בלויז איין יאהר, האט ער אנגעזאמעלט מאגאזינען מיט שפייז, האט געבויט פאלאצען מיט פעסטונגען און אריבערגעבראכט זיין גאנצען פערמעגען מיט אלע זיינע אוצרות וואס ער האט געהאט אין דער היים אהין אין שטאדט. ווען עס איז אריבער דער יאהר, האבען איהם די שטאדטלייט ארויסגעטריבען בעירום ובחסר כל און איהם ניט געלאזט מיטנעהמען קיין זאך פון די זאכען וואס ער האט אריינגעבראכט אדער דארט ערווארבען. האט דער ארונטערגעזעצטער ממונה זיך זעהר מצער געווען און האט חרטה געהאט אויף זיין נארישע פיהרונג, וואס ער האט אזוי פיעל געארבייט און זיך געסטארעט און האט דערפון גאר ניט.

דער נייער פרעמדער וואס די שטאדט האט אויפגענומען אלס איהר פערוואלטער אהער הערשער, איז שוין געווען א קלוגער. האט ער מיט איינעם פון די שטאדטלייט געשלאסען פריינדשאפט, האט איהם טובות געטהאן און יענער האט איהם אויסגעזאגט דעם סוד, אז מעהר ווי א יאהר וועט ער דארט ניט זיין און נאכהער וועט מען איהם הייסען געהן און ניט לאזען מיטנעהמען קיין זאך. האט שוין דער צווייטער ניט געטהאן ווי דער ערשטער. דיזער האט געזאמעלט פערמעגענס און אוצרות און זיי אוועקגעפיהרט אין זיין היים־שטאדט. וואס נור ער האט געקענט פערנעהמען, האט ער פערנומען און איבערגעפיהרט צו זיך אהיים און האט זיך ניט פערלאזט אויף די שטאדטלייט, אפשר וועלען זיי מיט איהם האנדלען אנדערש ווי מיט'ן ערשטען. און די צייט וואס ער האט געהערשט אין שטאדט, איז ער געווען אי פרעהליך, אי טרויעריג. געפרעהט האט ער זיך וואס ער זאמעלט רייכטהימער, מיט וועלכע ער וועט זיך נאכ'ן יאהר בענוצען אין זיין היים און זיך שטנדיג פארגעניגען רוהיג און זיכער. און געזארגט האט ער, וואס זיין טערמין וועט שנעל פאראיבער און ער וועט מעהר ניט קענען זאמלען. אבער אז דער יאהר איז פאראיבער, האט ער זיך ניט געזארגט וואס ער האט פערלאזט דעם פלאץ און איז פון דארט אוועק מיט שמחה און צופריעדענהייט. זיין שמחה איז געווען א דאפעלטע. ערשטענס, וואס ער האט זיין פערמעגען ניט געבראכט אין יענער שטאדט, וואו ער האט געהערשט, און צווייטענס, וואס ער האט אריבערגעפיהרט די דארט געזאמעלטע אוצרות אין זיין שטענדיגע היים.

און ניט וויסענדיג דעם צוועק צו וואס איך עקזיסטיר אויף דער וועלט,

און ניט האָבענדיג קיין ברעקעל ידיעה וועלכע זאכען איך טהו מיט מיין איינגענעם ווילען און וועלכע איך בין פון הימעל געצוואונגען צו טהאָן, און ניט פערשטעהענדיג בכלל ווי אזוי איך קען בעזיצען די צוויי קאָנטראַסטען צוואַנג און אויסוואהל, האָב איך מורא, אז מיט מיר קען פּאַסירען אזוי ווי מיט יענעם נארישען שטאָדט־פערוואַלטער, וואָס האָט צום סוף יאָהר פערלאָרעןביידע זאכען, אי די שטאָדט־פערוואַלטונג, אי דאָס וואָס ער האָט דורך זיין טערמין געזאַמעלט. און אז גאָט האָט מיר צוגעשיקט דיך, שכל, בעט איך, לערען מיך און צייג מיר ווי איך זאָל זיך פיהרען. זאָג מיר דאָס וואָס איך וויים ניט און ווי אזוי איך זאָל מיינע פעהלערען אויסבעסערען.

ענטפערט דער שכל:

דעם משל וואָס דו האָסט דערצעהלט קענסטו אָנמעסטען אויף דיר. דו ביזט דאָ אויף דער וועלט אויף אזא אופן ווי יענע שטאָדט־פאַרוואַלטער, וואָס דו האָסט דערצעהלט. ווייסטו שוין אז דו ביזט דאָ ניט מעהר ווי א גר און אז איין ניכען וועסטו מוזען געהן פון דאַנען, און אז דו ווייסט עס, דאַרפסטו זיך פיהרען ווי דער צווייטער ממונה האָט זיך געפיהרט, ניט ווי דער ערשטער, דער נאַר. וועסטו אָבער ניט געהן אין וועג פון דעם קלוגען, וועט דיר ניט העלפען מיינע רייד און עס וועט דיר גאָר ניט ארויסקומען פון מיינע מליצות.

נפש: ווען איך זאָל ניט וועלען פיהרען זיך ווי גוט איז, וואָלט איך ניט געזוכט צו וויסען דאָס וואָס איך וויים ניט.

שכל: דו ווילסט וויסען דעם סוד ווארום דו ביזט געבראַכט געוואָרען אויף דער וועלט, וועל איך דיר דאָס ערקלעהרען. דער בעשעפער האָט דיך אזוי ווי אנדערע שאַפונגען בעשאַפען פון גאָר ניט. דער עיקר אין דיר איז רוחניות, גייסטיגעס, דאָס איז די נשמה. האָט דיך גאָט געוואָלט דערהויבען ביז דער שטופע פון זיינע געליעבטע, אויסערוועהלטע און זויבערע, וואָס זיינען נאָהענט צו זיין כבוד (די מלאכים), ניט פון קיינעמס טובה וועגען, נור פון דיין טובה וועגען. און דאָס איז א חסר פון בעשעפער, צו וועלכען דו קענסט ניט זיין בערעכטיגט ביידען דו קומסט איבער דריי זאכען. ערשטענס, מוזט דו ארונטערנעהמען פון זיך די גראָבקייט, די פּראָסטקייט און בענוצען דעם שכל. צווייטענס, דאַרפסטו ביי־שטעהן די נסיונות, די פּראָבעס וואָס גאָט מאַכט מיט דיר אויב דו וועסט איהם דיענען אָדער זיין איהם דערווידער, און דריטענס, מקבל זיין זיינע שטראָפען אויף דער וועלט. דאָס אלעס איז כדי צו ברייינגען דיך צו דער מדרגה פון די מלאכים, וועלכע דיענען איהם און טהוען זיין רצון. זייענדיג בלויז גייסט ווי דו ביזט צוערשט געוועזן אין עולם הנשמות, וואָלטען די דריי זאכען ניט געקענט דורכגעפיהרט ווערען. דאריבער האָט דער בעשעפער מיט זיין חכמה פאַר דיר בעשאַפען די וועלט מיט אלעם וואָס געפינט זיך אין איהר אין א גוטע אָרדנונג און געהעריגע פיהרערשאַפט, און אלעס איז גרייט פאַר דיין געברויך.

פאַר דיר גופא, פאַר דיין אָריגינאַל, פאַר דיין גייסט, האָט ער צוגעגרייט א פּאַלאַץ, געבויט פון די בעסטע יסודות, פון די הויפּט עלעמענטען: פייער, וואַסער, ערד און לופט. דאָס איז דער גוף, וואָס איז גלייך צו דער וועלט, וועלכע איז בעשאַפען פון די זעלבע יסודות. אין דעם פּאַלאַץ, אין גוף, האָט ער געמאַכט פינף טויערען און ביי זיי אָוועקגעשטעלט פינף אָנפערטרויטע וועכטער. די פינף טויערען זיינען די אינסטרומענטען פון די חושים וואָס דער מענש בעזיצט: די אויגען, אויערען, נאָז, צונג און הענד. די וועכטער זייגען די חושים, וואָס

דער מענש געברויכט: דאָס זעהן, הערען, שפּירען א ריח, רעדען און אנטאַפּען אדער פיהלען זאכען דורך בעריהרען זיי מיט די הענד. מיט די פינף חושים אָדער געפיהלען קענסטו דערגרייכען אלעס וואָס דיר נוטציג איז אויף דער וועלט. אין דעם פּאלאַץ, אין גוף, הייסט עס, זיינען אויך דאָ בעזונדערע אָפּטהיילונגען פאַר אויפזעהער אָדער הערשער, וואָס פיהרען דעם פּאלאַץ און האָבען זייער הויפּט השגחה איבער די טויערען און די וועכטער. דאָס זיינען די הארץ און דער מח, וועלכע קאָנטראָלירען די חושים און די מעשים וואָס ווערען דורך זיי געטהאָן. דער גוף, וואָס איז די דירה פון דער נשמה, איז בעזאָרגט מיט נאָך נויטוועגדיג־קייטען וואָס האלטען איהם אויף. דער כח המושך, די ציהונגס קראַפט, וואָס ציהט ארונטער דאָס עסען אין מאָגען, דער כח המחזיק, די אויפהאלטונגס קראַפט, וואָס האלט איין דאָס עסען אין מאָגען ביז עס קאָכט איבער, דער כח המעכל, די קראַפט וואָס קאָכט איבער די דערשלונגענע עסענווארג און דער כח הדוחה, די קראַפט וואָס שפּאַרט ארויס די פּסולת, דעם אָפּפאל, בעת די עסענצען פערבלייבען אין קערפּער און גיבען איהם חיונה און כח. און אלעס וואָס דער קערפּער פערמאָגט, די געדערים, די אָדערען, די נערוועז, אזוי גוט ווי די הענד, די פיס און אלע גליעדער, זיינען אזוי ווי דיענער, אזוי ווי קנעכט און העלפען אויפהאלטען דעם אזוי־גערופענעם פּאלאַץ, וואָס איז פערבונדען מיט זיין בעזיצער — מיט דער נשמה דורך די פליסענדע בלוט, די נאַטירליכע היטץ און די לעבהאַפט אדער לעבענס־קראַפט.

און דער בעשעפער האָט דיך, דיין אָריגינאל, די נשמה, הייסט עס, צוגע־קניפּט צום קערפּער קונציג און קלוג, כדי איהר ביידע צוזאַמען זאָלען קענען דורכפיהרען די דריי זאכען, וואָס איך האָב דערמאָהנט. און גאָט האָט פאַר איך בעשטימט צוויי ראטהגעבער און צוויי שרייבער און געגעבן בעדיענער צו בע־דיענען איך דאָ אויף דער וועלט. די צוויי ראטהגעבער זיינען דער שכל וואָס לערנט דעם מענשען צו טהאָן גאָט׳ס רצון, און די תאוה, די ליידענשאַפט און לוסט צו זאכען, מיט וועלכע מען דערצערנט דעם בעשעפער. די צוויי שרייבער זיינען איינער וואָס פערשרייבט די גוטע מעשים, סאַי מען טהוט זיי פערבאָרגענערהייד, סאַי עפענטליך, און דער צווייטער פערשרייבט די שלעכטע מעשים וואָס קומען פון די ראטהגעבונג פון צווייטען בעל עצה — די תאוה.

און די שמשים, די בעדיענער, זיינען די גייסטיגע געפיהלען אדער נייגונ־גען, די אינסטינקטען וואָס דער מענש בעזיצט, ווי: שמחה, דאגה, לוסטיגקייט, טרויער, געדענקונגס קראַפט, פערגעסונג, קלוגשאַפט, נארישקייט, דרייסטקייט, פיינהייט, פרייגעביגקייט אָדער מילדקייט, קאַרגשאַפט, גערעכטיגקייט, בייז־ווילינקייט, חרפּה, עזות, האָפנונג, מורא, ליעבשאַפט, פיינדשאַפט, גאוה, נידער־געפאלענקייט, און נאָך אזעלכע מדות, וואָס דו, גאַנצער מענש בענוצסט אין דיינע פערבאָרגענע געדאַנקען.

און דער בורא יתברך האָט אָנגעזאָגט די וועכטער און די אויפזעהער און די קנעכט און די ראטהגעבער און די משרתים, דאָס הייסט, אלע גליעדער פון מענשען און אלע זיינע אינסטינקטען, אז זיי זאָלען דיך, דער נשמה פאָלגען ביז א געוויסע צייט — ביז׳ן טויט. עס זיינען אבער דאָ איינינגע זאכען, וואָס דער מענש האָט בעקומען בעת דער גוף האָט זיך בעהעפט מיט דער נשמה, און דיזע שטעהען ניט אונטער די קאָנטראָל פון דער נשמה, ווייל זיי זיינען מוכרחים, געצוואונגענע. אָט אזוי דארפען זיי זיין און ניט אנדערש. למשל, דער כח המושך,

דער כח הדוחה און די אנדערע צוויי כחות, וואס זיינען פריהער אויסגערעכענט געוואָרען, און חכמה און גארישקייט, וואס קומען לכתחילה דורך דער גזירה פון בעשעפער. דער מענש ווערט בעשאפען מיט די דערמאָהנטע כחות און מיט די בע־שטימונג אויב ער זאָל זיין א קלוגער אָדער א נאר, און די נשמה קען דאס ניט דיקטירען.

און דער בעשעפער האָט דיר, נשמה, געגעבען רשות צו בענוצען זיך מיט אלע וועכטער, אויפזעהער און משרתים, כדי אויפצוהאלטען דעם גוף אויף דער וועלט. אָבער דאס קענסטו טהאָן בלויז אויף געוויסע אופנים. דו קענסט נור בענוצען די גליעדער אויף זאכען וואס זיינען לויט די פערזאגונגען פון דער תורה, הן מצוות וואס מען פערשטעהט מיט'ן שכל, הן אזעלכע וואס מען פערשטעהט ניט מיט'ן שכל און הן מותרות, אזעלכע זאכען וואס מען מעג טהאָן, אָבער קיין פערזאָג אז מען זאָל דאס טהאָן, איז דאס ניט.

און בעת גאָט האָט דיך בעשאפען, האָט ער דיר געזאָגט:

דו זאָלסט זיך ניט איינרעדען, אז אלעס וואס איך האב איבערגעגעבען אין דיין רשות און דיך געמאכט פאר'ן מושל אז דו זאָלסט זיך קענען בענוצען מיט דעם, קענסטו מיט דעם טהאָן אלעס וואס דו ווילסט. דו זאָלסט וויסען, אז פון דיין בענוצען זיך מיט די גליעדער פון גוף וועט דיר, נשמה, גאר ניט צוקומען, און עס וועט דיר גאָר ניט אָפּקומען, אויב דו וועסט זיך מיט זיי ניט בענוצען. דאס וועט דיר ניט בריינגען ניט קיין פארגעניגען און ניט קיין צער. דו קענסט נור דערמיט פערשאפען פארגעניגען אָדער צער דעם גוף. אָבער וואס אנבעלאנגט דיך זעלבסט, קענסטו נור געניסען הנאה אָדער פיין אויף יענער וועלט. די אלע תענוגים פון דער וועלט זיינען ניט פאר דיר, נור פאר'ן קערפּער. דו מיט'ן קערפּער זייט איהר אזוי ווי די שליא, די געבער־מוטער, די הייטעל אין וועלכע דאס קינד ליגט ביי דער מוטער אין בויך אָדער אזוי ווי די שאָלאכץ פון אן איי, אין וועלכע עס ליגט די היהנדעלע אָדער די פויגעלע. דו ליגסט אין קערפּער, אָבער איהר זייט גאָר צוויי בעזונדערע זאכען.

אָט דאס זאָגט דיר גאָט אָן און ער ערקלעהרט דיר ווייטער:

אויב דו וועסט פערשטענדיג זיין און וויסען און פערשטעהען דעם צוועק פון מיין בריינגען דיך אויף דער וועלט און די גוטעס וואס איך מיין דיר צו טהאָן, און דו וועסט מיך דיענען און זיך דערווייטערען פון זיין מיר דערווידער אין אלע זאכען וואס ליגט אין דיין רשות, וועל איך דיך, נשמה, דערהויבען צו דער גדולה פון מיינע אויסערוועהלטע און מיינע געליעבטע און איך וועל דיך דערנעהענטערען צו מיין בארעמהערציגקייט און וועל דיך בעקליידען מיט'ן פראכט פון מיין כבוד. וועסטו מיר אָבער זיין דערווידער, וועל איך דיך שטראָ־פען מיט א גרויסע שטראָף און וועל דיך פייניגען מיט דויערהאפטע פייניגונג.

און אויב דו וועסט אומוויסענד זיין און וועסט פערנאכלעסיגען צו דיענען מיך לויט ווי דו ביזט פערפּליכטעט צוליעב דעם וואס דו וועסט זיין אפּגעגעבען מיט קערפּערליכע ענינים און טהאטען, האָב איך דיר בעשטימט א טרייען בעל יועץ, א ראטהגעבער, איז ווען דו וועסט זיך צו איהם ווענדען, וועט ער דיך לער־נען, און אויב דו וועסט איהם אפילו ניט פרעגען, וועט ער דיר אליין אויפמערק־זאם מאכען אויף געוויסע זאכען. דער בעל יועץ איז דער שכל. בעראטהע זיך מיט איהם, און ער וועט דיר שטענדיג געבען די ריכטיגע עצה אין אלע אנגעלעגענ־הייטען. אז דו וועסט אזוי טהאָן, וועלען דיינע שלעכטע מדות ווערען גוטע. דיזעלבע מדות, וואָס מען קען געברויכען צו שלעכטעו, וועסטו געברויכען צו

גוטען און וועסט פאר זיי קריגען שכר. עס וועט מיט דיר פאסירען אזוי ווי עס פאסירט אפט מיט א חולה, וואס א גוטער און געניטער רופא גיט איהם שעדליכע מעדיצין אדער אפילו סם המות און דאס העלפט איהם.

אויב דו וועסט דערויף בעשטעהן און אנשטרענגען דיין שכל און פאלגען זיינע עצות, וועלען מותרות צוגעשריבען ווערען צום כלל פון מצוות אדער מעשים טובים. עסען אדער שלאפען, למשל, איז א זאך וואס איז מותר, מען מעג דאס, אבער קיין מצוה איז דאס ניט; ווען אבער דו וועסט זיך פיהרען נאך די עצות פון דיין פערשטאנד און דו וועסט אלעס אין זינען האבען לשם שמים, פון גאט'ס וועגען, וועט דיין עסען, שלאפען וכדומה אויך גערעכענט ווערען פאר מצוות, און אלעס וואס דיינע בעדיענער, דיינע קערפערליכע גליעדער וועלען טהאן, אדער גייסטיגע געפיהלען וועלען געניסען, וועט דיר אלץ זיין א הילף צו דיענען גאט.

אויב אבער דו וועסט ניט פאלגען דעם שכל און דו וועסט געהן נאך די עצות פון דיין צווייטען ראטהגעבער — די תאוה, דער לוסט צו קערפערליכע תענוגים, וועלען, פארקעהרט, דיינע גוטע מדות ווערען שלעכטע. די מדות וואס מען קען אויסנוצען צו גוטען, וועסטו אויסנוצען צו שלעכטען. אין אזא פאל וועט מיט דיר זיין אזוי ווי מיט א נארישען, אונפראקטישען רופא, וואס טויטעט אפט מענשען מיט גוטע רפואות וואס העלפען, ווען מען געברויכט זיי ווי געהעריג איז. אויף אזא אופן וועלען די מותרות דיר צוגערעכענט ווערען צו די מעשים רעים, צו די עברות און אלע דיינע העלפער און משרתים, אלע דיינע גליעדער און גייסטיגע געפיהלען וועלען דיר העלפען בעפרידיגען דיינע תאוות צו זייער צופרידענהייט. די געוואהנהייט וועט שוין ביי דיר ווערען א טבע און דו וועסט זיין געצוואונגען צו שלעכטעס.

און דאס אלעס איז פון דעסטוועגען א גערעכטיגקייט פון דיין בעשעפער. דאס וואס די געוואהנהייט צווינגט דיר צו טהאן שלעכטעס, הייסט עס ניט, אז דו ביזט דערצו געצוואונגען פון הימעל, און דו קענסט זיך ניט רעכטפערטי־גען דערמיט, ווארום לכתחילה איז דאך געוועזען די ברירה ביי דיר צו פאלגען דיין שכל אדער די נייגונג צו תאוות. דער עיקר ווענדט זיך אן דער כונה. דו קענסט אמאל טהאן א זאך, וואס זעהט אויס גוט, אבער מיט א שלעכטע כונה, מיט א שלעכטען אבזיכט, און פארקעהרט.

ביי גאט ב"ה איז אלץ איינס, צי דו טהוסט א זאך אין די עפענטליכקייט אדער פערבארגען בלויז אין דיין מחשבה, און ער וועט דיר בעצאהלען לויט ער זעהט דיינע טהאטען בפועל אדער בלויז אין געדאנקען.

א ריכטער משפט מענשען לויט ווי עס ווערט בעשטעטיגט פון עדות אדער ווי ער, דער ריכטער אליין, זעהט אדער פיהלט די שולד אדער אומשולד פון דעם גע'משפט'ן. ווען דער ריכטער זאל וויסען די מחשבה פון דעם גע'משפט'ן, וואלט ער ארויסגעגעבען דעם אורטהייל לויט דער מחשבה, אפילו אהן עדות און אהן קענען איבערצייגען די זאך. דער בעשעפער אבער וויים וואס עס טהוט זיך ביים מענשען אין הארצען און ער משפט לויט ווי ער וויים, אזוי ווי דער פסוק זאגט: „הנסתרות לה' אלהינו" — פערבארגענע זאכען וויים נור גאט, און זיין משפט, ווען אפילו עס זעהט אויס אין מענשען'ס אויגען אומגערעכט, איז פארט גערעכט.

און ווען דו זינדיגסט מיט איינעם פון דיינע משרתים, מיט איינעם פון דיינע גליעדער אדער מיט מעהרערע גליעדער און דער בעשעפער וויל דיר מאכען

אויפמערקזאם דערויף, הייסט ער יענעם גליעד אדער גליעדער קראנק ווערען און אויפהערען צו בעדיענען דיך ביז א געוויסע צייט. זעהסטו זיך ארום און טהוסט תשובה, ווערט דער גליעד אדער די גליעדער געהיילט, אזוי ווי דער פסוק זאגט: „אוילים מדרך פשעם, כל אכל תתעב נפשם, ויזעקו אל ה׳ ישלח דברו וירפאם". — די פערנארישטע פון זייערע זינד, וואס קענען ניט עסען און ליידען יסורי הגוף, ווען זיי שרייען צו גאט, גיט ער זיין בעפעהל און היילט זיי.

און דו, נשמה, ביזט דא אויף דער וועלט אויף א פראבע פאר א געוויסע צייט, און ענדיגט זיך די צייט, הייסט דער בעשעפער די אלע טויערען, וועכטער, קנעכט און משרתים פון דעם אזוי־גערופענעם פאלאץ — דעם גוף, אוועקצוגעהן פון דיר און די פערבינדונגען צווישען דיר און דיין גוף זיינען אויס. דו קומסט צוריק צו דיין פריהערדיגען פלאץ און דיין גוף פערבלייבט אונבעוועגליך און אהן וועלכע עס איז געפיהלען. ער, דער קערפער, קעהרט זיך אויך צוריק אום צו זיין ערשטע שטופע — צו דער ערד, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין קהלת: "וישוב העפר על הארץ כשהיה והרוח תשוב אל אלהים" — די ערד קעהרט זיך אום צוריק צו דער ערד אזוי ווי געוועזען און דער גייסט, די נשמה, קעהרט זיך אום צו גאט.

אט דאס איז א ריכטיגע ערקלעהרונג וואס דו, נפש, דארפסט וויסען און איצט איז דיר שוין אלעס קלאהר.

## פרק יא׳

זאגט ווייטער דער נפש:

איך האב פערשטאנען אלעס וואס דו האסט געזאגט און איינגענומען אין זינען אלעס וואס דו האסט דערמאהנט. בעט איך דיר איצט דו זאלסט מיר קלאהר מאכען ווען און וואו זיינען די צייט און דער פלאץ צו בענוצען די גוטע און שלעכטע מדות מיינע. איך וויל וויסען ווי אזוי אנצוגעהן מיט די מדות אויף אזא אופן, אז מען זאל מיך אויף יענער וועלט לויבען און צוגעבען אז איך האב גוט געהאנדעלט.

ענטפערט דער שכל:

מדות אדער אינסטינקטען האסטו אין זיך א סך, אבער איך וועל דערמאה־נען בלויז א טייל פון זיי אין קורצען.

לאמיר נעהמען די צוויי אינסטינקטען שמחה און טרויער, וואס זיינען קאנטראסטען איינע פון די אנדערע, און אויף וואס פאר אן אופן זיי דארפען געברויכט ווערען.

פרייד דארפסטו געברויכען אין א פאל ווען דו ביזט זיכער מיט אן הנאה קומת, מיט א בעשטענדיגע הנאה, מיט אן אויפהערליכען געניס, וואס ווערט אין דעם ניט אריינגעמישט קיין טרויער און קיין בייז. דאס איז ווען דו טהוסט א מצוה, ביזטו זיכער, אז דו וועסט דערפאר געניסען תענוגי עולם הבא, וואס הערט קיינמאל ניט אויף און קיינע בייזעס ווערט אין דעם ניט אריינגעמישט. אז עס מאכט זיך דיר אזא שמחה, בעפריי אלע דיינע פריידענס געפיהלען און

זאָל דיין שמחה זיין א פאָלשטענדיגע. טרויער דארפסטו געברויכען, ווען עס וועט דיר אנטקעגען קומען א בעשטענדיגער צער, וואָס מען קען ניט אָפּלייגען אָדער אויסמיידען. דאָס הייסט, ווען עס קומט דיר צום האנד צו טהאָן אן עברה אָדער ווען דו האָסט שוין אָפּגעטהאָן אן עברה. אין אזא פאַל בעפריי אלע דיינע טרויער געפיהלען און טרויער וואָס מעהר, וועט עס דיך אָפּהאלטען פון טהאָן די זינד אָדער תשובה טהאָן, אויב די זינד איז שוין אָפּגעטהאָן געוואָרען.

דו האָסט ווידער אין זיך נאָך צוויי אינסטינקטען — מורא און האָפנונג. דארפסטו געברויכען דעם געפיהל אָדער אינסטינקט פון מורא, ווען דו האָסט חשק צו טהאָן זאכען, וואָס וועלען דיר סוף כל סוף ברייגנען צער און ליידען, וועלכע דו האָסט קיין מאכט אויסצומיידען. דאָס הייסט, ווען דו האָסט לוסט צו זינדיגען, וועט די מורא פאר שטראָף דיך אָפּהאלטען. האָפען ווידער דארפסטו, אז פאר גוטע מעשים וועסטו בעלוינט ווערען מיט גוטעס און עס וועט ניט זיין קיין זאך וואָס זאָל שטערען אין דעם. אז דו וועסט אזוי האָפען, וועסטו אָנ־ווענדען אלע מעגליכקייטען צו טהאָן גאָט׳ס רצון.

איצט לאָמיר נעהמען די מדות פון גבורה און מורך, דרייסטקייט און פייג־הייט. ווען א מענש בעגעגענט גאָט׳ס שונאים, געגנער פון אמונה, דארף ער זיין דרייסט און קעמפּפען געגען זיי מיט אלע מעגליכקייטען און ליידען כל־ערליי נגישות און צער און ביישטעהן ביי אלע נסיונות פאר דעם נאָמען פון גאָט און זיינע דיענער, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים מ״ד: ״כי עליך הורגנו כל היום״ — פאר דיר, גאָט, ווערען מיר געהרגעט און מיר זיינען גערעכענט ווי שעפּסען וואָס שטעהען צו דער שחיטה. פייגהייט אָדער ווייכקייט דארפסטו גע־ברויכען, ווען פרומע לייט שטראָפען דיר און ציינגען דיר אויף דיינע פעהלערען. מיט דיעזע זאָלסטו ניט שטרייטען און זיך גלייך אונטערגעבען, ווייל דאָס וועט פאר דיר זיין א טובה.

בשת און עזות, שעהמעוודיגקייט און אומפערשעמטהייט, זיינען אויך צוויי אינסטינקטען וואָס דו בעזיצסט. דאָס ערשטע דארפסטו געברויכען אלס מיטעל ניט צו טהאָן דערוויעדער דעם וואָס טהוט דיר גוטעס, בעת דו ביזט אין זיינע הענד און ער קען מיט דיר טהאָן וואָס ער וויל. און ווען ער שטראָפט דיך מיט גוטען אָדער מיט בייזען; מיט מילדע שטראָף רייד פון מענשען, אָדער ווען אפילו ער שטראָפט דיך מיט עינויי הגוף, מיט יסורים; אָדער ווען דו לערנסט די שטראָף רייד פון די נביאים און דו פיהלסט ביי זיך, אז דו פיהרסט זיך ניט אזוי ווי זיי הייסען, דארפסטו זיך שעהמען פאר זיך אליין, אזוי ווי יחזקאל זאָגט: ״הגד את בית ישראל את הבית ויכלמו מעונותיהם״ — זאָג די אידען ווי דער לעצטער בית המקדש וועט אויסזעהן און זיי וועלען זיך שעהמען פאר זיי־ערע זינד וואָס ברייגנען דערצו, וואָס דער בית המקדש ווערט נאָך ניט געבויט. אָדער ווי עזרא האָט געזאָגט: ״בושתי ונכלמתי, כי אשמתנו רבו למעלה ראש״ — גאָט, איך שעהם זיך וואָס אונזערע זינד זיינען פיעל, איבער׳ן קאָפּ. די מדה פון עזות, פון ניט שעהמען זיך און זיין א חצוף, דארפסטו געברויכען ווען דו בעגעגענסט זיך מיט רשעים, מיט זינדיגע מענשען און געגנער פון אמת. אנט־קעגען דיעזע זאָלסטו זיין אן עזות פנים און זיי אָנצייגען אז זיי געהען אין א קרומען וועג און אָפּווענדען זיי פון מאוס׳ע טהאטען, און שטראָפען גרויסע און קליינע, אזוי ווי ישעיה הנביא האָט געזאָגט: ״שמתי פני כחלמיש״ — איך

האָב געמאַכט מיין פּנים ווי א פעלז, איך בין, הייסט עס, ניט שעהמעוודיג גע־ווען צו שטראָפען די אידען.

אזוי איז אויך מיט כעס און רצון, צאָרן און גוטמוטהיגקייט. כעס דארפסטו געברויכען אנטקעגען די וואָס ווענדען זיך אָפּ פון אמת און גערעכטיגקייט, און ווען דו זעהסט אז פאַלשקייט שטייגט איבער די ווארהייט. גוטמוטהיגט דארפסטו זיין, ווען דו זעהסט אז מענשען טהוען אלעס ווי געהעריג איז און זיי געהען אין וועג פון אמת און יושר.

דאָס זעלבע איז אויך מיט מדות פון רחמים און אכזריות, רחמנות און גרוי־זאמקייט. רחמנות, באַרמהערציגקייט דארפסטו געברויכען אויף אָרימע לייט, אויף קראנקע, אויף די וואָס האָבען קיין שום הנאה פון דער וועלט, אויף די אונוויסענדע, וואָס ווייסען ניט וואָס פאַר זיי איז גוט, אויף די וואָס ווייסען סתם ניט ווי אזוי צו פיהרען זיך, אויף געפאַנגענע אין די הענד פון פיינד, אויף רייכע וואָס ווערען פעראָרימט, אויף די וואָס האָבען חרטה אויף זייערע זינד און דער געוויסען פּלאָגט זיי און זיי וויינען און בעדויערען זייער פערגאַנגענ־הייט אויס מורא פאַר גאָטס ש'טראָף. גרויזאם דארפסטו זיין, אומערבארמיג, ווען עס האַנדעלט זיך צו בעשטראָפען רשעים און נוקם זיין זיך אָן שלעכטע מענשען וואָס פערדארבען די וועלט, אזוי ווי די תורה זאָגט ביי א רוצח, ביי א מערדער: "לא תחום עינך עליו" — דו זאָלסט אויף איהם קיין רחמנות האָבען.

מיט די מדות פון גאוה און ענוה, גרויס האַלטען זיך ביי זיך און זיין ערני־דעריגט, איז אויך אזוי. דאָס ערשטע דארפסטו געברויכען ווען דו בעגעגענסט זיך מיט אפּיקורסים וואָס לייקענען אין גאָט און ווענדען זיך אָפּ פון איהם. גע־גען דיזע זאָלסטו ציינגען גאוה, זיך האַלטען העכער און ווירדיגער פון זיי, ווארום אויב דו וועסט זיך געגען זיי ערנידריגען, וועט עס אויסזעהן, אז דו ביזט מסכים צו זייערע מיינונגען און דו האַלטסט מיט זיי. האַריבער נוץ אויס די מדה פון גאוה פון זיין שטאָלץ ביי זיך צו ציינגען די דאָזיגע לייט, אז דיינע מיינונגען זיינען א קאָנטראַסט פון זייערע און דו ווילסט ניט וויסען פון זייערע לעהרען און מע־טהאָדען, אזוי ווי דו ווייסט פון מרדכי און המן. מרדכי האָט ארויסגעוויזען זיין שטאָלץ געגען המן און ניט געוואָלט בוקען זיך צו איהם, כאָטש ער האָט דערמיט ריזיקירט זיין לעבען. ענוה אָבער דארפסטו בענוצען, ווען דו בעגעגענסט א פרו־מען מענשען, אן אויפריכטיגען, א גאַספאַרכטיגען, א לערנער און א גאָט'ס דיענער. געגען אזעלכען דארפסטו זיין ניעדערגעפאַלען און זיך גרינג שעצען געגען איהם. דו דארפסט אויך געברויכען די מדה פון ענוה געגען אזעלכען וואָס האָט דיר א טובה געטהאָן און דו ביזט איהם מחויב אָפּצאָהלען דערפאַר. געגען גאָט, וואָס זיינע טובות צו דיר זיינען אזוי פיעל און אזוי גרויס, אז דו ביזט גאָרניט אימשטאַנד אָפּצוצאָהלען איהם פאַר זיי, דארפסטו געוויס זיין אן עניו, א געפאַלענער ביי זיך. און אזוי אויך ווען גאָט שטראָפט דיך, דארפסטו אויך זיין געפאַלען ביי זיך און אנערקענען אז זיין משפּט איז א גערעכטער, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תוכחה פון בחוקתי: "או אז יכנע לבבם הערל" — דאַמאָלס, ווען די אידען וועלען געשטראָפט ווערען, וועלען זייערע פערשטאָפּטע הערצער אונטערטהעניג ווערען צו גאָט.

אזוי איז אויך מיט אהבה און שנאה, ליעבשאַפט און פיינדשאַפט. ליעב

האבען דארפסטו די יעניגע וואס דיענען גאט גלייך מיט דיר און די וואס בעוועגען דיר צו גאט'ס דיענסט, וואס וועט דיך בריינגען צו פרייד און פערגעניגען לעולם הבא, און פיינט האבען דארפסטו די וואס זיינען עובר אויף גאט'ס רצון און זיינען געגנער פון אמת און ווילען דיך בעוועגען צו אזעלכע מעשים, וואס דערצערנען דיין בעשעפער, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין משלי: ”עוזבי תורה יהללו רשע ושומרי תורה יתגרו בם” — די וואס פערלאזען די תורה, לויבען און ריהמען דעם רשע און צייגען צו איהם ליעבשאפט, וועהרענד די צדיקים וואס היטען די תורה, רייצען זיך מיט די רשעים און האבען זיי פיינט.

נדיבות און כילות, פרייגיביגקייט און קארגשאפט — דיעזע צוויי מדות דארף מען אויך וויסען ווען צו בענוצען. פרייגעביג אדער מילד דארפסטו זיין אין העלפען גוטע און פרומע לייט מיט געלד, מיט אן עצה און מיט וויסען און קענטנים, וואס דו בעזיצסט מעהר פון זיי. דו דארפסט אבער זעהן אז דיין פרייגעביגקייט זאל זיין אין פלאץ צו די יעניגע וואס זיינען דאס ווערטה, אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי: ”אל תמנע טוב מבעליו בהיות לאל ידך לעשות” — דו זאלסט ניט פערמיידען קיינע גוטעס פון דעם וואס דאס געהער צו איהם, אויב נור דו ביזט אימשטאנד, אויב דו האסט די מאכט דאס צו טהאן. נאך א פסוק אין משלי זאגט: „יפוצו מעינותיך חוצה” — דיינע קוואלען זאלען פערשפרייט ווערען אויסערליך. דאס מיינט צו זאגען, אז דו זאלסט זיין פרייגעביג מיט דיין תורה און חכמה און עס ארויסגעבען צו לייטען אין געהעריגע פעלע. קארג דארפסטו זיין געגען אכזרים, געגען טיראנען און פערנארישטע מענשען, וואס קענען ניט זיך אליין, ווילען ניט וויסען ווי שפל זיי זיינען און אנערקענען דעריבער ניט די טובות וואס מען טהוט זיי. אזוי עס ווערט געזאגט אין משלי: ”יוסר לץ לוקח לו קלון ומוכיח לרשע מומו” — דער וואס זאגט אן אפשפאטער מוסר, האט דערפון חרפות, און דער וואס שטראפט א רשע, מאכט זיך א מום, א פעהלער. דעריבער דארף מען זיין קארג מיט לערנען תורה און חכמה די יעניגע וואס ווילען דאס ניט און לאכען אפ דערפון. מיט טהאן א געלד טובה אדער אן אנדער מאטעריעלע טובה צו אזעלכע, וואס ווילען דאס ניט אנערקענען, דארף מען אויך קארג זיין, אזוי ווי די גמרא זאגט: ”כל העושה טוב למי שאינו מכירו כאלו זורק אבן למרקולים” — דער וואס טהוט א טובה צו אזעלכען וואס אנערקענט דאס ניט איז אזוי ווי ערווארפט א שטיין צו דער עבודה זרה מרקולים. די דיענסט פון דעם אפגאט מרקולים איז געווען, וואס מען פלעגט אויף איהם ווארפען שטיינער. קען דאך איינער מיינען, אז ווארפען שטיינער איז דאך בכלל א בזיון, טהוט ער א גוטע זאך וואס ער איז מבזה דעם אפגאט; אין אמת'ען איז אבער ניט אזוי. וויבאלד אז דאס איז די צערעמאניע פון זיין דיענסט, הייסט עס גאר אן עבירה. אזוי איז ווען מען טהוט א טובה אזעלכען וואס אנערקענט עס ניט.

אזוי איז אויך מיט די מדות פון פוילקייט און פלייסיגקייט. פויל דארף מען זיין אין דורכפיהרען טהיערישע תאוות, קערפערליכע תענוגים, וואס זיינען ניט דויערהאפט און בריינגען סוף כל סוף דעם מענשען חרפה אויף דער וועלט און שטראף אויף יענער וועלט, און פלייסיג דארף מען זיין אין זוכען צו גענינסען גייסטיגע הנאות און אין טהאן מעשים מיט דער כונה צו ערפילען דעם רצון פון גאט, ב"ה, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: ”חשתי ולא התמהמתי לשמור

מצותיך" — איך האָב מיר געאײלט און ניט געװען לאנגזאם צו היטען דײנע פּערזאָנגען.

און אלעס װאָס איך האָב דערמאָהנט אין דיזען שער איז גענוג פאר דעם װאָס קלײבט זיך אויס דעם ריכטיגען װעג און זוכט דעם ריינעם אמת און האָט לוסט צו דער חכמה פון דער תורה לשמה, מיט א ריינעם געװיסען. און גאָט זאָל אונז מיט זײנע גענאָדען העלפען צו דיענען איהם, אמן.

## סוף פון שער עבודת האלהים

## שער הרביעי

# שער הבטחון

דער טתויער פון בטחון. די לעהרע פון האבען צוטרויען אין גאט.

## פרק א׳

האט דער מחבר געזאגט:

ווייל אין פאריגען שער האב איך ארומגערעדט די פפליכטען פון מענשען צו נעהמען אויף זיך גאט׳ס דיענסט, האב איך איינגעזעהן, אז עס איז אין פלאץ צו ריידען נאכדעם וועגען דעם וויכטיגסטען ענין וואס האט צו טהאן מיט גא־טעס דיענסט. דאס איז דער ענין פון בטחון, פון האבען צוטרויען אין גאט אין אלע זאכען. ווייל אין דעם ליגט גרויסע נוצען הן אין תורה זאכען, הן אין וועלטליכע זאכען.

פאר די וואס ווילען זיך אפגעבען מיט לערנען תורה איז בטחון זעהר נוצ־ליך. בטחון פערשאפט דעם מענשען רוה. דאס נעהמט פון איהם אוועק די דאגות און ער קען מיט א רוהיגען קאפ לערנען תורה און דיענען גאט. און א מענש איז מחויב צו האבען בטחון אין גאט, צו פערלאזען זיך אויף איהם אזוי ווי א קנעכט איז מחויב צו האבען בטחון אין זיין ווירטה. ווארום אויב א מענש האט ניט קיין צוטרויען אין גאט, האט ער דאך צוטרויען אין אימיצען אנדערש. און דער וואס האט צוטרויען אין אימיצען אויסער גאט, נעהמט פון זיך אוועק גאט׳ס השגחה און גיט זיך איבער אין די הענד פון יענעם, אין וועמען ער האט בטחון, און דערמיט זינדיגט ער אין צווייען, אזוי ווי ירמיה הנביא האט געזאגט: "כי שתים רעות עשו עמי" — דערמיט וואס די אידען האבען אויפגעגעבען זייער בטחון אין גאט, האבען זיי געטהאן צווייערליי שלעכטעס; ערשטענס, וואס זיי האבען מיך פערלאזט, און צווייטענס, וואס זיי האבען געקראגען צוטרויען צו מענשען. נאך א פסוק איז דא אין ירמיה: "ארור הגבר אשר יבטח באדם ושם בשר זרועו ומן ה׳ יסור לבו" — פערפלוכט זאל זיין דער מענש וואס האט בטחון אין מענשען, פערלאזט זיך אויף שטערבליכע און פון גאט ווענדעט ער אפ זיין הארץ. אין תהלים איז דא א פסוק: "אשרי הגבר אשר שם ה׳ מבטחו" — וואויל דעם וואס האט זיין צוטרויען אין גאט און פערלאזט זיך ניט אויף רייכע לייט און פערפיהרער, און נאך עהנליכע פסוקים געפינען זיך אין די הייליגע שריפטען.

און ווען א מענש פערלאזט זיך אויף זיין אייגענע חכמה, אייגענע ערפונ־דענע מיטעל, קערפערליכע און גייסטיגע כחות, קען זיין מיה זיין אומזיסט. זיין כח וועט אפגעשוואכט ווערען און זיינע אויסגעטראכטע מיטעל ווי אזוי צו מאכען זיך בעסער וועלען ניט האבען די מאכט צו ערפילען זיין פערלאנג, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין איוב: "לוכד חכמים בערמם" — גאט פאנגט די

קלוגע מיט זייער קלוגשאפט. דאָס הייסט: די וואָס פערלאָזען זיך אויף זייער חכמה פאלען אריין און פיהרען גאָרניט אוים מיט זייער אויפקלעהרונג. אין קהלת ווערט געזאָגט: "כי לא לקלים המרוץ ולא לגבורים המלחמה" — ניט שטענדיג קענען די וואָס זיינען גרינג אויף די פיס לויפען און ניט דוקא גבורים נעהמען איין א מלחמה. אין תהלים איז דאָ א פסוק: "כפירים רשו ורעבו" — לייבען, מעכטיגע לייט ווערען אָפטמאָל פעראָרימט און ליידען הונגער, „ודורשי ה׳ לא יחסרו כל טוב" — און די וואָס פערלאָזען זיך ניט אויף זייער מאכט און פאָר־שען גאָט, האָבען בטחון אין איהם, פעהלט זיי ניט קיין גוטס. איז ווי מיר זעהן, האָט ניט א מענש צו פערלאָזען זיך אויף זיין חכמה אָדער כח.

און ווען איינער איז רייך און פערלאָזט זיך אויף זיין עשירות, איז דאָס אויך קרום, ווארום די עשירות קען פון איהם אוועקגעהן און פערבלייבען ביי אן אנדערען. אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין איוב: "עשיר ישכב ולא יאסף עיניו פקח ואיננו" — ער לייגט זיך שלאָפען רייך און עס פעהלט איהם גאָרניט און ווען ער עפענט אויף די די אויגען און די רייכטהום איז ניטאָ. א פסוק אין משלי זאָגט: "התעיף עיניך בו ואיננו" — עס פאסירט, אז ווען דו ווילסט א בליק טהאָן אויף'ן רייכען, איז ער שוין ניטאָ. אין ירמיה ווערט געזאָגט: "בחצי ימיו יעזבנו" — דער רייכער לאָזט אָפטמאָל איבער זיין רייכטהום אין זיינע מיטעל יאָהרען.

און עס קען אויך פאסירען, אז א מענש זאָל לעבען און זיין רייך און קיין הנאה ניט האָבען פון זיין עשירות. עס טרעפען געוויסע סבות וואָס דער מענש האָט ניט קיין שליטה איבער זיין אייגענעם פערמעגען. אין אזא פאל איז דער עושר ניט מעהר ווי א שומר, א היטער אָדער א וועכטער וואָס היט דאָס געלד ביז א געוויסע צייט ווען דאָס געהט איבער צו אזעלכען וואָס איז בערעכטיגט צו דעם, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין קהלת: "ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנוס לתת לטוב" — דעם זינדיגען גיט דער אויבערשטער א רעיון צו זאמלען רייכטהי־מער, כדי אוועקצוגעבען דאָס נאכהער צום גוטען און גאָספּאָרכטיגען, אָדער אזוי ווי איוב האָט געזאָגט: יכין וצדיק ילבש וכסף נקי יחלוק" — דער שלעכ־טער מענש גרייט אָן און דער צדיק בעקליידט זיך מיט דעם, און געלד וואָס דער רשע זאמעלט צוטהיילט זיך דער צדיק דערמיט.

און אמאָל קען גאָר זיין, אז רייכטהום פיהרט צו בייזען און אָפטמאָל צו לעבענס פערלוסט, אזוי ווי קהלת זאָגט: „עושר שמור לבעליו לרעתו" — רייכ־טהום ווערט אָפטמאָל געהאלטען צו בייזען פאר זיין אייגענטימער. פאָלגליך, קען זיך א מענש אויף עשירות אויך ניט פערלאָזען און די איינציגע זאך פערבלייבט האָבען בטחון אין גאָט.

די מדה פון בטחון האָט נאָך א מעלה, וואָס דאָס בריינגט דעם בעל בטחון, אז ער זאָל ניט דיענען קיינעם אויסער גאָט, ב"ה, און זאָל ניט האָפען אויף א מענשען'ס הילף און ניט זיין אונטערוואָרפען אונטער מענשען כדי געווינען זייער לאַסקע, און ניט חנפ'נען קיינעם און ניט איינשטימען מיט געגנער פון גאָט'ס דיענסט, און קיין פורכט האָבען פאר אזעלכע וואָס האָבען די מאכט בייזעס צו טהאָן. דער אמת'ער בעל בטחון ווארפט פון זיך ארונטער די מענשליכע טובות־קליידער, ער וויל, הייסט עס, ניט אָנקומען צו קיינעמס טובות און וויל אויף זיך ניט נעהמען די מיה צו דאנקען אימיצען און אָפצאָהלען אימיצען פאר וועלכע

עס איז גוטעס, ווייל ער האלט בלויז פון גאָט'ס הילף און פון דאנקבאר זיין איהם.

און אז דעם בעל בטחון קומט אוים צו זאָגען אימיצען מוסר, איז ער ניט פאַרזיכטיג ניט צו בעריהרען יענעמס כבוד, און אויב ער איז זיי מביש פאר ניט אויספיהרען זיך ווי געהעריג איז, ווערט ער אָבער ניט מבויש פון יענע. פאר א בעל בטחון קען מען זיך ניט רעכטפערטיגען מיט שקרים, מיט פאלשע אידעען און מיינונגען, ווייל ער שעהמט זיך ניט און האָט קיין מורא ניט צו זאָגען דעם אמת אין די אויגען, אזוי ווי גאָט האָט געזאָגט צו יחזקאל הנביא: "אל תירא מהם ומדבריהם אל תירא" — דו זאָלסט פאר זיי, פאר די אידען וועמען דו זאגסט מוסר קיין מורא האָבען און פאר זייערע רייד זאָלסטו זיך ניט שרעקען. עס זיינען דאָ נאָך פיעל פסוקים אין זעלבען זינען.

נאָך א מעלה האָט די מדה פון בטחון, וואָס דאָס ווענדט אָפּ דעם מענשען'ס הארץ פון וועלטליכע אנגעלעגענהייטען, פון זוכען תענוגי הגוף, קערפּערליכע פערגעניגענס און ער קאָנצענטרירט זיין הארץ און געדאנקען צו גאָטעס דיענסט, און איז מיט זיין רוהיג געמיט און ווענינ זאָרג פאר וועלטליכע זאכען גלייך צום אלכעמיקער, צו דעם וואָס ווייס די קונסט צו פערוואנדלען זילבער אין אויסזעהן פון גאָלד אָדער אנדערע ביליגע מעטאלען אין אויסזעהן פון זילבער. און נאָך מעהר: דעם וואָס האָט צוטרויען אין גאָט איז נאָך בעסער ווי דעם אלכעמיקער אין צעהן פּרטים.

ערשטענס, מוז דער אלכעמיקער האָבען געוויסע מאטעריאלען צו זיין אר־בייט און ער קריגט דאָס ניט אין יעדער צייט און אין יעדען אָרט; אָבער דער וואָס האָט בטחון אין גאָט איז זיין חיונה שטענדיג זיכער און עס וועט איהם קיינמאָל ניט פעהלען צום לעבען, אזוי ווי די תורה זאָגט: "כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם" — ניט בלויז אויף ברויט אליין לעבט א מענש, נור אויף אלעם וואָס גאָט זאָגט. גאָט שפּייזט אָפטמאָל א מענשען אויף פערשיעדענע אופנים, אפילו אזעלכע וואָס זעהען אוים שלא כדרך הטבע, אזוי ווי עס ווערט דערצעהלט אין מלכים א', ווי ראָבען האָבען געשפּייזט אליהו הנביא, און די מעשה מיט דער אלמנה מיט'ן קריגעל מעהל וואָס האָט געדויערט א לאנגע צייט, און עהנליכע נסים, וואָס ווערען דערמאָהנט אין די הייליגע שריפטען. און דער פּסוק זאָגט אין תהלים: "ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב" — גאָט'ס פאר־שער פעהלט ניט קיין גוטעס, צי דאָס קומט אויף א נאטירליכען אופן, צי אויף אן אוננאטירליכען, אָבער דער צדיק קריגט זיינס.

צווייטענס, מוז דער אלכעמיקער ארבייטען, טהאָן געוויסע מלאכות, און ניט ארבייטענדיג קען ער גאר ניט אויפטהאָן. קען דאָך פּאסירען אז האָבענדיג שטענדיג צו טהאָן מיט כעמישע שטאָפען, קען דער גערוך פון די שטאָפען און זייער רויך פעראורזאכען זיין טויט, אָדער די צופיעל ארבייט, די צופיעל אנ־שטרענגונג קען פאר איהם שעדליך זיין, וועהרענד דער וואָס האָט בטחון אין גאָט איז זיכער פון שלעכטעס. ער קריגט זיין חיונה אָהן מסירת נפש, אָהן מורא פאר געפאהר, און אלעס וואָס גאָט גיט איהם איז ער מקבל מיט שמחה אָהן שום פּחד פאר וועלכע עס איז בייזע באגעגענים.

דריטענס, האלט דער אלכעמיקער זיין סוד פאר זיך. ער ווייל דאָס קיינעם ניט אויסזאָגען אוים מורא, אז דאָס זאָל ניט אָנקומען צו דער ממשלה, צו דער

רעגירונג און ער וועט בעשטראפט ווערען אלס פעלשער, און עס איז זעהר ניט גוט פאר א מענשען צו האלטען זיך מיט א סוד און זיך דארפען היטען מיט איהם. דער אבער וואס איז א בעל בטחון, האט פאר קיינעם קיין מורא ניט און ער בעריהמט זיך און שטאלצירט מיט דעם, אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט: „באלהים בטחתי לא אירא, מה יעשה אדם לי״ — ווייל איך האב בטחון אין גאט, האב איך פאר קיינעם קיין מורא ניט, וואס קען מיר א מענש טהאן?

פיערטענס, פאסירט מיט'ן אלכעמיקער איינס פון דיביידע: ענטוועדער ער מאכט א סך גאלד און זילבער, כדי צו זיין בעווארענט אויף דער עלטער אדער אויף שלעכטע צייטען — ווען ער וועט ניט האבען קיין חיונה, אדער ער זארגט ניט אויף שפעטער און ער פראדוצירט נור אזוי פיעל וויפיעל ער מוז האבען אויף אויסקומעניש. און אין ביידע פעלע טויג דאס ניט. גרייט ער אן א סך, לעבט ער שטענדיג אין שרעק אז ער זאל עס צוליעב וועלכע עס איז סבה ניט פערלירען אדער די רעגירונג זאל דאס ביי איהם ניט געפינען; גרייט ער ווידער ניט אן און פראדוצירט בלויז אזוי פיעל וויפיעל ער מוז האבען נויטיג אויף זיין טעגליכע חיונה, איז ער אין ריזיקע, טאמער וועט ער צוליעב א געוויסע אורזאך מארגען אדער ווען עס איז ניט קענען מעהר אנגעהן מיט זיין ארבייט און ער וועט פארבלייבען אהן ברויט. דער בעל בטחון אבער קען שטענדיג לעבען רוהיג און זיכער זיין אז גאט וועט איהם שפייזען לויט זיין פערלאנג ווען ער וועט וועלען און וואו ער וועט וועלען, אזוי ווי ער שפייזט דאס קינד און זיין מוטער'ס בויך און די היהנדעלע אין איי — פלעצער וואוהין קיינער קען גאר ניט אריינברענגען אדער עפעס ארויסנעהמען פון דארט, און אזוי ווי ער שפייזט די פויגעל וואס פליהט אין דער לופט, די פיש אין וואסער און די קליינע און שוואכע מוראשקע, און פערקעהרט ווידער, אז ער וויל נעהמט ער אוועק די שפייז פון מעכטיגען לייב, אזוי ווי דער פסוק זאגט: ״כפירים רשו ורעבו״ — לייבען ווערען אפטמאל פעראָרימט און לייידען הונגער. אבער בעלי בטחון פעהלט קיינמאל גאר ניט. נאך א פסוק איז דא אין משלי: ״לא יעריב ה׳ נפש צדיק״ — גאט פערהונגערט ניט דעם צדיק.

פינפטענס, לעבט דער אלכעמיקער שטענדיג אין שרעק. ער האט מורא אי פאר גרויסע לייט, אי פאר איינפאכע מענשען, ווייל זיין ארבייט מוז געטהאן ווערען אין געהיים, מחמת דאס איז א פערבאטענע בעשעפטיגונג, און מיט'ן בעל בטחון איז פערקעהרט, פאר איהם האבען מורא גרויסע לייט און חשוב'ע מענשען, אפילו חיות זיינען איהם אויך ניט מזיק, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין קאפיטעל ״יושב בסתר עליון״ (תהלים צ״א). אין איוב ה׳ זיינען אויך דא פסוקים וואס דריקען אוים דאס זעלבע.

זעקסטענס, דער אלכעמיקער, ווען אפילו עס געהט איהם גוט אין אנדערע פרטים, קען פאסירען אז ער זאל ליידען פון קראנקהייטען און וועהטאגען וואס צושטערען זיין פארגעניגען און ער האט קיין הנאה פון זיין געלט: אבער דער וואס פארלאזט זיך אויף גאט איז בעווארענט פון קראנקהייטען און וועהטאגען, און אויב אפילו ער ווערט יא קראנק, ווייס ער אז דאס איז א כפרה אויף זיינע זינד אדער כדי ער זאל אפקומען אויף דער וועלט און האבען מעהר עולם הבא, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין ישעיה: ״וקוי ה׳ יחליפו כח״ — די וואס האפען צו גאט וועלען אלע מאל בעקומען נייע קרעפטען.

זיבעטענס, קען מיט'ן אלכעמיקער פאסירן, אז כאטש ער האט גענוג זילבער און גאלד, זאל ער דאך ניט האבען וואס צו עסן, ווייל עס קענען טרעפען פעלע, אז מען זאל ניט קענען קריגען קיין שפייז פאר געלט, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין יחזקאל: "כספם בחוצות ישליכו" — זיי וועלען ווארפען זייערע זילבער אדער זייערע געלט אין די גאסען, ווייל זיי וועלען ניט קריגן וואס צו קויפען דערפאר, אדער ווי צפניה הנביא האט געזאגט: "גם כספם, גם זהבם לא יוכל להצילם — זייערע זילבער און זייערע גאלד וועט זיי ניט קענען רעטען. מיט'ן בעל בטחון וועט אבער אזעלכעס ניט פאסירען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין איוב: "ברעב פדך ממות" — אין הונגער צייט, ווען מענשען קריגען ניט וואס צו עסען, האט ער דיך, צדיק, אויסגעלייזט פון טויט. אין תהלים איז דא א פסוק: "לא יבושו בעת רע ובימי רעבון ישבעו" — זיי, די בעלי בטחון, וועלען ניט פערשעהמט ווערען אין א שלעכטע צייט און אין הונגער טעג וועלען זיי זאט זיין.

אכטענס, דער אלכעמיקער האלט זיך ניט לאנג אין איין ארט אויס מורא אז מען זאל ניט דערגעהן זיין סוד; וועהרענד דער וואס האט בטחון אין גאט זיצט רוהיג און זיכער וואו ער וויל און ווי לאנג ער וויל, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: "בטח בה' ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה" — פערלאז זיך אויף גאט און טהו גוטעס, רוה אין לאנד און שפייז זיך מיט ערענטליכקייט, אדער: "צדיקים ירשו ארץ וישכנו לעד עליה" — די גערעכטע וועלען ערבען דאס לאנד און אייביג אין איהר וואוינען.

ניינטענס, דעם אלכעמיקער וועט זיין פאלשע פראפעסיע ניט בעגלייטען אויף יענער וועלט. אין בעסטען פאל קען ער דערפון ניט האבען מעהר ווי א שטיקעל זיכערקייט געגען ארימקייט און געגען דארפען אנקומען צו מענשען; אבער דער וואס האט צוטרויען צו גאט, וועט ער דערפאר בעלוינט ווערען אי אויף דער וועלט, אי אויף יענער וועלט, אזוי ווי דוד המלך זאגט: "והבוטח בה' חסד יסובבנו" — דער וואס האט בטחון אין גאט איז ארומגערינגעלט מיט גנאדען, און אין אן אנדער פלאץ ווערט געזאגט אין תהלים: „מה רב טובך אשר צפנת ליראיך" — ווי גרויס און ווי פיעל איז דיינע גוטעס וואס דו האסט באהאלטען פאר די צדיקים (לעולם הבא).

צעהנטענס, אויב מען דערוויסט זיך פון דעם אלכעמיקער און זיין בעשעפטיגונג, בריינגט עס אויף איהם דעם טויט. ווארום די פראפעסיע זיינע איז נארעריי און בעטרוג, און גאט וואס רעגיערט איבער אלעס, וועט שוין פאראורזאכען א סבה אז מען זאל זיך פון איהם דערוויסען און איהם טויטען. אבער מיט דעם בעל בטחון איז פונקט פערקעהרט, אז מען ווייס אז ער איז אזעלכער וואס האט צוטרוי אין גאט, ווערט ער געעהרט, געשעצט און געאכטעט פון לייטען, און זיין מקורב מיט איהם ווערט בעטראכט פאר א כבוד און מען איז גערן צו זעהן איהם, ווייל ער בריינגט גוטעס זיין שטאדט און פערהינדערט בייזע בעגעגעניסען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין משלי: "וצדיק יסוד עולם" — דער צדיק איז דער פונדאמענט פון דער וועלט, צוליעב זיין זכות האט די וועלט א קיום, און מיר וויסען דאס פון דעם פאל פון לוט, וואס צוליעב איהם איז די שטאדט נצול געווארען פון די איבערקעהרענים פון סדום און עמורה.

# פרק ב׳

און וואס אנבעלאנגט צו תורה און מצוות איז די מדה פון בטחון אויך א הילף. דער בעל בטחון קען זיך מעהר אפגעבען מיט תורה און מעשים טובים ווי דער ניט בעל בטחון. ווארום ממה נפשך: איז ער א געלטיגער מענש, איז ער רייך, וועט ער אפצאהלען זיינע חובות, צו גאט און צו לייט. ער וועט זיך עוסק זיין אין דער תורה, וועט טהאן מעשים טובים און וועט געבען צדקה מיט א פרעהליך הארץ און גוטען געמיטה; איז ער ווידער ארים, וועט ער איינזעהן, אז דאס וואס ער האט קיין געלד ניט, איז גאר איינע פון די טובות וואס גאט טהוט מיט איהם. אין פרטים איז ארימקייט א טובה פאר׳ן מענשען. אז ער האט ניט קיין געלד, געהען פון איהם ארונטער די געלד שולדען צו גאט און צו לייט. פון אן ארימאן פאלען ארונטער די חיובים, די פפליכטען פון אויסגעבען געלד אויף מצוה זאכען און צדקה, און ער דארף ניט מורא האבען פאר א שטראף פאר ניט מקיים זיין די דאזיגע זאכען. און ווידער האט דער ארימאן ווייניגער זארג ווי דער רייכער. דער מענש וואס האט פארמעגענס איז שטענדיג בעזארגט וועגען היטען און בעווארענען זיין רייכטהום, און דער ארימאן האט ניט וואס צו טראכטען וועגען דעם, אזוי ווי מען דערצעהלט אויף איינעם א פרומען מאן, אז ער פלעגט זאגען: ״גאט זאל מיך היטען און בעשירמען פון פזור הנפש, פון צושפרייטע מחשבות״. ווען מען האט איהם געפרעגט, וואס ער מיינט דערמיט? האט ער געענטפערט: ״איך מיין, גאט זאל מיך היטען פון עשירות, איך זאל האבען פארמעגענס אין שטעדט און אויף וואסערען און מיינע געדאנקען זאלען דארפען טראכטען וועגען פערשיעדענע פלעצער״. אונזערע חכמים האבען אויך געזאגט: ״מרבה נכסים, מרבה דאגה״ — דער וואס האט מעהר רייכטהום, האט מעהר זארגען. אין אן אנדער פלאץ זאגען אונזערע חכמים: ״איזהו עשיר, השמח בחלקו״ — ווער הייסט א רייכער, דער וואס בענוגענט זיך מיט דעם וואס ער האט.

בטחון, פערלאזען זיך אויף גאט, איז גוט נאך אין א פרט. דער וואס פערלאזט זיך אויף גאט, איז אויב ער איז רייך, וועט דאס געלד איהם ניט מאכען פאר אוים בעל בטחון, וויל ער בעטראכט זיין עשירות אלס א פקדון, אלס א בעהעלטעניס, וואס גאט האט איהם אנפערטרויט אויף א געוויסע צייט צו בענוצען עס פאר געוויסע צוועקען. און אויב די עשירות האלט זיך ביי איהם איין א לענגערע צייט אדער שטענדיג, געהט ער דורכדעם ניט אראפ פון וועג, און ווען ער גיט, צום ביישפיעל, צדקה, פאדערט ער דערפאר קיין דאנק אדער לויב־געזאנג. ער דאנקט נור גאט דערפאר וואס ער האט איהם מזכה געווען ער זאל קענען טהאן גוטעס. און ווען ער פארליערט זיין געלד, דאגה׳ט ער ניט און טרויערט ניט און דאנקט גאט פאר צונעהמען פון איהם דעם פקדון, אזוי גוט ווי ער האט איהם געדאנקט ווען ער האט עס איהם געגעבען. ער איז צופריעדען מיט זיין חלק וואס ער האט, וועט ניט זוכען אימיצען צו שאדען, כדי ער זאל דערפון פראפיטירען און וועט אפילו קיין לוסט האבען צו האבען רייכע פריינד אדער הויכשעצען געלטיגע מענשען אום צו געניסען פון זיי עטוואס. אזוי ווי שלמה המלך האט געזאגט אין משלי: ״צדיק אוכל לשובע נפשו״ — דער צדיק עסט נור צו זעטיגען זיין נשמה, ער וויל נור

האבען אזוי פיעל וויפיעל עס איז נויטיג אויפצוהאלטען די נשמה, אבער פאר'ן גוף, פאר קערפערליכע תענוגים זארגט ער נים.

אבער דער עיקר גוטעס וואס דער מענש האט פון בטחון איז די רוהיגקייט, די אומבאזארגטקייט פון וועלטליכע זאכען און דעם צער וואס מען האט, ווען מען וויל נאכגעבען די קערפערליכע פאדערונגען און מען קען נים. דער בעל בטחון איז פריי פון די דאזיגע דאגות און ער לעבט שטענדיג רוהיג און זיכער אויף דער וועלט, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין ירמיה: ״ברוך הגבר אשר יבטח בה׳״ — געבענשט איז דער מענש וואס פערלאזט זיך אויף גאט.

דער בעל בטחון דארף ניט זיין נע ונד, אומפאהרען איבער דער וועלט זוכען פערדיענסטען. דאס זיין פארוואגעלט פון דער היים, דאס אומרייזען אין פרעמדע שטעדט און לענדער מאטערט אויס דעם קערפער און פארקירצט די יאהרען, אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט אין תהלים: ״ענה בדרך כחי קצר ימי״ — מיינע קרעפטען ווערען געפייניגט אין וועג און דאס פארקירצט מיינע לעבענס-טעג. מען דערצעהלט אויף א פרוש, אויף א פרומען מאן, וואס פרום ווערענדיג איז ער אוועק אין א ווייטע לאנד זוכען פרנסה. האט ער זיך אין א שטאדט באגעגענענט מיט א געטצענדיענער, א גראבער נפש, און ער האט זיך מיט איהם פאנאנדערגערעדט. האט דער פרומער מאן איהם גענומען שטראפען און ערקלעהרען ווי בלינד און אומוויסענד ער איז דיענענדיג צו געטצען. האט איהם יענער געפרעגט: ״און וועמען דיענסטו?״ האט דער פרוש געענטפערט: ״איך דיען דעם באשעפער פון דער וועלט וואס קען אלעס און איז דער איינציגער וואס שפייזט אלעמען און באזארגט אלעמען מיט זייערע באדערפניסע״. האט דער געטצענדיענער זיך אפגערופען: ״דו ווידערשפרעכסט דאך זיך אליין. דו זאגסט דאך אז דיין גאט איז דער איינציגער שפייזער פון אלעמען, היינט אויב אזוי, צו וואס האסטו געדארפט קומען אהער? האט דיר דיין גאט ניט געקענט שפייזען אין דיין שטאדט?״ דער געווארענער פרומער מאן האט ניט געהאט וואס צו ענטפערען דארויף און ער האט זיך אומגעקעהרט צוריק אהיים און האט פערבראכט זיינע יאהרען אין פרומקייט אין זיין אייגענע שטאדט.

נאך א מעלה פאר'ן בעל בטחון איז, וואס ביידע, אי די נשמה, אי דער גוף זיינען פרייער פון שווערע מלאכות, וואס מאטערען אויס דעם מענשען. דער וואס פארלאזט זיך אויף גאט, זוכט זיין חיונה פון אזעלכע זאכען וואס ער זאל האבען מעהר רוה און זאל דורכדעם קריגען א גוטען נאמען. ער שטרענגט זיך ניט אן צופיעל אין זוכען פראפיטען און ער לאזט פלאץ אין זיין הארץ און אין זיינע געדאנקען נאכצוקומען די פפליכטען פון זיין תורה און אמונה. ווארום דער בעל בטחון ווייס, אז זיין צופיעל אנשטרענגען זיך וועט איהם ניט צוגעבען קיין רייכטהום און זיין ניט אנשטרענגען זיך וועט ביי איהם גאר ניט אוועקנעהמען. ער ווייס אז דאס איז א באשערטע זאך פון הימעל לויט די גזירה פון השם יתברך, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: „כי אלהים שופט זה ישפיל וזה ירים״ — גאט אורטהיילט, גאט באשטימט דעם שיקזאל פון מענשען, דעם דערהויבט ער און דעם דערנידעריגט ער.

דער בעל בטחון האט נאך א טובה פון זיין פארלאזען זיך אויף גאט. ער האט ווייניג צער און דאגות אין געשעפט אנגעלעגענהייטען. ער איז זיך ניט מצער ווען עס פארבלייבט איהם סחורה און ער קען עס ניט אויסברייגען;

עס קימערט איהם ניט פיעל, ווען ער פאנגט אן מסחר און קען דאס ניט דורכפיהרען, אדער ווען ער קען ניט אויפמאהנען חובות וואס לייט זיינען איהם שולדיג אדער אפילו ווען ער ווערט חס ושלום קראנק, ווייל ער וויים, אז דער באשעפער טהוט פאר איהם מעהר און בעסער ווי ער קען טהאן פאר זיך אליין, אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט: „אך לאלהים דומה נפשי, כי ממנו תקותי" — נור אין גאט בין איך אנפערטרויט, ווייל פון איהם קומט מיין האפנונג.

אין נאך א פאל איז דעם בעל בטחון בעסער ווי דעם ניט בעל בטחון. דער בעל בטחון איז צופרידען און נעהמט אן מיט שמחה וועלכע עס איז פרנסה וואס גאט גיט איהם. אויב אומשטענדען בריינגען איהם, אז ער מוז זיך בעשעפטיגען מיט א זאך וואס איז געגען זיין טבע, איז ער זיך דערמיט אויך משמח, ווייל ער פערלאזט זיך אויף גאט און האט אמונה אז אלעם וואס ער טהוט מיט איהם איז פון זיין טובה וועגען, אקוראט אזוי ווי א מוטער וואס וואשט איהר קינד און וויקעלט איהם און בינדט איהם איין אין ווארימע בגדים'לעך פון דעם קינד'ס טובה וועגען, כאטש דאס קינד קען דאס ניט פארליידען און לאזט זיך ניט, אז די מוטער זאל דאס טהאן. דאריבער זאגט דוד המלך: "כגמול עלי אמו כגמול עלי נפשי" — די הנהגות פון השם יתברך מיט מיר זיינען אזוי ווי א זויגלינג וואס ווערט בעהאנדעלט פון זיין מוטער.

איצט אז איך האב שוין אויפגעוויזען די נוצען וואס בטחון בריינגט דעם מענשען און די הנאות וואס דער בעל בטחון האט פון זיין פארלאזען זיך אויף גאט אזוי וויים ווי איך בין אימשטאנד געווען צו דערווייזען, וועל איך איצט ארומריידען זיבען פונקטען וואס האבען צו טהאן מיט דעם ענין פון בטחון.

ערשטענס, וועל איך ערקלעהרען מיט מעהר איינצעלהייטען, וואס איז אזעלכעם בטחון? צווייטענס, אויב מען קען אין א מענשען געפינען די אורזאכען וואס זאלען בריינגען דערצו, אז מען זאל אין איהם האבען בטחון; דריטענס, וועל איך ערקלעהרען די זאכען וואס א מענש דארף וויסען כדי צו קומען צו דער מדה פון בטחון און די פפליכט פון מענשען צו טהאן וואס ניט איז און ניט זיצען מיט פארלייגטע הענד און האבען בטחון אז גאט וועט געבען. פיערטענס, וועל איך ערקלעהרען אין וועלכע פעלע מען דארף זיין א בעל בטחון און ווען בטחון איז גוט און ווען ניט גוט. פינפטענס, וועל איך געבען צו פארשטעהן די נפקא מינה פון איינעם וואס האט א געוויסע פרנסה מיט בטחון אויף גאט און אזעלכען וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער זעלבער זאך, אבער אהן בטחון. זעקסטענס, וועל איך ערקלעהרען ווי עס דארף פעראכטעט ווערען די דעה פון די יעניגע, וואס לאזען זיך וואויל געהן, וואס זיינען אריינגעטהאן אין וועלטליכע תענוגים, מיינענדיג אז זיי וועלען דאס שטענדיג האבען, און דיענען גאט, זאגען זיי, וועלען זיי דאמאלס ווען זיי וועלען דערגרייכען זייערע אלע וועלטליכע שטרעבונגען; ווען זיי וועלען האבען אלס וואס זיי פארלאנגען, דאן זאגען זיי, וועלען זיי פריי זיין פון עסקים, פון בעשעפטיגונגען און זיי וועלען זיך קענען אפגעבען מיט עבודת הבורא. די דאזיגע לייט זייגען בעלי משכונות, זיי ווילען, הייסט עס, האבען פון גאט א משכון, ער זאל זיי פריהער געבען אלעם וואס זיי ווילען, וועלען זיי איהם דערפאר שפעטער אפדיענען. זיבעטענס, וועל איך ריידען וועגען די אורזאכען וואס

**פאר‬דארבען דעם בטחון אין גאט. איך וועל ערקלעהרען ווארום עס זיינען דא מענשען ניט קיין בעלי בטחון און וואס עס ברייננגט זיי דערצו. איך וועל זאגען וואס נויטיג איז אין דיעזען ענין און טהיילווייז וועל איך מקצר זיין.**

## פרק ג׳

וואס איז די ריכטיגע בעדייטונג פון בטחון? בטחון מיינט: די זעעלע רוהיגקייט פון פערזאן וואס בעזיצט די דאזיגע מדה, דאס פארלאזען זיך אויף דעם, אין וועמען ער האט בטחון, אז ער וועט טהאן וואס גוט און געהעריג איז אין דעם ענין וואס ער פערלאזט זיך אויף איהם. דער בעל בטחון דארף ניט האבען קיין שום ספקות און זיין ביי זיך זיכער, אז דער, אויף וועמען ער פארלאזט זיך וועט אלעס טהאן פאר איהם לויט זיין מעגליכקייט און זיין וויסען וואס פאר איהם איז גוט. פעהלט איהם אויס די דאזיגע זיכערהייט, איז ער קיין בעל בטחון ניט. און ניט נור דארף דער בעל בטחון זיין ביי זיך איבערצייגט, אז דער וואס ער פארלאזט זיך אויף איהם וועט מקים זיין דאס וואס ער האט צוגעזאגט און גאראנטירט, נור ער דארף אויך זיין ביי זיך זיכער, אז יענער וועט אין זינען האבען צו טהאן איהם זייטיגע טובות, אנדערע חסדים, וואס ער האט פון איהם גאר ניט פערלאנגט.

אט דאס הייסט אמת׳ער בטחון.

אבער האבען בטחון איז נור שייך אויפ׳ן באשעפער, ניט אויף בעשאפענע
— אויף מענשען. מען וואלט יא געקענט און געמאגט פארלאזען זיך אויף מענ־
שען, ווען זיי וואלטען באזיצען אלע פאלגענדע זיבען מדות און פעהיגקייטען.

צוערשט: רחמנות, בארעמהערציגקייט און ליעבשאפט. ווארום ווען א מענש וויים אז אן אנדער מענש איז א בעל רחמנות און ער האט איהם ליעב, קען ער זיך אויף איהם פארלאזען און רוהיג זיין, אז ער וועט זיך באמיהען פון זיינעט וועגען.

צווייטענס: דארף ער וויסען, אז אויסער די מדה פון רחמנות וואס יענער בעזיצט און אויסער זיין ליעבשאפט צו איהם, איז ער אזעלכער וואס וועט זיך ניט אפּוועגדען פון איהם און וועט זיך ניט פוילען צו ערפיללען זיין פארלאנג און וועט זיך סטארען צו טהאן אלעס פון זיין טובה וועגען. איז ער אבער מיט דעם ניט זיכער, איז זיין בטחון אין יענעם קיין פאלקאמענער. ווארום וואס העלפט די רחמנות און ליעבשאפט, ווען מען נוצט דאס ניט אוים?

דריטענס: מוז דער מענש, אויף וועמען מען וויל האבען בטחון, זיין א שטארקער און מעכטיגער, וואס קען דורכפיהרען וואס ער וויל אומבעשטרייט־באר. ווארום אויב ער איז א שוואכער, קען מען זיך דאך אויף איהם ניט פערלאזען אז ער וועט זיכער דורכפיהרען דאס וואס ער וויל, ווען אפילו ער איז זיכער א בעל רחמנות, אן אמת׳ער גוטער פריינד און פוילט זיך ניט און איז גרייט מיט אלע זיינע כחות צו טהאן א טובה.

פיערטענס: מוז יענער, אויף וועמען מען האט בטחון, זיין אזעלכער וואס ווייס וואס עס איז גוט פאר דעם יעניגען וואס פערלאזט זיך אויף איהם. ער דארף עס וויסען אין פארבארגענע זאכען אזוי גוט ווי אין עפענטליכע. ווארום אויב ער ווייס דאס ניט גענוי, ווי אזוי קען מען זיך אויף איהם פאר־

לאזען? ניט וויסענדיג אויף ריכטיג וואס עס איז גוט פאר דעם וואס פאר־לאזט זיך אויף איהם, קען ער גאר וועלענדיג איהם טהאן א טובה, טהאן א רעה.

פינפטענס: קען זיך א מענש מיט זיכערהייט פארלאזען אויף איינעם וואס קען איהם פון אנפאנג פון זיין עקזיסטענץ און איז קלאהר אין אלע זיינע אנ־געלעגענהייטען פון זיין אויפגעצויגען ווערען, פון זיינע קינדערשע, בחור'שע, מיטעל־יעהריגע און עלטערע יאהרען. אויב דיזער האלט אויף איהם אן אויג צו גוטען און באמיהט זיך שטענדיג צו טהאן איהם גוטעס, קען מען אין איהם האבען בטחון אויף ווייטער. מען קען זיך אבער ניט פארלאזען אויף א צייט־וויליגען בעל טובה, אז ער וועט ווירקליך טהאן א טובה.

זעקסטענס: קען אמת'ער בטחון נור זיין, ווען מען איז אינגאנצען איבער־געגעבען צו דעם. אין וועמען מען האט בטחון, און קיינער אויסער יענעם קען עפעס שלעכטעס אדער גוטעס טהאן. דער בוטח דארף זיין אין יענעם'ס הענד אזוי ווי א געפאנגענער אין תפיסה וואס איז אין רשות פון אויפזעהער. אויף אזא אופן וועט ער זיך פארלאזען נור אויף איהם און ניט אויף קיין אנדערען. ווען אבער עס קען מעגליך זיין, אז ער זאל וועלען דורכפיהרען זיין פארלאנג מיט פארלאזען זיך אויף מעהרערע מענשען, הייסט דאך דאס ניט, אז ער האט בטחון דוקא אין יענעם.

זיבעטענס: דארף דער וואס מען פערלאזט זיך אויף איהם זיין א פאל־שטענדיגער נדיב, א מילדער און א בעל חסד צו יעדען, אי צו דעם וואס איז בערעכטיגט צו חסדים, אי צו אזעלכען וואס איז ניט בערעכטיגט, און זיין גוטס־קייט מוז זיין א שטענדיגע, א ניט אויפהערליכע. ווארום אויב ער איז אזעלכער וואס זיין גוטסקייט איז ניט קיין שטענדיגע און זיין מילדקייט קען אפגעשניטען ווערען, קען מען זיך אויף איהם מיט זיכערהייט ניט פערלאזען.

פאלגליך, אויב מען קען געפינען א מענשען מיט די אלע פאריגע תנאים, קען מען אין איהם האבען בטחון. אבער אז מיר וועלען נאכקלערען און נאכ־פארשען, קענען מיר אין א מענשען ניט געפינען די אלע זיבען זאכען, אבער מיר געפינען זיי ביים בעשעפער, וואס איז א מרחם על בריותיו, וואס האט רחמנות אויף זיינע בעשעפענישען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים "רחום וחנון ה'", גאט איז א בעל רחמנות, א בארימהערציגער. ער איז אויך אזעלכער וואס ווענדט זיך ניט אפ און פוילט זיך ניט צו טהאן גוטעס, אזוי ווי דער פסוק זאגט: "הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל" — דער אידישער היטער אדער וועכטער (גאט) דרעמעלט ניט און שלאפט ניט. ער איז אויך א בעל כח, א מעכטיגער, וואס קען אלעס דורכפיהרען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין איוב: "חכם לבב ואמיץ כח" — גאט איז קלוג און מעכטיג. אדער ווי עס ווערט גע־זאגט אין צפניה: „לך ה' הגדולה והגבורה" — צו דיר גאט איז די גרויסקייט און מעכטיגקייט. דער בעשעפער איז אויך דער איינציגער וואס איז מיט'ן מענ־שען פון אנפאנג פון זיין בעשאפונג און זארגט פאר איהם שטענדיג, ווי עס ווערט געזאגט אין דער תורה: הלא הוא אביך קנך, הוא עשך ויכוננך" — ער איז דיין פאטער, דיין ערווערבער, ער האט דיך בעשאפען און איינגעריכטעט. אדער ווי דוד המלך האט געזאגט אין תהלים: "עליך נסמכתי מבטן" — אויף דיר, גאט, האב איך זיך פערלאזט נאך פון מיין מוטער'ס בויך. און דער מענש איז אויסשליסליך אין גאט'ס רשות און אהן גאט'ס ווילען קען קיינער דעם מענשען ניט טהאן ניט קיין שלעכטעס און ניט קיין גוטעס, אזוי ווי דער פסוק

זאגט אין איכה: „מי זה אמר ותהי, ה׳ לא צוה?" ווער איז דען דא אזעל־כער וואס זאל וואס זאגען און עס זאל געשעהן, אויב גאט האט ניט געהייסען?

עס איז שוין וועגען דעם פריהער גערעדט געווארען אין דיעזען ספר און אלעס איז שוין ערקלערט געווארען. איך האב דעריבער געבראכט די פסוקים בלויז לזכרון.

און אז דער מענש וועט די זאך נאכדענקען און עס וועט ביי איהם קלאר ווערען די ווארהייט פון דעם בעשעפער׳ס חסדים, וועט ער האבען בטחון נור אויף איהם, וועט זיך איבערגעבען צו איהם און זיך אין גאנצען פערלאזען אויף זיין פיהרערשאפט. טאמער וועלען זיינע פערלאנגען ניט ערפילט ווערען, וועט ער אויך קיין פערדרוס ניט האבען און ער וועט אלעס אננעהמען פאר גוט, אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט: „כוס ישועות אשא ובשם ה׳ אקרא" און „צרה ויגון אמצא ובשם ה׳ אקרא" — ווער איך געהאלפען, רוף איך צו גאט, און האב איך צרות און טרויער, רוף איך אויך צו גאט.

אבער ווי אזוי קומט מען צו דער מדה פון אמת׳ן און ריינעם בטחון אין גאט? זיינען דא פינף זאכען וואס פיהרען דערצו.

ערשטענס: דארף מען האבען אמונה און זיין איבערצייגט, אז די זיבען דערמאהנטע פונקטען אלע צוזאמענגענומען זיינען נור פאראן ביי גאט, און דעריבער קען מען זיך אויף איהם פערלאזען. מיר וועלען די זיבען פונקטען, וועגען וועלכע איך האב שוין גערעדט און אנגעוויזען פון פסוקים, צוגליעדערען און ארומריידען ברייטער.

דער ערשטער פונקט, אז מען קען זיך נור פערלאזען אויף א בעל רחמנות, איז ניטא אזא בעל רחמנות ווי דער אויבערשטער, וואס איז זיך מרחם אויף׳ן מענשען מעהר פון אלע מענשליכע בעלי רחמים. און ווען אפילו מיר זעהען, אז איין מענש איז זיך מרחם אויף׳ן צווייטען, שטאמט עס אליץ פון גאט׳ס רחמנות און באריםהארציגקייט, אזוי ווי דער פסוק זאגט: ונתן לך רחמים ורחמך" — גאט וועט דיר געבען דעם געפיהל פון רחמנות, דו זאלסט רחמנות האבען אויף אנדערע און דערפאר וועט ער רחמנות האבען אויף דיר.

דער פונקט, אז דער אויף וועמען מען האט בטחון דארף וויסען וואס פאר׳ן בוטח אין גוט, איז אויך דער שכל מחייב, אז גאט ווייסט עס. דער מענש איז דאך איינער פון זיינע שאפונגען און ווער נאך קען אזוי וויסען, וואס פאר וועלכע עס איז זאך איז גוט אדער שלעכט ווי דער וואס האט די זאך געמאכט? און אז א מענש מאכט עפעס א זאך, איז ער דאך איינענטליך ניט מחדש, ער מאכט ניט קיין נייעס, נור ער ענדערט די פארמע פון א זאך וואס איז שוין דא. עס איז דא, למשל, האלץ, מאכט ער דערפון א טיש, אדער עס זיינען דא שטיי־נער, האקט ער דערפון עפעס אויס; אבער מאכען דעם שורש, דעם אריגינאל, האט ער ניט ביכולת, פונדעסטוועגען וויים ער וואס איז זיין געמאכטע געגענ־שטאנד פעהלט אדער וואס עס איז איבעריג, א פשיטא שוין גאט וואס ער האט בעשאפען דעם אריגינאל פון מענשען, זיין פארמע און אלעס, איז קיין ספק ניט אז ער ווייס וואס עס איז פאר איהם גוט און וואס ניט גוט אויף דער וועלט און לעולם הבא. און ווען אפילו א מענש ווערט געשטראפט אויף דער וועלט, איז דאס אויך פון זיין טובה וועגען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין משלי: "כי את אשר יאהב ה׳ יוכיח" — וועמען גאט האט ליעב, שטראפט ער אויף דער וועלט, כדי ער זאל האבען יענע וועלט.

דער פונקט, אז דער בעשעפער איז שטארקער פון אלע שטארקע, מעכטי־גער פון אלע מעכטיגע, און זיינע רייד און זיין ווילען קען נים האבען קיין געגנערשאפט, איז אויך א געוויסע זאך, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין תהלים: „כל אשר חפץ ה׳ עשה" — וואס גאט וויל טהוט ער, אדער ווי עס ווערט געזאגט אין ישעיה: „כה יהיה דברי אשר יצא מפי לא ישוב אלי ריקם" — אזוי זיינען די רייד וואס געהען ארויס פון מיין מויל, וועלען זיך נים אומקעהרען מיט ליידיגען, דאס הייסט, וואס גאט׳ס רצון איז, געשעהט שטענדיג.

דער פונקט אדער דער תנאי, אז דער וואס מען פערלאזט זיך אויף איהם, דארף האבען זיין שטענדיגע השגחה אויף דעם בוטח, איז אויך נור שייך ביי גאט, וועלכער האט זיין השגחה אויף די מענשען און זייערע הנהגות און פון דאס קלענסטע ביז דאס גרעסטע איז פון איהם נים פערבארגען. עס קען ביי איהם נים פאסירען אזוי ווי ביי מענשען, אז צוליעב איין זאך זאל ער פערגעסען אן אנדער זאך, ווי דער פסוק זאגט אין ישעיה: „אלהי עולם, ה׳ בורא קצות הארץ, לא ייעף ולא יגע אין חקר לתבונתו" — גאט איז אן אייביגער, ער האט בעשאפען די עקען פון דער וועלט, ער ווערט נים מיעד און ערשעפט, זיין פערשטאנד קען נים אויסגעפארשט ווערען. דאס הייסט: כאטש דער בעשעפער האט זיין השגחה איבער דער גאנצער וועלט, ווערט ער נים מיעד אדער ער־שעפט און ער פערפעהלט נים צו זעהן און צו וויסען אלעס פון דאס קלענסטע ביז דאס גרעסטע, א זאך וואס מיר מענשען קענען נים משיג זיין ווי אזוי דאס איז מעגליך.

דער פונקט, אז דער, אין וועמען מען האט בטחון, דארף זיין דער איינציגער וואס מען פערלאזט זיך אויף איהם, איז זעהר א וויכטיגער. דער מענש מוז זיין איבערצייגט, אז קיינער פון די בעשאפענע קען איהם אדער אן אנדערען טהאן גוטעס אדער שלעכטעס אהן דעם ווילען פון בעשעפער. די דאזיגע איבערצייגונג וועט דעם מענשען ברייגנען נים צו האבען בטחון אין קיינעם, נור אין גאט. ווארום ווען א קנעכט האט איינינע בעלי הבתים און יעדערער פון זיי איז אימשטאנד צו טהאן עטוואס גוטעס פון זיינטוועגען, וועט ער זיך נים פערלאזען אויף איינעם פון זיי, נור אויף אלע; ווען ווידער ער וויים אז איי־נער פון זיינע בעלי הבתים קען פאר איהם טהאן מעהר ווי די אנדערע, וועט ער זיך אויף דעם איינעם מעהר פערלאזען, אבער ער וועט אויך אביסעל בטחון האבען אין די אנדערע. ווען אבער ער וויים אז נור איינער קען איהם העלפען אדער שאדען טהאן, וועט ער האבען בטחון בלויז אין דעם איינעם. אזוי אז דער מענש וועט ביי זיך פיהלען אז קיינער, אויסער גאט, קען איהם נים טהאן נים קיין גוטעס און נים קיין שלעכטעס, וועט ער פאר קיינעם קיין מורא נים האבען און וועט זיך אויף קיינעם נים פערלאזען, נור אויף גאט, אזוי ווי דוד המלך לערענט די מענשען: "אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה" — איהר זאלט זיך נים פערלאזען אויף גוטהערציגע, אויף א מענשען וואס קען גאר נים העלפען.

צו דעם פונקט, אז א מענש קען זיך נור זיכער פערלאזען אויף דעם יענעגען וואס קען איהם און וויים איהם פון אנפאנג צו ענדע, דארף בעטראכט ווערען אז דער איינציגער, אויף וועמען מען קען דאס זאגען, איז דער בעשעפער. וואס טהוט מיט׳ן מענשען טובות פון אנפאנג פון זיין בעשאפונג. און דער מענש דארף דאס אנערקענען און בעטראכטען אלס א חסד פון גאט׳ס זייט, וואס

ער טהוט מיט איהם, ניט ווייל ער, דער מענש, איז בערעכטיגט דערצו אדער ווייל דער בעשעפער האט עפעס דערפון. דאס איז נור א נדבה, א געשאנק, וואס דער אויבערשטער שענקט דעם מענשען, אזוי ווי מיר האבען עס ערקלערט אין שער הבחינה פון דיזען ספר, און אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט: "רבות עשית אתה ה׳ אלהי, נפלאותיך ומחשבותיך אלינו" — פיעלעס האסטו געטהאן. דו גאט מיין גאט, דיינע וואונדער און געדאנקען זיינען נור פאר אונז מענשען, פאר אונזער טובה וועגען.

און ביים מענשען דארף קלאר זיין אז אלע געשעהענישען אויף דער וועלט, סאי עצמיים, גרונד זאכען, אריגינאלען וואס זיינען לכתחילה אזוי, אדער מקריים, צופעליגע, וואס ענטוויקלען זיך פון די אריגינאלען, האבען א בעשטימטען גרעניץ און עס קען ניט זיין מעהר אדער וויינינגער ווי דער בעשעפער האט בעשטימט. קיין זאך ווערט ניט און הערט ניט אויף פון זיך אליין. די צייט, דער ארט, די מאס און די ארט און וויזע פון יעדער זאך און פון יעדער פאסירונג, איז אליץ געווענדעט אז גאט׳ס ווארט, אז זיין הייליגען רצון. דאס וואס גאט וויל אז עס זאל זיין וויינינג, קען ניט זיין קיין סך, און דאס וואס ער איז גוזר עס זאל זיין א סך, קען ניט זיין וויינינג. דאס וואס זיין רצון איז אז עס זאל זיין פריהער, קען ניט זיין שפעטער, און דאס וואס ער וויל עס זאל זיין שפעטער, קען ניט זיין פריהער.

און ווען מען זעהט א דבר מחודש, ווען מען זעהט אז א זאך ווערט פון העלער הויט אנדערש ווי זי איז געווען אדער אנדערש ווי זי דארף געווענהנליך זיין, זאל מען ניט דענקען אז דאס איז פון זיך אליין געווארען, און וויסען אז דאס איז א גזרה פון גאט, וועלכער האט פריהער בעשטימט אז אזוי זאל דאס זיין.

ווארום צו יעדע פאסירונג, צו יעדע געשעהעניש זיינען דא סבות, אורזאכען וואס ברייגגען דערצו. די סבות ווערען פעראורזאכט פון אנדערע סבות, אבער די סבות גופא שטאמען פון גאט. דער וואס פערשטעהט ניט די וועלט דענקט אז די ענדערונג וואס קומט פאר אין א זאך צוליעב א געוויסער סבה, איז דאס ניט מעהר ווי א צופאל. און ער רעכענט צו דעם שנוי, די ענדערונג, צו דער סבה, צו דער אורזאך, וואס האט געבראכט דערצו. דער אמת איז אבער, אז די סבה אליין, וועלכע זי זאל ניט זיין, איז צו שוואך אויפצוטהאן עפעס, ווען דער רצון פון גאט איז דערביי ניטא.

לאמיר נעהמען, צוםביישפיעל, איין ווייץ קערענדעל. ווען מען פערזעעט איהם, בריינגט ער ארויס א סך זאנגען, און יעדער זאנג גיט ארויס א סך קערנער. איז דער איינצי־ינר קערענדעל די סבה, די אורזאך צו שאפען הונדערטע אדער טויזענדער קערנער. קענען מיר דען זאגען אז דער קערענדעל האט בכח דאס אליין צו טהאן? אדער לאמיר נעהמען דעם מענשען און אנדערע לעבעדיגע ברואים. האבען דען די זוימען אדער די פיצינקע פיש רוינגען אליין בכח צו בריינגען לעבעדיגע בעשעפענישען אויף דער וועלט?

פאלגליך, געשעהט אלעס נור דורך דער הימעלשער השגחה און געטליכען רצון, און ווען אין ענינים פון פרנסה זאל זיך א מענש געבען די גרעסטע מיה אריינצוכאפען פריהער דאס וואס איז איהם בעשערט צו קומען שפעטער, אדער אפהאלטען א זאך וואס דארף איהם קומען פריהער אויף שפעטער; פערמעהרען דאס וואס איז בעשטימט פון הימעל צו זיין וויינינגער, אדער פערקעהרט,

קען ער דאס ניט דורכפיהרען. אין דעם דארף ער האבען בטחון אין גאט, און עס איז ניט אין מענשענס רשות צו רעגולירען אזעלכע זאכען. בלויז וואס אנ־בעלאנגט צו מצוות און גאטעס דיענסט, איז די ברירה ביים מענשען צו טהאן עס פריהער אדער שפעטער, מעהר אדער ווייניגער, אבער ניט אין וועלטליכע ענינים.

און דער חכם, שלמה המלך, האט שוין וועגען דעם אנגעדייטעט, זאגענ־דיג אין קהלת: "לכל זמן ועת לכל חפץ תחת השמים" — אויף אלעס איז א צייט און א פארבעשטימונג צו יעדעס וועזען אונטער'ן הימעל. נאכדעם ווע־רען אויסגערעכענט אכט און צוואנציג בעזונדערע זאכען, אויף וועלכע אין הי־מעל ווערען בעשטימט צייטען פאר זייער פאסירונג. און די פיהרונגען פון בעשעפער זיינען פערבארגען, טיעף און דערהויבען צו וויסען אפילו א טהייל פון זיי. אלעס וויסען, איז אודאי ניט פאר דער מענשליכער השגה, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין ישעיה: "כי גבהו שמים מארץ כן גבהו דרכי מדרכיכם ומחשבותי ממחשבותיכם" — גאט זאגט: אזוי ווי עס איז הויך דער הימעל פון דער ערד, אזוי זיינען הויך מיינע וועגען פון אייערע וועגען און מיינע געדאנקען פון אייערע געדאנקען.

וועגען די אנדערע פיער זאכען וואס ברייגען צום אמת'ן בטחון אין גאט, וועלען מיר וייטער ריידען.

# פרק ד'

די צווייטע זאך וואס ברייגנט דעם מענשען צו אמת'ן בטחון איז: אז ער זאל וויסען און ער זאל איבערצייגענד זיין, אז דער בורא יתברך קוקט אויף איהם און עס איז פון איהם ניט פערבארגען קיין זאך. ער וויים וואס דער מענש טהוט אפען און אין געהיים; וואס ער טהוט מיט'ן גאנצען הארצען און וואס ניט, און אויב זיין בטחון איז אן אמת'ער, א ריינער אדער ניט, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: „ה' יודע מחשבות אדם" — גאט ווייסט דעם מענ־שענס מחשבות, אדער אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין משלי: "תוכן לבות הוא יבין" — גאט, וואס דרינגט דורך דעם מענשענס הערצער, פערשטעהט און וויים אלעס.

אז ביים בעל בטחון וועט דאס זיין קלאר און איבערצייגענד, וועט ער ניט זאגען מיט'ן מויל אז ער פערלאזט זיך אויף גאט סיידען ער וועט זיך טאקע אויף איהם פערלאזען מיט'ן גאנצען הארצען, ווייל ער וועט ניט וועלען זיין פון יענע וואס דער פסוק זאגט אויף זיי: "בפיו ובשפתיו כבדוני ולבו רחק ממני" — מיט'ן מויל און מיט די ליפען עהרט ער מיך און זיין הארץ איז פון מיר וויים.

די דריטע זאך איז: אז גאט זאל זיין דער איינציגער צו פערלאזען זיך אויף איהם אין די זאכען וואס מען דארף זיך אויף איהם פערלאזען און דער מענש זאל אין דער אנגעלעגענהייט ניט צונעהמען קיין שותף צו גאט. האבען בטחון אי אין גאט, אי אין א מענשען טויג ניט. און איהר ווייסט דאך שוין וואס עס איז געזאגט געווארען אויף'ן פרומען קעניג אסא בעת ער איז קראנק געוועזען און זיך פערלאזט אויף רופאים, אויף דאקטוירים. זאגט דער פסוק אין דברי הימים ב': „ובחליו לא דרש את ה' אלהיו" — אין זיין קראנק זיין האט ער זיך ניט געווענדעט בלויז צו גאט, און ער איז דערפאר געשטראפט געווארען.

און עס איז א בעוואוסטע זאך, אז ווען א מענש שטעלט אן צוויי מענ־שען אדער מעהר צו טהאן איינע און די זעלבע זאך, ווערט די דאזיגע ארבייט פערדארבען, ווערט ניט געטהאן ריכטיג, מחמת די אנגעשטעלטע פערלאזען זיך איינע אויף די אנדערע. א פשיטא שוין ווען איינער פערלאזט זיך אי אויף גאט, אי אויף מענשען, וועט אודאי זיין בטחון ניט דורכגעפיהרט ווערען, ווייל א מענש קען דאך אייגענטליך ניט העלפען, און גאט וויל יענעם ניט העלפען פאר זיין פאלשען בטחון אין איהם, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין ירמיה: "ארור הגבר אשר יבטח באדם ומן ה' יסור לבו" — פערשאלטען זאל זיין דער מענש וואס פערלאזט זיך אויף א מענשען אויך און פון גאט קעהרט ער אפ זיין הארץ, ניט האבענדיג דעם גאנצען בטחון אין איהם.

די פיערטע זאך וואס ברייננגט דעם מענשען צו אמת'ן בטחון איז: אז ער זאל אויף זיך אליין האבען א שטארקע השגחה צו זיין אן עובד ה', גאט'ס דיענער, און זאל זיך סטארען נאכצוקומען די פליכטען פון איהם צום בעשע־פער און טהאן זיינע מצוות און זיין אפגעהיט פון טהאן זאכען וואס זיינען פערבאטען, אזוי ווי גאט פערלאנגט פון איהם, כדי גאט זאל אויך טהאן פאר איהם דאס וואס ער פערלאנגט. אזוי ווי אונזערע חכמים האבען געזאגט אין פרקי אבות: "עשה רצונו כרצונך, כדי שיעשה רצונך כרצונו" — גאט'ס ווילען זאל בייא דיר זיין אלץ איינס ווי דיין ווילען, כדי דיין ווילען זאל ביי איהם זיין אזוי ווי זיין ווילען, און ווי עס ווערט געזאגט אין תהלים: „בטח בה ועשה טוב" — פערלאז זיך אויף גאט און טהו גוטעס, היט אפ די תורה ומצוות.

אבער דער וואס פערלאזט זיך אויפ'ן בעשעפער און איז איהם דערווידער, טהוט ניט וואס ער וויל און פערלאנגט, קען מען פערשטעהן וואס פאר א נאר אזא מענש איז און ווי זיין וויסען איז שוואך. און יעדער איינער קען זיך דאך נעהמען א ביישפיעל פון זיך אליין. יעדער איינער ווייס און פיהלט, אז ווען ער שטעלט אן אמענשען פאר א געוויסע ארבייט אדער אין זיין געשעפט און ער זאגט איהם אן: דאס זאלסטו טהאן און דאס זאלסטו ניט טהאן, איז אויב יענער פאלגט איהם ניט, וועט ער, דער ווירטה, פאר איהם אויך ניט טהאן זא־כען וואס יענער פערלאזט זיך אויף איהם אז ער זאל טהאן, און ער וועט זיין פאלקאם גערעכט. א פשיטא שוין, דער וואס איז עובר אויף גאט'ס געבאטען, קען געוויס ניט האפען אז גאט זאל פאר איהם טהאן זאכען וואס ער פערלאזט זיך אויף איהם, און מען קען גאר אזעלכען ניט אנרופען מיט'ן נאמען "בוטח באלהים", א בעל בטחון אין גאט.

אויף אזעלכען וואס פערלאזט זיך אויף גאט און פאלגט ניט אויס זיינע געבאטען זאגט דער פסוק אין איוב: "כי מה תקות חנף כי יבצע כי ישל אלוה נפשו?" — וואס טויג די האפנונג פון חנף, פון פאלשען מענשען, וואס גזל'ט און פערלאזט זיך אויף גאט, אז גאט וועט ביי איהם די נשמה צונעהמען? אדער ווי עס ווערט געזאגט אין ירמיה: הגנוב, רצוח ובאתם ועמדתם לפני בבית הזה" — האט עס דען א זינען גנב'ענען און מארדען און קומען אין גאטעס הויז בעטען און האבען בטחון אין גאט?

דא איז דער פינפטער פונקט, וואס אהן דעם קען א מענש ניט קומען צו דער מדה פון אמת'ן בטחון אין גאט:

ביים מענשען מוז קלאר זיין, אז אלע זאכען וואס ווערען פערפאלקאמט און קריגען אן אנדער פנים אדער ווערען אזוי אנדערש ווי זיי זיינען געווען לכתחילה

ווען זיי זיינען געשאפען געווארען, קומט די דאזיגע ענדערונג צוליעב צוויי אורזאכען. ערשטענס, ווייל אזוי איז געווען די גזרה פון בעשעפער, אז די אדער יענע זאך, דער אדער יענער געגענשטאנד זאל אין א געוויסע צייט אנדערש ווערען, און צווייטענס, סבות און צופעלע וואס ברייננגען די ענדערונגען. און די סבות זיינען דא נאהענטע און ווייטע, עפענטליכע און פערבארגענע, אבער זיי אלע קומען פון גאט און זיין היילינגען רצון.

וואס הייסט ווייטע סבות און וואס הייסט נאהענטע? ווען מיר געבען א ביישפיעל פון א ברונים, פון וועלכען מען ציהט ארויס וואסער מיט דער הילף פון א ראד און א שטריק. איז די כלי אדער דער עמער, וועלכער בריינגט ארויף דאס וואסער, די נאהענטע סבה, די לעצטע אורזאך, דורד וועלכער דער מענש האט וואס צו טרינקען. ווען דער ראד דרעהט זיך מיט'ן כח פון אן אקס אדער א פערד וואס ווערט איינגעשפאנט פאר דיעזען צוועק, איז דער מענש וואס שפאנט איין דעם אקס אדער דעם פערד, די ווייטע סבה, די ערשטע אור־זאך וואס בריינגט דערצו, אז דער ראד זאל זיך דרעהען, די שטריק זאל זיך וויקלען ארום א האלץ אדער אן אייזען און דורכדעם זאל דער עמער וואסער ארויפקומען. פאלגליך, זיינען די סבות, וואס בריינגען דערצו, אז דאס וואסער זאל ארויפגעבראכט ווערען פון טיעפען ברונים: דער מענש, דער אקס אדער דער פערד, דער ראד, די שטריק און דער עמער. און זאל עפעס פאסירען מיט איינע פון די סבות, זאל דער מענש קראנק ווערען און ניט קענען איינ־שפאנען דעם אקס אדער דעם פערד, זאל דער אקס אדער דער פערד קראנק ווערען און ניט קענען דרעהען דעם ראד, זאל דער ראד צובראכען ווערען, זאל זיך די שטריק צורייסען אדער זאל דער עמער צובראכען ווערען, וועט דער פרא־צעס פון ארויפברייננגען דאס וואסער ניט דורכגעפיהרט ווערען.

אזוי איז אויך מיט אלע זאכען, טהאטען און פאסירונגען אויף דער וועלט. קיין זאך קען ניט קומען אין עקזיסטענץ דורך די ארבייט פון א מענשען אדער וועלכער עס איז אנדער בריאה אהן דער גזרה פון גאט און די סבות און די מיטעל וואס ער גרייט צו ארויסצוברייננגען געוויסע זאכען און געשעהענישען. אזוי ווי דער פסוק זאגט אין שמואל א': "ולו נתכנו עלילות" — צו איהם, צו גאט, זיינען גרייט טהאטען און פאסירונגען. דאס הייסט: ער איז דער מייס־טער פון אלעם, און אלעם אין דער וועלט ווערט פעראורזאכט פון איהם. און ווען די סבות וואלטען ניט געווען, וואלט קיין זאך, וואס איז אפילו נאטירליך, ניט געקענט געשעהן.

און אז מיר וועלען בעטראכטען די ארט און ווייזע ווי אזוי דער מענש בעקומט זיינע נויטיגע בעדערפענישען, וועלען מיר בעשיינפערליך זעהן, אז אלעם געהט דורך פראצעסען פון געוויסע סבות, געוויסע אורזאכען וואס ברייננגען דערצו אז ער זאל האבען דאס וואס ער מוז האבען.

דער מענש מוז, למשל, עסען. איז אפילו ווען מען דערלאנגט איהם פאר־טיגעם עסען, מוז ער עס נעהמען אין מויל און צוקייען. דערמיט וואס די שפייז שטעהט אדער ליעגט פאר איהם אויפ'ן טיש, קען ער זיין הונגער ניט שטילען. דאס זעלבע קען א מענש ניט שטילען זיין דורשט סיידען ער טראגט צו דאס וואסער צום מויל און טרינקט און דערשלינגט. מעהר טרחה האט דער מענש, ווען ער דארף זיך אליין צוגרייטען דאס עסען, ווען ער דארף מאהלען מעהל, קנעטען און באקען ברויט. נאך שווערער קומט עס איהם אן, ווען ער האט ניט

קיין געלד פאר וואס צו קויפען תבואה און סאהלען און באקען אליין ברויט. אין אזא פאל מוז ער הארעווען און פערדיענען אדער פערקויפען וואס איהם נויטיג איז פאר א שטיקעל ברויט. דאס זיינען אלץ סבות, וואס פיהרען דערצו אז דער מענש זאל קענען שטילען זיין הונגער. און ווערען אפגעטהאן די סבות, ווען דער מענש קען ניט צוטראגען די שפייז צו זיין מויל, אדער ער קען ניט קייען און שלינגען, אדער ער האט גאר ניט די מעגליכקייטען צו קריגען שפייז, מוז ער הונגערען.

און ווארום האט דער בעשעפער איינגעריכטעט די וועלט אזוי, אז דער מענש זאל מוזען צולייגען מיה אום צו קריגען זיין חיונה אדער אנדערע נויט־ווענדיגקייטען? זיינען אויף דעם דא צוויי טעמים. דער ערשטער טעם איז, ווייל די געטליכע חכמה האט געפונען פאר נויטיג צו שטעלען דעם מענשען צו פראבע, אויב ער וועט איהם דיענען אדער ניט, און פון דער ארט און וויזע ווי אזוי דער מענש קריגט זיינע הצטרכות צייגט זיך ארויס אויב ער איז אן עובד ה׳ אדער ניט.

ווארום דעם מענשען׳ס קערפערליכע בעדערפנישע, וואס ער קריגט דורך געוויסע בעשטימטע סבות פון גאט, זיינען בעשרענקט, אז מען זאל זיי נור קרי־גען אויף געוויסע אופנים און צו געוויסע צייטען. אין דעם עניז פון עסען, זיי־נען דא מאכלי אסורות, זאכען וואס מען טאר ניט עסען. אין דעם עניין פון הלבשה, איז דא אן אויסנאהמע — שעטנז. מען טאר ניט גנב׳ענען אדער גזל׳ענען צוליעב פרנסה. שבת און יום טוב טאר מען זיך ניט עוסק זיין אין מלאכה אדער מסחר, און נאך פיעלע זאכען, דורך וועלכע דער מענש טאר זיך ניט פערשאפען די נויטבעדערפטיגקייטען פון זיין גוף. און די בחירה איז דאך ביים מענשען, אז ער וויל פערשאפט ער זיינע הצטרכות על פי דרך התורה און אז ער וויל איז ער עובר אויף גאט׳ס געבאטען, אויף די בעשרענקונגען, אז אויף אזא אופן מעג ער און אויף אזא אופן טאר ער ניט, עס מאכט ניט אויס צו דער מענש פיהרט דורך וואס ער וויל, צי ניט; צי גאט גיט איהם די געלעגענהייט דערצו, צי ניט, אבער פון דער ארט און וויזע ווי אזוי ער זוכט צו בעפריעדי־גען זיין קערפער צייגט זיך ארויס אויב ער דיענט גאט אדער ניט און עס קומט איהם שכר אדער עונש לויט זיין כונה. ווען אבער דער מענש זאל ניט דארפען זארגען פאר׳ן עקזיסטענץ פון זיין גוף; ווען אלע זיינע קערפערליכע הצטרכות זאלען קומען פון זיך אליין אהן זייטיגע סבות און וועלכע עס איז אנשטרענ־גונג וואלט דא ניט שייך געווען קיינע מצוות און קיינע עברות און קיין שכר ועונש.

דער צווייטער טעם איז: ווייל ווען דער מענש וואלט זיך ניט נעדארפט מטריח זיין צו זוכען זיין חיונה און אלעס וואס דער גוף פאדערט; ווען ער זאל דיעזע זארג ניט האבען אויף זיין קאפ וואלט ער צולאזען געווארען, וואלט זיך ארייננטהאן אין הולטאיעווען און וואלט ניט געאכטעט אויף די טובות וואס גאט טהוט מיט איהם. אזוי ווי דער פסוק זאגט אין האזינו: ״וישמן ישורון ויבעט, ויטוש אלוה עשהו״ — די אידען זיינען פעט געווארען, עס איז זיי געגאנגען זעהר גוט, האבען זיי פון זיך אראפגעווארפען דעם יאך פון דער תורה און פערלאזען גאט זייער בעשעפער. דעריבער זאגען אונזערע חכמים אין פרקי אבות: ״יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ״ — עס איז גוט ווען מען לערענט תורה און דערצו איז מען זיך אויך עוסק אין מסחר אדער מלאכה, ווארום די בעמיהונג פון די

ביידע מאכט פערגעסען זינד. און אז תורה אהן מלאכה אדער מלאכה אהן תורה טויג ניט, איז שוין זעלבסטפערשטענדליך, אז ווען א מענש איז ניט אפּגעלייגט ניט אויף תורה און ניט אויף מלאכה אדער מסחר, ברייגנט עס איהם גשמים צו זינד.

און ווייל דער בעשעפער האט געוואלט גוטעס טהאן דעם מענשען, האט ער איהם געגעבען בעשעפטיגונג, ער זאל האבען צו טהאן פאר דער וועלט און פאר יענער וועלט, כדי זיינע רעיונות זאלען זיין פערנומען און ער זאל ניט טראכטען דאס וואס מען טאר ניט טראכטען און ניט וועלען דערגעהן אזעלכעס וואס ער קען ניט משיג זיין מיט זיין שכל.

און אויב א מענש איז א צדיק, וואס גיט זיך אפּ מיט גאטעס דיענסט, האט פאר איהם מורא און האט אין איהם בטחון אין אלע הינזיכטען, און ווענדעט זיך אפּ פון מאוס'ע זאכען און האט לוסט צו גוטע און שעהנע מדות — אזעלכער איז ווען אפילו ער לעבט רוהיג, אהן דאגת פרנסה, וועט ער אויך ניט ערגער ווערען, וועט ניט זוכען צופיעל תענוגים, דער יצר הרע וועט איהם ניט ברייגגען צו זינד און ער וועט ניט פערפיהרט ווערען אין צופיעל לעבענס־לוסטיגקייט. דעריבער וועט גאט פון איהם ארונטערנעהמען די טרחה פון זוכען לעבענסמיטעל און ער וועט האבען חיונה אהן מיה און אהן מאטערנים, ווייל ביי איהם, ביים צדיק, פאלען ארונטער די צוויי דערמאהנטע טעמים פארוואס דער מענש מוז זיך בעמיהען אויף זיינע לעבענס בעדערפנישע.

און אויב איינער וועט פרעגען: מיר זעהען דאך, אז גוטע און פרומע לייט, צדיקים, מוזען שווער הארעווען אויף ארימע חיונה, און פערקעהרט רשעים, וואס לעבען רוהיג אין רייכטהום און תענוגים? דערויף וועלען מיר ענטפערען, אז דער פרעגער איז ניט דער ערשטער צו פרעגען די דאזיגע שאלה, ווייל נביאים און חסידים האבען שוין פריהער גערעדט און געטראכט וועגען דיעזען ענין. ירמיה הנביא האט געפרעגט: "מדוע דרך רשעים צלחה?" — ווארום געהט רשעים גוט? חבקוק הנביא האט געפרעגט: "תחריש כבלא רשע צדיק ממנו" — ווארום שווייגסטו, גאט, ווען דער רשע שלינגט איין דעם צדיק? דוד המלך האט געזאגט אין תהלים: "הנה אלה רשעים ושלוי עולם השגו חיל"— אט די דאזיגע רשעים זיינען שטענדיג רוהיג און האבען גרויסע פערמעגענס, און נאך עהנליכע פסוקים געפינען זיך אין די היילגע שריפטען.

אבער די נביאים האבען איבערגעלאזט דיעזע פראגע אומפערענטפערט, מחמת פאר יעדען צדיק וואס עס געהט איהם שלעכט אויף דער וועלט און פאר יעדען רשע וואס עס געהט איהם גוט, איז דא א בעזונדערער טעם. דעריבער זאגט די תורה אין קורצען: „הנסתרות לה' אלהינו" — דאס פערבארגענע ווייס נור גאט, און "הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט" — דעם בעשעפער'ס טהאטען זיינען אהן פעהלער, ווארום אלע זיינע וועגען, אלע זיינע פיהרונגען זיינען גערעכט.

פון דעסטוועגען, כאטש די תורה און די נביאים האבען ניט פערענטפערט די פראגע פון רשע וטוב לו און צדיק ורע לו, די פראגע, ווארום עס טרעפט אמאל אז א רשע געהט גוט און א צדיק געהט שלעכט, וועל איך פיעל ניט איז בערענטפערען די זאך און איך וועל זאגען:

דאס וואס עס פאסירט אפּטמאל אז א צדיק האט ניט זיין לעבענסמיטעל און ער דארף שווער הארעווען אויף זיין חיונה, קען זיין אז דאס קומט איהם

אלס שטראָף פאַר א פריהערדיגען חטא, וואס ער איז בעגאַנגען, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין משלי: "הן צדיק בארץ ישולם" — א צדיק קריגט געצאָהלט פאַר אַן עברה אויף דער וועלט. אַמאָל קען ווידער זיין, אַז די צרות וואס א צדיק האָט אויף דער וועלט איז אַן אויסטויש, אַן אומבייט אויף עולם הבא, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: "להטיבך באחריתך" — די שלעכטעס קומט, כדי צו האָבען גוטעס צום סוף, אויף יענער וועלט.

אַמאָל פאַסירט אַז א צדיק געהט עס ניט גוט, כדי אנדערע זאָלען זעהן זיין סבלנות, זיין געדולד, ווי ער איז ניט מתרעם אויפ'ן אויבערשטען און דיענט איהם און זיי וועלען זיך פון איהם אָפּלערנען, אזוי ווי עס איז געווען דער פאַל מיט איוב'ן. אַמאָל ווידער פאַסירט, אַז א צדיק לעבט אין א דור פון רשעים, איז כדי מען זאָל איהם ניט אַננעהמען פאַר א פאַלשען צדיק, שיקט גאָט אויף איהם אַן אָרימקייט און קראַנקהייט, כדי די וועלט זאָל וויסען אַז אפילו אין אַן עת צרה טרעט ער אויך ניט אָפּ פון גאָט'ס דיענסט. און אַמאָל שטראָפט גאָט דעם צדיק דערפאַר וואס ער סטאַרעט זיך ניט צו בעקעהרען אנדערע צו עבודת הבורא, אזוי ווי עס האָט פאַסירט מיט'ן כהן עלי, וועלכער האָט געלאָזט זיינע קינדער זינדיגען, און גאָט האָט איהם דערפאַר נגעגעבען א קללה, ווי עס ווערט דערצעהלט אין שמואל א'.

און דאָס וואס גאָט טהוט אָפּטמאָל טובות מיט א רשע, קען פאַסירען אַז ער צאָהלט עס איהם אָפּ אויף דער וועלט פאַר גוטעס וואס ער האָט אַמאָל געטהאָן, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: "ומשלם לשונאיו על פניו להאבידו" — גאָט בעצאָהלט דעם רשע פאַר זיינע גוטע מעשים אויף דער וועלט, כדי ער זאָל איהם פערניכטען אויף יענער וועלט.

אַמאָל פאַסירט, אַז גאָט גיט דעם רשע די גוטעס אלס פקדון, ער גיט עס איהם בעהאַלטען פאַר אימיצען אנדערש, פאַר א זוהן א צדיק וואס ער וועט האָבען, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין איוב: "יכין וצדיק ילבש" — דער רשע גרייט צו טייערע בגדים און דער צדיק קליידט זיך אין זיי. אין קהלת ווערט געזאָגט: "ולחוטא נתן ענין לאסוף ולכנוס לתת לטוב" — דעם זינדיגען גיט גאָט א געלעגענהייט צו זאַמלען רייכטהום, כדי אוועקצוגעבען עס צו א גוטען, צו א צדיק.

אַמאָל קען גאָר פאַסירען אַז די רייכטהום וואס א רשע פערמאָגט זאָל איהם פיהרען צו אַל דאָס בייז, אזוי ווי דער פסוק זאָגט: "עושר שמור לבעליו לרעתו" — רייכטהום ווערט אָפּט געהאַלטען צום שלעכטען פאַר'ן אייגענטהי־מער. עס פאַסירט אויך אַז גאָט נעהמט ביי א רשע ניט אוועק זיין גליק און ער לאָזט עס ביי איהם ביז ער וועט ווערען א בעל תשובה און בערעכטיגט זיין צו די גוטעס.

און אַמאָל געהט א רשע גוט צוליעב דעם זכות פון זיין פאָטער וואס איז געווען א צדיק, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: "מתהלך בתומו צדיק, אשרי בניו אחריו" — דער צדיק געהט אין גוטען וועג און זיינע קינדער נאָך איהם זיינען צוליעב דעם גליקליך. אַמאָל ווידער געהט א רשע גוט אויף דער וועלט, כדי צו אויספּרובירען דערמיט די מענשען פון זיין דור, אויב זיי וועלען אויך געהן אין דעם רשע'ס דרכים מיט דער כונה עס זאָל זיי זיין אזוי גוט ווי איהם, אָדער זיי וועלען פערבלייבען גאָט'ס דיענער טראָץ דעם וואס עס געהט זיי שלעכט, און די רשעים געוועלטיגען איבער זיי און מאַכען זיי צו שאַנד און

צו שפאט. אזוי ווי מיר ווייסען פון אליהו הנביא און ירמיה הנביא, וועלכע זיינען פערבליבען ביי זייערע צדקות, כאטש זיי האבען געליטען פון שלעכטע מענשען, וועלכע האבען געהאט די מאכט אין זייערע הענד.

ווייטער וועלען מיר ריידען ווי אזוי, אויף וואס פאר אן אופן, א מענש זאל זוכען זיין פרנסה.

# פרק ה׳

איצט, אז עס איז שוין ביי אונז קלאר, אז דער מענש מוז זוכען זיין חיונה, וואס ער קריגט דורך פערשיעדענע סבות וואס גאט בעשערט איהם, וועלען מיר ערקלערען, אז מען דארף נים זוכען אלע סבות, אלע אורזאכען וואס קענען דעם מענשען ברייגען פרנסה, ווייל די סבות זיינען זעהר פיעל. מאנכע פון זיי זיינען לייכטע, וואס מען דארף אויף זיי נים הארעוועז קיין סך, ווי א ביספעל האנדלען אין א קראם, שניידעריי, וועבעריי, שרייבעריי, זיין אן אויפפאסער אין א געשעפט, זיין א מעקלער, אכטונג געבען אויף ארבייטער אין פעלד, און נאך אזעלכע זאכען, און מאנכע שווערע. די שווערע פרנסות זיינען: אויסארבייטען פעל, גראבען אין אייזען אדער קופער מינען, לייטערען זילבער, טראגען שווערע משאות, אומפאהרען אין ווייטע וועגען, אקערען און בעארבייטען ערד און דאס גלייכען. איז דער מענש וואס איז א בעל כח, וואס איז קערפערליך שטארק און איז אבער שוואך אין גייסטיגע זאכען, אין קענטנים, מוז ער זוכען זיין חיונה פון פראסטע שווערע ארבייט, לויט זיינע קרעפטען ערלויבען איהם. דער ווידער וואס האט א שוואכען קערפער, דערפאר איז ער גייסטיג פעהיג, איז א מלומד, קען שרייבען, רעכענען וכדומה, אזעלכער דארף זיך נים אפגעבען מיט שווערע קערפערליכע מלאכות, און זוכען זיין חיונה פון אזא בעשעפטיגונג וואס איז לייכט פאר זיין קערפער און ער קען שטענדיג אנגעהן מיט דעם.

און יעדער מענש האט א נייגונג צו וועלכער עס איז ארבייט אדער בעשעפטיגונג און נים צו אנדערע. איינער האט א נייגונג, לאמיר זאגען, צו שניידעריי, א צווייטער צו ערד ארבייט, א דריטער צו מסחר, און אזוי ווייטער. דאס קומט דערפון וואס דער בעשעפער האט זיי אריינגעגעבען דעם דאזיגען חשק. דאס איז ביי זיי אן אינסטינקט, א נאטירליכע נייגונג, אזוי ווי די קאץ, צום ביישפיעל, האט א טבע צו כאפען מייז אדער אזוי ווי געוויסע פויגעל זיינען נעבוירען מיט דער טבע צו כאפען פיש אדער שלאנגען. אזוי זיינען אלע לעבעדיגע בעשעפענישען. יעדע פון זיי האט א לוסט צו געוויסע זאכען, מיט וועלכע זיי שפייזען זיך, מאנכע צו וואקסונגען און מאנכע צו לעבעדיגע ברואים, וועלכע זיי פרעסען.

און דער אויבערשטער האט געמאכט דעם קערפער־נעבוי פון בעלי חיים, פון לעבעדיגע זאכען, אזוי, אז זיי זאלען לייכט קענען קריגען די חיונה וואס עס איז פאר זיי בעשטימט. פויגעל, למשל, וואס ערנעהרען זיך פון פיש, האבען לאנגע שנאבעל און לאנגע פיס, כדי זיי זאלען קענען געהען טיעפער אין וואסער און מיט׳ן שנאבעל דערלאנגען די פיש וואס שווימען דארט אום. דער לייב האט שטארקע ציינער און שארפע נעגעל, וועלכע העלפען איהם צו קריגען זיין שפייז. די חיות אבער וואס ערנעהרען זיך פון וואקסונגען, פון גראז, בלעטער וכדומה, זיינען באשאפען אהן די קערפערליכע אינסטרומענטען, אהן די

גליעדער, וואס די חיות טורפות, די רויב חיות בעזיצען. אז אקס האט ניט קיין שטארקע צייהן און קיין שארפע נעגעל, ווייל ער דארף דאס ניט אלס פאקטארען צו קריגען דורכדעם זיין תיונה.

אזוי קענט איהר זעהן ביי מענשען אויך, אז זייערע קערפערס זיינען אזוי געבויט, אז יעדער איינער זאל זיך צופאסען צו וואס ניט איז. איינער פאסט זיך צו צו שווערע ארבייט, אן אנדערער צו לייכטע און א דריטער, טויג גאר ניט צו ארבייטען מיט די גליעדער, דערפאר איז ער אבער פעהיג צו קאפ־ארבייט.

דאריבער איז דער וואס פיהלט ביי זיך אז ער איז פעהיג צו וועלכע עס איז בעשעפטיגונג און זיין קערפער איז אויך מסוגל דערצו און ער וועט עס קענען איבערטראגען און עס וועט אויך איהם ניט זיין קיין צו שווערע לאסט, זאל ער זיך בעמיהען אפצוגעבען זיך מיט יענער מלאכה אדער פראפעסיע און אנ־נעהמען פאר גוט איהר זיסקייט און ביטערקייט. דאס הייסט: אויב די מלאכה וועט איהם שאפען גענוג תיונה אדער ניט, זאל ער אלץ צופריעדען זיין. די פרנסה זאל איהם ניט נמאס ווערען אפילו ווען עס געהט איהם צייטענווייז ניט גוט, נור האבען בטחון אין גאט, אז ער וועט איהם העלפען און צושיקען זיין תיונה כל זמן ער וועט לעבען.

און הארעוועגדיג אויף זיין לעבענסמיטעל, זאל דעם מענשען'ס כונה זיין צו ערפיללען דערמיט גופא דעם רצון הבורא, וועלכער האט אנגעזאגט, אז דער מענש זאל ארבייטען, אזוי ווי דער פסוק זאגט ביי אדם הראשון: "ויניחהו בגן עדן לעבדה ולשמרה" — גאט האט אדם'ן איבערגעלאזט אין גארטען פון עדן צו בעארבייטען איהר ערד און צו היטען איהר.

עס איז אויך גאט'ס ווילען אז דער מענש זאל געברויכען בעלי חיים, וואס זאלען איהם העלפען קריגען זיינע בעדערפניסען, ווי דעם אקס צו אקערען און דעם פערד צו פיהרען משאות. און אלעם וואס דער מענש טהוט לטובת זיין גוף, זאל ער אין זינען האבען אז ער טהוט עס פון גאט'ס וועגען, אויב ער דער־גרייכט זיין פערלאנג אדער ניט, אזוי ווי אונזערע חכמים האבען געזאגט אין פרקי אבות: "וכל מעשיך יהיו לשם שמים" — אלע דיינע טהאטען זאלען זיין פון גאט'ס וועגען.

און דער מענש זאל שטענדיג האבען בטחון אין גאט מיט'ן גאנצען הארצען. דאס וואס ער זוכט און געפינט זיין תיונה דורך געוויסע סבות און מיטעל, זאל איהם ניט שאדען צום בטחון אין גאט. ער זאל ניט דענקען, הייסט עס, אז וויבאלד ער זוכט זיינע לעבענס־בעדערפניסע פון געוויסע בעשעפטיגונג, הייסט דאך דאס ניט אז ער פערלאזט זיך אויף גאט, מחמת עס קען און עס דארף זיין ביידע, אי מען דארף זוכען די מיטעל, אי מען דארף האבען בטחון. און דער מענש זאל אויך ניט דענקען, אז זיין תיונה איז נור אפהענגיג פון זיין בעשעפ־טיגונג און אויב דאס וועט מיידען, אויב ער וועט מעהר ניט האבען צו טהאן זיין מלאכה, אדער ער וועט עס מעהר ניט קענען טהאן, וועט ער קיין תיונה ניט האבען. אזא רעכענונג איז פאלש, ווארום אויב ניט דורך דער סבה, וועט איהם גאט צושיקען אן אנדערער סבה, דורך וועלכע ער וועט זיך מפרנס זיין. דער כלל איז, אז מען דארף שטענדיג זיין א בעל בטחון און פערלאזען זיך אויף גאט אז ער קען העלפען דורך פערשיעדענע אופנים, און צו יעדער צייט, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין שופטים: „כי אין לה' מעצור" — ביי גאט איז ניטא קיין

אפּהאלט צו העלפֿען, און נאָך עהנליכע פּסוקים געפינען זיך אין די הייליגע שריפטען.

און די ענינים, וואָס דער גלויבינער איז מחויב צו פערלאָזען זיך ווענען זיי אויפ'ן באשעפער, זיינען דאָ זיעבען, וועלכע זיינען כולל עולם הזה זאכען און זאכען וואָס האָבען צו טהאָן מיט עולם הבא. דאָס זיינען די זיעבען ענינים:

זאכען וואָס זיינען נוגע בלויז איהם אליין, זיין אייגענעם קערפּער, זיינע נויטוועגדיגקייטען, וואָס ער מוז האָבען; זאכען וואָס האָבען א שייכות צו רייכטהום און גוטע פּרנסה; זאכען וואָס זיינען נוגע ניט איהם אליין, נור זיין הויזגעזינד, גוטע פריינד און שונאים; פפליכטען, וואָס ער האָט אויף זיך, וועלכע זיינען פאַרבונדען בלויז מיט זיין אייגענע פערזאָן און דאָס קען קיין אנדערען ניט טהאָן ניט קיין גוטעס און ניט קיין שלעכטעס; פפליכטען וואָס דער מענש קען ניט דורכפיהרען מיט זיך אליין און זיי מוזען געטהאָן ווערען פון איינעם צום צווייטען; ענינים פון עולם הבא, וואָס דער מענש איז בערעכטיגט צו דעם פאַר זיינע גוטע מעשים; און די עולם הבא, וואָס גאָט גיט די צדיקים און חסידים אלס א חסד, אלס א מתנה אויסער זייערע פערדיענסטען.

איצט וועלען מיר יעדען ענין בעזונדער ארומריידען ברייטער און ערקלעהרען ווי אזוי דער במחון אין יעדע איינציגע זאך דארף זיין און דארף דורכגעפיהרט ווערען.

די זאכען וואָס זיינען פאַרבונדען בלויז מיט'ן מענשען'ס קערפּער זיינען: זיין לעבען, זיין טויט, זיין חיונה, קליידונג, דירה, געזונדהייט און קראַנקהייט. אין די אלע זאכען דאַרף זיך דער מענש פאַרלאָזען אויף גאָט, אויף דער גזירה פון באשעפער. ער מוז וויסען, אז קיין זאך אין דיזע פּרטים קען ניט געשעהן אהן דעם ווילען פון גאָט, סאַי צו גוטען און סאַי צו שלעכטען. עס דאַרף ביים מענשען זיין איינגעפאַסט אין געדאַנקען, אז ווי עס זאָל איהם ניט געהן אין די דערמאָהנטע ענינים, האָט דער באשעפער פאראויס אזוי בעשטימט און דאָס איז אלעס צו גוטסטען דעם מענשען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און קיין בעשעפענים האָט ניט קיין מיטעל איבערצואנדערשען דאָס בעשטימטע פון הימעל.

און אזוי ווי דעם מענשען'ס לעבען, זיין טויט, זיין געזונדהייט און קראַנקהייט זיינען ניט אין זיינע הענד, אין זיין רשות, אזוי זיינען אויך זיין חיונה, זיין קליידונג און אלע קערפּערליכע בעדערפנים איז די הענד פון השם יתברך לויט זיין גזירה און זיין בעשטימונג. און ווען דער מענש בעזיצט א ריינע אמונה, אז אלעס איז געווענדעט אן גאָט און אליין קען דער מענש גאָר ניט נעהמען, מוז ער פון דעסטוועגען זוכען זיינע לעבענס־בעדערפניסע דורך געוויסע ארבייט אדער בעשעפטיגונג, וואָס עס שיינט צו זיין בעסער פאַר איהם, און ניט פערלאָזען זיך אז אלעס וועט איהם אליין קומען. א ביישפּיעל דערצו קען מען נעבען פון לעבען און טויט. וואָס דאָס איז בעשטימט פון גאָט, פון דעסטוועגען מוז א מענש עסען, טרינקען, קליידען זיך און זיין בעזאָרגט מיט אלע אנדערע נויטוועגדיגקייטען. דער מענש קען ניט זאָגען, אז וויבאלד איהם איז בעשערט צו לעבען, וועט ער לעבען אהן עסען און אהן טרינקען און אנדערע לעבענס־בעדינגונגען און ניט וועלען סטאַרען זיך צו האָבען זיין חיונה. דאָס זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. טאָקי דעם מענשען'ס לעבען און זיין טויט זיינען בע־

שטימט פון באשעפער, פון דעסטוועגן מוז ער, דער מענש, טהאן אלעס וואס נויטיג איז אויפצוהאלטען זיין לעבען.

און אזוי דארף א מענש אויך ניט שטעלען זיין לעבען אין סכנה אויס בטחון אין גאט אז דאס וועט איהם ניט שאדען. ער טאר ניט טרינקען קיין סם המות, קיין גיפט, אדער קעמפפען מיט א לייב און אנדערע שטארקע ווילדע חיות, ווען דאס איז ניט נויטיג, אדער אריינווארפען זיך אין וואסער אדער אין פייער און זאגען: "וויבאלד אז דער טערמין פון מיין לעבען איז בעשטימט, וועל איך פון אזעלכע זאכען ניט שטארבען". דאס טאר מען ניט און די תורה האט וועגען דעם אנגעזאגט: „לא תנסו את ה' אלהיכם" — איהר זאלט גאט ניט שטעלען צו פראבע.

ווארום אין אזעלכע פעלע, ווען דער מענש שטעלט זיין לעבען אין סכנה, מוז דאך געשעהן איינס פון די ביידע: ענטוועדער ער פערליערט זיין לעבען, ער שטארבט, אדער עס פאסירט א נס און ער קומט ארויס א לעבעדיגער, און ווי עס זאל ניט פאסירען, טויג אלץ ניט. שטארבט ער, הייסט דאך דאס אז ער האט זיך אליין בידים געטויטעט און ער וועט דערפאר געשטראפט ווערען, כאטש זיין טויט איז אין אמת'ן געקומען דורך גאט'ס גזירה. ווארום טויטען א מענשען טאר מען ניט אויף קיין שום אופן. דער פערבאט פון דער תורה "לא תרצח" מיינט אי ערמארדען א מענשען בידים, אי טהאן איהם אזעלכעס וואס ברייננט זיין טויט.

און די שטראף פאר דעם וואס טויטעט זיך אליין איז נאך גרעסער ווי פאר טויטען אן אנדערען. ווארום וואס דער געטויטעטער איז נעהענטער צום טויטער איז דער פארברעכען אלץ א גרעסערער. ווען איינער הרג'עט זיין אייגענעם ברודער, איז דאס א גרעסערער חטא ווי ער זאל הרג'ענען א פרעמדען, און ווער איז צו א מענשען נעהענטער ווי ער אליין? פאלגליך, וועט די שטראף פון א זעלבסטמערדער אהן ספק זיין זעהר גרויס.

ווען איינער בריינגט אויף זיך דעם טויט איינשטעלענדיג זיין לעבען אין סכנה, איז גלייך צו א קנעכט, וואס זיין ווירטה האט איהם געהייסען היטען א געוויסען פלאץ און איהם אנגעזאגט אז ער זאל פון דארט ניט אפטרעטען ביז א שליח וועט קומען אוועקנעהמען איהם. דער קנעכט האט אבער ניט געוואלט לאנג ווארטען אויפ'ן שליח און איז אליין אוועק. איז דער ווירטה אויף איהם אין כעס געווארען און איהם שווער בעשטראפט. אזוי איז דער זעלבסטמערדער. ער טהוט ניט דעם ווילען פון זיין ווירטה, פון גאט, און ער פערדיענט דערפאר א שווערע שטראף.

דאריבער געפינען מיר ביי שמואל הנביא, עליו השלום, ווען גאט האט איהם געשיקט זאלבען דוד'ן פאר א מלך, האט ער געזאגט: "איך אלך ושמע שאול והרגני?" — ווי אזוי זאל איך געהן, אז שאול וועט זיך דערוויסען וועט ער מיך הרג'ענען. דערפון זעהט מען, אז ער, שמואל, האט זיך ניט געוואלט איינשטעלען אין א סכנה און גאט האט דאס ניט צוגערעכענט צו שוואכקייט אין בטחון. פארקעהרט, דאס וואס דער נביא האט ניט געוואלט שטעלען זיין לעבען אין געפאהר איז ביי גאט דוקא געווען אנגענעהם. והראיה: ער האט איהם וועגען דעם ניט אויסגערעדט און איהם אן עצה געגעבען ווי אזוי ער זאל די זאך דורכפיהרען און שאול זאל דערפון ניט וויסען, אזוי ווי עס ווערט דערצעהלט אין שמואל א' ט"ז. ווארום אויב שמואל וואלט מורא געהאט צו געהן

אין די שליחות אוים שוואכען בטחון אין גאט, וואלט גאט'ס תשובה געווען אן אנדערע. ער וואלט זיך אויף איהם געבייזערט און געזאגט: „אני אמית ואחיה" — איך טויט און מאך לעבעדיג, און אז איך היים דיר, דארפסטו ניט איבערטראכטען טאמער איז דאס פאר דיר א געפאהר, אזוי ווי מיר געפינען ביי משה רבנו, ווען גאט האט איהם געשיקט צו פרעה, האט משה געזאגט: „כי כבד פה וכבד לשון אנכי" — איך קען ניט געהן אין די שליחות, ווייל איך קען שארף ניט ריידען. האט איהם גאט געענטפערט: „מי שם פה לאדם" — ווער האט דעם מענשען געמאכט א מויל? און אז איך שיק דיר דארפסטו קיינע שאלות ניט פרעגען און געהן מיט'ן בטחון אז דו וועסט קענען ריידען. הייננט אז דער צדיק שמואל, האט ניט געהאלטען פאר גרינג איינצושטעלען זיך אין א קליינע סכנה, באטש דאס איז געווען אין א געטליכע שליחות, דארף א מענש געווים ניט ריזיקירען זיין לעבען אין זאכען וואס זיינען ניט פערזאגט פון גאט.

און אויב איינער שטעלט איין זיין לעבען אין קאן און גאט העלפט איהם און ער ווערט נצול, טויג דאס פאר איהם אויך ניט, ווייל דערפאר וואס גאט העלפט איהם און ער קומט ארויס א לעבעדיגער, פערליערט ער זיינע זכיות, זיין בע־רעכטיגונג צו שכר פאר מצוות, אזוי ווי אונזערע חכמים האבען געזאגט: אל יעמוד אדם במקום סכנה ויאמר שעושין לו נס, שמא אין עושין לו נס, ואם עושין לו נס מנכין לו מזכיותיו" — א מענש זאל זיך קיינמאל ניט איינשטעלען אין א סכנה און זאגען: „גאט וועט מיט מיר טהאן א נס", טאמער וועט מיט איהם קיין נס געשעהן, און אויב אפילו יא, וועט מען איהם ארונטערנעהמען פון זיינע זכיות. דאס הייסט: דער נס וועט צוגערעכענט ווערען אלס שכר פאר מצוות און ער וועט דורכדעם פערלירען גוטעס אויף דער וועלט אדער אויף יענער וועלט. יעקב אבינו האט געזאגט: „קטנתי מכל החסדים", טייטשט דער תרגום: דורך די חסדים וואס גאט האט מיט מיר געטהאן, זיינען מיינע זכיות קלענער אדער ווייניגער געווארען.

און אזוי ווי מיר האבען געזאגט וועגען לעבען און שטארבען, אז כאטש דאס איז אין די הענד פון גאט, פון דעסטוועגען דארף דער מענש היטען זיין לעבען, אזוי וועלען מיר אויך זאגען, אז דער מענש איז מחויב צו היטען זיין געזונד, סטארען זיך צו האבען חיונה, הלבשה און דירה און בעזייטיגען די זאכען וואס קענען איהם שאדען צו זיין געזונד, לעבענסמיטעל און דאס גלייכען, כאטש אפילו ער גלויבט אויף זיכער, אז די אלע זאכען זיינען באשערט פון גאט און די סבות, די אורזאכען וואס שאפען זיין געזונד אדער נאהרונג, קענען גארניט העלפען, אויב גאט'ס רצון איז דערביי ניטא. א לאנד בעזיצער דארף בעארבייטען זיין לאנד, אקערען, אויסרייניגען די דערנער, זעען און בעוואסערען און האבען בטחון אין גאט, אז ער וועט דאס פארזעעטע מאכען צו וואקסען און היטען די תבואה פון אלע זאכען וואס זיינען שעדליך. ער טאר אבער ניט לאזען די ערד פוסטעווען, אונבעארבייטעט און פערלאזען זיך אויף גאט, אז ער וועט איהר מאכען וואקסען.

אזוי אויך דארפען בעלי מלאכה, הענדלער אדער מענשען מיט אנדערע בע־שעפטיגונגען זיך עוסק זיין אין זייער זאך און האבען בטחון אין גאט אז ער וועט זיי דורכדעם צושיקען זייער חיונה. זיי טארען אבער ניט דענקען, אז די פראפעסיאנען זייערע גופא זיינען די פרנסה געבער, ווייל אהן גאט'ס ווילען קען קיין מלאכה און קיין בעשעפטיגונג עפעס געבען. און אויב איינער האט

הצלחה אין זיין בעשעפטיגונג, זאל ער ניט מיינען אז די בעשעפטיגונג איז דערפאר פעראנטווארטליך, ווייל אויב ער וועט אזוי דענקען וועט זיין בטחון אין גאט שוואך ווערען. ווארום דער אמת איז, אז די סבה, די אורזאך וואס ברייננגט די הצלחה, קען ניט אויפטהאן מעהר ווי דאס וואס עס איז בעשטימט פון בעשעפער פון פריהער. דאריבער דארף זיך דער מענש ניט פרעהען דערמיט וואס ער האט פארגעננומען די זאך וואס איז איהם מצליח, ווייל די זאך, וועלכע זי זאל ניט זיין, איז אן און פאר זיך גאר ניט. ער דארף אבער דאנקען גאט, וואס שפייזט איהם און זיין מיה איז ניט אומזיסט.

א געוויסער חסיד האט געזאגט: ״איך קען ניט פערשטעהן דעם מענשען, וואס גיט עפעס צו אן אנדער מענשען, ווייל גאט האט, פארשטעהט זיך, גוזר געוועזן, אז ער זאל דאס דוקא געבען צו יענעם און ניט צו קיין אנדערען, און ער, דער געבער, וויל אז דער נעהמער זאל איהם דערפאר דאנקען. און נאך מעהר וואונדערט מיך אויף א נעהמער, וואס לויבט און דאנקט און איז אונטערטהעניג בלויז דעם געבער וויסענדיג, אז ניט דער געבער איז דער אמת׳ער געבער, נור השי״ת, וועלכער האט אזוי גוזר געוועזן אז יענער זאל איהם געבען״.

אבער אויף וואס פאר אן אופן עס זאל ניט זיין, דארף א מענש זיך סטארען צו קריגען זיין חיונה לויט די פעהיגקייטען פון זיין קערפער און פערשטאנד, אזוי ווי איך האב פריהער געזאגט, און צו דעם פערלאזען זיך אויף גאט, אז ער וועט איהם העלפען. אזוי וועלען מיר אויך זאגען אין דעם ענין פון געזונדהייט און קראנקהייט. דער מענש דארף טאקי האבען בטחון אין בעשעפער, אז ער וועט איהם היטען פון קראנקהייטען, אבער אין דער זעלבער צייט, דארף ער אליין אכטונג געבען אויף זיין געזונד און זיך אפהיטען פון זאכען וואס זיינען שעדליך און זיך בעראטהען מיט א רופא, ווען עס פעהלט איהם עפעס אין געזונד.

אז דער מענש וועט זיך אזוי פיהרען, אז ער וועט אליין היטען זיין געזונד און וועט אויך האבען בטחון אין גאט, וועט איהם אין א פאל פון קראנקהייט גאט היילען, צו דורך עפעס א סבה אדער גאר אהן א סבה, דורך רפואות אדער גאר אהן רפואות, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: ״ישלח דברו וירפאם״ — גאט וועט שיקען זייןווארט און ער וועט זיי היילען.

אמאל קען גאר גאט שיקען א קראנקען א רפואה דורך א זאך וואס איז שעדליך, אזוי ווי מיר וויסען פון דעם נביא אלישע, וואס האט שלעכטע וואסער געמאכט גוט צום טרינקען דורך זאלץ, כאטש די טבע איז, אז זאלץ מאכט קאליע דעם טעם פון וואסער. אדער אזוי ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער תורה, אז געהענדיג פון מצרים האבען די אידען אין מרה ניט געקענט טרינקען די וואסער, ווייל עס איז געוועזן ביטער, שטעהט דארט (שמות ט״ו): ״ויורהו ה׳ עץ וישלך אל המים״ — גאט האט משה׳ן אנגעציינגט אויף א מין האלץ, וואס ער האט אריינגעווארפען אין די וואסער און די וואסער איז זיס געווארען. האבען אלטע חכמים געזאגט, אז דאס איז געוועזן די האלץ וואס מען רופט הדופני, וואס האט זעהר א ביטערען טעם. דאך איז די וואסער דערפון זיס געווארען. און איהר ווייסט דאך שוין פון דעם פאל מיט׳ן מלך אסא, וואס ווען ער איז קראנק געוועזן, האט ער זיך פערלאזט בלויז אויף די רופאים און האט דורכגעלאזט דעם בטחון אין גאט און ער איז דערפאר געשטראפט געווארען.

# פרק ו'

דער צווייטער טהייל פון בטחון האט צו טהאן מיט ענינים פון מענשענ'ס פערמעגען אויסער זיין נויטיגע חיונה; די אורזאכען, די געשעפטען אדער פראפעסיאנען, דורך וועלכע דער מענש זוכט צו מאכען פערמעגענס, ווי, למשל, דאס זיין אונטערוועגענס פאר געשעפטס-אנגעלעגענהייטען, שטעלעס וואס מענשען פערטרעטען ביי פריוואט פערזאנען, ביים שטאדט אדער ביי דער רעגירונג; דאס ארומרייזען איבער ימים און מדבריות פון פערדיענסט וועגען און אנדערע בעשעפטיגונגען, מיט וועלכע מענשען גיבען זיך אפ כדי צו זאמלען געלד און האבען מעהר ווי נויטיג איז צו שפייזען דעם גוף און בעזארגען איהם מיט אנדערע נויטווענדיגקייטען.

דער בטחון אין דיזע זאכען בעשטעהט אין דעם, אז דער מענש זאל זיך פערלאזען אויף גאט אז ער וועט איהם שפייזען פון די דאזיגע בעשעפטיגונגען. אז ער וועט איהם געבען נענוג פיעל ער דארף נויטיג אהן האווען צופיעל און אהן פערשווענדען צופיעל ענערגיע, כדי צו זאמלען רייכטהום. און אויב גאט וועט איהם באשערען צו האבען מעהר פיעל ער מוז האבען אויף אויס־קומעניש, וועט עס איהם קומען אהן צופיעל מיה און אנשטריינגונגען. א מענש טאר זיך ניט פערלאזען אויף זיין מסחר אדער פראפעסיע, אז זי וועט איהם ברייגנען רייכטהום. ווארום אויב דעם בעשעפער'ס ווילען איז דערביי ניטא, וועט ניט העלפען זיין מיה און די מיה פון אלעם וואס אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד. קיין זאך קען דעם מענשען ניט ברייגנען קיין פערמעגען, נור די גזירה פון השי"ת.

און דער בעל בטחון לעבט רוהיג. ער זארגט ניט פיעל און שטרענגט זיך ניט אן פיעל, ווייל ער וייס, אז דאס וואס עס איז איהם בעשערט פון הימעל, וועט קומען און דאס וואס ער דארף קריגען לויט די גזירה פון גאט, וועט ער קריגען און ניט קיין אנדערע, און אין דער בעשטימטער צייט, ניט פריהער און ניט שפעטער.

עס פאסירט, אז דער באשעפער בעשטימט די חיונה פון א סך מענשען פון איין מענש. איינער, הייסט עס, איז רייך און ארום איהם לעבען פיעלע מענשען. דאס טהוט גאט כדי אויסצופרובירען דעם רייכען, אויב ער וועט איהם דיענען, אויב ער וועט טהאן דעם רצון הבורא מיט זיין געלד, אדער פארקעהרט: די רייכטהום וועט איהם אראפפיהרען פון דרך הישר. איז דער נארר, דעם אומפערשטענדליכער האנדעלט קרום אין דרייערליי אופנים.

ערשטענס, נעהמט ער אדער ער ערווערבט רייכטהום, וואס גאט האט איהם באשערט, אויף א מיאוס'ן און שלעכטען שטייגער. ער איז ניט ארענט־ליך אין מסחר, ער באשווינדעלט אדער ער מאכט פראפיטען דורך אנדערע מיטעל וואס מען טאר ניט. ער וויים ניט, דער נארר, אז ווען ער זאל זוכען זיינע פערדיענסטען אויף אן ערליכען וועג, וואלט ער זיי אויך געהאט און עס וואלט איהם גאר ניט געמינערט געווארען. דער רעזולטאט וואלט געווען, אז ער וואלט ערפילט זיינע פפליכטען אי צו גאט, אי צו לייט און ער וואלט דערפון קיין שאדען געהאט.

צווייטענס, דענקט דער נארר, אז אלעם וואס גאט גיט איהם געהער צו זיין חיונה, צו די אויפהאלטונג פון זיין גוף, און אויב אפילו ער איז רייך, וויל

ער ניט מהנה זיין אנדערע און העלפען זיינע מיט־מענשען. ער פארשטעהט ניט אז די פרנסה וואס גאט גיט מענשען איז איינגעטהיילט אין דריי חלקים: פרנסה אדער אן אורזאך וואס גיט איהם זיינע אייגענע נויטיגע הצטרכות, צו ערנעהרען זיין אייגענעם קערפער, א זאך וואס דער אויבערשטער שיקט צו אלע בעשעפעניסען, און כל זמן דער מענש לעבט, איז ער זיכער, אז גאט וועט איהם פון וואס ניט איז שפייזען. צווייטענס, קען א מענש האבען א גרעסערע הכנסה מפרנס צו זיין א ווייב און קינדער און האלטען קנעכט און משרתים; אבער דאס גיט ניט גאט אלעמען, נור אזעלכע וואס האבען ביי איהם לאסקע געניסען דאס אונטער געוויסע בעדינגונגען, צוליעב געוויסע זכות'ן וואס זיי האבען. זיין פערמעגליך, האבען מעהר ווי נויטיגע חיונה פאר זיך אליין, איז אפטמאל ניט קיין שטענדיגקייט. אמאל פאסירט, אז דער רייכער וואס איז פארמעגליך מפרנס צו זיין בכבוד זיין פאמיליע און האלטען קנעכט און דיענסטען, ווערט פעראָרימט און האט קוים מיטעל צו ערנעהרען זיך אליין. דאס ווענדט זיך אן דעם בעשעפערס חסד און משפט. וויל דער אויבערשטער טהאן חסד מיט א מענשען, איז אפילו אויב ער פארזינדיגט, גיט ער איהם אויך אלעס, און וויל ער איהם ניט בעהאנדלען מיט חסד, נור מיט משפט, לויט דעם מענשען'ס פערדיענסטען, נעהמט ער פון איהם אוועק זיין גוטע פרנסה. די דריטע זאך, וואס מענשען רעכענען צו צו זייער חיונה, איז געלד אדער איבערפליסיגע אייגענטהום, וואס אין אמת'ן ברייננגט עס דעם מענשען קיינע נוצען. דער וואס האט דאס איז ניט מעהר ווי א שומר איבער דעם. ער היט עס ביז אימיצער וועט עס פון איהם ירש'ענען אדער ער וועט עס פערלירען. דער נארר אבער דענקט אז די געלד וואס גאט גיט איהם מעהר פיעל ער מוז פערברויכען בעלאנגט אויך צו זיין חיונה און ער שטרענגט זיך אן צו קריגען דאס וואס מעהר, בעת עס קען גאר זיין אז דאס וועט פערבלייבען פאר זיין ווייב'ס צווייטען מאן, פאר זיין שטיעף־זוהן אדער פאר זיין גרעסטען שונא.

דער דריטער טעות וואס דער נארר מאכט איז, אז ווען עס געהט איהם גוט און ער האט געגוג מפרנס צו זיין זיך, זיין פאמיליע און אויך געבען פרנסה זייטיגע מענשען, דענקט ער, אז ער טהוט עס פאר זיי, אז דאס וואס זיי געניסען דורך איהם קומט טאקע פון איהם גופא, און ער וויל אז זיי זאלען איהם דערפאר דאנקען און לויבען און זיך ערנידעריגען פאר איהם, און ער האלט זיך דערמיט גרויס און איז שטאלץ ביי זיך, רעכענענדיג, אז ווען ער זאל זיי ניט געבען קיין חיונה, ווען זיי זאלען ניט געניסען פון זיין געלד, וואלט דאס געלד פארבליבען ביי איהם, און ווען ניט ער, וואלטען יענע ניט געהאט פון וואנען צו לעבען. אט דער פערנארישטער מענש, וואס דענקט אזוי, בעמיהט זיך אומזיסט אויף דער וועלט און ער וועט אויך פערלירען זיין שכר אויף יענער וועלט.

דער פארשטענדיגער מענש אבער, דער מענש מיט שכל, פיהרט זיך אין די דערמאהנטע דריי אופנים ווי געהעריג איז צו גאט און צו לייט און דער בטחון וואס ער האט אין גאט איז א סך שטארקער ווי דער בטחון וואס ער האט אין זיין געלד אדער אין די בעשעפטיגונגען וואס ברייננגען איהם אריין געלד, ווייל ער ווייס ניט אויב דאס וואס ער האט און ער ערווערבט איז א נויטווענדיגקייט פאר איהם אויף זיין חיונה אדער ער דארף דאס גאר האלטען פאר אימיצען. און דערפאר וואס ער האלט ניט זיין פארמעגען אלס זיין אייגענס,

וועט ער ערווערבען כבוד אויף דער וועלט און גוטען שכר אויף יענער וועלט, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין דעם מזמור: "אשרי איש ירא את ה'" (תהלים קי"ב).

עס זיינען דא קלאסען מענשען וואס יאגען זיך נאך געלד און זוכען צו קריגען דאס וואס מעהר בלויז צוליעב ליעבע זייער צו כבוד, ווייל זיי ווילען קונה שם זיין, ווערען בערופען, פאפולער. ביי די דאזיגע מענשען איז ניטא קיין גענוג. פיעל זיי האבען געלד און כבוד, ווילען זיי אלץ מעהר, און דאס איז נאריש פון זייער זייט, ווייל זיי פערשטעהען ניט די ריכטיגקייט וואס עס קען ברענגען כבוד אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

און ברענגען ברענגט זיי צו דעם טעות אדער צו דער נארישקייט, ווייל זיי זעהען ווי פראסטע מענשען טהיילען צו כבוד צו געלד־מענשען, צו רייכע, מיט דער האפנונג אז זיי וועלען פון זיי, פון די רייכע, עפעס קריגען און עפעס געניסען פון זייער רייכטהום. ווען דיזע כבוד־געבער וואלטען אבער שכל געהאט און וואלטען פערשטאנען, אז דיא געלד - מענשען האבען גאר ניט ביכולת עפעס צו געבען אהן דעם ווילען פון באשעפער — ווען זיי וואלטען דאס באגרייפען, וואלטען זיי ניט געלייגט קיינע האפנונגען אויף קיינעם אויסער גאט און זיי וואלטען ניט צוגעטהיילט קיין כבוד צו א רייכען, נור צו די יעניגע, וואס איז בעשענקט פון גאט מיט גוטע מעלות און איז פון הימעל בארעכטיגט צו כבוד, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין שמואל א': "כי מכבדי אכבד" — דיא וואס עהרען מיך (גאט) וועל איך עהרען.

און צוליעב דעם וואס די פערנארישטע עמי הארצים ווייסען ניט וועמען מען דארף עהרען און זיי טהיילען צו כבוד די געלד־מענשען, ווערען זיי נאך מעהר פערנארישט און זוכען אויך רייך צו ווערען, כדי אנדערע זאלען זיי אפגעבען כבוד. ארבייטען זיי שווער און מאטערען זיך זייער גאנצען לעבען צו ערווערבען רייכטהום און זיי פערנאכלעסיגען צו ערפילען זייערע פפליכטען צום בעשעפער, צו טהאן זיינע מצוות און דאנקען איהם פאר זיינע חסדים און טובות. ווען אט די נאראנים וואלטען זיך מעהר אפגעגעבען צו דיענען גאט, וואלט זיי רייכטהום און כבוד במילא געקומען אהן פיעל ארבייט און אנשטרענגונג, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין משלי: "אורך ימים בימינה, בשמאלה עושר וכבוד" — לאנג לעבען איז אין איהר (אין דער תורה'ס) רעכטע האנד און איהר לינקע האנד. — רייכטהום און כבוד. דאס הייסט, אז פאר אפהיטען די תורה און מצוות קריגט מען אלעס.

עס פאסירט, אז א געלד־זוכער דערגרייכט זיין ציעל און איז מאסף ממון פון געשעפט, פון א געוויסע פראפעסיע אדער ער קריגט עס א ירושה, און ער דענקט אז צו פערדאנקען די סבות, דעם גוטען מסחר, די גוט בעצאהלענדע פראפעסיע אדער די ירושה איז ער רייך געווארען, און ווען ניט די סבות וואלט ער ניט געקומען צו עשירות. דאריבער לויבט ער די סבות, ניט דעם וואס האט פעראורזאכט די סבות. דאס הייסט: ער האט גאר ניט אין זינען אז דער בעשעפער האט עס איהם צוגעשיקט די גרויסע פערדיענסטען אדער די ירושה. אזעלכער איז גלייך צו איינעם וואס געפינט זיך אין א מדבר, אין א וויסטענ־הייט און ער ווערט זעהר דורשטיג. געפינט ער אין א גרוב מוטנע און ניט גע־שמאקע וואסער און ער פרעהט זיך דערמיט און שטילט מיט דעם זיין דורשט. ווען ער געהט אבער אפ אביסעל ווייטער, געפינט ער א קוואל מיט פרישע און

געשמאקע וואסער און עס פערדריסט איהם און עס ערנערט איהם וואס ער האט זיך אנגעטרונקען מיט די וואסער פון גרוב. אזוי איז אויך דער געלד־מענש וואס האט בעקומען זיין רייכטהום דורך א געוויסע סבה, קען זיין אז ווען ניט יענע סבה וואלט ער עס געקראגען אויף א לייכטערען און בעסערען אופן. ער האט דאריבער ניט אנצוהענגען אן דער סבה, אן דעם מיטעל, דורך וועלכען ער האט זיין עשירות ערווארבען, נור אן גאט, וועלכער קען העלפען דורך פער־שיעדענע וועגען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין שמואל א׳: "כי אין ל"ה מעצור להושיע ברב או במעט" — ביי גאט איז ניטא קיין אפהאלט צו העלפען דורך פיעל אדער דורך ווייניג.

דער בעל בטחון, וואס פערלאזט זיך אויף גאט, דארף זיך אויף איהם פארלאזען אויך ווען עס פאסירט אז ער האט ניט קיין חיונה א טאג אדער מעהר. ער דארף נאכדענקען, אז דער גאט וואס האט איהם ארויסגעצויגען פון זיין מוטער'ס בויך און געבראכט אויף דער וועלט צו א בעשטימטע צייט, ער האט עס פעראורזאכט אז פאר א געוויסע צייט זאל איהם אויספעהלען חיונה, ווייל ער וויים אז דאס איז פאר איהם א טובה.

אזוי איז אויך דער וואס האט קארגע חיונה, בלויז אויף עסען און מעהר ניט, דארף ער אין זינען האבען פאלגענדעס: דער גאט וואס האט ביי מיין געבוירען ווערען צוגעגרייט מיין שפייז פון מיין מוטער'ס בריסט, ניט מעהר ווי צו ערנעהרען זיך, ניט מעהר ווי איך האב געדארפט פערברויכען טעגליך, און אזוי האב איך איבערגעלעבט ביז איך האב זיך אנגעהויבען ערנעהרען מיט בעסערע שפייזען ווי דער מוטער'ס מילך און עס האט מיר גאר ניט געשאדט, אזוי וועט מיר אויך גאר ניט שאדען אויב אפילו איך וועל ניט האבען מעהר ווי מיין נויטיגע נאהרונג מיין גאנצען לעבען. אז ער וועט דאס אין זינען האבען, וועט ער האבען שכר אויף יענער וועלט, אזוי ווי עס ווערט געזאגט ביים מן: "ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו" — דאס פאלק פלעגט ארויסגעהן און אנקלייבען מן בלויז פאר'ן טאג אויסקומעניש, און דער נביא אין ירמיה ב׳ לויבט דערפאר די אידען.

אזוי אויך ווען גאט שיקט איינעם צו זיין חיונה דורך א סבה וואס איז דעם מענשען ניט לרצון, וואס עס געפעלט איהם ניט, אדער ער מוז פון פרנסה וועגען זיין בעשעפטיגט אין א פלאץ וואס איז ניט לויט זיין באגעהר, אדער ער ציהט זיין חיונה פון א מענשען וואס בעהאנדעלט איהם ניט גוט, דארף ער איבערטראכטען: דער גאט וואס האט מיך בעשאפען מיט א געוויסען קאליר און געוויסע פארמע; דער גאט וואס האט מיר געגעבען געוויסע אייגענשאפ־טען, אינסטינקטען און מדות פון מיין טובה וועגען, דער זעלבער גאט האט אויך בעשטימט אז איך זאל האבען מיין חיונה דערפון און ניט פון קיין אנדער זאך. און דער וואס האט מיך געבראכט אויף דער וועלט אין א בעשטימטען פלאץ דורך בעשטימטע צוויי מענשען (פאטער און מוטער) און ניט קיין אנ־דערע, דער האט אויסגעקליבען און בעשטימט מיין חיונה אין א געוויסע לאנד און דורך א געוויסען מענשען דורך וועלכען איך זאל געשפייזט ווערען.

בכלל דארף זיך א מענש שטענדיג פערלאזען אויף גאט, אז ווי ער פיהרט איז גוט און גערעכט. אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים קמ"ה: "צדיק ה׳ בכל דרכיו" — גאט איז גערעכט אין אלע זיינע וועגען, אין אלע זיינע פיה־רונגען ווי ער פיהרט מיט'ן מענשען.

## פרק ז'

צום דריטען חלק פון מענשענ'ס בטחון אין גאט בעלאנגען די אנגעלע־גענהייטען פון זיין ווייב, קינדער, הויז־געזינד, קרובים, גוטע פריינד, שונאים, בעקאנטע און לייט וואס שטעהען העכער פון איהם און נידעריגער פון איהם. ווי אזוי דער בטחון אין גאט דארף זיין אין די דאזיגע ענינים, וועל איך וויטער ערקלעהרען.

א מענש קען זיין איינס פון דיביידע: ענטוועדער א פרעמדער, אז עלענדער, אהן א ווייב, קינדער, אדער קרובים, אדער א פאמיליע־מענש, צווי־שען זיינע אייגענע, צווישען משפחה, קרובים און גוטע פריינד. ווען דער מענש איז עלענד, ווען ער לעבט צווישען פרעמדע, ווייל ער האט ניט קיין אייגענע משפחה, דארף גאט זיין דער קאמפאניאן זיינער, און ווען עס איז איהם ניט גוט אויפ'ן הארצען, ווען ער איז פערצווייפעלט, דארף ער האבען בטחון אין גאט, אז ער וועט איהם העלפען. ער דארף דערביי אין זינען האבען, אז אייגענטליך זיינען אלע מענשען גרים אויף דער וועלט, ווייל דער עיקר פון דעם מענשענ'ס זיין דא אויף דער וועלט איז דאך די נשמה און די נשמה קומט דאך פון הימעל און איז פרעמד אויף דער ערד, אזוי ווי דער פסוק זאגט (ויקרא כ"ה): "כי גרים ותושבים אתם עמדי" — איהר מענשען זייט ביי מיר, גאט, גרים און תושבים. דער מענש דארף אויך ניט פערגעסען, אז ווען אפילו מען האט קרובים, איז דאס אויך נור אויף א קורצע צייט ביז'ן טויט, ווארום נאכ'ן טויט ווערט יעדער איינער ענטפרעמדט און קיין קרוב און אפילו אן אייגענער זוהן קען איהם ניט העלפען און קיינער קאמפאנירט זיך ניט מיט איהם.

ער דארף אויך איבערטראכטען, אז ווען ער וואלט געהאט א ווייב, קינדער אדער קרובים, וואלט ער מחויב געווען מפרנס צו זיין זיי אדער שטיצען זיי, און עס קען זיין אז ער וואלט פאר זיי ניט געטהאן גענוג פיעל געהעריג איז און דאס וואלט איהם גערעכענט געווארען פאר א זינד; אז ער האט זיי אבער ניט, נעהמט פון איהם ארונטער דער דאזיגער יאך, און ער דארף דאס אנ־נעהמען פאר איינע פון די טובות וואס דער בעשעפער טהוט מיט איהם, ווייל ער קען לעבען רוהיגער און דארף זיך ניט פיעל אנשטרייגנען אין וועלטליכע זאכען, אין זוכען פרנסה און דאס גלייכען. און אויב דער איינזאמער, דער עלענדער וויל עפעס א קלעהר טהאן וועגען זיין סוף, וועגען יענע וועלט, קען ער בעסער טראכטען וועגען דעם, ווייל די געדאנקען זיינען ביי איהם ניט פערנומען מיט אנדערע זאכען, מיט פפליכטען וואס ער וואלט אויף זיך געהאט, ווען ער וואלט געווען א בעל משפחה.

דעריבער פלעגען פרושים, לייט וואס האבען זיך אפגעלייגט אויף גאטעס דיענסט, אנטלויפען פון זייערע קרובים און היימען און זיך בעזעצען אין די בערג, כדי זיי זאלען ניט האבען אין זינען קיינע אנדערע זאכען און קענען מעהר דיענען גאט. די נביאים, בעת זיי פלעגען דארפען הערען א נבואה, פלעגען זיי אויך אוועקגעהן פון דער היים און לעבען איינזאם, כדי זייערע געדאנקען זאלען זיין קאנצענטרירט צו דער נבואה.

מען דערצעהלט אויף א פרוש, א פרומען מאן, אז ער איז געקומען אין א ווייטע מדינה לערנען די דארטיגע איינוואהנער עבודת האלהים. האט ער

דארט געפונען די מענשען אלע נעקליידעט אין קליידער פון איין קאליר און פארמע, זייערע ציערונג אלע איינע און דיזעלבע, זייערע קברים ביי די הייזער און קיין פרוי האט ער ניט געזעהן. האט ער זיי געפרעגט, ווארום דאס איז אזוי, און זיי האבען איהם געענטפערט:

"דאס וואס מיר טראגען אלע איינע און דיזעלבע מלבושים איז, כדי עס זאל ניט זיין קיין אונטערשיעד צווישען ארימע און רייכע, כדי מען זאל ניט דער־קענען ווער עס איז ארים און ווער רייך, און דער רייכער זאל זיך ניט האלטען גרויס און ניט שטאלצירען מיט זיין עשירות און דער ארימאן זאל ביי זיך ניט געפאלען זיין. מיר ווילען — האבען זיי ערקלעהרט, — אז מענשען זאלען דא אויף דער ערד זיין גלייך אזוי ווי אין דער ערד. אזוי ווי טויטע זיינען ארים און רייך אלע גלייך, אזוי, ווילען מיר, זאלען די לעבעדיגע אויך זיין. מען דערצעהלט אויף א קעניג, וועלכער האט ניט געוואלט פראווען קיין גאוה פאר זיינע אונטערטהאנען, האט ער געטראגען די זעלבע קליידער און ציערונג ווי זיי. און דאס וואס מיר בעערדיגען אונזערע מתים נעבען די הייזער, איז כדי מיר זאלען האבען דעם טויט פאר די אויגען און מיר זאלען זיך אלע מאל דער־מאהנען אז מיר וועלען אויך שטארבען, און צוגרייטען די שפייז וואס מען דארף אויף יענער וועלט — תורה און מעשים טובים. און דאס וואס מיר האבען דא ניט אונזערע ווייבער און קינדער, זאלסטו וויסען, אז מיר האבען פאר זיי א בעזונדערע שטאדט נאהענט פון דאנען און ווער עס דארף עפעס צו זיי, געהט ער אין זייער שטאדט און קומט נאכהער צוריק אהער. מיר האבען עס אזוי איינגעריכטעט, ווייל מיר האבען איינגעזעהן, דאס זייענדיג מיט די פאמיליעס צוזאמען, מוז מען זיין צופיעל בעשעפטיגט, מען מוז זיך צופיעל אנשטרענגען און זארגען פאר זיי, און ווען מיר זיינען פון זיי דערווייטערט, לעבען מיר רוהיג און מיר קענען זיך מעהר אפגעבען מיט ענינים פון עולם הבא און ניט זיין פיעל ארייננעטהאן אין עולם הזה".

דעם פרוש איז זייער ערקלעהרונג געפעלען געווארען און ער האט זיי געבענשט און גערעכטפערטיגט זייער האנדלונג.

און אויב דער בעל בטחון איז א מאן פון א ווייב, א טאטע פון קינדער און האט קרובים, גוטע פריינד און אויך שונאים, דארף ער זיך פארלאזען אויף גאט, אז עס וועט איהם קיין בייז געשעהן צוליעב זיי, און ער דארף זיך בעמיהען צו טהאן זיינע פליכטען צו זיי, ערפילען זייערע פערלאנגען מיט'ן גאנצען הארר־צען, זיך היטען פון טהאן זיי שאדען, פון טהאן זאכען וואס עס טויג פאר זיי ניט, נור אלעס צו זייער וואויל און בעסטען, און זיי לערנען צו געהן אין גאט'ס דרכים און פיהרען זיך לויט די געבאטען פון דער תורה און לויט די וועלט פאדערט, אזוי ווי דער פסוק זאגט: "ואהבת לרעך כמוך" — דו זאלסט דיין געזעלען, דיין פריינד, ליעב האבען אזוי ווי זיך אליין.

און ער זאל דאס ניט טהאן אויס האפנונג אז זיי וועלען איהם דערפאר בעצאהלען אדער אלס בעלוינונג פאר טובות וואס זיי האבען איהם פריהער גע־טהאן. אויך ניט ערווארטען צו האבען דערפאר כבוד און ניט כדי ארויסצייגען זיך אלס הערשער איבער זיי, נור כדי מקים צו זיין דעם פערזאג פון בעשעפער. ווארום אויב דער מענש וועט דערביי האבען איינע פון די דערמאהנטע כונות אדער אבזיכטען, וועט ער סאי ווי סאי זיין פערלאנג ניט ערגרייכען, און וועט נאך פערלירען זיין שכר לעולם הבא. ווען אבער ער טהוט זיינע

אייגענע לייט טובות און סטארעט זיך פאר זיי, כדי צו ערפילען גאט'ס רצון, וועט איהם גאט העלפען אז ער וועט פון זיי בעלוינט ווערען אויף דער וועלט, און וועט אויך האבען גרויסע בעלוינונג אויף יענער וועלט.

וואס עס איז שייך צו האבען בטחון אין גאט אין ענינים וואס אנבעלאנגען צו העכערע און נידעריגערע מענשען פון איהם, איז אזוי: דער בעסטער וועג ווי אנצוגעהן אין דיזער הינזיכט מיט בטחון איז, אז ווען ער דארף אנקומען צו א העכערען פון איהם אליין, אדער צו א נידעריגערען, זאל ער זיך ניט פארלאזען אויף די מענשען, נור אויף גאט, דער איינציגער, וואס האט ביכולת צו מאכען אזוי, אז דורך יענע מענשען זאל זיין וואונש ערפילט ווערען. אקוראט אזוי ווי מען בעארבייט א פעלד און מען פארזעעט איהר, וואקסט אויף איהר; אבער מען קען ניט דאנקען די ערד פאר איהר אויסברייגען די וואקסונגען, נור דער דאנק קומט בלויז דעם באשעפער, ווארום אז ער וואלט ניט געוואלט וואלט ער שוין געבראכט אזעלכע סבות, אזעלכע אורזאכען וואס וואלטען געשטערט די וואקסונג. פארקעהרט ווידער, איז אויף דער פעלד ניט קיין גערעטענים, קען מען די ערד דערפאר ניט בעשולדיגען. אזוי איז אויך ווען מען וויל האבען א טובה פון א מענשען, זיינען דער שטארקער מיט'ן שוואכען אין דעם גלייך. וויל גאט, קריגט מען די טובה פון א שוואכען; וויל ער ניט, קען אפילו דער שטארקסטער, דער מעכטיגסטער גאר ניט אויפטהאן. דאריבער דארף מען נור האבען בטחון אין גאט, און אויב א מענשען'ס פערלאנג ווערט דורכגעפיהרט דורך א מענשען, דארף מען צוערשט דאנקען גאט און נאכהער אויך דעם יענינגען וואס דורך איהם איז די זאך דורכגעפיהרט געווארען, ווייל דאס וואס א מענש געניסט דורך איינעם א טובה, איז א סימן אז יענער איז א צדיק, אזוי ווי די חז"ל האבען געזאגט: "מגלגלין זכות על ידי זכאי וחובה על ידי חייב" — די הימעלשע השגחה ברייגנט גוטעס דורך א גוטען, דורך א צדיק, און שלעכטעס דורך א שלעכטען, דורך א רשע.

און אויב מענשען ווילען איינעם טהאן גוטעס און זיי פיהרען דאס ניט דורך, זאל ער זיי ניט בעשולדיגען און ניט אנהעגנען אז יענע האבען פערנאכלעסיגט און זיך ניט געסטארעט גענוג פון זייניטוועגען, נור ער זאל דאנקען גאט און עס אננעהמען פאר גוט און ער זאל אויך די מענשען לויבען און דאנקען פאר זייער בעמיהען זיך פון זיינטוועגען, כאטש די זאך האט זיך ניט אויסגעלאזט ווי ער האט געוואלט און ווי זיי האבען געוואלט. אזוי דארף מען זיך אויך פיהרען מיט בעקאנטע, מיט גוטע פריינד, מיט לייט וואס מען האנדעלט מיט זיי, מיט בעדיענער און מיט שותפים.

אזוי איז אויך, ווען א העכערער אדער א נידעריגער פערלאנגט פון איינעם אז ער זאל עפעס טהאן פאר איהם, און יענער איז בערעכטיגט דערצו, דארף ער זיך סטארען צו טהאן די זאך און האבען בטחון אין גאט אז ער וועט עס דורכפיהרען. און ווערט די זאך טאקי דורכגעפיהרט דורך איהם, דארף ער דאנקען גאט וואס ער האט איהם געמאכט פאר'ן שליח צו טהאן א מענשען א טובה; פיהרט ער די זאך ניט דורך, זאל ער די שולד ניט ווארפען אויף זיך, און יענעם צו־רוויסען געבען, אז ער האט ניט געשפארט קיין מיה און געטהאן וואס ער האט געקענט, אבער עס איז איהם אונמעגליך געווען דורכצופיהרען דאס וואס ער האט געוואלט.

און וואס אנבעלאנגט צו שונאים, צו ניט פערגינער און אזעלכע וואס זוכען

בייזעם צו טהאָן, בעשטעהט דער בטחון אין דעם, אז ער זאָל זיך פערלאָזען אויף גאָט און זאָל געדולדיג איבערטראָגען די אונאנגענעהמליכקייטען וואס ער ליידעט פון זיי און ניט זוכען פון זיי קיין נקמה. פערקעהרט: ער זאָל זיי טהאָן חסדים און וואס נור פאר א גוטעס ער קען פאר זיי שאפען, זאָל ער שאפען, און אין זינען האָבען אז זיין הילף אָדער זיין שאָדען איז אין די הענד פון בעשעפער, און אויב יענע זיינען די אורזאך צו פערשאפען איהם בייזעס, זאָל ער חושד זיין זיך אליין, אז ער האָט דאָס פערדיענט פאר פריהעריגע שלעכטע מעשים, אָבער זיינע שונאים זיינען אין דעם ניט שולדיג. און ער זאָל בעטען גאָט אז ער זאָל פערגעבען זיינע זינד און דאמאלס וועלען זיינע פיינד ווערען פריינד, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: „ברצות ה׳ דרכי איש גם אויביו ישלים עמו" — ווען די פיהרונגען פון א מענשען געפעלען גאָט, מאכט ער אז זיינע שונאים זאָלען מיט איהם שלום ווערען.

צום פיערטען טהייל פון בטחון בעלאנגען ענינים פון פליכטען וואס א מענש האָט צו טהאָן מיט׳ן הארץ און מיט די גליעדער, אָבער דאָס קען ניט ברייגגען ניט קיינע נוטצען און ניט קיין שאָדען צו אנדערע, נור צו איהם אליין. למשל: פאסטען, תפלה טהאָן, סוכה, לולב, ציצית, אָפּהיטען שבתים און ימים טובים, אָדער אָפּהיטען עהנליכע מצוות, וואָס האָבען א שיכות נור מיט דער פערזאָן, וואָס איז זיי מקיים אָדער ניט, צו זייטיגע האָט עס גאָרניט. וואס זשע איז ביי די זאכען שייך בטחון? וועל איך ערקלעהרען און איך בעט ביי גאָט, אז ער זאָל מיר צייגען דעם ריכטיגען וועג ווי אזוי צו ערקלעהרען די זאך.

עבודה און עבירה, דיענען גאָט און זיין איהם דערוויעדער הענגט אָפּ פון דריי זאכען. ערשטענס, דער אויסוואהל אין מענשען׳ס הארצען, דער גע־דאנק צו טהאָן גוטעס אָדער שלעכטעס; צווייטענס, די כונה און הסכמה, דער בעשלוס צו טהאָן אָדער ניט טהאָן דאָס וואס עס איז איהם ארויפגעקומען אויפ׳ן זינען, און דריטענס, דאָס סטארען זיך דורכצופיהרען די זאך, דאָס לייגען מיה אויף דעם און ארבייטען דערויף מיט זיינע אברים. איז די ערשטע צוויי זיי־נען געוועענדט אָן מענשען. דער מענש קען אויסטראכטען וואס צו טהאָן אָדער ניט טהאָן און בעשליסען די זאך, בעשטימען אז ער זאָל דאָס דורכפיהרען. אין דיעזע צוויי פרטים איז ניט שייך קיין בטחון. דער מענש קען זיך ניט פערלאָזען אויף גאָט, אז ער וועט איהם אריינגעבען גוטע מחשבות און איהם העלפען אין דער הסכמה, אין דעם בעשלוס דורכצופיהרען די זאך. עס איז נאריש צו פער־לאָזען זיך אין דעם אויף גאָט, ווייל דאָס האָט דער בורא יתברך איבערגעגעבען אין אונזער רשות אזוי ווי דער פסוק זאָגט: "ובחרת בחיים" — גאָט גיט דעם מענשען דיא ברירה און ער עצה׳ט איהם אז ער זאָל אויסערוועהלען לעבען, גוטע טהאטען, הייסט עס, וואס פערשאפען לעבען. דאָס לעצטע אָבער, דאָס דורכפיהרען א זאך, א מצוה אָדער אן עבירה, דאָס איז שוין ניט אין אונזער רשות. אין דעם קענען שוין פאסירען הימעלישע סבות, אמאָל אזעלכע וואס העלפען דעם מענשען דורכצופיהרען וואס ער וויל, און אמאָל אזעלכע וואס שטערען איהם, און די זאכען וואס ער וויל דורכפיהרען, פערבלייבען ניט דורכ־געפיהרט.

דעריבער, אויב איינער איז א בעל בטחון און ער זאָגט: איך וועל ניט אין זינען האָבען ניט קיין גוטעס און ניט קיין שלעכטעס און וועל ניט מאכען

קיינע בעשליסע, נור איך וועל זיך פערלאזען אויף גאט, אז ער וועט אריינשיקען אין מיין מח גוטע מחשבות און מיך ערוועקען צו בעשליסען דורכצופיהרען גוטע טהאטען — אויב ער זאגט אזוי, געהט ער שוין אראפּ פון גלייכען וועג, ווייל דאס האט ניט צו טהאן מיט'ן בעשעפער, נור מיט'ן מענשען אליין, וועלכער האט די בחירה, דעם אויסוואהל צו וועלען טהאן מצוות אדער עברות. און אויב דער מענש האט די מיטעל און פיהרט דורך א גוטען טהאט וואס ער האט זיך אין זינען גענומען צו טהאן און האט בעשלאסען צו טהאן, וועט ער האבען שכר אי פאר דער גוטער מחשבה, אי פאר דער הסכמה, פאר'ן בעשלום צו טהאן די זאך, אי פאר דער מעשה, פאר פערווירקליכען די זאך. ווי איז אבער אז ער קען ניט פערווירקליכען דאס וואס ער האט פארגענומען? ווען, למשל, איינער נעהמט זיך פאר צו בויען א סוכה און ער ווערט קראנק און קען דאס ניט טהאן, אדער ער וויל קויפען אן אתרוג און ער פערלירט זיין געלד און ער האט ניט פאר וואס צו קויפען, וועט ער האבען שכר פאר דעם געדאנק צו טהאן די מצווה און פאר דער הסכמה, פאר'ן בעשלום דורכצופיהרען די זאך. דאס זעלבע איז פערקעהרט וועגען מעשים רעים, וועגען עברות. פיהרט ער דורך אן עברה, וועט ער געשטראפט ווערען אי פאר'ן געדאנק, אי פאר דער הסכמה, אי פאר'ן טהאן די עברה; דענקט ער בלויז און בעשליסט צו טהאן דאס, אבער ער ווערט געשטערט פון געוויסע סבות און ער טהוט עס ניט, וועט ער געשטראפט ווערען בלויז פאר'ן געדאנק און פאר'ן בעשלום.

און דער אונטערשיעד אין האבען בטחון אין זאכען וואס אנבעלאנגען צו עבודת הבורא און וועלטליכע זאכען איז: דאס אין וועלטליכע זאכען ווייסען מיר לכתחילה ניט וואס עס איז גוט און וואס עס איז שלעכט. א מענש קען קיינמאל ניט וויסען אויב דער אדער יענער מסחר, אדער די אדער יענע מלאכה וועט איהם מצליח זיין אדער ניט, דעריבער איז דער שכל מחייב, אז אין דעם דארף מען האבען בטחון אין גאט אויף דער מחשבה און דער הסכמה אויך, מען דארף זיך, הייסט עס, פערלאזען אויף גאט, אז ער וועט אריינגעבען אין זינען צו טהאן עפּעס א גוטען מסחר אדער זיך נעהמען צו א גוטע פּראפעסיע און בעשליסען צו טהאן דאס און נאכהער העלפען דורכצופיהרען די זאך; אבער וואס אנבעלאנגט צו עבודת הבורא איז אנדערש. דא ווייסען מיר דאך לכתחילה וואס עס איז גוט און וואס עס איז שלעכט; מיר ווייסען דאך וואס די תורה הייסט מען זאל יא טהאן און קריגען דערפאר שכר, און וואס מען זאל ניט טהאן און געשטראפט ווערען אויב מען טהוט עס יא, איז דאך ניט שייך אז א מענש זאל זיך פערלאזען אויף גאט אדער בעטען ביי איהם, אז ער זאל אריינגעבען אין זינען צו טהאן דאס וואס גוט איז.

און נאך א זאך: אין וועלטליכע ענינים קען אמאל פאסירען, אז א מסחר אדער א פּראפעסיע, וואס זעהט אויס צו זיין גוט און וועט ברייגנען וואוילע פּראפיטען, לאזט זיך גאר אויס אנדערש. עס קומט אן אומגעריכטע ענדערונג אין דער זאך און אנשטאט ריוח ברייגנגט עס גאר היזק, אדער פערקעהרט: אמאל ווייזט אויס אז א געוויסע בעשעפטיגונג טויג ניט, לסוף איז דאס גאר גוט; אבער וואס עס איז שייך צו דיענען גאט איז ניט אזוי. דא איז בעשטימט, פעסטגעשטעלט, וואס עס איז גוט און וואס עס איז שלעכט. דא קען ניט קומען קיין ענדערונג. א מצוה איז שטענדיג א מצוה און אן עברה איז שטענדיג אן עברה. דעריבער איז ביי וועלט זאכען דארף א מענש האבען בטחון אין

גאָט, אַז זיינע אונטערנעהמונגען, אין וועלכע עס איז בעשעפטיגונג לשם פרנסה, זאָלען זיך אויסלאָזען גוט. אבער אין דעם ענין פון דיענען גאָט, איז נאָכדעם ווי דער מענש נעהמט זיך אריין אין זינען און בעשליסט ביי זיך צו טהאָן א דבר מצוה, דאַרף דער בטחון זיין אין דעם, אַז גאָט וועט איהם העלפען אַרויס־צוברייינגען זיין גוטע מחשבה למעשה, פערווירקליכען דעם גוטען געדאַנק אין טהאַט.

אין דעם דאַרפען מיר זיך פערלאָזען אויף גאָט און בעטען פון איהם זיין הילף, אַזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: ״דרך אמונה בחרתי״ — איך האָב אויסגעקליבען דעם וועג פון אמונה, פון טרייהייט צו גאָט, נאָכהער בעט ער: ״הדריכני בנתיב מצותיך ולמדני״ — פיהר מיך, גאָט, אין וועג פון דיינע פער־זאָגען און לערען מיך ווי איך זאָל זיי פערווירקליכען, און ״הט לבי אל עדותיך״ — נייג מיין הארץ, בעוועג מיין הארץ צו דיינע געבאָטען. דיעזע פסוקים און נאָך עהנליכע פסוקים צייגען, אַז די בחירה, דער אויסוואהל צו טהאָן גוטעס אדער שלעכטעס איז ביים מענשען און וואס א מענש דאַרף נור בעטען ביי גאָט איז, ער זאָל שטאַרקען זיין הארץ צו בעמיהען זיך וואס מעהר אין מצוה זאכען און ער זאָל איהם העלפען דורכצופיהרען און פערווירקליכען די מעשים טובים וואס ער האָט פאַרגענומען צו טהאָן.

איך וועל נאָך, מיט גאָטעס הילף, ריידען וועגען דיעזען ענין און ערקלעה־רען די זאכען וואס פערהאַרבען דעם בטחון אין דיעזען פרט, און דעם ריכטיגען וועג ווי אַזוי אויסצופאָלגען דאָס וואס איך האָב פריהער געזאָגט.

## פרק ח׳

צום פינפטען חלק פון בטחון בעלאַנגען די פפליכטען וואס דער מענש טהוט מיט זיינע גליעדער, אבער זיי זיינען ניט אָפּהענגיג אַז איהם אַליין, נור זייערע נוצען און שאַדען האָבען א שייכות מיט אנדערע. אַזעלכע זיינען למשל:

צדקה געבען, מקיים זיין די מצוה פון געבען מעשר דעם לוי, לערנען תורה מיט אנדערע, מוסר זאָגען מענשען אַז זיי זאָלען טהאָן גוטעס און זיך היטען פון טהאָן שלעכטעס, צאָהלען שולדען, ניט פערפּעטליכען סודות וואס קענען אימיצען שאַדען, ריידען גוטעס, טהאָן גוטעס, עהרליך האַלטען עלטערען, ברייי־גען רשעים צו תשובה, רחמנות האָבען אויף אָרימע לייט און העלפען זיי, דול־דען און איבערטראָגען חרפות און בעליידיגונגען פון די יעניגע וואס ער וויל בעקעהרען צו גאָטעס דיענסט דורך געבען זיי האַפנונגען אויף שכר פאַר מעשים טובים און דורך שרעקען זיי מיט עונש פאַר מעשים רעים, און נאָך עהנליכע חיובים, וואס א מענש דאַרף טהאָן און דאָס איז פערבונדען מיט א צווייטע פערזאָן אדער מעהרערע פערזאָנען.

און דער ריכטיגער בטחון אין די זאכען איז, אַז דער מענש זאָל זיין הארצען בעשליסען צו טהאָן אַזעלכע און עהנליכע מצות, זיך בעמיהען דורכצו־פיהרען זיי בלויז לשם שמים, ניט כדי קונה שם צו זיין און ניט צוליעב כבוד אדער בעלוינונג און אויך ניט מיט׳ן אבזיכט כדי די פערזאָנען וואס זיינען פערבונדען מיט וועלכען עס איז פון די דערמאָהנטע טהאַטען אדער עהנליכע צו זיי זאָלען זיין אונטערוואַרפען אונטער איהם. עס טויג, למשל, ניט, אַז איינער זאָל העלפען דעם אנדערען מיט געלד מיט דער כונה, כדי ער זאָל האָבען

איבער יענעם א דעה, אדער איינער זאל דעם אנדערען מוסר זאגען כדי יענער זאל זיך פאר איהם שעהמען. און אז דער מענש נעהמט אונטער צו טהאן די דערמאהנטע און עהנליכע מצות ריכטיג, דארף ער האבען בטחון אין גאט אז ער וועט איהם העלפען דורכפיהרען זיי ווי געהעריג איז, לויט זיין רצון און דער רצון פון השי"ת.

און די דאזיגע חיובים דארפען געטהאן ווערען בעשיידען, ווי ווייט מעגליך אין געהיים, ניט אין די עפענטליכקייט. זייטיגע מענשען, וואס דארפען פון דעם ניט וויסען, זאלען דאס ניט וויסען. ווארום ווען מען טהוט א גוטע זאך פערבארגענערהייד, איז דער שכר גרעסער ווי מען טהוט דיעזעלבע זאך בפרהסיא, אין די עפענטליכקייט. און ווען מען דארף טהאן א מצוה וואס לייט מוזען וויסען אדער זעהן, ווי, למשל, דאוונען בצבור אדער עהנליכעס, דארף דער מענש ניט מורא האבען טאמער וועלען שלעכטע מענשען פון איהם לאכען אדער איהם שאדען טהאן דערפאר. ער דארף אין זינען האבען דאס וואס עס איז שוין פריהער געזאגט געווארען, אז קיין מענש קען דעם אנדרען גאר ניט טהאן אהן דעם ווילען פון גאט. קיינער קען פון א צווייטען ניט קריגען קיין רעה און אויך ניט געניסען קיין טובה, ווען דער בעשעפער וויל דאס ניט.

און ווען דער בורא יתברך בעשערט איינעם אז דורך איהם זאל געטהאן ווערען א מצוה, דארף עס יענער אננעהמען אז דאס איז א טובה פון הימעל, א חסד וואס גאט טהוט מיט איהם. און ער דארף זיך ניט משמח זיין, ווען מענשען לויבען איהם פאר זיין גוטע טהאט און ניט פערלאנגען אז מען זאל איהם דערפאר צוטהיילען כבוד. ווארום אויב ער וועט וועלען כבוד אדער עס וועט איהם הנאה טהאן ווען ער וועט הערען לויב געזאנג, וועט עס איהם ברייגנען צו גאוה און עס וועט שוין ניט הייסען, אז ער האט די זאך געטהאן פון גאט'ס וועגען. דורכדעם וועט ער פערדערבען זיין גוטע טהאט און וועט פערליערען זיין שכר.

איך וועל נאך מיט גאט'ס הילף ריידען וועגען דעם ווייטער אין שער יחוד המעשה.

דער זעקסטער טהייל פון בטחון איז פערבונדען מיט די בעלוינונג וואס א מענש קריעגט פאר גוטע מעשים, אמאל דא אויף דער וועלט, אמאל אויף יענער וועלט און אמאל אי בעולם הזה, אי לעולם הבא. אבער די זאך איז אונז ניט קלאהר, ווייל די תורה בעשטימט ניט דעם שכר פאר יעדער מצוה. דער בעשעפער האט בכלל ערב געווען, אז פאר גוטע מעשים וועט מען קריגען גוטע בעלוינונג, אבער ביי זעהר ווייניג מצות איז ארויסגעזאגט דער בע־שטימטער שכר. שטראף פאר געוויסע עברות איז יא ארויסגעזאגט, אז דאס און דאס זיינען זיי. עס זיינען דא געוויסע עברות וואס די תורה בעשטימט פאר זיי די ארבע מיתות בית דין: סקילה, שרפה, הרג און חנק, מלקות, מיתה בידי שמים און כרת, אדער די אלע שטראפען פאר בעשעדיגען א מענשען אדער טהאן געלד שאדען, וואס ווערען דערמאהנט אין דער סדרה משפטים, און נאך אזעלכע, אבער וועגען שכר און עונש, בעלוינונג און שטראף לעולם הבא נאך'ן טויט ווערט ניט דערמאהנט אויסדריקליך ניט אין דער תורה און ניט אין די נביאים. עס ווערט אין מאנכע פלעצער בלויז אנגעדייטעט אין וואס דער שכר אדער דער עונש בעשטעהט. ווארום איז דאס? זיינען אויף דעם דא פיעל טעמים.

איין טעם איז, ווייל דאס אויסזעהן, די פארמע פון דער נשמה אהן דעם גוף איז אונז ניט בעקאנט. מיר בעגרייפען ניט וואס איז דאס אזעלכע נשמה, היינט ווי אזוי קענען מיר בעגרייפען און ווי אזוי קען מען אונז אפמעלדען דעם פערגעניגען אדער דעם צער וואס די נשמה קען האבען נאכדעם ווי זי שיידט זיך אפ פון גוף? פאר די וואס האבען א הויכען בעגריעף; פאר די וואס קענען פערשטעהען די זאך ווערט געזאגט אין זכריה: "ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה" –- איך וועל דיר (יהושע כהן גדול) געבען א פלאץ אומצוגעהן צווישען די מלאכים. דאס איז געמיינט בלויז פאר דער נשמה נאכדעם ווי זי וועט זיך אפזונדערען פון קערפער און וועט זיין אזוי איידעל און דעליקאטנע אזוי ווי מלאכים. בעת אבער די נשמה איז פערבונדען מיט'ן חומר, מיט'ן גוף, קען אזא זאך ניט זיין. פשוט'ע מענשען אבער קענען ניט בעגרייפען דעם דאזיגען תענוג, דעם דאזיגען הימלישען גענוס וואס מען קען געניסען פאר מעשים טובים אויף יענער וועלט. יהושע כהן גדול, וועלכער האט געזעהן מלאכים, ביים לעבען, האט עס יא פערשטאנען און איהם האט מען געקענט זאגען, אז דאס וועט זיין דער שכר זיינער לעולם הבא.

נאך א טעם איז: ווייל בעלוינונג און שטראף לעולם הבא איז אן אלטע טראדיציע, וואס איז אנגענומען ביי אלעמען. נביאים האבען דאס געפערדינט פאר'ן המון, פאר'ן פראסטען, פערגרעבטען עולם, און דאס איז איבערגעגאנגען בקבלה פון דור צו דור. מענשען מיט שארפע מחות האבען פערשטאנען מיט'ן שכל און זיך געקענט פארשטעלען ווי אזוי די נשמה ווערט בעלוינט אדער גע־שטראפט אויף יענער וועלט; אבער דעם אלגעמיינעם פאלק האט מען דאס ניט געקענט געבען צו פערשטעהן. דעריבער האבען זיי, די נביאים און חכמים, דורכגעלאזט דעם דאזיגען עניין און עס ניט פערשריעבען אין ספרים, אזוי ווי זיי האבען ניט אנגעגעבען קיינע ערקלעהרונגען וועגען פיעלע מצות און עברות. דאס פאלק האט זיך פערלאזט אויף דער קבלה, אויף דעם וואס זיי האבען דעם עניין פון שכר ועונש איבערגענומען פון דור צו דור, ניט בעגרייפענדיג די זאך גרינדליך, און דאס איז גענוג געוועזן.

נאך א טעם ווארום די תורה דערמאהנט ניט אויסדריקליך וועגען שכר ועונש לעולם הבא איז: ווייל בעת די תורה איז געגעבען געווארען זיינען דיא אידען געוועזן מגושם'דיג, פערנארישט, אזוי פערנארישט און אונוויסענד אז זיי האבען אפילו ווייניג וואס פערשטאנען זאכען וואס זיי האבען געזעהען בעשיינפערליך, אזוי ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער תורה, אז די אידען זיינען אין פעלע געוועזן גאט דערהווידער, כאטש זיי האבען אליין געזעהען די גרויסע נסים וואס ער האט מיט זיי געטהאן. האט זיך דער בורא, ברוך הוא, מיט זיי בענאנגען אזוי ווי א געטרייער פאטער בענעהט זיך מיט זיין יונגען זוהן, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין הושע: "כי נער ישראל ואוהבהו" — דאס אידישע פאלק איז אזוי ווי א יונג קינד און איך האב איהם ליעב.

ווען א קינד איז נאך יונג און דער פאטער וויל איהם לערנען גוטע זאכען וואס זאלען איהם ברענגען נוטצען ווען ער ווערט ווערען א דערוואקסענער מענש, קען ער איהם ניט אנצייגען די גוטעם וואס זיין לעהרע ווענט איהם פערשאפען מיט פיעלע יאהרען שפעטער, מחמת דעם קינד'ס יונג מח'ל קען דאס ניט פערשטעהען און בעגרייפען. א קינד האט ניט די געפיהלען און בעגריעפע פון אן עלטערען מענשען, און הבטחות אויף לעתיד, אויף יאהרען שפעטער

קענען איהם ניט בעפריעדיגען. דעריבער דארף איהם דער פאטער צוזאגען גוטעס באלד, אויב ער וועט איהם פאלגען, און סטראשען מיט באלדיגע שלעכ־טעס, אויב ער וועט איהם ניט פאלגען. ווען א פאטער זאגט צו זיין קינד, אז ער זאל טהאן דאס און דאס, זיך אויפפיהרען אזוי און אזוי, דערפאר וועט ער איהם געבען גוט עסען, קויפען פאר איהם נאשעריי, מאכען איהם שעהנע בגדים'לעך און פערשאפען פאר איהם שפיעלצייג, און אויב ער וועט ניט פאל־גען וועט ער איהם לאזען הונגערען, וועט איהם ניט בעקליידען און וועט איהם שמייסען — אויב דער פאטער וועט איהם אזוי זאגען, וועט דאס קינד איהם געהארכזאם זיין. שפעטער, ווען דאס קינד וועט עלטער ווערען און קומען צום שכל וועט ער פערשטעהען, אז ניט בלויז דאס גוט עסען, די נאשעריי, דיא שעהנע בגדים'לעך און די שפיעלצייג זיינען געווען די בעלוינונג פאר פאלגען זיין פאטער און ניט דאס איז זיין פאטער אויסען געווען. ער וועט דאן גוט בעגרייפען, אז זיין גוט אויפפיהרען זיך פערשאפט איהם פיעל בעסערעס אלס ערוואקסענער מענש און יענע הבטחות און גענוסען זיינען גאר ניט. ער וועט נאכהער דעם פאטער מעהר דאנקבאר זיין ווי דאמאלס, ווען ער האט פון איהם געקראגען די זאכען וואס ער האט איהם צוגעזאגט.

אזוי האט דער בורא יתברך געהאנדעלט מיט זיין פאלק. ער האט זיי צוגעזאגט באלדיגע גוטעס, אויב זיי וועלען איהם געהארכזאם זיין און אונגעשרא־קען מיט באלדיגען שטראף, אויב זיי וועלען ניט נאכקומען זיין רצון. ער האט זיי נור פערשפראכען גוטעס און שלעכטעס אויף דער וועלט און ניט דערמאהנט יענע וועלט, ווייל ער האט געוואוסט, אז ווען דאס פאלק וועט איהם דיענען אויס האפענונג אויף גוטעס און מורא פאר שלעכטעס אויף דער וועלט, וועט ער נאכהער קומען צום שכל און פערשטעהען אז ניט די וועלט איז דער עיקר, נור יענע וועלט. דאס איז אויך דער טעם וואס אין די הייליגע שריפטען ווערט גאט אפגעמאלט אלס גשמי, אלס קערפערליכעס וועזען, ווייל אונוויסענדע מענשען קענען איהם אנדערש ניט משיג זיין. ווען זיי קומען אבער צום ריכ־טיגען פערשטאנד פערשטעהען זיי און בעגרייפען אז דער בעשעפער איז אין לו גוף.

נאך א טעם ווארום עס ווערט ניט דערמאהנט קיין שכר ועונש לעולם הבא איז: ווייל א מענש איז ניט בערעכטיגט צו עולם הבא בלויז פאר זיינע אייגענע טהאטען, סיידען פאר זיין לערנען א צווייטען און בעקעהרען איהם צו גאטעס דיענסט, אזוי ווי דער פסוק זאגט איז דניאל: "ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד" — די וואס מאכען אנדערע פאר צדיקים וועלען אייביג לייכטען אזוי ווי שטערען. און אז עס ווערען צוזאמענגענומען דיא בעלוינונג וואס ער דארף קריגען פאר זיינע אייגענע גוטע מעשים מיט די בעלוינונג וואס עס קומט איהם דערפאר וואס מאכט אנדערע פאר צדיקים און די בעלוינונג, צו וועלכע ער איז בערעכטיגט פאר זיין אמונה און אונ־אנגענעהמליכקייטען וואס ער האט דערפון, איז ער פון גאט בערעכטיגט צו עולם הבא, און ווען וויעדער דער מענש האט בלויז זיינע אייגענע מעשים טובים, איז זיין שכר אויף יענער וועלט ניט מעהר ווי א חסד פון גאט, א נדבה אדער א טובה, וואס מען איז דאס גאר קיינמאל ניט ווערטה. ווארום אויב אפילו די מעשים טובים פון מענשען זאלען זיין אזוי פיעל ווי די זאמד ביים ים, קען דאס נאך אלץ ניט איבערוועגען אפילו איין טובה וואס

גאָט טהוט דעם מענשען דאָ אויף דער וועלט. און ווען דער מענש זינדיגט, קען ער דאָך אודאי ניט מאָהנען קיין שכר. און ווען דער רבונו של עולם זאָל זיך ריכטיג רעכענען מיט'ן מענשען, וואָלטען אלע זיינע גוטע טהאטען צו קליין געוועזן געגען איינע פון דיא קלענסטע טובות וואס גאָט טהוט מיט'ן מענשען. פאָלגליך, איז דער שכר וואס א מענש קריעגט אויף יענער וועלט פאר זיינע אייגענע מעשים בלויז א חסד, פון השי"ת, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: "ולך ה' חסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו" — דאָס וואָס דו, גאָט, צאָהלסט איינעם עולם הבא לויט זיינע אייגענע מעשים, איז פון דיר א חסד, אָבער פערדיענען פערדיענט ער דאָס ניט. די שטראָפען אָבער, וואס א מענש קריעגט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, זייגען פערדיענטע. דאָס קומט איהם על פי דין.

דעריבער האָט די תורה ניט דערמאָהנט קיין עולם הבא, ווייל דער שכר לעולם הבא איז ניט קיין חוב פון השי"ת. דאָס קומט דעם מענשען גאָר ניט על פי דין. די תורה דערמאָהנט נור שכר אויף דער וועלט, וואָס דער מענש פערדיענט פאר גוטע מעשים, אָבער ניט דאָס וואָס גאָט גיט איהם בתורת נדבה. און אז די תורה דערמאָהנט ניט קיין שכר לעולם הבא, דערמאָהנט זי שוין אויך ניט קיין עונש.

נאָך א טעם וואָרום אין די הייליגע שריפטען ווערט עולם הבא פערשוויגען איז: ווייל מעשים טובים זיינען דאָ צוויי־ערליי: אזעלכע וואָס קיינער אויסער דעם בעשעפער, זעהט ניט, ווי, צום ביישפיעל, חובות הלבבות, דיא מצות וואָס דער מענש טהוט מיט זיין מחשבה, מיט זיין כונה; און עפענטליכע, וואָס דער מענש טהוט מיט זיינע גליעדער און אנדערע זעהען דאָס. און דער בורא יתברך. בעצאָהלט פאר עפענטליכע מעשים אין די עפענטליכקייט אויף דער וועלט און פאר פערבאָרגענע צאָהלט ער פערבאָרגען אויף יענער וועלט. דעריבער זאָגט דוד המלך אין תהלים: "מה רב טובך אשר צפנת ליראיך" — וויפיעל איז דיין גוטס וואָס דו גאָט האָסט בעהאַלטען פאר די וואָס האָבען פאר דיר מורא. יראת ה' איז א פערבאָרגענע מצוה, קיינער זעהט עס ניט. דאריבער איז דער שכר אויך א בעהאלטענער דאָרט אויף יענער וועלט. א ראיה אז אזוי איז דאָס זעהען מיר אין דער סדרה בחוקתי, וואו עס ווערט צוגעזאָגט בעלוינונג און שטראָף אויף דער וועלט פאר גוטע און שלעכטע מעשים וואָס מען זעהט און מען ווייס. פערקעהרט וויעדער פאר מצות און עבירות וואָס מען טהוט מיט'ן הארצען, מיט דער מחשבה, צאָהלט גאָט אויף יענער וועלט. דעריבער האָט די תורה ניט ארויסגעזאָגט בפירוש דעם ענין פון עולם הבא און דאָס איז פערבליעבען פערבאָרגען.

מען דאַרף פערשטעהען נאָך א זאָך: ווען די אידען האָבען גענומען דיא תורה זיינען זיי דאָך געווען דאָ אויף דער וועלט. אזוי אויך ווען די נביאים האָבען די אידען מוסר געזאָגט, האָט דאָך דאָס אויך פּאַסירט דאָ אויף דער וועלט, דעריבער האָבען די תורה און די נביאים זיי געגעבען האָפנונגען אויף גוטעם און אָנגעשראָקען מיט שטראָף אין וועלטליכע אָדער ערדישע ענינים: געבען רעגען אָדער ניט געבען רעגען; זיטצען זיכער אָדער געיאָגט ווערען פון שונאים; ניט וויסען פון קיינע קראַנקהייטען אָדער ליידען יסורים, און דאָס גלייכען. דער כהן גדול יהושע בן יהוצדק, אָבער איז אונטער דעם איינ־פלוס פון נבואה געווען אין עולם המלאכים, דעריבער האָט איהם גאָט געקענט

אנצייגען די תענוגי עולם הבא, דעם הימעלשען געגוס וואס ער וועט האבען נאך זיין טויט און איהם געזאגט: "ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה" — איך וועל דיר געבען פלאץ אומצוגעהן צווישען דיעזע שטעהענדע (די מלאכים), א זאך וואס מען קען א מענשען אויף דער ערד ניט אנצייגען אדער ערקלעהרען וואס דאס איז אזעלכעס.

און אין דיעזען פרט דארף דער מענש האבען בטחון אין גאט, אז ער וועט ערפילען זיין צוזאג צו די צדיקים און זיי געבען שכר אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט פאר די דיענסט וואס זיי דיענען איהם און וועט שטראפען די יעניגע וואס זיינען בערעכטיגט צו שטראף. און דער בטחון אין דעם איז די פאלקאמענהייט פון אמונה. דער וואס איהם פעהלט דער דאזיגער בטחון, איז ניט קיין ריכטיגער מאמין. אז גאט האט געזאגט צו אברהם: "שכרך הרבה מאד" — דיין שכר וועט זיין זעהר פיעל, זאגט ווייטער דער פסוק: "והאמין בה'" — אברהם האט עס געגלויבט, און דיעזער גלויבען איז איהם גערעכענט אלס צדקה. דאס האט איהם, הייסט עס, געמאכט פאר א צדיק.

און עס איז ניט רעכט אז דער מענש זאל זיך פערלאזען אויף זיינע גוטע מעשים און זיין ביי זיך זיכער אז ער וועט דערפאר האבען שכר אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. דער מענש דארף שטענדיג דיענען גאט און דאנקען איהם און לויבען איהם פאר די פריהעריגע טובות וואס ער האט מיט איהם געטהאן און ניט האבען אין זינען קיין שפעטערען שכר וואס עס קומט איהם פאר זיינע גוטע טהאטען. ער דארף האבען בטחון אז ער וועט עס קריגען אלס א חסד, אבער ניט אלס בעלוינונג, אזוי ווי אונזערע חכמים ז"ל האבען געזאגט: "אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס" — איהר זאלט ניט זיין אזוי ווי קנעכט וואס דיענען דעם ווירטה, כדי צו קריגען בעצאהלט. א געוויסער חסיד האט געזאגט: ווען מען זאל אין הימעל זיך ריכטיג רעכענען מיט'ן מענשען וואלט ער ניט געקענט קומען צו עולם הבא פאר זיינע גוטע מעשים, ווייל די טובות וואס דער מענש האט פון גאט אויף דער וועלט זיינען אזוי פיעל, אז זיי שטייגען איבער זיינע מעשים טובים. עולם הבא, ווען א מענש קריעגט עס, איז דאס א חסד פון אויבערשטען און מען דארף זיך ניט פערלאזען אויף גוטע טהאטען, אויף מצות, אז דורך זיי וועט מען זוכה זיין צו שכר לעולם הבא. און דוד המלך האט אויך געזאגט: "ולך ה' חסד, כי אתה תשלם לאיש כמעשהו" — דו, גאט, טהוסט א חסד, אז דו בעצאהלסט יעדערען לויט זיינע מעשים.

דער זיעבענטער טהייל, וואס איז פערבונדען מיט בטחון איז: גאט'ס חסד אויף יענער וועלט מיט זיינע אויסערוועהלטע און געליעבטע, די אונצאהלבארע טובות וואס זיי געניסען דארט אויסער דעם שכר פאר זייערע מעשים טובים. דער ריכטיגער בטחון אין דעם איז, אז דער מענש זאל זיך סטארען צו טהאן אזעלכעס וואס קען איהם ברייננען צו דער מדרגה פון די חסידים און צדיקים, וואס זיינען בערעכטיגט צו גאט'ס חסדים.

אום צו קומען צו אזא מדרגה דארף דער מענש געהן אין די וועגען פון פרישות, פון זיין אפגעזונדערט פון דער וועלט און האסען וועלטליכע תענוגים. ער דארף ארויסציהען פון זיין הארצען און פון זיינע געדאנקען די ליעבשאפט און דעם חשק צו וועלטליכע ענינים און זיי אומבייטען אויף ליעבשאפט און לוסט צו השם יתברך. ער דארף אין גאנצען זיין איבערגעגעבען צו גאט,

אפּוועגדען זיך פון דער וועלט און איהרע בעזיטצער. ער דארף, הייסט עס, ניט האבען קיין אינטערעס אין זאכען וואס האבען ניט צו טהאן מיט עבודת הבורא און זיך פיהרען ווי עס האבען זיך געפיהרט די נביאים און חסידים און האבען בטחון אז גאט וועט מיט איהם טהאן אזעלכע חסדים ווי ער האט געטהאן מיט זיי, מיט די נביאים און חסידים. דער אבער וואס האט בטחון אין גאט, אז ער וועט אויף יענער וועלט טהאן מיט איהם חסדים און ער וועט זוכה זיין צו גניסען די פיעלע הימלישע תענוגים ניט זייענדיג קיין אמת׳ער צדיק, איז א נאר און איז גלייך צו די וואס אויף זיי איז געזאגט געווארען: "עושים מעשה זמרי ומבקשים שכר כפנחס" — זיי טהוען דאס וואס זמרי האט געטהאן און פערלאנגען אזא שכר ווי פנחס האט געהאט.

און די סמנים צו דערקענען די מענשען, וואס וועלען זוכה זיין צו דער גרויסער גדולה פון גאט׳ס חסדים אויף יענער וועלט, זיינען: אויב זיי לערנען גאט׳ס דיענער, די מענשען, צו דיענען איהם אויפריכטיג ווי געהעריג איז, דולדען און ליידען, ווען דער בעשעפער שטעלט זיי צו פּראבע און ברייגנט אויף זיי צרות, און אויב זיי גרינג שעטצען אלעס אין דער וועלט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען מקיים זיין די געבאטען פון בורא יתברך. אזוי ווי מיר ווייסען פון אברהם אבינו, וואס פאר איהם איז רעכט געווען מקריב צו זיין יצחק׳ן, זיין איינציגען זוהן; חנניה מישאל ועזריה, וואס האבען זיך געלאזט אריינוואַרפען אין קאלך־אויוועז; דניאל, וואס האט זיך געלאזט אריינוואַרפען אין לייבען גרוב און די עשרה הרוגי מלכות, וואס האבען איבערגעטראגען שרעקליכע יסורים און מפקיר געווען זייערע לעבענס פון גאט׳ס וועגען.

און דער יעניגער וואס דער טויט מיט גאטעס דיענסט איז ביי איהם ליעבער ווי דאס לעבען און ניט אויספאלגען גאט׳ס געבאטען; דער יעניגער וואס ארימקייט איז ביי איהם חשוב׳ער ווי רייכטהום, און וויל בעסער ליידען צרות איידער לעבען רוהיג און זיכער אליץ פון גאט׳ס וועגען, כדי צו דיענען איהם, יענער איז בערעכטיגט צו די חסדים פון בעשעפער און האבען א סך שכר לעולם הבא. אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: "מה רב טובך אשר צפנת ליראיך" — וויפיעל איז דיין גוטס, וואס דו גאט האסט בעהאלטען פאר די וואס האבען פאר דיר מורא. און נאך ענליכע פסוקים געפינען זיך אין די הייליגע שריפטען.

## פּרק ט׳

ווען צוויי מענשען ציהען זייער חיונה פון איין קוואל; ווען ביידע זיינען זיך עוסק אין איינעם און דעמזעלבען מסחר אדער אין איינער און דערזעלבער מלאכה, נור איינער פון זיי איז א בעל בטחון און דער צווייטער ניט, זיינען דא זיעבענערליי נפקא מינה׳ס צווישען זיי.

ערשטענס: דער וואס פערלאזט זיך אויף גאט, איז צופריעדען מיט זיין שיקזאל און דאנקט גאט אי פאר גוטעס, אי פאר שלעכטעס, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "חסד ומשפט אשירה", זאגט די גמרא, אז דוד האט געמיינט צו זאגען: סאי דו גאט בעגעהסט זיך מיט מיר מיט חסד, סאי מיט משפט, זינג איך און דאנק דיר און לויב דיר. אונזערע חכמים זאגען אויך, אז א מענש איז מחויב צו דאנקען גאט פאר שלעכטעס אזוי ווי פאר גוטעס. דער אבער

וואס פערלאזט זיך ניט אויף גאט, איז בעת עס נעהט איהם גוט בעריהמט ער זיך און שטאלצירט, און ווען עס געהט איהם שלעכט, איז ער אין כעס און האט תרעומות אויפ'ן רבונו של עולם, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: "כי הלל רשע על תאות נפשו" — דער רשע בעריהמט זיך ווען זיינע וואונשען ווערען ערפילט, און אין ישעיה ווערט געזאגט: "והיה כי ירעב והתקצף" — ווען דער ניט בעל בטחון איז הונגעריג; ווען עס געהט איהם ניט אזוי גוט ווי ער וויל, איז ער בייז און לעסטערט גאט.

צווייטענס: דער וואס פערלאזט זיך אויף גאט לעבט שטענדיג רוהיג און זיין הארץ שרעקט איהם ניט, ווען גאט איז אויף איהם עפעס גוזר, מחמת ער ווייס, אז דער בעשעפער וועט איהם פיהרען צו גוטען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. דער אבער וואס האט קיין בטחון אין גאט, איז אפילו ווען עס געהט איהם גוט, לעבט ער אויך אין צער און אין דאגה און איז שטענדיג פערטרויערט, ווייל ער וויל אלץ קריגען מעהר און מעהר. ווער שמועסט, אז עס געהט איהם שלעכט, איז איהם דער לעבען מיאוס, ווייל זיין טבע איז אנצור טהאן זיך תענוגים און ער קען דאס ניט אויספיהרען. אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי: "כל ימי עני רעים" — אלע טעג פון ארימאן, פון דעם וואס בענוגענט זיך ניט מיט דעם וואס גאט גיט איהם, זיינען שלעכטע. צו עס געהט איהם גוט, צו עס געהט איהם ניט גוט, לעבט ער אלץ אין צער און אין דאגה.

דריטענס: דער וואס האט בטחון אין גאט פערלאזט זיך ניט אויף זיין מסחר אדער מלאכה און ער ערוואַרטעט ניט אז ער זאל פון זיי פראפיטירען אדער שאדען ליידען אהן דעם ווילען פון גאט. ער בעשעפטיגט זיך מיט וואס ניט איז בלויז צוליעב דעם, ווייל ער וויל ערפילען גאט'ס פערלאנג וואס ער האט אנגעזאגט, אז מענשען זאלען זיך עוסק זיין אין עטוואס וועלטליכעס, כדי די וועלט זאל א קיום האבען. און אויב זיין בעשעפטיגונג ברייננגט איהם פראפיטען אדער שאדען, וועט ער דאנקען גאט אליין. די פראפיטען וועלען איהם ניט מאכען ליעב צו האבען זיין בעשעפטיגונג מעהר ווי פריהער און ער וועט זיך אויף דעם ניט פערלאזען, און די שאדענס ווידער וועלען איהם ניט מאכען צו פער'מאוס'ן זיין מסחר אדער מלאכה, גלויבענדיג אז גאט וועט איהם סאי ווי סאי שפייזען דורך וואס פאר אן אופן עס איז. אבער דער וואס האט קיין בטחון אין גאט, פערלאזט זיך אין גאנצען אויף זיין בעשעפטיגונג. ער איז זיך ניט עוסק אין מלאכה אדער מסחר, ווייל אזוי איז דער רצון פון השי"ת, נור ווייל ער דענקט אז זיי, די מלאכה אדער דער מסחר גופא, זיינען די פרנסה געבער אהן גאט'ס הילף. דעריבער, אויב זיי ברייננגען איהם נוטצען, לויבט ער זיי, די בעשעפטיגונגען זיינע, און זיין שכל און בריה'שאפט וואס ער האט זיך גראד גענומען צו דיעזע בעשעפטיגונגען און האט געוואוסט ווי אנצוגעהן מיט זיי. ברייננגען זיי איהם אבער ניט קיינע נוטצען, פערהאסט ער זיי און ווארפט זיי אוועק.

פיערטענס: דער וואס האט בטחון אין גאט, איז אויב זיינע הכנסות זיינען מעהר פון די הוצאות; אויב עס פערבלייבט איהם געלד איבער זיין לעבענסמיטעל און אלע נויטווענדיגקייטען, פערברויכט ער דעם איבערפלוס אויף זאכען וואס שטעלען צופרידען דעם בעשעפער. ער גיט צדקה און גיט אויס געלד אויף מצוה זאכען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין דברי הימים א':

"כי ממך הכל ומידך נתנו לך" — אלעס, די געלט, די רייכטהום איז דיינס און מיר גיבען עס דיר. אבער דער וואס פערלאזט זיך ניט אויף גאט, איז פאר איהם די וועלט ווייניג. פיעל ער האט, דענקט ער, אז ער האט אלץ ניט גענוג און ער זשאלעוועט די געלד צו טהאן מיט דעם עפעס פון גאט'ס וועגען און ערפילען זיינע פפליכטען צו זיינע מיטמענשען. און ער פערשטעהט ניט, אז ער האנדעלט ניט ריכטיג, ביז ער פערלירט זיין רייכטהום און עס געהט איבער צו אן אנדערען, אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי: "יש מפזר ונוסף עוד וחושך מיושר אך למחסור" — עס פאסירט אז איינער איז פרייגעביג און זיין רייכטהום ווערט פערגרעסערט, און דער וואס ווענדט זיך אפ פון גערעכטיגקייט, פון צדקה געבען, ווערט זיין געלד געמינערט.

פינפטענס: דער בעל בטחון איז זיך עוסק אין וועלטליכע זאכען, כדי ער זאל דורכדעם, דורך זיין מסחר אדער מלאכה, קענען צוגרייטען שפייז פאר זיין סוף, אויף נאכ'ן טויט; ער זאל זיך, הייסט עס, קענען קויפען עולם הבא, און א זאך וואס איז ביי איהם קלאהר אז דאס וועט איהם העלפען אדער מעגליך מאכען צו לערנען תורה און דיענען גאט, בעשעפטיגט ער זיך דערמיט. א זאך אבער, וואס ער ווייסט אז דאס וועט איהם שאדען צו לערנען און נאכ־קומען גאט'ס געבאטען, אדער דאס קען איהם חס ושלום ברייננגען צו זינד, מיידט ער דאס אויס, כדי ער זאל זיך ניט פערשאפען וועהטאג אנשטאט א רפואה, כדי דאס זאל איהם ניט ברייננגען שלעכטעס אנשטאט גוטעס. אבער דער וואס איז ניט קיין בעל בטחון פערלאזט זיך אויף די סבות, אויף די מיטעל וואס ברייננגען איהם אריין געלד און ער איז מיט זיי צופריעדען. ער ענטזאגט זיך דעריבער ניט פון קיינע בעשעפטיגונג, שעהנע און העסליכע און טראכט ניט איבער וואס שפעטער וועט זיין, אזוי ווי דער חכם שלמה האט געזאגט אין משלי: "חכם ירא וסר מרע" — דער קלוגער האט מורא צו בעשעפטיגען זיך מיט אבי וואס און ער ווענדט זיך אפ פון שלעכטס.

זעקסטענס: דער וואס לעבט מיט בטחון, איז בעליעבט ביי אלע קלאסען מענשען און מען איז מיט איהם צופריעדען, מחמת מען איז זיכער, אז ער וועט קיינעם קיין שאדען ניט טהאן און מענשען האבען קיין מורא ניט, אז ער וועט בייז טהאן זייערע ווייבער אדער בעריהרען זייער געלד. ער, דער בעל בטחון, איז אויך זיכער אז קיינער וועט איהם קיין בייזעס טהאן, ווייל ער ווייסט אז גוטעס טהאן אדער שלעכטעס טהאן איז ניט אין די הענד פון בעשאפענע, פון מענשען, און זיי קענען איהם גאר ניט טהאן אהן דעם רצון פון השי"ת. דעריבער האט ער פאר מענשען קיין מורא ניט, אקוראט ווי ער פערלאזט זיך אויף זיי ניט אז זיי זאלען איהם גוטעס טהאן. און אז ער איז זיכער, אז זיי וועלען איהם גאר ניט טהאן און זיי זיינען זיכער אז ער וועט זיי גאר ניט טהאן, האט ער ליעב אלע מענשען און אלע מענשען האבען איהם ליעב, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "והבוטח בה' חסד יסובבנו" — דער וואס פערלאזט זיך אויף גאט איז ארומגערינגעלט מיט חסד, מיט ליעבשאפט און פריינדליכקייט. דער אבער, וואס די מדה פון בטחון פעהלט איהם, האט ניט קיינע גוטע פריינד, ווייל ער האט שטענדיג לוסט צו פרעמדע אייגענטהום, איז מקנא אנדערע, און וואס אנדערע מענשען האבען, דענקט ער, אז דאס איז פון איהם צוגענומען געווארען. איהם דאכט זיך, אז חיונה, וואס אנדערע האבען, איז א טהייל פון זיין חיונה, וואס איז צוליעב זיי פון איהם געמינערט

נעוואָרען, און אויב ער קען ניט דערגרייכען זיינע תאוות, זיין לוסט צו וועלט־ליכע זאכען, בעשולדיגט ער זיי, אז זיי זיינען א שטערונג אין דעם, און טרעפט איהם עפּעס א צרה, א געלד שאַדען אָדער עס פּאַסירט עפּעס מיט זיינע קינדער, דענקט ער אליץ אז דאָס איז צוליעב זיי און אז זיי, זייטיגע מענשען, האָבען ביכולת צו פערמיידען פון איהם שלעכטיגקייטען. דעריבער ברייננגט עס איהם, אז ער זאָל האַסען אלע מענשען, ריידען אויף זיי שלעכטעס, שילטען זיי און פיינט האָבען זיי. במילא ווערט ער אויך פערהאַסט איןביידע וועלטען און פער'מאוס'ט אין ביידע וואָהנונגען, דאָ אויף דער וועלט און לעולם הבא, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: "עקש לב לא ימצא טוב" — דער וואָס בעזיצט א קרומע האַרץ, דער וואָס האָט קיין בטחון אין גאָט, געפינט ניט קיינע גוטעס.

זיעבעטענס: דער וואָס בעזיצט די מדה פון בטחון, נעהמט זיך ניט צום האַרצען אויב ער קריעגט ניט זיין פערלאַנג אָדער עס פעהלט איהם אויס א זאַך וואָס ער האָט ליעב, און ער זאַמעלט ניט, פערגרייט זיך ניט אויף שפּעטער. ער קוקט נור אויפ'ן היינט און דער מאָרגען קימערט איהם ניט, ווייל ער ווייס דאָך ניט ווען זיין סוף וועט קומען. אפשר וועט ער גאָר מאָרגען שטאַר־בען. ער האָט בטחון אין גאָט אז ער וועט דערלענגערען זיינע טעג און ער וועט איהם שפּייזען. ער פערהעט זיך ניט, ווען ער האָט צוגעגרייט אויף מאָרגען, און דאגה'ט ניט ווען ער האָט ניט, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: "אל תתהלל ביום מחר, כי לא תדע מה ילד יום" — בעריהם זיך ניט, מענש, מיט'ן מאָרגען, ווייל דו ווייסט ניט וואָס היינט וועט פּאַסירען. און בן סירא האָט געזאָגט: אל תצר לצרת מחר כי לא תדע מה ילד יום. מחר יבא ואיננו ונמצא מצטער על עולם שאינו שלו" — זאָרג ניט פאַר א מאָרגעדיגע צרה, ווייל דו ווייסט ניט וואָס היינט וועט זיין. דער מאָרגען קען קומען און דער מענש וועט שוין אויף דער וועלט ניט זיין, וועט עס אויסקומען, אז ער האָט זיך נעבעטען מצער געוועזען און געזאָרגט פאַר א וועלט וואָס איז ניט זיינע. דער בעל בטחון האָט נור איין זאָרג און איין צער, וואָס ער קומט ניט נאָך גענוג זיינע פּפליכטען צום בעשעפער, און ער סטאַרעט זיך אָפּצוצאָהלען איהם פיעל מעגליך איז אין די עפענטליכקייט און פערבאָרגענהייט, מחמת ער האָט אין זינען דעם טויט און ער האָט מורא טאָמער שטאַרבט ער אוועק פּלוצלונג און ער וועט פערבלייבען א בעל חוב דעם בעשעפער. דעריבער טהוט ער וואָס נור ער קען צו זיין פערזאָרגט אויף זיין סוף און עס קימערט איהם ניט אַנצוגרייטען וואָס ניט איז פאַר דיעזער וועלט. און דאָס איז וואָס אונזערע חכמים האָ־בען געזאָגט אין פּרקי אבות: "שוב יום אחד לפני מתתך" — טהו, מענש, תשובה איין טאָג פאַר דיין טויט. דאָס מיינט: דער מענש דאַרף תשובה טהאָן היינט, טאָמער וועט ער מאָרגען שטאַרבען, און אויף אזא אופן קומט איהם אויס שטענדיג, אלע טאָג, תשובה צו טהאָן.

דער אָבער וואָס האָט קיין בטחון אין גאָט איז שטענדיג פער'דאגה'ט איבער די בייזע בעגעגעניסען וואָס טרעפען אויף דער וועלט, ער דאגה'עט, וואָס עס פעהלען איהם אויס זאכען וואָס ער האָט ליעב, און וואָס זיינע פערלאַנגען ווערען ניט ערפילט. דעריבער, ווען ער האָט נור דיא געלעגענהייט, גרייט ער אן וואָס מעהר, אזוי ווי ער זאָל געזיכערט זיין פון טויט. ער האָט גאָר קיין מורא ניט פאַר'ן שטאַרבען, אקוראַט ווי ער זאָל וויסען אז זיין לעבען

וועט זיך קיינמאל ניט ענדיגען. עס ליעגט איהם ניט אין זינען זיין סוף און ער איז פערטהאן אין דער וועלט. ער טראכט ניט וועגען די ענינים פון זיין תורה און זיין שפייז אויף יענער וועלט. און זיין בטחון אז ער וועט לאנג געדויערען אויף דער וועלט בריינגט איהם דערצו, אז ער זאל וועלען וואס מעהר נאכגעבען זיין קערפער אויף דער וועלט און וועניגער לוסט האבען צו זאכען וואס זיינען שייך צו זיין סוף, צו יענער וועלט.

און ווען איינער מוסר'ט איהם, לערענט איהם און זאגט איהם: ״ביז ווי לאנג וועסטו פערנאכלעסיגען צו טראכטען וועגען צוגרייטען עפעס פאר דיין וואהנונג אויף יענער וועלט?״ ענטפערט ער: ״ביז איך וועל האבען גענוג פרנסה, אז איך און מיין ווייב און קינדער זאלען זיין פערזארגט ביז'ן סוף פון אונזער לעבען. דאמאלס וועל איך זיין רוהיג פון וועלטליכע דאגות און איך וועל זיך נעהמען אפצאהלען מיינע חובות צום בעשעפער און טראכטען וועגען צוגרייטען שפייז אויף יענער וועלט״. וויל איך די דאזיגע לייט אויפצייגען זייער נארישקייט און טעות דורך זיעבענערליי ארגומענטען אדער טענות.

און אויב איך וועל מאריך זיין אין דעם ענין, מאכט אויך ניט אויס, ווייל איך וועל דערמיט שטעלען אין ביוש און זאגען שטראף רייד די דאזיגע לייט, וואס זיינען בעלי משכונות. זיי זיינען, הייסט עס, אזוי ווי א סוחר, וואס פערקויפט סחורה אויף בארג, און דעם וואס ער וויל ניט געטרויען טאמער וועט ער ניט קענען אדער ניט וועלען בעצאהלען, פאדערט ער פון איהם א משכון. די וואס האבען ניט קיין בטחון אין גאט זיינען אויך אזוי. זיי געטרויען ניט השי״ת אז ער וועט זיי אפגעבען וואס זיי קומט און זיי פערלאנגען אז ער זאל זיי פאראויס מיט אלעם בעזארגען און דאן ערשט וועלען זיי איהם דיענען.

מיין ערשטער ארגומענט וואס איך וועל די דאזיגע לייט געבען איז: דו נארישער פינסטערלינג, וואס דיינע אויגען זיינען פארבלענדט איבער די וועלטליכע תאוות אין וועלכע דו ביזט אריינגעטהאן, ווייסטו פון וועמען דו קענסט פאדערען א משכון און נעהמען א משכון? נור פון דיין חבר וואס האט איבער דיר קיין רשות און דו האסט צו איהם קיינע פפליכטען. ווען אבער איינער פערדינגט זיך צו אן אנדערען צו טהאן פאר איהם געוויסע ארבייט, קען ער דאך ניט פערלאנגען קיין משכון איידער ער האט די ארבייט געמאכט. א קנעכט קען געוויס ניט האלטען קיין משכון פון זיין ווירטה איידער ער האט איהם געדיענט. היינט ווי אזוי קען א מענש פערלנאגען א משכון פון זיין בעשעפער איידער ער האט ערפילט די פפליכטען צו איהם? און נאך אלעמען, זיינען דאך די בעציהונגען צווישען מענש און גאט ניט גלייך צו די בעציהונגען צווישען קנעכט און הארר. א קנעכט דיענט זיין הארר לכתחילה פאר געצאהלט; דיענען גאט דארף מען אבער ניט כדי צו קריעגען בעצאהלט, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען: ״אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס״ — איהר זאלט ניט זיין אזוי ווי קנעכט וואס דיענען דעם ווירטה כדי צו קריגען בעצאהלט. טא ווי אזוי קען מען פון גאט פאדערען א משכון?

צווייטענס: ווען איינער נעהמט פון דעם אנדערען א משכון, האט דער חוב א גרעניץ, מען ווייס פיעל דער חוב בעטרעפט. די אבער וואס ווילען פון גאט א משכון, ווייסען דאך אליין ניט וויפיעל צו מאהנען. די, אזוי צו זאגען, התחיבות, וואס זיי פאדערען פון דעם רבונו של עולם, זיינען אונבעגרעניצט, ווארום זיי ווייסען דאך ניט פיעל עס וועט פאר זיי גענוג זיין, ווייל זיי

ווייסען דאך ניט ווי לאנג זיי וועלען לעבען. און אפילו זיי זאלען האבען כפל כפלים פיעל זיי דארפען אויף זייער אויסקומעניש, וועלען זיי אלץ וועלען נאך, טאמער וועט זיי שפעטער פעהלען, טא ווי אזוי קען מען פערלאנגען א משכון אויף א חוב וואס האט קיין שיעור?

דריטענס: ווען ראובן נעהמט, למשל, ביי שמעון א משכון, נעהמט ער דאס נור דאמאלס, ווען שמעון איז איהם שולדיג א חוב, אבער ניט ווען שמעון האט צו איהם א תביעה פון פריהער. און ניט מעהר ווי רעכט. ער וויל איהם ניט געטרויען, בעווארענט ער זיך. ווי איז אבער אז ראובן איז שולדיג א חוב צו שמעון פון פריהער, קען ער ביי איהם ניט פאדערען קיין משכון אויף אן הלואה, לאמיר זאגען, וואס שמעון האט ביי איהם גענומען, און ווען אפילו שמעון זאל איהם אליין וועלען געבען א משכון, דארף ער אויך ניט נעהמען. היינט אז דעם בעשעפער קומט פון מענשען אזוי פיעל חובות, אז ווען אפילו א מענש זאל אליין אפטהאן די אלע מעשים טובים פון דער גאנצער מענשהייט זייט די וועלט עקזיסטירט, וואלט ניט גענוג געווען צו בעצאהלען פאר איין איינציגע טובה פון די טובות וואס דער בעשעפער טהוט מיט איהם, היינט ווי אזוי שעהמט זיך ניט דער עזות פנים צו פערלאנגען פון גאט אז ער זאל איהם פאראויס טהאן נאך טובות. בעת ער האט נאך פאר פריהעריגע ניט בעצאהלט? און טאמער וועט ער גאר שטארבען און ניט קענען בעצאהלען, טא צו וואס נעהמען אויף זיך אן הכבדה פון א גרעסערען חוב?

א געוויסער פרומער מאן האט אמאל אין א געשפרעך מיט מענשען גע־זאגט:

"מענשען, וואלט רעכט געווען, ווען גאט וואלט פון אייך היינט גע־מאהנט מארגעדיגע חובות, אדער דאס וואס איהר וועט איהם שולדיג זיין אין א יאהר אדער אין צוויי יאהר ארום?" האבען זיי געענטפערט: "ווי איז דאס מעגליך, אז מען זאל אונז מאהנען שפעטערע שולדען, בעת מיר ווייסען ניט אויב מיר וועלען גאר דערלעבען צו מאכען די שולדען? מיר זיינען בלויז מחויב צו לייסטען געוויסע דיענסט צו גאט אין געוויסע צייטען און אז מיר וועלען דערלעבען צו א שפעטערע דיענסט, וועלען מיר איהם וויעדער דיענען". האט דער חסיד צו זיי געזאגט: "אזוי אויך האט אייך דער בורא יתברך בע־שטימט געוויסע חיונה אדער פרנסה אויף יעדע געוויסע צייט און איהר דארפט איהם דערפאר דיענען און דאנקען, און אזוי ווי ער מאהנט אייך ניט איהר זאלט איהם צאהלען פאר שפעטערדיגע, אזוי דארפט איהר זיך שעהמען צו פערלאנגען פון איהם עפעס פאראויס, פאר דער צייט. ווארום זשע זעה איך אז איהר פאדערט פון איהם אויף שפעטערע יאהרען? איהר ווייסט דאך בכלל ניט אויב איהר וועט גאר קומען צו יענער צייט און איהר ווילט אפטמאל זיין פערזארגט פאר א ווייב און קינדער וואס איהר האט נאך ניט. און ניט פער־לאנגט איהר בלויז חיונה, נור איהר ווילט אויך אז גאט זאל אייך פאראויס געבען מותרות, איבעריגע זאכען, וואס זיינען ניט נויטיג, אויף שפעטערע יאהרען, וואס זיינען אפשר גאר ניט גרייט פאר אייך. און ניט גענוג וואס איהר לייסטעט איהם ניט דיענסט פאראויס פאר א שפעטערע צייט, בערעכענט איהר אפילו ניט ווי איהר האט פערנאכלעסיגט צו דיענען איהם פאר די חיונה וואס ער האט אייך געגעבען ביז איצט".

פיערטענס: דער וואס נעהמט ביי זיין חבר א משכון, טהוט ער דאס צו־ליעב דריי אורזאכען: אוים מורא טאמער וועט יענער פעראַרימט ווערען און ער וועט ניט קענען בעצאָהלען; אוים מורא טאמער וועט ער ניט וועלען בעצאָהלען, און אוים מורא טאמער וועט יענער שטארבען אַדער ער וועט אוועק אין א דרך רחוקה און ער וועט איהם ניט קענען געפינען. איז דער משכון ביי מענשען א בעווארעניש נעגען די אלע זאכען. ווען אָבער מענשען וואלטען געהאט בטחון איינע אויף די אנדערע; ווען זיי וואלטען זיכער געווען, אז קיינע פון די דריי זאכען וועט ניט פאסירען, וואלט אהן ספק געווען א שאנדע פאר זיי צו נעהמען א משכון. ביים בורא יתברך זיינען די דריי זאכען געווים ניט שייך, דעריבער איז א געוויסע שאנדע, אז מען זאל פון איהם פערלאנגען א משכון.

פינפטענס: דער וואס נעהמט ביי איינעם א משכון פאר א חוב, בערוהיגט ער זיך דערמיט, ווייל ער האפט אז דורכ'ן משכון וועט ער שוין דעם חוב אויפמאהנען און וועט הנאה האָבען פון דעם געלד אַדער פון דעם וואס ער וועט קויפען פאר'ן געלד. אָבער דער וואָס דענקט, אז ווען גאָט וועט איהם געבען א משכון, ווען ער וועט איהם פאראויס געבען גענוג עס זאל קלעקען אויף שפעטער אויך, וועט ער שוין רוהיג זיין און דיענען גאָט — דער וואָס דענקט אזוי, איז פאלש און אזא מיינונג איז א טעות, ווייל ער איז דאך נאך אלעמען ניט זיכער אז דאָס געלד וועט פערבלייבען ביי איהם. אפשר וועט טרעפען א סבה וואָס וועט איהם אפשיידען פון די געלד אַדער דאָס געלד פון איהם. און די וואָס טענה'ן, אז ווען זיי וועלען רייך זיין און זיין פערזאָרגט אויף שפעטער, וועלען שוין לעבען רוהיג, איז דאָס א ליגען און א נארישקייט. עס קען גאר זיין, אז דוקא די רייכטהום וועט זיי בעאונרוהיגען און פערשאפען זארגען, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין פרקי אבות: "מרבה נכסים מרבה דאגה" — דער וואס האט מעהר רייכטהום, האט מעהר דאגה.

זעקסטענס: ווען דער, וואס נעמט פון זיין חבר א משכון, וואָלט געוואוסט אז יענער וועט איהם בעצאהלען דעם חוב פאר דער צייט און וועט איהם נאך געבען נאך אמאל אזוי פיעל דערפאר וואס ער האט איהם געוואַרט — ווען ער זאל דאָס וויסען, וואָלט ער ביי איהם קיין משכון פאר קיין פאַל ניט גענומען. און דער בעשעפער, וואָס מיר ווייסען זיינע שטענדיגע טובות מיט אונז. און ווי ער צאָהלט פאר גוטע מעשים מיט אזא געצאָהלט וואס מען קען זיך ניט פאָרשטעלען, ארויסגעבען אין ווערטער — אודאי ניט, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין ישעיה: „עין לא ראתה אלהים זולתך, יעשה למחכי לו" — אזעל־כעס וואס קיינער אויסער גאָט האט ניט געזעהן וועט ער טהאָן צו די צדיקים וואס האפען צו איהם, איז געווים א גרויסע חרפה צו פערלאנגען פון איהם א משכון.

זיעבענטענס: דער וואס נעהמט ביי זיין חבר א משכון, נעהמט ער דאס ניט סיידען ווען ער קען יענעם געבען די געלד אַדער די סחורה פאר'ן משכון; אָבער דער וואס וויל פון גאָט א משכון, דער וואס פערלאנגט פון איהם טובות אין פאראויס, איז דאך ניט זיכער אויב ער וועט קענען געבען צו גאָט דאס וואס ער דארף איהם געבען אויפ'ן משכון. ער איז דאך אפילו ניט זיכער אויב ער וועט איהם קענען אפצאָהלען אלטע חובות, א פשיטא שוין נייע. וואָ־רום דער מענש, ווען אפילו ער איז א צדיק, צאָהלט ניט אָפּ גאָט זיינע חובות

אהן די הילף פון איהם, פון גאָט. אזוי ווי א געוויסער חסיד האָט געזאָגט אין זיינע לויב געזאנגען צו גאָט: אפילו דער קלוגער וואָס ווייסט און פערשטעהט דיך, קען זיך אויך ניט בעריהמען מיט זיינע גוטע מעשים, נור מיט דיין הייליגען נאָמען און רחמנות. וואָס דו האָסט בעוועגט זיין הארץ צו וויסען דיין גרויסקייט. ווארום נור מיט דיר, מיט דיין הילף, קענען אידישע קינדער זיין צדיקים און זיך בעריהמען און זאָגען: "באלהים הללנו כל היום" — מיט גאָט בעריהמען מיר זיך א גאנצען טאָג.

## פרק י׳

און וויל מיר האָבען אין דיעזען שער פאָלקאָם ארויסגעזאגט דאס, וואס האָט געדארפט געזאגט ווערען אין ענין פון בטחון לויט אונזער בעגריעף, איז איצט אין פלאץ צו ערקלעהרען דיא אורזאכען, וואס מאכען קאַליע, וואָס פערדאָרבען דעם בטחון אין גאָט. ערשטענס, וועלען מיר זאָגען, אז די אלע זאכען וואָס פערדארבען די לעהרען פון די פריהעריגע שערים, ווי עס איז דאָרט געזאגט געווארען, פערדארבען אויך דעם בטחון. עס זיינען אבער דאָ נאָך זאכען, וואס ווענדען אָפּ דעם מענשען פון בטחון, פון פערלאָזען זיך אויף גאָט אָדער האָבען צוטרויען אין איהם.

די נארישקייט, די אונוויסענהייט אין דעם ענין פון בעשעפער און זיינע גוטע מדות, איז איינס פון די הויפט פאַקטאָרען, וואָס ווענדען אָפּ דעם מענשען פון בטחון. ווארום דער מענש, וואס פערשטעהט ניט ווי דער בעשעפער איז א בעל רחמנות אויף זיינע בעשעפענישען און ווי ער בעגעהט זיך מיט זיי, ווי ער גיט אויף זיי אכטונג, ווי ער געוועלטיגט איבער זיי און ווי אלע זיינען אָנגעקניפט אָן איהם — דער וואָס האָט אין דעם קיין ידיעה ניט, לעבט ניט רוהיג און פערלאזט זיך ניט אויף איהם, אויף גאָט.

נאָך א זאך נעהמט פון מענשען אוועק דעם בטחון: די אונוויסענהייט אין דער תורה, אין וועלכע גאָט האָט אנגעזאגט, אז מען זאל זיך אויף איהם פערלאזען. דער וואס לערנט ניט, ווייס דאס ניט, און פאָלגליך איז ער ניט קיין בעל בטחון.

עס איז דאָ נאָך א זאך, וואס מאכט קאַליע אדער פערדארבט די גוטע מדה פון בטחון. דאס איז דעם מענשענ׳ס נייגונג צו די נאָהענטע סבות, וואָס ער זעהט מיט זיינע אויגען. ווען איינער זעהט, צום ביישפיעל, אז די אָדער יענע בעשעפטיגונג ברייננגט איהם גוטע פראָפיטען, איז ער זיך אויף דעם סומך, העננט ער אָן אז דאס איז טאַקי די הויפט אורזאך, וואס בריינגט איהם די פערדיענסטען. ער ווייס אבער ניט, אז סבות אדער אורזאכען וואס פיהרען צו עפּעס, איז וואס זיי זיינען נעהענטער אלס שוואכער זיינען זיי, און וואס זיי זיינען ווייטער, אלץ מעהר האָבען זיי די מאכט צו שאפען גוטעס אדער שלעכטעס, פראָפיטען אדער שאדען. די לעצטע זיינען מעהר אנזיכטיג ווי די ערשטע, אבער דער כח ליעגט מעהר אין די ערשטע. צום ביישפיעל: א קעניג וויל בעשטראפען זיינעם א קנעכט אדער אן אונטערטהאן, גיט ער וועגען דעם א בעפעהל צום שני למלך, צום וויצע־קעניג. דער וויצע־קעניג גיט עס איבער, לאָמיר זאגען, צום גובערנאטאָר, דער גועברנאטאר צו א ניעדעריגערען באַ־

אמטען, דער ניעדעריגער בעאמטער — נאָך צו א ניעדעריגערען, ביז עס קומט אָן צו א פּאָליציימאַן, וועלכער פיהרט דורך די שטראָף און שמייסט, לאָמיר זאָגען, דעם בעשטראפטען מיט ריטער. זיינגען די ריטער, הייסט עס, די לעצטע סבה פון דעם בעשטראפטענ׳ס ליידען, אבער זיי, די ריטער, קענען גאר ניט פערלייכטערען אָדער ערגער מאַכען דעם באַשטראָפטען. געהענדיג אָבער צוריק צום פּאַליציימאַן, יענער קען געבען שטארקערע שמיץ און שוואַכערע. דער בעאַמטער איבער׳ן פּאָליציימאַן קען אָנזאָגען וואָס פאַר א שמיץ דער מאַן זאָל קריגען. נאָך א העכערער בעאמטער קען פאר׳ן מאַן טהאָן מעהר צו גוטען אדער צו שלעכטען. דער גובערנאַטאר, לאָמיר זאגען, קען טהאָן נאָך מעהר; דער שני למלך—נאָך מעהר. אבער דער סאַמע ערשטער, דער קעניג, קען איהם אין גאנצען מוחל זיין און בעפרייען פון וועלכע עס איז שטראָף. דערפון זעהט מען בעשיינפערליך, אַז וואָס ווייטער די סבה איז פון דעם וואָס געניסט פון איהר, אלץ מעכטיגער איז זי, און וואס נעהענטער—אלץ ווייניגער האָט זי ביכולת צו מאַכען ערגער אדער בעסער. און אזוי ווי דער בעשעפער איז דאָך דער אנפאנג פון אלע סבות, דער ערשטער וואס דורך זיין ווילען ענטוויקלען זיך פּאסירונגען און געשעהעניסען, און ער איז דער ווייטעסטער פון דעם וואָס געניסט דורך דער סבה, דעריבער דארף מען זיך פערלאזען אויף איהם און זיין מאַכט, אַז ער קען מאַכען בעסער אדער ערגער.

דער כלל איז, אַז וואס מעהר א מענש ווייס און פערשטעהט די גאָטהייט, און וואָס מעהר ער האָט אמונה אין גאָט׳ס הנהגה, זיין פיהרערשאַפט און זיין השגחה איבער דעם וואָהלזיין פון מענשען, אלץ א גרעסערער בעל בטחון איז ער.

און מיר וועלען נעמען א ראית פון א קינד. באַלד פון אנפאנג אַז א קינד קומט אויף דער וועלט, פערלאָזט זיך עס בלויז אויף די ברוסט פון זיין מוטער, פון וועלכע עס זויגט און ערנעהרט זיך. קיין אנדערע השגות האָט דאס עופה׳לע ניט. ווען דאס קינד ווערט מעהר ענטוויקעלט און קריעגט מעהר שכל, פערשטעהט עס און בעגרייפט דער מוטער׳ס השגחה און פערלאזט זיך שוין אויף דער מוטער. שפּעטער צו, ווען דאס קינד ווערט נאָך מעהר מענש און פערשטעהט אַז דער פאטער שפּייזט אי איהם, אי דער מוטער, קריעגט עס בטחון אויפ׳ן פאָטער. נאָך שפּעטער, ווען א קינד ווערט א פּאָלקאָמענער מענש און זוכט שוין אליין חיונה דורך ארבייט אדער האנדעל, פערלאָזט ער זיך אויף זיינע קרעפטען אדער פעהיגקייטען, אַז זיי וועלען זיין זיינע שפּייזער. דאָס איז צוליעב דעם, ווייל ער ווייס ניט און פערשטעהט ניט די טובות, וואָס גאָט האָט מיט איהם די גאַנצע צייט געטהאָן און בעגרייפט ניט, אַז ביז ער איז געווארען א פּאָלקאָמענער מענש איז ער געשפּייזט און פערזארגט געווארען מיט אלעם דורך דעם רצון פון גאָט. א געוויסער חסיד דערצעהלט, אז ער האָט געהאט א שכן א שרייבער, וואס האָט זיך מפרנס געווען פון שרייבען. איינמאָל האָט דער חסיד געפרעגט זיין שכן: ווי געהט עס איהם אין פרנסה? און יענער האָט געענטפערט: „כל זמן מיין האנד איז גאַנץ, געהט עס מיר גוט”. אין אבענד האָט פּאסירט א סבה און מען האָט דעם שרייבער ארונטערגענומען די האנד און ער האָט שוין מעהר ניט געשריבען זיין גאנ־

צען לעבען. דאָס איז ער געשטראָפט געוואָרען דערפאַר וואָס ער האָט זיך פערלאָזט אויף זיין האַנד, ניט אויף גאָט.

און ווען ער ציהט זיין חיונה פון אנדערע; ווען ער ארבייט פאר אי־מיצען און פערדיענט זיינע הצטרכות, פערלאָזט ער זיך אויף זיי, אויף זיינע ברויט־געבער. און ווען ער קריעגט מעהר פערשטאַנד און זעהט איין, אַז זיי, יענע, ביי וועמען ער פערדינט זיין חיונה, זיינען אליין פעהלערהאַפט אין כחות צו בעזאָרגען זיי אליין און מוזען אויך אנקומען צו גאָט'ס הילף, ווערט ער שוין א שטיקעל בעל בטחון און פאַרלאָזט זיך אויף גאָט אין זאכען וואָס ער האָט ניט ביכולת צו טהאָן אליין, ווי למשל, ווען מען דאַרף האָבען רעגען; ווען מען פאָהרט אויפ'ן ים אדער אין מדבריות און עס איז ניטא קיין וואַסער צום טרינקען; ווען עס קומט א פערפלייצונג אדער עס ווערט א מגפה און אנדערע זאכען, וואָס מען מוז זיך פערלאָזען אויף גאָט'ס גזירה און זיין הילף און דער מענש קען זיך פאר קיין פאַל אליין ניט העלפען. און ווען זיין שכל ווערט מעהר געשליפען, ווערט ער א גרעסערער בעל בטחון און פאַרלאָזט זיך שוין אויף גאָט אפילו אין זאכען און ענינים, וואָס ער אליין האָט א שטיקעל ברירה צו טהאָן ווי ער דענקט אז עס איז פאר איהם בעסער. ווען זיין בע־שעפטיגונג, למשל, איז אַ געפעהרליכע און אַ שווערע, גיט ער דאָס אויף און האָט בטחון אין גאָט, אַז ער וועט איהם צושיקען א לייכטערע און בעסערע פרנסה. און ווען ער ווערט נאָך א גרעסערער בעל שכל און אנערקענט גאָט'ס וועגען, ווערט ער נאָך א גרעסערער בעל בטחון און פערלאָזט זיך אויף גאָט אין אַלע זאכען, סאַי ווען זיין בעשעפטיגונג איז א שווערע און סאַי זי איז א לייכטע. און וואָס ער זאָל ניט טהאָן פאר זיין חיונה, איז אַלץ זיין ציעל צו דיענען גאָט און היטען זיינע געבאָטען.

און ווען זיין שכל שטייגט נאָך העכער מיט גאָט'ס געגאָדען, נעהמט ער אָן אַלעס פאר גוטעס. ווי גאָט פיהרט מיט איהם איז ער צופרידען אין הארצען, מיט זיינע געפיהלען און מיט זיינע אויסוויינינגסטע חושים, אין די עפענטליכקייט און פערבאָרגענהייט. און ער פרעהט זיך מיט אַלעס וואָס גאָט טהוט מיט איהם. טויט און לעבען, אָרימקייט און רייכקייט, געזונדהייט און קראַנקהייט נעהמט ער אָן פאר ליעב, און ער האָט קיין לוסט אויסער צו דעם וואָס גאָט גיט איהם און וויל ניט קיין זאַך אויסער דאָס, וואָס דער בעשעפער וויל, און ער גיט זיך איבער אין גאַנצען מיט לייב און זעלע צו גאָט און זיין משפט. און איין מלאכה אָדער מסחר האָט ביי איהם קיין פאָרצוג פון אַן אנדערע און ער בייט ניט זיין פרנסה, ווייל ער ווייס, אַז גאָט קען איהם שפייזען פון זיין בישעפטיגונג אַזוי גוט ווי פון אַן אַנדערע, אַזוי ווי אַ בעל בטחון האָט אמאָל געזאָגט: „איך האָב זיך קיינמאָל ניט פערנומען מיט א בעשעפטיגונג פאַר מיין חיונה און חשק געהאַט צו אַן אַנדערע".

און שטייגט ער נאָך העכער אין שכל און ווייס און פערשטעהט דעם צוועק צוליעב וואָס ער איז בעשאַפען געוואָרען און געקומען אויף דער וועלט וואָס איז ניט קיין אייביגקייט, און ער אנערקענט די מעלות פון אַן אנדער וועלט, אַן אייביג עקזיסטירענדע וועלט, וואוהין ער וועט סוף כל סוף קומען, פערהאַסט ער דיעזע וועלט מיט איהרע תענוגים און ער אנטלויפט מיט זיינע געדאַנקען, מיט לייב און לעבען צו גאָט, און אין איינזאַמקייט, אָפּגעזונדערט

פון דער וועלט, שעפּט ער פערגעניגען האָבענדיג אין זינען דעם בעשעפער, און ער קען גאר ניט פערשטעהן, ווי אזוי מען טראכט ניט וועגען גאָט'ס גרויסקייט. און ווען ער איז ניט איינזאם און געפינט זיך אין געזעלשאפט פון מענשען, האָט ער ניט קיין לוסט נור צו גאָט'ס ווילען און וויל ניט מעהר ווי דאס וואס גאָט בעשערט איהם. און זיין הארץ און זיינע געדאנקען זיינען אזוי פערנומען מיט דער שמחה פון ליעב האָבען גאָט, אז עס פערבלייבט ביי איהם קיין פּלאַץ צו פרעהען זיך מיט וועלטליכע פרייד, און זיין פרייד איז גרעסער אפילו פון די פרייד פון צדיקים, וואס פרעהען זיך אויף דער וועלט מיט די עולם הבא וואס זיי וועלען קריגען. דיעזע מדרגה איז די העכסטע וואס א בעל בטחון קען דערגרייכען. צו אזא הויכע מדרגה קומען נביאים און חסידים און די אמת ריין געליעבטע פון גאָט. אזוי ווערט געזאגט אין ישעיה: „אף אורח משפטך ה׳ קוינוך, לשמך ולזכרך תאות נפש" — אפילו ווען דו גאָט בעגעהסט זיך מיט אונז מיט משפט, האָפען מיר צו דיר, צו דיין נאָמען און אנדענקען גלוסט די נשמה. אדער אין תהלים איז דאָ א פּסוק: „צמאה נפשי לאלהים חי" — מיין נשמה דורשט צום לעבעדיגען גאָט.

דאס זיינען צעהן מדרגות אדער שטופען, וואס דער ריכטיגער בעל בטחון דערגרייכט צו זיי אלע, אפילו קיין איינציגע פעהלט ניט. און אנטקעגען די צעהן מדרגות, וואס זיינען אויבען אויסגערעכענט, אז דער בעל בטחון געהט אלץ העכער און העכער ביז ער דערגרייכט די סאמע לעצטע, ווערט דער זינען פון בטחון אין לשון הקודש אויסגעדריקט אין צעהן בעזונדערע ווערטער: מבטח, משען, תקוה, מחסה, תוחלת, הכוי, סמיכה, שבר, מסעד און כסל.

און גאָט זאל אונז מיט זיין גענאָד העלפען, אז מיר זאלען זיין פון די וואס פערלאזען זיך אויף איהם און גיבען זיך איבער צום שיקזאל וואס ער בעשטימט אי אין די עפענטליכקייט און אי אין פערבאָרגענהייט, אמן.

## סוף פון שער הבטחון

## שער החמישי.

# שער יחוד המעשה

דער מהוער פון אייגיגען טהאַטען  די לעהרע פון טהאָן אַלעס פון גאָט'ס וועגען.

## פרק א'

האָט דער מחבר געזאגט:

ווייל מיר האָבען אין פאריגען מאמר גערעדט וועגען דעם ענין פון בטחון, פון פערלאָזען זיך אויף השי"ת, האָבען מיר איינגעזעהן, אז עס איז אין פלאַץ דאָ צו ערקלעהרען די אופנים, ווי אזוי א מענש איז מחויב צו אייניגען, צו קאָנצענטרירען אלע טהאטען פון גאָט'ס דיענסט בלויז צו גאָט, ניט האָבענדיג דערביי קיינע זייטיגע כונות אדער אבזיכטען. יחוד המעשה, דאס אייניגען די מחשבות פון טהאטען בלויז לשם שמים, רייניגט די געדאנקען און די הערצער פון צוזאמענמישען געטליכעם מיט מענשליכעם, א צוזאמענמישונג וואס פערדאַרבט די אמת'ע עבודת אלהים. די מדה פון יחוד המעשה ווענדט אָפּ פון זוכען אויסצופיינען זיך פאר מענשען, וואס דאס בריינגט צו חניפה. א שלעכטע מדה, פון וועלכען מען דארף זיך אויסהיטען, אזוי ווי אליהוא האָט געזאָגט אין איוב: „לא אשא פני איש ואל אדם לא אכנה" — איך וועל ניט שוינען קיין מענשען און זיך צו קיין מענשען ניט שמייכלען.

און מיר דארפען איצט ערקלערען זעקס פונקטען, וואס האָבען צו טהאָן מיט יחוד המעשה. ערשטענס, וואָס איז דאס אזעלכעס; צווייטענס, ווי אזוי קען מען דאס דורכפיהרען; דריטענס, וועלכע טהאטען מוזען האָבען יחוד המעשה; פיערטענס, וואס זיינען די זאכען, וואס פערדראבען די דאָזיגע גוטע מדה; פינפטענס, ווי אזוי מען קען בעזייטיגען יענע זאכען אזוי, אז אלעס וואָס דער מענש טהוט זאָל זיין מיט א ריינע כונה פון גאָטס וועגען, און זעקסטענס, ווי אזוי א מענש זאל קענען געוועלטיגען איבער זיינע געדאנקען, און זיי קאָנטראלירען, אז זיי זאלען ניט אראָפּגעהן אָן א זייט.

יחוד המעשה מיינט אין קורצען: אז די כונה, די אבזיכט פון א מענשענ'ס מעשים, וואס ער טהוט פון גאָטס וועגען, דאס הייסט, ווען ער איז מקים מצוות, סאַי אזעלכע וואָס ער טהוט אָפען, סאַי אזעלכע וואָס ער טהוט פערבארגענערהייד, ניט בפרהסיא, זאלען זיין בלויז לשם שמים, מיט דער איינציגער כונה צו ממלא זיין גאָט'ס רצון, אבער ניט אין זינען האָבען צופרידענצושטעלען מענשען, זיך אליין אדער אנדערע.

און ווי אזוי קומט מען צו אזא מדרגה אז מען זאָל אין זינען האָבען בלויז גאָט? זיינען דאָ צוועהן זאכען, וואס ווען זיי וועלען זיין איינגעפלאַנצט אין

מענשענ׳ס הארצען און עס וועט ביי איהם קלאָהר זיין אז זיי זיינען די הויפּט יסודות פון גאָטס דיענסט, דעמאָלט וועט ער אלעס טהאָן פון גאָטס וועגען, וועט קיינעם ניט אין זינען האָבען, וועט צו קיינעם ניט האָפען און וואס ער וועט טהאָן, וועט זיין כונה אלץ זיין לשם שמים, צו ערפילען דעם רצון פון השי״ת. דאס זיינען די צעהן זאכען:

די אמונה און איבערצייגונג אין אחדות הבורא, אז דער בעשעפער איז איינער, ווי עס איז ערקלערט געווארען אין אנפאנג פון מיין ספר.

די פּרוף, די איבערצייגונג אין די טובות, וואָס גאָט טהוט מיט אונז שטענ־דיג, ווי עס איז ערקלערט אין צווייטען שער, שער הבחינה.

דאס נעהמען אויף זיך די עבודת הבורא, דאס אפּגעבען זיך מיט דיענען דעם בעשעפער, ווי עס איז ערקלעהרט אין דריטען שער.

האָבען ריינעם בטחון אין גאָט, אין בעשעפער, ניט אין בעשאפענע.

די אמונה, אז גוטעס און שלעכטעס, פּראפיטען און שאדענס זיינען ניט אין די הענד פון וועלכעס עס איז בעשאפענעס און קיין בעשאפענעס וועזען קען גארניט טהאָן אהן דעם רשות פון בעשעפער.

דאס ניט אכטען אויב מענשען וועלען איהם ליבען אדער שענדען און עס זאל ביי איהם זיין אלץ איינס, אויב ער וועט האָבען כבוד אדער אום־כבוד.

ניט וועלען אויספיינען זיך פאר לייטען.

ניט אין זינען האָבען קיינע וועלטליכע זאכען בעת מען איז זיך עוסק אין ענינים פון עולם הבא.

מורא האָבען פאר גאָט און שעהמען זיך פאר איהם.

און זיך בעראטהען מיט׳ן שכל בעת דער יצר הרע גיט אריין א געדאנק צו זינדיגען, און פאלגען דעם שכל, ניט דעם יצר הרע.

אז א מענש האָט אין זיך די דאזיגע צעהן מדות, קומט ער במילא צו יחוד המעשה און אלעס וואס ער טהוט איז בלויז לשם שמים.

עס זיינען אבער דא זאכען, וואס ביי זיי איז ניט שייך קיין יחוד המעשה, ווייל דער יחוד המעשה מוז במילא זיין. א מענש דארף איניגען זיינע מחשבות פון גאָטס וועגען אין טהאטען, וואס ער טהוט מיט זיינע גליעדער און עס קען ניט זיין, אז קיינער זאל דערפון ניט וויסען, ווי למשל, לערנען, תפלה טהאָן, צדקה געבען, די מצוות פון תפלין, סוכה, מזוזה און דאס גלייכען. אין אזעלכע מצוות, קען דאך זיין אז א מענש זאל מכון זיין ניט בלויז פון גאָטס וועגען, נור כדי מען זאל איהם דערפאר האלטען פאר א פרומען און צוטהיילען איהם כבוד. דעריבער מוז ער דערביי האָבען יחוד המעשה; דעריבער דארף ער דערביי קאָנצענטרירען זיינע מחשבות בלויז לשם שמים. אבער ביי חובות הלבבות, די מצוות וואס מען טהוט מיט׳ן הארצען, ווי אמונה אין גאָט׳ס איינהייט און דאס גלייכען, איז דאך ניט שייך, אז מען זאל דערמיט אויסען זיין כבוד, לויב געזאנג פון מענשען, אדער מען זאל דערפאר וועלען עטוואָס אנדערש געניסען פון וועמען עס איז, ווייל מענשען ווייסען דאָך ניט, וואָס ביי אימיצען אין הארצען טהוט זיך, און די כונה פון איינעם, וואס איז מקים חובות הלבבות איז נור פאר דעם, וואס קוקט אוין זעהט זיינע מחשבות, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין ירמיה: „אני ה׳

חוקר לב" — איך גאָט פאָרש דעם מענשענ'ס האַרץ, אָדער ווי די תורה זאָגט: „הנסתרות לה' אלהינו" — דאָס פערבאָרגענע איז נור צו גאָט אונזער גאָט.

און וואָס ברייננט א מענשען צו פערדארבען די מדה פון יחוד המעשה? וואָס טרייבט איהם דערצו, אז ער זאָל ניט איינינען זיינע טהאַטען פון גאָטס וועגען? זיינען דאָ דריי פאַקטאָרען, וואס פיהרען דעם מענשען אראָפּ פון דער דאָזיגער גוטער מדה: ערשטענס, ווען ער פערשטעהט ניט גאָט און די טובות וואָס ער געניסט פון איהם; צווייטענס, זיין ניט פערשטעהן גאָט'ס געבאָטען און זיינע לעהרען; דריטענס, דאָס וואס דער יצר הרע פערפיהרט דעם מענשען און מאכט איהם די עולם הזה בעליעבט און פון עולם הבא דערווייטערט ער איהם.

ווארום דער וואס קען ניט זיין האַרר און פארשטעהט ניט זיין מאַכט, דיענט ער איהם ניט מיט'ן גאַנצען הארצען. א דיענער איז טריי זיין ווירטה נור דאמאלט ווען ער ווייס איהם און פערשטעהט, אז ער קען איהם טהאָן אי גוטעס, אי שלעכטעס. און אויב דער, וואָס האָט קיין באַגריעף וועגען גאָט טהוט אפילו אזעלכעס וואס אנבאלאנגט צו גאָט'ס דיענסט, טהוט ער דאס ענטוועדער אוים מורא פאר מענשען אדער ווייל ער האָפט צו געניסען דער־פאר עטוואס פון מענשען. קומט דאך אוים, אז ער דיענט מענשען, ניט דעם וואָס האָט זיי באשאפען.

און פון וואנען קומט עס, וואס מנעשען דיענען צו שטערען און פלאנעטען אדער אנדערע עבודה זרות? אויך דערפון וואס זיי זיינען אומוויסענד און בעגרייפען ניט וואס דער בעשעפער איז. און דער וואס דיענט צו שטערען און פלאנעטען איז אין פיער פרטים בעסער ווי דער וואס דיענט גאָט פון לייטענס וועגען. ערשטענס, דער עובר כוכבים האָט ניט קיין תורה און קיין נביא האָט איהם ניט ערקלעהרט די גאָטהייט מיט אותות ומופתים. דעריבער איז ער פער־בליבען אומוויסענד און מען קען איהם ניט בעשולדיגען. צום חנף אבער, צום פאלשען מענשען, וואס וויים אז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און ער דיענט איהם פון לייטענס וועגען, איז דאך דאָ א גערעכטע טענה: דו האסט דאָך אויף זיך גענומען צו דיענען גאָט, און דו ביזט דאך געוואָרענט געווארען ניט צו דיענען קיינעם אויסער איהם, טאָ ווארום דיענסטו צו מענשען? צוויי־טענס, דיענט ניט דער שטערען דיענער צו אזא וועזען, וואס איז דערוויעדער דעם בעשעפער. די זון, די לבנה און די שטערען זינדיגען דאך ניט; אבער דער וואס טהוט מצוות פון מענשענ'ס וועגען, טהוט ער דאס פאר אלע סארטען מענשען, סאי פאר פרומע, סאי פאר זינדיגע, אבי נור ער קען האָפען צו געני־סען פון זיי עטוואס. דריטענס, דער עובד כוכבים דיענט נור איין זאך וואס ער מאַכט פאר זיין אפגאָט; דער חנף אבער דיענט א סך. ער וויל זיך אויספיינען פאר אלעמען, און עס איז גאר קיין שיעור ניט צו זיינע געדיענ־טע. פיערטענס, דער עובד כוכבים בעהאלט זיך ניט. ער דיענט זיין אָפּ־גאָט אפען און לייט זעהען און וויסען אז ער איז א כופר, א לייקענער אין גאָט, און מען היט זיך פאר איהם. דער אָבער, וואָס דיענט כלומר'שט גאָט און זיין כונה איז צו געפעלען ווערען מענשען און האָבען דערפון נוצען, וויים דאָך קיינער ניט וואס ביי איהם אין הארצען טהוט זיך. מען נעהמט איהם אָן פאר א פרומען, פאר א גאָטספאָרכטיגען, און מען היט זיך פאר איהם ניט,

און מען געטרויט איהם, כאָטש ער איז פעהיג אימיצען שלעכטעס צו טהאָן פון זיין טובה וועגען. און דאס איז די ערגסטע זאך אין דער וועלט. אזא מענש ווערט אין לשון הקודש אנגערופען: חנף, יהיר און מפתה — פאַל־שער, בעל גאוה און פערפיהרער.

און דער וואס פערשטעהט ניט גאָט'ס תורה און מצוות, דער וואס האָט ניט געלערענט, קען ניט זיין אז זיינע טהאטען זאלען זיין געאייניגט בלויז לשם שמים. אפילו ווען ער טהוט א מצוה, איז דאס אויך ניט פון גאָטס וועגען. ווארום וויבאלד ער איז אומוויסענד און ער ווייס גארניט וואס פאר א מצוות א מענש דארף טהאָן, ווייס ער דאך געוויס ניט ווי אזוי, אויף וואס פאר אַן ארט א מצוה דארף געטהאָן ווערען. דער וואס האָט ניט געלערענט, איז אפילו אויב ער ווייס און פערשטעהט אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט און ער אנערקענט די טובות וואס ער טהוט מיט איהם, קען ער אלץ ניט זיין קיין אמת'ער עובד ה' און טהאָן גוטעס בלויז לשם שמים, ווייל עס איז דאָך ביי איהם גאָרניט זיכער וואָס מען דארף טהאָן פון גאָטס וועגען און וואָס ניט. ער ווייס דאָך ניט וועלכע מעשים עס וועלען איהם פארשאפען שכר און פאר וועלכע ער וועט געשטראָפט ווערען. פאָלגליך, איז אויב ער טהוט עפעס א גוטע זאך, טהוט ער דאס פון מענשען'ס וועגען.

דער דריטער פאקטאָר וואס פיהרט אראָפּ דעם מענשען פון דער מדה פון יחוד המעשה, איז, ווי מיר האָבען פריהער געזאגט, דער יצר הרע, וועל־כער האָט צוויי וועגען ווי אזוי דורכצופיהרען דאס. ערשטענס, גיט ער דעם מענשען אריין אזעלכע מחשבות, וואס מאכען איהם צווייפלען, וואס ווארפען איהם אריין אין ספק אין די וואהרהייט פון דער תורה און די נביאים. דער־מיט פערטומעלט ער איהם אין דער גאנצער אמונה און ער הויבט אן צווייפ־לען אין גאָטהייט. במילא קומט עס שוין דערצו, אז אפילו ווען ער טהוט א מצוה, איז דאָס אויך ניט ווי עס דארף זיין פאָלקאָם לשם שמים.

צווייטענס, קומט דער יצר הרע צום מענשען מיט טענות און ראיות, אז דאָס וואָס ער לויפט און סטאַרעט זיך און בעמיהט זיך צו טהאָן פאר גאָט איז ניט קיין חוב, קיין מוז. דאס איז, זאגט ער איהם, אַן אומזיסטע טרחה. א מענש דארף טהאָן און זיך סטאַרען פאר דער וועלט און פאר די מענשהייט און עס ליגט אויף איהם קיין פליכט מטריח צו זיין זיך פון גאָטס וועגען. און דורך די דאזיגע צוויי מיטעל פיהרט דער יצר הרע אראָפּ דעם מענשען פון די געהעריגע, ריינע עבודת אלהים און ווענדעט איהם אָפּ פון יחוד המעשה, פון איינציגען טהאטען בלויז פון גאָטס וועגען.

## פרק ב'

און איך וועל אייך דאָ געבען ביישפּיעלע ווי אזוי דער יצר הרע פיהרט אראָפּ פון גלייכען וועג, כדי מענשען זאָלען וויסען ווי אזוי צו היטען זיך פאר איהם און זייערע הערצער זאָלען זיין גאנץ מיט גאָט. איך קען ניט אויסרעכענען די אלע מיטעל וואס דער יצר הרע ווענדט אָן אויף'ן מענשען צו מאכען איהם זינדיגען; אָבער פון די ביישפּיעלע וואָס איך וועל געבען, קען מען שוין פער־שטעהן די אנדערע, אזוי ווי דער חכם, שלמה המלך, האָט געזאגט אין משלי:

"ישמע חכם ויוסף לקח" — דער קלוגער מענש זאל הערען א ביסעל און ער וועט לערנען א סך.

צוערשט וועל איך זאגען: מענש, דו דארפסט וויסען, אז דער גרעסטער שונא וואס דו האסט אויף דער וועלט, איז דיין יצר הרע, וואס איז אריינגעמישט אין דיינע כחות, אין דיין גייסטיגע נאטור און איז א שותף אין דיינע חושים, אין דיינע געפיהלען, די קערפערליכע און די גייסטיגע, און געוועלטיגט איבער דיינע זיטען און סודות וואס דו האלסט בעהאלטען אין דיין הארצען. ער איז דיין ראטה-געבער אין אלע דיינע בעוועגונגען, עפענטליכע און פערבארגענע. דו מיינסט, אז דו טהוסט און פיהרסט דורך זאכען נאך דיין ווילען, אין אמת'ען אבער איז דאס נאר דער ווילען פון יצר הרע, וועלכער לויערט אויף דיינע טריט. דו שלאפסט פאר איהם, אבער ער שלאפט ניט פאר דיר. דו, הייסט עס, היטסט זיך ניט פאר איהם, אבער ער האלט שטענדיג אן אויג אויף דיר צו בייזען. ער בעקליידט זיך פון דיינטוועגען אין פריינדליכע און ליעבליכע קליידער און פוצט זיך אוים אין ציערונג פון ליעבשאפט. ער געהט אריין אין כלל פון דיינע אנפערטרויטע, עצה־געבער און בעסטע פריינד. ער ווינקט צו דיר ליעבליך און איז גרייט צו לויפען און טהאן פאר דיר אלעם וואס דו פערלאנגסט, אזוי ווייזט זיך דיר אוים; אין אמת'ען אבער ווארפט ער אין דיר זיינע פיילען, שיסט דיר מיט קוילען וואס טויטען דיך, און זיין כונה איז אויסצוווארצלען דיך פון דער לעבענס־וועלט.

און דעם יצר הרע'ס שטארקסטע וואפע צו בעקעמפפען דיך איז, דאס וואס ער בעשטרייט דיינע פערבארגענהייטען, דיינע גוטע מחשבות און ער סטארעט זיך אריינצוגעבען אין דיין הארצען ספקות איבער וואהרהייטען און מאכען דיר צווייפלען אין זאכען וואס דו ווייסט קלאהר. ער צומישט דיינע רעיונות און פערטומעלט דיך מיט פאלשע טענות, כדי דו זאלסט ניט וויסען וואס עס איז גוט פאר דיר און ווערען א צווייפלער אין געוויסהייטען וואס אנבעלאנגען דיין תורה און אמונה. איז אויב דו וועסט זיך פאר איהם היטען און דו וועסט שיקען שלוחים פון דיין שכל, דו וועסט, הייסט עס, אנווענדען דיין שכל מלחמה צו האלטען מיט איהם, וועלען דעם יצר־הרע'ס פיילען דיר ניט שאדען און דו וועסט מיט גאט'ס הילף נצול ווערען. אויב אבער דו וועסט ניט אנפיהרען קיין קאמפף געגען איהם און דו וועסט זיך פערלאזען אויף איהם און פאלגען זיינע עצות, דאן וועט ער דיך ניט אפלאזען ביז ער וועט דיר מאכען צו פערליערען ביידע וועלטען און וועט דיך אויסווארצלען פון ביידע וואהנונגען, דא אויף דער וועלט און לעולם הבא. אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין משלי, ביי איין צווייג פון זיינע צווייגען אדער איין סאלדאט פון זיינע סאלדאטען, דאס הייסט: ביי איין עבירה וואס דער יצר הרע ברענגט צו דעם — ביי אן אשה זונה, אן אויסגעלאסענע פרוי: "כי רבים חללים הפילה דרכי שאול ביתה"—די אשה זונה מאכט פאלען פיעלע הרוגים און איהר הויז זיינען די וועגען צום גהינום. הייסט אז פון איין חטא פערלירט מען ביידע וועלטען, טא ווי איז שוין פון א סך חטאים?

דעריבער זאלסטו, מענש, זיך ניט אפגעבען מיט אנדערע מלחמות, מיט אנדערע שטרייטען און נור שטרייטען מיט'ן יצר הרע. דו זאלסט ניט אנווענדען דיין שווערד אויף א שונא וואס איז ווייט פון דיר און צורוה לאזען אזא שונא וואס איז שטענדיג מיט דיר און שיידט זיך פון דיר ניט אפ. דו זאלסט ניט

זוכען פריהער צו בעקעמפפען אזעלכען וואס וויל מיט דיר שטרייטען מיט דיין הסכמה און פערנאכלעסיגען צו בעקעמפפען אזא שונא וואס פרעגט ביי דיר ניט אויב דו ווילסט מיט איהם שטרייטען אדער ניט. מען דערצעהלט אויף א פרומען מענשען, ועלכער האט בעגעגענט לייטע, וואס זיינען צוריק געגאנגען פון א שווערע מלחמה און מיט געטראגען א סך רויב וואס זיי האבען אוועקגענומען פון שונא. האט דער פרומער מאן צו זיי געזאגט: "איהר האט זיך איצט צוריק־געקעהרט פון א קליינע מלחמה, גרייט זיך צו צו א גרויסע מלחמה." האבען זיי איהם געפרעגט: "וואס פאר א גרויסע מלחמה?" האט ער זיי געענטפערט: "די מלחמה מיט'ן יצר הרע און זיינע חילות.

און עס איז, ברידער, א וואונדער. יעדער שונא, וואס איהר האט, ווען איהר בעזיעגט איהם איין מאל און צוויי מאל, לאזט ער אייך צורוה און וויל שוין מעהר ניט שטרייטען מיט אייך, מחמת ער ווייסט, אז איהר זייט שטארקער און מעכטיגער פאר איהם און ער גיט אויף די האפנונג אז ער זאל אייך קענען מנצח זיין; דער יצר הרע אבער איז אנדערש. ער אכטעט ניט דערויף ווען איהר בעזיעגט איהם איין מאל אדער אפילו הונדערט מאל און ער פיהרט אלץ אן א מלחמה מיט אייך. ער לאזט אייך ניט אפ פאר קיין פאל, סאי אויב ער איז דער זיעגער, סאי איהר זייט די זיעגער, און ער גיט קיינמאל ניט אויף די האפנונג, און כל זמן איהר לעבט אויף דער וועלט לויערט ער אלץ אויף אייך ארייננצוכאפ־פען אייך אין זיין נעץ, אזוי ווי אונזערע חכמים האבען געזאגט אין פרקי אבות: "אל תאמין בעצמך עד יום מותך" — דו מענש, זאלסט זיך אליין ניט גלויבען אז דו ביזט ריין פון זינד ביז דעם טאג פון דיין שטארבען, ווייל ווי א מענש זאל האבען די אויבערהאנד אויף'ן יצר הרע, איז ער אלץ ניט זיכער, אז דער יצר הרע וועט איהם פארט ניט ברייננגען צו זינד.

און ער לאזט ניט נאך די מינדסטע קלייניגקייט. וואו ער האט נור א געלעגענהייט צו בעזיעגען דיך, כדי ער זאל נאכהער קענען מיט דיר אויספיהרען גרעסערע זאכען, כדי, הייסט עס, ער זאל דיך קענען ברייננגען צו הארבערע עבירות. דעריבער דארפסטו זיך היטען פאר איהם און גארניט נאכגעבען. אויב דער יצר הרע שטארקט זיך איבער דיר אדער אויב ער בעזיעגט דיך אין דאס קלענסטע, אין דאס מינדסטע, דארף דאס אין דיינע אויגען זיין גרויס, כדי דו זאלסט קריגען די אויבערהאנד איבער איהם און איהם קענען מנצח זיין אין גרעסערע זאכען. ווארום אויב דו וועסט זיך צולאזען צו איהם מיט קלייניגקיי־טען, וועט ער שנעל קריגען לוסט צו דיר און וועט דיך פיהרען אין זומפ אלץ מעהר און מעהר. ער וועט אבער ניט קענען בעשטעהן צו בעשטרייטען דיך, ווען דו וועסט זיך שטעלען געגען איהם, אזוי ווי דער פסוק זאגט: ואליך תשוקתו ואתה תמשל בו" — דער יצר הרע האט לוסט צו דיר, אראפצופיהרען דיך פון גוטען וועג, אבער דו קענסט געוועלטיגען איבער איהם. דעריבער זאלסטו זיך ניט אפשרעקען פאר זיינע רייד, כאטש זיינע חילות זיינען שטארק, און דו זאלסט פאר איהם קיין מורא האבען, כאטש ער האט א סך העלפער, כאטש, הייסט עס, דער יצר הרע האט א סך מיטעל ווי אזוי צו מאכען דעם מענשען זינדיגען. ווארום זיין עיקר כונה, זיין הויפט אבזיכט איז צו פער'אמת'ן דעם שקר און זיין ציעל איז אוועקצושטעלען פאלשקייט אויף א שטארקערען באדען. ווי נאהענט איז אבער זיין מפלה און ווי געשווינד ער קען גארניט ווערען, ווען דו, מענש, וועסט פיהלען ווי שוואך ער איז, ווען דו ווילסט איהם נור בעקעמפפען.

שלמה המלך האָט עס אָפּגעמעלדט אין קהלת. ער זאָגט דאָרט: ״עיר קטנה ואנשים בה מעט״ — אַ קליינע שטאָדט מיט ווייניג מענשען, דאָס מיינט ער דעם מענשען׳ס קערפּער, זיינע גליעדער און איינגעשאפטען, וואָס זיינען ניט פיעל געגען די שטרעבונגען וואָס דער מענש האָט אויף דער וועלט און צו די פיעלע זאכען, צו וועלכע ער האָט חשק און איז ניט מעכטיג גענוג צו בעקומען זיי. דאן זאָגט ער ווייטער: ״ובא אליה מלך גדול וסבב אותה״ — און עס קומט צו איהר, צום שטעדטעל, צום מענשען, הייסט עס, אַ גרויסער, מעכטיגער קעניג און ער בעלאַגערט איהר, דאָס איז געמיינט דער יצר הרע, וועלכער רינגעלט ארום דעם מענשען מיט כל־ערליי קונצען, מיט כל־ערליי איינריידענישען צו מאַכען איהם זינדיגען. ״ובנה עליה מצודים״ — און ער בויט אויף איהר פעסטונגען, קרעפּאָסטען, דאָס הייסט: ער גיט אריין דעם מענשען פערשיעדענע מחשבות צו בייזען, און רעדט איהם אַן צו מאוס׳ע טהאטען, כדי צו טויטען איהם. אזוי מיר וועלען נאָך מיט גאָט׳ס הילף ריידען וועגען דעם אין דיעזען שער. און דאָס וואָס שלמה המלך זאָגט דאָרט ווייטער: ״ומצא בה איש מסכן חכם״ — און ער געפינט אין איהר אַן אָרימען מענשען אַ קלוגען, מיינט ער דאָס דעם שכל, וועלכען ער רופט אַן ״מסכן״, אָרימאַן, ווייל ער, דער שכל, האָט ניט קיין העלפער, ער איז, אזוי צו זאָגען, עלענד, ״ואדם לא זכר״ און קיינער דערמאָהנט איהם ניט, האָט איהם ניט אין זינען, אזוי ווי עס ווערט ווייטער געזאָגט: ״חכמת המסכן בזויה״ — די חכמה פון אָרימאַן פון עלענדען איז פעראַכטעט. און וויבאלד אז דער שכל איז לגבי דעם יצר הרע שוואַך, האָט דאָך דער יצר הרע ניט געדאַרפט זוכען צו בעשטרייטען איהם, דאָך לויערט ער שטענדיג אויף׳ן שכל און וויל איהם רק שעדיגען. אָבער אז מען וויל נור, אז מען לייגט זיך אָפּ דערויף, איז פאר׳ן שכל גאַנץ ליכט צו בעשטרייטען דעם יצר הרע, כאָטש ער איז פיעל שטאַרקער. ווארום אַ ביסעל אמת בעזיעגט אַ סך שקר אזוי ווי אַ ביסעל ליכט שטויסט אוועק אַ סך פינסטערניש.

אין דעם וואָס איך האָב ביז איצט געזאָגט, מיין איך צו בעוועגען מענשען מלחמה צו האַלטען געגען די תאוות, געגען די איבעריגע לעבענס לוסטען און זיך שטעלען געגען דעם יצר הרע דרייסט און פלייסיג. ווארום עס איז דאָך שוין קלאָהר די שוואַכקייט פון יצר הרע געגען דעם שכל און ווי שנעל דער שכל קען איהם שלאָגען, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: ״שחו רעים לפני טובים״ — שלעכטע ווערען איינגעבויגען, נידערגעשלאָגען פאר גוטע.

און דאָס ערשטע וואָס דער יצר הרע וועט דיך מאַכען צווייפלען און זיך בעמיהען צו קלאָהר מאַכען דיר איז, אז דיין נשמה האָט ניט קיין קיום, קיין עקזיסטענץ אָהן דיין גוף; אז זי, די נשמה, ווערט כלה דאַמאָלס ווען דער גוף ווערט כלה — נאָך׳ן טויט. ער וועט דיר אויף דעם ברייגנען ראיות, וואָס ווען דו וועסט זיי גוט בעטראַכטען, וועסטו איינזעהן, אז זיי זיינען ניט בעגרינ־דעט און פאַלש. דער יצר הרע וויל דאָס דעם מענשען איינשמועסען, כדי ער זאָל איהם נאָכהער קענען אָנריידען צו זוכען ניט לאַנג עקסזיסטירענדע פערגע־ניגענס און תאוות וואָס מיידען געשווינד. זיין כונה איז צו ברייגנען דיך דערצו, אז דו זאָלסט אָננעהמען די פאַלשע דעה פון ״אכל שתה כי מחר נמות״ — לאָ־מיר עסען, טרינקען און זיך לאָזען וואויל־געהן, ווייל מאָרגען וועלען מיר שטאַר־בען, און אז דו וועסט זיך בעראַטהען מיט דיין שכל, וועסטו זיין ווייט פון

אנגנעהמען אזא מיינונג, ווייל ראיות פון אונזערע אלטע חכמים און נביאים, עליהם השלום, וועלען דיך איבערצייגען, אז די דאָזיגע דעה איז א פאלשע.

און אז דער יצר הרע וועט זיך מיאש זיין, אז ער וועט איינזעהן אז ער קען דיך ניט אריינברייגנען אין ספק וועגען קיום הנפש, די עקזיסטענץ פון דער נשמה נאך'ן טויט, וועט ער זוכן איינצופלאנצען אין דיר ספקות וועגען דעם בורא יתברך. ער וועט דיר זאגען, אז די וועלט איז ניט ניי בעשאפען געווארען און זי איז גאר קיינמאל ניט אנדערש געווען ווי זי איז איצט און וועט קיינמאל ניט אנדערש זיין, און עס איז ניטא א זאך וואס מען זאל דערויף בעסער קענען זאגען אז דאס איז א בעשעפער איידער א בעשעפענים, א זאך וואס איז פון אימיצען בעשאפען געווארען. דעריבער דארף קיינער קיינעם ניט דיענען, ווייל אלעם איז אליין פון זיך געווארען און עס איז גאר ניטא אזא וועזען וואס זאל האבען אלעם בעשאפען. אז דער יצר הרע וועט זיך צו דיר נעהמען מיט אזעלכע טענות, ווענד זיך צו דיין שכל און ער וועט דיר ווייזען און איבערצייגען ווי נאריש און שעדליך די דאָזיגע דעה איז. דער שכל וועט עס דיר קלאָהר מאכען פון דעם שער היחוד פון דיזען ספר, וואו עס ווערט אויפגעוויזען אז די וועלט האט א בעשעפער, וועלכער האט זי בעשאפען פון גארנים.

און אז דער יצר הרע וועט אין דעם אויך דורכפאלען און איהם וועט ניט געלינגען איבערצורעדען דיר, וועט ער דיר נעהמען איינריידען, אז עס זיינען ח"ו דא שותפים צום בעשעפער, אז גאט האט, הייסט עס, ניט בעשאפען אלעם אליין, נור די וועלט איז ענטשטאנען דורך מעהרערע בעשעפער, דורך מעהרערע געטער, אזוי ווי די וואס זיינען אין דער מיינונג אז איין גאט האט געבוירען א צווייטען, אדער די וואס גלויבען אז די טבע, די נאטור, קען קיינמאל ניט געענדערט ווערען, ווייל עס איז ניטא קיין מייסטער וואס האט די נאטור געשאפען, פאלגליך, איז די נאטור א שותף צו גאט אין די וועלט שאפונג, אדער די דעה פון יענע נארען וואס ווילען האבען, אז עס זיינען דא שטערען אדער פלאנעטען וואס האבען געהאלפען בעשאפען די וועלט. אבער דערמיט וועט דיך דער יצר הרע אויך ניט פאנגען אין זיין נעץ, ווען ביי דיר וועט קלאָהר זיין אז דער בורא יתברך איז נור איינער, און וויסען וועסטו דאס און פערשטעהן פון דעם וואס איז געזאגט געווארען אין אנפאנג פון דיזען ספר.

און אז עס וועט דעם יצר הרע ניט געלינגען אריינצוברייגנען דיר אין ספקות אין דיזען פרט, וועט ער דיר נעהמען איינריידען, אז דיענען גאט דארף מען ניט. ער וועט דיר זאגען: „עס איז שייך אימיצען צו דיענען, ווען יענער, וועמען מען דיענט, דארף האבען די דיענסט וואס מען לייסטעט פאר איהם; אבער דער בעשעפער דארף ניט אנקומען צו די בעשאפענע. עס פעהלט איהם ניט אז מען זאל איהם דיענען, און דאס דיענען גאט האט ניט קיין טעם און קיין זינען." אבער אז דו וועסט קוקען מיט דיין שכל אויף דעם וואס עס איז פריהער געזאגט געווארען אין שער הבחינה וועגען די טובות וואס מיר געניסען פון גאט און אין שער עבודת אלהים, וואו עס ווערט ערקלעהרט, אז מיר זיינען מחויב אפצודיענען גאט פאר זיינע טובות, וועט דער דאָזיגער ספק אויך פערשווינדען און דו וועסט אויף זיך נעהמען די אויפגאבע צו דיענען גאט.

און אז דער יצר הרע וועט זיך מיאש זיין, אז ער וועט זיין איבערצייגט, אז ער קען מיט דיר אין דיזען פונקט אויך גארניט מאכען, וועט ער זוכען אריינצוברייגנען דיך אין ספק אין דעם עניין פון נבואה, נביאים און די תורה,

איהר וואהרהייט און די פליכט אויסצופאלגען איהר. ווען אבער דו וועסט זיך שטעלען געגען איהם מיט דיין שכל און דו וועסט מיט איהם שטרייטען מיט די טענות וואס זיינען געזאגט געווארען אין דריטען שער פון דיעזען ספר, וועלען די דאזיגע ספקות אויך אוועק פון דיר און דו וועסט זיכער זיין אין דעם ענין פון נבואה אז דאס איז אמת. און וועסט איבערצייגט זיין אז מען איז מחויב אויס־צופאלגען די געבאטען פון דער תורה און די שליחות פון א נביא אין אלע פרטים און אופנים.

## פרק ג׳

און אז דער יצר הרע וועט זיך מיאש זיין, אז ער וועט אויפגעבען די האפנונג איבערצוריידען דיך אין די פריהער דערמאהנטע זאכען, וועט ער דיך מאכען צווייפלען אין קבלה, אין די טראדיציעס וואס אונזערע אלטע חכמים האבען אונז געלערענט, אין תורה שבעל פה. ער וועט דיר זאגען, אז די געבאטען אדער פערבאטען וואס מען פערשטעהט מיט׳ן שכל אדער אפילו אזעלכע וואס מען פערשטעהט ניט, נור זיי ווערען דערמאהנט אין תורה שבכתב, אין תורת משה, זיינען אמת, אבער דאס וואס די חז״ל, די חכמי התלמוד והמשנה האבען געזאגט איז ניט בעגרינדעט און עס איז ניט קיין פפליכט מען זאל דאס אויס־פאלגען. ווען אבער דו וועסט דעם ענין בעטראכטען מיט׳ן שכל, וועסטו איינזעהען, אז די שכל׳דיגע מצות און די מצות פון דער תורה וואס מען פער־שטעהט ניט מיט׳ן שכל מוזען אונבעדינגט אנקומען צו דער קבלה, צו דער משנה און גמרא. ווייל קיין איין פערזאג אדער פערבאט וואלט ניט געווען פאלקאם אהן די קאמענטארען, אהן די אויסטייטשונגען פון די חז״ל, וועלכע ערקלערען דייטליך ווי פיעל אדער וויניג א זאך דארף געטהאן ווערען אדער ניט גע־טהאן ווערען; ווי, אויף וואס פאר אן ארט מצות דארפען דורכגעפיהרט ווע־רען; די צייט, דער ארט און אנדערע איינצעלהייטען, וועלכע ווערען ניט ארויסגעזאגט בפירוש אין דער תורה און מיט׳ן אייגענעם שכל וואלטען מיר דאס ניט פערשטאנען. און נאך א זאך: די תורה גופא הייסט אונז צו פערלאזען זיך אויף דער קבלה פון אונזערע חכמים אין זאכען וואס זי, די תורה, האט ניט ארויסגעבראכט פינקטליך און אויסדריקליך, אזוי ווי דער פסוק זאגט: "כי יפלא ממך דבר למשפט" — אז איהר וועט ניט וויסען עפעס א דין, זאלט איהר זיך פערלאזען אויף אייערע חכמים. און וויטער ווערט געזאגט: אז דער וואס וועט ניט פאלגען די חכמים זאל מען איהם דערפאר פעראורטהיילען צום טויט. און אז דו וועסט זיך אפשטעלען אויף דיעזע פאקטען, וועט דער ספק פון דיר פערשווינדען און דו וועסט איבערצייגט זיין, אז דו דארפסט אפהיטען אלע מצות, סאי די וואס דו פערשטעהסט מיט׳ן שכל, סאי די וואס די תורה הייסט דיר און דו פערשטעהסט ניט ווארום דאס איז אזוי, און סאי די וואס מיר האבען בקבלה פון אונזערע חכמים.

און אז דער יצר הרע וועט אין דיעזען פרט אויך גאר ניט קענען מאכען מיט דיר, וועט ער פרובירען אראפפיהרען דיך פון וועג אין דעם ענין פון בעלוינונג און שטראף. ער וועט דיר זאגען, אז דאס געהט ניט אן גערעכט ווי עס דארף זיין. ווארום ווען עס זאל טאקי אין דעם זיין אמת׳ע גערעכ־

טינקייט, וואלט א רשע קיינמאל ניט געווען גוט און א צדיק וואלט קיינמאל ניט געווען שלעכט, אזוי ווי מיר האבען שוין דערמאהנט די דאזיגע טענה אין פיערטען שער פון דיעזען ספר. אבער אז דער שכל וועט דיר אויפווייזען ווי גאט'ס משפטים זיינען גערעכט, ווי עס איז דארט אין שער הבטחון ערקלערט געווארען, וועט פון דיר דיעזער ספק אויך אוועק און דער יצר הרע וועט דיך ניט קענען פערפיהרען.

און ווען דער יצר הרע וועט זעהן, אז ער קען דיר אין דעם אויך ניט בייקומען, און אז די פראגע פון "רשע וטוב לו" און "צדיק ורע לו", די פראגע ווארום מיר זעהען אז א רשע געהט גוט און א צדיק געהט שלעכט איז פער־ענטפערט, וועט ער מאכען א פערזוך צו פערפיהרען דיך און צוטומלען דיין מח אין ענין פון שכר ועונש אויף יענער וועלט. ער וועט דיר איינריידען, אז קיינער האט ניט געזעהן אז מען שטראפט אין יענעם עולם אדער מען בעלוינט דארט, און אין די הייליגע שריפטען ווערט אויך ניט דערמאהנט וועגען שכר ועונש לעולם הבא. אבער אז דו וועסט זיך נעהמען די מיה ארייג־צוקוקען אין די ספרים פון אונזערע נביאים, וועסטו דארט געפינען פסוקים וואס ריידען וועגען דעם דאזיגען ענין. אין קהלת ווערט געזאגט: "והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה" — דער רוח, די נשמה קעהרט זיך נאכ'ן מענשען'ס טויט אום צו גאט, וועלכער האט איהר אריינגעגעבען אין גוף. אין זכריה איז דא א פסוק: "ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה" — איך וועל דיר (יהושע בן יהוצדק) געבען אן אומגאנג צווישען די דאזיגע שטעהענדע (די מלאכים). אין תהלים איז דא א פסוק: "מה רב טובך אשר צפנת ליראיך" — ווי גרויס איז דיין גוטס וואס דו, גאט, האסט בעהאלטען פאר די וואס האבען פאר דיר מורא, פאר די צדיקים, הייסט עס, לעולם הבא. עס זיינען דא נאך עהנליכע פסוקים וואס דייטען אן אי אויף שכר, אי אויף עונש אויף יענער וועלט. די פסוקים און דאס וואס די חז"ל האבען אויף זיי גע'דרשנ'ט, און דאס וואס מיר פערשטעהען מיט אונזער אייגענעם שכל, איז שוין גענוג צו בערוהיגען אונז און זיכער זיין אז עס איז דא גמול ועונש, בעלוינונג און שטראף לעולם הבא.

און אז דער יצר הרע וועט אין דיעזען פונקט אויך דורכפאלען, וועט ער זיך נעהמען די מיה פויל צו מאכען דיך און נאכלעסיג אין גאטעס דיענסט און דיר אנריידען אז דו זאלסט וואס מעהר בעשעפטיגט זיין אין וועלטליכע זאכען, ווי עסען, טרינקען, קליידען זיך און אנטהאן זיך אנדערע קערפערליכע תענוגים. און אז דו וועסט איהם געהארכזאם זיין אין דעם ענין פון עסען און טרינקען, וואס אהן דעם קען מען ניט אויסקומען, נור דו וועסט עס טהאן פון הנאה וועגען, וועט ער דיר שוין רעכט מאכען זאכען וואס זיינען איבעריג, וואס זיינען ניט נויטיג און ער וועט דיר בעליעבט מאכען הוליאנקעס און תענוגים און וועט דיך ברייינגען מקנא צו זיין די יעניגע וואס לאזען זיך וואוילגעהן און זוכען צו פערגלייכען זיך מיט זיי און פיהרען זיך ווי זיי און נאכקומען זייערע מנהגים אין זוכען וואס מעהר פערגניגענס. און וועט דער יצר הרע זעהן אז דאס געפעלט דיר, אז דו האסט חשק צו פיהרען זיך ברייט און לעבען רייך, וועט ער דיך, פערפיהרטען, זאגען: גורט אן דיינע לענדען, נעהם זיך אן מיט מוטה און כח און סטארקע זיך ווי ווייט מעגליך צו דינען די וועלט און איהרע מענשען, זעה נור געפעלען צו ווערען לייטען, אפשר וועסטו דערפון

גניסען פיעל ניט איז קערפּערליכע פערגעניגענס. דו זאָלסט זיך ניט בעשעפטיגען אין קיין זאַך פון וועלטליכע זאכען, סיידען דו וועסט האָבען אן אויסזיכט אז דאָס וועט דיר עפּעס העלפען צו גניסען פון דער וועלט און געווינען די לאַסקע פון מענשען, הן פון גרויסע לייט פון פיהרער און רעגיערער, הן פון פּראָסטען פאָלק.

ער וועט דיך, פערפיהרטער, ווייטער אַנריידען: דו זאָלסט זיך ניט בעמיהען צו לערנען חכמות און קענטנים סיידען אזעלכע וואָס קענען דיר בריינגען עהרע פון די מענשען פון דיין דור און נושא חן זיין דורך זיי ביי די גרויסע לייט פון דיין צייט, רעגיערונגס בעאמטע, שרים און אזוי אַנגעזעהענע מענשען. דער יצר הרע וועט דיר זאָגען: לערען זיך שפּראַכען, פערפאַסען שירים, גראַמאַטיקע, שעהנע פאַבעלען און אראַטאַרישע מליצות, כדי דו זאָלסט קענען קומען צווישען מענשען און האָבען וואָס צו זאָגען אין א שעהנער שפּראַך און מען וועט דיר דערפאַר צוטהיילען כבוד. די אַנדערע חכמות, ווי די חכמת התורה, וועט ער דיר זאָגען, איז שווער אויסצולערנען און עס בריינגט ווייניג נוצען. דאָס אַלעס קען דער יצר הרע אַנריידען, ווען מען לאָזט זיך צו איהם צו און מען גיט איהם נאָך אין זוכען מותרות, איבעריגע זאכען וואָס זיינען ניט נויטיג און מען קען אויסקומען אָהן זיי. ווען אָבער דער מענש זאָל זיך לכתחילה ניט צולאָזען צום יצר הרע און איהם זאָגען: איך וויל ניט קיין מותרות, קיין איבעריגע תענוגים, איך דאַרף זיי ניט, פיעל איך האָב איז פאַר מיר גענוג אבי אויפהאַלטען דעם לעבען, און אויב גאָט וועט מיר געבען מעהר פיעל איך איך דאַרף האָבען נויטיג אָהן מיה און אָהן אַנשטריינגונג, וועל איך עס אויסגעבען אויף דעם וואָס געהעריג איז און דער דין איז — אויף צדקה אָדער אַנדערע מצות זאכען, און וועט ווידער גאָט ניט געבען מעהר, וועל איך זיך בעגנוגענען מיט פיעל עס איז און ניט פערלאַנגען מעהר; ווען מען וואָלט אַנפאַנגס אַן אזוי געזאָגט, וואָלט דער יצר הרע באַלד געשלאָגען און צובראָכען געוואָרען און ער וואָלט שוין ניט געהאַט קיין ווייטערען צוטריט. אז מען גיט איהם אָבער נאָך אביסעל, אז מען פאָלגט איהם און מען לאָזט זיך פיעל ניט איז אריין אין העסליכע תאוות און תענוגים, געהט ער ווייטער פון שטופע צו שטופע ביז ער בריינגט דעם מענשען צו פערליערען אי די וועלט, אי יענע וועלט.

דאָס איז אַלעס ביישפּיעלע פון איין אַרט און ווייזע ווי אזוי דער יצר הרע קען דעם שוואַכזיניגען און אונוויסענדען מענשען אראָפּפיהרען פון גלייכען וועג און אריינוואַרפען איהם אין ספקות. ווען דער מענש איז אָבער ניט קיין נאַר און וויים און פערשטעהט גאָט און זיין תורה, וועט דער יצר הרע זוכען צו פערפיהרען איהם און פערטומלען איהם אויף אן אַנדער אופן. ער וועט אויסזוכען טענות און ראיות צו פערדאַרבען זיין אמונה, זיין וויסען און זיינע מעשים דורך וואָס פאַר א וועג ניט איז. ער וועט געפינען וואָס אויסצוזעצען געגען זאכען וואָס דער מענש פערשטעהט מיט'ן שכל, אויף זאכען וואָס ווערען געזאָגט אין פסוק און אויף זאכען וואָס מיר האָבען בקבלה פון אונזערע אַלטע חכמים. און אויף אַלץ וועט ער בריינגען בעווייזע, נאַרישע בעווייזע וואָס זיינען דורכאויס פאַלש, פון אָנהויב ביז'ן סוף און מען קען פון זיי גאָר ניט דרינגען. און אויב דיין שכל וועט זיין קלאָהר און דיין חכמה שטאַרק גענוג, בעת דו וועסט דיסקוטירען מיט'ן יצר הרע, וועסטו איינזעהן זיין טעות און ווי פאַלש זיינע

טענות און ראיות זיינען. דער אמת וועט דאן ביי דיר קלאָהר ווערען און דו וועסט אנערקענען די ריכטינקייט און דו וועסט מציל זיין דיין חכמה פון די ספקות, וואָס דער יצר הרע וועט וועלען אריינגעבען אין דיין מח און עס וועט קיין צומישעניש, קיין צוטומלעניש קומען אין דיינע מעשים.

אויב אָבער דיין פערשטאנד וועט זיין צו שוואך, וועט דעם יצר הרע'ס פערפיהרונגס קראפט זיך שטארקען איבער דיר אלע מאָל מעהר און אלץ גע־שווינדער און געשווינדער און ער וועט קריגען די ממשלה איבער דיר סאי אין אָפענע זאכען, סאי אין פערבאָרגענע, ווייל ער וועט דיר כלומרשט אויפציינען ניט געהעריגע זאכען מיט'ן שכל און מיט ראיות, וועלכע וועלען דיר צופריעדען שטעלען.

און אז דיין שכל וועט פערפיהרט ווערען פון דעם יצר הרע'ס טענות, וועט ער, דער שכל, זיך אָפּווענדען פון דיר און דער יצר הרע וועט דיין שכל געברויכען צו פערפיהרען דיך נאָך מעהר. דיין אייגענער פערשטאנד אויף וועל־כען דו פערלאָזט זיך אין זאכען וואָס דו ווייסט ניט אויף געווים אָדער זאכען וואָס דו פערשטעהסט ניט ריכטיג, וועט דאן ווערען א וואפען אין יצר הרע'ס האנד ארונטערצונעהמען דיך אונטער זיין רשות.

און אז ער וועט דיך בעזיעגען און קריעגען די ממשלה איבער דיר מיט די הילף פון דיין אייגענעם שכל וואָס ער, דער יצר הרע, האָט פערטעמפּט אריינגעבענדיג אין דיין מח טענות און ראיות וואָס זיינען פאלש, וועט ער דיך נאָכהער אוועקשטויסען פון דער מדרגה וואָס איז נאָהענט צום אמת און דער שקר איז אין איהר ניט אנזיכטיג און וועט דיר ברייננען צו א מדרגה, וואָס דער שקר איז דער עיקר און דער אמת זעהט זיך ניט אָן. ער וועט דיך, הייסט עס, אזוי פיעל פערפיהרען, אז דו וועסט אינגאנצען אוועק פון אמת און וועסט בלייבען בלויז ביים שקר. דורכדעם וועט ער דיך אויסוואורצלען פון דער וועלט און דיר מאכען פערליערען דיין עולם הבא. עס וועט דעריבער אויסקומען, אז דיין חכמה וועט זיין די אורזאך צו ברייננען אויף דיר שלעכטעס און דיין אייגענער שכל וועט פיהרען צו דיין פערניכטונג, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין הושע: "ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם" — גאָט'ס וועגען, די לעהרען פון זיין תורה, זיינען רעכטפערטיג. צדיקים געהען אין זיי און זינדיגע ווערען אין זיי געשטרויכעלט. דאָס דריקט אויס דעם געדאנק, אז א מענש קען אמאָל פערפיהרט ווערען דורך זיין אייגענעם שכל און דורך זיין לערנען און וויסען די תורה.

דעריבער זאָג איך, אז די חכמה, ווען מען געהט מיט איהר אויפ'ן ריכטיגען וועג, איז זי א רפואה צו אלע וועהטאָגען; ווען אָבער מען געהט מיט איהר ארונטער פון געהעריגען וועג, איז זי א וועהטאָג אָדער א קראנקהייט, וואָס עס איז צו איהר ניטאָ קיין רפואה און קיין סגולה. דעריבער ווערט די תורה געגליכען צו פייער, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין ירמיה: "הלא דברי כאש" — מיינע רייד, די תורה, איז אזוי ווי פייער. אזוי ווי פייער בעלייכט דיא פינסטערניש און ווען מען איז ניט פאָרזיכטיג דערמיט קען דאָס פערברענען, אזוי איז אויך די חכמת התורה, געברויכט מען עס ווי געהעריג איז, איז עס א ליכט פאר די אויגען, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: "מצות ה' ברה מאירת עינים" — גאָט'ס געבאָט איז לויטער און דערלייכט די אויגען; ווען אָבער מען נוצט אויס די חכמת התורה אויף כפירות, חס ושלום, ווערט

דער מענש דורכדעם גופא פערברענט, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין ירמיה: "כי באש ה' נשפט" — מיט'ן פייער פון דער תורה משפט גאָט, רעכענט ער זיך אָפּ מיט די רשעים.

דעריבער זיי פאָרזיכטיג און טרעט ניט אָפּ פון דעם וועג פון די אבות און דיינע פאָרגעגנגער און נעהם זיך ניט אויף קיין פאַלשען וועג. פערלאָז זיך ניט אזוי שנעל אויף דיין שכל און מיין ניט אז ער איז דער איינציגער ריכטיגער ראטה־געבער און בעטראכט גוט וואָס די דאַרפסט טהאָן און וואָס דו דאַרפסט ניט טהאָן. דו זאָלסט ניט חושד זיין דיינע עלטערן, דיינע אמאָ־ליגע לעהרער, אז דאָס וואָס זיי האָבען דיר געלערענט איז ניט פון דיין טובה וועגען, און דו זאָלסט זייער לעהרע ניט צונישט מאכען, כאָטש דיין שכל בענעהמט דאָס ניט אזוי שנעל. ווארום אלעס וואָס עס קומט דיר ארויף אויפ'ן זינען, איז שוין זיי, אונזערע אלטע לעהרער, פריהער ארויפגעקומען אויפ'ן זינען און זיי האָבען דאָס גוט בעטראכט און ענטשלאָסען אָנגענומען וואָס עס איז גוט און וואָס איז ניט גוט. עס קען זיין, אז דו פערשטעהסט בלויז דעם אָנפאנג פון א זאך וואָס איז טאקי גוט, אָבער דו זעהסט ניט פאָראויס דעם שאַדען וואָס דאָס קען ברייננגען צום סוף. דו מיט דיין קורצען ישוב הדעת זעהסט נור די גוטע זייט און בעמערקסט ניט די שלעכטע, די שעדליכע זייט. דעריבער האָט שלמה המלך געזאָגט אין משלי: "אל תסג גבול ראשונים" — דו זאָלסט ניט אָפּרוקען די גרעניץ פון די ערשטע, דו זאָלסט, הייסט עס, ניט אָפּטרעטען פון די לעהרען פון די נביאים און חכמים. אין אן אנדער פלאץ זאָגט ער: "שמע בני מוסר אביך" — הער מיין זוהן די שטראָף רייד פון דיין פאָטער. דאָס הייסט, פאָלג אוים וואָס פערצייטיגע חכמים לערנען דיר, אויב אפילו אין פלוג צייגט דיר דיין שכל אנדערש, ווארום אז דו וועסט זיך נעהמען די מיה און צייט צו בעטראכטען אלעס ריכטיג, וועסטו איינזעהן אז זיי זיינען גערעכט געווען.

אָבער, אויב נאכדעם ווי דו האָסט שוין מקיים געווען דירעקטע פערזאָגען, ווילסטו נעהמען אויף זיך צו טהאָן מעהר ווי די תורה, די נביאים און אונזערע חכמים הייסען, און דו ווילסט עס טהאָן אוים ליעבע צו דער זאך, ווייל דיין שכל דיקטירט דיר אזוי, אָבער ניט צוליעב וועלכע עס איז אייגענע הנאה אָדער תאוה, קענסטו דאָס טהאָן און דו וועסט דערפאר קריגען שכר. טהאָן לפנים משורת הדין, מעהר ווי דער דין איז, הייסט ניט אָפּטרעטען פון גבול פון דער מצוה. אונזערע חכמים האָבען אונז געהייסען: "ועשו סיג לתורה" — מאכט א צאם צו דער תורה, בעפעסטיגט, הייסט עס, די תורה, די פערזאָגען פון דער תורה דורך טהאָן אָדער ניט טהאָן זאכען וואָס זיינען אויסער דעם דירעקטען דין. עס זיינען, צום ביישפיעל, דאָ זאכען וואָס לויט דעם דין פון דער תורה מעג מען זיי טהאָן, אָבער מען טהוט זיי ניט אלס בעוואָרעניש, אז מען זאָל ניט עובר זיין אויף א דירעקטען פערזאָג. אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: פארוואָס איז ירושלים חרוב געוואָרען? ווייל די אידען האָבען אלעס געשטעלט אויפ'ן דין פון דער תורה און ניט געטהאָן לפנים משורת הדין, מעהר ווי די תורה פאָדערט דירעקט אז מען זאָל טהאָן. א געוויסער חסיד האָט געזאָגט: דער וואָס גיט ניט צו, דער וואָס טהוט ניט מעהר ווי עס איז בפירוש געשריעבען אין דער תורה, דער צאָהלט ניט דעם עיקר חוב, דער איז, הייסט עס, ניט מקיים די אָריגענעלע מצוה. נאָכ'ן דין פון דער תורה, למשל,

מעג מען טהאָן געוויסע זאכען אום שבת, נור אונזערע חכמים האָבען געמאכט א גדר אז מען זאָל זיי ניט טהאָן, ווייל אויב מען וועט די זאכען טאָן, קען דאָס ברייגנען צו טאָן אזעלכע מלאכות וואָס זיינען דירעקט פערבאָטען. איז אויב איינער איז עובר אויפ׳ן גדר, איז גלייך ווי ער איז עובר אויפ׳ן עיקר, אויפ׳ן אָריגינאל וואָס די תורה האָט פערבאָטען. טהאָן ווידער לפנים משורת הדין און ניט מקיים זיין דעם דין גופא, איז, פערשטעהט זיך, לעכערליך און מען קען מיט דעם ניט יוצא זיין.

און אונזערע חכמים האָבען אונז אָנגעוויזען אויף זאכען וואָס מיר מעגען טהאָן מעהר ווי דער דין איז, אויב מיר ווילען, און ווידער זאכען וואָס זיי האָבען אונז פערפליכטעט צו טהאָן מעהר. ווי, למשל, מוסיף זיין מחול על הקודש, אָננעהמען שבת אָדער יום טוב פריה, מאכען, הייסט עס, דעם היי־ליגען טאָג מעהר, גרעסער, אָדער אין א תענית ווי יום כפור זיינען מיר מחויב אָנצופאַנגען איהם פריהער איידער עס ווערט נאכט. אזוי איז אויך מיט תפלה און צדקה, דארפען מיר טהאָן וואָס מעהר. מיר טאָרען אויך ניט עסען צופיעל, כאָטש על פי דין פון דער תורה איז דאָס אונז ניט פערבאָטען. מיר טאָרען ניט שווערען מיט גאָט׳ס נאָמען אפילו אויף אָן אמת. מיר טאָרען קיין סך ניט ריידען, אפילו ווען די רייד איז ריין פון שקר. עס איז אונז פערבאָטען צו ריידען וועגען די פיהרונגען פון מענשען, כאָטש מיר שענדען זיי דערמיט ניט. און מיר דארפען אויך ניט ליבען איינעם צופיעל, אויב אפילו ער איז בעך־רעכטיגט דערצו. און נאָך פיעלע זאכען וואָס זיינען ניט קיינע דינים פון דער תורה, נור אונזערע חכמים האָבען עס געמאכט נדרים, בעוואָרענישען אז מען זאָל ניט קומען עובר צו זיין אויף דירעקטע פערזאָגען אָדער פערבאָטען פון דער תורה.

## פרק ד׳

איצט וועלען מיר דייטליכער ערקלעהרען דעם צווייטען טהייל פון דעם יצר הרע׳ס טהעטיגקייט, ווי אזוי ער קען מענשען אראָפפיהרען פון וועג טאקי דורך דער תורה גופא, ווי אזוי ער קען דורך פאלשע ראיות פון די הייליגע שריפטען מאכען זינדיגען די יעניגע וואָס ווייסען און פערשטעהען די תורה. איך וויל אָנגעבען איניגע ביישפיעלע, פון וועלכע מען וועט קענען דריינגען אויף אנ־דערע ענינים אין דער מענש וועט זיך מיט גאָט׳ס הילף קענען היטען און בעך־וואָרענען אז ער זאָל ניט פערפיהרט ווערען.

ווארום עס איז ניטאָ קיין גוטע זאך, וואָס זאָל דאגעגען ניט האָבען עפּעס שלעכטעס, וואָס קען דאָס גוטעס קאליע מאכען. און דער וואָס ווייס וועלכע זאכען עס קענען פערדארבען דאָס גוטעס, קען וויסען ווי אזוי צו היטען זיך פון זיי; אָבער דער וואָס ווייס נור די גוטע זייט, דער קען זיך ניט אויסדרעהען פון די שלעכטע באַגעגענישען אין דעם זעלבען גוטען ענין.

א געוויסער פרומער מאן האָט אָנגעזאָגט זיינע תלמידים: לערענט פריהער אויסצומיידען דאָס שלעכטעס און נאָכהער לערענט צו טהאָן גוטעס. אזוי ווי ירמיהו הנביא האָט געזאָגט: ״נירו לכם ניר ואל תזרעו אל קוצים״ — אקערט,

בעאַרבייט פריהער די לאַנד און זעעט ניט אין דערנער. דאָס הייסט: בעוואַרענט זיך פריהער פון טהאָן שלעכטעס און דאַן טהוט גוטעס.

און רבי יוחנן בן זכאי רעדענדיג וועגען בעטרוג, וועגען שווינדעל אין פאַלשע וואָג און מאָס, האָט געזאָגט: „אוי לי אם אומר, אוי לי אם לא אומר" — עס איז מיר ניט גוט צו זאָגען ווי אזוי מען קען בעגעהן פאַלשקייטען אין וואָג און מאָס, און עס איז מיר ניט גוט ניט צו זאָגען. וועל איך זאָגען, וועלען זיך רמאים, שווינדלער אויסלערנען ווי אזוי צו בעשווינדלען; וועל איך ניט זאָגען, וועלען די שווינדלער לאַכען און זאָגען, אז מיר, תלמידי חכמים, ווייסען ניט און פערשטעהען ניט זייערע מעשים. ענדליך האָט רבי יוחנן יאָ אַרויסגעזאָגט און ערקלעהרט ווי אזוי, דורך וואָס פאַר אַ אופנים מען קען נאַרען אין וואָג און אין מאָס, ווייל ער האָט זיך פערלאָזט אויף'ן פסוק: "ישרים דרכי ה' וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם" — גאָטס וועגען זיינען רעכטפערטיג, און די צדיקים געהען אין זיי און די רשעים ווערען אין זיי נעשטרויכעלט, זיי פאַלען, הייסט עס, אריין. דאָס מיינט צו זאָגען, אז מענשען דאַרפען וויסען ביידע זייטען פון טהאַטען, אי די גוטע, אי די שלעכטע, איז דער צדיק וויים אויסצוהיטען זיך פון דאָס שלעכטעס און וועט טהאָן נור דאָס גוטעס, און דער רשע נעהמט זיך אויף דער שלעכטער זייט.

און איך וועל זאָגען, אז אַלעס וואָס איז דערמאָהנט געוואָרען אין דיעזען שער וועגען די ספקות, אין וועלכע דער יצר הרע זוכט אריינצוּוואַרפען דעם מענשען, איז אויב עס געלינגט איהם ניט און ער קען אַליין דעם מענשען ניט פערפיהרען מיט אַלע זיינע טענות און ראיות, ווייל דער מענש פערשטעהט ווי נאַריש און פאַלש זיי זיינען, קומט ער איהם איבעררייִדען און זוכען צו פערפיהרען איהם גאָר אויף אַן אַנדער אופן. אז דו שלאָגסט אָפּ אַלע זיינע ביז איצט דערמאָהנטע אַרגומענטען, זאָגט דער יצר הרע צו דיר אזוי:

"מיך פרעהט זעהר וואָס דו פיהרסט זיך אויף אזוי פיין, וואָס דו האָסט אמונה און דיין האַרץ איז גאַנץ מיט גאָט. דו האָסט שוין דערגרייכט אַזאַ מדרגה וואָס קיין אַנדערער אויסער דיר האָט ניט דערגרייכט. דו האָסט שוין דעם בעשעפער געגוג, נאָך צופיעל אָפּגעדאַנקט פאַר די גוטעס און חסדים וואָס ער האָט מיט דיר געטהאָן, דאַרפסטו איצט זעהן בעצאָהלען דיינע שולדען צו מענשען. ווארום דו ווייסט דאָך אז זיי, דיינע מיטמענשען, זיינען דיא סבות פון דיין הילף און שאַדען, דאָס הייסט: דורך מענשען קענסטו דערהויבען ווערען און דורך מענשען קענסטו ערניעדעריגט ווערען. עס איז דאָך קלאָהר, אז ווען דו וועסט מענשען געפעלען זיין, ווען דו וועסט ביי זיי לאַסקע האָבען, וועסטו בעשעהנט ווערען און קריגען פון זיי טובות, און אויב זיי וועלען אויף דיר בייז זיין, אויב זיי וועלען דיך פיינט האָבען, וועט עס דיר שאַדען. דעריבער וועגד אָן מיטעל צו געווינען זייער לאַסקע, צו מאַכען זיך בעליעבט ביי זיי און דערמיט גופא וועסטו טהאָן דעם רצון פון דיין בעשעפער, אזוי ווי די חכמים זאָגען: כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו" — דער וואָס לייט זיינען מיט איהם צופריעדען, איז גאָט מיט איהם אויך צופריעדען".

אזוי וועט דיך דער יצר הרע וועלען אריינשלעפען אין דער מדה פון חניפה דורך די רייד פון אונזערע חכמים. אָבער דו זאָלסט זיך אויף אַזאַ אופן אויך ניט לאָזען פערפיהרען און ענטפער איהם:

"און וואָס וועל איך דערפון האָבען ווען איך וועל זיך שמייכלען און זוכען געפעלען צו ווערען אזא שוואכע בעשעפעניש ווי איך בין אליין? וואָס וועל איך געניסען פון אזעלכען וואָס קען מיר גאָר ניט העלפען און ניט שעדיגען? האָט דאָך שוין ישעיה הנביא געזאָגט: "חדלו לכם מן האדם" — מיידט אויס מענשען, זוכט ניט די לאסקע פון מענשען. און ווען אפילו עס וואָלט געווען א חוב, א פפליכט צופריעדען צו שטעלען מענשען, ווי אזוי קען מען אלעמען צופריעדען שטעלען? ווי אזוי קען איך זיך מאכען בעליעבט ביי אלעמען, אז איך קען דאָס ניט אויספיהרען אפילו בײ מיינע אייגענע שטוב מענשען? פאָלגליך איז דאָך דאָס סאי ווי סאי אן אומזיסטע ארבייט און איך דאַרף זיך מיט דעם ניט אָפּגעבען. און דאָס וואָס אונזערע חכמים זאָגען וועגען דיעזען עניין, ווי דו האָסט פריהער דערמאָהנט, מיינט עס ניט אז עס איז א חוב אז א מענש דאַרף זוכען געפעלען צו ווערען מענשען; דאָס מיינט נור, אז מען דאַרף ערפילען די שולדען צו גאָט, וועט מען במילא האָבען לאסקע ביי מענשען, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים עמו" — אז גאָט געפעלען די וועגען, אין וועלכע א מענש געהט, מאכט ער, אז אפילו זיינע שונאים זאָלען זיינע גוטע פריינד ווערען. און ווען מיר זעהן אז א מענש איז בעליעבט ביי אלעמען און אלע פון גרוים ביז קליין לויבען איהם און ריהמען איהם און זיינע מעשים זיינען זיי געפעלען און זײ טהוען איהם טובות, איז דאָס א בעווייז, אז גאָט האָט עס איינגעפלאנצט אין די הערצער פון מענשען ליעבע און אכטונג צו איהם, צו די בעליעבטע פערזאָן, א זאַך וואָס גאָט טהוט ניט פאַר רשעים, נור פאַר צדיקים, און דאָס מיינען אונזערע חכמים: "כל שרוח הבריות נוחה הימנו" — דער וואָס האָט לאסקע ביי מענשען, איז א סמן אז ער איז א צדיק און האָט לאסקע ביי גאָט, אָבער עס איז ניט דער וועג פון א פרומען מענשען, פון א צדיק צו זוכען מיטעל ווי אזוי געפעלען צו ווערען, נושא חן זיין ביי לייטען פאַר זיין פרומקייט אָדער צדקות".

דעריבער היט זיך דערפון און פון עהנליכעס וואָס דער יצר הרע וויל דיר איינשמועסען, ווייל זיין כונה איז ארויפצופיהרען דיך אויף א שלעכטען וועג און פאנגען דיך אין דעם נעץ פון חניפה. און אז ער וועט דיך לויבען און ריהמען, זאָלסטו איהם ענטפערען: "וואָס איז דען דיין לויב געזאַנג אויף א גוטע מעלה וואָס דו האָסט אין מיר געזעהן? איך וויים אליין אז גאָט האָט מיר געגעבען געוויסע מעלות און אייגענשאַפטען, פאַר וועלכעס איך בין מחויב אָפּצוצאָהלען איהם, און פערקעהרט: דער בעשעפער קען נאָך צו מיר האָבען טענות וואָס לויט די גוטע אייגענשאַפטען וואָס איך בעזיץ, טהו איך ניט גענוג פאַר איהם, פאַר זיין הייליגען נאָמען. און ווען אפילו איך זאָל טהאָן גוטע מעשים לויט מיין פעהיגקייט און וויסען, וועט דען דאָס גענוג זיין אָפּצודאנקען איהם פאַר די קלענסטע פון זיינע טובות וואָס ער האָט מיט מיר געטהאָן? און וואָס איז אין גאנצען מײַן לעבענס צייט אנטקעגען די יאָהרען וואָס די וועלט שטעהט? און ווען אפילו איך זאָל האָבען דורכגעלעבט די גאנצע צייט פון דער וועלט עקזיסטענץ, וואָלט אויך ניט גענוג געווען איבערצודערצעהלען דיא טובות וואָס דער בעשעפער האָט מיט מיר געטהאָן און אָפּצאָהלען איהם אלעם וואָס איך בין איהם דערפאַר שולדיג. און דער פסוק האָט שוין געזאָגט אין ישעיה: "כל הבשר חציר וכל הסדו בציץ השדה" — א מענש איז ניט מעהר

ווי גראַז און אלע זיינע חסדים, אלעס וואָס ער טהוט פון גאָטס וועגען איז אזוי נישטיג ווי שפּראַצונג פון פעלד אנטקעגען די טובות וואָס דער מענש געניסט פון גאָט. און אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: ״אם אין אני לי, מי לי? וכשאני לעצמי, מה אני? ואם לא עכשיו — אימתי?״ — אז איך, מענש, וועל אליין ניט ביישטעהן געגען דעם יצר הרע, טאָ ווער וועט עס פאַר מיר טהאָן? און אויב אפילו איך טהו דאָס, אויב איך בין גובר דעם יצר הרע, וואָס פאַר א ווערדע האָב איך מיט מיינע מעשים געגען די חסדים וואָס גאָט טהוט מיט מיר? און אויב ניט איצט, אין די געצעהלטע יאָהרען וואָס דער מענש לעבט, טאָ ווען קען ער פיעל ניט איז אפּצאָהלען די שולדען צו גאָט?״

דאָס זאָל זיין דיין תשובה צום יצר הרע אויף זיין פאַריגע טענה.

און אז ער וועט איינזעהן, אז ער האָט גאָר ניט גע׳פּועל׳ט און דיך ניט געבראַכט צו דער מדה פון חניפה, צו זוכען געפעלען ווערען מענשען, כדי וואָס ניט איז געניסען פון זיי, וועט ער פּרובירען איבערהיידען דיר, אז דו זאָלסט זוכען קונה שם צו זיין אויף דער וועלט. טאַקי ניט זוכען קיינע מאַטעריעלע נוצען אָדער טובות פון מענשען, אָבער פערלאַנגען כבוד פאַר די צדקות, פאַר די פרומקייט. ער וועט דיר זאָגען:

״מיך פרעהט זעהר צו וויסען אז דו דיענסט גאָט און דו האָסט אין איהם בטחון אין אלע זאכען און אז דו ווענדעסט אָפּ דיין הארץ, דיינע רעיונות פון די הילף פון מענשען. איך זעה, אז דו ביזט דער אמת׳ער בעל בטחון מיט׳ן גאַנצען הארצען, אָבער צו וואָס זאָלסטו פערבאָרגען דיין פרומקייט? וויבאלד אז דו ביזט אזוי ערנסט אין דער זאך און דו בעשטרייטסט דיינע תאוות און דו ביזט איבערגעגעבען נור צו גאָט, וואָלט רעכט געווען דו זאָלסט ארויסווייזען דיינע מעשים צו מענשען, ענטדעקען זיי דיין הארץ, וועסטו פון זיי האָבען כבוד און דו וועסט זיך קויפען א שעהנעם נאָמען, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין שמואל ב׳: ״ועשיתי לך שם גדול כשם הגדולים״ — איך גאָט וויל דיך, דוד, מאכען ערווערבען א גרויסען נאָמען אזוי ווי דער נאָמען פון בעריהמטע גרויסע לייט. זעהט מען דאך אז קונה שם זיין איז ביי גאָט ניט אנגענומען פאַר קיין חסרון אָדער עולה. און ווידער: אז דו וועסט פאַר לייטען ארויסגעבען ווי פרום און עהרליך דו ביזט, וועלען זיי זיך פון דיר אָפּלערנען צו זיין אזוי ווי דו. דעריבער בעהאלט זיך ניט מיט דיין גאָטעס דיענסט און וואָס דו קענסט אריסווייזען, ווייז ארויס, וועסטו אויף דער וועלט האָבען כבוד און דו וועסט דורכדעם אויך פערדיענען גוטען שכר לעולם הבא״.

אז דער יצר הרע וועט דיך אזוי אָנריידען, זאָלסטו איהם ענטפערען:

״און וואָס פאַר א נוצען וועל איך האָבען דערפון וואָס מענשען וועלען מיך ליבען און איך וועל צווישען זיי האָבען א נאָמען? וואָס וועט עס מיר צוגעבען אין דער צייט ווען איך וועס ווי הינטערשטעליג איך בין אין צאָהלען די שולדען וואָס איך בין שולדיג דעם בעשעפער? און וואָס פאַר א הנאה וועל איך האָבען פון דעם כבוד און אכטונג פון מענשען בעת זיי קענען מיר ניט טהאָן קיין גוטעס אָדער אָפּווענדען שלעכטעס פון מיר? אין דעם פּרט זיינען זיי דאָך אזוי ווי וואקסונגען אָדער ניט רעדעוודיגע לעבעדיגע בעשעפעניסען, אזוי ווי יענע קענען מיר ניט העלפען, אזוי קענען די מענשען אויך ניט. און עס קען גאָר זיין, אז אויב מיין כונה וועט זיין צו קריגען כבוד, וועל איך דאָס דוקא ניט קריגען. אפשר אז איך וועל זיך בעריהמען מיט מיין פרומקייט,

וועט מען מיך אָננעהמען פאַר א חונף, פאַר אזעלכען וואָס מאסקירט זיך בלויז אלס א פרומער און גאָטספאַרכטיגער, און אנשטאָט צו געבען מיר כבוד, וועט מען מיך האסען און שענדען, וועל איך דאַן פערשפּיעלען ביידע זאכען, אי איך וועל פערדארבען מיינע גוטע מעשים צו גאָט, אי איך וועל ניט האָבען קיין כבוד דאָ אויף דער וועלט. עס ווערט דערצעהלט, אז א אידישען מלך פון די מלכים פון בית שני איז ניט געפעלען געווען דאָס לייענען פון א בעל קורא. האָט מען איהם געפרעגט: "סטייטש, ער לייענט דאָך אזוי שעהן, זיין שטימע איז זיס און ער היט אָפּ ריכטיג די טראָפּ און די כללים פון דקדוק?" האָט דער מלך געענטפערט: "ווי אזוי קען זיין לייענען ביי מיר אנגנעהם זיין, אז זיין כונה איז נור ער זאָל מיר געפעלען זיין און מיך צופריעדען צו שטעלען? ווען זיין כונה וואָלט געווען געפעלען צו ווערען בלויז דעם בעשעפער, וואָלט ער מיר אויך געפעלען געווען". אזוי דאַרף אויך געזאָגט ווערען אויף די וואָס דאַווענען פאַר'ן עמוד און די חזנים וואָס פלייסען זיך און זינגען נייע פּיוטים אין נגונים, כדי אויסצונעהמען ביי מענשען און האָבען ניט אין זינען גאָט, אז זייער תפלה ווערט ניט אָנגענומען אין הימעל.

און דו זאָלסט דעם יצר הרע נאָך זאָגען:

"אויב איך וועל יאָ האָבען כבוד אויף דער וועלט פאַר מיינע מעשים טובים, וועל איך שוין אפשר אויף יענער וועלט ניט בעלוינט ווערען, ווייל איך וועל האָבען אריינגעכאַפּט מיין שכר דאָ אויף דער וועלט. מען דערצעהלט אויף א געוויסען חסיד אז ער איז אמאָל געגאַנגען אין מארק עפּעס איינקויפען. איז ער אריין אין א קראָם און זיך געדונגען. האָט א שכן געזאָגט צום קרעמער: "גיט איהם נאָך, ווייל ער איז א לערנער און א גאָטס פאַרכטיגער". האָט דער חסיד זיך אָפּגערופען: "איך בין ניט געקומען קויפען סחורה פאַר מיין תורה און יראת שמים. איך וויל קויפען פאַר געלד". און ער איז אוועק ערגיץ אנדערש, וואו מען קען איהם ניט און מען וויים איהם ניט".

"און דאָס וואָס דו, יצר הרע, ברייגגסט מיר א ראיה פון דעם פּסוק "ועשיתי לך שם גדול", איז קיין ראיה ניט. דאָס מיינט, אז דער בעשעפער פערשאַפט דעם צדיק כבוד פאַר זיינע גוטע טהאטען, אזוי גוט ווי ער גיט איהם אנדערע זאכען, אזוי ווי דער פּסוק זאָגט אין מלכים א': "וגם אשר לא שאלת נתתי לך גם עושר גם כבוד" — און אויך וואָס דו (שלמה) האָסט ביי מיר ניט געבעטען האָב איך דיר געגעבען, אויך רייכטהום און כבוד, אָדער אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: "אורך ימים בימינה, בשמאלה עושר וכבוד" — אין דער תורה'ס רעכטע האנד איז לאַנג לעבען און איהר לינקע האנד — רייכטום און כבוד. דאָס הייסט: אז מען לערענט די תורה און מען פאָלגט אויס איהרע געבאָטען האָט מען אלעס, אי אריכת ימים, אי רייכטום, אי כבוד. דאָס קומט במילא פון גאָט'ס האנד, אָבער זוכען דאָס טאָר דער מענש ניט. אמת'ע חסידים, פרומע לייט דאַרפען אלעס טהאָן בלויז פון גאָט'ס וועגען, וועלכער טהוט זיי גוטעס און אמאָל אויך אונגלויביגע, כופרים, וואָס לייקענען אין גאָט און זיין תורה. דאָס איז געווענדט לויט די געטליכע חכמה און זיין הייליגען רצון".

"און וואָס איז אין גאַנצען די וועלט? וואָס פאַר א פּראָפיטען קען איך דערפון ציהען, אויב מיין נאָמען וועט פערשפּרייט ווערען אויף דער וועלט? ווי גרויס איז אינגאַנצען די מאָס פון מיינע טעג? ווי לאַנג איז אינגאַנצען

מיין לעבען? און אויב אפילו איך וועל שוין קריגען א שם וועט דאך דאס לאנג ניט געדויערען, ווארום נאך מיין טויט וועט מיין נאמען ניט בעוואוסט זיין אפילו אויף א קליינעם טהייל פון דער וועלט און מען וועט זיך אז מיר פערגעסען אזוי ווי גאר ניט געווען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: "תצא רוחו ישוב לאדמתו" — אז דער רוח, דער לעבענס־גייסט געהט ארויס פון מענשען, קעהרט ער זיך אום צו זיין ערד, און שלמה המלך זאגט אין קהלת: "אין זכרון לראשונים" — מען דערמאהנט ניט די ערשטע, די וואס האבען אמאל געלעבט. דעריבער איז זיך בעמיהען און זוכען אויף דער וועלט כבוד א פעהלערהאפטע זאך, וואס מען זעהט אז דאס איז פעהלערהאפט, און א מאוס'ער טעות וואס מען דארף אויסמיידען. מען דערצעהלט אויף א געוויסען חסיד וואס האט געפרעגט זיינעם א חבר: "איז ביי דיר אלץ איינס אויב מען לויבט דיך אדער מען שענדט דיך?" — האט יענער געענטפערט: "ניין". האט דער חסיד צו איהם געזאגט: "אויב אזוי, ביזטו נאך ניט געקומען צו דער מדרגה פון אן אמת'ן חסיד, פון א פרומען מאן. סטארע זיך, אפשר וועסטו קענען קומען צו דער ריכטיגער מדרגה, ווארום זי איז די העכסטע און בעסטע אין די מדרגות פון חסידות, פון אמת'ע פרומקייט און גאטעספארכטיגקייט".

דיעזע תשובה דיינע וועט אפשלאגען דעם יצר הרע'ס טענות אין דעם ענין פון כבוד זוכעריי.

## פרק ה'

און אז דער יצר הרע וועט זיך מיאש זיין, אז ער וועט אויפגעבען דיא האפענונג איבערצוריידען דיר אויפ'ן אופן ווי עס איז פריהער געזאגט געווארען, וועט ער זיך נעהמען צו פערדארבען דיינע מעשים אויף אן אנדער אופן. ער וועט אין דיר אריינגעבען א זינען, אז דו זאלסט זיין אריינגעטהאן אין עולם הזה זאכען, זיך אינטערעסירען אין דער וועלט און איהרע מענשען, אפגעבען פיעל צייט אויף זאכען וואס דו האסט צו זיי לוסט און פערגעסען דיין סוף, דיין טויט און יענע וועלט. און אז ער וועט זעהן אז דו האסט מעהר נייגונג צו עולם הבא און דו גיבסט זיך מעהר אפ מיט דעם; אז ער וועט דיך זעהן מתפלל זיין א תפלה של חובה, א תפלה וואס דו ביזט מחויב על פי דין, ווי, למשל, קריאת שמע, אדער א תפלת רשות, וואס עס איז אויף דעם ניטא קיין פערזאג, קיין פפליכט, אדער לערנענדיג תורה אדער וועלכע עס איז אנדער זאך וואס האט צו טהאן מיט אמונה און מוסר — אז דער יצר הרע וועט דאס זעהן, וועט ער צומישען דיינע רעיונות און דיר אריינגעבען אין זינען וועלטליכע זאכען וויא מסחר, קויפען, פערקויפען, פראפיט און שאדען. ער וועט דיר נאכהער זאגען:

"דו דארפסט צופריעדען זיין וואס דו־האסט א שטיקעל לידיגע צייט, ווען דו ביזט פריי פון דיינע אלטעגליכע עסקים. טא פערשווענד די צייט אויף אפרעכענען זיך מיט דיין שותף, מאכען א חשבון וואס דייך איינענס איז און וויפיעל דו ביזט וועמען שולדיג; וויפיעל חובות דו האסט איינגעמאהנט און וויפיעל דו האסט נאך איינצומאהנען; וואס דו דארפסט טהאן פון פרנסה וועגען און וואס דו דארפסט ניט טהאן; פון וואס פאר א מסחר דו ביזט צופריעדען געווען און אויף וועלכען דו האסט חרטה. און אויב דו האסט צו

אימיצען תביעות, בעטראכט יענעמס טענות און דיינע טענות און ווי אזוי דו זאלסט זיך קליגען און געווינען אין געריכט אדער ביי בית דין. ווען דו ביזט פערנומען אין דיינע עסקים, האסטו קיין צייט צו טראכטען וועגען דעם. איצט אבער, בעת'ן דאווגען אדער לערנען, איז די בעסטע צייט דו זאלסט אלעם אויספלאנעווען".

און אזוי אויך אויב דו האסט געלד אדער שאף, אדער לאנד צו בעארבייטען און זעען, אדער דו האסט עפעס צו טהאן פאר דיין הארה, פאר דיין ווירטה, ביי וועמען דו דיענסט, אדער עפעס אין קהל'שע זאכען, אדער דו ביזט א בעל חוב און דו קענסט די חובות ניט בעצאהלען, אדער דו האסט אזעלכע וואס דו דארפסט אויף זיי האלטען השגחה און אין זינען האבען וואס זיי דארפען טהאן אדער ניט טהאן — אויב דיר דארף ליגען אויפ'ן קאפ אזעלכע זאכען, וועט דיר דער יצר הרע זאגען, אז בעת דו דאווענסט, דו טהוסט אזוי תפלה אדער דו לערנסט איז די בעסטע צייט צו דענקען וועגען דעם. זיין כונה דערביי איז צו פערדרעהען דיין מח מיט אנדערע זאכען און קאליע מאכען און פערדארבען דיינע מעשים פון גאטס וועגען. דאס קען ער דיר אזוי איינריידען, ווען דו טהוסט עפעס פון גאטס וועגען נור מיט דיין גוף, מיט דיין מויל, אבער דיין הארץ איז ניט דערביי. ווען אבער דו וועסט דאווגען אדער לערנען מיט'ן הארץ, ווען דיין נשמה וועט זיין אריינגעטהאן אין דער זאך, וועט דער יצר הרע צו דיר קיין שליטה ניט האבען.

און אז עס וועט דעם יצר הרע ניט געלינגען אריינצוגעבען אין דיר די דערמאהנטע מחשבות, וועט ער דיר בעת'ן דאווגען אדער לערנען אריינברייגגען אין רעיון רעטעניסען אדער געוויסע ענינים, וועגען וועלכער מען דארף לאנג טראכטען. און אויב דער מענש איז אזעלכער וואס שפיעלט אין קארטען אדער אנדערע שפיעלערייען, שטעלט איהם דער יצר הרע פאר אין פאנטאזיע ווי דיא שפיעל איז פאר זיינע אויגען און ער פערטראכט זיך וועגען דעם און זוכט מיטעל ווי אזוי צו בעזיעגען די מיטשפיעלער און געווינען.

און אויב דאס גיט זיך דעם יצר הרע אויך ניט איין, געפינט ער אנדערע תחבולות ווי אזוי צו צוטומלען א מענשען'ס רעיונות בעת ער טהוט עפעס פון גאטס וועגען. אויב איינער איז א געלערנטער, א קענער אין געוויסע חכמות אדער וויסענשאפטען, ברייגגט ער איהם ארויף אויפ'ן זינען שווערע פראבלעמען און ער מאכט איהם אז בעת'ן דאווגען אדער לערנען זאל ער זוכען צו פערענט־פערען זיי און זיך דערוויסען דאס וואס ער ווייס ניט. און אויף די אלע זאכען געפינט דער יצר הרע א בערעכטיגונג — "טובה תורה עם מלאכה", תורה איז גוט מיט בעשעפטיגונג, זאגען אונזערע חכמים, און מעז מעג דעריבער ביים דאווגען אדער ביים לערנען טראכטען וועגען זייטיגע בעשעפטיגונגען. מיט אזעלכע טענות ווענדט דער יצר הרע אפ דעם מענשען'ס מחשבות פון גאטס דיענסט און ער פעראורזאכט איהם א סך מעהר שאדען ווי די פראפיטען וואס ער קען האבען פון טראכטען און פלאנעווען וועגען די אויבערדערמאהנטע ענינים אדער פון דערגעהן עפעס א זאך אין קענטנים אדער וויסענשאפט.

און ווען דער יצר הרע גיט דעם מענשען אריין אין זינען זייטיגע זאכען אין מיטען דאווגען אדער לערנען, איז נאך ניט אזוי שלעכט. האט ער דאך לכל הפחות אביסעל געדאווענט אדער געלערענט מיט דער ריכטיגער כונה. עס קען אבער פאסירען אז ער זאל איהם ביים אנפאנג תפלה אדער לימוד שוין

צומישען די רעיונות און ער זאָל פאר דער גאנצער צייט פון גאַטעס דיענסט גאָר אין זינען האָבען אנדערע זאכען און אזוי קען אויסקומען אז דער מענש זאָל מיט'ן מויל בעטען א כפרה אויף זיינע זינד און אין הארצען זאָל ער גאָר טראכטען צו זיין איהם דערווידער, צו זינדיגען געגען איהם, און אויף אַזעלכען זאָגט דער נביא ישעיה פון גאָטס וועגען: "בפיו ובשפתיו כבדוני ולבו רחק ממני" — מיט'ן מויל און מיט די ליפען האָט ער מיך געעהרט און זיין הארץ איז ווייט פון מיר.

און אז דער מענש וועט אויפוואכען און ווען דער יצר הרע קומט איהם צומישען די רעיונות, וועט ער זיך בעדענקען און וועט זאָגען: "ווי אזוי קען איך זיך בעגעהן מיט'ן בעשעפער אויף אַזאַ אופן וואָס עס איז ניט רעכט צו בעגעהן זיך מיט מענשען, ווען איך דארף צו זיי אָנקומען אָדער זיי דארפען אָנקומען צו מיר? ווארום ווען איך געה צו איינעם בעטען א טובה און מיין הארץ איז ניט מיט איהם, איז אויב ער וואלט עס געוואוסט, וואָלט ער מיך גע־האסט און וואָלט מיר די טובה ניט געטהאן. ווען ער זאָל נאָך וויסען אז איך האב אין זינען צו טהאָן איהם עפעס צולהכעיס, אויפצורעגען איהם, וואָלט ער געווים ניט ערפילט מיין פערלאנג. דאָסזעלבע וואָלט אויך געשעהן, ווען איינער פערלאנגט עפעס פון מיר און איך וואָלט געוואוסט, אז ער רעדט נור גוטע רייד מיט'ן מויל און אין הארצען טראכט ער גאָר צו דערצערענען מיך. היינט ווי אזוי זאָל איך זיך ניט שעהמען פאר מיין בעשעפער אז איך זאָל זיך מיט איהם בעגעהן אויף אַזאַ אופן וואָס איך וויל ניט אז אימיצער זאָל זיך מיט מיר בעגעהען און קיין מענש וויל ניט אז איך זאָל זיך מיט איהם אזוי בעגעהן? אז דו וועסט זיך אזוי איבערלייגען און בעטראכטען די זאך, וועט דער יצר הרע געשלאָגען ווירען.

און אז דער יצר הרע וועט איינזעהן, אז ער האָט מיט דעם גאָר ניט אויס־געפיהרט, וועט ער זוכען אן אנדער וועג ווי אזוי צו פערפיהרען דיך. ער וועט דיר אָנריידען אז דו זאלסט אין גאנצען אויפגעבען די מדה פון חניפה און ניט בענוטצען דאס אפילו אין קלענסטען מאסשטאב. ער וועט דיר זאגען: "דו קענסט ניט דיענען גאָט מיט'ן גאנצען הארצען סיידען דו זאָלסט דערוויי־טערען פון דיר חניפה; דו זאָלסט, הייסט עס, בעוואָרענט זיין, אז קיינער וועט דיך ניט חנפה'ענען און ניט זאָגען א גוט וואָרט אויף דיר. און דאָס קענסטו אנדערש ניט אויספיהרען סיידען דו זאָלסט דיינע אלע גוטע מעשים פערבאָרגען און זיך צייגען פאר דער וועלט אין קאָנטראסט, אין היפוך ווי דו ביזט. דו זאָלסט הייסט עס, דיענען גאָט ווי געהעריג איז און פאר לייטען זאָלסטו זיך ארויסווייזען אין אזא געשטאלט אז דו ווילסט איהם גאָר ניט דיענען. ווען דו טהוסט תפלה צו גאט, מאך דאס קורץ און מענשען זאלען ניט בעמערקען דיינע גוטע כונות לשם שמים. ווען דו ווילסט עפעס לערנען, טהו דאָס ביחידות, אין איינזאמקייט און קיינער אויסער גאָט זאָל גאָר וויסען אז דו לערנסט. צייג זיך ניט ארויס אָפען מיט קיין גוטע מדה. מאך זיך כלומרשט פויל אין גאָטעס דיענסט. זאָלען לייט מיינען אז ווען דו טהוסט עפעס א מצוה קומט עס דיר אָן שווער, כדי דו זאָלסט ניט קריגען קיין שם פאר א פרומען, פאר א צדיק און דו זאָלסט דורכדעם פערליערען דיין שכר. און דו זאָלסט ניט פרובירען צו בעוועגען אימיצען צו טהאָן גוטעס און ניט זאגען קיין מוסר דעם וואס טהוט שלעכטעס, און דו זאָלסט זיך ניט מאכען פּאָפּולער מיט דער חכמת התורה,

וואס דו לערענסט, און דו זאלסט עס קיינעם ניט לערנען. מען זאל אויף דיר ניט זעהן קיין סימן פון יראת שמים און מען זאל אויף דיר ניט בעמערקען אז דו ביזט אן עובד ה׳, כדי מענשען זאלען דיך ניט אכטען און עהרען דערפאר.

"ווילסטו פאלשטענדיג דיענען גאט, וועט דיר דער יצר הרע ווייטער זאגען, "זאלסטו זיך קאמפאנירען מיט אלע סארטען מענשען, זיך פיהרען ווי זיי פירען זיך און געהן אין זייערע וועגען סאי אין ערנסטע זאכען, סאי אין שפאס און ליצנות. און זאלסט זיך ניט שטארק היטען פון ליגען זאגען, פון שווערען, פון עסען און טרינקען מיט זיי צוזאמען און הוליען און פלוידערען גלייך מיט זיי, און נאכהער בערייךען זיי און בעשמוצען זיי פאר אנדערע. דו זאלסט טהאן אלעם וואס דו קענסט צו דערווייטערען פון דיר דעם שם פון פרומקייט. דו זאלסט זיך, הייסט עס, אזוי מאסקירען, אז די וועלט זאל גאר ניט וויסען אז דו ביזט א פרומער און גאטספארכטיגער". איז דאך אין פלוג גוט. ער הייסט דאך דיר דיענען גאט, נור וואס דען? דו זאלסט דיין עבודת הבורא בעהאלטען, אבער אז דו וועסט דעם יצר הרע פאלגען אין דיעזען פונקט, וועט ער פון דיר אוועקרויבען די אמונה, ער וועט דיך מאכען פאר אויס גלויביגען און דו וועסט עס גאר ניט פיהלען.

דעריבער זאלסטו דעם יצר הרע ענטפערען: "דאס וואס דו שטרייטסט מיט מיר, דאס וואס דו קליגסט זיך איבערצורייךען מיר, איז ניט פון מיין טובה וועגען. אדרבא, דערמיט ווילסטו אונטערגראבען מיין כח און ברייגען אויף מיר א שנעלע מפלה, טא ווארום זאל איך אנטלויפען פון א קליין פייער אין א גרעסערען? וואס פאר א שכל איז דאס? אויספיינען זיך פאר מענשען מיט דיענען גאט, זאגסטו, טויג ניט, און אויספיינען זיך דורך פערנאכלעסיגען גאטס דיענסט, איז רעכט! די ריכטיגקייט איז, אז אזעלכע מצות וואס מען קען זיי פאלשטענדיג מקיים זיין בסתר און מענשען זאלען דערפון ניט וויסען, דארף מען טאקי טהאן פערבאגענערהייד, אבער, למשל, דאווענען בצבור, אויפמערקזאם מאכען אנדערע אז זיי זאלען טהאן גוטעס און זיין געהיט פון טהאן שלעכטעס, לערנען תורה מיט אנדערע, צדקה געבען און דאס גלייכען, אזעלכע זאכען דארף מען זיך ניט אפזאגען פון צו טהאן צוליעב דעם טאמער וועט מען דערפאר קונה שם זיין און קריגען כבוד. איך בין דאס מחויב צו טהאן לשם שמים, פון גאטס וועגען, און טאמער וועלען מיך לייט לויבען אדער אפגעבען דערפאר כבוד, וועט עס מיר ניט שאדען און איך וועל צוליעב דעם ניט פערליערען מיין שכר, וויל בעת מעשה איז דאך מיין כונה ניט געווען לשם רוהם, לשם כבוד, נור מיט'ן ריינעם געוויסען בלויז פון גאט'ס וועגען.

"און עס איז שוין געזאגט געווארען, אז ווען איינער טהוט עפעס א מצוה אפען, ניט בעהאלטען פון לייט, און ער, דער וואס טהוט די מצוה, וויל וויסען, אויב ער טהוט די זאך ריכטיג, קען ער זיך דאס איבערצייגען פון זיך אליין אויף צוויי ערליי אופנים. ערשטענס, דארף ביי איהם אליין קלאהר זיין, וואס ערוואַרטעט ער צו געניסען פאר דער מצוה און פון וועמען ער ערווארטעט עט־וואס צו געניסען. אויב ער האפט צו געניסען עפעס פון גאט, הייסט עס, אז ער טהוט די מצוה בשלמות, פונקט ווי מען דארף, און אויב עס פלאנטערט זיך איהם אין זיין מח, אז ער וועט עפעס האבען פון מענשען, איז די מצוה ניט פאלשטענדיג. צווייטענס, דארף ער וויסען און זיין איבערצייגט, ווי וואלט ער געהאנדעלט ווען דיזעלבע מצוה, וואס ער טהוט אפען, וואלט זיך איהם

געמאכט צו טהאָן בסתר, אין געהיים קיינער זאָל דערפון ניט וויסען, וואָלט ער זי אין אזא פאַל אויך געטאָן אָדער ניט? אויב יאָ, אויב ער איז ביי זיך זיכער, אז ער וואָלט די מצוה אויך געטהאָן ביחידות, איז די מצוה א גאנצע, אָן שום פעהלער; פיהלט ער אָבער ביי זיך, אז ער איז מיט דעם ניט זיכער און אין געהיים וואָלט ער דאָס אפשר ניט געטהאָן, איז דאָס ניט קיין ריכטיגע מצוה ווי געהעריג איז און ער דארף עס בעסער ניט טהאָן און ווארטען ביז זיין הארץ וועט געלייטערט ווערען, ביז ער וועט פיהלען אז ער טהוט עס מיט א ריינעם געוויסען בלויז פון גאָט'ס וועגען". אז דו וועסט דעם יצר הרע ענטפערען די דאָזיגע תשובה, וועט ער געשלאָגען ווערען און וועט זיך אונטערגעבען.

און אז דער יצר הרע וועט זעהן אז אין דיעזען פונקט קען ער דיר אויך ניט איבערריידען, וועט ער זיך צו דיר נעהמען מיט א דעלעקאטנערען אופן, מיט אן אופן וואָס איז גאָר שווער אָנצושטויסען זיך אז דאָס איז געמיינט צו שלעכטען. ער וועט פרובירען אראָפפיהרען דיך פון וועג דורך דעם ענין פון גמול ועונש, פון בעלוינונג און שטראָף אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. ער וועט דיר זאָגען: "דו ביזט דאָך פון בעשעפער'ס חסידים און זיינע אויסער־וועהלטע. דו ביזט דאָך, הייסט עס, א צדיק גמור, א פאָלשטענדיגער צדיק, און אָלס אזעלכער דארפסטו האָבען שכר אי אויף דער וועלט, אי אויף יענער וועלט. דעריבער סטארע זיך ווי ווייט מעגליך ווייטער דיענען גאָט, אפשר וועסטו טאקי זוכה זיין צו האָבען ביידע וועלטען, און אז דיר וועט דאָ אויף דער וועלט זיין גוט, וועסטו איהם קענען דיענען מיט א גוט הארץ און מיט א פריהליך געמיטה, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: "אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה" — ליכט, דאָס מיינט עולם הבא, איז פערזעעט פאר'ן צדיק און צום עהרליכען, צום פרומען — שמחה דאָ אויף דער וועלט". אזוי וועט דיר דער יצר הרע זאָגען, און אויב דו וועסט זיך צוהערען צו זיינע רייד, אויב דו וועסט איינשטימען מיט איהם, וועט ער דיך אריינוואַרפען אין א מין פערבאָרגענע שותפות. דאָס הייסט, דו וועסט ביי זיך אין הארצען זינען האָבען, אז דאָס וואָס דו דיענסט דעם בעשעפער איז ניט פון זיינעטוועגען, נור כדי דו זאָלסט פון דעם געניסען אויף ביידע וועלטען. און ווען ניט דאָס, ווען דו זאָלסט ניט ערווארטען אויף בעלוינונג, וואָלסטו גאָר ניט אנערקענט די שטענדיגע טובות וואָס גאָט טהוט מיט דיר און דו וואָלסט ניט געפונען פאר נויטיג אָפּ־צודיענען איהם דערפאר, ווייל דו וואָלסט גאָר ניט איינגעזעהען, אז דאָס דיענען איהם איז פאסענד פאר זיין גרויסקייט, מאכט און חכמה. און אויף דעם האָבען שוין אונזערע חכמים געזאָגט: "אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס" — איהר זאָלט ניט זיין ווי קנעכט וואָס דיענען זייער ווירטה, כדי צו קריעגען בעלוינונג, נור זייט ווי דיענער וואָס דיענען זייער ווירטה ניט וואַר־טענדיג אויף בעלוינונג.

## פרק ו׳

און אז דו וועסט באשטרייטען דעם יצר הרע אין זיינע אלע פאריגע טענות, וועט ער דיך אריינווארפען אין א ים פון ספקות אין דעם ענין פון הכרח וצדק, אין דער פראגע: אויב אלעס וואס א מענש טהוט איז ער געצוואונגען צו דעם דורך גזירה, דורך דעם ווילען פון גאט, ברוך הוא, אדער דאס ווענדט זיך אן דעם מענשען׳ס רצון און ער קען טהאן ווי ער וויל און וואס ער וויל. און אז ער וועט דיך זעהן פארנאכלעסיגענדיג גאטעס דינסט און זייענדיג מעהר גענייגט צו זינד, וועט ער אנווענדען זיינע טענות צו באווייזען דיר, אז דו ביזט ניט אין דיין רשות און דו קענסט קיין זאך ניט טהאן אהן דעם רצון פון באשעפער. ער וועט דאס דיר אויפווייזען פון פסוקים און פון קבלה, פון תלמוד, כדי צו פארשטארקען זיינע ארגומענטען. ער וועט דיר זאגען: ווען דער באשעפער וואלט געוואלט דו זאלסט איהם דינען, וואלט ער דיר געצוואונגען דערצו און וואלט געמאכט, אז דו זאלסט איהם מוזען דינען געגען דיין אייגענעם ווילען, און אז דו ביזט ניט גענייגט צו דינען איהם, איז א סימן, אז ער וויל ניט דיין דינסט, און קענסטו דען זיין געגען זיינע גזירות און טהאן אנדערש ווי זיין רצון איז? דעריבער דארפסטו ערפילען זיין פארלאנג, ווייל דו האסט אויף דעם גארניט צו זאגען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין ישעיה: "אנכי ה׳ עושה כל" — איך גאט מאך אלעס.

און אויב דער יצר הרע וועט זעהן, אז דו ביסט זיך עוסק אין עולם הזה, אז דו זוכסט צו גניסען פון די תענוגים פון דער וועלט, וועט ער דיר זאגען: זיי אפגעהיט פון פוילקייט און אפגעלאזענקייט, ארבייט וואס מעהר צו פארדינען מעהר און לאז זיך וואוילגעהן פיעל מעגליך. פארלאז זיך ניט אויף קיינעם, האב ניט קיין בטחון, ווייל גוטעס און שלעכטעס איז אין דיינע הענט און ארבייט און רוה איז אין דיין רשות. דאס וואס דו קענסט דערגרייכען מיט דיינע קרעפטען איז דיינס און עס איז ניטא אזא מאכט וואס זאל דיר שטערען אויפצוטאן וואס עס איז, אויב נאר דו ביזט פלייסיג און פעהיג דערצו. דעריבער שפאר ניט קיין מיה און ארבייט מיט אלע דיינע קרעפטען, וועסטו אלעס האבען און עס וועט דיר קיין זאך ניט פעהלען. באווארען זיך פון בייזע באגעגענישען און דו וועסט געווארענט זיין, אזוי ווי דער חכם זאגט אין משלי: "צנים פחים בדרך עקש, שומר נפשו ירחק מהם" — דערנער און נעצען געפינען זיך אויפ׳ן קרומען וועג און דער וואס היט זיך, איז דערווייטערט פון זיי. אדער: "אולת אדם תסלף דרכו" — דעם מענשען׳ס נארישקייט פארקרימט זיין וועג. דאס הייסט: ווען א מענש איז אונוויסענד און ווייס ניט ווי אזוי אנצוגעהן אין זיינע עסקים, ווערט די גלייכע וועג אויך ביי איהם קרום. אדער אין מלאכי ווערט געזאגט: „מידכם היתה זאת" — דאס וואס איך געהט ניט גוט איז דאס געקומען פון אייערע אייגענע הענד.

און אז דעם יצר הרע וועט זיך בעסער לוינען אויפצוציִען דיר, אז די בחירה, דער אויסוואהל איז ניט ביים מענשען, נאר אלעס איז געווענדט אן גאט, וועט ער דיר ברענגען ראיות, אז אזוי איז דאס, כדי אראפצופיהרען דיך פון וועג און אפשוואכען אין דיר די יראת שמים און אפווענדען דיך פון עבודת הבורא.

ווען אָבער דו וועסט ערוואַכען און אין זינען נעהמען דאָס וואָס אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: ”הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים” — אַלעס איז אין די הענד פון גאָט אויסער דאָס מורא האָבען פאַר איהם, וואָס דערויף איז די בחירה אָוועקגעגעבען געוואָרען צום מענשען און ער קען טהאָן ווי ער וויל, דיענען איהם אָדער זינדיגען — אַז דו וועסט זיך באַדענקען וועגען דעם, וועסטו זיך מעהר סטאַרען אין די ענינים פון דער תורה, וואָס דו ווייסט קלאָהר, אַז דאָס איז פאַרבונדען מיט שכר און עונש, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין איוב: ”כי פועל אדם ישלם לו וכאורח איש ימצאנו” — די טהאַט פון מענשען בעצאָהלט איהם און לויט דער וועג, וואָס א מענש געהט אַזוי פּאַסירט מיט איהם, דאָס הייסט: טהוט ער גוטעס ווי דער באַשעפער וויל, קריגט ער דערפאַר שכר, און געהט ער אין שלעכטען וועג, קריגט ער זיין שטראָף. אין ענינים אָבער וואָס האָבען צו טהאָן מיט עולם הזה, וועסטו זיך פיהרען ווי עס איז שוין פריהער געזאָגט געוואָרען אין דיזען ספר, ווייל גוטעס און שלעכטעס, גליק און אונגליק איז ניט ביים מענשען אין די הענד און וועגען דעם דאַרף ער האָבען בטחון אין גאָט.

און אַז דער יצר הרע וועט זיך מיאש זיין, אַז ער וועט איינזעהן, אַז ער קען דיך אין דיזען פּונקט אויך ניט בייקומען, וועט ער זיך נעהמען די מיה איבער־צורעדען דיך, אַז דו זאָלסט האָבען מעהר גאוה און וועניגער ענוות, דו זאָלסט מעהר זיין שטאָלץ ביי זיך און וועניגער נידערגעפאַלען. ער וועט דיר זאָגען:

דו האָסט דאָך שוין דערגרייכט די גרויסע מעלות פון חסידים און צדיקים מיט דיין הערצליכען גלויבען אין גאָט, מיט דיינע מעשים, וואָס זיינען אויס־שליסליך פון גאָט׳ס וועגען. דו ביזט אין דיזע הינזיכטען אַן איינציגער אין דיין דור, אַן איינציגער אין דער צייט וואָס דו לעבסט און נאָך אַזאַ צדיק ווי דו איז ניטאָ. דעריבער דאַרפסטו זיך ארויסצייגען אַלס אַזעלכער און זאָלען לייט וויסען, אַז דו שטעהסט אויף העכערע מדרגה ווי זיי דורך דעם, וואָס דו זאָלסט זיי האַסען, פאַראַכטען און ערנידעריגען. דו זאָלסט אויפווייזען ווי שלעכט און פאַרדאָרבען זיי זיינען, פאַרעפענטליכען זייערע מעשים, זידלען זיי און שענדען זיי און שטראָפען זיי אַזוי לאַנג ביז זיי וועלען זיך שעהמען, וועלען חרטה האָבען אויף זייערע פאָריגע מעשים און וועלען זיך אומקעהרען צו גאָט. דאָס — וועט דיר דער יצר הרע זאָגען — איז א מנהג פון די נביאים, אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט צו יחזקאל הנביא: „אתה בן אדם הגד את בית ישראל את הבית ויכלמו מעונותיהם” — דו מענשען־קינד, זאָג די אידען ווי אַזוי דער בית המקדש וועט אויסזעהן און זיי וועלען זיך שעהמען פאַר זייערע זינד. זעהסטו דאָך, אַז גאָט האָט געהייסען דעם נביא ברייגגען זינדיגע מענ־שען צו ביושים. איז אויב דער יצר הרע וועט צו דיר קומען מיט אַזעלכע טענות, זאָלסטו איהם ענטפערען:

ווי אַזוי קען איך פאַרהאַסען און שענדען אַזעלכען וואָס איך ווייס ניט וואָס ביי איהם אין הארצען טהוט זיך? ווי אַזוי קען איך איינעם זידלען בעת איך ווייס ניט זיינע הערצליכע פאַרהעלטניסע מיט גאָט? עס קען דאָך זיין, אַז לויט ווי מען זעהט איינעם איז ער העסליך, אָבער זיינע פאַרבאָרגניסע, זיי־נע מחשבות זיינען גאָר אַנדערש. און אויב די נביאים האָבען יאָ געשטראָפט און מביש געווען די לייט פון זייערע צייטען, האָבען זיי דאָך דאָס געטהאָן מיט׳ן רשות פון באַשעפער, וועלכער האָט געוואוסט, אַז זייערע הערצער

זיינען שלעכטע; אָבער איך בעזיץ ניט אזא חכמה צו וויסען וואָס ביי אימי־צען איז הארצען טהוט זיך, און אפשר איז די כונה פון אַ טהאַט וואָס שיינט צו זיין שלעכט, גאָר אַ גוטע? און אפשר זיינען יענעמ׳ס כונות, יענעמ׳ס מחשבות בעסערע ווי מיינע? אפשר זיינען זיי מעהר אַנגעלעגט ביים באַ־שעפער ווי מיינע? און אויב איינער איז אין די עפענטליכקייט שלעכט, קען זיין, אַז דאָס איז צוליב דעם, ווייל ער איז פּאַרנאַרישט, אומוויסענד און ער וויים ניט די פליכטען, וואָס ער האָט צום באַשעפער, און אַזעלכער קען האָ־בען אַ בעסערע טענה ווי איך צו פאַרטיידיגען זיך און רעכטפערטיגען זיינע מעשים, ווייל ער וויים ניט און איך וויים און פאַרשטעה מעהר פון איהם. וואָרום גאָט מאָהנט ניט פון מענשען נאָר לויט דעם וויסען און פאַרשטאַנד פון מענשען. דער וואָס וויים און פאַרשטעהט מעהר ווערט פון איהם געפאָ־דערט, ער זאָל מעהר דינען גאָט ווי דער וואָס וויים וועניגער און פאַרשטעהט וועניגער. דעריבער קען דאָך זיין, אַז איך בין העסליכער און נידעריגער פון יענעם, ווייל לויט מיין וויסען און פאַרשטעהען גאָט ערפיל איך ניט גענוג מיינע פליכטען צו איהם, בעת יענער טהוט גענוג לויט זיין וויסען. און אַז יענער זינדיגט טהוט ער דאָך דאָס בשוגג, אומגערן, ווייל ער וויים ניט בעסער, אָבער ווען איך פיהר זיך ניט אויף ווי געהעריג איז, טהו איך דאָך דאָס במזיד, אַבזיכטליך.

און אפשר — זאָלסטו ווייטער ערקלערען דעם יצר הרע — איז יענער גאָר ניט אַזוי שלעכט. עס קען זיין, אַז דאָס שלעכטעס טהוט ער אָפען און דאָס גוטעס טהוט ער פאַרבאָרגען, און איך בין פאַרקעהרט, אין די עפענטליכקייט בין איך אַ צדיק און פערבאָרגענערהייד אפשר ניט. דעריבער איז יענער מעהר באַרעכטיגט צו גאָט׳ס רחמנות און פאַרגעבונג ווי איך. זיין איין זכות פון אַ מצוה, וואָס ער טהוט וועגט אפשר איבער אַ סך פון מיינע זכיות, ווייל ער טהוט עס באַהאַלטען, אין געהיים, וואָס קיינער אויסער גאָט וויים דערפון ניט, לויבט איהם קיינער ניט און מען טיילט איהם דערפאַר ניט צו קיין כבוד, בעת איך, וואָס מיינע גוטע מעשים וויסען אַלע, לויבט מען מיך דערפאַר און מען רעס־פעקטירט מיך.

אַזוי איז אויך מיט עבירות. איין עבירה וואָס איך טהו וועגט אפשר איבער יענעמ׳ס אַ סך עבירות, מחמת איך טהו די עבירה באַהאַלטען און יענער אין די עפענטליכקייט. און צוליב דעם, ווייל יענער איז באַקאַנט פאַר אַ בעל עבירה, ווערט ער פון מענשען געטאַדעלט און מען איז איהם מבזה, און די בזיונות וואָס ער האָט ווערט גערעכענט אַלס אַ טהייל פון דער שטראָף, וואָס ער דאַרף קריגען פאַר׳ן חטא און זיין עונש וועט שוין זיין אַ קלענערער. איך אָבער, פאַר מיינע אַן עבירה קריעג גאָר ניט אָפּגערעכענט אויף דער וועלט, מחמת קיינער וויים דאָך ניט, אַז איך האָב די עבירה געטאָן און מען טאַדעלט מיך ניט און מען איז מיך ניט מבזה, וועל איך די פולע שטראָף מוזען ליי־דען אויף יענער וועלט.

און נאָך אַ זאַך: אַז איך וועל זיך אָפּלייגען צו זוכען פעהלערען ביי אַנ־ערע מענשען און זיך צוקוקען און באַאָבאַכטען זייערע שלעכטע מדות, כדי איך זאָל זיי קענען מוסר זאָגען און שענדען און פאַראַכטען זיי, וועל איך קיין צייט ניט האָבען אכטונג צו געבען אויף זיך אַליין און זוכען מיינע אייגענע

פעהלערן, וואס דאס איז בילכער און וויכטיגער, ווי האבען אין זינען פרעמ־דע חטאים. דאס איז אזוי ווי א קראנקער, וואס איהם ליגען מעהר אין זינען זיינע וועהטאגען ווי פרעמדע און ער זוכט גיכער זיין אייגענע קוראציע, זיין אייגענע היילונג איידער די היילונג פון אנדערע חולאים.

אז דו וועסט דעם יצר הרע אנגעבען די דערמאהנטע ארגומענטען, וועלען זיינע טענות צוקלאפט ווערען.

און אז דעם יצר הרע'ס פיילען וועלען דיך אלץ ניט טרעפען; אז ער וועט איינזעהן אז ער קען דיך פארט ניט בעזיעגען, וועט ער אויף דיר לויערען סאי אין דער צייט ווען דיר געהט גוט, סאי אין דער צייט ווען דיר געהט שלעכט און איןביידע פעלע וועט ער זוכען אראפצופיהרען דיך פון גלייכען וועג. אויב דיר וועט געהן גוט ווי דו ווינשט, וועט ער דיר זאגען: דאס איז די פרוכט פו דיין סטארען זיך, פון דיין פלייסיגקייט, פעהיגקייט און חכמה. דעריבער פליים זיך וואס מעהר אין וועלטליכע זאכען און שפאר ניט קיין מיה צו פער־בעסערן דיין לאגע אויף דער וועלט, וועט דיר שטענדיג געהן גוט און דו וועסט שטייגען נאך העכער, און פרעה זיך און זיי צופריעדען מיט די גוטעס וואס דו געניסט אויף דער וועלט, ווייל דאס וועט ניט לאנג געדויערען און אין גיכען וועט מען דיך רופען אהין, אין פינסטערען קבר, וואו עס עקזיסטירט ניט קיין חכמה, קיין בריה'שאפט, קיין בעוועגונג און קיין הנאה און קיין צער. א ראיה אויף דעם וועט ער דיר בריינגען פון פסוק אין קהלת: "כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה, כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה" — אלעס וואס דו מענש קענסט טהאן מיט דיין כח, טהו, ווארים עס איז ניטא קיין טהעטיגקייט, קיין חשבון, קיין וויסען און קיין חכמה אין קבר, וואוהין דו געהסט אוועק נאך דיין טויט. אזוי וועט דיר דער יצר הרע איינריידען בעת דיר וועט געהן גוט אויף דער וועלט.

וועט דיר ווידער געהן שלעכט, וועט ער דיר ארויפגעבען אויפ'ן זינען ווי רשעים לעבען גוט און ווי די הצלחה שפיעלט די כופרים, די וואס לייקענען אין גאט. ער וועט דיר אנצייגען אויפ'ן פסוק אין איוב: ישליו אוהלים לשוררים ובטוחות למרגיזי אל" — די געצעלטען פון רויבער זיינען בשלוה און רוהיג־קייט איז בעשטימט צו די וואס דערצערנען גאט. און ער וועט דיר זאגען: די שאדענס און די צרות וואס דיר קומט אויס צו ליידען איז דאס צוליעב דעם ווייל דו ביזט איבערגעגעבען צו גאטעס דיענסט און צו אפהיטען זיינע מצוות בין אדם לחברו, פון מענש צו מענש, און דו קענסט אלעס ניט נאכקומען, ווייל דאס איז א צו גרויסע לאסט און זעהר שווער נאכצוקומען, דעריבער ווערסטו געשטראפט. ווען דו וואלסט אין גאנצען ארונטערגעווארפען פון דיר דעם יאך פון תורה און מצוות, וואלט דיר גוט געווען, אזוי ווי דו זעהסט אז רשעים געהט גוט. און די תורה זאגט דאך אויך: "בקרבי אקדש" — דורך מיינע נאה־ענטע, דורך די צדיקים ווער איך געהייליגט. דורכדעם, הייסט עס, וואס איך שטראף זיי, ווערט מיין נאמען געהייליגט. אדער אין עמוס ווערט געזאגט: "רק אתכם ידעתי, על כן אפקוד עליכם" — נור אייך אידען האב איך ליעב, דעריבער וועל איך אייך שטראפען פאר אייערע זינד, און נאך עהנליכע פסוקים זיינען דא אין די הייליגע שריפטען, וואס צייגען אז מיט צדיקים איז גאט זעהר מדקדק.

און אַז דער יצר הרע וועט דיך זעהן טהאָן עפּעס אַ מצוה, וועט ער דיר די זאַך שווערער מאַכען ווי זי איז און וועט דיר אָנסטראַשען, אַז דו זאָלסט עס ניט טהאָן. ווען, למשל, דו וועסט וועלען פאַסטען, וועט דער יצר הרע דיר זאָגען, אַז דאָס וועט דיך אָפּשוואַכען און קראַנק מאַכען און דו וועסט דורכדעם ניט קענען טהאָן עפּעס פאַר דער וועלט און פאַר יענער וועלט, ווייל דורכ'ן תענית וועסטו אויך קיין כח ניט האָבען צו דיענען גאָט.

און טאָמער וועסטו ביינאַכט וועלען תפלה טהאָן צו גאָט, וועט דיך דער יצר הרע אָפּווענדען דערפון. ער וועט דיר אַרויפברייגגען אויפ'ן זינען, אַז דער שלאָף איז פאַר דיר בעסער ווי נאַהרונג, ווייל דאָס פערהיט דיין געזונד און קרעפטיגט דיין קערפּער מעהר ווי עסען און טרינקען. און אויב דו וועסט וועלען געבען צדקה, וועט ער פאַרשטעלען אין דיין פאַנטאַזיע ווי שלעכט עס איז ווען מען האָט ניט קיין געלד און ווי אומגליקליך עס איז דער אָרימאַן וואָס ליידעט דחקות. דערמיט וועט דער יצר הרע דיך אָפּסטראַשען פון געבען צדקה כלומר'שט צו פערהיטען דיך אַז דו זאָלסט דורכדעם אליין ניט פעראָרימט ווערען. אַזוי וועט ער געפינען וועגען ווי אַזוי צו וואַרפען אויף דיר אַ מורא ביי יעדע געלעגענהייט ווען דו וועסט וועלען מקיים זיין וועלכע ניט איז מצוה, כדי אָפּצואָווענדען דיך פון דעם.

און אַז דו וועסט אין זינען האָבען צו טהאָן אַן עבירה, וועט דיר דער יצר הרע מאַכען די זאַך בעליעבט. ער וועט דיר פאַרשטעלען די גרויסע הנאה וואָס דו וועסט פון דעם געניסען און מאַכען דיר פערגעסען די שטראָף וואָס דו וועסט דערפאַר האָבען. ער וועט דיר צוגעבען חשק צו טהאָן די עבירה מיט כל־ערליי טענות און ער וועט פון דיר ניט אָפּטרעטען ביז דו וועסט עס טהאָן. און אַז דו וועסט דערפיהלען אַזעלכע אָדער עהנליכע טענות פון יצר הרע, זאָלסטו איהם ענטפערען:

יעדער צער, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין לעבען, איז פאַראיבער און עס איז פון דעם אפילו קיין סמן ניט פערבליבען. שלעכטעס וואָס אַ מענש האָט אויסצושטעהן אין זיין לעבען, מיידט שנעל, אָבער דער שכר וואָס מען האָט פאַר אַ מצוה איז אַן אייביגקייט און עס ענדיגט זיך קיינמאָל ניט. ווען מען פאַסט ביי טאָג, איז ווען מען עסט נאַכהער ביינאַכט, ווערט דער תענית פערגעסען. מען קריגט צוריק די פריהעריגע כחות אַזוי ווי מען זאָל גאָר ניט האָבען געפאַסט און דער שכר פאַר'ן תענית פערבלייבט פראָפּיט. אַזוי אויך ווען מען איז אַ טהייל פון דער נאַכט וואַכענדיג און מען איז זיך עוסק אין עבודת שמים, אין גאָט'ס דיענסט, איז נאַכהער אַז מען שלאָפט זיך דורך, ווערט מען צוריק אָפּגעפרישט אַזוי ווי מען זאָל גאָר פריהער ניט זיין וואַכעדיג און דער שכר פאַר'ן ניט דערשלאָפען און לערנען אָדער תפלה טהאָן פערבלייבט.

וועגען דעם ענין פון צדקה, ווי אַזוי מען קען אָפּשלאָגען דעם יצר הרע'ס טענות, ווען ער רעדט אָן דעם מענשען ניט צו געבען צדקה, האָב איך שוין געוויי ערקלעהרט אין שער הבטחון.

און וועגען דעם ענין פון עבירות, וואָס דער יצר הרע גיט צו חשק דעם מענשען ער זאָל זיי טהאָן, זאָלסטו זיך בעדענקען און איבערלייגען, אַז די הנאות און פערגעניגענס וואָס מען האָט אויף דער וועלט, סאַי אַזעלכע וואָס מען מעג, סאַי אַזעלכע וואָס מען טאָר ניט, געהען פאַראיבער שנעל; אָבער די שאַנדע און שטראָף פאַר זינד אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, דאָס פערבלייבט.

אז דו וועסט זיך דאָס אין זינען נעהמען, וועט דער יצר הרע געשלאָגען ווערען און; דו וועסט פלייסיג זיין צו טהאָן גוטעס און זיך דערווייטערען פון העסליכע מעשים.

## פרק ז׳

און אז דער יצר הרע וועט פערלירען זיין האָפנונג אָפּצואוועגדען דיך פון גוטעס ריענסט דורך די פאָריגע אופנים; אז עס וועט איהם ניט געלינגען צו בעוועגען דיך דו זאָלסט אויספאָלגען זיינע פאלשע עצות און דו וועסט זיך פיהרען לויט דיין בעשלוס צו דיענען גאָט, וועט ער אָנווענדען מיטעל ארויפצוּווארפען אויף דיר אן אונמוטה און אריינברענגען אין דיין הארצען דאגות און מאכען דיך שטענדיג טרויערען, כדי דו זאָלסט חרטה האָבען אויף די גוטעס וואָס דו האָסט פריהער געטהאָן און דער בעשעפער זאָל פון דיר אוועקנעהמען דעם שכר פאר דיינע מעשים טובים. וועסטו וויעדער האבען אָפּגעטהאָן אן עבירה, וועט דער יצר הרע געפינען וועגען ווי אזוי אריינצוברייגען פרייד אין דיין הארצען און דו זאָלסט זיך פרעהען מיט דיין שלעכטען טהאט, כדי דו זאָלסט זיך שטארקען און פלייסען צו טהאָן נאָך אזעלכע מעשים. ער וועט געפינען וועגען צו מאכען אזוי, אז דו זאָלסט דיינע דאגות אָנהענגען אָן דיינע גוטע מעשים און פרייד און פערגעניגען, זאָלסטו דענקען, אז דאָס איז פעראורזאכט דורך שלעכטע מעשים, כדי דו זאָלסט די ערשטע מעהר ניט טהאָן און די צווייטע טהאָן נאָך מעהר ווי פריהער.

ווען אָבער דו וועסט פיהלען דעם יצר הרע׳ס בעטרוג; ווען דו וועסט אין זינען האָבען, אז דאָס פערשפרייט דער יצר הרע פאר דיר נעצען צו פאנגען דיך, וועסטו פאָרזיכטיג זיין און גאָט וועט דיר העלפען נצול צו ווערען פון זיי. און אויב דו וועסט עס ניט דערפיהלען, וועט ער דיך פלוצלונג אומשליידערען און אריינשיסען אין דיר זיינע פיילען.

אן אויב דו וועסט זיך שטעלען געגען איהם אין אלע זאכען און ער וועט דיך ניט קענען איבעררײדען מיט אלע זיינע טענות און ארגומענטען, וואָס זיינען פריהער דערמאָהנט געוואָרען, וועט ער זיך נעהמען צו דיר און זוכען אראָפּצופיהרען דיך פון ריכטיגען וועג אין דעם ענין פון דיין וויסען און קענטניס אין דער תורה. און אז ער וועט זעהן אז דו ביזט אריינגעטהאָן אין לערנען, וועט ער דיר זאָגען:

דו ווייסט שוין אין דער תורה אזוי פיעל ווי די גרויסע לייט פון דיין דור. דו האָסט שוין דערגרייכט אזוי פיעל קענטניס אין דיין לויטער אמת׳ער תורה אזוי ווי די אלטע לומדים פון דיין צייט. טאָ וויפיעל איז דער שיעור צו לערנען? דו ווייסט דאָך אז צו דער חכמת התורה איז גאָר קיין סוף און קיין גרעניץ ניטאָ. טאָ בעשרענק זיך אויפ׳ן עיקר פון דער אמונה און די הויפּט דינים פון דער תורה און נאכהער גיב זיך אָפּ מיט לערנען אזעלכע לימודים, דורך וועלכע דו זאלסט זיך אויסצייכענען און אויספיינען זיך צווישען מענשען. לעהרען זיך מוזיק, נאָטען, כללים פון שפּראכען, פאבלען, רעטעגישען און אנדערע זאכען וואָס זיינען אָנגענומען ביים פאָלק און לאָז צורוה די פערפּלאָנטערטע דינים און די פּלפּולים פון די חכמים. גריבעל זיך ניט צו וויסען פון וואנען יעדער דין שטאמט, ווי

אזוי יעדע מצוה דארף דורכגעפיהרט ווערען, אין די ראיות און שאלות וואס איז דאָ ביי יעדען דין, און זוך ניט צו פערביגדען די דינים און מצוות מיט מיסטיק, מיט הימעלשע סודות. האָב ניט צו טהאָן מיט די אלע זאכען, ווייל זיי זיינען צו טיעף און דעליקאטנע. פערלאָז זיך אויף דעם וואָס דו האסט געהערט פון אנדערע אין זאכען וואָס דו ווייסט, אז דו קענסט דערגעהן מעהר אזוי גוט ווי אין זאכען וואָס דו קענסט מיט דיין טראכטען און קלעהרען און גריבלען זיך ניט דערגעהן מעהר. סוף כל סוף קען דאָך ניט זיין אז דו זאָלסט אלעם גרינדליך וויסען, ווייל צו דער חכמת התורה איז קיין גרונד ניטאָ, טאָ צו וואָס מאטערען דיין מח און פערברייגגען דיין צייט? נעהם אלעם אויבערפלעכליך און בענוגען זיך מיט דעם וואָס דו ווייסט.

און אז דיזע טענה פון יצר הרע וועט אויף דיר ניט ווירקען און דו וועסט זיך פאָרט גריבלען אין ענינים פון מצוות און דינים, וועט ער דיך פּרובירען שיסען מיט די פיילען אָדער קוילען פון קנאה. דער יצר הרע וועט, הייסט עס, אין דיר אריינגעבען א געפיהל מקנא צו זיין אנדערע און ניט פערגינען זיי, און אז דו וועסט וויסען פון אזעלכע וואָס ווייסען אין דער חכמת התורה מעהר ווי דו, וועט דער יצר הרע דיר אָנריידען צו זוכען אויף זיי פעהלערען, צו ערנידריגען זיי, צו שענדען זיי עפּעס אזוי ווי זיי זאָלען האָבען גערויבט דיין וויסען, דיין קענטנים און בע'גזל'ט דיין חכמה. אויב ווידער דו ווייסט פון אזעלכע וואָס קענען און ווייסען ווייניגער פון דיר, וועט דער יצר הרע דיר אריינגעבען אין זינען, אז דו זאָלסט זיי נידערשעצען, פיינט האָבען זיי פאַר זייער אונוויסענהייט, אויספּויקען פאַר לייטען, אז יענע און יענע זיינען פּראָסטאקעס, און בעריהמען זיך מיט דיין קענטנים, אז דו קענסט און ווייסט מעהר פון זיי. דאָס וועט דיר ברייגגען צו גאוה אויף אזוי ווייט, אז דו וועסט יענע לייט האסען און ווען זיי וועלען דיר עפּעס פרעגען, וועסטו זיי ניט וועלען ענטפערען, מחמת דו וועסט האַלטען פאַר א פּחיתת הכבוד, פאַר א נידערשעצונג צו ריידען מיט זיי. און דו וועסט זוכען עהרע פון דיין חבר'ס אונוויסענהייט, און דו וועסט זיך אויספּיינען דערמיט, וואָס דו וועסט אימיצען שענדען, און דער סוף וועט זיין, אז דו וועסט זיך אָפּזאָגען פון דעם וואָס אונזערע חכמים האָבען אונז געלערנט אין דעם ענין פון גאָט און זיין תורה.

און אויב דעם יצר הרע וועט ניט געלינגען איבערצוריידען דיך אין דעם ענין פון דער לעהרע פון גאָט און זיין תורה, וועט ער פּרובירען איבעררייידען דיך אין אנדערע מעשה העבודה, אין אנדערע זאכען וואָס האָבען צו טהאָן מיט גאָט'ס דיענסט, און ווען ער וועט זעהן אז דו טהוסט עפּעס פון גאָט'ס וועגען, וועט ער די זאך פאַרשטעלען אין דיין פאַנטאזיע אלס גרעסער און ערהאבענער ווי דאָס איז. דו וועסט טהאָן א קליינע, געוועהנליכע מצוה און דער יצר הרע וועט דיר אריינגעבען אין זינען, אז דו האָסט אויפגעטהאָן די גרעסטע זאך. דאָס וועט פעראורזאכען דו זאָלסט זיך האַלטען גרויס ביי זיך און גרינג־שעצען אלע אנדערע מענשען און האסען זיי און שענדען זיי, כאָטש עס קען זיין, אז וואָס אנבעלאַנגט צו גאָטעס דיענסט זיינען זיי בעסער פון דיר. און אויב צווישען דיינע חברים וועט זיין א גרעסערער עובד ה' און זיינע מעשים וועלען זיין בעסערע פאַר דיינע און ער וועט זיך מעהר בעמיהען צו דערנעהענטערען זיך צו גאָט — אויב דו וועסט פון אזעלכען וויסען, וועט דיר דער יצר הרע אָנריידען און וועט זאָגען:

אלע גוטע מעשים וואָס מען זעהט פון יענעם, איז פאַר דיר א חסרון. ווען

ניט ער, וואָלסטו ביי דער וועלט אָנגענומען געוואָרען פאַר א צדיק, און ווייל מען זעהט פון איהם מעהר צדקות, ווערט דיין פרומקייט פערדונקעלט. דאריבער האב איהם פיינט, זוך זיינע פעהלערען, פאַרש נאָך אפשר וועסטו אויף איהם געפינען א חטא, כדי צו ערנידעריגען איהם אין לייטענס אויגען, און אויב דו קענסט אויף איהם אויסטראכטען עפּעס א בלבול, כדי צו פערשמוצען זיין שעהנעם נאָמען, טהו דאָס און דו וועסט אנערקענט ווערען אלס פרומאַק, אלס צדיק.

אויב דער יצר הרע וועט דיך צו דעם אָנריידען, זאָלסטו איהם ענטפערען:

ווי אזוי קען איך פערהאַסען דעם יעניגען וואָס גאָט האָט איהם ליעב? ווי אזוי קען איך שענדען דעם יעניגען וואָס גאָט לויבט? און ניט גענוג וואָס איך פויל זיך און גיב זיך ניט די מיה צו דיענען גאָט אזוי ווי יענער, זאָל איך איהם נאָך דערפאַר פיינט האָבען? און ניט אזוי דאַרף איך האַנדלען געגען דעם באַשעפער. פאַרקעהרט: איך בין מחויב ליעב צו האָבען זיינע געליעבטע און עהרען זיינע געעהרטע, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין תהלים: "ואת יראי ה' יכבד" — דער פרומער מאַן עהרט די יעניגע וואָס האָבען מורא פאַר גאָט. און דו ווייסט דאָך וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מרים, ווען זי האָט גערעדט שלעכטעס אויף משה'ן און וואָס עס איז געוואָרען פון קרח און זיינע אנהענגער, וועלכע האָבען ניט פאַרגונען משה און אהרן זייער נאָהענט זיין צו גאָט.

# פרק ח'

און וועגען דעם וואָס מיר האָבען געזאָגט אין אנפאַנג פון דיזען שער, אז א מענש דאַרף זיין דער מושל איבער זיין מחשבה, און זיינע געדאַנקען זאָלען זיין קאָנצענטרירט נור פון גאָט'ס וועגען, וועלען מיר דאָ דעם ענין ארומריידען ברייטער.

אלעס וואָס דו האָסט אין דיין מחשבה, אלעס וואָס דו דענקסט, זאָל זיין לשם שמים. ווען אפילו דו האָסט אין זינען וואַכעדיגע זאַכען, זאַכען וואָס האָבען ניט צו טהאָן מיט עבודת הבורא, זאָלסטו אלץ דערביי אין זינען האָבען גאָט. וואָרום די מעהרסטע שאָדען אָדער פאַרבעסערונגען אין וועלכע עס איז טהאַטען איז געווענדט אָן דער מחשבה. א גוטע מחשבה, א גוטע כונה קען אמאָל גוט מאַכען א שלעכטען טהאַט, און פאַרקעהרט, א שלעכטע כונה קען פערדאַרבען א גוטען טהאַט. אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: "מכל משמר נצור לבך, כי ממנו תוצאות חיים" — מעהר פון אלע זאַכען וואָס מען דאַרף היטען זאָלסטו היטען דיין האַרץ, דיין געדאַנק, אָדער כונה, ווייל פון דעם נעהמט זיך לעבען. און די תורה זאָגט: "כי יצר לב האדם רע מנעוריו" — דעם מענשען'ס געדאַנקען זיינען שלעכט פון זיין יוגענד. זעהט מען דאָך, אז די מחשבה איז דער עיקר. עס זיינען אין די הייליגע שריפטען פאַראַן נאָך אעזלכע פסוקים וואָס צייגען אז וואָס א מענש זאָל ניט טהאָן, איז די הויפּט זאַך די מחשבה, די כונה וואָס מען האָט דערביי. די תורה זאָגט אונז: „מה ה' אלהיך שואל ממך, כי אם ליראה" — וואָס פערלאַנגט גאָט פון דיר, בלויז דו זאָלסט פאַר איהם מורא האָבען, און מורא איז ניט קיין טהאַט, נור א מחשבה, א געדאַנק איז מח אָדער אין האַרצען, און דאָס איז דער עיקר וואָס דער בעשעפער וויל.

דאריבער דאַרפסטו זיך, ברודער, נעהמען אין זינען אז אלע דיינע טהאַטען

זאלען זײן געאײניגט צום בורא יתברך און זאל דײן מיה ניט זײן אומזיסט און דײן טרחה זאל נוצען ברײנגען. און דו זאלסט ניט אוועקמאכען מיט דער האנד אלעם וואס איך האב דיר אויפמערקזאם געמאכט, ווײל איך האב שוין אין דיזען שער פאר דיר געזאמעלט גענוג סבות, גענוג אורזאכען וואס קענען פערדארבען דעם יחוד המעשה, דאס טהאן אלעם פון גאט'ס וועגען. אבער איך האב דיר נור געזאגט די עיקרים, די הויפט זאכען און עס זײנען נאך צו דעם דא צווײגען, קלענערע אורזאכען וואס איז כמעט קײן ענדע צו זײ ניטא. דעריבער דארפסטו זיך היטען פון זײ מיט אלע דײנע מעגליכקײטען, אפשר וועסטו אויספיהרען אז אלע דײנע מעשים זאלען זײן לשם שמים, און דאס וועט בײ דעם בעשעפער זײן זעהר אנגעלײגט.

און דו זאלסט זיך אין גאט'ס דיענסט פיהרען אזוי ווי דו פיהרסט זיך אין וועלטליכע זאכען. כשם אזוי ווי אין מסחר אדער אין וועלכע עס איז בעשעפ־טיגונג רעכענסטו שטענדיג אוים אויף דאס בעסטע וואס דו קענסט קריגען און עס זאל זײן ווײט פון שאדען, פון פעלשונג און א צוזאמענמיש פון גוטעם מיט שלעכטעם, אזוי דארפסטו געווים זעהן אז דײנע מעשים פון גאטס וועגען זאלען זײן רײן און זויבער, ניט געפעלשט און ניט געמישט מיט עטוואס וואס איז ניט גוט. אז אין די ענינים פון דער וועלט, וואס איז ניט קײן אײביג־קײט און עס ווערט כלה זוכסטו דאס בעסטע, דארפסטו דאך אין די ענינים פון עולם הבא, וואס האט א קיום אויף אײביג און דו דערנעהנטערסט זיך דורכ־דעם צו גאט, דאפעלט מדקדק זײן אז עס זאל געטהאן ווערען אויפ'ן בעס־טען אופן.

און ווענד אן דײנע קרעפטען צו לײטערען דײנע מעשים, צו רײניגען זײ אז זײ זאלען זײן זויבער אהן זײטיגע מחשבות. און אויב דו טהוסט ניט קײן סך מצות, אבער די ביסעל וואס דו טהוסט זײנען רײן, איז דאס בעסער ווי א סך און ניט אין גאנצען רײן, ווארום א רײנע ביסעל איז א סך און א סך ניט קײן רײנע איז אביסעל און עס ברײנגט קײנע נוצען. און אז דו טהוסט אי אביסעל, אי ניט רײן, טויג אודאי ניט.

און היט זיך אז דײנע מעשים צו גאט זאלען ניט זײן אזוי ווי דער פויגעל וואס דער פסוק זאגט אויף איהם, אז ער לײגט די אײער און בריהט זײ אויף דער הויל'ער ערד און איז ניט פארזיכטיג צו היטען זײ, קומען אנדערע בעשע־פעניסען און צוטרעטען זײ און עס קומען פון זײ ניט ארויס קײנע עופות. דער דאזיגער פויגעל ווערט גערופען כנף רננים און ווערט געשילדערט אין איוב: ”כי תעזוב לארץ ביציה ועל עפר תחמם, ותשכח כי רגל תזורה וחית השדה תדושה“ — זי לאזט איבער איהרע אײער אויף דר'ערד און אויפ'ן זאמד ווארימט זי זײ, און זי פערגעסט זיך אז פיס קענען זײ צוטרעטען און ווילדע חיות — צוקוועטשען. און ווי עס ווערט דארט ווײטער געזאגט. אזוי איז אויך מיט דעם וואס טהוט עפעס פון גאט'ס וועגען און ער פערנאכלעסיגט צו טהאן דאס ווי געהעריג איז, איז זײן מיה ארויסגעווארפען און ער האט דער־פון גאר ניט.

און דער חכם שלמה האט אין משלי געלויבט א בעשעפענים וואס איז דער קאנטראסט פון יענעם פויגעל און איז געהיט און פארזיכטיג אין איהרע טהאטען וואס זײנען פאר איהר גוט אין איהר וועלט, און ער האט אונז געהײסען מיר זאלען זיך פון יענער בריאה לערנען, כאטש זי איז ניט מעהר

ווי א שוואכער אינזעקט, אזוי ווי ער זאגט דארט: ״לך אל נמלה עצל״ — גע׳ה פוילער צו דער מוראשקע, בעאבאכט ווי זי פיהרט זיך און ווער קלוג. זי, די מוראשקע גרייט אן איהר שפייז אום זומער און בעווארענט זיך מיט איהרע בעדערפניסע, אז עס זאל איהר גאר ניט פעהלען. א מענש דארף אויך ניט זיין פויל און זיך בעזארגען מיט עולם הבא דורך דיענען גאט מיט אמת, מיט א ריינעם געוויסען.

מיר האבען דא דערמאהנט אביסעל פון פיעלעס וואס עס איז דא צו ריידען אין דיעזען ענין, און זאל די ביסעל ניט זיין אין דיינע אויגען צופיעל און זאלען דיך מיינע רייד ניט עקלען. מלאכות, איז וואס איידעלער און דעליקאטנער זיי זיינען אלץ מעהר סבות קען מיט זיי טרעפען. דעריבער האב איך אין דעם ענין פון יחוד המעשה אנגעגעבען מעהר בעווארענישען, ווייל דאס איז אן איידעלער און דעליקאטנער ענין.

די וואס פערטיעפען זיך אין דיעזען ספר און פערשטעהען איהם, ווייסען זיינע מעלות און השיבות. גאט זאל אונז מיט זיין רחמנות העלפען אז מיר זאלען זיין פון די וואס זיינען גאנץ מיט איהם און טהוען אלעס פאר זיין גרויסען נאמען, אמן.

סוף פון שער יחוד המעשה.

## שער הששי.

# שער הכניעה

(דער טהויער פון אונטערטהעניגקייט. די לעהרע פון זיין אונטערטעניג צו גאָט)

## פרק א'

האָט דער מחבר געזאָגט:

ווייל אין פאָריגען מאמר איז גערעדט געוואָרען וועגען טהאָן אלעם פון גאָטס וועגען און ניט האָבען דערביי קיינע אנדערע אבזיכטען, און ווייל די מדה פון גאוה ענדערט דעם מענשען מעהר ווי אנדערע זאכען וואָס ענדערען איהם צו שלעכטען, און זי, די מדה פון גאוה, פערדארבט זעהר פיעל די ריכטיגע גאָטעס דיענסט; דעריבער האָב איך איינגעזעהן, אז איצט איז נויטווענדיג צו ריידען וועגען א מדה טובה וואָס דערווייטערט דעם מענשען פון גאוה. דיא דאָזיגע מדה איז כניעה, אונטערטעניגקייט.

און עס איז ביי אונז קלאָהר, אז אונטערטעניגקייט איז דער הויפט פונקט אין דיענען גאָט, ווארום אונטערטעניגקייט, ניעדערגעפאלענקייט אונטערשייי־דעט דעם קנעכט פון זיין הארר, און אז דער מענש פיהלט אז ער איז א קנעכט צו השי"ת, וועט ער קיינעם ניט ליבען און ניט ריהמען בלויז איהם, גאָט אליין, אזוי ווי דוד המלך האָט געזאָגט: "לך ה' הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד" — בלויז צו דיר גאָט איז די גרויסקייט, די מאכט, די ערהאבענהייט, דער זיעג און דער פראכט. ווען דער מענש בעזיצט די מדה פון אונטערטהע־ניגקייט, פערטרייבט עס פון איהם דעם שטאָלץ, דעם חשק צו פראכט און גלאנץ, דאָס וועלען הערשען איבער אנדערע, און די לוסט צו זאכען וואָס זיינען פאר איהם צו גרויס, צו הויך, און אנדערע שלעכטיגקייטען וואָס שטאמען אָפּ פון גאוה.

און אין דעם ענין פון כניעה האָבען מיר איצט צו ערקלעהרען צעהן זאכען:

א גענויע ערקלערונג, א ריכטיגען אויסטייטש וואָס כניעה מיינט; אויף וויפיעל חלקים די מדה פון כניעה ווערט צוטהיילט: די אורזאכען וואָס ברייגען דעם מענשען צו כניעה; די ארט און וועיזע ווי מען דארף אָנגעהן מיט דער דאָזיגער מדה; ווי אזוי א בעל גאוה קען ווערען א נכנע; ווי אזוי דער נכנע, דער אונטערטעניגער דארף זיך בכלל אויפפיהרען; ווען מען דארף געברויכען די מדה פון כניעה און ווען ניט; אויב מען דערגרייכט די דאָזיגע מדה דורך מעשים טובים אָדער פערקעהרט: דורך דער מדה פון כניעה קומט מען צו מעשים טובים. אויב א מענש קען אין דערזעלבער צייט זיין אי א נכנע, אי א בעל גאוה, און די גוטע פאָלגען וואָס אונטערטעניגקייט ברייגנט אין ענינים פון עולם הזה און עולם הבא.

איצט וועלען מיר ערקלעהרען יעדע זאך בעזונדער.
וואס מיינט כניעה? וואס איז די ריכטיגע בעדייטונג פון אונטערטהע־ניגקייט? זיין אונטערטהעניג הייסט: צו ערניעדריגען זיך אליין, אונטער־ווארפען זיך און ניעדערשעצען זיך געגען אימיצען. דאס איז א הערצליכע אדער א געפיהל מדה. מען פיהלט ביי זיך אז מען איז ניעדריג, אונטער־ווארפען אונטער א העכערען, א גרעסערען. די דאזיגע מדה, ווען זי ווערט איינגעווארצעלט אין מענשען'ס הארץ, שפיעגעלט זי זיך נאכהער אפ אויף די אברים, און ניט בלויז דער נכנע אליין פיהלט די אונטערטהעניגקייט, נור זיי־טיגע זעהען דאס אויך אויף איהם.
דער אונטערטהעניגער רעדט ווייך און צייגט ניט ארויס קיין מינע פון אז אויטאריטעט אדער א מושל. ער רעדט ניט הויך, נור מיט א ניעדעריגע שטימע, און קומט איהם אמאל אן דער כעס, האלט ער איהם איין. דער אונ־טערטהעניגער זוכט ווייניג וואס נקמה אפילו ווען ער האט ביכולת נקמה צו נעהמען פון איינעם וואס האט איהם אן עולה געטהאן. מען דערצעהלט אויף א געוויסען קעניג, וואס איינער האט געגען איהם פערזינדיגט און מען האט איהם געדארפט שווער בעשטראפען. איז נאכדעם ווי מען האט שוין געבראכט די ריטער אדער אינסטרומענטען אזעלכע דורכצופיהרען די שטראף אויפ'ן זינ־דיגען, האט דער קעניג זיך אפגערופען: "ווען מיין כעס אויף דיר וואלט ניט געווען אזוי שטארק, וואלט איך שוין פון דיר גענומען די ריכטיגע נקמה; אבער ווייל איך בין אריינגעפאלען אין א צו שטארקען כעס, און דאס, ווייס איך, שטאמט פון גאוה, דעריבער וויל איך ניט נאכגעבען דעם יצר הרע און איך בין דיר מוחל".
אויפ'ן זעלבען קעניג דערצעהלט מען, אז ווען זיינע מיניסטארען און ראטה־געבער פלעגען איהם צוריידען ער זאל בעשטראפען איינעם וואס האט געגען איהם געזינדיגט, פלעגט ער ענטפערען:
"איך בין ביי זיך געפאלען. איך שטאלציר ניט מיט דעם וואס איך בין א קעניג, און איך ווייס ניט פון א פערברעכען וואס זאל איבערוועגען מיין עניוות, מיין נידערגעפאלענקייט און מיך מאכען צו זוכען נקמה. און אפשר זיינען כיינע זינד געגען גאט גרעסער ווי די זינד וואס יענער איז בעגאנגען געגען מיר, טא ווארום זאל איך בעגעהן נאך א זינד און אויסנוצען די שלעכטע מדה פון כעס?"

# פרק ב'

איצט וועלען מיר ריידען וועגען פערשיעדען ארטיגע כניעה.
די מ"ה פון כניעה, פון אונטערטהעניגקייט איז איינגעטהיילט אין דריי חלקים. עס זיינען, הייסט עס, דא דרייערליי אונטערטעניגקייט. איין טהייל נעהמט אין זיך אריין דעם מענשען און א סך לעבעדיגע בעשעפעניסען וואס קענען ניט ריידען. דאס איז די אונטערטהעטיגקייט וואס קומט פון אונווי־סענהייט, פון פערגרעבטקייט. אקוראט אזוי ווי א בהמה אדער א פערד ליידען אפטמאל פון זיין אינטערוואַרפען אונטער אימיצען, ווייל זיי האבען קיין שכל אפצו־ווענדען זיך דערפון, אזוי זיינען אויך דא נארישע אונוויסענדע מענשען

וואָס קענען ניט זיך אליין און האַלטען זיך פאַר אונווירדיג געגען אַנדערע, כאָטש פאַקטיש וואָלטען זיי אין פּרטים געקענט זיין גלייך מיט אַזעלכע וואָס זיי האַלטען אלס העכערע פון זיי. אַ פויער, למשל, טראָגט גראָבע קליידער, עסט גראָבע עסענס און וואוינט אין אַן אומבעקוועמע דירה, ווייל ער רעכענט אַז טראָגען שענערע קליידער, עסען בעסער און לעבען בעסער זיינען זאַכען וואָס בעלאַנגען צו אַ פּריץ, צו אַ גוטס־בעזיצער און ער איז ניט ראוי דערצו. איז דער פויער, הייסט עס, אַ נכנע, ווייל ער ניעדערשעצט זיך אליין צוליעב זיין אונוויסענהייט.

אָבער דאָס רופט מען נור כניעה, אונטערטהעניגקייט, און אין אמת'ן איז דאָס ניט מעהר ווי זעלע אַרימקייט, פערגרעבטקייט. ווארום ווען דער פויער וואָלט ניט געווען בלינד אין דער זאַך און וואָלט מעהר שכל געהאַט, וואָלט ער געוואוסט אַז ער איז אויך בערעכטיגט צו לעבען בעסער, און ער וואָלט דאָס אויסגעפיהרט. אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין איוב: "כי לבם צפנת משכל על כן לא תרומם" — ווייל דו האָסט זייער הארץ בעהאַלטען פון שכל, ווייל זיי זיינען פערנארישט, דעריבער ווערען זיי ניט ערהויבען און האַלטען זיך אליין אויף אַ ניעדעריגע שטופע.

איז דאָס הייסט דעריבער ניט קיין אמת'ע כניעה. ווער דען קען יאָ אנגערופען ווערען אַן אמת'ער נכנע? אַן אמת'ער אונטערטהעניגער? דער וואָס זיין נשמה, זיין גייסט שטעהט אויף אַ העכערע שטופע; דער וואָס איז ניט פערגרעבט און האָט שכל אויפצופיהרען זיך שעהן און אונטערשיידען צווי־שען שעהנע מדות און מאוס'ע; דער וואָס ווייס און פערשטעהט זיין ווערדע, דער ווײַס אנערקענט אַז ער שטעהט העכער פון אַנדערע און דאָך האָט ער אין זיך די מדה פון כניעה, פון זיין אונטערטהעניג, ניעדערגעפאַלען ביי זיך, אָט דאָס מיינט אמת'ע כניעה. די כניעה אָבער וואָס קומט פון אונוויסענהייט, פון טעמפּען שכל איז ניט בעסער ווי די אונטערטהעניגקייט פון אַ בהמה.

דער צווייטער חלק פון כניעה איז אַ צייטווייליגע אונטערטהעניגקייט צו אַנדערע מענשען. איינער, למשל, דיענט אין סאָלדאַטען, איז ער אונטערטהע־ניג צו זיינע אָפיציערען, אָדער אַ געפאַנגענער אין תפיסה, איז אונטערטהעניג דעם אויפזעהער פון געפענגנים, אַ קנעכט איז אונטערטהעניג זיין האַרר, אַ פערדונגענער צו דעם וואָס האָט איהם געדונגען, אַן אָרימאַן צו אַ רייכען, צו וועמען ער דאַרף אָנקומען, אַ תלמיד צו זיין רבי, אַ בעל חוב צו דעם, וועמען ער איז שולדיג דעם חוב, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין משלי: "ועבד לוה לאיש מלוה" — דער וואָס באָרגט געלד איז אַ קנעכט צו דעם יעניגען, ביי וועמען ער באָרגט. עס איז דאָ נאָך אַ כניעה, אַן אונטערטהעניגקייט, וואָס בעלאַנגט צום זעלבען סאָרט. ווען איינער ווייס ביי זיך, אַז ער קומט ניט ריכטיג נאָך די פּרינציפּען וואָס האָבען אַ שייכות מיט עולם הזה און עולם הבא; ווען איינער פיהלט אַז ער ווייס ניט גענוג ווי אַזוי צו פיהרען זיך אויף דער וועלט, און אַז ער הערט מוסר פון אַ רב אָדער אַ פאַלקס לעהרער, איז ער צו איהם אונטערטהעניג און ערנידעריגט זיך פאַר איהם און בעדיענט איהם. אַזאַ כניעה, אַזאַ אונטערוואָרפענקייט איז גאַנץ גוט, אזוי ווי די גמרא זאָגט: "גדולה שמושה של תורה יותר מלמודה" — בעדיענען די תורה, בעדיענען, הייסט עס, אַ תלמיד חכם, אַ מורה דרך איז גרעסער, חשוב'ער ווי לערנען די תורה.

אבער כאָטש אפילו די אַלע וואָס זיינען פריהער דערמאָהנט געוואָרען אַז זיי זיינען נכנעים, אונטערטהעניג, טהוען דאָס מיט רעכט און זיי דאַרפען זיין אונטערטהעניג, איז דאָס נאָך אָבער אַלץ ניט די ריכטיגע כניעה, די אמת'ע מדה פון אונטערטהעניגקייט, צו וועלכע מיר ציעלען אין דיעזען שער, ווייל דיעזע כניעה איז ניט קיין שטענדיגע, בלויז א צייטווייליגע, מחמת זי נעהמט אין זיך ניט אריין אַלע רעדעוודיגע, אַלע מענשען און די אונטערטהעניגקייט דאַרף ניט געבראָכט ווערען אין יעדער צייט און אין יעדען אָרט. וואָרום ווען דער סאָלדאַט געהט אַרויס פון דיענסט, דער געפאַנגענער פון תפיסה, דער קנעכט פון רשות פון זיין ווירטה, ווען דער בעל חוב בעצאָהלט זיין חוב, ווען דער תלמיד איז ניט נעבען זיין רבי און ווען דער אָרימאַן ווערט רייך, געהט שוין די כניעה אַרונטער, דאַרפען זיי שוין ניט זיין אונטערטהעניג. די אַלע זיינען נור אונטערטעניג אונטער געוויסע אומשטענדען, צוליעב געוויסע סבּות, און מיידען די סבות, די אורזאַכען, מיידט די כניעה, די אונטערטעניגקייט.

אָבער דער דריטער טהייל כניעה מיינט צו זיין אונטערטהעניג דעם בורא יתברך, א פפליכט וואָס ליעגט אויף אַלע מענשען אָהן אויסנאַהם, און מען איז דאָס מחויב צו פּראַקטיצירען אין יעדע צייט און אין יעדען אָרט, און וועגען דעם, וועגען דיעזער כניעה, ווילען מיר ריידען אין דיעזען שער. דער אמת'ער נכנע, דער אונטערטהעניגער צו גאָט, ווערט אין די הייליגע שריפטען גערופען אָדער בעטיטולט מיט די נעמען: עניו, נבזה בעיניו, צנוע, דכא, שפל רוח, רוח נשברה, נדכה, רך לבב, לב נשבר און נפש שחה, אַלץ אַזעלכע ווער־טער וואָס דריקען אויס אונטערטהעניגקייט, זעלבסט ערניעדערונג, אונטערוואָר־פענהייט און ניעדער־געפאַלענקייט.

און וואו מיר וועלען ריידען סתם וועגען כניעה, איז אַלץ אונזער כונה אויף דעם דריטען חלק פון כניעה, אויף די אונטערטהעניגקייט צו גאָט, וואָס דאָס איז די העכסטע מדרגה פון כניעה. און דער וואָס קומט צו דיעזער מדרגה, דערנעהנטערט זיך צו גאָט און איז ביים בעשעפער אָנגענומען, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: „זבחי אלהים רוח נשברה, לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה" — א צובראָכען געמיטה מיינט אַן אָפּפער צו גאָט. א צובראָכען האַרץ, א געפיהל פון ניעדערגעפאַלענקייט, פערשעהמסטו ניט, גאָט.

# פרק ג'

עס זיינען דאָ צעהנערליי סבות, צעהנערליי אורזאַכען וואָס נעהמען אוועק פון מענשען די מדה פון גאוה און ברייננען איהם צו דער מדה פון כניעה, פון ערנידערונג אָדער ניעדערגעפאַלענקייט.

ערשטענס, ווען ביים מענשען ווערען אָפּגעשוואַכט די כחות און ער קען מעהר ניט אָנגעהן מיט זיינע נאַטירליכע בעוועגונגען צוליעב קראַנקהייט אָדער ווייל ער איז געבוירען געוואָרען מיט שוואַכע אברים, וואָס האָבען נור געקענט דיענען א געוויסע צייט. אַז דאָס פּאַסירט מיט א מענשען, וואָס איז פריהער געווען שטאָלץ ביי זיך, ווערט ער נאָכהער אָפּהענדיג. ער פערליערט זיין שטאָלץ און ווערט נידערגעשלאָגען און בעט ביי גאָט און ביי מענשען זיי זאָלען איהם העלפען, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט אין תהלים: "ויכנע בעמל לבם כשלו ואין

עוזר, ויצעקו״ — מיט מיעדקייט, מיט שוואכקייט, מאכט גאָט אונטעטעניג זייערע הערצער; ווען זיי ווערען שוואך און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי העלפען, שרייען זיי, בעטען זיי ביי גאָט.

צווייטענס, ווען איינעם טרעפט עפּעס אזוי אַן אונגליק אָדער ער ווערט פעראָרימט און ער דאַרף אָנקומען צו מענשען, צו וועלכע ער האָט פריהער ניט געדאַרפט אָנקומען, ברעכט דאָס זיין שטאָלץ און ער ווערט אַן אונטערטע־ניגער אנשטאט א בעל גאוה, אזוי ווי דער פּסוק זאָגט ביי די קינדער פון עלי הכהן אין שמואל א׳: ״והיה כל הנותר בביתך יבא להשתחות״ — דער וואָס וועט פערבלייבען אין דיין הויז וועט קומען בוקען זיך פאַר א שטיקעל ברויט אָדער א מטבע. די אָרימקייט, הייסט עס, וועט זיי ברייגגען דערצו, אַז זיי זאָלען אראָפּוואַרפען זייער שטאָלץ און יחוס און בוקען זיך צו אימיצען אום צו קריגען א שטיקעל ברויט אָדער א געלד געשאַנק.

דריטענס, ווען איינער ווייס אַז זיין חבר געהט בעסער ווי איהם און ער קען פון איהם קריגען טובות, מעג ער זיך זיין א בעל גאוה, פּראָוועט ער אָבער ניט קיין גאוה געגען יענעם, אזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: ״רבים יחלו פני נדיב״ — פיעלע בעטען דעם מילדען, דעם פריינעביגען.

פיערטענס, ווען איינער איז דעם אנדערען שולדיג א חוב און ער איז ניט אימשטאַנד צו בעצאָהלען, איז ער יענעם אונטערוואַרפען און צייגט פאַר איהם קיין גאוה, אפילו אויב ער איז בטבע א בעל גאוה.

פינפטענס, ווען איינער איז געפאַנגען ביי א שונא, מוז ער איהם אונטער־טעניג זיין, צו ער וויל, צו ער וויל ניט.

זעקסטענס, א שקלאַף וואָס קען זיך ניט אויסקויפען פון זיין ווירטה.

זיעבענטענס, ווערט א מענשען׳ס הארץ צובראָכען און ער ווערט ביי זיך ערנידעריגט, ווען עס קומען אויף איהם צרות. ווען די צרות זיינען אפילו אזעלכע, וואָס מאכען איהם ניט אָנצוקומען צו אימיצען, ווערט אויך זיין שטאָלץ געבראָכען אין אלגעמיין און דאָס ברייגגט איהם צו כניעה, צו זיין ביי זיך געפאַלען.

אכטענס, ווען א מענש האָט מיט זיך אליין א חשבון הנפש, ווען ער בע־טראַכט זיינע מעשים און געפינט אוים, אַז ער זינדיגט געגען גאָט און ער דאַנקט איהם ניט און לויבט איהם ניט פאַר די טובות וואָס ער טהוט מיט איהם, ווערט ער ביי זיך געפאַלען און שעהמט זיך פאַר׳ן בעשעפער פאַר זיין אונדאַנק־באַרקייט צו איהם, אזוי ווי עזרא האָט געזאָגט: „אלהי בושתי ונכלמתי״ — מיין גאָט, איך בין פערשעהמט און קען מיין קאָפּ ניט אויפהויבען, ווייל אונ־זערע זינד זיינען פיעל.

נייטענס, ווען א מענש הערט מוסר פון א מוכיח, א שטראָף זאָגער, וועלכער וואַרפט איהם אויף זיין זינדיגען געגען גאָט, ווערט ער ביי זיך אויך געפאַלען און עס כאַפּט איהם א מורא, אזוי ווי עס ווערט דערצעהלט אין מלכים א׳, ווען אליהו הנביא האָט געשטראָפט אחאב׳ן, האָט נאָכהער גאָט געזאָגט צו אליהו: ״הראית כי נכנע אחאב מלפני?״ — האָסטו געזעהען ווי אחאב איז געוואָרען אונטערטעניג צו מיר?

צעהנטענס, ווען דער מענש פיהלט, אַז דער טויט דערנעהנטערט זיך און די צייט פון שטאַרבען איז שוין ניט ווייט, פאַלט אויף איהם אַן א שרעק. ער

הויבט אָן צו טראַכטען וועגען דעם שרעקליכען מאָמענט ווען ער וועט מוזען פערלאָזען די וועלט און דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון פאַר׳ן בורא יתברך, און ער ווערט ניעדערגעשלאָגען און אונטערטעניג אויס חרטה און בעדויערען, וואָס ער האָט ניט צוגעגרייט קיין שפּייז אויפ׳ן וועג, וואָס ער האָט זיך ניט בעזאָרגט מיט מעשים טובים וואָס זאָלען איהם בעגלייטען אויף יענער וועלט.

דאָס זיינען די צעהן זאַכען וואָס ברעכען דעם מענשענ׳ס שטאָלץ און מאַכען אונטערטעניג די יעניגע וואָס בעזיצען די מדה פון גאוה.

# פרק ד׳

איצט ווילען מיר ערקלעהרען אויף וואָס פאַר אַן אופן אַ מענש דאַרף אויסנוטצען די מדה פון כניעה. אויף דעם ווילען מיר זאָגען, אַז די מדה פון כניעה, פון אונטערטעניג זיין, דאַרף געברויכט ווערען אין זיעבענערליי ענינים אָדער פעלע.

ערשטענס, אין משא ומתן, אין האַנדלען, אין האָבען פערבינדונגען מיט מענשען און אין גוטע אויפפיהרונג מיט זיין גלייכען, ווי איך וועל ערקלערען שפּעטער ריידענדיג וועגען דיעזען ענין. אויף אַזאַ פאַל פון כניעה זאָגט דער פסוק אין תהלים: „נבזה בעיניו נמאס״ — דער צדיק, ווען ער האָט אפילו מיט וואָס צו שטאָלצירען, איז ער אין זיינע אייגענע אויגען ניעדערגעשעצט און געפאַלען ביי זיך.

צווייטענס, ווען ער בעגעגענט לומדי תורה און פרומע לייט וואָס זיינען נאָהענט צו גאָט, דאַרף ער זיך פיהלען אונטערטעניג. אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: ״שחו רעים לפני טובים״ — די שלעכטע, די זינדיגע זאָלען זיין איינגעבויגען פאַר די גוטע, פאַר צדיקים.

דריטענס, ווען מען לויבט איינעם פאַר זיינע גוטע מדות, איז ער מחויב צו געברויכען די מדה פון כניעה. עס דאַרף איהם ניט הנאה טהאָן און ער דאַרף ניט צופריעדען זיין דערמיט וואָס מענשען האָבען אין איהם אַ טעות און האַלטען איהם פאַר אַ פרומען און גאָטספאַרכטיגען, נור פערקעהרט: ווען ער הערט אַז מען זאָגט אויף איהם שבחים, דאַרף ער זיך דערמאָהנען אָהן די זינד וואָס ער איז בעגאַנגען אין געהיים, אָבער גאָט ווייס זיי און ער וואַרט ער זאָל אויף זיי תשובה טהאָן. אַז ער וועט אַזוי טהאָן, וועט ער אַנשטאַט פרעהען זיך, שעפּען פערגעניגען פון די שבחים וואָס מען זאָגט אויף איהם, גאַר ווערען ניעדערגעפאַלען ביי זיך און אונטערטעניג. אַזוי ווי דוד המלך האָט געזאָגט: ״כי עוני אגיד אדאג מחטאתי״ — איך וועל זאָגען מיינע זינד, זאָרגען וועגען מיינע פערברעכענס.

פיערטענס, ווען מען וואַרפט איינעם אויף די עולות וואָס ער איז בעגאַנגען, ווען מען איז איהם דערפאַר מבזה דאַרף ער ווערען אונטערטעניג צו גאָט און איהם דאַנקען דערפאַר וואָס ער האָט די מענשען אריינגעגעבען אַ זינען צו שענדען איהם, צו שטראָפען איהם און אויפצייגען פיעל ניט איז זיינע חטאים, כדי דאָס זאָל איהם ברענגען צו תשובה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט אין איוב: „ויגל אזנם למוסר ויאמר כי ישובון מאון״ — גאָט פעראורזאַכט אַז מענשען זאָלען הערען מוסר, כדי זיי זאָלען זיך צוריקציהען פון אונרעכט.

פינפטענס, ווען דער בעשעפער טהוט איינעם גוטס אויף דער וועלט; ווען ער גיט איהם רייכטהום אדער ער מאכט איהם צו געניסען אנדערע וועלטליכע גוטע זאכען, דארף דער וואס איז מקבל די גוטעס זיין אונטערטעניג צו גאט צוליעב די שווערע לאסט וואס עס ליגט אויף איהם אפצו־אנקען גאט דערפאר. ער דארף זיך ערניעדריגען, זיין געפאלען ביי זיך אוים מורא טאמער וועט די גוטעס וואס ער געניסט גאר פיהרען צו שלעכטעס, טאמער וועט דערפון גאר ארויסקומען א שטראף פאר זיינע זינד. ווארום רייכטהום וואס מענשען האבען אויף דער וועלט, בעקומען זיי דאס צוליעב איינע פון דיא דריי אורזאכען: ענטווידער דער בורא, ב"ה, וויל דעם מענשען גוטעס טהאן, אדער ער וויל דאס איהם שטעלען צו פראבע, אויב די געלד וועט איהם ניט אראפפיהרען פון גלייכען וועג, אדער כדי דער מענש זאל דורכדעם ארייןפאלען אין א צרה און אפטמאל געטויטעט ווערען אלס שטראף פאר זיינע זינד. ווארום עס פאסירט דאך, אז רייכע לייט ווערען גע'הרג'עט פון גזלנים און ווען זיי וואלטען ניט רייך געווען, וואלט דאס ניט פאסירט.

און עס זיינען דא סמנים, דורך וועלכע מען קען וויסען צוליעב וואס פאר א תכלית, צוליעב וואס פאר א צוועק גאט גיט איינעם געלד.

אויב דער וואס פערמאגט די געלד איז ארייןגעטהאן אין ערפילען זיינע פפליכטען צום בעשעפער מעהר ווי ער איז ארייןגעטהאן אין די ענינים פון זיין רייכטהום; אויב ער זוכט ניט קיינע וועלטליכע פערגעניעגענס און ער גיט צדקה און טהוט מצות מיט זיין געלד; אויב ער האט קיין בטחון אין זיין עשירות און בעטראכט עס ניט אלס א גוטע זאך כדי אנצוטהאן זיך מיט דעם קערפערליכע תענוגים, איז א סימן, אז גאט האט עס איהם געגעבען פון זיין, פון דעם מענשענ'ס, טובה וועגען, אזוי ווי מיר געפינען אין איוב קאפיטעל ל"א וואס א מענש דארף טהאן מיט געלד, מיט עשירות כדי דאס זאל זיין פאר איהם גוט.

אויב אבער איינער איז ארייןגעטהאן אין היטען זיין פערמעגען, אין סטארען זיך ארייןצוקריעגען מעהר רייכטהום און אין זוכען בעווארענישען, אז זיין געלד זאל ניט געמינערט ווערען; אויב די זאכען ליעגען איהם מעהר אין זינען ווי דער חוב צו דאנקען און לויבען גאט און טהאן עפעס מיט'ן געלד פון בעשעפער'ס וועגען, איז א סימן, אז די עשירות איז איהם געגעבען געווארען נור מיט דעם צוועק כדי אויסצופרובירען איהם אויב זיין הארץ איז מיט גאט אדער ניט. אזעלכען וועט פון זיין געלד ניט פערבלייבען מעהר ווי די דאגה און שרעק טאמער פערליערט ער עס, און אויף יענער וועלט וועט ער דארפען אפגעבען דין וחשבון דערויף, אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין קהלת: "כי כל ימיו מכאובים" — זיינע אלע טעג, די טעג פון אן עושר וואס גיט זיך אפ מיט זיין עשירות, זיינען געוועהטאגטע און זיינע נעכט שלאפלאזע.

ווען איינער וואס פערמאגט עשירות איז נור ארייןגעטהאן אין וועלטליכע פערגעניגענס און זוכט נור כל־ערליי תענוגים וואס מען קען געניסען אויף דער ערד און ער דאנקט ניט גאט וואס האט איהם געגעבען די עשירות, און טראכט גאר ניט וועגען די חובות וואס ער איז שולדיג דעם בעשעפער און מענשען; ווען אן עושר פיהרט זיך אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין ישעיה: „והיה ששון ושמחה, הרוג בקר ושחוט צאן" און „והיה כנור ונבל תוף וחליל

ויין משתיהם״—ער מאכט נור הוליאנקעס, הרג׳עט רינדער און קוילעט שעפסען און פראוועט מאהלצייטען מיט פידעל, הארף, פויק און פייפעל און וויין, אבער געטליכעס זעהט ער ניט און וויל אויף דעם ניט קוקען — אזא מין עשירות מיינט נקמה אין דער פארמע פון א טובה.

דעריבער איז דער וואס האט שכל קוקט אויף רייכטהום וואס גאט גיט איהם מיט אנדערע אויגען. אויב עס געהט איהם גוט אויף דער וועלט אין אלע פרטים, ווערט ער א נכנע, און אונטערטעניגער צו גאט, מחמת ער האט מורא, אז דאס זאל זיך ניט אויסלאזען א נקמה פון בעשעפער, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין קהלת: ״עושר שמור לבעליו לרעתו״ — אפטמאל ווערט רייכטהום געהאלטען צו דעם וואס בעזיצט עס צו שלעכטען, צו ברייננגען אויף איהם צרות.

דער זעקסטער פאל ווען א מענש דארף ווערען א נכנע איז, ווען ער לערענט די תורה אדער די ספרי הנביאים און ער זעהט דארט דעם ענין פון גמול ועונש, בעלוינונג פאר מעשים טובים און שטראף פאר מעשים רעים, איז אויב ער פיהלט ביי זיך אז ער איז ניט נאכגעקומען אין גאנצען זיינע פפליכטען צו גאט, דארף ער ווערען אונטערטעניג, ערנידעריגט פאר׳ן בורא יתברך אוים מורא טאמער וועט ער געשטראפט ווערען. אזוי ווי עס ווערט דערצעהלט אין מלכים ב׳: ״ויהי כשמוע המלך את דברי ספר התורה ויקרע את בגדיו״ — ווען דער מלך (יאשיהו) האט געהערט לייענענדיג די תורה, האט ער צוריסען זיינע קליידער. נאכהער ווערט דארט געזאגט: ״יען רך לבבך ותכנע מפני ה׳״ — ווייל דיין הארץ, די הארץ פון יאשיהו, איז ווייך געווארען און זיך ערניע־דעריגט פאר גאט.

זיעבעטענס, ווען א מענש איז זיך עוסק אין גאטעס דיענסט, ווען ער גיט צדקה, ווען ער טהוט תפלה, אדער ער טהוט וועלכע עס איז גוטע זאך, אזעלכע וואס א מענש איז מחויב צו טהאן אדער אזעלכע וואס איז ניט קיין דירעקטער חוב, אדער ווען איינער זאגט דעם אנדערען מוסר, דארף ער דאס ניט טהאן מיט גאוה און ניט פיהלען קיין שום שטאלץ וואס ער טהוט א גוטע זאך אדער וואס ער איז מעהר לערנער אדער פרומער פון אן אנדערען, נור ער דארף זיין געפאלען ביי זיך, אונטערטעניג צום בעשעפער אין די עפענטליכ־קייט. דער מענש דארף שטענדיג אין זינען האבען אז פיעל ער טהוט פאר גאט איז אלץ ניט גענוג, קומט ער אלץ ניט נאך די פפליכטען צום בעשעפער, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין מיכה, אז מיט קיין זאך קען מען אזוי ניט יוצא זיין געגען גאט ווי מיט „עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך״ — טהאן גערעכטיגקייט, ליעב האבען חסד, צדקה און טובות טהאן מענשען און דערביי זיין בעשיידען, ניעדערגעפאלען געגען גאט.

דאס זיינען די זיעבען ענינים אין וועלכע א מענש דארף געברויכען דיא מדה פון כניעה.

# פרק ה'

אבער ווי אזוי קומט מען צו כניעה? וואס איז דער לייכסטער וועג פאר'ן מענשען צו ערווערבען די דאזיגע גוטע מדה? דערויף וועלען מיר ענטפערען, אז עס קומט ניט אן שווער צו ווערען א נכנע, אן אונטערטהעניגער צו גאט, ווען מען טראכט, ווען מען האט אויפ'ן רעיון זיעבען זאכען.

ערשטענס, דארף דער מענש אין זינען האבען דעם שורש, די ערשטע מא־טעריע פון זיין בעשאפונג. ער דארף ניט פערגעסען, אז זיין קערפער האט זיך אנגעהויבען ענטוויקלען פון זוימען און בלוט, און ערשט נאכדעם ווי דיזע מא־טעריעם זיינען קאליע געווארען און האבען ארויסגעגעבען א שלעכטען ריח; און אז זייענדיג אין זיין מוטער'ס בויך איז ער געשפייזט געווארען פון אומציכטיג בלוט. ער דארף אויך ניט פערגעסען, אז ווען דער מענש ווערט געבוירען איז ער א שוואך בריאה'לע, שוואך אין זיין גאנצען קערפער און אברים, און אזוי וואקסט ער און ענטוויקעלט זיך פון שטופע צו שטופע ביז ער ווערט א פאלקא־מענער מענש, ערגרייכט זיין עלטער און לעבט אויס זיינע יאהרען. א געוויסער חכם האט אמאל געזאגט: "איך קען ניט פערשטעהן ווי אזוי איינער וואס קומט צו זיין עקזיסטענץ אויף אזא אופן זאל אין זיך האבען גאוה!" אז א מענש האט די זאכען אין זינען, ברייגנט דאס איהם צו כניעה, צו אונטערטעניגקייט, צו נידערגעפאלענקייט. אזוי ווי דוד המלך, עליו השלום, האט געזאגט אין תהלים: "ה' מה אדם ותדעהו?" — גאט, וואס איז דער מענש, אז דו זאלסט איהם אנערקענען? אין אן אנדער ארט זאגט דוד המלך: "ואנכי תולעת ולא איש" — איך בין א ווארים ניט קיין מענש.

צווייטענס, דארף א מענש האבען אויפ'ן רעיון די בייזע בעגעגענישען וואס קענען איהם טרעפען אויף דער וועלט. עס קען איהם אויסקומען צו ליידען הונגער, דורשט, קעלט, היטץ, קראנקהייטען, אנדערע צרות און דאגות, פון וועל־כע נור דער טויט קען איהם בעפרייען. אז דער פערשטענדיגער וועט דאס אין זינען האבען וועט ער פערשטעהען זיין שוואכקייט און נישטיגקייט און ווי ער איז מאכטלאז צו פערהינדערען די שלעכטיגקייטען וואס קענען אויף איהם קומען. ער וועט דאן אנערקענען ווי ווייט ער איז הילפלאז, ווי ווייט זיינע כחות זיינען בעשרענקט און אז ער איז אויף דער וועלט ניט בעסער און ניט פרייער ווי א געפאנגענער אין תפיסה. דאס וועט איהם ברייגנען דערצו, אז ער וועט זיין אונטערטעניג אזוי ווי אן איינגעשפארטער אין תפיסה, וועלכער קען זיך ניט בעפרייען און קען ניט פערבעסערען זיין לאגע אהן דעם יעניגען וואס האלט איהם געפאנגען. אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: "תבוא לפניך אנקת אסיר" — זאל פאר דיר, גאט, קומען דער הילפס־געשריי פון געבונדענעם, איינגעשפאר־טען אין תפיסה. דאס מיינט ער יעדען מענשען וואס איז אין די הענד פון גאט אזוי ווי א געפאנגענער ביי זיין פאנגער. אין אן אנדער ארט אין תהלים בעט דוד המלך: "הוציאה ממסגר נפשי" — נעהם מיך, גאט, ארויס פון איינשליסונג, ווייל איך בין אויף דער וועלט אזוי ווי אן איינגעשלאסענער, אן איינגעשפארטער אין געפענגנים.

דריטענס, ווען דער מענש וועט בעטראכטען און אין זינען האבען זיין אומ־וועקסלונג אויף דער וועלט, אז דאס לעבען וועט זיך איהם גיך ענדיגען און עס וועט קומען דער טויט, ווען אלע זיינע שטרעבונגען און האפנונגען וועלען אויפ־הערען, ווען ער וועט אלעס מוזען פערלאזען און קיין זאך ניט מיט זיך נעהמען,

וואס זאל איהם קענען עפּעס העלפען אין קבר; אז ער וועט האבען אויפ'ן גע־דאנקען ווי שווארץ, מיאוס און פערפוילט זיין פּנים וועט ווערען, ווי זיין לייב וועט פערוואנדעלט ווערען אין ווערים, ווי זיין גוף וועט פערדארבען און פער־שטונקען ווערען אזוי ווי ער זאל זיך קיינמאל ניט האבען געוואשען און גערייניגט — אז דער מענש וועט דאס אלעס האבען אויפ'ן רעיון, וועט ער זיין אונטער־טעניג, נידערגעפאלען און די מדה פון גאוה, פון זיין שטאלץ ביי זיך וועט צו איהם ניט קומען. אזוי ווי דער פּסוק זאגט אין תהלים: "אך הבל בני אדם, כזב בני איש" — די ערדען־קינדער זיינען גארנישט, די מענשען־קינדער זיינען אויפ־הערבאר, זייער עקזיסטענץ, זייער זיין אויף דער וועלט הערט אויף.

פיערטענס, ווען א מענש וועט זיך בעדענקען ווענען די שולדען וואס ער איז שולדיג צו גאט פאר די פיעלע טובות און חסדים וואס ער געניסט פון איהם, און ווי ער פערנאכלעסיגט מקיים צו זיין די מצוות, וואס ער פערשטעהט מיט'ן שכל אז מען דארף זיי נאכקומען, און וואס ער פערשטעהט ניט; ווען ער וועט בעטראכטען ווי הינדערשטעליג ער איז אין דעם און ווי ער וועט זיך ניט קענען פערטהיידיגען ווען ער וועט דארפען אפּגעבען דין וחשבון אויף זיינע מעשים, און ווי ער וועט ביים יום הדין חרטה האבען אויף זיינע אויפפיהרונגען, דאן וועט ער ווערען א נכנע און זיין געמיטה וועט ערנידריגט און צובראכען ווערען. דער פּסוק זאגט אין מלאכי: „ומי מכלכל את יום בואו" — ווער וועט קענען איבער־טראגען דעם טאג וואס וועט קומען אפּצוגעבען דין וחשבון פאר'ן מלך מלכי המלכים. און מורא אליין ברייגנט צו אונטערטעניגקייט.

פינפטענס, ווערט א מענש א נכנע, ווען ער טראכט ווענען די גרויסקייט פון בורא יתברך, ווענען זיין מאכט און גבורה און ווענען דעם וואס ער קוקט און זעהט וואס דער מענש טהוט אפּען און פערבארגען. און גאט'ס גרויסקייט קען א מענש בעגרייפען ווען ער האט אין זינען די גרויסע, מורא'דיגע זאכען וואס צדיקים און חסידים פון אמאליגע דורות האבען אויפגעטהאן. די גמרא דערצעהלט אויף איינעם פון זיי: "נתן עיניו בו ונעשה גל של עצמות" — ער האט א בליק געטהאן אויף א רשע און דער רשע איז געווארען א בערגעל ביינער. אויף יונתן בן עוזיאל ווערט געזאגט, אז ווען ער האט גע'דרשנ'ט אין דער תורה איז יעדע פויגעל, וואס איז איבער איהם געפלויגען, באלד פערברענט געווארען. און עס איז דאך קיין ספק אז נביאים זיינען געשטאנען נאך אין א העכערע מדרגה פון יענע גרויסע לייט. פון דעסטוועגען, ווען זיי, די נביאים, האבען זיך אנגעטראָ־פען מיט מלאכים זיינען זיי אונמעכטיג געווארען און האבען זיך פאר די מלאכים געקניעט און געבוקט. אזוי ווי עס ווערט דערצעהלט אויף דניאל, יהושע און אנ־דערע נביאים. און מלאכים, ווערט געזאגט, קניען זיך און בוקען זיך פאר'ן בע־שעפער. אין נחמיה זאגט דער פּסוק: „וצבא השמים לך משתחוים" — די חייל פון הימעל (די מלאכים) בוקען זיך צו דיר, גאט, או'ער אין תהלים ווערט גע־זאגט: "ובהכלו כלו אומר כבוד" — אין גאט'ס פּאלאץ גיבען איהם אלע מלאכים אפּ כבוד. היינט אז מלאכים, וואס נביאים, וועלכע שטעהען העכער פון חסידים און צדיקים בוקען זיך פאר זיי, זיינען אונטערטעניג דעם בעשעפער, טאָ ווי קען אן איינפאכער מענש ניט זיין אונטערטעניג צו איהם? און נאך א זאך: ווען א מענש וואס האט שכל, קוקט אויף דער זון, די לבנה, די שטערן און די ערד און אלעס וואס געפינט זיך אויף איהר און אין איהר; ווען דער מענש בעטראכט דאס אלעס, קען ער גאנץ גוט פערשטעהן ווי אונטערטעניג ער דארף זיין צו גאט.

וואָרום וואָס איז דער מענש געגען דעם כדור הארץ, געגען דעם ערד־קוגעל? און וואָס איז די ערד געגען די אנדערע הימעלשע וועלטען? און וואָס איז אלעם, די גאנצע שאפונג, געגען די גרויסקייט פון בעשעפער? אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין תהלים: ״מה אנוש כי תזכרנו״ — וואָס פאר א ווערדע האָט דער מענש, אז דו גאָט זאָלסט איהם געדענקען, אין זינען האָבען.

זעקסטענס, קומט א מענש צו דער מדה פון כניעה, ווען ער לייענט אין די ספרים פון די נביאים, וואו די בעלי גאוה, די שטאָלצע ווערען געטאַדעלט, און עס איז פאר זיי בעשטימט א שווערע שטראָף, וועהרענד די נידערגעפאלענע, די אונטערטעניגע ווערען געלויבט און עס איז פאר זיי בעשטימט גוטעס. ישעיה זאָגט: ״עיני גבהות אדם שפל ושח רום אנשים״ — די אויגען פון די הויכע, פון די וואָס האלטען זיך ביי זיך גרויס, וועלען ערנידעריגט ווערען און עס וועט איינגעבויגען ווערען די הויכקייט פון די מענשען. אין משלי איז דאָ א פסוק: ״לפני שבר גאון״ — פאר א בראָך, פאר אן אומגליק קומט גאוה. דאָס הייסט, אז דאָס האלטען זיך גרויס פיהרט צו אומגליקען, צו צרות. דאגעגען ווידער ווערט געזאָגט אין תהלים: ״מעודד ענוים ה׳״ — גאָט שטאַרקט, פעסטיגט די וואָס האלטען זיך נידעריג, די אונטערטעניגע. אן אנדער פסוק אין תהלים זאָגט: ״וענוים ירשו ארץ״ — נידערגעפאלענע וועלען ירש׳ענען דאָס לאנד. פאָלגליך, אז מען לערנט נביאים און מען ווייס דאָס, היט מען זיך אוים פון דער מדה פון גאוה און מען איז אונטערטעניג דעם בעשעפער.

זיבענטענס, ווען א מענש בעאָבאכטעט די אומוועקסלונגען וואָס קומען פאר אין לעבען פון איינצעלנע פערזאָנען און מלוכות און רעגירונגען; ווען א מענש וועט קוקען און בעטראכטען ווי די לאגע פון מענשען ווערט געענדערט, ווי אָרימע ווערען רייך און רייכע ווערען אָרים, ווי מדינות און פעלקער ווערען פערניכטעט בעת אנדערע מדינות אָדער פעלקער ווערען דערפון אויפגעריכט, גרעסער, רייכער און שטאַרקער, און דער סוף פון כלל איז דער טויט, — אז א מענש וועט דאָס אלעס אין זינען האָבען וועט ער זיין אונטערטעניג און וועט זיך ניט גרוים האל־טען מיט קיין זאך, ניט מיט רייכטהום, ניט מיט גבורה און ניט מיט געוויסע פעהיגקייטען, און וועט זיך ניט פערלאָזען אויף קיין זאך און אויף קיינעם, נור אויף גאָט, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: ״אשרי הגבר אשר שם ה׳ מבטחו״ — גליקליך איז דער מענש וואָס האָט בטחון נור אין גאָט.

און אז א מענשען׳ס הארץ וועט ניט זיין פוסט פון איינע פון די זיעבען ענינים וואָס מיר האָבען דערמאָהנט, אז ער וועט, הייסט עס, האָבען אין דער מחשבה די דאָזיגע זאכען, וועט ער שטענדיג זיין אונטערטעניג און נידערגע־פאלען און די אונטערטעניגקייט וועט ביי איהם ווערען א נאַטור־זאך, איינגע־וואָרצעלט אין זיינע געפיהלען אויף אימער. און אז די כניעה וועט ביי איהם ווערען אן איינגעשאפט, א נאַטירליכע נייגונג, וועט די דאָזיגע מדה פון איהם דערווייטערען אלע מינים גאוה און שטאָלץ און דאָס וועט איהם פערמיידען פון זינד, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין דער תורה: ״ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו״ — די מורא פאר גאָט וועט פאלען אויף אייך און איהר וועט ניט זינדיגען, און אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין פרקי אבות: ״הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה״ — בעאָבאכט, מענש, דריי זאכען און דו וועסט ניט קומען צו אן עברה. די דריי זאכען זיינען: ווייס פון וואַנען דו קומסט, וואוהין דו וועסט סוף כל סוף געהן, און פאר וועמען דו וועסט דאַרפען אָפּגע־בען דיין חשבון, און ווי עס ווערט דאָרט ווייטער ערקלעהרט.

# פרק ו'

אין די אויפפיהרונגען ווי אזוי א נכנע, אן אונטערטעניגער צו גאט, דארף זיך אויפפיהרען, זיינען דא צעהן פונקטען. ווען מען קומט ניט נאך די צעהן פונקטען, קען די אונטערטעניגקייט ניט זיין קיין פאלקאמענע.

ערשטענס, דארף דער נכנע וויסען גאט און זיינע גוטע מדות און די אויבער־מאכט וואס ער האט געגעבען דעם מענשען איבער אנדערע לעבעדיגע בעשעפע־ניסען, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין תהלים: "תמשילהו במעשי ידיך" — דו האסט דעם מענשען געמאכט געוועלטיגען איבער דיין שאפונג. דאס הייסט: די כניעה דארף ניט קומען אוים אונוויסענהייט, אוים פערגרעבטהייט. דער מענש דארף וויסען די ראלע וואס ער שפיעלט אויף דער וועלט; ער דארף פערשטעהען אז ער שטעהט העכער פון חיות, בהמות און עופות, אבער צו דער זעלבער צייט אנערקענען די גרויסקייט, די ערהאבענקייט און די הימעלשע חכמה פון גאט. אז ער וועט דאס וויסען און פערשטעהן, וועט ער זיין אונטערטעניג און ערנידריגט פאר איהם אויף א געהעריגען אופן. ער וועט דאן לערנען פון דעם חכם, פון שלמה המלך, וועלכער האט געזאגט: "אל תתהדר לפני מלך" — דו זאלסט ניט פראוועו קיין גאוה פאר א קעניג, און זעלבסטפערשטענדליך, אז פאר'ן מלך מלכי המלכים, פאר'ן קעניג איבער אלע קעניגע, און הארר איבער אלע הארען, פאר גאט, וואס מען קען איהם ניט פארשטעלען אין קיין שום געשטאלט און אויסזעהן, דארף מען זיך געוויס ניט האלטען גרויס.

צווייטענס, דארף דער נכנע וויסען די חיובים, די פליכטען פון דער תורה, וואס מען פערשטעהט ניט מיט'ן שכל און די וואס דער שכל דיקטירט אז מען זאל אזוי טהאן אדער ניט טהאן. און ער דארף לערנען די תורה, כדי צו וויסען די תנאים פון כניעה און ווען און וואו צו זיין א נכנע. ווארום עס זיינען דא פעלע, ווען מען דארף דוקא זיין שטאלץ ביי זיך, ניט נידערגעפאלען, אזוי ווי עס איז געזאגט געווארען אין שער עבודת האלהים.

דריטענס, אום צו זיין א ריכטיגער נכנע, דארף דער מענש האבען א ברייט הארץ, וואס זאל קענען פערנעהמען אונבעקוועמליכקייטען און אונאנגענעהמליכ־קייטען. ער דארף קענען פערטראגען זאכען וואס ער האט פיינט, וואס איז געגען זיין טבע און אננעהמען פאר גוט, ווען צוליעב זיין עהרליכקייט און פרומקייט קומט איהם אוים צו ליידען זלזולים פון שלעכטע מענשען. ער דארף זיין א סבלן, אן איינגעהאלטענער, א געדולדיגער און ניט זוכען קיין נקמה פון די וואס טהוען איהם וועה, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "אם גמלתי שולמי רע" — האב איך דען בייז געטהאן אפילו די יעניגע וואס האבען מיר פאר גוטעס בעצאהלט מיט שלעכטעס? אדער ווי עס ווערט געזאגט אין משלי: "אל תאמר כאשר עשה לי כן אעשה לו" — דו זאלסט ניט זאגען: אזוי ווי יענער האט מיר געטהאן וועל איך איהם צוריק אפטהאן. און די חז"ל האבען געזאגט: "הנעלבים ואינם עולבים, שומעים חרפתם ואינם משיבים, עליהם הכתוב אומר ואוהביו כצאת השמש בגבורתו" — די פארשעהמטע וואס פארשעהמען קיינעם ניט, די וואס הערען ווי מען בעליידיגט זיי און ענטפערען ניט, אויף זיי זאגט דער פסוק: אז גאט'ס ליעבהאבער שיינען ווי די זון ווען זי געהט אויף. דער וואס פיהרט זיך אויף אזא אופן ווערט ביי די חז"ל אנגערופען "מעביר על מדותיו" — ער שטייגט אריבער אדער בעקעמפפט זיינע מדות, זיינע נאטירליכע נייגונגען.

פיערטענס, בעלאנגט צו דער מדה פון כניעה: גוטעם טהאן צו מענשען, ריידען מיט לייטען גוטע רייד, אורטהיילען זיי צו גוטען, ניט ריידען אויף קיינעם קיין שלעכטעס און מוחל זיין די יעניגע וואס טאדלען איהם אדער ריידען אויף איהם לשון הרע, אויב אפילו זיי זיינען ניט ווערטה מען זאל זיי מוחל זיין. וועגען דער מדה פון דן זיין מענשען לזכות, פון אורטהיילען מענשען צו גוטען, זאגט שלמה המלך אין קהלת: "גם במדעך מלך אל תקלל" — אפילו אין דיינע געדאנקען זאלסטו ניט טאדלען קיין מלך, און אויב אפילו עס ווייזט דיר אויס אז ער האט וואס געטהאן ניט ריכטיג, זאלסטו זוכען ווי אזוי צו רעכטפערטיגען זיין טהאט. און וועגען דער מדה פון ניט ריידען קיין שלעכטעס אויף אימיצען זאגט דוד המלך פון גאט'ס וועגען אין תהלים: "פיך שלחת ברעה, תשב באחיך תדבר" — דיין מויל האסטו אנגעווענדעט צו שלעכטען, דו זיצט און בערעדסט דיין ברודער, וועסטו דערפאר בעשטראפט ווערען. און וואס אנבעלאנגט מוחל צו זיין פערלוימדער, לשון הרע'ניקעס, טאדלער און בעליידיגער דערצעהלט די תורה, אז מרים און אהרן האבען בערעדט משה'ן און נאכהער ווערט געזאגט "והאיש משה ענו מאד" — דער מאן משה איז געווען א גרויסער ענו, א געפאלענער ביי זיך, וואס האט ניט געוואוסט צו האלטען זיך גרויס, און דעם טיטול "ענו" האט ער בעקומען ווייל ער האט זיינע בעריידער מרים און אהרן מוחל געווען. קהלת גיט אן עצה טובה די מענשען: "גם לכל הדברים אשר ידברו. אל תתן לבך" — דו זאלסט ניט אכטען אויף דעם וואס אימיצער רעדט וועגען דיר און זאל דאס דיר ניט אארען.

אין גמרא ווערט דערצעהלט: עס האט פאסירט אז רבי אליעזר האט מתפלל געווען פאר'ן עמוד אויף רעגען און האט געזאגט פיער און צוואנציג ערליי תפלות, אבער ער איז ניט געענטפערט געווארען. האט זיך נאכהער אוועקגעשטעלט רבי עקיבא און האט געזאגט "אבינו מלכנו" און ער איז געענטפערט געווארען. זיין קורצע תפלה, הייסט עס, איז אנגענומען געווארען און עס איז געקומען רעגען. איז ארויס א בת קול, א שטימע פון הימעל, און געזאגט: דאס וואס רבי עקיבא האט מיט זיין קורצע תפלה גע'פועל'ט און רבי אליעזר מיט די פיער און צוואנציג תפלות ניט, איז ניט צוליעב דעם ווייל רבי עקיבא איז גרעסער פון רבי אליעזר, נור ווייל דער ערשטער איז א מעביר על מדותיו און דער צווייטער ניט. רבי עקיבא איז בעזעסען די מדה טובה פון ניט אין כעס זיין אויף די וואס האבען איהם בייז געטהאן און ניט וועלען זעהן אן זיי נקמה, און רבי אליעזר האט ניט געקענט געהן געגען דעם געבוירענעם אינסטינקט פון מענשען צו טראגען פיעל ניט איז שנאה אויף די יעניגע וואס טהוען איהם עטוואס שלעכטעס.

עס ווערט דערצעהלט אויף א געוויסען חסיד וואס איז אמאל פערבייגעגאנגען א פלאץ וואו עס איז געלעגען א פערפוילטע נבלה פון א הונד. האבען זיינע תלמידים צו איהם געזאגט: "ווי פערשטונקען דיעזע נבלה איז". האט דער חסיד צו זיי געזאגט: "זעהט אבער ווי ווייס איהרע צייהן זיינען". דער חסיד האט דערמיט אויסען געווען געבען זיינע תלמידים א לעקציע, אז מען דארף זיין געהיט פון ריידען בעליידיגונגס ווערטער אויף וועמען עס איז. ער האט זיי געציינגט, אז אפילו אין א גע'פגר'טען הונד דארף מען זוכען די מעלות, ניט די חסרונות, אפשיטא שוין אויף א לעבעדיגען מענשען, וואס האט שכל און פערשטעהט, דארף מען געווים קיינע שלעכטעס ניט ריידען. די כונה פון

יענעם חסיד איז געווען אז זיינע תלמידים זאלען זיך געוואוינען נור צו ריידען גוטעס, וועט עס ביי זיי ווערען א נאטור זאך און זיי וועלען קיינעם ניט טאדלען, קיינעם ניט בעליידיגען און אויף קיינעם קיין שלעכט ווארט ניט זאגען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים וועגען די מעלות פון א צדיק: "לא רגל על לשונו" — ער פערלוימדעט קיינעם ניט מיט זיין צונג, ער רעדט אויף קיינעם קיינע שלעכטעס.

פינפטענס, דארף די מדה פון כניעה זיין אי אן אויסענווייניגסטע, אי אן אינווייניגסטע. דער מענש דארף, הייסט עס, זיין א נכנע, אן אונטערטעניגער אין זיינע אל־טעגליכע בעשעפטיגונגען. די אונטערטעניגקייט דארף אנגעזעהן ווערען אין זיין ריידען, אין זיינע טהאטען און אין די בעוועגונגען פון זיינע אברים און ער דארף אויך אונטערטעניג זיין אין זיין מחשבה, אין זיינע געדאנקען. עס טויג אבער ניט ארויסצוצייגען זיך אלס א נכנע און אין הארצען האלטען זיך גרויס, אדער פערקעהרט. די אונטערטעניגקייט צום בורא יתברך דארף זיין א פאלשטענדיגע מיט'ן גוף אזוי ווי מיט דער נשמה, און די אונטערטעניגקייט צו מענשען דארף זיין לויט זייערע מעלות און לויט די טובות וואס איינער האט פון זיי אין הימלעשע און וועלטליכע ענינים. וואס דער למדן און דער צדיק איז גרעסער און וואס מעהר מען לערענט פון איהם אלץ מעהר אונטערטעניג דארף מען צו איהם זיין. דאס זעלבע איז אויך מיט וועלטליכע געניסען. וואס מעהר גוטעס מען געניסט פון איינעם, אלץ מעהר דארף די אונטערטעניגקייט צו איהם זיין גרעסער. אונזערע אלטע לעהרער האבען געזאגט אין פרקי אבות: "הוי שפל רוח בפני כל אדם" — דו זאלסט ערנידעריגט זיין פאר אלע מענשען, און: "הוי קל לראש ונוח לתשחורת" — דו זאלסט ניעדערשעצט זיין פאר אן עלטסטען, פאר א חשוב'ערען ווי דו ביזט און דעמוטיג זאלסטו אויך זיין פאר אן איינגערען.

זעקסטענס, דארף דער נכנע זיך ניט האלטען פאר קליין אין ענינים פון עולם הבא. אין דעם פרט דארף ער זיך הויכשעצען. ער דארף זיך בעטראכטען פאר אזעלכען וואס קען דערגרייכען א הויכע מדרגה. ער טאר ניט זאגען, אז די ביסעל מעשים טובים וואס ער טהוט איז פאר איהם גענוג, ווייל ער וועט סאי ווי סאי ניט קומען צו דער מדרגה פון צדיקים. פערקעהרט: וואס אנבעלאנגט צו תורה און מעשים טובים איז פיעל דער מענש טהוט, פיעל ער בעמיהט זיך אין דעם, דארף ער בעטראכטען פאר ווייניג און שטענדיג אלץ שטרעבען צו העכערס און גרעסערס און ניט דענקען אז ער איז א קליין מענשעלע, וואס קען הויך ניט שטייגען, אזוי ווי דער פסוק זאגט ביי יהושפט און ד"ה ב': "ויגבה לבו בדרכי ה'" — און ער האט דערהויבען זיין הארץ אין גאט'ס וועגען, דאס הייסט: אין געטליכעס, אין מצוות זאכען האט ער זיך געהאלטען שטאלץ ביי זיך און געגלויבט אז ער קען דערגרייכען העכערס.

זיבעטענס, דארף ער זיינע גוטע טהאטען האלטען פאר קליין און פערדרוס האבען אויף זיך אליין וואס ער פערקירצט, וואס ער טהוט ניט גענוג אין די אנגעלעגענהייטען פון דער תורה ניט פאר גאט און ניט פאר לייט, און בעטען ביי גאט אז ער זאל איהם העלפען און שטארקען צו טהאן וואס מעהר. און בעת ער טהוט עפעס פון גאט'ס וועגען, אויב ער טהוט דאס ביחידות, אליין מיט זיך, אדער צווישען מענשען, זאל ער ניט אכטען אויף זיין גדולה און כבוד, אפילו אויב ער איז א געהויבענער מענש, א גרויסער חשוב צווישען זיינע מיט־

מענשען. ער זאָל ניט זאָגען, אז דאָס און דאָס פּאסט איהם ניט צו טהאָן און דאָס איז אן ערנידערונג פאר זיין כבוד, אזוי ווי מיר געפינען ביי אהרן הכהן, כאָטש ער איז געווען די העכסטע פּערזענליכקייט ביי אידען, פון דעסטוועגען האָט ער געהאָט ארונטערצונעהמען יעדען טאָג די אַש פון מזבח, וואָס איז ניט קיין ציכטיגע ארבייט. גאָט האָט איהם געהייסען דאָס טהאָן כדי ער זאָל ניט פראָווען קיין צופיעל גדלות. אָדער אזוי ווי עס ווערט געזאָגט ביי דוד המלך אין שמואל א׳: "ותרא את המלך דוד מפזז ומכרכר לפני ה'" — מיכל בת שאול האָט געזעהן דוד'ן שפּרינגענדיג און טאנצענדיג פאר גאָט — א זאך וואָס פּאסט ניט פאר א קעניג, און מיכל האָט איהם דערפאר געטאדעלט.

אכטענס, דארף דער נכנע זיך בענוגענען מיט דער חיונה וואָס עס מאכט זיך איהם און וואָס ער האָט ביכולת צו קריגען. ער דארף ניעדערשעצען און פעראכטען דעם נפש הבהמית זיינעם, זיין טהיערישען געפיהל, וואָס שטרעבט צו תאוות, צו קערפּערליכע תענוגים, און ער דארף זיין אייגענעם געפיהל אָדער אינסטינקט אָפּגעוואוינען דערפון און זיך אָפּגעבען מיט צאהלען די שולדען צום בעשעפער פאר די טובות און חסדים וואָס ער טהוט מיט איהם. אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: "דרך מצותיך ארוץ כי תרחיב לבי" — איך לויף אין וועג פון דיינע מצוות, ווייל מיין הארץ איז ברייט, פריי פון תאוות עולם הזה, פון גלוסטען צו קערפּערליכע פארגעניגענס.

ניינטענס, כאָטש א מענש טאָר ניט זוכען קיין נקמה און ניט טראָגען קיין שנאה אויף אימיצען פאר זיינע אייגענע קריוודעס, דארף ער דאָס אבער יא טהאָן פאר דעם כבוד פון בעשעפער. ער דארף פיינט האָבען די רשעים וואָס זינדיגען געגען גאָט און זיך אָפּרעכענען מיט זיי, אויב ער קען. ער טאָר ניט זאָגען: "אזוי ווי איך בין מוחל די וואָס טהוען עולות מיר פּערזענליך, אזוי בין איך אויך מוחל די פערברעכער געגען גאָט אָדער די וואָס ריידען שלעכטעס אויף די נביאים און צדיקים". ער טאָר אויך ניט פערצייהען איינעם וואָס בערויבט אָדער בעשווינדעלט אן אנדערען אזוי ווי ער פערצייהעט ווען מען טהוט עס איהם אליין. ווען עס האנדעלט זיך וועגען אן אנדער פּערזאָן איז ער מחויב מציל זיין דעם בערויבטען פון די הענד פון רויבער, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין ירמיה: "דינו לבקר משפט והצילו גזול מיד עושק" — ריכטעט יעדען פריהמאָרגען א ריכטיגען משפט און רעטעט דעם גערויבטען פון רויבערס האנד. און איוב זאָגט: "ואשברה מתלעות עול" — איך האָב צובראָכען די באַק־צייהנער פון פערברעכער און אוועקגענומען, ארויסגעריסען פון די צייהן זיין רויב. און ער דארף מענשען לערנען ווי צו דיענען גאָט און זיי שטראָפען און שטעלען זיי אין ביוש פאר זייערע שלעכטע מעשים און פערהיטען אז זיי זאָלען ווייטער קיינע שלעכטעס ניט טהאָן. ער דארף זיך וועגען דעם בעמיהען מיט זיין האנד און צונג, דאָס הייסט: שרייבען מוסר ספרים און זאָגען מוסר דרשות, אויב נור ער איז אימשטאנד דאָס צו טהאָן. ווען עס האנדעלט זיך וועגען דורכ־פיהרען גאָט'ס משפט, וועגען אָפּרעכענען זיך מיט א זינדיגען לויט ער האָט פערדיענט; דארף דער חשוב'סטער מענש ניט געשיינט ווערען, נור באַלד דורכפיהרען זיין שטראָף, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים אויף פנחס: "ויעמוד פנחס ויפלל ותעצר המגפה ותחשוב לו לצדקה לדור ודור עד עולם" — פנחס האָט זיך אויפגעשטעלט און אָפּגעטהאָן זמרי בן סלוא זיין משפט און די מגפה איז אָפּגעהאלטען געוואָרען און דאָס איז איהם פערעכענט געוואָרען פאר

א צדקה אויף אלע דורות ביז אייביג. פנחס האט אלזא ניט געאכטעט דערויף וואס זמרי איז געווען אן אנגענומענער מענש ביים פאלק, א נשיא און קוים האט ער געזעהן אז זמרי איז בעגאנגען א מיאוס'ן פערברעכען מיט דער מדינית, האט ער איהם דערשטאכען מיט א שפיעז.

צעהנטענס, דארף דער נכנע ריידען ווייניג און געלאסען מיט א ניעדעריגען קול, ניט שווערען מיט גאט'ס נאמען אפילו אויף אן אמת, ניט ברייינגען אויפ'ן צונג קיין ליגען, ניט זיצען אין א געזעלשאפט פון הולטאיעס, פון שפאטער און חוזק מאכער און ניט אנטהייל נעהמען אין די הוליאנקעס פון גראבע יונגען. דאס אלעס דארף ער טהאן ניט אויס גאוה, ווייל איהם פאסט ניט צו קאמפאנירען זיך מיט ניעדעריגערע פון איהם, נור אויס כניעה, אויס אונטערטעניגקייט צו גאט. ער טאר אפילו אין אזא פרט אויך ניט פראווען קיין גדלות, נור אליץ זיין געפאלען ביי זיך, אזוי ווי ירמיהו הנביא האט געזאגט: "לא ישבתי בסוד משחקים ואעלוז מפני ידך בדד ישבתי" — איך בין ניט געזעסען אין געזעלשאפט פון פרעהליכע יונגען און זיך ניט אונטערהאלטען מיט זיי. איך האב דאס ניט געטהאן אויס גדלות, נור צוליעב דיין (גאט'ס) האנד, דיין גרויסע מאכט, אונטער וועלכע איך בין אונטערוואָרפען. אויס כניעה, אויס אונטערטעניגקייט בין איך געזעסען איינזאם און זיך ניט קאמפאנירט מיט לוסטיגע לייט.

## פרק ז'

עס זיינען דא פינפערליי סמנים, אן וועלכע מען קען דערקענען און איבעציינט זיין אויב די כניעה, די אונטערטעניגקייט פון א מענשען איז א ריכטיגע ווי עס בעדארף זיין.

איין סימן איז: ווען א מענש ווערט שטארק אין כעס אויף איינעם וואס בעליידיגט איהם מיט רייד אדער מיט טהאט און ער האלט איין דעם כעס און איז איהם מוחל, בעת ער איז אימשטאנד צו נעהמען נקמה פון יענעם, איז א סימן אז ער טהוט דאס אויס עניות, אויס נידערגעפאלענקייט, און אזא אונטערטעניגקייט איז א ריכטיגע.

דער צווייטער סימן איז: ווען איינער ליידעט א גרויסען שאדען אדער עס פאסירט עפעס אן אונגליק אין זיין פאמיליע, און זיין סבלנות, זיין געדולד אדער איינגעהאלטענקייט איז גובר די שרעק פון דער צרה און ער נעהמט עס אן פאר גוט, ציינט עס, אז ער איז אן אמת'ער נכנע, אן אונטערטעניגער צו גאט ווי געהעריג איז, אזוי ווי דער פסוק זאגט אויף אהרן הכהן, ווען זיינע זיהן נדב און אביהו זיינען געשטארבען: „וידום אהרן" — און אהרן האט געשוויגען. ער האט, הייסט עס, קיין פאראיבעל געהאט אויף גאט און איז זיכער געווען אז גאט'ס משפט איז א גערעכטער. אדער אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: „דום לה' והתחולל לו" — ווען עס טרעפט דיר עפעס א צרה, ווארט מיט געדולד אויף גאט'ס הילף און האף צו איהם אז ער וועט דיר העלפען, אבער ניט מתרעם זיין, פערדרוס האבען ח"ו אויף גאט. אין עמוס איז דא א פסוק: "לכן המשכיל בעת ההיא ידום" — דער קלוגער וועט אין יענער צייט פון א צרה שווייגען און האפען אויף הילף.

דריטענס: ווען איינער ווערט א מפורסם, א בעוואוסטע פערזענליכקייט צו גוטען אדער צו שלעכטען; ווען איינער, הייסט עס, ווערט פאפולער צוליעב זיינע גוטע מעשים אדער פערקעהרט — צוליעב שלעכטע מעשים, זיינען דא סמנים, אז וועלכע מען קען דערקענען אויב ער איז אן אמת'ער נכנע אדער ניט. אויב דער מענש איז אונטערטעניג צו גאט מיט'ן גאנצען הארצען, איז אויב מען לויבט איהם פאר א גוטע זאך, וואס ער האט געטהאן, דארף ער יענעם טהאט, פאר וועלכען מען לויבט איהם, גרינגשעצען, קליין מאכען און ערקלעהרען אז פאר אזא קלייניגקייט איז ניט כדאי צו זאגען אויף איהם שבחים, מחמת ער האט דערמיט ניט אויפגעטהאן אפילו קיין קליינעם טהייל פון דעם וואס ער איז מחויב צו טהאן פאר'ן בעשעפער פאר דיא פיעלע טובות וואס ער געניסט פון איהם. ער דארף זאגען צו דעם וואס לויבט איהם: "גענוג, ברודער. הער אויף צו זאגען אויף מיר שבחים, ווייל דאס וואס איך האב געטהאן איז געגען מיינע זינד ניט מעהר ווי א פונק פייער אין ים. און אויב אפילו מיין טהאט האט עפעס א ווערדע; אויב אפילו אז און פאר זיך איז דיא זאך וואס איך האב געטהאן א גוטע, ווייס איך ניט אויב איך האב עס געטהאן אויף אזא אופן, אז דאס זאל זיין אנגענומען ביים בעשעפער און ער זאל מיר די מצוה ניט צוריקווארפען. אפשר האב איך ניט ריכטיג מכון געווען פון גאטס וועגען, אפשר האב איך ביים טהאן די מצוה געהאט עפעס אנדערע אבזיכטען און האב אליין דיא זאך פערדארבען, און מיר געפינען, אז ווען מען טהוט א גוטע זאך ניט וויא געהעריג איז, וויל דאס גאט ניט האבען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין ישעיה: "מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי" — ווען איהר קומט צו מיר אין בית המקדש ניט מיט'ן ריכטיגען אבזיכט, ניט מיט דער געהעריגער כונה, ווער בעט עס ביי אייך, ווער פערלאנגט עס איהר זאלט טרעטען מיינע הויפען?"

אזוי דארף דער אמת'ער נכנע זאגען, ווען מען לויבט איהם פאר א גוטע זאך וואס ער האט טאקי געטהאן. א פשיטא שוין, ווען מען זאגט אויף איהם שבחים פאר א זאך וואס ער האט גאר ניט געטהאן, דארף ער געווים זאגען דעם אמת, אז מען לויבט איהם אומזיסט און אז מען רעכענט צו איהם צו א מעשה טוב, פון וועלכע ער ווייס גאר ניט. ער דארף דעם לויב זאגער ערקלעהרען: "עס איז, ברודער, גענוג טרויעריג וואס איך טהו ניט דאס וואס איך בין מחויב צו טהאן פאר'ן בעשעפער, קומסטו נאך צו מאכען מיין זינד גרעסער דערמיט וואס דו זאגסט אויף מיר שבחים און דו ווארפסט אויף מיר אן מעשים טובים, וואס איך האב גאר ניט געטהאן. איך ווייס מיינע זינד בעסער ווי דו און לויב מיך ניט אלס א צדיק. דוד המלך האט אויך אזוי געזאגט אין תהלים: "כי פשעי אני אדע" — "איך ווייס מיינע זינד".

פערקערט וויעדער: ווארפט מען איינעם אויף א מעשה רע וואס ער האט געטהאן, איז אויב ער איז אן אמת'ער נכנע, דארף ער מודה זיין און ניט זוכען קיינע תרוצים און פערטהיידיגונגען און ניט וועלען רייניוואשען זיך דערפון. ער דארף האנדלען ווי יהודה האט געהאנדעלט ביי דעם חטא מיט תמר, ווען ער האט גלייך מודה געווען און געזאגט: "צדקה ממני" — זי איז גערעכט. זי איז מעוברת פון מיר. און ער דארף יענעם, וואס ווארפט איהם אויף דיא מעשה רע, ניט טאדלען פאר'ן אויפדעקען זיין זינד און ער דארף איהם זאגען: "ברודער, וואס פאר א ווערדע האט דער חטא מיינער, וואס דו ווייסט. געגען מיינע חטאים וואס דו ווייסט ניט און וואס גאט ווארט און שטראפט מיך ניט

פאַר זיי? ווען דו וואָלסט געוואוסט אַלע מיינע שלעכטע מעשים, וואָלסטו אַנטלאָפן פון מיר, ווייל דו וואָלסט מורא געהאַט אַז גאָט זאָל דיר ניט שטראָפן פאַר קאָמפּאַנירן זיך מיט אַ שלעכטן מענטשן, מיט אַ רשע. אַזוי ווי אַ געוויסער משורר האָט געזאָגט: ״חטאי לו יריחון בם שכני אזי ברחו ורחקו מן גבולי״ — ווען מיינע שכנים זאָלן דערשמעקן מיינע זינד, וואָלטן זיי אַנטלאָפן און זיך דערווייטערט פון מיין גבול, פון דעם פּלאַץ וואו איך געפין זיך. און איוב האָט געזאָגט: ״אם כסיתי כאדם פשעי?״ — האָב איך דען וויא אַנדערע מענטשן פאַרבאָרגן מיינע זינד? איך האָב, הייסט עס, די עולות וואָס איך האָב געטאָן ניט בעהאַלטן און מודה געווען אויף זיי״.

און אויב ווידער די מעשה רע, וואָס מען זאָגט אויף איהם, איז ניט אמת, דאַרף דער ריכטיגער נכנע זאָגן צו דעם וואָס וואַרפט עס איהם אויף: ״ברודער, עס איז ביי מיר קיין וואונדער וואָס דער בעשעפער האָט מיך פאַרהיט פון טהאָן דעם פאַרברעכן וואָס דו רעכענסט צו מיר צו. ער האָט מיר געטהאָן אַזוי פיעל טובות, האָט ער מיר די טובה אויך געטהאָן און מיך בעשירעמט פון טהאָן אַזאַ עולה. עס איז מיר אָבער אַ גרויסער חידוש וואָס ער, דער בעשעפער, האָט ניט ענטדעקט אויף מיר גרעסערע און העסליכערע חטאים ווי דיא וואָס דו דערצעהלסט אויף מיר. הער אויף ברודער. שאָנעווע דיינע זכיות אַז דו זאָלסט זיי ניט פאַרליערן דורך דיין פאַרלוימדען מיר, וואָרום עס ווערט דערצעהלט אויף אַ געוויסען פרומען מאַן, וואָס מען האָט אויף איהם גערעדט שלעכטס און ווען ער, דער פרומער מאַן, האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער דעם פאַרלוימדער אַריינגעשיקט אַ פיינע מתנה און איהם געשריעבן: ״איך האָב געהערט אַז דו האָסט מיר געשענקט אַ טהייל פון דיינע זכיות, שיק איך דיר דערפאַר דיעזע בעלוינונג״. אַ געוויסער חסיד האָט געזאָגט: אַ סך מענשען, ווען זיי וועלען קומען צום משפט אויף יענער וועלט, וועט מען זיי אויפצייגען אויף זייער חשבון מעשים טובים וואָס זיי האָבען גאָר קיינמאָל ניט געטהאָן. און ווען זיי וועלען ערקלערען אַז זיי ווייסען דערפון ניט, וועט מען זיי זאָגען, אַז דאָס איז צוגערעכענט געוואָרען צו זיי פון די יעניגע וואָס האָבען זיי בערעדט און אומזיסט געטאַדעלט. פאַרקעהרט ווידער: וועלען אַנדערע ביים יום הדין מאָהנען געוויסע מצות וואָס זיי האָבען געטהאָן און זיי זיינען ניטאָ אין צעטעל פון זייערע מעשים טובים, וועט מען זיי ערקלעהרען, אַז זיי האָבען דעם זכות פון יענע מצות פאַרלאָרען און דאָס איז אַוועקגעגעבען געוואָרען צו די יעניגע, אויף וועמען זיי האָבען אַרויפגעוואָרפען זינד וואָס זיי האָבען ניט געטהאָן. און דיא תורה האָט אונז אָנגעזאָגט און געוואָרענט אַז מיר זאָלען ניט ריידען קיין לשון הרע, ווי דער פסוק זאָגט: „זכור את אשר עשה ה׳ אלהיך למרים״ — נעדענק וואָס גאָט דיין גאָט האָט געטהאָן צו מרים דערפאַר וואָס זי האָט גערעדט לשון הרע אויף איהר ברודער משה.

דער פיערטער סמן פון כניעה איז: ווען איינער ווערט געבענשט פון גאָט מיט גדולה, אַ סך חכמה און קענטניס, אָדער רייכטהום אָדער כבוד פון אַ קעניג און עהנליכע זאַכען וואָס מענשען בעריהמען זיך דערמיט און האַלטען זיך גרויס, און ער פאַרבלייבט ביי זיין פריהעריגע שפלות, ביי זיין פריהעריגע ערניעדערונג געגען גאָט, און איז גוט צו מענשען אַלץ איינס ווי ער וואָלט ניט געווען קיין דערהויבענער, אַזוי ווי אברהם אבינו, וואָס גאָט האָט איהם צוגעטהיילט אַזאַ גרויסען כבוד און געזאָגט: ״המכסה אני מאברהם?״ — וועל איך דען פאַר־

בארגען פון אברהם וואס איך וויל טהאן, און דאך האט ער, אברהם, געזאגט: "ואנכי עפר ואפר", איך בין ניט מעהר ווי ערד און אש. — אז א מענש פיהרט זיך אזוי, איז ער אן אמת'ער, אויפריכטיגער אונטערטעניגער. דוד המלך האט זיך אויך אזוי נוהג געווען. כאטש ער איז געווען א קעניג, א הערשער איבער'ן פאלק ישראל, האט ער זיך פון דעסטוועגען געהאלטען אזוי קליין און ניעדעריג ביי זיך, אז ער האט געזאגט: "ואנכי תולעת ולא איש" — איך בין א ווארים, ניט קיין מענש.

דער פינפטער סמן פון כניעה איז: ווען איינער מאכט זיך אליין פארווירפע אויף זיינע זינד און ער גיט אויף זיך אליין ארויס דעם פסק, וואס גאט דארף איהם געבען, כאטש קיינער צווינגט איהם ניט דערצו און קיינער האט די מאכט צו צווינגען איהם. אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין עזרא: די אידען האבען זיך מתודה געווען און געזאגט: "אנחנו מעלנו באלהינו" — מיר האבען גע־פ[ע]לשט און אונזער גאט דערמיט וואס מיר האבען גענומען גויאישע ווייבער. און ווייטער ווערט דארט דערצעהלט: "ויתנו ידם להוציא נשיהם" — זיי האבען אליין פרייוויליג געגעבען תקיעת כף אוועקצושיקען זייערע ניט אידישע ווייבער. דורך אזעלכע זאכען דערקענט מען די אמת'ע כניעה, די אמת'ע אונטערטעניג־קייט און ערניעדערונג פאר גאט און דאס איז דער אמת'ער סמן פון אן אויפ־ריכטיגע הערצליכע כניעה.

## פרק ח'

איצט וועלען מיר ערקלעהרען דעם אכטען פונקט: אויב כניעה קומט פון מדות טובות, אדער מדות טובות קומען פון כניעה. דאס הייסט: וואס איז דער עיקר? מיט וואס דארף זיך א מענש פריהער אפגעבען? דארף ער זיך אפגעבען מיט גוטע טהאטען און די כניעה, די אונטערטעניגקייט צו גאט וועט שוין במילא קומען, אדער ער דארף פריהער ווערען א נכנע און דאס וועט איהם ברייגגען צו גוטע טהאטען? דארויף וועל איך ענטפערען: אז מיר ווייסען, דאס ווען א מענש וויל ווערען אן עובד ה', דארף ער צוערשט ארונטערוואַרפען פון זיך די מדה פון הארענשאפט, פון זיין אן אויבערהארר אדער פון וועלען זיין אן אויבערהארר. ווארום הארר און קנעכט זיינען אבהענגיג אייבס אן דאס אנדערע. א מענש קען ניט גערופען ווערען קנעכט אויב ער האט ניט קיין אויבערהארר איבער זיך, און קיינער קען ניט גערופען ווערען הארר, סיידען ער האט א קנעכט, איינער וואס בעדיענט איהם, וואס איז אונטער זיין רשות. און יעדער פון זיי, דער הארר ווי דער קנעכט, בעקומען זייערע נעמען אדער טיטולען גלייך, ניט איינער פריהער פון דעם אנדערען. דער הארר בעקומט ניט דעם טיטול הארר איידער ער האט דעם קנעכט, און דער קנעכט בעקומט ניט דעם טיטול קנעכט איידער ער פערדינגט זיך צו זיין הארר.

דעריבער קען א מענש ניט זיין קיין עובד ה', גאט'ס דיענער, סיידען ער ציהט אויף זיך ארויף דעם יאך פון א קנעכט, סיידען ער האט אין זיך דיא מדות, די אייגענשאפטען פון א דיענער, דאס מיינט: כניעה, אונטערטעניגקייט און ניעדערגעפאלענקייט. ער מוז פון זיך אין גאנצען ארונטערוואַרפען דיא מדות פון א הארר, פון איינעם וואס האט אונטער זיך דיענער אדער אונטער־

טהאנען. ער דארף זיך גענצליך אפזאגען פון דיא מדות פון גאוה, גדולה, שטאלץ און רוהם און דאס גלייכען. א געוויסער חכם האט געזאגט: גדולה איז דעם בעשעפער׳ס בגד און ווער עס וויל זיך בעקליידען מיט דיעזען בגד, דער וואס האלט זיך ביי זיך גרויס, ווערט פון גאט פערשטויסען. דער רבונו של עולם, הייסט עס, וויל ניט אז אימיצער זאל זיך בענוצען מיט זיין מלבוש. און דוד המלך האט געזאגט אין תהלים: ״ה׳ מלך גאות לבש״ — גאט קע־ניגט, איז בעקליידט מיט גרויסקייט, מיט הערשאפט.

דערפון זעהען מיר, אז עס איז ניטא קיין בעסערע מדה פאר׳ן גלויביגען, פאר דעם אמת׳ן עובד ה׳ ווי בעצאהלען גאט זיין חוב און זיין אונטערטעניג צו איהם. אזוי ווי דער פסוק זאגט אין שמואל: ״הנה שמוע מזבח טוב״ — הערען, פאלגען גאט, זיין א נכנע צו איהם איז בעסער פון א קרבן. און דיא אונטערטעניגקייט מוז זיין אן אויפריכטיגע, אהן וועלכע עס איז פניות, אזוי ווי מיר האבען פריהער געזאגט; ווען ניט, טויג דאס ניט.

פאלגליך, זיינען אלע מדות טובות און פפליכטען צום בעשעפער אפהענגיג אן די כניעה, אן די אונטערוואַרפענקייט צו גאט. דאס קומט צו ערשט, און איז מען א נכנע, איז מען שוין במילא א ריכטיגער עובד ה׳, א גאטס דיענער מיט׳ן גאנצען הארצען ווי געהעריג איז. איז אבער א מענשען׳ס הארץ פוסט פון פאלשטענדיגע אונטערטעניגקייט צו גאט; אויב זיין כניעה איז געמישט מיט גאוה, שטאלץ און לוסט צו רוהם, קען ער ניט זיין קיין אמת׳ער בעל מדות טובות און קומט קיינמאל ניט נאך זיינע פולע פפליכטען צום בעשעפער.

אזוי איז אויך אין דעם ענין פון תשובה. אויב איינער פיהלט זיך זינדיג און וויל תשובה טהאן, מוז ער צוערשט אננעהמען די מדה פון כניעה. ער מוז זיך ערניעדריגען און זיין געפאלען ביי זיך געגען גאט, דאן קען זיין תשובה זיין א ריכטיגע. אהן דעם אבער איז דיא תשובה א פאלשע און זי ווערט ניט אנגענומען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין דברי הימים ב׳: ״ויכנעו עמי אשר נקרא שמי עליהם ויתפללו ויבקשו פני״ — און עס איז אונטערטעניג געווארען מיין פאלק וואס מיין נאמען ווערט אויף זיי גערופען און נאכהער האבען זיי תפלה געטהאן און מיך געבעטען. זעהען מיר דערפון, אז צוערשט קומט די מידה פון כניעה און נאכהער די תשובה. און דער פסוק זאגט דארט ווייטער: ״נכנעו ולא אשחיתם״ — דיא אידען זיינען געווארען אונטערטעניג און איך וועל זיי ניט פערניכטען. איז דאך איבערצייגט, אז דיא אונטערטע־ניגקייט איז דער עיקר און דאס איז די הויפטזאך וואס גאט פערלאנגט.

## פרק ט׳

און וועגען דעם פונקט: אויב איז הארצען פון א גלויביגען איז גאט קען זיין פלאץ אי פאר כניעה, איז פאר גאוה צוזאמען — אויף דיעזער פראגע וויל איך ענטפערען, אז די מדה פון גאוה, פון האלטען זיך גרויס ביי זיך, ווערט איינגעטהיילט אין צוויי טהיילען. עס זיינען, הייסט עס, דא צווייערליי מינים גאוה. איינער קען שטאלצירען מיט זיין קערפער, מיט זיין הויכען געוואוקס, שעהנעם פנים און קערפערליכע גבורה, אדער מיט זייטיגע זאכען וואס האבען א שיכות מיט זיין גוף, ווי, למשל, שעהנע קליידער, ציערונג, א רייכע דירה

און דאָס גלייכען. דער צווייטער טהייל גאוה איז: ווען איינער שטאָלצירט מיט זיינע גייסטיגע מעלות, מיט חכמה, קענטנים און גוטע מעשים פון גאָטס וועגען, ווענדעט זיך דאָ אָן דעם סאָרט גאוה. די גאוה גופניות, דאָס האַלטען זיך גרויס מיט'ן שעהנעם קערפּער, מיט גרויסען כח, מיט טייערע מלבושים און דאָס גלייכען, קען ניט זיין געאייניגט מיט כניעה, ווייל דאָס זיינען צוויי קאָנטראַסטען. אזא מין בעל גאוה קען ניט זיין אונטערטעניג צו גאָט און א נכנע, אַן אונטערטעניגער צו גאָט קען ניט בעזיצען די מדה פון אזא גאוה, ווארום וויבאלד א מענש האַלט זיך גרויס אין קערפּערליכע זאכען, דריקט ער דערמיט אוים אונאכטונג צו דעם וואָס האָט איהם געגעבען זיין שעהן פּנים, גבורה, טהייערע קליידער אָדער אנדערע זאכען וואָס בעשעהנען זיין גוף. ער ציינט דערמיט אז ער ווייסט ניט אָדער אנערקענט ניט דעם בעל טובה וואָס האָט עס איהם געגעבען און קען דאָס שנעל ביי איהם אוועקנעהמען. פון זיין שטאָלצירען דערמיט זעהט מען, אז ער דענקט, דאָס ער האָט עס אליין אלעם ערוואָרבען מיט זיין מאכט און חכמה, אזוי ווי סנחריב האָט געזאָגט: ״בכח ידי עשיתי״ — מיט די קראפט פון מיין האנד האָב איך געשאפען מיין גרויסע און רייכע מלוכה. נבוכדנצר האָט זיך אויך בעריהמט: ״הלא דא היא בבל רבתא״ — דאָס איז די גרויסע בבל וואָס איך האָב געבויט און בעפעסטינט מיט מייִן גבורה. און וואָס דער סוף איז פון זיי געוואָרען ווייסט איהר דאָך. זייערע מלוכות זיינען צושטערט און פערניכטעט געוואָרען. פאָלגליך קען גאוה אין קערפּערליכע ענינים ניט הארמאָנירען מיט כניעה.

דיא גאוה אָבער וואָס א מענש בעזיצט אין גייסטיגע זאכען זיינען דאָ צווייערליי, איינע א העסליכע, וואָס מען דאַרף זיך פון איהר דערווייטערען, און דיא צווייטע א גוטע, וואָס מען קען זי בעזיצען און עס וועט גאָר ניט שאדען צו דער מדה פון כניעה, פון אונטערטעניגקייט צו גאָט.

עס טויג ניט אז א מענש זאָל שטאָלצירען, האַלטען זיך גרויס מיט זיין וויסען אין דער תורה און גוטע מעשים, ווייל די דאָזיגע גאוה וועט איהם ברייִנגען דערצו ער זאָל מיינען אז ער טהוט פון גאָטס וועגען זעהר פיעל און ער זאָל שוין מעהר ניט וועלען טהאָן. ער וועט זאגען: פיעל איז דער שיעור? איך האָב שוין א נאָמען ביי לייטען פאר א למדן און פאר א פרומען, איז גענוג, דאַרף איך זיך שוין מעהר ניט אָפּגעבען מיט תורה און מעשים טובים. זיין שטאָלץ און גאוה וועט איהם אויך ברייִנגען דערצו, אז ער זאָל בעליידיגען מענשען, פיהלען צו זיי א שנאה און בערײדען זיי. ער וועט דיא חכמים, דיא לומדים און פרומע לייט פון זיין צייט האַלטען פאר קליין, פאר נישטיג געגען איהם און ער וועט זיך בעריהמען דערמיט, וואָס ער ווייס און פערשטעהט מעהר פון אנדערע וואָס זיינען גאָר נאריש אָדער אונוויסענד און טהוען ווייניגער גוטעס ווי ער. אזעלכען רופען דיא רז״ל: מתכבד בקלון חברו״ — ער עהרט זיך, ער האַלט זיך פאַר א בכבוד'ן מענשען צוליעב דיא שאנד, צוליעב דיא קליינליכקייט פון זיין חבר. ער האַלט זיך, הייסט עס, גרויס, ניט ווייל ער איז אליין גרויס, נור צוליעב דעם ווייל עס איז דאָ א קלענערער פון איהם. דער וואָס געהט מיט אזא שיטה קען ניט זיין קיין נכנע און ניט קיין עניו, ווייל כניעה און עניוות, אונטערטהעניגקייט און ניעדערגעפאלענקייט, זיינען דער היפּוך פון זיינע געפיהלען.

און וועלכען מין גאוה מעג א מענש געברויכען? ווען קען זיך איינער

האלטען גרויס און צו דערזעלבער צייט זייַן אַ נכנע? ווען איינער איז אַ חכם אין חכמת התורה און אַ בעל מעשים טובים און ער האלט עס פאַר אַ גרויסע זאַך, פאַר אַ מעלה וואָס ניט אַלע בעזיצען, אבער ער בעטראַכט עס פאַר אַ געשאַנק פון גאָט, פאַר וועלכעס ער דאַנקט איהם און ליבט איהם, ווייל דאָס לערנען און טהאָן גוטעס פערשאַפט איהם פערגעניגען און פרייד; ווען זיין כונה פון האַלטען זיין תורה און מעשים טובים פאַר אַן ערהאַבענע מעלה איז, כדי צו געבען דער בעשעפער אַ שבח והודיה דערפאַר וואָס ער האָט איהם גע־האָלפען צו ערווערבען דאָס, מאַכט ניט אויס. ווארום אַזאַ ארט גאוה וועט איהם ברייַנגען דערצו אַז ער זאָל זיך מעהר סטאַרען אין לערנען און אין טהאָן גוטעס און צו זיין אונטערטעניג צום בעשעפער און זיינע נאָהענטע, דיא צדיקים און חסידים, פון וועלכע ער קען עטוואָס לערנען. אַזאַ גאוה וועט פיהרען דערצו, אַז ער זאָל שעהנען דעם כבוד פון זיינע חברים, פערדעקען זייער נאַ־רישקייט און ריידען וועגען זייַ גוטעס. אַזאַ איינער, איז כאָטש ער האַלט זיין וויסען אין דער תורה און זיינע גוטע טהאַטען פאַר ערהאַבענע מעלות, בענוגענט ער זיך ניט מיט דעם וואָס ער האָט ערוואָרבען אויף דיעזען געביעט און איז געפאַלען ביי זיך ווען ער איז ניט אימשטאַנד צו טהאָן מעהר. זיין הארץ ווערט איהם דערפון צובראָכען און ער ערניעדעריגט זיך פאַר אַזעלכען, וואָס ער האָפט אַז ער קען פון איהם לערנען.

אַזאַ מין גאוה, האַלטען דאָס ערוואָרבענע אין תורה און מעשים טובים פאַר גרויס, פאַר אַ בעשעהנונג און בעקרוינונג, פאַר וועלכעס דער מענש פיהלט אויף זיך אַ פפליכט צו דאַנקען גאָט, און אין דערזעלבער צייט בעמיהט ער זיך צו טהאָן וואָס מעהר אין דעם — אַזאַ מין גאוה שאַדעט ניט צו כניעה און דערווייטערט זי ניט פון איהם. אַזאַ גאוה איז ניט פערבאָטען, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט אויף יהושפט אין דברי הימים ב׳: ״ויגבה לבו בדרכי ה׳״ — זיין הארץ איז דערהויבען געוואָרען אין גאָט׳ס וועגען. און אדרבא: אַזאַ מין גאוה, וואָס איז אייגענטליך עניוות העלפט נאָך דעם מענשען אין גאָטעס דיענסט, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: ״עקב ענוה יראת ה׳״ — דורך ענוה, דורך זיין געפאַלען ביי זיך קומט מען צו מורא האָבען פאַר גאָט.

## פרק י׳

און וואָס זיינען די פאָלגען פון אמת׳ער כניעה? וואָס פאַר אַ גוטעס ברייַנגט דעם מענשען ווען ער איז אַ ריכטיגער נכנע, אַ ריכטיגער אונטערטע־ניגער צו גאָט? זיינען אין דעם דאָ זעקס פרטים, דריי אין ענינים פון עולם הזה און דריי אין ענינים פון עולם הבא. די אונטערטעניגקייט, הייסט עס, טהוט דעם מענשען גוטעס און דרייערליי אופנים אויף דער וועלט און אין דרייערליי אופנים אויף יענער וועלט.

דיא ערשטע זאַך וואָס דער נכנע געניסט אויף דער וועלט איז: וואָס ער איז אַ שמח בחלקו. ער איז צופריעדען און בענוגענט זיך מיט דעם וואָס ער האָט, וואָס גאָט גיט איהם. ווארום דער וואָס האָט אין זיך די מדה פון גאוה, פון האַלטען פון זיך, איז דיא גאַנצע וועלט און אַלעס וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט פאַר איהם ווייניג. ער בענוגענט זיך קיינמאָל ניט מיט זיין חיונה

און פרנסה, און פיעל ער געניסט פון דער וועלט, דענקט ער אלץ אז עס קומט איהם מעהר. דער נכנע אבער, דער וואס האלט זיך ביי זיך געפאלען, קוקט ניט היך און ער באנוגענט זיך מיט דעם וואס גאט בעשערט איהם אין די ענינים פון חיונה און אנדערע בעדערפניסע. אזא מענש לעבט רוהיג און האט וויניג שרעק און זארג. אזעלכער עסט וואס גאט בעשערט איהם, קליידט זיך לויט ער איז אימשטאנד צו קליידען זיך און שלאפט וואו און ווי איהם קומט אוים צו שלאפען. א קאפעלע געגום פון דער וועלט איז פאר איהם גענוג, מחמת ער האלט זיך פאר ניעדעריג און ער דענקט ניט אז עס קומט איהם מעהר. ער איז דער היפוך, דער קאנטראסט פון בעל גאוה און עס איז איהם בעסער ווי דער בעל גאוה, וועלכער וויל אלץ נאך און נאך און איז קיינמאל ניט זאט און רק עס פעהלט איהם, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין משלי: "צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר" — דער צדיק, דער נכנע, עסט שטענדיג צו זאט, וויפיעל ער האט איז אלץ גענוג פאר איהם און דעם רשע'ס, דעם בעל גאוה'ס בויך איז שטענדיג פעהליג, רק עס איז פאר איהם וויניג.

צווייטענס, ווען דעם נכנע טרעפען בייזע בעגעגעניסען, ווען עס געהט איהם ניט גוט, טראגט ער עס געדולדיג אריבער. זיין ניעדערגעפאלענקייט ברייגנט איהם דערצו אז ער זאל פון זיך ניט מאכען קיין גרויסען וועזען און ניט דענקען אז עס דארף איהם שטענדיג געהן גוט. דער בעל גאוה אבער, דער וואס האלט פון זיך פיעל, שרעקט זיך זעהר פאר יעדער צרה נאך איידער זי קומט, און טרעפט איהם עטוואס בייזעס קען ער דאס ניט סובל זיין, מחמת ער האט אויפ'ן רעיון אז ער שטעהט אויף א הויכע מדרגה און עס דארף איהם שטענדיג געהן גוט, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין ישעיה אויף איינעם אזעלכען, אויפ'ן מלך בבל וואס האט זיך געהאלטען גרוים: "איך נפלת משמים הילל בן שחר" — ווי אזוי ביזטו ארונטערגעפאלען פון הימעל, דו ליכטיגער מארגענ־שטערן? דאס הייסט: לויט דיין גאוה און דיין איצטיגע ניעדערלאגע, קומט אוים אז דו ביזט געפאלען פון הימעל אויף דער ערד. דער נכנע, דער זעלבסט־נידערשעצטער, אפילו ווען ער פאלט ארונטער, ווען ער מוז לעבען פיעל ערגער ווי ער האט פריהער געלעבט, ווען ער מוז אויסשטעהן פערשיעדענע צרות, בע־טראכט עס ניט פאר א גרויסע ירידה, ווערהענד דעם בעל גאוה אז עס געהט אוועק שלעכט, קומט ביי איהם אוים אז ער איז ארונטערגעפאלען פון הימעל אויף דער ערד אדער אין טיעפען אפגרונד, און ער ליידעט דערפון פיעל מעהר ווי דער ערשטער.

דריטענס, האט א נכנע מעהר חן ביי מענשען ווי א בעל גאוה און איז ביי זיי בעליעבט, מחמת ער פיהרט זיך ווי לייט פיהרען זיך און איז נאהענט צום כלל מענשען, דענקט ווי זיי און מיינט ווי זיי. עס ווערט דערצעהלט אויף א געוויסען קעניג, אז ער פלעגט געהן מיט שנעלע טריט. ווען מען האט איהם געפרעגט: ווארום ער געהט ניט גלאסען, פאמעלאך, ווי עס פאסט זיך פאר א מלך? האט ער געענטפערט, אז ער טהוט עס ווייל ער איז ווייט פון גאוה און בעת ער געהט, געהט ער צוליעב א צוועק, דורכצופיהרען עפעס א זאך און ער איילט זיך דעריבער אפצוטהאן וואס שנעלער דאס וואס וויכטיג און נויטיג איז. א געוויסער חכם האט יענעם קעניג געפרעגט: "מיט וואס האסטו עס פערדיענט צו זיין דער הארר, דער רעגיערער?" און דער קע־ניג האט געענטפערט:

״איך האב זוכה געווען צו דיעזער גדולה, ווייל איך האב קיינמאל ניט בענעגענט וועמען עס איז פון מייגע מיטמענשען, אין וועלכע איך זאל ניט האבען געזעהען וועלכע ניט איז מעלה וואס איך האב ניט. ווען איך האב בעגעגענט א קלוגערען פון מיר, א מעהר לערנער ווי איך בין, האב איך געזאגט, אז ער האט געווים מעהר מורא פאר גאט ווי איך, מחמת ער האט מעהר שכל פון מיר און האט מעהר געלערנט ווי איך. האב איך ווידער בעגעגענט איינעם א קלענערען חכם וויא איך בין, א וויינינער געלעהרענטען, האב איך געזאגט, אז זיין חשבון צום יום הדין וועט זיין א לייכטערער ווי מיינער, ווארום ער וועט זיך קענען פערטהיידיגען אז ער האט עובר געווען אויף עברות בשוגג, אויס אונוויסענהייט, ווייל ער האט ניט געוואוסט וואס מען מעג און וואס מען טאר ניט. איך וועל זיך אבער אויף מיינע זינד ניט קענען רעכטפערטיגען, ווייל איך האב געלערענט און איך וויים וואס אן עברה איז. און האב איך ווען אנגעטראפען אן עלטערען פון מיר אין יאהרען, האב איך געזאגט, אז ער האט געווים מעהר זכות פאר מיר, מחמת ער איז געקומען אויף דער וועלט פריהער ווי איך און ער האט מעהר צייט געהאט צו טהאן מעשים טובים. האב איך זיך ווידער געטראפען מיט אן אינגערען פון מיר, האב איך געזאגט, אז ער האט וויינינער זינד פאר מיר, ווייל ער האט נאך ניט צייט געהאט צו זינדיגען אזוי פיעל ווי איך. און האט מיר פאסירט צו זיין אין געזעלשאפט פון איינעם, וואס איז גלייך מיט מיר אין יאהרען און אין חכמה, האב איך מיר געטראכט: אפשר איז יענעמס הארץ בעסער צו גאט ווי מיינע, מחמת מיינע זינד וויים איך; איך וויים אבער ניט יענעמס מעשים, אפשר האט ער גאר ניט געזינדיגט. און איז מיר אויסגעקומען צו בעגעגענען זיך מיט א רייכערען פון מיר, האב איך געזאגט, אז ער האט מיט זיין רייכטהום געווים געטהאן מעהר גוטע טהאטען, האט געווים געגעבען מעהר צדקה און געשטיצט ארימע לייט מעהר וויא איך, מחמת ער איז מעהר פערמעגליך. און האב איך זיך ווידער אנגעטראפען מיט אן ארימערען ווי איך בין, האב איך געשטעלט אויף דער חזקה, אז ער איז צוליעב זיין ארימקייט מעהר נכנע, מעהר ניעדערגעפאלען ווי איך און ער שטעהט דעריבער אויף א העכערער מדרגה. אזוי האב איך זיך שטענדיג געפיהרט און וואס פאר א סארט מענשען איך האב בעגעגענט, האב איך אלעמען געעהרט, געשעצט און געאכטעט און בין אלעמען געווען אונטערטעניג״.

און פיהרענדיג זיך אזוי ווי יענער קעניג, איז מען בעליעבט ביי אלעמען, געשעצט און געאכטעט ביי יעדען איינעם, בעת דער בעל גאוה איז פערהאסט און מען פיהלט צו איהם קיין ליעבשאפט און קיין אכטונג. און אזוי האבען אונזערע רז״ל געזאגט: ״והוי דן את כל העולם לכף זכות והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות״ — דו זאלסט די גאנצע וועלט אורטהיילען צו גוטען און דו זאלסט יעדען איינעם אויפנעהמען מיט א פרעהליך פנים. דו זאלסט, הייסט עס, אננעהמען אז יעדער מענש איז א גוטער, א בעסערער ווי דו ביזט, און ניט קוקען אויף קיינעם מיט פערדאכט. אין אן אנדער פלאץ זאגט דיא גמרא: ״יהי אדם רך כקנה ואל יהי קשה כארז״ — א מענש זאל זיין ווייך ווי א בויגזאמער שטעקעל און זאל ניט זיין שטייף ווי א טענענבוים, דאס הייסט, ער זאל ניט האלטען פיעל פון זיך און ניט זיין פעררימען, נור בויגען זיך, זיין א **נכנע**.

די דריי געווינסען וואס דער מענש געניסט דורך כניעה לעולם הבא, זיינען פאלגענדע:

ערשטענס, קען דער נכנע מעהר ערווערבען אין חכמת התורה צוליעב דעם, וואס ער האלט זיך ניט פאר מעהר למדן פון אנדערע און ער זוכט צו בעקענען זיך מיט חכמים, מיט לערנער, פון וועלכע ער לערענט זאכען וואס ער ווייסט ניט, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין משלי: "הולך את חכמים יחכם" — דער וואס געהט אום מיט חכמים, דער וואס קאמפאנירט זיך מיט זיי, ווערט קלוג. און אונזערע אלטע לעהרער האבען געזאגט אין פרקי אבות: "יהי ביתך בית ועד לחכמים והוי מתאבק בעפר רגליהם" — דיין הויז זאל זיין א פערזאמלונגס פלאץ פאר חכמים, פאר לומדים און דו זאלסט זיך שטויבען אין דעם שטויב פון זייערע פיס. דאס הייסט: דו זאלסט זיך סטארען צו לערנען פון זיי. דער וואס פיהרט זיך אזוי, העלפט איהם גאט צו ערווערבען וואס מעהר אין דער חכמת התורה, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: „ידרך ענוים במשפט וילמד ענוים דרכו" — גאט מאכט טרעטען דיא זעלבסט־ערניעדריגטע אין וועג פון גערעכטיגקייט און ער לערענט זיי זיין וועג. ער העלפט זיי, הייסט עס, אז זיי זאלען געהן אין דרך התורה. דער אבער וואס האלט זיך גרויס, דער וואס דענקט אז ער שטעהט העכער פון אנדערע מענשען, איז אויב אפילו ער איז א חכם, א לערנער, קען דיא חכמה ביי איהם קיין ריכטיגען קיום ניט האבען און ער קען קיינמאל ניט קומען צו א ריינעם, ריכטיגען וויסען אין דער תורה, מחמת זיין גאוה דערלאזט איהם ניט צו געהן צו חכמים, צו קאמפאנירען זיך מיט זיי און עטוואס לערנען פון זיי. פאלגליך, קען דער נכנע, דער אונטערטעניגער מעהר זוכה זיין צו עולם הבא דורך לערנען, וויסען און מקיים זיין די תורה ווי דער וואס האט אין זיך ניט די מדה פון כניעה.

צווייטענס, איז דער נכנע שטענדיג פלייסיג אין עבודת הבורא. ווען עס מאכט זיך איהם עפעס א מצוה, טהוט ער עס באלד מיט חשק און פערגעניגען, אלץ איינס אויב דיא מצוה איז א גרויסע אדער א קליינע. ער פאלגט דיא רז"ל ווי זיי האבען געזאגט אין פרקי אבות: "והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה" — דו זאלסט זיין געהיט, טהאן פינקטליך, מיט פארזיכטיגקייט א קליינע מצוה אזוי גוט ווי א גרויסע. דער אבער וואס האלט פיעל פון זיך, איילט זיך ניט צו טהאן א מצוה. ער בעטראכט פריהער אויב דיא מצוה, דער גוטער טהאט, איז גרויס און וויכטיג גענוג און ניט מיט אלעס שטעהט איהם גאר אן צו פערנעהמען זיך, צו אפגעבען זיך. ער פיהלט בעת מעשה ניט, אז דאס איז א שפיצעל פון יצר הרע, וועלכער זוכט אפצו־ווענדען איהם פון טהאן גוטעס און ער פערליערט דורכדעם שכר אויף יענער וועלט אדער ער קריעגט נאך אן עונש, ווייל גאט האט פיינט א בעל גאוה, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין משלי: "שש הנה שנא ה'" — זעקס האט גאט פיינט, און איינס פון דיא זעקס איז "עינים רמות" — הויכע אויגען, גאוה אדער שטאלצירען צופיעל.

דריטענס, זיינען דיא מעשים פון א נכנע אנגענומען ביי גאט. אזוי וויא עס ווערט געזאגט אין תהלים: "זבחי אלהים רוח נשברה" — א צובראכענע געמיטה, אונטערטעניגקייט, ניעדערגעפאלענקייט איז ביי גאט פערעכענט אזוי ווי א קרבן. און דער נכנע, ווען אפילו ער זינדיגט, אבער טהוט תשובה, איז איהם גאט באלד מוחל, אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי: "ומודה ועוזב ירוחם" — דער וואס איז מודה אויף זיינע זינד און הערט אויף צו זינדיגען,

ווערט פון גאָט דערבאַרעמט. ניט אזוי אָבער איז דאָס מיט'ן בעל גאוה, וועלכער וויל זיך ניט אונטערגעבען און מודה זייַן און תשובה טהאָן אויף זיינע זינד.

האָבען מיר דאָ אין דיעזען שער ארומגערעדט דיא צעהן זאכען אָדער ענינים וואָס האָבען אַ שייכות מיט דער מדה פון כניעה, פון אונטערטעניגקייט און פון דעם וועט דיר, מיין ברודער, קלאָהר ווערען נאָך מעלות פון דיעזער גרויסער, גוטער און ערהאבענער מדה, וועלכע איך האָב ניט דערמאָנט. און געדענק אלעם וואָס איך האָב דיר אויפמערקזאם געמאכט. האַלט אַלעם געגען דיינע אויגען, האָב דאָס שטענדיג אין זינען און סטאַרע זיך צו ערווערבען דיא דאָזיגע מדה און פעראייניג דיא מיט אנדערע גוטע מדות. נעהם זיך גאָט צו הילף און בעט אז ער זאָל דיך דערנעהענטערען צו איהם און צו זיין הייליגען רצון, אפשר וועט ער דייַן געבעט אָננעהמען און מאכען דעם וועג גלאַט, אוועקנעהמען שטערונגען, וועלכע פערהינדערען אָפט מאָל דעם מענשען פון טהאָן גוטעס. אזוי ווי מיר זיינען מתפלל אין סוף פון שמונה עשרה: "אלהי נצור לשוני מרע ושפתי מדבר מרמה ונפשי כעפר לכל תהיה" — מיין גאָט, היט מיין צונג פון שלעכטעס און מיינע ליפּען פון ריידען פאַלשקייט און איך זאָל זיך געגען אלעמען האַלטען ווערטהלאָז ווי דיא שטויב פון דער ערד.

און היט זיך פאַר בייזע מחשבות׳ ווען דער יצר הרע רעדט דיך צו צו גאוה, שטאָלץ און שטרעבונג צו גדולה און הערשאַפט. זוך ניט צו זיין אַן אויבערהאַר איבער אימיצען און האָב קיין לוסט צו רייכטהום, ווייל שררה'שאַפט און עשירות קענען פיהרען צו שלעכטעס, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: "הטריפני לחם חקי, פן אשבע וכחשתי ופן אורש וגנבתי" — גיב מיר, גאָט, בלויז מיין נויטיגע חיונה, טאָמער וועל איך רייך זיין וועל איך לייקענען אין גאָט און טאָמער וועל איך פעראָרימט ווערען און וועל ניט פערמעגליך זיין צו לעבען ווי איך בין געוואָהנט פון פריהער, וועל איך ווערען אַ גנב.

ערוואַד, מיין ברודער, און פערנאכלעסיג ניט צו קורירען זיך פון דער גאוה קראַנקהייט און אנדערע גייסטיגע חולאַת'ן מיט דיא רפואות וואָס איך האָב דיך געלערענט. און דו זאָלסט זיך ניט אָפּווענדען פון קורירען דיא גאוה קראַנקהייט צוליעב דעם ווייל דו וועסט זעהן בעלי גאוה אויף דער וועלט. דו זאָלסט ניט זאָגען: וואָס עס וועט זיין מיט יענע וועט מיט מיר אויך זיין. ווארום ווען אַ בלינדער זאָל ניט ווען אַ בלינדער זאָל ניט וועלען אַנווענדען דיא רפואות וואָס מען גיט איהם צו זיין בלינדקייט זאָגענדיג: "עס זיינען דאָך דאָ נאָך בלינדע, וואָס עס וועט זיין מיט יענע וועט מיט מיר אויך זיין", וואָלט מען געוויס געשפּאָט און געלאַכט פון איהם, אזוי איז, ברודער, מיט דיר אויך. האַלטען זיך ביי דער מאוסער מדה פון גאוה, ווייל עס זיינען דאָ נאָך בעלי גאוה, איז דום און נאַריש. דעריבער דאַרפסטו זיך סטאַרען׳ אַנווענדען אלע מעגליכקייטען צו קריעגען דיא מדה פון כניעה וואָס טהוט דעם מענשען גוטעס אי אויף דער וועלט, אי אויף יענער וועלט, טאָמער וועסטו שטאַרבען ניט האָבענדיג ערוואָרבען דיעזע מדה און אנדערע גוטע מדות, אזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: "תאות עצל תמיתנו" — דיא תאוה׳ דער לעבענסלוסט פון פוילען טויטעט איהם. און גאָט זאָל מיט זיין רחמנות און חסדים אונז אלעמען לערנען ווי אזוי צו דיענען איהם, אמן.

סוף פון שער הכניעה

## שער השביעי

# שער התשובה

(דער טהויער פון תשובה. דיא לעהרע ווי אזוי זינדיגע זאָלען זיך צוריקקעהרען אויפ'ן גוטען וועג).

## פרק א'

האט דער מחבר געזאגט:

ווייל מיר האבען אין פאריגען שער געדעט וועגען כניעה, וועגען אונטערטעניגקייט, וואס דאס איז דער שורש, דער אנפאנג פון תשובה, ווייל דער בעל תשובה מוז קודם כל זיין א נכנע, דעריבער געפין איך פאר פאסענד צו ערקלעהרען איצט דיא ענינים פון תשובה און אויך וואס פאר א אופנים א מענש קען קומען צו פאלקאמענע תשובה.

צוערשט וועל איך ריידען וועגען דעם חיוב, וועגען דיא פפליכט און נויטווענדיגקייט פון תשובה, און שפעטער וועל איך ערקלעהרען וויא אזוי אנצוגעהן דערמיט.

לויט וויא מיר פערשטעהען מיט'ן שכל און לויט מיר ווייסען פון געשריבענעם אין דער תורה, איז א מענש מקצר, קומט ניט נאך גענוג זיינע פפליכטען צום בעשעפער און איז אין דעם הינטערשטעליג. מיר פערשטעהען דאס מיט'ן שכל, ווייל מיר ווייסען, אז דיא נאטור פון מענשען ענדערט זיך אפט, ווארום דיא יסודות, פון וועלכע דער מענש איז צוזאמענגעשטעלט זיינען פערשיעדען. ער האט אין זיך פייער, וואסער, ערד און לופט, אדער בכלל בעשטעהט דער מענש פון צוויי גאר בעזונדערע זאכען, קאנטראסטען—קערפערליכעס און גייסטיגעס. דעריבער שטעהט ער ניט שטענדיג אויף איין בעשטאנד, ווארום ווען וועלכער עס איז פון דיא יסודות שטארקט זיך, קריעגט מעהר מאכט, פעראורזאכט דאס אן ענדערונג אין דער טבע פון מענשען, אמאל צו גוטען און אמאל צו שלעכטען, אמאל צו שעהנעס און אמאל צו העסליכעס. מיר זעהען, צום ביישפיעל, אז א שטילער, געלאסענער מענש פאלט אריין אין כעס, אדער פערקעהרט: א כעסן ווערט אפטמאל גוטמוטהיג, שטיל און מען הערט פון איהם קיין הויך ווארט. דאס קומט דערפון וואס איינער פון דיא יסודות שטארקט זיך איבער דיא אנדערע. און דיא קערפערליכע נייגונגען פון מענשען זיינען בכלל דער היפוך פון דיא גייסטיגע. דער קערפער שטרעבט צו איין זאך און דער גייסט צו אן אנדער זאך און עס ווענדט זיך ווער וועמען עס איז גובר. צוליעב דיעזען צוזאמענמיש אין דעם מענשען, קען ער ניט זיין אימער גוט און ער מוז אנקומען צו דיא לעהרען פון דער תורה, וועלכע צייגט איהם אן וויא אזוי ער זאל לעבען און ווי אזוי ער זאל זיך פיהרען.

און פון דער תורה און הייליגע שריפטען ווייסען מיר אויך אז דער מענש איז גענייגט צו זינדיגען. דער פסוק זאגט אין דער סדרה נח: ״כי יצר לב האדם רע מנעוריו״ — דיא געדאנקען פון מענשען׳ס הארץ זיינען שלעכט פון זיין יוגענד אן. ווייטער ווערט דארט געזאגט: ״וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום״ — אלע געדאנקען וואס זייך הארץ טראכט איז אימער צו בייזען. אין איוב איז דא א פסוק: „ועיר פרא אדם יולד״ — דער מענש ווערט געבוירען א ווילדער עזעל. דאס הייסט, ער האט דיא טבע פון א חיה וואס איז מעהר גענייגט צו בייזען ווי צו גוטען. און עס זיינען דא נאך עהנליכע פסוקים, וואס צייגען אז דער מענש איז זינדיג און קומט ניט נאך זיינע פפליכטען צום בעשעפער.

און ווייל דער מענש פערבלייבט הינטערשטעליג אין גאטעס דיענסט, האט דער בעשעפער מיט איהם געטהאן א חסד און איהם געגעבען א מעגליכקייט צו פערריכטען זיינע פעהלער און צוריק קריעגען זיין פערלוסט וואס ער פערליערט דורך בעגעהען א זינד. די דאזיגע מעגליכקייט איז תשובה. און ווייל גאט האט דעם מענשען ליעב און האט אויף איהם רחמנות, האט ער איהם אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם מיטעל פון תשובה. אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין דער סדרה כי תבא: „והיה כי יבאו עליך״ — און אז עס וועלען אויף דיר קומען דיא קללות פון דער תוכחה, ״ושבת עד ה׳ אלהיך״ — זאלסטו זיך אומקעהרען צו גאט דיין גאט. דו זאלסט, הייסט עס, תשובה טהאן. שפעטער האט גאט אויך דאסעלבע געזאגט דורך דיא נביאים און אונז אנגעצייגט און געלערענט דיא וועגען פון תשובה, ווען מיר וועלען זיך אפווענדען פון זיין דיענסט. און ער האט אונז מבטיח געווען אנצונעהמען פון אונז דיא תשובה און עס רעכענען פאר א פערגיטיגונג, אפילו ווען אונזערע זינד וועלען זיין גרויס, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין יחזקאל: ״ובשוב רשע מרשעתו ועשה משפט״ — און ווען דער רשע וועט זיך אפווענדען פון זיינע שלעכטע טהאטען און וועט טהאן וואס גוט און גערעכט איז, וועלען איהם זיינע זינד פערגעבען ווערען.

און ווייל עס זיינען דא צוויי/ערליי קלאסען צדיקים, א קלאס וואס זינדיגען גאר ניט און א קלאס וואס ווערען צדיקים דורך תשובה אויף זייערע זינד, דעריבער דערמאהנט דוד המלך אין תהלים ביידע קלאסען: ״אשרי נשוי פשע כסוי חטאה״ — וואויל איז יענעם וואס זיינע זינד ווערען איהם פערגעבען און זיינע פערברעכענס ווערען פערדעקט, דאס איז געמיינט דעם בעל תשובה וואס גאט איז איהם מוחל זיינע חטאים, און ווייטער זאגט ער דארט: ״אשרי אדם לא יחשב ה׳ לו עון ואין ברוחו רמיה״ — וואויל דעם מענשען וואס גאט רעכענט איהם ניט קיין זינד, ווייל אין זיין גייסט, אין זיין כאראקטער איז ניטא קיין פאלשקייט, ווייל ער איז, הייסט עס, א צדיק פון אנהויב אן און ער האט קיינמאל ניט געזינדיגט. און כאטש דער ערשטער קלאס, דיא יעניגע צדיקים, וואס האבען גארניט געזינדיגט שיינט צו זיין אז זיי שטעהען אויף א העכערער מדרגה, ווי די וואס האבען געזינדיגט און תשובה געטהאן. דאך דערמאהנט דער משורר די צווייטע פיהרער פאר די ערשטע. ווארום איז דאס? דאס איז צוליעב דעם, ווייל די צווייטע קלאס צדיקים זיינען דער רוב, די מעהרהייט און גאנצע צדיקים וואס זאלען גאר ניט האבען געזינדיגט זיינען דא זעהר ווייניג, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין קהלת: ״כי אין צדיק בארץ <u>אשר</u> יעשה טוב״ — עס איז

ניטא קיין צדיק אויף דער ערד וואס זאל טהאן נור גוטעס. אין מלכים א׳ איז דא א פסוק: ״כי אין אדם אשר לא יחטא״ — עס איז ניטא קיין מענש וואס זאל ניט זינדיגען. דעריבער ווערט פריהער גערעדט פון בעלי תשובה און נאכ־הער פון דיא וואס זיינען שטענדיג צדיקים און פערשפארען תשובה, ווייל אזוי איז דער סדר עולם, אז דער רוב קומט פריהער פאר׳ן מיעוט, א זאך וואס איז אין עקזיסטענץ מעהר קומט צוערשט און נאכהער דיא ווייניגערע. און צוליעב דעם, ווייל תשובה שפיעלט אזא גרויסע ראלע זיינען מיר מתפלל אין שמונה עשרה אויף תשובה און סליחה. ״הרוצה בתשובה״ און ״חנון המרבה לסלוח״.

איצט דארפען מיר ערקלעהרען צעהן זאכען אין דעם ענין פון תשובה:

וואס מיינט תשובה, וואס איז דיא ריכטיגע בעדייטונג דערפון.

אויף וויפיעל חלקים זי ווערט צוטהיילט.

אונטער וועלכע אומשטענדען א מענש קען ווערען א בעל תשובה.

דיא הויפט גרונד זאכען פון תשובה.

פרטים, איינצעלהייטען וואס האבען א שיכות צו דעם.

ווי אזוי א מענשענ׳ס הארץ קען ערוועקט ווערען צו תשובה.

דיא זאכען וואס וועגדען אפ פון תשובה טהאן.

אויב דער זינדיגער וואס טהוט תשובה קען פערגליכען ווערען צו א צדיק וואס האט גאר ניט געזינדיגט.

אויב דער זינדיגער קען תשובה טהאן אויף אלע זינד אדער ניט.

די מיטעל וואס א מענש דארף אנווענדען אין פאל עס איז איהם שווער תשובה צו טהאן.

ארומריידענדיג דיעזע פרטים וועלען מיר פערפאלקאמענען דעם גאנצען ענין פון תשובה, וואס מיט דעם האפען מיר צו קריעגען א פערגעבונג אויף אונזערע זינד מיט גאטעס הילף.

וועגען דיא ריכטיגע בעדייטונג פוןווארט תשובה, וועל איך זאגען, אז דאס מיינט: מתקן זיין, פערריכטען דאס וואס מען האט קאליע געמאכט, אדער ער־פילען דאס וואס א מענש איז פעהליג געווארען אין גאטעס דיענסט נאכדעם ווי ער האט זיך פון דעם אפגעווענדט, נאכדעם ווי ער האט אויפגעהערט צו דיענען גאט ווי געהעריג איז. עס איז קיין אונטערשיעד וואס עס האט איהם געבראכט דערצו, זיין אונוויסענהייט אין געטליכע ענינים, אדער ווייל דער יצר הרע האט בעזיעגט זיין שכל און איהם געבראכט צו זינד און פערנאכלעסיגען זיינע פפליכ־טען צום בעשעפער, אדער ווייל ער האט זיך קאמפאנירט מיט שלעכטע חברים, וועלכע האבען איהם אנגערעדט צו זינדיגען. און שלעכטע חברים קענען אראפ־פיהרען א מענשען פון דרך הישר. דעריבער האט דער חכם שלמה המלך גע־ווארענט אין משלי: ״בני, אם יפתוך חטאים אל תובא״ — מיין זוהן, אויב זינדער וועלען דיך אנריידען צו געהן אין זייערע וועגען, זאלסטו ניט וועלען, זאלסטו ניט פאלגען, און וואס עס זאל ניט ברייגגען דעם מענשען צו זינד, דארף ער תשובה טהאן, פערריכטען דעם פעהלער וואס ער האט געמאכט.

און דאס אפווענדען זיך פון גאטעס דיענסט קען זיין אויף צווייערליי אופנים: ענטוועדער ניט טהאן וואס גאט האט געהייסען מען זאל יא טהאן, אדער פערקעהרט, טהאן אזעלכעס וואס ער האט אנגעזאגט מען זאל ניט טהאן; מיט דער כונה צו זיין דערוויעדער דעם בעשעפער. איז אויב דעם מענשענ׳ס זינד בעשטעהט בלויז אין דעם וואס ער פערנאכלעסיגט צו טהאן דאס וואס דער

בעשפער האָט געהייסען טהאָן, דארף די תשובה זיינע זיין צו סטארען זיך טהאָן וואָס מעהר מעשים טובים, ווי איך וועל נאָך שפּעטער ארומריידען אין דיעזען שער. פערקעהרט וויעדער: האָט ער חוטא געוועזן דערמיט וואָס ער האָט נעטהאָן אזעלכעס וואָס דער בעשעפער האָט פערבאָטען צו טהאָן, בעשטעהט זיין תשובה אין היטען זיך וויטער ניט צו טהאָן דאָס און אנווענדען אלע מעג־ליכקייטען צו טהאָן דעם היפוך, ווי איך וועל אויך שפּעטער, מיט גאָטס הילף, ברייט ארומריידען.

א משל צו דעם איז פון נאַטירליכע זאכען, וואָס אלע וויסען און פער־שטעהען. ווען א מענש, צום בייּשפּיעל, ווערט קראנק צוליעב דעם ווייל ער האָט ניט געגעסען געגוג נארהאפטע שפּייזען, וואָס שאפען איהם געזונד, אדער ער האָט געגעסען שעדליכע אכילות, וואָס שאדען צום געזונד, קען ניט אנגע־ווענדט ווערען איינער און דערזעלבער מיטעל אין ביידע פעלע. אויב זיין קראנקהייט איז געקומען פון עסען ווייניג נארהאפטע עסענס, דארף ער אנהויבען עסען גוטע שפּייזען, בעסערע ווי געוועהנליך, און דאָס וועט איהם צוריקברייג־גען צו זיין נאָרמאלען צושטאנד. ווען וויעדער ער איז קראנק געוואָרען פון עסען זאכען וואָס זיינען שעדליך פאר'ן קערפּער, דארף ער זיך אויף וויטער היטען פון אזעלכע און עהנליכע אכילות און עסען אזעלכע זאכען וואָס זיינען בטבע דער קאָנטראסט פון יענע, וואָס זייער ווירקונג איז, הייסט עס, פערקעהרט פון יענע שעדליכע עסענס, ביז ער וועט צוריק קומען צו זיין געוועהנליכען גע־זונד. און אין ביידע פעלע, ווען דיא חולאים שטעלען זיך אויף זייער נאָר־מאלע געזונדהייטס מאָס, קענען זיי זיך שוין פיהרען ווי געוועהנליך און זיך ערנעהרען מיט מיטעלמעסיגע נאהרונג, וואָס זיינען ניט שעדליך און ניט צופיעל גוט. אויף אזא אופן דארפען זיך אויך נוהג זיין בעלי תשובה. און דער משל איז לייכט צו פערשטעהען.

און דער פּסוק האָט פערגלייכט זינד מיט שלעכטע עסענס. אין ירמיה ווערט געזאגט: "איש בעונו ימות, האכל הבוסר תקהינה שניו" — יעדער וועט שטארבען פאר זיינע זינד. דער וואָס עסט אונצייטיגע ווינטרויבען, ביי' דעם ווערען האָליג די צייהן.

## פּרק ב'

ווענען אײנטהיילונג פון תשובה, איז דאָס איינגעטהיילט אין דריי חלקים. דאָס הייסט: עס זיינען דא דרייערליי בעלי תשובה.

איינער איז: אזעלכער וואָס טהוט תשובה, וואָס נעהמט אויף זיך ניט צו טהאָן א געוויסען חטא, ניט ווען דער חטא קומט איהם צו דער האנד, נור מחמת ער האָט ניט קיין מעגליכקייט עובר צו זיין יענע עברה. אבער ווען דאָס קומט איהם צו דער האנד, ווען ער קען בעגעהן דעם פערברעכען, בעזיעגט דער יצר הרע זיין שכל און ער ווענדט זיך פון דעם ניט אָפּ. און נאָכהער, ווען ער האָט שוין געהאט נאָכגעגעבען דעם יצר הרע, זעהט ער איין ווי שענדליך זיין טהאט איז געוועזן און ער האָט חרטה. אזא תשובה איז קיין תשובה ניט, ווייל ער טהוט דאָך נור תשובה מיט'ן מויל, אבער ניט מיט'ן הארצען; ער זאגט נור אז ער וועט דיא עבירה ניט בעגעהן, אבער ער איז דאָס ניט מקיים אין דיא ווירק־

ליכקייט. אזא מין בעל תשובה פערדיענט א שטראָף פון בורא יתברך. אויף אזעלכען זאָגט דער פסוק: "הגנב רצוח ונאוף ובאתם ועמדתם לפני בבית הזה" — צו איז דאָס רעכט, צו איז דאָס גלייך, אז איהר זאָלט גנב'ענען, מאָרדען, מזנה זיין און טהאָן אנדערע פערברעכענס און נאָכהער קומען צו מיר אין בית המקדש כלומר'שט תשובה טהאָן? וואָס טויג אזא תשובה, אז ווען נור מען האָט א געלעגענהייט זינדיגט מען ווידער?

דער צווייטער טהייל פון תשובה איז שוין א בעסערע. צום צווייטען טהייל בעלאַנגט אזעלכער וואָס טהוט תשובה ניט בלויז מיט'ן מויל, נור אויך מיט'ן הארצען און אלע גליעדער; אזעלכער וואָס שטעלט זיך פעסט מיט זיין שכל גענגען דעם יצר הרע און פיהרט אָן א שטרייט גענגען דיא קערפערליכע תאוות און טהוט אלעס מעגליכעס אָפצואווענדען זיך פון זאכען וואָס דער בעשעפער האָט פיינט. אָבער אַזוי ווי דער נפש הבהמית, דער טהיערישער אינסטינקט אין מענשען, שטרעבט תמיד גענגען די שטרעבונגען פון שכל, האָט לוסט, הייסט עס, צו זינד, פאסירט אמאָל אז דער שכל איז גובר און אמאָל, פערקעהרט, שטארקט זיך דער נפש הבהמית און בעזיעגט דעם שכל. אזא סאָרט תשובה איז אויך ניט קיין פאָלקאָמענע. א ריכטיגער בעל תשובה דארף קיינמאָל ניט בעקעמפפט ווערען פון יצר הרע, און ערשט דאן איז ער בערעכטיגט צו א כפרה, צו א פערגעבונג, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין ישעיה: „בזאת יכופר עון יעקב וזה כל פרי הסר חטאתו" — דערמיט וועט פערגעבען ווערען דיא זינד פון יעקב און דאָס איז די פרוכט, דיא גוטע רעזולטאטען, אז ער וועט אָפּווענדען פון זיך אלע זיינע זינד. קוים אָבער קען א מענש ניט בעווייזען צו האָבען שטענדיג די אויבערהאנד איבער'ן יצר הרע, איבער זיינע טהיערישע געפיהלען, און ער ווערט ווען ניט איז פערפיהרט, איז ער אלץ ניט קיין ריכטיגער בעל תשובה.

צום דריטען קלאַס בעלי תשובה בעלאַנגט אזעלכער, וואָס איז שטענדיג פאָרזיכטיג אין נאָכקומען אלע פונקטען פון תשובה און זיין שכל בעקעמפפט תמיד זיינע תאוות; אזא איינער וואָס הערט ניט אויף צו האָבען א חשבון מיט זיך אליין, האָט מורא פאר'ן בעשעפער און שעהמט זיך פאר איהם, לאָזט ניט ארויס פון זינען זיינע זינד און אנערקענט דיא גרויסקייט פון דעם, ווען ער איז דערוויעדער און קומט ניט נאָך זיינע פערזאָגען אָדער פערבאָטען; אזעלכער וואָס זיינע זינד זיינען שטענדיג פאר זיינע אויגען און האָט שטענדיג אויף זיי חרטה און זיין גאנצען לעבען ביז'ן סאמע טויט בעט ער אלץ אז דיא חטאים זאָלען איהם פערגעבען ווערען. דאָס הייסט א ריכטיגער פאָלקאָמענער בעל תשובה, וואָס איז בערעכטיגט נצול צו ווערען פון שטראָף.

## פרק ג'

איצט וועלען מיר בעטראכטען אונטער וועלכע אומשטענדען א מענש קען ווערען א ריכטיגער בעל תשובה, און איך וועל זאגען, אז דאָס קען ניט געשעהן סיידען ביים מענשען זאָלען פריהער ניט קלאָהר זיין זיעבען זאכען.

ערשטענס, דארף ער ריכטיג וויסען זיינע בייזע מעשים. עס דארף ביי איהם קלאָהר און זיכער זיין וואָס פאר א חטא ער איז בעגאנגען און אויב ער האָט גאָר בכלל געזינדיגט. ווארום אויב ער צווייפעלט צו ער האָט די עבירה

געטהאָן אבזיכטליך, וויסענדיג אז דאָס איז אן עברה אָדער אומגערעכט, ניט וויסענדיג אז דאָס איז א חטא, אָדער אויב ער איז אין ספק צו דיא זאך וואָס ער נעהמט אָן פאר א זינד איז גאָר בכלל א זינד, קען דאָך דיא חרטה אויף דעם ניט זיין קיין אמת הערצליכע חרטה. אין אמת׳ע, אויפריכטיגע חרטה קען מען נור האָבען אויף א זאך וואָס מען איז ביי זיך זיכער אז מען האָט דאָס ניט געטאָרט אָדער ניט געדאָרפט טהאָן. קוים אָבער האָט מען אויפ׳ן רעיון, אז מען איז אפשר גאָר קיין עולה ניט בעגאנגען, איז דיא חרטה א שוואכע, א צווייפעלהאפטע און עס איז גאָר ניט שייך צו בעטען אויף דעם מחילה, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: „כי פשעי אני אדע וחטאתי נגדי תמיד" — איך בעט אז גאָט זאָל מיר מוחל זיין, ווייל איך וויים מיינע זינד און מיין שולד איז שטענדיג אנטקעגען מיינע אויגען.

צווייטענס, ווען אפילו דער מענש איז זיכער אז ער האָט מיט א געוויסער טהאט געזינדיגט געגען גאָט, ווען עס איז ביי איהם, הייסט עס, קיין ספק, אז ער האָט עובר געווען אויף א געוויסען געבאָט אָדער פערבאָט פון דער תורה, דאַרף ער פערשטעהען מיט׳ן שכל ווי גרויס עס איז דיא עולה וואָס ער איז בעגאנגען און ווי שענדליך עס איז זיין טהאָן אָדער ניט טהאָן דיא זאך געגען גאָט׳ס רצון. ווארום אויב ער וועט דיא זאך האלטען פאר גרינג, אפילו וויסענדיג אז לויט דעם דין טאָר מען דאָס ניט, וועט ער דארויף ניט האָבען קיין ריכטיגע חרטה און וועט פערנאכלעסיגען נאָכצוקומען דיא פונקטען פון תשובה. וויבאלד אז ער נעהמט דיא זאך ניט אָן פאר א גרויסען פערברעכען, בעטראכט ער זיך פאר א שוגג, אזוי ווי ער זאָל האָבען עובר געווען די עבירה ניט וויסענדיג, און ער האָט שוין וועגען ווי אזוי צו רעכטפערטיגען זיך, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: "שגיאות מי יבין" — דיא זינד וואָס מען טהוט אומגערעכט, ניט ווילענדיג, ווער קען פערשטעהען? דאָס הייסט: ווער קען זיך איינהיטען פון דעם?

דריטענס, דאַרף ער וויסען די גוטע בעלוינונג וואָס א מענש וועט האָבען פאר נאָכקומען גאָטס געבאָטען און דעם עונש, דיא שטראָף וואָס ער וועט קריעגען פאר עובר זיין אויף זיי. ווארום אז ער וועט דאָס ניט וויסען, אז ער וועט ניט מורא האָבען פאר שטראָף, וועט ער קיין חרטה ניט האָבען. עס מוז דעריבער ביי איהם קלאָהר זיין, אז ער וועט סוף כל סוף שווער אָבקומען פאר זיינע זינד און דאָס וועט איהם ברייַנגען צו הערצליכע חרטה און צו בעטען ביי גאָט ער זאָל איהם מוחל זיין, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין תהלים: "סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי" — אוים מורא פאר דיר גאָט שוידערט מיין לייב און פאר דיין משפט האָב איך מורא.

פיערטענס, דאַרף דער מענש זיין איבערצייגט, אז אן אויג גיט אכטונג אויף אַלעם וואָס ער טהוט און זיינע שלעכטע טהאטען ווערען פערשריעבען, און קיין זאך ווערט ניט דורכגעלאָזט, פערגעסען און געשענקט. אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין האזינו: "הלא הוא כמוס עמדי חתום באוצרותי" — דעם מענשענס מעשים זיינען מיט מיר (גאָט) בעהאלטען, איינגעשלאָסען אין מיינע אוצרות, און אליהוא זאָגט אין איוב: "ביד כל אדם יחתום" — דיא הענד פון יעדען מענשען חתמ׳עט אליין, פערשרייבט אליין זיינע מעשים. ווארום אויב א מענש וועט דענקען אז עס איז ניטאָ קיין השגחה אויף זיינע מעשים און וואָס ער טהוט אָפּ איז פערפאלען און קיינער וועט איהם גאָר ניט מאָהנען, איז

אפילו ווען ער וועט וויסען און פערשטעהען אז ער האט געזינדיגט, וועט ער אויך קיין חרטה ניט האבען און ניט בעטען אז גאט זאל איהם די זינד פער־געבען, ווייל זעהענדיג אז זיין שטראף ווערט פערצויגען, אז ער בעקומט ניט באלד זיין פסק, וועט ער דענקען אז זיין זינד וועט אין גאנצען פערגעסען ווע־רען און ער וועט זיך אויסדרעהען אונבעשטראפט. אזוי ווי קהלת זאגט: "אשר אין נעשה פתגם מעשה הרע מהרה על כן מלא לב בני האדם בהם לעשות רע" — צוליעב דעם, ווייל מענשען זעהען אז זייער שטראף פאר זינד קומט ניט שנעל, דעריבער זיינען זייערע הערצער פול מיט דיא געדאנקען צו טהאן שלעכטעס.

פינפטענס, דארף דער מענש וויסען און זיין איבערציינגט אז דיא תשובה איז א רפואה צו זיין וועהטאג און דיא ריכטיגע וועג צו קורירען איהם פון זיינע שלעכטע און שענדליכע טהאטען. עס דארף ביי איהם זיכער זיין אז מיט דער תשובה וועט ער פעררעכטען זיין טעות און צוריק קריעגען דאס וואס ער האט פערלוירען. ווארום אויב ער וועט צווייפלען אין דעם; אויב עס וועט ביי איהם ניט זיין קיין געוויסהייט, אז תשובה העלפט, וועט ער זיך מיאש זיין, וועט אויפגעבען דיא האפנונג אז דער בורא יתברך וועט אויף איהם רחמנות האבען און פערגעבען זיינע זינד און ער וועט גאר ניט בעטען ביי גאט קיין סליחה וכפרה. אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין יחזקאל: "אמרתם לאמר: כי פשעינו וחטאתינו עלינו ובם אנחנו נמקים ואיך נחיה?" — איהר (אידען) האט געזאגט: אונזערע שולדען און זינד זיינען אויף אונז און אין זיי שמאכטען מיר, טא ווי קענען מיר בלייבען לעבען? די אידען האבען זיך, הייסט עס, מיאש געווען, אז זיי קענען קיינמאל ניט ריין ווערען פון זייערע שלעכטע מעשים, אז עס איז גאר ניטא קיין תרופה, קיין מיטעל פאר א זינדיגען, אז זיינע זינד זאלען אפגעמעקט ווערען, און דער בעשעפער האט זיי געענטפערט דורך זיין נביא: "חי אני אם אחפוץ במות רשע" — איך שווער ביי מיין לעבען, אז איך וויל ניט דער רשע זאל שטארבען. איך וויל ער זאל תשובה טהאן, ער זאל באמת חרטה האבען אויף זיינע זינד און בעטען מיין פערצייהונג און איך וועל איהם מוחל זיין.

זעקסטענס, דארף דער וואס וויל זיין א ריכטיגער בעל תשובה האבען מיט זיך א גענויעם חשבון ווענען דיא טובות וואס ער האט גענאסען פון בעשעפער און דאס וואס ער, דער מענש, איז איהם געוועזען דערווידער אנשטאט צו דאנקען איהם. און ער זאל ווענען און מעסטען די שטראף פון אן עבירה גענען דעם גענוס, גענען דער הנאה וואס ער האט פון בעגעהן דיא זינד, און פערקעהרט: דיא הנאה, דעם תענוג וואס ער וועט שפעטער געניסען פאר א מצוה גענען דעם צער אדער דיא שוועריגקייטען וואס ער האט טהוענדיג דיא מצוה. אז ער וועט דיא זאכען ווענען און מעסטען איינע גענען דיא אנדערע, וועט ער אי־בערציינט זיין, אז עס לוינט זיך בעסער טהאן גוטעס איידער זינדיגען, און זיין תשובה אויף דיא זינד, וואס ער איז בעגאנגען, וועט זיין א ריכטיגע. אונזערע אלטע לעהרער, ז"ל, האבען אונז אויך אזוי געלערענט אין פרקי אבות: "הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה" — דו זאלסט רע־כענען דעם שאדען פון א מצוה גענען דיא בעלוינונג וואס דו וועסט דערפאר האבען און דעם פערדיענסט אדער דעם גענוס פון אן עבירה גענען איהר שאדען, גענען דיא שטראף וואס דו וועסט שפעטער דערפאר קריעגען.

זיעבענטענס, קען א מענש ניט זיין קיין ריכטיגער בעל תשובה סיידען ער

זאל פעסט בעשליסען צו ליידען, אויסצושטעהען גרויס צער פון אבגעוואהנען זיך פון שלעכטעס, צו וועלכעס ער איז געוואהנט. ער מוז זיך אונטערנעהמען אפצואוועגדען זיך פון שלעכטע טהאטען מיט׳ן גאנצען הארצען, אזוי ווי יואל הנביא זאגט: וקרעו לבבכם ואל בגדיכם — און צורייסט אייערע הערצער, ניט אי־ערע קליידער. ווען איהר טהוט תשובה, הייסט עס, זאלט איהר דאס טהאן מיט׳ן גאנ־צען הארצען. איהר זאלט האבען א הערצליכען צער אויס חרטה אויף אייערע זינד.

און ווען א מענש קומט נאך דיא אלע דערמאהנטע זיעבען פונקטען, קען ער זיין א בעל תשובה ווי געהעריג איז.

און די הויפט גרונד זאכען פון תשובה זיינען פיער.

ערשטענס, חרטה אויף די זינד וואס דער מענש איז פריהער בעגאנגען.

צווייטענס, ער זאל די זינד פערלאזען און זיך אפּוועגדען פון זיי.

דריטענס, ער זאל זיך מתודה זיין און בעטען ביי גאט פערצייהונג.

און פיערטענס, ער זאל נעהמען אויף זיך אז ער זאל מעהר קיינמאל יענע חטאים ניט בעגעהען. דיא דאזיגע פערפליכטונג זאל זיין איינגעווארצעלט אין זיין הארצען און ער זאל קיינמאל אין זינען האבען אומצוקעהרען זיך צוריק צו זיינע זינד.

און די חרטה איז א סימן, אז דער בעל החרטה פעראכטעט דיא שלעכטע מעשים, און ער בעטראכט זיי אלס שעדליך. און אהן חרטה קען ניט זיין קיין תשובה, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין ירמיה: "מי יודע ישוב ונחם" — ווער עס ווייס אז ער איז זינדיג, זאל תשובה טהאן און חרטה האבען. און אן אנ־דער פסוק דארט זאגט דער נביא: "אין איש נחם על רעתו" — קיינער האט קיין חרטה אויף זיין שלעכטס. ער מאכט, הייסט עס, פּארווירפע די זינדיגע וואס האבען קיין חרטה אויף זייערע זינד. און מיר זעהען דאס אין ענינים פון בין אדם לחברו, צווישען מענש און מענש. ווען איינער בעגעהט אן עולה נעגען אן אנדערען, איז חרטה די בעסטע אורזאך וואס ברייגגט דעם געקריוודע־טען מוחל צו זיין דעם בעל עולה. און דאס אויפהערען צו זינדיגען צייגט אז דער מענש האט די ריכטיגע אמונה אין שכר ועונש, אז אמת׳ען גלויבען אז פאר גוטעס וועט מען קריגען גוטע בעלוינונג און פאר שלעכטעס וועט מען גע־שטראפט ווערען. און עס מוז זיין ביידע, אי חרטה אויף די פערגאנגענהייט, אויף די מעשים רעים וואס דער מענש האט שוין אפּגעטהאן, אי דאס אפּ־היטען זיך פון זינד אויף ווייטער, אזוי ווי מיר זעהען צווישען מענשען. ווען איז א מענש מוחל דעם אנדערען וואס האט איהם שלעכטעס געטהאן, נור דאמאלס, ווען יענער האט חרטה אויף די פריהעריגע און ער טהוט איהם שוין מעהר קיין בייז.

און דאס בעטען פערצייהונג, דאס מתודה זיין זיך פאר גאט און תפלה טהאן אז ער זאל מוחל זיין אויף די זינד, צייגט דעם מענשען׳ס אונטערטעניגקייט און ערניעדערונג פאר׳ן בעשעפער און דאס מאכט איהם בערעכטיגט, אז ער זאל קריגען די פערצייהונג. אזוי ווי דער פסוק זאגט אין משלי: "ומודה ועוזב ירוחם" — דער וואס איז מודה אויף זיינע זינד און זינדיגט ניט מעהר, ווערט פון גאט ערבארימט, האט נאט אויף איהם רחמנות און איז איהם מוחל. פער־קעהרט ווייעדער, ווען איינער וויל ניט מודה זיין, ווען ער וויל ניט צוגעבען אז ער האט געזינדיגט, אויף אזעלכען זאגט דער נביא ירמיה: "הנני נשפט אותך

על אמרך לא חטאתי" — איך וועל דיך משפט'ן, איך וועל דיך שטראָפען דער־פאר גופא וואָס דו זאָגסט: איך האָב ניט געזינדיגט. און שלמה המלך זאָגט אין משלי: "מכסה פשעיו לא יצליח" — דער וואָס פערדעקט זיינע זינד, דער וואָס וויל זיינע זינד פערלייקענען וועט ניט בעגליקען. ער וועט, הייסט עס, פון דעם ניט געווינען, נור פערלירען.

דער כלל איז, אז דער מענש וואָס וויל באמת אז גאָט זאָל איהם מוחל זיין אויף זיינע חטאים, דאַרף ער האַנדלען אַלץ אייגם ווי ער וואָלט געהאַנ־דעלט מיט א מענשען געגען וועלכען ער איז בעגאַנגען א פערברעכען און ער וויל אז יענער זאָל איהם מוחל זיין. ער דאַרף פאַראויס וויסען, אז אָהן חרטה, אונטערטעניגקייט און אָפּגעהיט זיין פון בע'עולה'ן יענעם נאָך אמאָל, וועט איהם יענער ניט מוחל זיין און וועט זוכען פון איהם נקמה. אזוי איז אויך ווען עס האַנדעלט זיך וועגען קריגען א כפרה פון גאָט, מוז דער מענש נאָכקומען די אַלע הויפּט זאַכען פון תשובה; ווען ניט, קען ער ניט פּועל'ן קיין מחילה וסליחה. און איך וועל נאָך, מיט גאָטעס הילף, דעם ענין ברייטער אַרומ־ריידען.

און אפילו ווען איינער האָט עובר געווען אויף אזא עבירה, ביי וועלכע עס ווערט געזאָגט: "לא ינקה" — גאָט וועט ניט ריינינגען, וועט ניט מוחל זיין, ווי שווערען פאַלש מיט גאָט'ס נאָמען אָדער זינדיגען מיט אן אשת איש — אפילו אויף אזעלכע חטאים העלפט אויך תשובה. אויב דער חוטא טהוט תשובה ווי געהעריג איז, וועט ער אָפּקומען מיט א לייכטע שטראָף אויף דער וועלט און לעולם הבא וועט ער אריינגעהן אין די געזעלשאַפט פון די צדיקים און געניסען גלייך מיט זיי. אזוי ווי ירמיה הנביא זאָגט: "אם תשוב ואשיבך, לפני תעמוד" — אויב דו וועסט זיך צוריקקעהרען, אויב דו וועסט תשובה טהאָן אויף דיינע זינד, וועלכע זיי זאָלען ניט זיין, וועל איך דיך צוריקקעהרען און דו וועסט שטעהען פאַר מיר לעולם הבא.

## פּרק ד'

איצט וועלען מיר ריידען וועגען די פּרטים, וועגען די איינצעלהייטען וואָס האָבען א שיכות מיט תשובה.

פּרטים אָדער תנאים, וואָס האָבען צו טהאָן מיט דעם ענין פון תשובה, זיינען דאָ א סך, אָבער איך וועל נור דערמאָהנען צוואַנציג פון זיי, פינף פאַר יעדערען פון די פיער הויפּט פּונקטען, וועגען וועלכע עס איז גערעדט געוואָ־רען אין פאָריגען פּרק. מיר וועלען געהן צום ערשטען פּונקט — חרטה, און מיר וועלען ערקלעהרען די פינף תנאים, מיט וועלכע דאָס איז פערבונדען.

ערשטענס מוז דערביי זיין די מורא פאַר א שנעלע שטראָף פון גאָט. וואָרום ווען ניט די מורא, וועט די חרטה פון זינדיגען זיין א שוואַכע. אזוי ווי דער פּסוק זאָגט: „תנו לה' אלהיכם כבוד בטרם יחשיך" — גיט צו גאָט כבוד, האָט חרטה אויף אייערע זינד איידער ער וועט אייך פינסטער מאַכען, איידער ער ברייננגט אויף אייך א שטראָף. די מורא פאַר שטראָף, הייסט עס, זאָל אייך ברייננגען צו חרטה אויף אייערע זינד.

צווייטענס מוז דעם בעל החרטה'ס האַרץ צובראָכען זיין און ער דאַרף זיך

פיהלען אונטערטעניג, ניעדערגעפאלען ביי זיך וואס ער איז א זינדיגער, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין דברי הימים ב׳: "ויכנע עמי" — מיין פאלק איז אונ־טערטעניג געווארען. ביים בעשעפער, הייסט עס, איז אנגעלייגט געווען וואס די אידען זיינען געווארען נכנעים צו איהם.

דריטענס, דארף דער בעל החרטה ארויסצייגען זיין חרטה אין די עפענט־ליכקייט דורך אבזאגען זיך פון צופיעל תענוגים. ער דארף ניט טראגען קיין טהייערע קליידער און ציערונג און דארף ווייזען פאר דער וועלט צייכענס פון חרטה, פון ערגערניס און קלעמענים אין זיינע רייד, אין עסען און אין אלע זיינע בעוועגונגען, אזוי ווי יונה הנביא דערצעהלט: "ויתכסו שקים" — די איינוואהנער פון נינוה האבען אויס חרטה אויף זייערע זינד זיך צוגעדעקט אדער זיך געקליידעט אין זעק. אדער ווי עס ווערט געזאגט אין ירמיה: "על זאת חגרו שקים" — אויף דעם וואס איהר האט געזינדיגט, אויס דעם צער וואס איהר דארפט דערפון האבען טהוט זיך אן אין זעק.

פיערטענס, דארף חרטה בעגלייט ווערען פון געוויין, געשריי און טרויער. דער בעל החרטה, הייסט עס, דארף וויינען, שרייען צו גאט און טרויערען אויף דעם וואס ער איז א זינדיגער. אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתך" — קוואלען וואסער האבען גערונען פון מיינע אויגען, ווייל זיי האבען ניט געהיט דיין תורה. און יואל הנביא האט געזאגט: "בין האולם והמזבח יבכו הכהנים" — צווישען דעם אולם און מזבח וועלען די כהנים וויינען.

פינפטענס, מוז דער וואס האט חרטה אויף זיינע זינד זיך אליין פארווירפע מאכען און טאדלען דערפאר וואס ער איז ניט נאכגעקומען גאט׳ס גע־באטען. אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין יואל: "וקרעו לבבכם" — צורייסט אייערע הערצער. עס זאל אייך, הייסט עס, וועה טהאן אייערע הערצער, איהר זאלט צער האבען דערפון וואס איהר האט געזינדיגט.

די פינף תנאים אדער בעדינגונגען, וואס האבען צו טהאן מיט׳ן צווייטען הויפט פונקט פון תשובה — מיט אפווענדען זיך פון זינד, זיינען פאלגענדע:

ערשטענס, מוז ער אויפגעבען עובר צו זיין אויף אלעם וואס גאט האט געבאטען אדער פערבאטען. ער דארף, מיט איין ווארט, טהאן נור גוטעס און אויסמיידען שלעכטעס, אזוי ווי דער נביא עמוס זאגט: "שנאו רע ואהבו טוב" — האט פיינט שלעכטעס און האט ליעב גוטעס, אדער ישעיה זאגט: "ושומר ידו מעשות כל רע" — מען קען ניט זיין קיין בעל תשובה סיידען אז מען היט זיך פון טהאן וועלכע ניט איז שלעכטעס.

צווייטענס, דארף ער אויסמיידען אפילו זאכען וואס מען מעג, אבער זיי קענען ברייננגען צו אן עבירה. ער דארף זיך אפווענדען פון יעדען ספק. א זאך וואס איז, הייסט עס, צווייפעלהאפט אויב מען מעג דאס אדער מען טאר דאס ניט, דארף ער דאס פון זיכערהייט וועגען ניט טהאן, אזוי ווי מען דער־צעהלט אויף געוויסע פרומע לייט, אז זיי פלעגען זיך אפשיידען פון פיעלע זא־כען וואס מען מעג על פי דין אויס מורא טאמער וועלען זיי דורכדעם בעגעהן א זינד, און אזוי ווי די סייגים, די צאמען, די בעווארענישען וואס אונזערע רבנים ז״ל האבען איינגעפיהרט. עס זיינען, למשל, דא זאכען וואס מען מעג טהאן אום שבת, אבער די רז״ל האבען פעסטגעשטעלט מען זאל זיי ניט טהאן אויס מורא, אז אויב מען וועט זיי טהאן, וועט מען שוין אויך טהאן אזעל־

כּעם וואָס די תורה האָט פערבאָטען. און זיי, די אלטע חכמים אונזערע, האָבען אָנגעזאָגט אין פּרקי אבות: "ועשו סיג לתורה" — איהר זאָלט אליין מאכען א צאָם צו דער תורה. יעדער איינער דאַרף זיך אָפּטמאָל אליין אסור'ן זאכען וואָס מען מעג, כּדי עס זאָל ניט ברייננען צו טהאָן זאכען וואָס מען טאָר ניט.

דריטענס, דאַרף דער בעל תשובה אויסמיידען זינד, ווען זיי קומען איהם צום האנד און ער האָט ביכולת דורכצופיהרען זיי אָהן שוועריגקייטען. ער דאַרף צייגען, אַז כאָטש עס קען איהם אָנקומען גאַנץ לייכט צו זינדיגען, דאָך ווענדט ער זיך אָפּ פון דעם בלויז אויס מורא פאַר גאָט און זיין שטראָף, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: „סמר מפּחדך בשרי וממשפּטיך יראתי" — פאַר דיין שרעק שוידערט מיין לייב און פאַר דיין משפּט, פאַר דיין שטראָף האָב איך מורא.

פיערטענס, דאַרף ער זיך אָפּווענדען פון זינד אויס חרפּה פאַר גאָט, צו־ליעב דעם ווייל ער שעהמט זיך פאַר'ן בעשעפער, ניט אויס מורא אָדער שעהמען זיך פאַר מענשען. דאָס היטען זיך פון טהאָן וואָס אונרעכט איז זאָל ניט זיין, ווייל ער האָפּט אַז ער וועט דערפאַר קריגען טובות פון מענשען אָדער ווייל ער שעהמט זיך מען זאָל דאָס איהם אויפוואַרפען. און אויף דעם האָט ישעיה הנביא געשטראָפט די אידען און געזאָגט אין גאָט'ס נאָמען: „ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה" — זייער מורא פאַר מיר איז ניט אויס הערצליכע מורא פאַר מיר, נור ווייל זיי זיינען אזוי איינגעוואָהנט און זיי שעהמען זיך צו פיהרען זיך אנדערש. אָדער ביי יהואש ווערט געזאָגט אין מלכים ב': "ויעש הישר בעיני ה' כל ימיו אשר הורהו יהודיע הכהן" — יהואש איז נאָכגעקומען גאָט'ס פערלאַנג אזוי לאַנג ווי יהוידע דער כהן האָט איהם אזוי געלערנט. דאָס ניט זינדיגען איז, הייסט עס, ביי איהם געווען אַן אָנגעלערנטע זאַך, אבער ניט אויס מורא און שעהמען זיך פאַר גאָט.

פינפטענס, מוז דאָס אויפהערען זינדיגען זיין אַן אבסאָלוטע, א פאָלשטענ־דיגע. ער דאַרף פיהלען א שנאה צו זינד און עס דאַרף איהם קיינמאָל ניט ארויפקומען אויפ'ן רעיון צו בעגעהען נאָך אמאָל די עולה וואָס ער איז אמאָל בעגאַנגען, אזוי ווי דער חסיד איוב האָט געזאָגט: "אם עול פּעלתי לא אוסיף" — אויב איך בין בעגאַנגען אַן עולה, וועל איך דאָס מעהר ניט טהאָן.

אין דעם ענין פון בעטען ביי גאָט פערצייהונג אויף די זינד, דאַרף דער בעל תשובה נאָכקומען פאָלגענדע פינף פּונקטען:

ערשטענס, דאַרף ער זיין בעקאַנט מיט זיין זינד. ער דאַרף, הייסט עס, גענוי וויסען אין וואָס זיין זינד בעשטעהט. און די עבירה וואָס ער איז בעגאַנגען זאָל זיין גרויס אין זיינע אויגען, ניט האַלטען דאָס פאַר א קלייניגקייט, אזוי ווי ישעיה הנביא האָט געזאָגט: "כי רבו פּשעינו נגדך" — אונזערע זינד געגען דיר, גאָט, זיינען גרויס.

צווייטענס, דאַרף די זינד שטענדיג זיין געגען זיינע אויגען. ער דאַרף זי אימער געדענקען, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: "כי פּשעי אני אדע וחטאתי נגדי תמיד" — מיינע זינד ווייס איך און מיין פערברעכען איז שטענ־דיג געגען מיינע אויגען.

דריטענס, דאַרף דער בעל תשובה, וואָס וויל אַז גאָט זאָל איהם מוחל זיין, פאַסטען ביי טאָג און תפלה טהאָן ביי נאַכט, בעת זיינע רעיונות זיינען קלאָהר און ער האָט ניט צו טהאָן מיט וועלטליכע עסקים, אזוי ווי דער נביא זאָגט

אין איכה: "קומי רוני בלילה" — שטעה אויף און טהו תפלה ביי נאכט. און איך וועל נאך, מיט גאט'ס הילף, ריידען וועגען די מעלות פון נאכטיגע געבעט.

פיערטענס, דארף די געבעט זיין מיט אונטערטעניגקייט. ער זאל בעת'ן בעטען ביי גאט זיך פיהלען ניעדערגעפאלען, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "חטאתי אודיעך ועוני לא כסיתי" — מיין זינד לאז איך דיר וויסען און מיין פערברעכען האב איך ניט בעהאלטען, און ווען איינער בעט א לאסקע ביי דעם, געגען וועמען ער איז בעגאנגען אן עולה, מוז ער זיין געפאלען ביי זיך.

פינפטענס, דארף דער וואס בעט ביי גאט ער זאל איהם מוחל זיין זיינע עבירות, זיך מטריח זיין און זיך סטארען צו ווארענען אנדערע מענשען זיי זאלען ניט בעגעהען דיזעלבע פערברעכענס וואס ער איז בעגאנגען. ער דארף זיי מאכען מורא האבען פאר שטראף און זיי ערוועקען צו תשובה. אזוי ווי דער פסוק זאגט: "אלמדה פושעים דרכיך" — איך וועל די זינדיגע לערנען דיינע (גאט'ס) וועגען.

דער פערטער פערטער פון די הויפט פונקטען פון תשובה — דאס נעהמען אויף זיך מעהר ניט צו בעגעהען די פעהלערען וואס ער איז פריהער בעגאנגען, דאס פערפליכטען זיך אז ער זאל זיך קיינמאל ניט אומקעהרען צוריק צו זיינע זינד, ענטהאלט אויך פינף תנאים אדער פונקטען.

ערשטענס, דארף ער וועגען אדער מעסטען דעם געגנוס, די הנאה וואס ער האט פון אן עבירה געגען דעם געגוס וואס ער וועט האבען לעולם הבא פאר ניט זינדיגען. ער דארף זיך בעדענקען, אז דער געגוס פון אן עבירה איז ניט דויער־האפט, דאס מיידט באלד, און אפילו בעת מען האט הנאה פון א זינד, איז אין דער הנאה אויך אריינגעמישט צער און דאגה, וואס מען האט אפט אין לעבען; וועהרענד די תענוגי עולם הבא זיינען דויערהאפטע, שטענדיגע, ריין פון די אריינמישונג פון צער און דאגה. פערקעהרט וויעדער דארף ער וועגען אדער מעסטען דעם צער וואס מען האט פון אויסמיידען זינד געגען די וועהטאגען וואס מען האט אויף יענער וועלט אלס שטראף פאר זינד. דא איז אויך אזוי: די אונאנגענעהמליכקייט וואס מען האט אויסצושטעהען פון דערוויטערען זיך פון זינד דויערט ניט לאנג און עס האט קיין קיום; וועהרענד שטראף אויף יענער וועלט איז אהן אויפהער, אזוי ווי דער נביא זאגט אין ישעיה: "כי תולעתם לא תמות ואשם לא תכבה" — זייערע ווערים, וואס פרעסען די רשעים וועלען ניט שטארבען און זייער פייער פון גיהנום וועט ניט אויסגעלאשען ווערען.

אז דער זינדיגער וועט האבען מיט זיך אליין אזא חשבון, וועט ער אויף זיך נעהמען מיט'ן גאנצען הארצען ניט צו זינדיגען מעהר.

צווייטענס, דארף ער אין זינען האבען דאס אנקומען פון יום המיתה. ער דארף זיך אלע מאל דערמאהנען אן טויט, און אז זיין בעשעפער איז אויף איהם בייז דערפאר וואס ער האט פערקירצט, ניט נאכגעקומען ריכטיג זיינע פפליכטען צו איהם. אז ער וועט דאס גדענקען, וועט ער שטענדיג וויסען, אז ער מוז מורא האבען פאר שטראף און ער וועט ביי זיך פעסט בעשליסען אז ער זאל מעהר ניט טהאן אזעלכעס וואס קען דערוועקען זיין ווירטה'ס צארן.

דריטענס, דארף ער שטענדיג האבען אויפ'ן רעיון ביי וועלכע פעלע ער האט זיך אפגעקעהרט פון זיין גאט, כאטש גאט האט איהם שטענדיג טובות געטהאן, אפילו אין דער צייט ווען ער האט געגען איהם גזינדיגט. אז ער

וועט דאָס האָבען אויפ'ן רעיוז, וועט זיין בעטען זיין א הערצליכע און גאָט וועט איהם מוחל זיין.

פיערטענס, אויב זיין זינד איז בעשטאנען אין בע'עולה'ן אימיצען; אויב ער בעט ביי גאָט פערצייהונג אויף גנבה אָדער גזלה, מוז ער פריהער גוט מאכען דעם שאדען וואָס אימיצער האָט פון איהם געליטען און נעהמען אויף זיך ער זאָל ווייטער קיינעם קיין שאדען ניט טהאָן, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין יחזקאל: "חבול ישוב רשע גזלה ישלם" — דעם משכון, דאָס פערכאפּטע פון אימיצען, זאָל דער רשע אומקעהרען, בעצאָהלען פאר דער גזלה וואָס ער האָט גע'גזל'ט, דאן וועט איהם גאָט מוחל זיין.

פינפטענס, דארף ער אין זינען האָבען די גרויסקייט פון בעשעפער, ווען ער איז געווען דערווידער און זיך אפּגעווענדט פון זיין דיענסט און פון זיין תורה. און ער דארף זיך אליין פאַרווירפע מאכען און טאדלען זיך אליין, אזוי ווי משה רבנו שטראָפט די אידען אין האזינו: "הלה' תגמלו זאת?" — איז דאָס רעכט אז איהר זאָלט גאָט אזוי בעצאָהלען? דארפט איהר זיך אליין ניט טאדלען פאר אייערע זינד? אז דער זינדיגער וועט דאָס אין זינען האָבען, וועט ער מיט'ן גאנצען הארצען נעהמען אויף זיך ניט צו זינדיגען מעהר.

דערמיט זיינען געענדיגט די פּרטים, די איינצעלהייטען וועגען די ארט און וויזע ווי אזוי א מענש דארף תשובה טהאָן.

# פרק ה'

איצט וועלען מיר ריידען וועגען די אורזאכען וואָס ברייגען מענשען צו תשובה.

עס זיינען דאָ פיער זאכען וואָס ערוועקען די הארץ פון א זינדיגען ער זאָל תשובה טהאָן.

איינס איז: די שטארקע אנערקענונג וואָס א מענש אנערקענט זיין גאָט און זיין איבערצייגונג אז גאָט טהוט איהם שטענדיג טובות. דאָס ברייגנגט איהם צו פערשטעהן ריכטיג ווי ווייט ער איז מחויב צו דיענען איהם, אָפּהיטען זיינע מצוות און פאַרזיכטיג זיין ניט צו טהאָן אזעלכעס וואָס איז פערבאָטען. ווען איינער טהוט תשובה צוליעב דיעזע איבערצייגונג, איז ער גלייך צו א קנעכט וואָס אנטלויפט פון זיין ווירטה, נאכהער אָבער אז ער בעדענקט זיך וועגען די גוטעס וואָס דער ווירטה האָט מיט איהם געטהאָן, קעהרט ער זיך אליין אום צוריק צו דיענען איהם און בעט איהם פערצייהונג אויף דעם וואָס ער האָט זיך בענארישט און איז פון איהם אנטלאָפען. אזא קנעכט קלייבט זיך אויס דעם בעסטען וועג צו פערגיטיגען זיין פערברעכען און צוריק קריגען זיין ווירטה'ס לאַסקע.

אויף אזא ארט תשובה ווערט געזאָגט אין ירמיה: "אם תשוב ישראל אלי תשוב" — אויב דו, פאָלק ישראל, וועסט זיך אומקעהרען צו מיר אָהן קיין זייטיגע אורזאך, נור מחמת דו וועסט פערשטעהן אז דו האָסט געגען מיר אָן עולה געטהאָן, וועל איך דיין תשובה אָננעהמען און דו וועסט ווייטער זיין מיין דיענער. "ואם תסיר שקוציך מפני ולא תנוד" — און אויב דו, ישראל, וועסט אוועקנעהמען דיינע שלעכטע טהאטען פון אנטקעגען מיר און דו וועסט זיך ניט

ריהרען צו אנטלויפען פון מיין דיענסט, זאָגט דאָרט ווייטער דער פסוק: והתברכו בו גוים ובו יתהללו" — וועלען זיך מיט איהם, מיט'ן פאָלק ישראל, פעלקער בענשען און זיך בעריהמען. אין מלאכי איז דאָ א פסוק: שובה אלי ואשובה אליכם"—גאָט זאָגט: קעהרט זיך אום צו מיר, וועל איך זיך אומקעהרען צו אייך.

צווייטענס, קומט א זינדיגער צו תשובה ניט פון זיך אליין, ווייל ער בע־רעכענט זיך אז ער דאַרף תשובה טהאָן, נור צוליעב דעם ווייל ער ווערט פאַר־געוואָרפען און געטאַדעלט פאַר זיינע שלעכטע מעשים דורך א נביא, אויב ער לעבט אין א צייט פון נבואה, אָדער ער לערענט אין דער תורה וועגען די שטראָפען וואָס זינדיגע וועלען בעקומען און ער דערשרעקט זיך דערפאַר, אָדער ער הערט מוסר פון פאָלקס לעהרער, וואָס ערוועקען מענשען צו גאָטעס דיענסט. און פאָלקס לעהרער זיינען דאָ אין אלע דורות, און דאָס איז איינע פון די טענות וואָס דער בעשעפער האָט צו זיינע בעשאפענע — צו די מענשען. זיי קענען זיך קיינמאָל ניט רעכטפערטיגען און זאָגען אז זיי האָבען ניט געוואוסט אָדער ניט פערשטאַנען אז מען דאַרף דיענען גאָט, ווייל עס זיינען שטענדיג דאָ מורי דרך וואָס קלעהרען אויף די אומוויסענדע און לערנען זיי גאָט'ס וועגען, אזוי ווי די רז"ל האָבען געזאָגט: "עד שלא כבתה שמשו של משה זרחה שמשו של יהושע תלמידו" — איידער עס איז פערלאָשען געוואָרען די זון פון משה, האָט געשיינט די זון פון זיין תלמיד יהושע. דאָס הייסט: איידער משה, דער לעהרער פון גאָטהייט, איז געשטאָרבען, איז שוין אויף זיין פּלאַץ געוועזן אַן אנדערער, זיין תלמיד יהושע. און די גמרא רעכענט דאָרט אויס א צעטעל פון פאָלקס־לעה־רער, וואָס איידער זיי זיינען אוועק פון דער וועלט, זיינען שוין געוועזן גרייט אנדערע צו פערנעהמען זייערע פּלעצער. אויף דיעזען אופן זיינען אין אלע דורות און אין אלע לענדער דאָ אזעלכע, וואָס רופען מענשען צו גאָט, צו זיין דיענסט און צו זיין תורה. און דער וואָס ווערט א בעל תשובה, ווייל ער הערט מוסר פון אנדערע איז אזוי ווי א דיענער וואָס אנטלויפט פון זיין ווירטה און נאכהער בעגעגענט איהם א טרייער דיענער פון דעם זעלבען ווירטה, וועלכער שטראָפט איהם און מאַכט איהם פאָרווירפע פאַר זיין פערגעסען די טובות וואָס דער ווירטה האָט איהם געטהאָן און ער רעדט איהם אָן ער זאָל זיך אומקעהרען צוריק צו זיין ארבייט און דער ווירטה וועט איהם מוחל זיין. און דער אנטלאָ־פענער לאָזט זיך איבעררייעדען, קומט צוריק דיענען און ווערט אונטערטהעניג זיין וואָהלטהעטער.

א דריטער סאָרט תשובה איז, פון איינעם וואָס זעהט ווי זינדיגע ווי ער ווערען געשטראָפט, דערשרעקט ער זיך אז ער זאָל אויך ניט האָבען א פסק ווי יענע און ער טהוט תשובה. אזא בעל תשובה איז אזוי ווי א קנעכט וואָס האָט רעוואָלטירט געגען זיין ווירטה, און אז ער האָט נאכהער געהערט ווי דער ווירטה האָט אַן אנדערען שטרענג בעשטראָפט פאַר רעוואָלטירען געגען איהם, דערשרעקט ער זיך און קומט צוריק צו זיין ווירטה און בעט איהם אז ער זאָל איהם מוחל זיין און ניט זוכען פון איהם קיין נקמה.

א פיערטער ווערט ניט קיין בעל תשובה סיידען די שטראָף פון בעשעפער קומט אויף איהם אליין. ער זעהט זיך ארום ערשט דאַמאָלס ווען ער דערפיהלט, אז עס קומען אויף איהם צרות. דאַן ערוואַכט ער פון זיין שלאָף, הערט אויף צו זינדיגען און קעהרט זיך אום צו גאָט. אזא בעל תשובה איז גלייך צו א קנעכט וואָס איז אנטלאָפען פון זיין ווירטה, און ווען א שליח פון ווירטה קומט צו

בעשטראפען איהם און פייניגען איהם פאר זיין אנטלויפען, אנטלויפט דער קנעכט צוריק צוםווירטה, איז זיך מתודה פאר איהם און בעט זיין פערציהונג. אויף אזא מין תשובה ווערט געזאגט אין משלי: "בבוא כשואה פחדכם, אז יקראוני ולא אענה" — ווען ווי א דונערשטורם וועט קומען אייער שרעק; ווען איהר וועט זעהן אז עס זיינען פאר אייך גרייט צרות, דאן וועט איהר מיך רו־פען און איך וועל אייך ניט ענטפערען. דאס הייסט: איך וועל אייך ניט אזוי גיך ענטפערען. ביים מלך מנשה ווערט געזאגט: "וכהצר לו חלה את פני ה' ויכנע מאד" — ווען עס איז איהם שלעכט געווארען, ווען ער איז פון מלך אשור געשמיעדט געווארען אין קייטען, האט ער געבעטען גאט און איז זעהר אונטערטהעניג געווארען. ער איז, הייסט עס, געווארען א בעל תשובה ערשט דאן, ווען ער האט שוין געזעהן זיין שטראף פאר זיינע אויגען.

פון די פיער סארטען תשובה איז די ערשטע, ווען דער מענש טהוט תשובה אוים איינענע איבערצייגונג, די בעסטע און די זיכערסטע, אז גאט וועט איהם שנעל מוחל זיין. די תשובה וואס ווערט ניט אזוי שנעל אנגענומען איז די צוויי־טע, ווען דער זינדיגער טהוט תשובה ערשט דאמאלס ווען אימיצער מאכט איהם אויפמערקזאם דערויף. דער דריטער סארט תשובה, ווען איינער קעהרט זיך אום צו גאטעם דיענסט ערשט דאמאלס ווען ער זעהט ווי אנדערע זינדיגע ווע־רען געשטראפט און ער דערשרעקט זיך ער זאל אויך ניט קריגען זיין פסק, שטעהט נידעריגער ווי די פאריגע צוויי און עס איז מיט אזא תשובה שווערער צו פועל'ן פערצייהונג. דער פיערטער, וואס טהוט קיין תשובה סיידען די שטראף קומט שוין אויף איהם אליין, דיעזער איז דער ווייטעסטער פון אלע בעלי תשובה. זיין תשובה דארף זיין א שטארקערע, א מעהר אנגעשטרענגטע. ער מוז ארויסציינען זיין חרטה אויף די זינד מיט אלע זיינע גליעדער, מיט אלע זיינע בעוויזגונגען אום ער זאל בערעכטיגט זיין אז זיין תשובה זאל אנגענומען ווערען און קריגען מחילה וסליחה.

## פרק ו'

די זאכען וואס פערדארבען די תשובה, וואס ווענדען אפ דעם זינדיגען פון תשובה טהאן, אדער שוואכען אפ די תשובה וואס ער האט שוין געטהאן, זיינען פיעל. מעהרערע פון זיי האב איך שוין פריהער דערמאהנט. עס זיינען אבער דא נאך אורזאכען וואס האלטען אפ א מענשען פון תשובה אדער מאכען קאליע די תשובה וואס ער האט שוין געטהאן.

ווען איינער איז שטענדיג עובר א געוויסע עבירה און לאזט זי ניט אוועק, הייסט עס, אז ער גיט זיין הסכמה, זיין בעשטעטיגונג אז מען מעג דאס. ווארום אז א מענש טוט איינע און די זעלבע עבירה א סך מאל, ווערט עס שוין ביי איהם אזוי ווי א היתר, אזוי ווי א זאך וואס איז גארניט פערבאטען צו טהאן. אזעלכער קען שוין ניט אזוי לייכט תשובה טהאן. ווארום עס איז שוין לאנג געזאגט געווארען, אז קיין עבירה איז ניט קליין, ווען מען טהוט איהר שטענ־דיג און קיין עבירה איז ניט גרויס ווען מען טהוט אויף איהר תשובה. דער שכל איז דאך אזוי מחיב, אז איינער בעגעהט שטענדיג א געוויסע זינד, צייגט ער דערמיט אז ער פעראכטעט גאט'ס ווארט און מאכט צו־נישט זיינע געבאטען

און פערבאָטען און האָט אפילו קיין מורא פאר שטראָף, אזוי ווי די תורה זאָגט: "והנפש אשר תעשה ביד רמה, כי דבר ה' בזה" — דער וואָס וועט טהאָן א זינד מיט א הויכע האנד, מיט חוצפה און תקיפות, קומט איהם כרת, ווייל ער האָט געשענדעט און פעראכטעט גאָט'ס רייד. און ווידער: דער וואָס האלט זיך א לאנגע צייט ביי א געוויסען חטא, מעג אפילו דער חטא זיין א קליינער, ווערט ער במילא אלע מאָל גרעסער. פערקעהרט ווידער: א גרויסער חטא, ווען דער חוטא בעט פערצייהונג אויף דעם און ער טהוט עס ניט מעהר, ווערט דער חטא אלע מאָל קלענער און קלענער ביז ער ווערט אין גאנצען אָפּגעמעקט. א משל דערצו קען מען זעהן פון א זיידענעם פאָדים. עס איז ידוע, אז זייד ווערט געמאכט פון די שפּייעכץ אָדער א פליסיגקייט וואָס קומט ארויס פון זייד-ווערים. דער אָריגינאַל איז זעהר דין. דער זייד-וואָרים שפּינט פון די פליסיגקייט אזעלכע פעדימלאך וואָס זיינען אזוי ווי שפּיען-וועב. ווען אָבער מען דרעהט די דאָזיגע דינענקע פעדימלאך א סך צוזאמען, ווערט דער־פון א שטארקער פאָדים. מיר זעהען ווידער דיקע שטארקע שטריק, וואָס ווען מען געברויכט זיי א לאנגע צייט, ווערען זיי אלע מאָל שוואכער און שוואכער. אזוי איז אויך מיט זינד. ווען מען חזר'ט איבער א קליינע עברה א סך מאָל, ווערט דערפון א גרויסע שטארקע עברה. פערקעהרט ווידער: א גרויסע, שטארקע עברה, וואָס מעהר מען טהוט תשובה אויף איהר, ווערט זי אלץ שוואכער און קלענער. דעריבער האָט ישעיהו הנביא געגליכען די זינד צו שטריק — "הוי מושכי העון בחבלי השוא" — וועה, זיי ציהען די זינד מיט שוואכע שטריק און נאכהער "וכעבות העגלה חטאה" — נאכהער ווערען די זינד אזוי שטארק אזוי ווי די שטארקע שטריק וואָס מען געברויכט צו שלעפּען א וואגען.

און עס איז שוין לאנג געזאָגט געוואָרען: דו זאָלסט ניט קוקען אויף די קליינינקייט וואָס דו האָסט געטהאָן, דו זאָלסט ניט אכטען דערויף וואָס די זינד, וועלכע דו ביזט בעגאנגען, איז ניט קיין גרויסע; דו זאָלסט אָבער אכטען אויף די גרויסקייט פון דעם געגען וועמען דו האָסט געזינדיגט. און דו זאָלסט זיך ניט פרעהען דערמיט וואָס מענשען וויסען ניט דיינע בייזע מחשבות, ווייל דו דארפסט טרויערען דארויף וואָס דער בעשעפער וויים דיינע סודות, דיינע בעהאלטענע טהאטען און מחשבות און ער זעהט אלעס און געדענקט אלעס מעהר ווי דו געדענקסט עס, ווייל דו פערגעסט און ער פערגעסט ניט; פון דיר קען א זאך זיין פערבאָרגען און פון איהם ניט, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין ירמיה: "חטאת יהודה כתובה" — יהודה'ס זינד איז פערשריבען.

נאָך א זאך וואָס פערדארבט די תשובה איז; ווען איינער טהוט תשובה אויף א געוויסען חטא; טהוט תשובה לויט די בעדינגונגען, לויט די פונקטען פון תשובה און נאכהער קעהרט ער זיך צוריק אום צום זעלבען חטא. דאָס פער־דארבט, דאָס מאכט קאליע זיין פריהעריגע תשובה און עס ווערט גאָרניט גע־רעכענט, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין ירמיה ל"ד וועגען דעם וואָס די אידען האָבען פריהער תשובה געטהאָן און בעפרייט זייערע קנעכט און דיענסטען לויט דעם דין פון דער תורה און נאכהער האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צו דאָס פריהעריגע און זיי צוריק פערשקלאַפט.

פון די זאכען וואָס פערדארבען די תשובה איז אויך: ווען איינער מאכט זיך אָפּ, אז ער וועט ווען עס איז תשובה טהאָן. ער פערפּפליכטעט זיך אויפצו־הערען זינדיגען אין סוף פון זיינע יאהרען, ווען ער וועט האָבען דערגרייכט אלעס

וואָס ער פערלאַנגט און וועט האָבען דערפילט אַלע זיינע בעגעהרען. דאָס הייסט אַזוי ווי ער נאַרט אָפּ זיין גאָט, ווארום דאָס קען דאָך ניט געשעהן אַז א מענש זאָל האָבען דערפילט אלע זיינע בעגעהרען, אויף אַזעלכע זאָגען די רז"ל: "האומר אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה" — דער וואָס זאָגט: איך וועל זינדיגען און ווען עס איז תשובה טהאָן, דערלאָזט מען איהם ניט, גיט מען איהם ניט די געלעגענהייט צו טהאָן תשובה. און אין דער תוכחה, אין די שטראָף רייד, וואָס איך האָב געשריעבען צום סוף פון דיעזען ספר, זאָג איך: "נפשי הכיני צדה לרוב אל תמעיטי" — מיין זעעלע, גרייט אָן א סך שפּייז און שפּאָר ניט, זשאַלעווע ניט, כל זמן דו לעבסט און דו האָסט מאַכט, ווארום דער וועג איז ווייט. און זאָג ניט אַז מאָרגען וועל איך פערגרייטען די שפּייז, ווייל דו ווייסט דאָך ניט וואָס נאָך היינט קען פּאַסירען. און ווייס אַז דער נעכטען וועט זיך קיינמאָל ניט אומקעהרען און אלעס וואָס דו האָסט אין איהם, אין דעם נעכטען, אָפּגעטהאָן איז געוואָרען, געצעהלט און גערעכענט. און דו זאָלסט ניט זאָגען: מאָרגען וועל איך טהאָן גוטעס, ווייל דער טויט איז פון אלע לעבעדיגע פערבאָרגען. אייל זיך און טהו יעדען טאָג וואָס דו האָסט צו טהאָן און דו דאַרפסט טהאָן, ווארום דער טויט וואַרפט אַלע טאָג זיינע פיילען, בריינגט אום מענשען יעדען טאָג.

פאַלגליך, איז דאָס אָפּלייגען תשובה צו טהאָן א זאַך וואָס פערדאַרבט די תשובה.

עס איז דאָ נאָך א זאַך וואָס פערדאַרבט, וואָס מאַכט מבולה די תשובה. ווען איינער טהוט תשובה, ווענדט זיך אָפּ, הערט אויף צו בעגעהן געוויסע חטאים און ביי אנדערע האלט ער זיך. ווען, צום ביישפּיעל, איינער גיט אויף עברות שבין אדם למקום, ער בעגעהט ניט קיין זינד צווישען מענש און גאָט. ער האָט פריהער, למשל, ניט געלייגט קיין תפלין און ער נעהמט אויף זיך יאָ צו לייגען תפלין אָדער ער האָט זיך פריהער ניט געהיט פון טרפות און איצט היט ער זיך. ער האלט זיך אָבער ביי זינד שבין אדם לחברו, צווישען מענש און מענש, און ער דערווייטערט זיך ניט פון גנב'ענען, בעשווינדלען, אָפּנאַרען זיינע מיטמענשען און דאָס גלייכען. אויף דעם זאָגט דער פסק אין איוב: "אם און בידך הרחיקהו" — אויב דו האָסט אומרעכט אין דיין האנד, אויב דו האָסט עפּעס וואָס דו האָסט גע'גנב'עט אָדער אויסגענאַרט פון אימיצען, דערווייטער עס פון דיר, גיב עס אוועק; ווען ניט, איז אויב אפילו דו טהוסט תשובה, העלפט עס ניט. תשובה טהאָן און ניט אויפגעבען אין גאַנצען צו זינדיגען איז אַזוי ווי איינער איז זיך טובל און האלט א שרץ אין האנד, פערבלייבט ער טמא, אפילו ווען ער טובל'ט זיך אין אלע וואַסערען פון דער וועלט.

און אלע זאכען וואָס פערדאַרבען די לעהרען פון די פריהעריגע שערים פון דיעזען ספר, פערדאַרבען אויך די תשובה און איך דאַרף זיי ניט איבער'חזר'ן נאָך אמאָל.

## פרק ז'

וועגען דער פראַגע: אויב א בעל תשובה איז גלייך מיט א צדיק אָדער ניט? וועל איך אייך זאָגען:

עס זיינען דאָ זינדיגע, וואָס נאָכדעם ווי זיי טהוען תשובה, זיינען זיי גלייך

מיט'ן צדיק וואָס האָט גאָרניט געזינדיגט; עס זיינען אויך דאָ אזעלכע בעלי תשובה וואָס שטעהען נאָך אין א העכערע מדרגה ווי א צדיק, און ווידער אזעל־כע, וואָס כאָטש זיי טהוען תשובה קומען זיי דאָך ניט צו דער מדרגה פון א צדיק.

איך וועל עס דייטליך ערקלעהרען.

דער ערשטער קלאַס בעל תשובה איז דער וואָס האָט געזינדיגט מיט מקצר זיין, מיט ניט ערפילען אזעלכע מצוות עשה, אזעלכע געבאָטען וואָס עס קומט דערפאַר קיין כרת, ווי ציצית, סוכה, לולב און דאָס גלייכען. אויב דער וואָס פער־נאכלעסיגט דיעזע מצוות טהוט נאכהער תשובה מיט'ן מויל און מיט'ן הארצען און ער פערפעהלט זיי ניט מעהר און טהוט זיי ווי געהעריג איז, וועט איהם גאָט מוחל זיין און ער וועט זיין גלייך מיט'ן צדיק, וואָס האָט די דאָזיגע מצוות שטענדיג אָפּגעהיט. אזוי האָבען אונזערע חכמים, ז"ל, געזאָגט: "עבר על מצות עשה שאין בה כרת ועשה תשובה, אינו זז ממקומו עד שמוחלין לו" — דער וואָס האָט עובר געוועזען אויף א געבאָט, פאַר וואָס עס קומט ניט קיין כרת און האָט תשובה געטאָן, ריהרט זיך ניט פון אָרט ביז מען איז איהם מוחל, דאָס הייסט: מען איז איהם באַלד מוחל. אזוי ווי דער פּסוק זאָגט אין מלאכי: „שובה אלי ואשובה אליכם" — קעהרט זיך אום צו מיר (גאָט) וועל איך זיך באַלד צו אייך אומקעהרען. און דאָרט ווערט גערעדט וועגען ניט מקים זיין די מצוה פון מעשר, פאַר וועלכער עס קומט ניט קיין כרת.

דער צווייטער קלאַס בעל תשובה, וואָס שטעהט נאָך העכער פון א צדיק, איז דער וואָס האָט ניט אָפּגעהיט א קליינע לא תעשה, א פערבאָט, פאַר וועלכעס עס קומט קיין כרת, איז נאכהער, ווען ער האָט דערויף געטהאָן די ריכטיגע תשובה מיט אלע פּרטים, פערגעסט קיינמאָל ניט די זינד וואָס ער איז בעגאנגען און שעהמט זיך מיט דעם און פיהלט זיך צובראָכען און אונטערטהעניג צו גאָט פאַר ניט נאָכקומען זיינע פפליכטען צו איהם, און ווייל ער פיהלט אז ער איז א בעל עולה אין איין פּרט, בעריהמט ער זיך ניט און האלט זיך ניט גרויס מיט די מעשים טובים וואָס ער טהוט, — אזא בעל תשובה שטעהט העכער פון דעם צדיק, וואָס האָט קיינמאָל ניט עובר געוועזן די זעלבע עבירה וואָס ער.

ווארום מיט'ן צדיק איז מען ניט זיכער אז ער זאָל זיך ניט האלטען גרויס ביי זיך און פיהלען זיך שטאָלץ מיט זיין אָפּהיטען זיך פון זינד, וועהרענד דעם בעל תשובה האָט זיין זינד געבראכט צו דער גוטער מדה פון כניעה און איהם דערוויייטערט פון גאוה. אויף דעם אופן קומט אויס, אז זינד העלפט דעם בעל תשובה, בריינגט איהם מעהר נוצען ווי די צדקות פון א צדיק. און עס פּאסירט אויך אז די גוטע טהאטען פון צדיק שאדען איהם מעהר ווי די זינד פון דעם יעניגען וואָס טהוט נאכהער תשובה. אזא פאַל קען זיין, און דער צדיק פערליערט די מדה פון כניעה, פון נידערגעפאַלענקייט און ווערט א בעל גאוה, א חונף און קריגט לוסט צו לויב־געזאנגען פון מענשען. אזוי ווי א געוויסער צדיק האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: ווען איהר וואָלט אויף זיך ניט געהאַט קיין שום פלעק פון זינד, וואָלט איך מורא געהאַט, אז איהר האָט אין זיך נאָך ערגערס פון זינד, דאָס איז: די מדה פון גאוה און חניפה. ארויסצוזאָגען דעם געדאנק פון יענעם צדיק דייטליכער, האָט ער אזוי געמיינט: איצט, אז איך וויים אז איהר זייט ניט ריין פון זינד, וויים איך, אז איהר זייט ניט קיין בעלי גאוה, ווייל איהר האָט ניט מיט וואָס צו שטאָלצירען; ווען אָבער איהר וואָלט געוועזן

פאַלקאָמענע צדיקים, וואָלט זיך אפשר אין אייערע הערצער אריינגע'גנב'עט א פונק פון גאוה אָדער די לוסט צו חנפה'נען מענשען, כדי זיי זאָלען אייך אָפּ־געבען כבוד פאר אייער פרומקייט, און דאס איז נאך ערגער ווי עובר זיין אן עבירה.

אויף אזא בעל תשובה, וואָס איז אויבען דערמאָהנט, זאָגט די גמרא: "במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד שם" — אין דעם אָרט וואו בעלי תשובה שטעהען, קענען פאַלקאָמענע צדיקים ניט שטעהן. דאס הייסט, אז די צדיקים שטעהען נידעריגער, ניט אין אזא הויכע מדרגה ווי זיי.

צום דריטען קלאס בעלי תשובה, וואָס קומען ניט צו דער מדרגה פון א צדיק, בעלאנגען די וואָס האָבען עובר געווען אויף גרויסע לא תעשה'ס, גרויסע פערבאָטען, פאר וועלכע עס קומט מיתה בידי אדם, געטויטעט צו ווערען דורך א משפט פון די סנהדרין, אָדער כרת, אזוי ווי חלול השם, פאלש שווערען, און דאס גלייכען. איז אויב אפילו זיי טהוען נאכהער תשובה לויט אלע בעדינגונגען פון תשובה ווי מיר האָבען געשריעבען אין די פאָריגע פּרקים, קומען זיי אלץ ניט צו דער מדרגה פון א צדיק. ווארום אויף דיעזע עברות איז גאָט ניט מוחל אפילו נאך תשובה סיידען דער בעל תשובה זאָל פריהער האָבען יסורים אויף דער וועלט און זיי געדולדיג איבערטראָגען. די רז"ל האָבען געזאָגט: "עבר על מצות לא תעשה שיש בה כרת ומיתת בית דין ועשה תשובה יסורין ממרקין ומיתה מכפר" — ווער עס האָט עובר געווען אויף א פערבאָט, פאר וועלכעס עס קומט כרת אָדער איינע פון די ארבע מיתות בית דין און ער האָט תשובה געטהאָן, וועלען יסורים אָדער דער טויט איהם ריין מאכען און גאָט וועט איהם מכפּר זיין. אויף אזעלכע בעלי עבירה זאָגט דער פּסוק אין תהלים: "ופקדתי בשבט פשעם ובנגעים עונם" — איך וועל זיי שטראָפען מיט'ן רוט פאר זייערע זינד און מיט שלעק פאר זייער פערברעכען. און אין ישעיה ווערט געזאָגט: "אם יכופר העון הזה עד תמותו" — גאָט זאָגט אז די דאָזיגע זינד וועט אייך ניט פערגעבען ווערען ביז איהר וועט שטאַרבען.

פאָלגליך, איז דאך דיעזער קלאס בעל תשובה ניט ריין פון די זינד באלד נאך דער תשובה, און עס איז קיין ספק, אז דער צדיק וואָס האָט גאָרניט עובר געווען אויף דיעזע סאָרטען עברות, איז גרעסער, שטעהט אין א העכערע מדרגה ווי דער בעל תשובה.

## פרק ח'

אויף דער פראגע: אויב תשובה איז גילטיג אויף אלערליי זינד, אויב, הייסט עס, דורך תשובה קען מען פון גאָט ארויסקריגען פערגעבונג אויף וואָס פאר אן עבירה מען זאָל ניט בעגעהן, וועל איך ענטפערען, אז עס זיינען דאָ צוויי־ערליי מינים אָדער קלאסען עבירות.

צום ערשטען קלאס געהערען בלויז די זינד שבין אדם למקום, צווישען מענש און גאָט. ווי לייקענען אין גאָט, האָבען בייזע מחשבות צו געוויסע פער־באָטענע תאוות, טראכטען וועגען שלעכטס טהאָן אימיצען, אָבער ניט דורכ־פיהרען עס בפּועל, און עובר זיין עבירות וואָס ווערען געטהאָן מיט די גליעדער, אָבער קיינער האָט דערפון קיין שאדען און קיינער ליידעט דערפון, ווי, למשל,

ניט אָפּהיטען די מצוות פון ציצית, תפלין און דאָס גלייכען, וואָס דער חוטא טהוט מיט דעם קיין מענשען קיין קריוודע ניט. צום צווייטען קלאַס בעלאַנגען די עבירות שבין אדם לחברו, עולות וואָס איין מענש בעגעהט געגען אנדערען, ווי פערשאַפען איינעם קערפּערליכע שמערצען, בעשווינדלען אָדער בערויבען אי־מיצען, אָדער טרייבען רכילות און לשון הרע געגען א מענשען. דיעזע מינים זינד זיינען דאָפּעלטע. דאָס זיינען זינד אי געגען גאָט, אי געגען מענשען. דערי־בער איז דאָס אזוי:

אויף די זינד וואָס א מענש זינדיגט בלויז געגען גאָט איז תשובה גילטיג. כל זמן דער מענש לעבט און ער זעהט זיך ארום אז ער האָט פערנאַכלעסיגט א געוויסען געבאָט אָדער פערבאָט און ער נעהמט זיך די מיה תשובה צו טהאָן, ווערט זיין תשובה אָנגענומען און גאָט איז איהם מוחל. און די תשובה, אויב ער קען עס נור בעווייזען, דאַרף זיין אין דער זעלבער זאַך מיט וועלכע ער האָט גע־זינדיגט. אויב איינעמס זינד איז, למשל, בעשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געהאַט א שלעכט הארץ, וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט בייזע מחשבות, וואָס ער האָט לייטען מקנא געווען, וואָס ער האָט געזוכט נקמה פון די וואָס האָבען איהם בייז געטהאָן אָדער וואָס ער האָט וועמען פיינט געהאַט און דאָס גלייכען, דאַרף זיין תשובה בעשטעהן אין ווערען גוט־הערציג, ניט האָבען אויף׳ן זינען קיין שלעכטע זאַכען, ניט מקנא זיין קיינעם, ניט זוכען קיין נקמה און ניט פיינט האָבען קיינעם. זיין די זינד געגען גאָט געווען פון אזעלכע וואָס מען טהוט מיט די אברים, ווי עסען דאָס, וואָס מען טאָר ניט, מזנה זיין, מחלל שבת זיין, פאַלש שווערען און דאָס גלייכען, דאַרף די תשובה זיין אין דעם זעלבען ענין. אויב, למשל, ער האָט געזינדיגט מיט מאכלות אסורות, דאַרף ער זיך פּיי־ניגען דורך פאַסטען, אויב ער האָט מזנה געווען דאַרף ער זיך דערווייטערען פון פרויענצימער, ניט קוקען אויף זיי און ניט רײדען וועגען זיי. די זינד פון חלול שבת קען פערגיטיגט ווערען דורך אָפּהיטען די רוהע פון שבת נאָך מעהר ווי מען איז מחויב על פי דין, און די זינד פון פאַלש שווערען קען פערגיטיגט ווערען דורך אָפּהיטען זיך פון שווערען אפילו אויף אן אמת, און אזוי אויך אנדערע זאַ־כען. און די תשובה דאַרף זיין מיט׳ן גאַנצען הארצען און מיט א ריינע כונה פון גאָט׳ס וועגען.

און תשובה טאָר א מענש ניט אָפּלייגען. כל זמן ער לעבט דאַרף ער אריינ־כאַפּען תשובה טהאָן און זיך רייניגען פון זיינע פערברעכענס געגען גאָט. ער דאַרף אין זינען האָבען טאָמער שטאַרבט ער און נאָך׳ן טויט איז פערפאַלען, קען מען שוין קיין תשובה ניט טהאָן.

מיט די זינד אָבער וואָס מען זינדיגט אי אנטקעגען גאָט, אי אנטקעגען מענשען, איז שוין אנדערש. אויף אזעלכע זינד תשובה צו טהאָן איז אָפטמאָל זעהר שווער צוליעב פּיעלע אורזאַכען.

ווען, צום ביישפּיעל, איינער טהוט דעם אנדערען א געלד קריוודע, ער בע־שווינדעלט איהם אָדער בערויבט איהם, מוז ער דאָך גוט מאַכען דעם שאַדען וואָס ער האָט יענעם געטהאָן, און עס קען דאָך פּאַסירען, אז ער געפינט ניט דעם געקריוודעטען אָדער יענער איז געשטאָרבען. אָדער ער, דער בעל עולה, איז ניט פערמעגליך אָפּצוגעבען דעם בעשווינדעלטען אָדער דעם בערויבטען דאָס וואָס ער האָט פון איהם אויסגעשווינדעלט אָדער גערויבט. אמאָל קען אויך פּאַסירען אז דער בעשווינדעלטער אָדער בערויבטער וויל איהם ניט מוחל זיין

אפילו ווען ער קריגט צוריק זיין שאדען. דאס זעלבע איז אויך אויב ער בע׳עולה׳ט יענעם דורך פערשאפען איהם קערפערליכע שמערצען אדער דורך בערײדען איהם און מאכען איהם צו שאנדע פאר לייטען.

אמאל קען אויך טרעפען, אז איינער בע׳עולה׳ט לייטען און ער ווייס אליין ניט ווענען, אדער ער פערכאפט פרעמדע געלדער און ער ווייס אליין ניט ווי־פיעל. צום ביישפיעל, ווען איינער פערכאפט אדער פערלייקענט שטאדטישע אדער רעגיערונגס געלדער און ער ווייסט ניט גענוי וויפיעל און ער קען צום מאל ניט די מענשען ווענען ער האט שאדען געטהאן מיט זיין פערכאפען אדער פערלייקנען. במילא ווייס ער דאך ניט ווי אזוי און ווענען צו פערגיטיגען.

אמאל קען גאר פאסירען אזא פאל: איינער נעהמט ביים אנדערען עפעס אוועק און צומישט עס מיט זיין אייגענס און עס איז איהם שווער ארויסצוקריי־גען די פרעמדע זאך און אומקעהרען עס צום אייגענטימער. אזוי ווי רז״ל הא־בען געזאגט: ״גזל מריש ובנאו בבירה״ — ווען איינער האט גע׳גזל׳ט א באלקען און עס איינגעבויט אין א שטוב, זאגען בית שמאי, אז ער דארף צוזאווארפען די גאנצע שטוב און אפגעבען יענעם דעם באלקען, און בית הלל זאגען, אז ער דארף נור יענעם בעצאהלען פאר׳ן באלקען, אבער ער מוז איהם ניט אפגעבען דעם באלקען גופא. די בית הלל האלטען אויך אז על פי דין דארף דער וואס גזל׳ט א באלקען אפגעבען דעם באלקען, אבער זיי זיינען אויסען געווען ניט צו פערשטעלען די וועג פון תשובה פאר די וואס ווילען תשובה טהאן. ווארום ווען מען זאל פעסטשטעלען, אז מען מוז דוקא אפגעבען צוריק דעם באלקען, וואל־טען אזעלכע בעלי עולה ניט געוואלט תשובה טהאן צוליעב דעם גרויסען שאדען פון צוזאווארפען די גאנצע געביידע. און כאטש דאס בעצאהלען יענעם פאר׳ן באלקען הייסט ניט קיין ריכטיגע תשובה, ווייל פאר גאט איז מען ניט יוצא סיידען מען גיט אפ די זעלבע זאך וואס מען האט גע׳גזל׳ט, איז דאס אבער א תקנה, א פערלייכטערונג פאר די בעלי תשובה אז דער חטא זייערער זאל ניט פערבלייבען גאנץ ווי פריהער.

עס זיינען וויעדער דא עבירות שבין אדם לחברו, וואס איז א מענשען שווער צו תשובה טהאן אויף זיי, ווייל ער איז אין זיי צופיעל איינגעוואוינט און זיי זיינען ביי איהם אזוי ווי א נאטור זאך, פון וועלכעס עס איז איהם ניט לייכט אפצוגעוואוינען זיך. אזוי ווי דער פסוק זאגט אין ירמיה: ״היהפוך כושי עורו ונמר חברברותיו?״ — קען א נעגער בייטען זיין הויט אדער א לעמפערט די פלעקען אויף זיין פעל, אזוי קענט איהר (אידען) ניט טהאן קיין גוטעס, ווייל איהר זייט איינגעוואוינט צו שלעכטעס.

צו די זינד, אויף וועלכע עס איז שווער תשובה צו טהאן בעלאנגען אויך שפיכת דמים, בלוט פערגיסונג און הרג׳ענען אומשולדיגע מענשען, סאי איינ־פאך טויטען, סאי פערראטהען אימיצען צום טויט דורך לשון הרע אדער רכילות. אזוי ווי איהר ווייסט פון דער געשיכטע פון דואג האדומי, ווי עס ווערט דער־צעהלט אין שמואל א׳, אז דואג האט פער׳מסר׳ט א משפחה כהנים פאר שאול המלך און שאול האט זיי געהייסען טויטען. נאכהער האט זיי טאקע דואג אליין געטויטעט. אויף אזא זינד איז, פערשטעהט זיך, שווער תשובה צו טהאן, ווייל מיט וואס קען מען אזא זאך פערגיטיגען?

עס זיינען דא נאך עבירות פון מענש געגען מענש, וואס תשובה טהאן אויף

זיי איז פיעל שווערער ווי תשובה טהאָן אויף זינד וואָס מען זינדיגט בלויז גע־גען גאָט. ווען איינער פעראורזאכט דעם צווייטען א געלד־שאדען דורך רכילות, דורך פערלוימדונג, קען איהם קיין תשובה ניט העלפען סיידען ער פערגיטיגט יענעם, בעט איהם איבער מיט אונטערטעהניגקייט און פועל'ט ביי איהם אז ער זאָל איהם פערציהען. ווען איינער ברענגט אויף דער וועלט א ממזר, קומט איהם אויך ניט אָן לייכט, אז זיין תשובה אויף דעם זאָל אנגענומען ווערען, ווייל דער שאנד פלעק פערבלייבט דאָך און קען ניט אָפּגעווישט ווערען, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין איוב: "כי הוא זמה והוא עון פלילים" — ווייל דאָס איז זנות און א שווערער פערברעכען, א פערברעכען אויף וועלכען עס איז שווער תשובה צו טהאָן.

עס איז אויך שווער תשובה צו טהאָן דעם יעניגען וואָס האָט איינגעווינט זיין צונג צו זאָגען ליגען, בעריידען און צו שאנד מאכען לייטען. אוים געוואוינ־הייט בערעדט ער און פערלוימדעט אזוי פיעל מענשען, אז ער געדענקט גאָר אליין ניט וועמען ער האָט בערעדט און ער ווייס ניט וועמען צו פערגיטיגען און ביי וועמען בעטען פערצייהונג. און דאָס אלעס איז פערשריעבען אויף'ן חשבון פון זיינע זינד און עס ווערט ניט געשענקט. אויף אזעלכען וואָס שעדיגט מענשען דורך לשון הרע און רכילות זאָגט דוד המלך אין תהלים: "ואם בא לראות שוא ידבר לבו יקבץ און" — ווען ער קומט אימיצען אָדער עפּעס זעהן, רעדט ער פאַלשקייט און זאַמעלט אָן אין זיין הארצען בעטרוג. און דער פסוק פערגלייכט לשון הרע צו גנבה און זנות, אזוי ווי ער זאָגט דאָרט ווייטער: "אם ראית גנב ותרץ עמו ועם מנאפים חלקך" — און דו האָסט געזעהן א גנב ביזטו מיט איהם געלאָפען און מיט די וואָס זיינען מזנה איז דיין חלק.

נאָך א מין חטא איז דאָ, אויף וועלכען עס איז שווער תשובה צו טהאָן, דאָס אראָפּפיהרען מענשען פון דער ריכטיגער אמונה און זיי פערפיהרען אין א פאַלשע אמונה. און וואָס מעהר מענשען גלויבען אין דעם וואָס ער לערענט זיי, איז אלץ דער חטא גרעסער און אלץ שווערער איז איהם תשובה צו טהאָן. אזוי ווי אונזערע רז"ל האָבען געזאָגט: "כל המחטיא את הרבים אין מספיקין בידו לעשות תשובה" — דער וואָס מאכט מענשען זינדיגען גיט מען איהם ניט די געלעגענהייט צו טהאָן תשובה.

אין דעם זעלבען קלאַס געהען אויך אריין די יעניגע וואָס האָבען די מעג־ליכקייט צו זאָגען מענשען מוסר, לערנען זיי צו טהאָן גוטעס און אָפּווענדען פון שלעכטעס, אָבער זיי טהוען דאָס ניט, ווייל זיי פערלאַנגען דערפאַר געצאָהלט, אָדער ווייל זיי האָבען מורא אָדער שעהמען זיך צו זיין מגידים, מוסר זאָגער. — אויך דיעזער חטא איז אזוי גרויס, אז תשובה טהאָן אויף דעם איז זעהר שווער, אזוי ווי דער נביא יחזקאל זאָגט: "הוא רשע בעונו ימות ודמו מידך אבקש" — ער, דער רשע, וועט שטאַרבען פאַר זיינע זינד און פון דיר, פון דעם יעניגען וואָס האָט געהאַט ביכולת אָפּצואווענדען איהם פון זינד, וועט גאָט פאָדערען דעם רשע'ס בלוט. דאָס הייסט: דער וואָס האָט דעם רשע ניט געשטראָפט און ניט געלערענט צו געהן אין גוטען וועג, איז פעראנטוואָרטליך פאַר זיין טויט, און פאַר טויטען א מענשען איז ניט אזוי לייכט אויסצואווירקען מחילה וסליחה פון גאָט.

# פּרק ט'

אָבער איז דאָ א מיטעל פאר די יעניגע וואָס עס איז זיי שווער תשובה צו טהאָן? איז דאָ א וועג ווי אזוי זיי זאָלען פּאָרט תשובה טהאָן און זיך ריינוואַשען פון זייערע זינד? אויף דיעזער פראגע וועל איך ענטפערען, אז די זינד, וועלכע עס איז דעם מענשען שווער מתקן צו זיין דורך די בעשטימטע מינים תשובה, מוזען דאָך זיין ענטוועדער פון יענע עבירות שבין אדם למקום, צווישען מענש און גאָט, אָדער שבין אדם לחברו, צווישען מענש און מענש, ווי אָפּנארען, בעשווינדלען מענשען, גנבה, גזלה און דאָס גלייכען. איז אין ביידע פעלע דאָ א מעגליכקייט פאר'ן זינדיגען תשובה צו טהאָן.

קודם דאַרף דער חוטא נעהמען אויף זיך נאָכצוקומען אלע גרונד זאכען פון תשובה מיט אלע פּרטים אזוי ווייט ווי עס איז פאר איהם מעגליך לויט זיינע כחות און אומשטענדען. דאַן וועט דער בעשעפער ניט זיין מיט איהם שטרענג און ער וועט איהם שענקען דאָס וואָס ער האָט פערפעהלט אין דעם ענין פון זיין תשובה. ער וועט דעם חוטא קומען צו הילף אז זיין זינד זאָל פערגיטיגט ווערען אויף וואָס פאר אן אופן עס זאָל ניט זיין און ער זאָל זיך מעהר קענען רעכטפערטיגען.

אויב די זינד איז בעשטאנען פון זנות, אויב ער האָט געזינדיגט מיט אן אשת איש און געבראַכט ממזרים אויף דער וועלט, וועט דער באַשעפער צונעמען פון דער וועלט די ניט כשר'ע קינדער, כדי דער פלעק זאָל ניט פאַרבלייבען. אויב ווידער יצר האָט וועמען באַשווינדעלט אָדער בעגזל'ט, וועט איהם גאָט העלפען ער זאָל האָבען געלד אומצוקעהרען זיין שאדען און ער וועט יענעם איבערבעטען און ער וועט איהם מוחל זיין, און אויב ער האָט וועמען בייז געטהאָן אין גוף, אויב ער האָט וועמען קערפערליך בעשעדיגט, וועט דער בעשעפער יענעם אריינגעבען אין זינען, אז ער זאָל דעם שלעגער מוחל זיין, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים עמו" — אז גאָט געפעלען די מעשים פון א מענשען, מאכט ער אזוי אז זיינע פיינד ווערען מיט איהם שלום.

און אויב דער, וועמען ער האָט בייז געטהאָן, איז ווייט פון איהם און ער קען איהם ניט בעטען פערצייהונג, איז אויב דער חוטא וועט תשובה טהאָן לויט זיין מעגליכקייט, וועט דער בעשעפער איהם צוזאמענברייגען מיט יענעם און איהם געבען די געלעגענהייט צו פערגיטיגען זיין פערברעכען און יענער וועט איהם מוחל זיין. אויב אפילו ער וויים ניט וועמען ער האָט אן עולה געטהאָן און די סומע געלד וואָס ער האָט גערויבט; ווען ער האָט, צום ביישפּיעל, בעשווינדעלט אָדער בערויבט א גרופּע מענשען וואָס ער קען זיי גאָרניט און ער ווייסט ניט וויפיעל שאָדען ער האָט זיי געטהאָן, וועט איהם גאָט, ברוך הוא, געבען א זינען אויסצוגעבען געלד לטובת הכלל, פאר אלגעמיינע נוצען, ווי בויען א בריק, וואו נויטיג איז, גראָבען א ברונים, וואו עס פעהלט אויס וואַסער אָדער גרינדען אנשטאלטען, וואָס זאָלען אלעמען נוצען בריינגען, סאי די וואָס האָבען ערליטען וועלכע עס איז קריוודע פון איהם און סאי די, וואָס ער האָט זיי קיין שאדען געטהאָן.

און אויב דער יעניגער, וועמען ער האָט בע'עולה'ט, איז געשטאָרבען אידער דער בעל עולה האָט ביי איהם געבעטען פערצייהונג, זאָל ער געהן אויף יענעמס קבר צוזאמען מיט צעהן מענשען און זיך מתודה זיין און בעטען ביי

יענעם מחילה, אזוי ווי די חז״ל האָבען געזאָגט אין דיעזען ענין: ״מוליך עשרה בני אדם ומעמידם על קברו ואומר: חטאתי לה׳ אלהי ישראל ולפלוני זה שהבלתי בו״ — ער ברייננט צעהן מענשען, שטעלט זיי אוועק נעבען יענעמס קבר און ער זאָגט: איך האָב געזינדיגט צום אידישען גאָט און צו דעם מת, וועמען איך האָב שאדען געטהאָן.״

פאָלגליך, איז פאר יעדען חוטא דאָ א תיקון. יעדער זינדיגער קען תשובה טהאָן און אויסווירקען אז גאָט זאָל איהם מוחל זיין. נור דער וואָס האָט בייזע געדאנקען און א שלעכט הארץ, קען ניט קומען צו תשובה; אָבער דער וואָס וויל זיך נור דערנעהנטערען צו גאָט, מאכט ניט אוים וואָס פאר א זינד ער זאָל ניט האָבען בעגאנגען, איז פאר איהם דער טויער פון תשובה ניט פערשלאָסען. עס איז ניטאָ קיין אָפּהאלט וואָס זאָל איינעם אָפּהאלטען פון תשובה, אויב נור ער וויל, ווייל פאר דעם וואָס האָט באמת חרטה אויף זיינע זינד, צייגט איהם גאָט אָן דעם ריכטיגען וועג ווי אזוי ער זאָל זיין ציעל דערגרייכען. אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: ״טוב וישר ה׳ על כן יורה חטאים בדרך״ — גאָט איז גוט און רעכטפערטיג, דעריבער צייגט ער אָן די זינדיגע דעם ריכטיגען וועג פון תשובה. אין די הייליגע שריפטען זיינען דאָ נאָך עהנליכע פסוקים וואָס דרי־קען אוים דאָס זעלבע.

און איך האָב דיר שוין, ברודער, ערקלעהרט די פפליכטען פון תשובה און דיר ענטדעקט די אופנים ווי אזוי דו זאָלסט גוט מאכען דיינע פעהלערען, פאר וועלכע גאָט האָט צו דיר טענות און דו האָסט ניט וואָס צו ענטפערען. ווען דו ביסט געוועזען פערנארישט און ניט געוואוסט וועסטו ביים יום הדין זאָגען, אז די דרכים פון תשובה, וועט דאָס ניט אָנגענומען ווערען פאר א פערטיידיגונג, ווייל מען וועט דאָך דיר אויפצייגען אז אין וועלטליכע ענינים, אין ענינים וואָס האָבען צו טהאָן מיט דיר, מיט דיין קערפּער, ביזטו גאָרניט געוועזען אומוויסענד. און עס איז קיין ספק אז מען וועט ביים יום הדין אלעס אויספרעגען, און וואָס וועסטו האָבען צו ענטפערען?

דעריבער זיי פאַרבערייטעט מיט תשובה כל זמן דו האָסט צייט, כל זמן דו לעבסט. און ווייס, ברודער, אז תשובה אויף אונזערע זינד מוז זיין דורך טהאָט, ניט בלויז דורך רייד. זאָגען: ״איך טהו תשובה, איך האָב חרטה״, איז וועניג, נור יעדער חטא מוז פערגיטיגט ווערען דורך מעשים טובים, דורך גוטע טהאטען. און בערעכנען און בעטראכטען די זאך און געפין דעם ריכטיגען וועג ווי אזוי צו פערגיטיגען דיינע שלעכטע מעשים. טהו דאָס וואָס שנעלער, ווארום די פרוכט פון פערנאכלעסיגען תשובה צו טהאָן איז חרטה. סוף כל סוף מוז דער זינדיגער חרטה האָבען אויף דעם וואָס ער האָט ניט תשובה געטהאָן.

ערוואך, ברודער, פון דעם שלאָף פון דיין נארישקייט און האָב רחמנות אויף דיין נשמה, די בעסטע און ערהאבענסטע זאך וואָס דער בעשעפער האָט דיר געגעבען. ביז ווי לאנג וועסטו זיך אָפּהאלטען פון תשובה? דו האָסט דאָך שוין דיינע טעג און יאָהרען פערבראכט אין ערפילען דיינע פערלאנגען, דיינע קערפּערליכע תאוות אזוי ווי א שלעכטער, אומגעטרייער דיענער, וואָס זוכט נור צופריעדענצושטעלען זיך אליין, טאָ פארברייננ שוין דיין רעשטע יאָהרען אין ערפילען דעם רצון פון דיין בעשעפער. און דו ווייסט דאָך אז דעם מענשען׳ס לעבען אויף דער וועלט איז קורץ, ניט פיעל דויערהאפט, און די צייט וואָס דו האָסט נאָך צו לעבען איז נאָך קירצער, אזוי ווי די רז״ל האָבען געזאָגט:

# פרק ט׳

אָבער איז דאָ א מיטעל פאר די יעניגע וואָס עס איז זיי שווער תשובה צו טהאָן? איז דאָ א וועג ווי אזוי זיי זאָלען פאָרט תשובה טהאָן און זיך ריינוואַשען פון זייערע זינד? אויף דיעזער פראגע וועל איך ענטפערען, אז די זינד, וועלכע עס איז דעם מענשען שווער מתקן צו זיין דורך די בעשטימטע מינים תשובה, מוזען דאך זיין ענטוועדער פון יענע עבירות שבין אדם למקום, צווישען מענש און גאָט, אָדער שבין אדם לחברו, צווישען מענש און מענש, ווי אָפּנארען, בעשווינדלען מענשען, גנבה, גזלה און דאָס גלייכען. איז אין ביידע פעלע דאָ א מעגליכקייט פאר׳ן זינדיגען תשובה צו טהאָן.

קודם דארף דער חוטא נעהמען אויף זיך נאָכצוקומען אלע גרונד זאכען פון תשובה מיט אלע פּרטים אזוי ווייט ווי עס איז פאר איהם מעגליך לויט זיינע כחות און אומשטענדען. דאן וועט דער בעשעפער ניט זיין מיט איהם שטרענג און ער וועט איהם שענקען דאָס וואָס ער האָט פערפעהלט אין דעם ענין פון זיין תשובה. ער וועט דעם חוטא קומען צו הילף אז זיין זינד זאָל פערגיטיגט ווערען אויף וואָס פאר אן אופן עס זאָל ניט זיין און ער זאָל זיך מעהר קענען רעכטפערטיגען.

אויב די זינד איז בעשטאנען פון זנות, אויב ער האָט געזינדיגט מיט אן אשת איש און געבראַכט ממזרים אויף דער וועלט, וועט דער באַשעפער צונעמען פון דער וועלט די ניט כשר׳ע קינדער, כדי דער פלעק זאָל ניט פאַרבלייבען. אויב ווידער ער האָט וועמען באַשווינדעלט אָדער בע־גזל׳ט, וועט איהם גאָט העלפען ער זאָל האָבען געלד אומצוקעהרען זיין שאדען און ער וועט יענעם איבערבעטען און ער וועט איהם מוחל זיין. און אויב ער האָט וועמען בייז געטהאָן אין גוף, אויב ער האָט וועמען קערפּערליך בעשע־דיגט, וועט דער בעשעפער יענעם אריינגעבען אין זינען, אז ער זאָל דעם שלע־גער מוחל זיין, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: ״ברצות ה׳ דרכי איש גם אויביו ישלים עמו״ — אז גאָט געפעלען די מעשים פון א מענשען, מאכט ער אזוי אז זיינע פיינד ווערען מיט איהם שלום.

און אויב דער, וועמען ער האָט בייז געטהאָן, איז ווייט פון איהם און ער קען איהם ניט בעטען פערצייהונג, איז אויב דער חוטא וועט תשובה טהאָן לויט זיין מעגליכקייט, וועט דער בעשעפער איהם צוזאמענברייננגען מיט יענעם און איהם געבען די געלעגענהייט צו פערגיטיגען זיין פערברעכען און יענער וועט איהם מוחל זיין. אויב אפילו ער ווייס ניט וועמען ער האָט אן עולה געטהאָן און די סומע געלד וואָס ער האָט גערויבט; וואָן ער האָט, צום ביישפּיעל, בע־שווינדעלט אָדער בערויבט א גרופּע מענשען וואָס ער קען זיי גאָרניט און ער ווייסט ניט וויפיעל שאדען ער האָט זיי געטהאָן, וועט איהם גאָט, ברוך הוא, געבען א זינען אויסצוגעבען געלד לטובת הכלל, פאר אלגעמיינע נוצען, ווי בויען א בריק, וואו נויטיג איז, גראָבען א ברונים, וואו עס פעהלט אוים וואַ־סער אָדער גרינדען אנשטאלטען, וואָס זאָלען אלעמען נוצען בריינגען, סאי די וואָס האָבען ערליטען וועלכע עס איז קריוודע פון איהם און סאי די, וואָס ער האָט זיי קיין שאדען געטהאָן.

און אויב דער יעניגער, וועמען ער האָט בע׳עולה׳ט, איז געשטאָרבען אײדער דער בעל עולה האָט ביי איהם געבעטען פערצייהונג, זאָל ער געהן אויף יענעמס קבר צוזאמען מיט צעהן מענשען און זיך מתודה זיין און בעטען ביי־

יענעם מחילה, אזוי ווי די חז"ל האָבען געזאָגט אין דיעזען ענין: "מוליך עשרה בני אדם ומעמידם על קברו ואומר: חטאתי לה' אלהי ישראל ולפלוני זה שהבלתי בו" — ער ברייננגט צעהן מענשען, שטעלט זיי אוועק נעבען יענעמס קבר און ער זאָגט: איך האָב געזינדיגט צום אידישען גאָט און צו דעם מת, וועמען איך האָב שאדען געטהאָן."

פאָלגליך, איז פאר יעדען חוטא דאָ א תיקון. יעדער זינדיגער קען תשובה טהאָן און אויסווירקען אז גאָט זאָל איהם מוחל זיין. נור דער וואָס האָט בייזע געדאנקען און א שלעכט הארץ, קען ניט קומען צו תשובה; אָבער דער וואָס וויל זיך נור דערנעהנטערען צו גאָט, מאכט ניט אויס וואָס פאר א זינד ער זאָל ניט האָבען בעגאנגען, איז פאר איהם דער טויער פון תשובה ניט פערשלאָסען. עס איז ניטאָ קיין אָפּהאלט וואָס זאָל איינעם אָפּהאלטען פון תשובה, אויב נור ער וויל. ווייל פאר דעם וואָס האָט באמת חרטה אויף זיינע זינד, צייגט איהם גאָט אָן דעם ריכטיגען וועג ווי אזוי ער זאָל זיין ציעל דערגרייכען. אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: "טוב וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך" — גאָט איז גוט און רעכטפערטיג, דעריבער צייגט ער אָן די זינדיגע דעם ריכטיגען וועג פון תשובה. אין די הייליגע שריפטען זיינען דאָ נאָך עהנליכע פסוקים וואָס דריי־קען אויס דאָס זעלבע.

און איך האָב דיר שוין, ברודער, ערקלעהרט די פפליכטען פון תשובה און דיר ענטדעקט די אופנים ווי אזוי דו זאָלסט גוט מאכען דיינע פעהלערען, פאר וועלכע גאָט האָט צו דיר טענות און דו האָסט ניט וואָס צו ענטפערען. וועסטו ביים יום הדין זאָגען, אז דו ביסט געווען פערנארישט און ניט געוואוסט די דרכים פון תשובה, וועט דאָס ניט אָנגענומען ווערען פאר א פערטיידיגונג, ווייל מען וועט דאך דיר אויפצייגען אז אין וועלטליכע ענינים, אין ענינים וואָס האָבען צו טהאָן מיט דיר, מיט דיין קערפער, ביזטו גאָרניט געווען אומוויסענד. און עס איז קיין ספק אז מען וועט ביים יום הדין אלעס אויספרעגען, און וואָס וועסטו האָבען צו ענטפערען?

דעריבער זיי פאַרבערייטעט מיט תשובה כל זמן דו האָסט צייט, כל זמן דו לעבסט. און ווייס, ברודער, אז תשובה אויף אונזערע זינד מוז זיין דורך טהאָט, ניט בלויז דורך רייד. זאָגען: "איך טהו תשובה, איך האָב חרטה", איז ווענינ, נור יעדער חטא מוז פערגיטיגט ווערען דורך מעשים טובים, דורך גוטע טהאטען. און בערעכנען און בעטראכטן די זאך און געפין דעם ריכטיגען וועג ווי אזוי צו פערגיטיגען דיינע שלעכטע מעשים. טהו דאָס וואָס שנעלער, ווארום די פרוכט פון פערנאכלעסיגען תשובה צו טהאָן איז חרטה. סוף כל סוף מוז דער זינדיגער חרטה האָבען אויף דעם וואָס ער האָט ניט תשובה געטהאָן.

ערוואך, ברודער, פון דעם שלאָף פון דיין נארישקייט און האָב רחמנות אויף דיין נשמה, די בעסטע און ערהאבענסטע זאך וואָס דער בעשעפער האָט דיר געגעבען. ביז ווי לאנג וועסטו זיך אָפּהאלטען פון תשובה? דו האָסט דאך שוין דיינע טעג און יאהרען פערבראכט אין ערפילען דיינע פערלאנגען, דיינע קערפערליכע תאוות אזוי ווי א שלעכטער, אומגעטרייער דיענער, וואָס זוכט נור צופריעדענצושטעלען זיך אליין, טאָ פארברייננג שוין דיין רעשטע יאהרען אין ערפילען דעם רצון פון דיין בעשעפער. און דו ווייסט דאך אז דעם מענשען'ס לעבען אויף דער וועלט איז קורץ, ניט פיעל דויערהאפט, און די צייט וואָס דו האָסט נאָך צו לעבען איז נאָך קירצער, אזוי ווי די רז"ל האָבען געזאָגט:

"היום קצר והמלאכה מרובה" — דער טאָג איז קורץ און די ארבייט איז א סך, דעם מענטשענס לעבענס-צייט, הייסט עס, איז קורץ און די ארבייט וואָס ער האָט צו טהאָן פון גאָט'ס וועגען איז א סך, דעריבער דאַרף ער אריינכאַפּען און תשובה טהאָן.

דו האָסט, ברודער, געהאַט א טהייערען און געעהרטען גייסט, א נשמה, וועלכע דו האָסט געברויכט פאַר ענינים פון עולם הזה, א וועלט וואָס איז גאַרניט, וואָס איז ניט דויערהאַפט און האַלט ניט אָן לאַנג, און דו האָסט פערנאַכלעסיגט צו זאָרגען וועגען דיין סוף, אז דיין נשמה זאָל דערהויבען ווער-רען איז א גרויסאַרטיגען פּלאַץ, אין אן ערהאַבענע וואוינונג, פון וועלכע די נשמות ניעדערען קיינמאָל ניט אראָפּ און פערבלייבען דאָרט אויף אימער. דע-ריבער אייל זיך און קעהר זיך אום אזוי לאַנג ווי דער טויער פון תשובה איז אָפען, דאָס הייסט, כל זמן דו לעבסט, און דו קענסט ערוואַרטען אז דיין תשובה זאָל אָנגענומען ווערען און גאָט זאָל דיר מוחל זיין, אזוי ווי דער פּסוק זאָגט אין ישעיה: "דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב" — ווענדעט זיך צו גאָט בעת איהר קענט איהם געפינען, רופט איהם אין דער צייט ווען ער איז נאָהענט.

אייל זיך, ברודער, און זיי געשווינד תשובה צו טהאָן איידער עס קומט דער שרעקליכער טאָג פון דיין טויט, ווייל דו ביזט אפילו איין טאָג ניט זיכער מיט דיין לעבען. קוק זיך ארום וואו דו האַלטסט אין דער וועלט אזוי ווייט ווי דו ביזט אימשטאַנד צו פערשטעהן און בעגרייפען מיט דיין שכל, און לייג ניט אָפּ אויף שפּעטער. און דער וואָס וויל נור זיין בעוויליגט צו גאָט, א גוטע זאַך, אויף וועלכע מיר אַלע האָפען, קען דאָס דערגרייכען, ווען ער איז ניט נאַכלעסיג און לייגט ניט אָפּ און איילט זיך צו קומען דערצו וואָס שנעלער, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: "חשתי ולא התמהמתי" — איך האָב זיך געאיילט און ניט פערזאַמט צו טהאָן גאָט'ס געבאָטען.

נעהם זיך אין זינען און שעהם זיך פאַר דיין בעשעפער צו בעגעהן זיך מיט איהם אויף אזא אַרט וואָס דו ווילסט ניט אז אן אנדער בעשאַפענער, א מענש אזוי ווי דו, זאָל זיך מיט דיר בעגעהן. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אז ווען דו וועסט אויף זיך ברייגגען דעם צאָרן אפילו פון א קליינעם רעגיערונגס בע-אַמטען, וועסטו זיך ניט אָפּהאַלטען פון איבערבעטען איהם, ווערען אונטער-טהעניג צו איהם, כדי צו שטילען זיין כעס און נצול ווערען פון א שטראָף. כאָטש אפילו ער, דער בעאַמטער, איז שוואַך, האָט ניט גענוג מאַכט דורכצו-פיהרען אַלעם וואָס ער וויל. און ווען דו דענקסט אז דער קעניג אליין טראָגט אויף דיר א כעס, וועסטו געוויס לויפען איבערבעטען איהם און אָנווענדען אַלע מעגליכקייטען ארויסצוקריגען פון איהם א פערצייהונג אויס מורא אז ער זאָל דיך באַלד ניט בעשטראָפען. און דו ווייסט דאָך, אז אפילו א קעניג קען אויך קיין זאַך ניט טהאָן אָהן דער גזרה, אָהן דעם ווילען פון בעשעפער. אזוי ווי דער פּסוק זאָגט אין משלי: "פלגי מים לב מלך ביד ה' אל כל אשר יחפוץ יטנו" — א קעניג'ס האַרץ איז אין גאָט'ס הענד אזוי ווי א שטראָם וואַסער. אזוי ווי א שטראָם וואַסער קען מען לאָזען לויפען אין וועלכען זייט מען וויל, אזוי קאָנטראָלירט גאָט א קעניג'ס האַרץ און ער קען אליין גאַרניט אויפטהאָן אָהן דעם רצון הבורא. אחוץ דעם, ווייסטו גאַנץ גוט, אז א הערשער האָט אויף'ן קאָפּ פיעלע זאַכען. ער איז שטענדיג א טרוד, א פערנומענער, קען דאָך פּאַסירען אז

ער וועט קיין צייט ניט האָבען צו בעשטראָפען דיך, אָדער ער וועט זיך פער־געסען, אָדער ער וויים אפשר גאָרניט, אז דו ביזט בעגאַנגען עפּעס א פערברע־כען געגען איהם. פון דעסטוועגען, כאָטש דו ווייסט דאָס אלעס, לייגסטו ניט אָפּ דאָס בעטען פון איהם פערצייהונג און דו טהוסט עס אזוי שנעל ווי מעגליך. היינט ווי אזוי זאָלען מיר זיך ניט שעהמען פאר אונזער בעשעפער, וואָס קוקט אויף אלעס און ווייסט אלעס וואָס מיר טראכטען אזוי גוט ווי דאָס וואָס מיר טהוען, און ביי איהם איז ניטאָ קיין פערגעסען, קיין ניט־וויסען פון עפּעס, און ער לאָזט ניט דורך איין זאך ווייל ער איז פערטהאָן אין אַנדער זאך, און מען קען פון איהם ניט אַנטלויפען און ניט אויסבעהאלטען זיך? ווי אזוי קען מען אָפּלייגען צו תשובה טהאָן ווען מען פערזינדיגט זיך פאר איהם, און נאך אין דער צייט ווען מיר ווייסען ניט ווי לאַנג מיר וועלען לעבען און וויפיעל צייט מיר האָבען נאך אויף תשובה צו טהאָן?

ווען, למשל, מען זאָל אָנזאָגען איינוואוינער פון א שטאָדט אָדער פון א גאַנצע מדינה: זייט גרייט אריבערצוציהען אויף יענער וועלט ווייל איינער פון אייך וועט דיעזען חודש הינגעריכטעט ווערען פון דער מלוכה, אָבער ווער דער איינער איז ווייסט מען ניט, איז אין אזא פאל וואָלט יעדער געווען גרייט צום טויט אוים מורא טאָמער איז ער דאָס דער איינער. היינט ווי אזוי זאָלען מיר אלע ניט זיין גרייט צום טויט, בעת מיר ווייסען און מיר זעהען אז יעדען חודש נעהמט דער טויט אוועק א סך פון אונז? דאָס איז דאך זעלבסט־פערשטענדליך, אז ניט בלויז יעדען חודש, נור יעדען טאָג דאַרפען מיר מורא האָבען פאר'ן טויט און מיר דאַרפען צוגרייטען שפּייז אויף יענער וועלט, אזוי ווי די רז"ל האָבען געזאָגט: „שוב יום אחד לפני מיתתך" — טהו תשובה איין טאָג פאר דיין טויט, דאָס הייסט: טהו תשובה אלע טאָג, טאָמער איז דאָס דער לעצטער טאָג פון דיין לעבען, אָדער ווי עס ווערט געזאָגט אין קהלת: "בכל עת יהיו בגדיך לבנים" — אין אלע צייטען זאָלען דיינע קליידער זיין וויים, דאָס הייסט בדרך מליצה: דו זאָלסט שטענדיג זיך סטאַרען צו זיין ריין פון זינד.

איבערצייג זיך מיט דיין שכל און פון דעם וואָס דו זעהסט מיט דיינע אויגען. דאָס וועט דיר זיין מעהר איבערצייגענד ווי דאָס וואָס אימיצער וועט דיר זאָגען. און בענוץ שטענדיג דיין שכל און פערגעס קיינמאָל ניט, אז דער בעשעפער טהוט אימער טובות מיט זיינע קנעכט. אויב זיי זיינען מקבל די טובות, אויב זיי נוצען אוים די געלעגענהייטען וואָס גאָט גיט צו פערשאפען זיך גוטעס, ברייננט עס זיי נחת און פארגעניגען, און אויב זיי ווייזען צוריק גאָט'ס טובות, וועלען זיי, די טובות, נאכהער קומען מיט טענות למאי דער מענש האָט זיי ניט אויסגענוצט, און זיי וועלען פאָדערען נקמה. דער שכל איז גאָט'ס געשאנק צו די מענשען כדי דאָס זאָל זיי פערשאפען גוטעס; ווען אָבער מענשען געברויכען ניט דעם שכל צו גוטען, וועט עס זיי ברייננען שלעכטעס. דע־ריבער היט זיך, זיי פאָרזיכטיג ניט צו מיסהאַנדלען די מתנה טובה, דעם פער־שטאַנד, וואָס גאָט האָט דיר געגעבען, און וועלכער האָט דיר אויפמערקזאַם געמאכט און אָנגעצייגט דעם ריכטיגען וועג אין וועלכען דו זאָלסט געהן און עס וועט דיר גוטעס פערשאפען. דער שכל וויל קיינמאָל ניט אז דו זאָלסט זיך האַלטען ביי דיינע נארישקייטען. ער וויל אימער מיט דיר געהן אויף'ן קלוגען און גוטען דרך, אויף'ן וועג פון חסד און רחמים פון השי"ת, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין תהלים: "טוב וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך" — גאָט איז א

גוטער און א רעכטפערטיגער. דעריבער צייגט ער, לערענט ער די זינדיגע דורך'ן שכל דעם ריכטיגען וועג, אין וועלכען זיי זאָלען געהן.

און דורך פערשיעדענע אופנים רעדט צו דיר גאָט און ווארענט דיך אז דו, זינדיגער מענש, זאָלסט זיך צוריק־קעהרען צו איהם. דעריבער אייל זיך, ברו־דער, און לייג ניט אָפּ דיין תשובה אויף ווען עס איז. פאָלג דיין בעשעפער און טהו פאר דיין נשמה דאָס וואָס ער, דער בעשעפער, וויל דו זאָלסט פאר איהר טהאָן. און זאָל דיר די פוילקייט ניט בריינגען צו האלטען עס פאר גרינג און פערנאכלעסיגען דיין נשמה. ווארום אויב דו וועסט דיין נשמה גרינג־שעצען, טאָ וואָס קענסטו שוין אכטען? און זאָל דיר ניט קומען אויף'ן געדאנק, אז ווי־באלד דו האָסט פערנאכלעסיגט תשובה צו טהאָן ביז דאָס רוב פון דיינע יאָה־רען זיינען שוין אוועק, קען דיר שוין קיין תשובה ניט העלפען. אזא רעיון איז פאלש, תשובה טהאָן קען מען אימער, אזוי ווי דער נביא זאָגט אין יחזקאל: "ובשוב רשע מרשעתו" — ווען דער רשע קעהרט זיך אום פון זיין שלעכטס, וועט איהם גאָט מוחל זיין, און ווי דער ענין ווערט דאָרט ברייט ארומגערעדט.

פארצייטיגע חכמים האָבען אויף דעם געגעבען א משל, וואָס פאסט זיך זעהר צו דער זאך. דער זינדיגער מענש, אויב נור ער טהוט תשובה אפילו צום סוף פון זיין לעבען איז גלייך צו איינעם וואָס איז געגאנגען אין וועג מיט־טראָגענדיג א זאק מיט רענדלאך. אז ער איז געקומען צו א טייך, וועלכען ער האָט געדארפט איבערגעהן, האָט ער אויסגעשאָטען די רענדלאך אין וואסער, מיינענדיג אז ער וועט מיט דעם פערשיטען דעם טייך און זיך מאכען א טרוקענעם וועג אריבערצוגעהן. דער טייך איז אָבער פערבליעבען טייך. האָט דער מאָן פאר'ן לעצטען רענדעל וואָס איהם איז פערבליעבען, געדונגען א שיפעל און איז אריבערגעפאָהרען און געקומען צו זיין געווינשטען פלאץ. האָט ער צולעצט מיט דעם איינציגען רענדעל אויפגעטהאָן דאָס וואָס ער האָט ניט אויפגעטהאָן מיט'ן גאנצען זאק רענדלאך. אזוי איז אויך מיט'ן בעל תשובה, וואָס האָט דעם גרעסטען טייל פון זיינע יאָהרען פערבראכט ניט דיענענדיג דעם בעשעפער, איז ווען ער טהוט צום סוף תשובה, איז איהם גאָט מוחל אויף אלע זיינע זינד און ער דערגרייכט דעם ריכטיגען ציעל, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין יחזקאל: "כל חטאתיו אשר חטא לא תזכרנה לו" — ווען דער רשע טהוט תשובה ווערען אלע זיינע זינד וואָס ער האָט אמאָל געטהאָן ניט דערמאָהנט.

און זאָל דיר, ברודער, ניט פאלען צו לאסט דאָס וואָס איך האָב דיר גע־ווארענט דו זאָלסט זיך אליין היטען נאכדעם ווי דו האָסט זיך א לאנגע צייט פערנאכלעסיגט. איך האָב ניט געמיינט בלויז דיך, נור איך האָב זיך אליין אויך אין זינען געהאט. איך האָב גערעדט צו דיר און געמיינט האָב איך זיך אליין אזוי גוט ווי דיך. יעדענפאלס האָב איך גערעדט אמת'ע רייד און פאר'ן אמת זאָלסטו זיך בויגען און ניט אנטלויפען פון איהם.

דאנק גאָט וואָס ער האָט דיר אויפמערקזאם געמאכט אויף אזעלכעס וואָס דו האָסט ניט געוואוסט. און אויב אפילו דו דענקסט, אז דער וואָס מאכט דיר אויפמערקזאם, דער וואָס לערענט דיך האָט אויך אזוי ווי דו פערנאכלעסיגט תשובה צו טהאָן, זאָלסטו זיך דערמיט ניט רעכטפערטיגען און אָפּשטעהן פון תשובה, ווייל דאָס איז א שפיצעל פון יצר הרע, וועלכער זוכט צו פאנגען שוואכזיניגע און אומוויסענדע מענשען אין זיין נעץ. און גאָט זאָל אונז מיט זיינע גענאָדען העלפען, אז מיר זאָלען זיין פון די וואָס איילען זיך תשובה צו טהאָן מיט'ן גאנצען הארצען. אמן.

## שער השמיני

# שער חשבון הנפש

**דער טויער פון זעעלע רעכענונג, די לעהרע ווי אזוי דער מענש דארף מיט זיך אליין האבען א חשבון**

## פרק א׳

האט דער מחבר געזאגט:

ווייל אין אונזער פאריגען מאמר איז גערעדט געווארען וועגען די גרונד זאכען פון תשובה און די תנאים, די בעדינגונגען פון תשובה, און אזוי ווי חשבון הנפש, זעעלע רעכענונג, האבען א חשבון מיט זיך אליין, איז אויך איינע פון די זאכען וואס האבען א שיכות צו תשובה, דעריבער האב איך איינגעזעהן צו רייד'ען אין דיעזען שער וועגען דעם דאזיגען ענין. חשבון הנפש איז איינער פון די הויפט פאקטארען וואס ברייגנען דעם מענשען מתקן צו זיין וואס ער האט קאליע געמאכט אדער ערפילען וואס ער האט פערפעהלט און ער זאל דורכדעם געהאלפען ווערען אין ביידע וועלטען, דא אויף דער וועלט און לעולם הבא, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: ״חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך״ — איך האב בערעכענט מיינע וועגען, איך האב מיט זיך אליין א חשבון געהאט און איך האב זיך אומגעקעהרט צו דיין תורה.

אין דעם ענין פון חשבון הנפש דארפען מיר ערקלערען זעקס זאכען: וואס מיינט א חשבון האבען מיט דער זעלע; אויב איין מין חשבון איז גוט פאר אלעמען אדער ניט; אויף וויפיעלערליי אופנים האט דער מענש צו רעכענען זיך מיט זיך אליין; וואס פאר א נוצען ברייגנט דער דאזיגער חשבון; אויב א מענש איז שטענדיג מחויב צו מאכען די דאזיגע חשבונות; און וואס דארפען זיין די פאלגען, דער פועל יוצא דערפון וואס א מענש היט אפ דעם ענין פון חשבון הנפש.

מיר וועלען גערן כסדר און ערקלעהרען צוערשט וואס חשבון הנפש מיינט.

חשבון הנפש מיינט: האבען א ויכוח מיט זיך אליין, דיסקוטירען מיט זיך אליין די ענינים פון דער תורה און די וועלט. דער שכל, הייסט עס, דארף זיך דורכ׳טענה׳ען מיט נפש הבהמית, מיט׳ן טהיערישען אינסטינקט, וואס געפינט זיך אין מענשען, כדי ער זאל וויסען און זיך איבערציייגען וואס ער האט שוין אין זיין לעבען געטהאן און וואס ער האט נאך צו טהאן, פיעל ער איז נאכגעקומען גאט׳ס געבאטען און פיעל ער איז נאך דעם בעשעפער פערבליעבען שולדיג.

און גאט האט אונז אנגעזאגט דורך זיין נביא משה: ״וידעת היום והשבות

אל לבבך״ — דו זאלסט היינט וויסען, בעטראכטען, אז גאט איז א גאט. עס איז אלזא א חוב, אז דער מענש זאל טראכטען, דיסקוטירען די פראגע מיט זיך אליין אום צו איבערצייגט ווערען אז גאט איז א גאט און במילא וועט ער שוין וויסען זיינע פפליכטען צו איהם. דוד המלך זאגט אין תהלים: ״טעמו וראו כי טוב ה׳״ — בעטראכט גוט און זעהט אז גאט איז גוט. אין דברי הימים א׳ איז דא א פסוק: ״דע את אלוהי אביך ועבדהו״ — וויים, פערשטעה דעם גאט פון דיין פאטער און דיען איהם. און ווי אזוי קען מען א זאך וויסען? ווען מען טראכט זיך אין דעם אריין. און אויף דעם וואס האט ניט מיט זיך קיין חשבון הנפש, וואס טראכט ניט וואו ער האלט אין דער וועלט בנוגע גאטעס דיענסט, זאגט דער נביא ישעיה: ״ולא ישיב אל לבו ולא דעת ולא תבונה״ — ער בעדענקט זיך ניט, ער בעטראכט ניט און ער האט קיין וויסען און קיין פערשטאנד. עס זיינען דא נאך פסוקים אין די הייליגע שריפטען וואס זאגען ארוים דעם געדאנק, אז עס ליעגט א פפליכט אויפ׳ן מענשען צו דענקען, צו טראכטען צו מאכען חשבונות מיט זיין נשמה, אום צו וויסען פיעל ער האט שוין אפ־געצאהלט און פיעל ער האט נאך איהם צו צאהלען.

## פרק ב׳

איצט געהען מיר צום צווייטען פונקט: אויב דער חשבון הנפש איז פאר אלעמען גלייך אדער ניט, דאס הייסט: אויב די ארט און ווייזע פון זעעלע רעכענונג איז איינע און די זעלבע פאר אלע מענשען אדער זיי זיינען פער־שיעדען.

אויף דיעזער פראגע וועל איך ענטפערען, אז דאס רעכענען זיך מיט זיך אליין דארף ניט זיין שטענדיג און ביי אלעמען אויף איינעם און דעמזעלבען אופן. דאס ווערט געענדערט לויט די אנערקענונג, שכל און קלאהרען פער־שטאנד פון מענשען. דער יעניגער וואס האט מעהר שכל און אנערקענט די טובות וואס ער האט גענאסען פון בעשעפער, האט אן אנדער חשבון מיט זיין זעעלע, און דער יעניגער וואס זיין שכל איז טעמפ און ער פערשטעהט וויניגער צו אנערקענען גאט׳ס טובות, דארף האבען אן אנדער חשבון.

יעדער איינער דארף דיסקוטירען די זאך אין זיינע געדאנקען לויט זיין בעגריעף וועגען די אלגעמיינע גוטעס וואס גאט טהוט מיט מענשען און דאס וואס ער טהוט מיט איהם אליין. אין דער תורה ווערט געזאגט: ״וידעתם היום כי לא את בניכם אשר לא ידעו ואשר לא ראו״ — איהר זאלט היינט וויסען און אנערקענען מיך אלס אייער גאט, ווארום איך האב ניט גערעדט צו אייערע קינדער וואס האבען ניט געוואוסט און ניט געזעהן די גרויסע נסים, וואס איך האב געטהאן אין מצרים און אין דער מדבר. איך האב דאך גערעדט צו אייך וואס איהר האט אלעס געזעהן מיט אייערע אויגען. דאס מיינט צו זאגען, אז גאט׳ס טענות צו די יוצאי מצרים זיינען געווען שטארקער ווי צום שפעטערען דור, וואס האט בלויז געהערט און ניט געזעהן די גרויסע וואונ־דער. גאט האט דאמאלס געזאגט צו די אידען: ״איהר יוצאי מצרים, וואס איהר האט מיט אייערע אויגען געזעהן די אותות ומופתים וואס איך האב פון אייערטוועגען געטהאן, זייט מעהר מחויב צו דיענען מיך ווי אייערע קינדער וואס האבען דאס ניט געזעהן״.

און אזוי ווערט אויך געזאגט ביי אנדערע מענשען, אז זייערע פפליכטען צו גאט ב"ה זיינען פערשיעדען לויט די טובות וואס זיי האבען פון איהם און לויט ווי זיי פערשטעהען צו אנערקענען די טובות. פאלגליך, איז דער חשבון הנפש אויך ניט ביי אלעמען גלייך. דער וואס האט מעהר געגאסען און ווייס און פארשטעהט מעהר האט איין חשבון הנפש, און דער וואס האט ניט אזוי פיעל גענאסען און פערשטעהט ניט אזוי פיעל, איז זיין חשבון מיט דער זעעלע אן אנדערע.

אבער דער מאמין, דער וואס גלויבט אין גאט, דארף ניט לעבען אהן חשבון. ער איז מחויב צו רעכענען מיט זיך אליין אויב ער איז יוצא געגען בעשעפער לויט זיין וויסען און בעגריעף. יעדער איינער דארף זיך אריינ־טראכטען אין דעם לויט זיין מעגליכקייט און וואס פאר א גוטע טהאט עס קומט איהם צום האנד זאל ער ניט שפארען קיין מיה און עס טהאן און דורכפיהרען אזוי ווייט ווי ער איז אימשטאנד. און דאס וואס ער קען ניט אויספיהרען צו טהאן, זאל ער, לכל הפחות וויסען, אז ער דארף דאס טהאן און חשק האבען צו טהאן דאס, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "אחלי יכונו דרכי לשמור חוקיך" — איך בעט דיר, גאט, זאלען מיינע וועגען זיין געריכטעט צו היטען דיינע געזעץ. דאס הייסט: ווען עס קומט מיר א מצוה צו דער האנד, זאלסטו מיר העלפען איך זאל זי קענען דורכפיהרען, און אין אן אנדער פלאץ זאגט ער: "הנחמדים מזהב ומפז רב" — די תורה און מצות זיינען ביי מיר מעהר חשוב און געשעצט ווי גאלד און א סך גינגאלד. דאס הייסט: ווען אפילו איך בין ניט אימשטאנד צו טהאן וועלכע ניט איז מצוה, איז זי אבער ביי מיר חשוב און טהייער און איך האב צו איהר גרויס חשק.

און ווען א מענש מאכט דעם רעכענונג מיט זיך און ער ווייס אז ער איז א בעל חוב צום בעשעפער און וויל מיט'ן גאנצען הארצען אפצאהלען איהם דעם חוב, כאטש ער קען דאס ניט בעווייזען, משפט איהם גאט לכף זכות, רעכטפערטיגט ער איהם און האלט איהם ניט פעראנטווארטליך פאר דעם.

דער מענש איז אבער מחויב אין אזא פאל צו ווארטען און האפען אויף דער צייט ווען ער וועט קענען מקיים זיין די מצוה וואס ער קען איצט ניט טהאן. ער טאר דאס ניט האלטען פאר א תירוץ, פאר א פערטהיידיגונג און דענקען אז וויבאלד ער איז ניט אימשטאנד דורכצופיהרען א גוטען טהאט, איז ער שוין דערפון פטור און ער מעג עס פערנאכלעסיגען און פערגעסען. ער טאר אזוי ניט טהאן, ווייל דאס קען איהם שלעכטעס בריינגען צום יום הדין, ווען ער וועט דארפען אפגעבען חשבון אויף זיינע אלע מעשים, אזוי ווי דער חכם זאגט אין משלי: "בז לדבר יחבל לו" — ווער עס איז מבזה, ווער עס ניעדער־שעצט א זאך פון דער תורה, בייזט ער זיך אליין, וועט ער ענדליך, הייסט עס, דערפאר ליידען.

# פרק ג'

וועגען דער פראגע: אויף וויפיעלערליי אופנים דער מענש דארף זיך רע־כענען מיט זיך אליין, איז וויפיעל פונקטען, הייסט עס, בעשטעהט דער חשבון הנפש? אויף דעם וועל איך זאגען, אז חשבונות זיינען דא א סך, אבער איך וועל ערקלעהרען דרייסיג פון זיי, וואס ווען דער מענש האט זיי אין זינען און נעהמט

אויף זיך צו טראכטען וועגען זיי און געדענקט זיי שטענדיג, ווייס ער אימער זיינע פפליכטען צו גאט.

ערשטענס, האט א מענש צו בעטראכטען זיך אליין, זיין אייגענעם "איך", וואס ער זעלבסט איז. ער דארף זיך אריינטראכטען אין דעם אנהויב פון זיין עקזיסטירען אויף דער וועלט, ווי ער איז געווארען פון ניט עקזיסטירענדעס, ווי ער איז פערוואנדעלט געווארען אין א וועזען פון גאר ניט, ניט האבענדיג קיינע מעלות, קיינע וועלכע עס איז פארציגע אז גאט זאל איהם בעשאפען. ער דארף געדענקען, אז דאס וואס ער איז געבראכט געווארען אויף דער וועלט איז דאס א חסד און א גוטסקייט פון גאט. ער דארף פערשטעהען מיט'ן שכל, אז ער, דער מענש, איז חשוב'ער און דערהויבענער פון אנדערע בעשעפעניסען. ער האט מעהר אייגענשאפטען, שטעהט אין א העכערע מדרגה פון אלע חיות און בהמות, וואקסונגען, מעטאלען און אנדערע שאפונגען. אז ער וועט מיט זיך האבען דיעזען רעכענונג, וועט ער וויסען ווי ווייט ער איז מחויב צו דאנקען און לויבען דעם בעשעפער פאר מאכען איהם פאר דעם פער, פאר דעם ערהאבענסטען פון אנדערע שאפונגען אויף דער וועלט.

דער מענש דארף זיך נעהמען א משל, ווי וואלט געווען ווען זייענדיג א זויג קינד וואלט איהם זיין מוטער אוועקגעווארפען ערגיץ אויף א וועג, און איינער וואלט איהם צוגענומען, געבראכט צו זיך אהיים און אויסגעהאדעוועט און געמאכט פאר א מענשען, — ווי וואלט ער יענעם גוטהערציגען שפעטער געדארפט דאנקען און געהארזאם זיין פאר די טובות וואס ער האט מיט איהם געטהאן. אז ער וועט דאס גוט בעטראכטען, וועט ער שוין פערשטעהען און וויסען אויף ווי ווייט ער איז מחויב צו דאנקען גאט און אויספאלגען זיינע געבאטען פאר די גוטעס וואס ער האט פון איהם גענאסען און געניסט שטענדיג. און דארויף האט משה רבנו געשטראפט די אידען און זיי געזאגט: "הלה' תגמלו זאת עם נבל ולא חכם?" צי צו גאט צאהלט איהר אזוי, איהר אונווירדיגעם נארישעם פאלק? איז דאס רעכט, הייסט עס, אז איהר זאלט גאט זיין דערוויעדער, בעת איהר האט פון איהם אזוי פיעל טובות געהאט? אין יחזקאל קאפיטעל ט"ז ווערט אויך גערעדט וועגען דיעזען ענין.

צווייטענס, דארף דער מענש מיט זיך האבען א רעכנונג וועגען די גרויסע טובות וואס גאט האט מיט איהם געטהאן אין צוזאמענשטעלען זיין גוף, פערפאלקאמענען זיין אויסזעהען און אייגענשאפטען. ער דארף שטענדיג אין זינען האבען ווי דער בעשעפער האט איהם ארויסגעצויגען פון זיין מוטערס בויך און האט איהם צוגעגרייט שפייז פריהער פאר זיין קומען אויף דער וועלט און שפעטער, שטענדיג לויט זיין פעהיגקייט צו פערדייהען שפייז און לויט זיין בעדערפענים, ער דארף זיך אלע מאל בעדענקען, וואס וואלט געווען ווען ער וואלט בעשאפען געווארען אהן אויגען, אהן הענד אדער אהן פיס און א מענש זאל קענען און עס איהם נאכהער צומאכען, ווי וואלט ער יענעם מענשען דאנקבאר געווען און ווי געהארזאם וואלט ער איהם געווען און טריי געדיענט דערפאר. ווען ער וועט מאכען דיעזען חשבון, וועט ער וויסען אויף ווי ווייט ער דארף דאנקבאר זיין דעם בורא יתברך און ערפילען זיין רצון דערפאר וואס ער האט איהם בעשאפען א גאנצען מענש מיט אלע זיינע אברים, פאלקאם אהן פעהלערען, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין איוב: "זכר נא כי כחמר

**עשיתני"** — געדענק, אז דו האסט מיך געמאכט אזוי ווי לייהם, און ווי עס ווערט דארט ווייטער געזאגט.

דריטענס, מוז זיך דער מענש רעכענען מיט דעם וואס גאט האט איהם געגעבען שכל און פערשטאנד מיט א סך גוטע און שעהנע מדות וואס דיא ניט־רעדעוודיגע בעשעפעניסען בעזיצען ניט, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין איוב: "מלפנו מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו" — גאט האט אונז מענשען געלערענט מעהר פון די בהמות פון דער ערד און אונז קליגער געמאכט פון די פויגעל וואס פליהען אונטער'ן הימעל. דער מענש דארף זיך בערע־כענען: ווי וואלט געווען אז ער וואלט ניט געהאט קיין שכל און וואלט געלעבט ווי א בהמה, און א מענש וואלט איהם די דאזיגע אייגענשאפט געשענקט און וואלט געעפענט זיינע אויגען צו וויסען און פערשטעהען אלעס, — ווען אזא זאך וואלט פאסירט, וואלטען דען זיינע גאנצע לעבענם טעג גענוג געווען צו דאנקען און לויבען יענעם פאר דער מתנה טובה, דעם פערשטאנד, וואס ער האט איהם געשענקט? היינט אז דער בעשעפער גיט דעם מענשען שכל און די אנדערע טובות וואס ער טהוט מיט אונז זיינען אונענדליך, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: "רבות עשית אתה ה'" — דו גאט האסט מיט אונז מענשען זעהר פיעל געטהאן, דארפען מיר איהם דאס געוויס שטענדיג דאנקען און לויבען און נאכקומען זיינע געבאטען.

פיערטענס, דארף דער מענש מיט זיך אליין בערעכענען ווי גרויס גאט'ס חסד איז וואס ער האט איהם ערוועקט צו א זאך וואס ניט איהם לעבען איןביידע וועלטען, די תורה וואס פערשאפט איהם עולם הזה און עולם הבא, און וואס נעהמט אוועק זיין בלינדקייט, זיין אונוויסענהייט און דערלייכט זיינע אויגען צו דערנעהנטערען איהם צו זיין גאט און דיא אמת'ע לעהרע פון זיין בעשעפער. דורך דער תורה ווייס דער מענש ווי צו דיענען גאט, וואס דאס פערשאפט איהם גליק אין ביידע וועלטען, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים קאפיטעל י"ט. דער מענש דארף זיך אין זינען נעהמען: ווי וואלט געווען אז נאכדעם ווי ער האט שוין פערשטאנען די מעלות פון דער תורה וואלט זי, די תורה, פון איהם פערגעסען געווארען און עס וואלט געקומען א מענש און אומגעקעהרט צוריק זיין זכרון און ער וואלט ווידער געוואוסט און פער־שטאנען דיא תורה אזוי ווי פריהער, וואלט ער יענעם מענשען געדארפט אפ־דאנקען? און וואלט ער אימשטאנד געווען אפצודאנקען איהם? היינט אז גאט האט איהם לכתחילה געגעבען דעם געפיהל צו לערנען און פערשטעהען די תורה און ער העלפט איהם מקיים צו זיין איהרע מצות, דארף ער איהם געוויס דאנקען און זיך סטארען מיט אלע מעגליכקייטען צו זיין בעהעפט צו דער תורה און נאכקומען איהרע געבאטען, אזוי ווי דער משורר זאגט אין תהלים: "חשתי ולא התמהמתי" — איך אייל זיך און לייג ניט אפ צו היטען גאט'ס מצוות, אדער: "מה אהבתי תורתך" — ווי ליעב האב איך, גאט, דיין תורה.

פינפטענס, אויב דער מענש איז הינטערשטעליג אין בעגרייפען און פער־שטעהען גאטס תורה, און עס קימערט איהם ניט און ער וויל זיך ניט בעמיהען צו דערנעהען דאס גרינדליך, דארף ער מיט זיך אזא חשבון האבען: ווי וואלט געווען אז עס זאל איהם אנקומען א געשריבענער דאקומענט פון קעניג און ער וואלט ניט געקענט אויסמאכען זיין אינהאלט צוליעב א ניט דייטליכע

שריפט אדער אונפערשטענדליכע ווערטער, — וואס וואלט ער געטהאן אין אזא פאל? עס איז קיין ספק, אז ווען עס פאסירט אזא זאך, וואלט ער זיך אנגעשטרענגט, וואלט זיך אריינגעטהאן מיט זיין גאנצע נשמה צו דערגעהן אלעס פינקטליך. היינט אז ער וואלט אזוי געטהאן מיט א דאקומענט פון א שטערבליכען אזוי ווי ער, דארף ער דאך געוויס פיעל מעהר בעמיהען זיך צו וויסען און פערשטעהען די לעהרען פון זיין גאט, וואס אן דעם איז אבהענגיג זיין לעבען און שוין, אזוי ווי די תורה זאגט: „כי היא חייך ואורך ימיך" — זי, די תורה, איז דיין לעבען און טעג דערלייגערונג. אז דו וועסט דאס, ברודער, בעטראכטען וועסטו זיך אליין וואונדערען ווי אזוי האסטו עס גע־נומען די רעכט צו בענוגענען זיך מיט אויבערפלעכליכע ידיעות אין דער תורה, אין דער צייט וואס אנשטרייגענדיג זיך מעהר וואלסטו מעהר דערגאנגען. דו וועסט דאן איינזעהן דיין פעהלער און קליינליכקייט. דו וועסט זיך דאן איבערצייגען אז דו ביזט גלייך צום מלך בלשצר, וואס דניאל האט אויף איהם געזאגט: „ולאלהי כספא ודהבא נחשא פרזלא" — צו א גאט פון זילבער, גאלד, קופער און אייזען האסטו געדיענט און אויף נאט וואס דיין נשמה איז אין זיין האנד האסטו ניט געאכטעט.

## פרק ד'

זעקסטענס, ווען א מענש פיהלט אז ער איז גענייגט צו זיין דערוויעדער דעם באשעפער אין וואס פאר א פאל עס זאל ניט זיין, דארף ער זיך בערעכע־נען און בעטראכטען אלעס וואס ער קען בעגרייפען אין דער וועלט. ער דארף זיך אין זינען נעהמען די הויפט יסודות, פון וועלכע די וועלט בעשטעהט, די זאכען וואס זיינען בעשאפען פון די הויפט יסודות, פון די הויפט עלעמענטען; ער דארף זיך פארשטעלען דעם הימעל, די ערד און אלעס וואס אויף זיי געפינט זיך און איינזעהן אז אלעס עקזיסטירט דורך גאטס רייד און אלעס פאלגט אוים זיין הייליגען ווילען. ער דארף בעטראכטען, אז קיין זאך פון דעם גאנצען וועלט רוים ענדערט ניט גאטס ווארט און האלט זיך שטענדיג לויט עס איז בעשאפען געווארען. ווען מיר זאלען זיך פארשטעלען אז די ערד, למשל, האט געענדערט איהר נאטור און האט אויפגעהערט צו הענגען אין מיטען פון וועלט רוים. אדער אז די וואסערען פון די ימים זיינען אריבער זייערע גרעניצען און בעדעקט די ערד, — ווען אזעלכע זאכען וואלטען פאסירט, וואלט פער־שטעהט זיך, געווארען אוים וועלט. היינט אז די ערד, די ימים פאלגען אוים גאטס פערזאגען, טא ווי אזוי קען א מענש עובר זיין אויף זיינע געבאטען?

און נאך מעהר וואונדער קען דער מענש זעהן אין זיינע איינענע גליעדער, וועלכע פאלגען אוים די גזירה פון בעשעפער. ווען דעם מענשען'ס גליעדער וואלטען ניט געפאלגט גאט'ס פערזאג און די אברים וואס דארפען זיך בעוועגען וואלטען זיך ניט בעוועגט, אדער די וואס דארפען זיך האלטען זיך אויף איין פלאץ, וואלטען זיך בעוועגט, וואלט דער מענש ניט געקענט לעבען און עקזיס־טירען אויף דער וועלט. היינט ווי אזוי זאל זיך דער מענש ניט שעהמען עובר צו זיין אויף גאט'ס געבאטען לעבענדיג אין א וועלט וואס פאלגט איהם אלעס אוים? און נאך מעהר: זינדיגען מיט זיינע אברים, וואס גאט האט בעשאפען צו העלפען איהם אין גאטעס דיענסט?

א משל צו דעם קען מען זיך נעהמען פון א קעניג וואס האט אנגעזאגט זיינע קנעכט זיי זאלען א בעאמטען זיינעם אריבערפיהרען א גרויסען טייך צו א געוויסען פלאץ מיט גרויס פארזיכטיגקייט און צו א בעשטימטע צייט. האבען די קנעכט אויסגעפאלגט דעם קעניגס פערזאג. נאכהער האט דער קעניג געהייסען דעם בעאמטען ער זאל דאס זעלבע טהאן יענע קנעכט, ער זאל זיי הייסט עס, אריבערפיהרען דעם טייך און ברייגגען צו א בעשטימטען פלאץ. האט דער בעאמטער פערנאכלעסיגט און די זאך ניט דורכגעפיהרט. האט איהם איינער פון די קנעכט געזאגט: "ווען מיר וואלטען ניט געפאלגט דעם מלך און דיך ניט געהיט בעת מיר האבען דיך געפיהרט איבער'ן טייך, וואלסטו געווען אריינגעפאלען אין וואסער און דערטרונקען געווארען. היינט ווארום זאלסטו ניט טהאן ווי דער קעניג האט געהייסען און אונז אפהיטען? זיי וויסען, אז דו דארפסט חרטה האבען אויף דיין האנדלונג און בעטען ביים קעניג פערצייהונג, ווארום אויב דו וועסט זיך אזוי בעגעהן מיט אונז, וועט דער קעניג הייסען אז מיר זאלען אויף דיר מעהר אויך ניט אכטונג געבען". דער שר האט אייגעזעהן אז דער דיענער האט רעכט און ער האט חרטה געהאט אויף דעם טעות וואס ער האט געמאכט.

אצינד, ברודער, בעטראכט נור, איז ידען אייגער פון דיינע גליעדער עובר אויפ'ן פערזאג פון גאט און פיהרט ניט דורך זיין אויפגאבע, צו וועלכע ער איז בעשאפען געווארען? פאלגען דיר ניט דיינע אברים? טהוען ניט דיינע הענד און פיס און אנדערע גליעדער דאס וואס דו ווילסט אז זיי זאלען טהאן? היינט ווארום זאלסטו, וואס דו ביזט דער שר, דער בעאמטער איבער דיינע אברים, ניט אויספאלגען דאס וואס גאט האט דיר געהייסען טהאן מיט זיי? דאס קען פיהרען דערצו, אז דיינע אברים זאלען קריגען א פערזאג פון בעשעפער זיי זאלען דיר אויך ניט דיענען און ניט בעוועגען זיך לויט דיין פערלאנג.

ווארום די תורה האט מיט דיר, מענש, אויסגענומען א תנאי: וועסטו דיענען גאט, וועט אלעס זיין אין דיין רשות לויט דיין פערלאנג; וועסטו איהם ניט דיענען, וועט אלעס עובר זיין אויף דיין רצון, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין דער סדרה בחקותי.

זיעבענטעס, האט דער מענש צו האלטען א רעכענונג וועגען די זאכען וואס זיינען שייך צו גאטס דיענסט. ער דארף אויף זיך נעהמען די פפליכטען פון א קנעכט צו זיין האדר אזוי ווי מיר האבען שוין גערעדט דעריבער אין דריטען שער פון דיעזען ספר. דער וואס וויל עס וויסען, זאל עס דארט זוכען. און בעת דער מענש אנערקענט די שטענדיגע טובות וואס דער בעשעפער טהוט מיט איהם; ווען ער ווייס און פערשטעהט אז גאט גרייט פאר איהם צו אלעס וואס איז איהם ניצליך, גיט איהם אלעס וואס ער דארף און שפייזט איהם שטענדיג מיט די געהעריגע שפייז; ווען ער בעטראכט, אז גאט לאזט איבער די הנהגה פון דעם מענשענ'ס חיונה אויף דעם מענשענס שוואכען פערשטאנד און ער העלפט איהם אין דעם, ער גיט איהם אריין אידעען ווי אזוי ער זאל זיך קענען בעזארגען, — אז דער מענש וועט דאס אין זינען האבען, וועט ער וויסען זיינע פפליכטען צו זיין גאט, אזוי ווי דוד המלך בעט אין תהלים: "עבדך אני הבינני" — איך בין, גאט, דיין קנעכט, מאך מיך פערשטענדיג, גיב מיר אריין שכל און גוטע אידעען.

און אז א קנעכט ווייס און פערשטעהט די פיעלע טובות וואס ער געניסט

פון זיין ווירטה, טובות פאר זיין נשמה און פאר זיין גוף; ווען דער מענש וויים אז דער אויבערשטער קוקט אויף איהם שטענדיג און וויים אלעס וואס ער טהוט אין די עפענטליכקייט און פערבארגענהייט און גיט אכטונג אויף אלע זיינע בעוועגונגען און אלצדינג איז פערקניפט און פערבונדען מיט גאטס רצון; ווען דער מענש איז איבערצייגט אז די הימלישע קראפט געוועלטיגט איבער אלעס, אבער ער האט דעם מענשען געגעבען דעם רשות, די ברירה צו פאלגען דעם יצר הרע אדער דעם יצר טוב, — אז ער וועט דאס אין זינען האבען, וועט ער זיך מיט אלע זיינע קרעפטען סטארען צו טהאן זאכען וואס זאלען גאט געפעלען זיין. און אז ער וועט אזוי טהאן, וועט גאט פון איהם אוועקנעהמען די נארישקייט און וועט איהם בעקליידען אין א מלבוש פון מורא און חרפה פאר זיין בעשעפער. דער מענש וועט איהם דאן ליעב האבען, וועט וועלען דאס וואס גאט וויל, און דאס וועט איהם ברייגען פיעל גוטעס, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין דער תורה: "יאר ה׳ פניו אליך" — גאט וועט דערלייכטען זיין פנים צו דיר און וועט דיר טהאן גענאדען.

דער עיקר איז, אז האבענדיג מיט זיך דעם דערמאהנטען חשבון, וועט דער מענש פערפאלקאמענען די בעדינגונגען פון גאטס דיענסט, וועט אנער־קענען דעם בעשעפער אלס זיין אייגציגען האדר און זיין ליעבשאפט צו איהם וועט זיין א פאלשטענדיגע מיט אמת׳ע טרייקייט און איבערגעבענהייט. דער־פאר וועט די ליעבשאפט פון גאט צו איהם אויך זיין א פאלקאמענע און ער וועט איהם גטועס טהאן, אזוי ווי משה רבנו האט געזאגט צו די אידען: "וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך ויראו ממך" — אז אלע פעלקער פון דער וועלט וועלען זעהן אז גאט׳ס נאמען ווערט אויף דיר גערופען, וועלען זיי פאר דיר מורא האבען.

און ווארום איז דאס? ווארום האט עס משה רבנו צוגעזאגט די אידען אז אויב זיי וועלען דיענען גאט וועט מען פאר זיי מורא האבען? איז דער שכל דערפון, ווייל עס איז בעוואוסט, אז די גרויסקייט פון דיענער ווערט געשאצט לויט די גרויסקייט און מעלות פון די, ביי וועמען זיי דיענען, און לויט די לאסקע וואס זיי האבען ביי זייערע בעלי הבתים. עס פערשטעהט זיך, אז א דיענער ביי א מלך, וואס האט לאסקע ביים מלך און ער איז איהם מקרב, ווערט ביי לייטען אנגענומען פאר א חשוב׳ערען מענשען ווי א דיענער ביי א פראסטען ווירטה. און ווייל דער נאמען פון בעשעפער איז גרויס און ערהא־בען ביי אלע פעלקער, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין מלאכי: "כי ממזרח שמש עד מבואו גדול שמי בגוים" — פון זון אויפגאנג ביז זון אונטערגאנג, דאס הייסט: פון מזרח ביז מערב איז מיין נאמען גרויס ביי די פעלקער, דע־ריבער זיינען גאטס געטרייע און איבערגעגעבענע דיענער, וועלכע האבען ביי איהם חן, אנגענומען אלס חשוב׳ע לייט, וועלכע מען רעספעקטירט און מען האט פאר זיי מורא.

דעריבער האב דעם דאזיגען חשבון מיט זיך אליין און דו זאלסט, ברודער, ניט זיין גענייגט צו פאלגען דעם יצר הרע און דו זאלסט ניט בענוצען דיינע געדאנקען און דיין פערשטאנד אפצוגעבען זיך מיט וועלטליכע תאוות. האב שטענדיג אין זינען אז דער בורא יתברך גיט אכטונג אויף דיינע חשבונות, וועלכע דו מאכסט פערבארגען אין דיין הארצען, און דו זאלסט אלץ אין זינען האבען פון גאטס וועגען און פון זיין כבוד וועגען, ווייל ער וויים וואס דו

טראכסט, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין תהלים: "ה' יודע מחשבות אדם" — גאט ווייס די געדאנקען פון מענשען.

אכטענס, דארף זיך דער מענש רעכענען מיט זיך אליין וועגען דעם ענין פון איינינגען גאט אין זיין הארצען, וואס דאס איז אויף צוויערליי אופנים. ערשטענס, זיין א מאמין אין גאטס איינהייט, ווי מיר האבען ערקלעהרט אין אנפאנג פון דיעזען ספר, אין שער היחוד, און צווייטענס, איינינגען די מחשבה פון גאטס וועגען אין אלעם וואס דער מענש טהוט, א חוב אדער א רשות, א זאך וואס ער איז מחויב צו טהאן אדער אזעלכעס וואס ער מעג טהאן אדער ניט טהאן, אזוי ווי מיר האבען ערקלערט אין פינפטען שער פון דיעזען ספר, אין שער יחוד המעשה. אין דעם ענין פון איינינגען גאט איז דער הויפט בעדינגונג, אז דער מענש זאל ניט האבען קיין אנדער גאט אויסער דעם בעשעפער און ער זאל צו גאט ניט צורעכענען קיין געשטאלט, קיין פארמע, קיין איינגענשאפט און קיין איבערגאנג פון איין ווענזען צו אן אנדערען. ער דארף וויסען, אז עס איז ניטא קיין איינהייט ווי גאטס איינהייט און קיין בעשעפער, קיין מייסטער אויסער איהם, און אלעם וואס איז ערקלעהרט געווארען וועגען אחדות הבורא אין שער היחוד.

און דער הויפט באדינג אין יחוד המעשה, אין איינינגען טהאטען בלויז פון גאטס וועגען איז, אז אלעם וואס דער מענש טהוט דארף זיין כונה זיין לשם שמים, פון גאטס וועגען, פאר דעם כבוד פון זיין גרויסען נאמען, ניט כדי מען זאל איהם, דעם מענשען, לויבען: ניט ערוואַרטענדיג צו האבען צוליעב דעם פון אימיצען טובות, ניט אויס מורא פאר מענשען, ניט צו ציהען פון דעם וועלכע עס איז נוצען און ניט כדי אפצו־ווענדען פון זיך וועלכען עס איז שאדען, דא אויף דער וועלט אדער אויף יענער וועלט, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען: "אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס" — איהר זאלט ניט זיין ווי קנעכט וואס דיענען דעם ווירטה בלויז כדי צו קריעגען בעצאהלט.

און איבערציי זיך, ברודער, אין דעם פון די פיהרונגען פון מענשען. ווען איינעמם א גוטער פריינד פיהלט אז יענעמס הארץ איז ניט גאנץ מיט איהם, אדער א הארר פיהלט אז זיין קנעכטס הארץ איז מיט איהם ניט גאנץ, וועט ער אויף איהם געוויס אין כעס זיין און ער וועט איהם ניט פערצייהען סיידען דער פריינד אדער דער קנעכט וועט ארויסצייגען אמת'ע טרייהייט צו איהם, היינט ווי אזוי קענען מיר פערלאנגען פון בורא יתברך, וואס אלע בע־שעפעניסען מוזען צו איהם אנקומען און ער דארף צו קיינעם ניט אנקומען, אז ער זאל דולדען ווען מיר דיענען איהם ניט מיט טרייהייט און איבערגע־בענהייט? ווי אזוי קענען מיר האנדלען געגען גאט אויף אזא שטייגער וואס מיר ווילען ניט אז מענשען זאלען האנדלען געגען אונז?

און אז דער מענש מיט שכל וועט דאס איבעררעכענען, וועט ער זיך שעה־מען פאר'ן בעשעפער און וועט האלטען ריין זיינע מחשבות אין דעם ענין פון גאט'ס איינהייט און וועט טהאן זיינע מצות מיט חשק, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "דרך מצותיך ארוץ" — אין וועג פון דיינע פערזאגען וועל איך לויפען.

ניינטענס, דארף דער מענש זיך רעכענען מיט זיך אליין וועגען די ארט און ווייזע ווי אזוי ער דיענט גאט אין יעדען פרט בעזונדער. ער דארף אין

זינען האָבען, אז ווען דער מלך וואָלט איהם געהייסען טהאָן עפּעס א זאך מיט זיינע אברים, ווען ער וואָלט איהם, הייסט עס, אָנגעזאָגט ער זאָל טהאָן פיזישע ארבייט, וואָלט ער זיך געסטארעט מיט אלע זיינע מעגליכקייטען אָפּצוטהאָן די ארבייט אויפ'ן בעסטען אופן און קיין זאך וואָלט איהם ניט אָפּגעהאַל־טען. אויב ווייעדער דער קעניג זאָל אויף איהם ארויפלייגען גייסטיגע ארבייט, ארבייט צו וועלכע מען דארף צולייגען דעם קאָפּ, די געדאנקען, וואָלט ער זיך אנגעשטרענגט און וואָלט אנגעווענדעט זיין גאנצען שכל דורכצופיהרען דיא זאך ריכטיג, אהן פעהלערען. און ווען ער, דער מענש, זאָל וועלען אָפּדאנקען דעם מלך פאר חסדים וואָס ער האָט מיט איהם געטהאָן; אויב ער וואָלט געוואָלט געבען דעם דאנק שריפטליך אָדער מינדליך, וואָלט ער זיכער ניט געשפּאָרט קיין מיה און וואָלט עס ארויסגעבראכט מיט דער שעהנסטער און בעסטער מליצה, מיט דיא שעהנסטע און בעסטע ווערטער וואָס מען קען אויסדריקען, אויב די ווערטער זיינען אמת'ע, אויב זיי דריקען אוים שבחים, צו וועלכע דער קעניג איז טאקי בערעכטיגט, אָדער אפילו מיט פאלשע שבחים וואָס ער האָט גאָר ניט פערדיענט. און ווען נור ער וואָלט געקענט צייגען דעם קעניג זיין דאנקבארקייט מיט אלע זיינע גליעדער, די אויסוויי־ניגסטע און די אינוויי־ניגסטע, וואָלט ער דאָס געטהאָן. ווען מעגליך וואָלט ער אויסגעדריקט זיין דאנקבארקייט דורך דעם הימעל, די ערד און אלעם וואָס אויף דער וועלט געפינט זיך, אום דער קעניג זאָל וויסען אז ער דאנקט איהם. היינט אז אזוי וואָלט ער געהאנדעלט געגען א מענשען, וואָס איז אייגענטליך א שוואכע בע־שעפענים און געדויערט ניט לאנג אויף דער וועלט, טאָ ווי אזוי דארף ער האנדלען מיט אָפּגעבען א שבח והודיה דעם גרויסען און אלמעכטיגען בעשעפער?

און מען דארף וויסען, אז אלעם וואָס א מענש טהוט פון גאָטס וועגען מוז זיין איינס פון די דריי: זאכען וואָס ווערען געטהאָן בלויז אין דער מחשבה, ווי אמונה אין אחדות הבורא און דאָס גלייכען; זאכען וואָס ווערען דורכגעפיהרט דורך די אברים און די מחשבה אָדער כונה, ווי תפלה טהאָן, לער־נען, לויבען און דאנקען גאָט, זאָגען לייטען מוסר און עהנליכעס, צו וועלכע מען געברויכט דעם מויל און דאָס הארץ, און ווייעדער אזעלכע מצות, וואָס ווערען געטהאָן מיט די גליעדער און בלויז ביים אָנפאנג דארף מען אין זינען האָבען אז מען געהט עס טהאָן פון גאָטס וועגען, ווי, למשל, סוכה, לולב, ציצית, מזוזה, שמירת שבת און דאָס גלייכען. וואָס בעת דער מענש איז מקים די דאָזיגע מצות קען ער זיך אין זינען האָבען אנדערע זאכען. ווען מען זיצט אין סוכה מוז מען ניט קאָנצענטרירען די געדאנקען בלויז אויף דער סוכה; בעת מען טראָגט ציצית, מוז מען ניט אין זינען האָבען בלויז די ציצית און אזוי עהנליכע מצות. ביי הובות הלבבות אָבער, ביי הערצליכע פפליכטען, מוז דער מח זיין פריי פון וועלטליכע זאכען און די געדאנקען דארפען זיין קאָנצענטרירט בלויז צו דער איין זאך, אזוי ווי מען דערצעהלט אויף א געוויסען פרוש, אויף א פרומען מאַן, וואָס פלעגט זאָגען אין זיין תפלה: "מיין גאָט, די זאָרג וואָס איך האָב דערפון וואָס איך דיען דיך אפשר ניט גענוג, בעזייטיגט אין מיר אנדערע זאָרגען און דער צער וואָס איך האָב דערפון פערטרייבט פון מיר אנדערע מינים צער". און אז דער מענש פיהרט זיך אזוי, זיינען זיינע מעשים אָנגענומען ביי גאָט.

און ווען א מענש איז זיך עוסק אין א מצוה, וואָס ער איז מחויב צו

טהאָן אי מיט די אברים, אי מיט'ן הארצען, ווי דאַווּנען און דאָס גלייכען, דאַרף זיין קערפּער אויך זיין פריי פון אנדערע זאכען און איבערגעגעבען בלויז צו דער מצוה. בעת ער טהוט תפלה דאַרף ער אינגאַנצען זיין ארויסגעטהאָן פון דער וועלט, און אפילו ניט טראַכטען וועגען עולם הבא. ער דאַרף נור אין זינען האָבען איין זאַך: צו וועמען ער רעדט און ביי וועמען ער בעט. און מען דאַרף וויסען, אז די ווערטער וואָס געהען ארויס פון מויל זיינען אזוי ווי א שאָלעכץ ארום א פּרי, דאָס פערשטעהען די בעדייטונג פון די ווערטער איז אזוי ווי די האַרץ, די פּרי גופא, אָדער די תפלה אין אלגעמיין איז אזוי ווי א גוף און דאָס פערטיעפען זיך אין דעם וואָס מען ברייננגט ארויס פון מויל איז אזוי ווי די נשמה. דעריבער, אז איינער איז מתפלל מיט'ן מויל און זיינע געדאַנקען זיינען פערנומען מיט וועלטליכע זאכען, איז זיין תפלה א קערפּער אָהן א גייסט אָדער א שאָלאכץ אָהן א פּרי. אויף אזעלכע זאָגט דער נביא ישעיה: "יען כי נגש העם הזה בפיו ובשפתיו כבדוני ולבו רחק ממני" — ווייל דאָס דאָזיגע פאָלק האָט זיך צו מיר דערנעהענטערט מיט זיין מויל און מיך געעהרט מיט די ליפּען, אָבער זיין האַרץ איז ווייט פון מיר.

דער וואָס טהוט תפלה צו גאָט בלויז מיט'ן מויל און ניט מיט'ן הארצען איז גלייך צו א קנעכט וואָס זיין ווירטה איז געקומען צו איהם אין הויז, האָט דער קנעכט אָנגעזאָגט זיין ווייב און די איבעריגע בני בית אז זיי זאָלען איהם שעהן אויפנעהמען און טהאָן פאַר איהם אלעם וואָס עס פּאַסט צו טהאָן פאַר א הארר. אליין אָבער איז ער אוועק פראַווען הוליאַנקעס מיט גוטע ברידער און ניט געוואָלט בעמיהען זיך צו צוטיילען כבוד דעם ווירטה. איז דער ווירטה אין כעס געוואָרען און גאָר ניט געוואָלט אָננעהמען דעם כבוד און די אויפנאהמע פון זיין קנעכט'ס ווייב און קינדער. אזוי אויך וויל גאָט ניט אָננעהמען די תפלה וואָס ווערט ארויסגעבראַכט בלויז פון צונג, אָבער אָהן הערצליכע כונה.

צום סוף שמונה עשרה זאָגען מיר: "יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי" — זאָלען בעוויליגט ווערען די רייד פון מיין מויל און דאָס טראַכטען פון מיין האַרץ. היינט ווי אזוי שעהמט מען זיך ניט דאָס צו בעטען, ווען בעת זאָגען די שמונה עשרה איז דאָס האַרץ גאָר געווען פערנומען מיט מחשבות פון וועלט־ליכע ענינים, אזעלכע וואָס מען מעג אָדער אזעלכע וואָס מען טאָר ניט? אונזערע חז"ל האָבען געזאָגט: "ימוד אדם את עצמו, אם יכול לכון את לבו יתפלל ואם לאו אל יתפלל" — א מענש דאַרף זיך איבערצייגען ביי זיך אליין, אויב ער קען האָבען די ריכטיגע כונה, זאָל ער תפלה טהאָן אָדער דאַוונען, און אויב ניט, זאָל ער בעסער גאָר ניט דאַוונען. רבי אליעזר האָט פאַר זיין טויט אָנגעזאָגט זיינע תלמידים: "וכשאתם מתפללים דעו לפני מי אתם מתפללים" — ווען איהר וועט מתפלל זיין, זאָלט איהר וויסען פאַר וועמען איהר זייט מתפלל. אין איכה איז דאָ א פסוק: 'נשא לבבנו אל כפים אל אל בשמים" — לאָמיר אויפהויבען די הענד מיט די הערצער צו גאָט אין הימעל. אין די הייליגע שריפטען זיינען דאָ נאָך פסוקים וואָס דריקען אוים דעם געדאַנק, אז תפלה מוז זיין מיט'ן גאַנצען הארצען.

און דו דאַרפסט, ברודער, וויסען, אז די הויפּט כונה פון תפלה איז, אז די נשמה זאָל פיהלען א בענקשאַפט צו גאָט און דער מענש זאָל דערפון וואָס ער דערהויבט דעם בעשעפער אונטערטעניג ווערען צו איהם. און ווייל עס

וואָלט שווער געווען פאַר מענשען אליין מסדר צו זיין תפלות, ווייל מענשען וואָלטען אליין ניט געקענט אויסדריקען אַלעס פון זייערע אייגענע געדאַנקען, דעריבער האָבען אונזערע חכמים פערפאַסט א סדר התפלות, אין וועלכע עס געפינען זיך פערשידענע געבעט אַדער פערלאַנגען פון גאָט ב"ה. אין דיא תפלות זיינען דאָ אַזעלכע וואָס א מענש וואָלט זיך אליין געשעהמט צו בעטען, ווי, למשל, מודה זיין אויף די זינד און בעטען ביי גאָט מחילה. אָבער אז די תפלות זיינען פערפאַסט פאַר אַלעמען גלייך, שעהמט מען זיך ניט. און דיא חכמים האָבען געהייסען זאָגען די תפלות מיט'ן מויל און ניט יוצא זיין בלויז מיט האָבען זיי אין דער מחשבה, ווייל אין מענשען'ס מח מישען זיך פערשיע־דענע רעיונות און עס איז שווער צו קאָנצענטרירען די געדאַנקען אויף איין זאַך. ווען אָבער מען רעדט ארויס ווערטער מיט'ן מויל, איז די טבע אז דיא מחשבה געהט נאָך די רייד. עס איז לייכטער, הייסט עס, צו מכון זיין א געדאַנק, ווען מען ברייננגט איהם ארויס אין ווערטער. בשעת הדחק אָבער, פאַר א נויט, איז מען אין געוויסע פעלע יוצא מיט טראַכטען די תפלה אין האַרצען. אין געוויסע פעלע איז מען אויך יוצא מיט א תפלה קצרה, מיט א קיצור, אַן אויסצוג פון די תפלות וואָס די חכמים האָבען מסדר געווען, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער מסכת ברכות.

דעריבער, ברודער, האָב דיין תפלה אין דיין מחשבה און פערגלייך דיא מחשבה מיט די ווערטער וואָס דו ברייננגסט ארויס פון דיין מויל. ווענד אָפּ דיין גוף פון אַלע דיינע בעוועגונגען און בעת דו טהוסט תפלה בעפריי דיינע געפיהלען און רעיונות פון וועלטליכע ענינים. פערגלייך דיין תפלה צו גאָט מיט דעם ווי דו וואָלסט עס געטהאָן צו דיין קעניג. ווען דו וואָלסט גערעדט צו א קעניג, וואָלסטו גערעדט מיט'ן גאַנצען האַרצען, אפילו וויסענדיג אז ער ווייסט ניט וואָס ביי דיר אין האַרצען טהוט זיך, א פּשיטא שוין צום בעשעפער וואָס ווייס דיינע מחשבות, דאַרפסטו געוויס אין זינען האָבען נור דאָס וואָס דו רעדסט פאַר איהם און ניט עפּעס אנדערש.

און פערגעס ניט, אז תפלה איז א זאַך וואָס דער בעשעפער האָט אויף דיר אָנפערטרויט. עס זיינען דאָ זאַכען וואָס מענשען זעהען אויב מען טהוט זיי ריכטיג אַדער ניט, מאַכט איינער דעם אנדערען אויפמערקזאַם, אז דאָס און דאָס טהוסטו ניט ווי געהעריג איז. מיט תפלה אָבער איז אנדערש. קיין זייטיגער מענש ווייס דאָך ניט אויב דו דאַווענסט מיט דער ריכטיגער כונה אַדער ניט. דאָס פערלאָזט זיך גאָט אויף דיינע נאמנות, טאָ ווי אזוי קענסטו דאָס פעלשען? ווארום זאָלסטו זיין פון די וואָס דער פּסוק זאָגט אויף זיי אין דער סדרה האזינו: "בנים לא אמון בם" — קינדער וואָס מען קען זיי ניט טרויען, וואָס מען קען זיך אויף זיי ניט פערלאָזען?

און ווען א מענש טהוט וועלכע עס איז מצוה מיט זיינע גליעדער, ווי סוכה, ציצית און דאָס גלייכען, דאַרף ער פריהער איידער ער טהוט די מצוה מכון זיין פון גאַנצען וועגען. ער דאַרף אין זינען האָבען צו דערפילען דערמיט דעם רצון פון בעשעפער און דאַנקען איהם און ליבען איהם פאַר די חסדים און טובות וואָס ער געניסט פון איהם. עס איז אָבער ניט שייך צו זאָגען, אז זיינע געדאַנקען זאָלען דורכאויס זיין קאָנצענטרירט אויף דער סוכה אַדער אויף די ציצית. ער מוז אָבער שטענדיג אין זינען האָבען צו וועלען נאָכקומען דעם הייליגען רצון פון השי"ת אויס מורא פאַר איהם, אזוי ווי דוד המלך זאָגט

אין תהלים: ״לעשות רצונך אלהי חפצתי״ — מיין גאָט, איך וויל טהאָן דיין ווילען. אין אן אנדער אָרט זאָגט ער: ״חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך״ — איך בערעכען מיינע וועגען, איך האָב מיט זיך א חשבון הנפש און איך ווענד מיינע פיס צו דיין תורה.

# פרק ה׳

מיר האַלטען איצט ביים צעהנטען חשבון וואָס א מענש דאַרף האָבען מיט זיך אליין. דיעזער איז: דאָס אין זינען האָבען, אז דער בעשעפער קוקט אויף זיינע אָפענבאַרע און פערבאָרגענע מעשים, אז דער בעשעפער זעהט איהם שטענדיג און געדענקט אלע זיינע טהאַטען און אפילו וואָס עס לויפט נור דורך אין דעם מענשען׳ס געדאַנקען, גוטעס אָדער שלעכטעס. האָבענדיג דאָס אין זינען, וועט זיך דער מענש שטענדיג בעמיהען צו פערריכטען דאָס וואָס ער מאַכט קאַליע דורך טהאָט אָדער דורך דער מחשבה:

יעדער דאַרף זיך נעהמען א ביישפּיעל: ווי וואָלט געווען אז א מענש זאָל אויף איהם שטענדיג קוקען און בעאָבאַכטען זיינע בעוועגונגען, וואָלט רעכט געווען אז ער זאָל טהאָן א זאַך וואָס יענער האַסט אָדער עס עקעלט איהם? היינט וואָרום זאָל ער פאַר גאָט׳ס אויגען טהאָן אזעלכעס, וואָס ער האָט פּייעט? וואָרום זאָל ער זיך ניט שעהמען פאַר איהם און פאָרזיכטיג זיין ניט צו טהאָן אזעלכעס וואָס איז השם יתברך ניט לרצון? און וואָרום זאָל ער איהם ניט דיענען און געווינען זיין ליעבשאַפט?

און ווייטער, ווייסען מיר דאָך, אז ווען מיר געהען אַרויס אנטקעגען מלכים ושרים אָדער אזוי גרויסע לייט פּוצען מיר זיך אויס אין אונזערע שעהנסטע און בעסטע קליידער, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין מגילת אסתר: ״כי אין לבוא אל שער המלך בלבוש שק״ — מען קען ניט אריינקומען אין טהויער פון קעניג׳ס פּאַלאַץ אין א מלבוש פון א זאַק, אָדער ווען יוסף האָט געדאַרפט ערשיינען פאַר פרעה, ווערט געזאָגט: ״ויגלח ויחלף שמלותיו״ — ער האָט זיך אָפּגעגאָלט און אומגעביטען זיינע קליידער. איז פאַר א מלך אָדער א שר דאַרף מען זיך נור פּוצען אויסערליך, ווייל מעהר ווי דאָס זעהט א מענש ניט, אָבער גאָט דאַרפען מיר דיענען אי אויסערליך, אי אינערליך, ווייל ער זעהט און ווייסט אונזערע מחשבות אזוי גוט ווי די אָפענבאַרע טהאַטען. ווען מיר וואָלטען זיך פאָרגעשטעלט אז דער קעניג זעהט וואָס ביי אונז אין די הערצער טהוט זיך אזוי גוט ווי ער זעהט אונזער אויסערליכען אויסזעהן, וואָל־טען מיר אויך געריינינט אונזערע געדאַנקען געגען איהם לויט זיין פערלאַנג.

און איהר זעהט דאָך, אז מענשען לערנען חכמות און די געזעצע פון לאַנד אין וועלכע זיי וואָהנען מיט דעם אָבזיכט כדי לאַסקע צו האָבען ביים קעניג, וועלכער פערלאַנגט פון זיינע אונטערטהאַנען אז זיי זאָלען ניט זיין אונוויסענד און קלאָהר זיין אין די נמוסי המדינה, אין די לאַנדעס געזעצע. און אז אזוי, ליעגט דאָך אויף אונז א גרעסערע פפליכט צו פלייסען זיך און פּוצען זיך פאַר׳ן בורא יתברך און וויסען די חכמת התורה און איהרע דינים און אָפּהיטען זיי. אז פאַר א מלך בשר ודם טהוען מיר דאָס, דאַרפען מיר דאָס געוויס טהאָן פאַר גאָט וואָס ווייס און זעהט אונזערע בעהעלטנים און קיין זאַך ווענדט איהם ניט אָפּ פון קוקען און אכטונג געבען אויף אונז, אויף אונזערע גליעדער און

אינערליכע מחשבות, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין ירמיה: ״אני ה׳ חוקר לב בוחן כליות״ — איך גאָט פאָרש די הערצער און בעאָבאַכטע די ניערען. אין זכריה איז דאָ א פסוק: ״בכל מקום עיני ה׳ ״ — איבעראַל, אין יעדען פלאַץ זיינען גאָט׳ס אויגען. און דער מענש טאָר ניט דענקען, אז גאָט קוקט אויף איהם ניט. דוד המלך זאָגט אין תהלים: ״ה׳ משמים השקיף על בני אדם״ — גאָט קוקט פון הימעל אויף די מענשען, און עס זיינען דאָ נאָך פסוקים וואָס דריקען אויס דאָסזעלבע.

און אז דער גלויבינגער וועט שטענדיג האָבען דיעזען חשבון מיט זיך און וועט עס האָבען אויף זיין רעיון, וועט גאָט׳ס נאָמען זיין איינגעקריצט אין זיין הארצען, ער וועט דעם בעשעפער זעהן מיט די אויגען פון זיין שכל, ער וועט, הייסט עס, פערשטעהען די גאָטהייט און ער וועט פאַר גאָט מורא האָבען, וועט איהם ערהויבען און איבערצייגט זיין אין זיין גרויסקייט דורך זיינע מעשים, דורך זיין שאַפונג און די ארט און ווייזע ווי ער פיהרט די וועלט, וואָס דאָס זאָגט עדות אויף זיין גרויסקייט, ערהאַבענקייט, חכמה און מאַכט.

און אז דער מענש וועט שטענדיג אזוי טהאָן, וועט דער בעשעפער איהם פריי מאַכען פון זיינע זאָרגען, איהם בערוהיגען פון זיין שרעק, ער זאָל פאַר קיינעם און פאַר קיין זאַך ניט דאַרפען מורא האָבען, און וועט פאַר איהם עפענען די טהויערען פון זיין וויסענשאַפט, וועט איהם ענטדעקען די סודות פון זיין חכמה און וועט האַלטען אָן אויג אויף זיינע דרכים און פיהרונגען צו העלפען איהם און שטיצען איהם וואו ער וועט זיך קעהרען און ווענדען, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים אין קאַפּיטעל: ״מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר״.

און דאָס איז נאָך ניט אַלעס. דער מענש מיט די דערמאָהנטע הנהגות וועט שטייגען צו דער הויכער מדרגה פון צדיקים און חסידים און וועט זעהן אָהן אויגען, וועט הערען אָהן אויערען, וועט ריידען אָהן א צונג און וועט פיהלען זאַכען אָהן די חושים, וואָס זיינען פאַר זיי בעשטימט. ער וועט, הייסט עס, קומען צו דער מדרגה פון נבואה, א זאַך וואָס איז ניט אזוי לייכט צו בעגרייפען. דער מענש יענער וועט קיין זאַך ניט פער׳מאוס׳ן, וועט מאַכען זיין ווילען אַבהענגינג אָן דעם רצון פון גאָט, זיין ליעבשאַפט וועט זיין אַבהענגינג אָן גאָט׳ס ליעבשאַפט און וועט ליעב האָבען דאָס וואָס גאָט ליעבט און האַסען דאָס וואָס גאָט האַסט. און אויף אזעלכען זאָגט דער חכם אין משלי: ״כי מוצאי מצא חיים ויפק רצון מה׳ ״ — דער וואָס געפינט מיך (די תורה) דער וואָס ערווערבט די חכמת התורה, געפינט לעבען און קריעגט בעוויליגונג פון גאָט.

דער עלפטער חשבון וואָס א מענש דאַרף האָבען מיט זיך אליין איז וועגען זיין פערגאַנגענהייט. ער דאַרף זיך פערטראַכטען אין דער זאַך און אויסגעפינען אויב ער האָט אין דער צייט וואָס ער האָט אָפּגעלעבט זיך עוסק געווען אין די דיענסט פון זיין גאָט אָדער אין די דיענסט פון יצר הרע. ער דאַרף זיך פאָרשטעלען אזא זאַך: ווען דער קעניג זאָל איהם געבען א סומע געלד ער זאָל דאָס אויסגעבען אויף געוויסע זאַכען און איהם אָנזאָגען, אז אויף קיינע אַנדערע זאַכען זאָל ער אפילו דיא קלענסטע קלייניגקייט ניט אויסגעבען. און דער קעניג זאָל איהם מתרה זיין, אז צו ענדע יאָהר, לאָמיר זאָגען, וועט די רעגיערונג פאָדערען פון איהם דין וחשבון און אויב מען וועט אויסגעפינען אז ער האָט געהאַנדעלט ניט פּינקטליך ווי מען האָט איהם גע־

הייסען, וועט עס איהם ניט געשענקט ווערען און ער וועט בעשטראָפט ווערען פאַר יעדע איבעריגע פּרוטה וואָס ער האָט אויסגעגעבען. — אין אַזאַ פאַל וואָלט ער געוויס פון צייט צו צייט אויסגערעכענט וויפיעל ער האָט פון דעם מלך'ס געלד אויסגעגעבען און וויפיעל עס איז נאָך איהם פערבליעבען, און ער וואָלט זיך געהיט און וואָלט זעהר פּאַרזיכטיג געווען אַז דער חשבון זאָל שטימען און ער זאָל ריכטיג קענען אויפצייגען אויף וואָס ער האָט די געלד אויסגעגעבען און וויפיעל ער האָט אויף יעדע זאַך בעזונדער אויסגעגעבען. אַזוי וואָלט יעדער זיכער געהאַנדעלט מיט אַ מלך, וואָס איז ניט מעהר ווי אַ מענש אַזוי ווי ער. און וויבאַלד אַזוי, דאַרפסטו, ברודער, זיך בעדענקען, אויב נור דו קענסט, יעדען טאָג אויב דו וועסט קענען אָפּגעבען אַ פּינקטליכען רע־כענונג וועגען דיינע פפליכטען צו גאָט, ברוך הוא.

און אויב דו וועסט פערנאַכלעסיגען צו האָבען דיזען חשבון הנפש וועגען די פערגאַנגענע צייט; אויב דו וועסט ניט בעטראַכטען וואָס דו האָסט ביז איצט אויפגעטהאָן און וואָס דו האָסט פערפעהלט צו טהאָן פון גאָט'ס וועגען, דאַרפסטו לכל הפחות זיך בעדענקען וואָס דו האָסט צו טהאָן אויף ווייטער. זאָל איין נאַכלעסיגקייט ניט יאָגען די אַנדערע נאַכלעסיגקייט און זאָל איין פערזעהען ניט יאָגען אַן אַנדער פערזעהען. דו זאָלסט, הייסט עס, ניט זאָגען: וויבאַלד איך האָב ביז איצט ניט געמאַכט קיינע חשבונות וועגען מיינע שולדען צו גאָט, וועל איך דאָס שוין ווייטער אויך ניט טהאָן. ביי גאָט, דאַרפסט וויסען, איז ניטאָ קיין נאַכלעסיגקייט, קיין פערזעהן און קיין פערגעסונג, און אויב דער מענש מאַכט אַ חשבון הנפש אָדער ניט, איז זיין חשבון פאַראַן ביים בעשעפער און ער וועט זיך פון דעם ניט אויסדרעהען.

און עס איז שוין געזאָגט געוואָרען, אַז די טעג פון מענשענס לעבען זיי־נען ביכער און די מענשען דאַרפען אין זיי איינשרייבען אַלעס וואָס זיי דאַרפען וויסען און געדענקען. דאָס הייסט, אַז יעדער איינער דאַרף טאָג איין, טאָג אויס האָבען אַ חשבון מיט זיך אַליין וואו ער האַלט אין דער וועלט. און דוד המלך זאָגט אין תהלים: "אל תהיו כסוס כפרד" — איהר זאָלט ניט זיין ווי אַ פערד אָדער ווי אַן עזעל וואָס ווייס ניט און פערשטעהט ניט פון איבער־דענקען, איבערטראַכטען וועגען זיין אייגענעם לעבען.

צוועלפטענס, דאַרף דער מענש האָבען אַ רעכענונג מיט זיך אַליין בעת ער קריעגט אַ שטאַרקען חשק צו עולם הזה, צו וועלטליכע זאַכען און ער סטאַרעט זיך מיט אַלע זיינע מעגליכקייטען צו געניסען וואָס מעהר פון דער וועלט. איז דאַמאָלס, בעת ער איז אריינגעטהאָן אין עולם הזה, זאָל ער אָפּוועגען און אָפּמעסטען זיינע וועלטליכע טרדות מיט זיין דענקען וועגען דעם ענין פון זיין סוף, וואָס עס וועט זיין שפּעטער נאָך זיין טויט, און ער וועט דאָן אַליין איינזעהן, אַז זיינע מחשבות אין וועלטליכע ענינים זיינען ביי איהם די העכסטע און וויכטיגסטע פון זיינע מחשבות, און זיין האָפנונג צו געניסען וואָס מעהר פון דער וועלט איז ביי איהם די העכסטע און וויכ־טיגסטע האָפנונג. ווען ער וועט די זאַך גוט בעטראַכטען, וועט ער איינזעהן, אַז כאָטש וויפיעל ער וועט געניסען פון דער וועלט וועט איהם אַלץ ווייניג זיין, ווארום די תאוות עולם הזה זיינען אַזוי ווי פייער, וואָס מעהר האָלץ מען לייגט אויף דעם אַלץ מעהר ברענט עס, דאָך איז זיין האַרץ אין כונה נור צו דעם, צו די תענוגי העולם. ער דענקט ניט ליעב צו האָבען נור דעם

יענינגען וואס וועט איהם העלפען געניסען פון דער וועלט און ער האלט קיינעם פאר קיין גוטען פריינד אויסער דעם וואס שאפט איהם פיעל ניט אין עולם הזה. ער וועט איינזעהן אז זיין קאפ איז שטענדיג פערנומען מיט טראכטען וועגען זול און יקרות אויף סחורות אין אלע עקען וועלט, וועגען קויפען און פערקויפען, און עס האלטען איהם ניט אפ קיינע שוועריגקייטען צו פאהרען אין ווייטע וועגען אין היטץ, אין קעלט און אין ים שטורעמס, אלץ ווייל ער האפט צו ערגרייכען זיין צוועק, וואס איז אין אמת'ן ניט קיין צוועק, ווייל עס קען זיין, אז זיין מיה וועט זיין אומזיסט און מעהר ווי טרחה און וועלט פלאגעניש זאל ער דערפון ניט האבען.

און אויב אפילו זיין וואונש וועט יא מעהר אדער וויינינער ערפילט ווע־רען; אויב אפילו ער וועט האבען פראפיט, ווער קען וויסען אויב דאס וועט ביי איהם פערבלייבען? אפשר וועט ער בלויז זיין א שומר אויף דעם פאר א געוויסע צייט און אנקומען וועט עס נאכהער צו אן אנדערען ביי זיין לעבען אדער נאך זיין טויט, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין ירמיה: "בחצי ימיו יעזבנו" — איינער קלייבט אן עשירות און מוז עס פערלאזען אין מיטען זיין לעבען, אדער ווי אין תהלים ווערט געזאגט: "ועזבו לאחרים חילם" — מענשען זאמלען רייכטהום און שטארבען אוועק און לאזען עס איבער פאר אנדערע. און דער חכם שלמה המלך האט אונז געווארענט פון האוועץ צופיעל און אוועקלייגען מיה אום רייך צו ווערען, אזוי ווי ער זאגט אין משלי: "אל תיגע להעשיר מבינתך חדל" — דו זאלסט זיך ניט מיהען רייך צו ווערען, מיט דיין שכל פערשטעה אויסצומיידען עס, און ווי ער זאגט דארט ווייטער וועגען די קלעמענים וואס מען קען האבען פון רייכטהום — "התעיף עיניך בו ואיננו" — דו וועסט נור בליקען אויף דעם, אויף די עשירות, און עס איז ניטא. אין איין אויגענבליק קען דאס פערשווינדען. און איין חכם, דוד המלך, האט אונז געלערענט: "יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך" — אז דו וועסט עסען פון דיין הארעוואניע, פון דיין פראצע און זיך ניט יאגען נאך רייכטהום, וועט דיר וואויל און גוט זיין.

און אזוי האט דער חסיד, אגור בן יקה (משלי ל׳) געבעטען פון זיין גאט ער זאל איהם נור געבען זיין נויטיגע חיונה און דערוויטערען פון איהם רייכקייט אדער צופיעל ארימקייט, וואס עס קען ברייננען דעם מענשען אראפצוגעהן פון גלייכען וועג. ער זאגט דארט: "ריש ועושר אל תתן לי הטריפני לחם חקי" — ארימקייט און רייכטהום זאלסטו מיר, גאט, ניט געבען, שפייז מיר נור, גיב מיר נור פיעל איך מוז נויטיג האבען, ווארום אויב איך וועל צופיעל זאט זיין, וועל איך לייקענען אין גאט און אויב איך וועל צופיעל ארים זיין וועל איך ווערען א גנב. יעקב אבינו, עליו השלום, האט אויך אזוי געבעטען: "ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש" — גאט זאל מיר געבען ברויט צו עסען און א בגד אנצוקליידען זיך.

בעטראכטענדיג דאס אלעס וועסטו, ברודער, ערוואכען און איינזעהען דעם טעות פון האוועץ צופיעל, פון זיכען נאכצוגעבען דעם גוף, וואס עקזיסטירט בלויז א קורצע צייט און איז קיינמאל ניט בעווארענט פון צער און בייזע בענגעגעניסען כל זמן ער איז בעהעפט מיט דער נשמה. איז דער גוף צופיעל זאט, ווערט ער קראנק; איז ער הונגעריג, ווערט ער אפגעשוואכט; קליידסטו איהם צופיעל, קען ער דאס ניט פערטראגען און לאזטו איהם נאקעט, ליידעט

ער אויף. און די געזונדהייט פון גוף, זיין קראנקהייט, זיין לעבען און זיין שטארבען זיינען ניט אין דיין רשות און דאס איז ניט ווי דו ווילסט. דאס איז אלץ אין די הענד פון דיין בעשעפער, לויט זיין הייליגען רצון. און ווען אפילו דער גוף זאל האבען דיעזעלבע מעלות פון דער נשמה און שטעהען אויף איין מדרגה מיט איהר, וואלסטו דאך אויך געדארפט זארגען פאר דער נשמה אזוי ווי דו זארגסט פאר'ן גוף, בפרט אז די נשמה שטעהט אזוי פיעל העכער פון גוף, דער נשמה'ס וועלט האט א סך מעהר מעלות ווי די וועלט, אין וועלכע דער גוף לעבט, האט מעהר קיום ווי דער גוף, קען עקזיסטירען אליין אהן צוזאמענ־בינדונג מיט עפעס אנדערש, איז איידעל און דעליקאטנע און האט ניט אין זיך די פראסטקייט פון א קערפער, איז פערשטענדיג און איז שטענדיג גענייגט צו גוטע מדות, ניט צו שלעכטע, — היינט אז דו שענקסט אזוי פיעל מיה פאר'ן גוף, כאטש ער איז נישטיג און מבוזה און שוואך, טא ווי דארפסטו זיך בעמיהען פאר דיין נשמה וואס איז אזוי חשוב, אזוי ערהאבען און פערבלייבט אויף שטענדיג און ווערט קיינמאל ניט כלה?

נאך דיעזען חשבון ועסטו איבערציינגט זיין, אז דו דארפסט און דו מוזט מתקן זיין דיין נשמה דורך דער חכמת התורה אזוי ווי דער פסוק זאגט אין משלי: "קנה חכמה קנה בינה" — קויף אדער ערווערב חכמה און פערשטענ־דיגקייט. און אין אן אנדער פלאץ זאגט שלמה המלך: "אם חכמת חכמת לך" — אויב דו ביזט קלוג ביזטו קלוג פאר דיר. דאס הייסט: די גייסטיגע זאכען פערבלייבען ביי דיר, קיינער קען דאס ביי דיר ניט אוועקנעהמען אזוי ווי מען קען אוועקנעהמען קערפערליכע זאכען.

זעה, ברודער, און פערשטעה דעם חילוק צווישען די צוויי זאכען, דער גוף מיט דער נשמה, און ווענד זיך אפ פון מותרות, פון איבעריגע, אוננוציגע זאכען, און סטארע זיך אנצוגרייטען וואס מעהר פאר דיין סוף, אויף נאכ'ן טויט. דו זאלסט ניט זאגען אז מיט דיר וועט ניט פאסירען ערגערס ווי מיט דעם אונוויסענדען, וואס ווייס גאר ניט און פערשטעהט גאר ניט. דאס איז ניט ריכטיג אזוי. מען וועט ביי דיר מאהנען לויט דיין שכל און וויסען. האסטו מעהר שכל, ווייסטו מעהר, ביזטו מחויב צו טהאן מעהר פון גאטס וועגען. דיין חשבון איז א גרעסערער ווי דער חשבון פון דעם וואס ווייסט ווייניגער ווי דו און פאר דיין נאכלעסיגקייט אין עבודת הבורא וועט דיא שטראף זיין שטארקער.

און דו זאלסט זיך ניט פערלאזען אויף א זאך וואס קען דיך ניט רעכט־פערטיגען און זיך ניט בערוהיגען מיט א טענה וואס וועט דיר שאדען, ניט גוטעס טהאן.

ווען איך זאל וועלען ארומריידען דיזען עניין פינקטליך, וואלט עס געווען צו לאנג, צו פיעל. דעריבער וועט פאר דיר גענוג זיין דאס וואס איך האב דיר דא געזאגט און געווארענט און געלערענט. פארטיף זיך אביסעל אין דער זאך לויט דו קענסט בעגרייפען און פערשטעהן און פערשטעה מיך אויפ'ן וואונק. דאס איבעריגע לערען פון דער תורה און די רז"ל און דו וועסט אלעם מיט גאט'ס הילף וויסען קלאר און דייטליך.

דער דרייצעהנטער חשבון הנפש באשטעהט אין דעם, וואס דער מענש דארף בעטראכטען זיינע מעשים און זיך איבערציינגען אז ער טהוט ניט גענוג פון גאט'ס וועגען. ער דארף וויסען, אז ער פערשטעהט און בעגרייפט מעהר ווי ער

טהוט און ווען ער זאָל זיך מעהר אָנשטרענגען וואָלטען זיינע מעשים טובים גע־קענט זיין מעהר ווי זיי זיינען.

דיזער פּונקט קען פאַרגליכען ווערען צו א דיענער וואָס זיין ווירטה האָט איהם געגעבען אַ פעלד צו פערזעען און אויך זוימען גענוג פאַר דער גאַנצער פעלד, האָט דער דיענער פאַרזעעט א ביסעל און די איבריגע זוימען האָט ער צוגענומען פאר זיך, פאר זיין אייגענעם געברויך. און אז דער ווירטה האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט ער אויפ'ן דיענער ארויפגעלעגט א שטראָף אז ער זאָל איהם בעצאָהלען ניט בלויז פאַר די זוימען אָדער תבואה וואָס ער האָט פאַר־ברויכט פאַר זיך, נור אויך פאר די תבואה וואָס דאָס פעלד וואָלט געווען ארויס־געבראכט, ווען מען זאָל איהר געווען פארזעען איינגאַנצען.

אזוי דאַרפסטו, ברודער, דעם חשבון האָבען וועגען דיין דיענען גאָט. דו ווייסט דאָך, אז דער באַשעפער האָט דיר געגעבען שכל אז דו זאָלסט איהם פאַר־שטעהן. ער האָט דיר אויך געגעבען א תורה און די מעגליכקייט צו לערנען די תורה און מקים זיין דאָס וואָס אין איהר איז געשריבען, און ער האָט דיר אָנגע־זאָגט אַז אזוי זאָלסטו טהאָן. היינט אַז דו פּצרברויכסט מעהר ניט ווי אַ טייל פון דיין שכל און ענערגיע פון גאָט'ס וועגען און די איבעריגע פארשווענדעסט דו אויף אנדערע זאכען אזוי ווי יענער דיענער די תבואה וואָס דער ווירטה האָט איהם געגעבען צו פּאַרזעען, פערשטעהט זיך, אַז דער באַשעפער וועט דאָס ביי דיר מאָהנען, און אז גאָט הערט ניט אויף צו טאָן דיר טובות, דאַרפסטו דאָך געווים ארויסצייגען דיין דאנקבארקייט צו איהם און ערפילען זיין פארלאַנג בשלמות.

דעריבער ווענד אָן אַלע דיינע מעַגליכקייטען און בעמיה זיך אזוי ווייט ווי דו קענסט אָפּצוצאָהלען גאָט ווי געהעריג איז. זעה, אז דיינע מעשים זאָלען זיך פאַרגלייכען מיט דיין שכל און דיין באמיהען זיך אין עבודת הבורא זאָל זיין גלייך מיט דיין באגריף. דאָס הייסט: דו זאָלסט טאָן אזוי פיעל וויפיעל דיין שכל איז אימשטאַנד צו בעגרייפען, אַז דו דאַרפסט טאָן. און דו זאָלסט זיך ניט אריינלאָזען אין איבעריגע, אומנויטיגע וועלטליכע זאכען, טאָמער וועסטו מיעד ווערען און דו וועסט ניט האָבען גענוג קרעפטען אָפּצוגעבען גאָט דאָס וואָס דו ביזט איהם שולדיג. ווייל דער בורא יתברך האָט דעם מענשען געגעבען כח ער זאָל קענען טאָן פאר זיין קערפּער און פאר זיין נשמה און אז ער וועט פאַר־שווענדען צופיעל כח אויף קערפּערליכע ענינים, אויף מותרות, אָהן וועלכע מען קען אויסקומען, וועט איהם פעהלען כח אויף נויטווענדיגקייטען, צו טאָן וואָס פאר גאָט און זיין תורה.

און דו זאָלסט זיך קיינמאָל ניט רעכענען מיט ”ווען עס וואָלט געווען” און ”אפשר וועט זיין”. דו זאָלסט, הייסט עס, ניט זאָגען, למשל: ”ווען איך וואָלט רייך געווען, וואָלט איך געטאָן פאר גאָט אלעם וואָס מען דארף טאָן”, אָדער: ”אפשר וועל איך אמאָל רייך זיין, וועל איך באַצאָהלען מיינע שולדען צו גאָט”. דו זאָלסט זיך קיינמאָל ניט פארלאָזען אויף אזעלכע זאכען, ווייל ווער עס פאַר־לאָזט זיך אויף דעם פאָלט שטענדיג. זאָגען, אז ווען איך וועל זיין פערזאָרגט מיט אלעם אויף דער וועלט, וועל איך זיך נעהמען צוגרייטען עפּעס אויף יענער וועלט, איז א גרויסער טעות. דאָס הייסט פארלאַנגען פון גאָט א משכון, ווי איך האָב שוין וועגען דעם גצרעדט אין שער הבטחון.

היט זיך פון אזעלכע טענות און רעכטפערטיגונג, ווייל דאָס איז אזא רעכט־

פערטיגונג ווי אנדערע ניט קיין באגנינענדע רעכטפערטיגונג פון זינדיגע און דאס וועט דיך ניט מציל זיין פון שטראף, אזוי ווי שלמה המלך ע"ה האט גע־זאגט אין משלי: "לא יבוזו לגנב כי יגנוב למלא נפשו כי ירעב ונמצא ישלם שבעתים"—מען פערראכטעט ניט דעם גנב ווען ער גנב'עט אויף עסען, ווייל ער איז הונגעריג, פון דעסטוועגען אז מען כאפט איהם, מוז ער באצאהלען זיבען מאל אזוי פיעל. דאס מיינט ניט דוקא זיבען מאל, נור דאס מיינט אויסצו־דריקען, אז דער גנב וועט בעשטראפט, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין דער סדרה משפטים, אז א גנב האט אמאל צו בעצאהלען כפל און אמאל ארבעה וחמשה. די הויפט זאך איז, אז דער גנב קען זיך ניט פארטיידיגען דערמיט וואס ער האט גע'גנב'עט אוים נויטה. קען מען זיך דאך פאר אנדערע חטאים געוויס ניט פערטיידיגען.

דעריבער, אז נאט דערלענגערט דיר די יאהרען, האלט עס פאר א גוטע גע־פינס און כל זמן דו קענסט אפצאהלען גאט די חובות וואס דו ביזט איהם שולדיג, טהו דאס טאג טעגליך און דאס וואס דו קענסט טאן היינט לייג ניט אפ אויף מארגען, טאמער וועסטו דאס מארגען ניט קענען טאן, אויב אפילו דו וועסט דערלעבען דעם מארגען, און דו וועסט פארבלייבען א בעל חוב. און נאך ערגער קען זיין, טאמער קומט דיין סוף, טאמער שטארבסטו און דאן וועלען שוין אפגעהאקט ווערען אלע דיינע טענות און קיין אויסרייד וועט דיר ניט העלפען. ווארום די וועלט איז אזוי ווי א מארק, וואס האלט ניט אן לאנג און ווער עס טהוט מסחר און פערדינט, פרעהט זיך, און ווער עס האט שאדען, האט חרטה, אבער ער קען שוין צוריק ניט כאפען. און דעריבער האט דער חכם געזאגט אין קהלת: "וזכור את בוראך בימי בחורותיך" — געדענק דיין באַ־שעפער אין דיין יוגענד. ווארט ניט ביז דו וועסט עלטער ווערען, ווייל טאמער וועסטו גארניט עלטער ווערען, אדער טאמער וועסטו שפעטער ניט קענען טהאן דאס וואס דו קענסט איצט טהאן.

## פרק ו'

דאס פערצענסטע איז, דער חשבון וואס א מענש דארף מיט זיך האבען אין דער צייט ווען ער ווערט בעהערשט פון א ליבעס געפיהל, בעת ער פיהלט א בענקשאפט נאך דעם וואס ער דענקט אז ער איז זיין ליבהאבער, זיין גוטער פריינד אזוי גוט ווי ער איז צו יענעם, אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי: "כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם" — אזוי ווי אין וואסער שפיגעלט זיך אפ דער פנים פון דעם וואס קוקט אהין אריין, אזוי איז די הארץ פון איין מענש צום אנדערען. ווען איינעמ'ס הארץ איז פול מיט ליבע צו אן אנדערען, איז יענעמ'ס הארץ אויך פול מיט ליבע צו איהם. און אויב יענער איז א שר אדער אזוי אן אדם חשוב, איז דער ליבעס געפיהל צו איהם שטארקער. נאך שטארקער פיהלט א מענש די ליבע צו אזעלכען וואס ער זעהט פון איהם התקרבות, פריינדשאפט און ער האט פון איהם טובות און א צוזאג אויף ווי־טערע טובות, כאטש יענער דארף צו איהם ניט אנקומען. צו אזא איינעם קען די ליבשאפט ניט געשטערט ווערען. פאר אזעלכען נוצט מען אויס די גאנצע ליבעס געפיהלען און מען איז גרייט צו טאן פאר איהם אלעס מיט'ן גוף, מיט געלד און מיט אלעם וואס נור מעגליך איז. היינט אז מיר טהוען אזוי פאר א בעשא־

פענעם, פאר א מענש וואס איז אזוי שוואך ווי מיר זיינען, טא ווי אזוי פען מיר שוין האנדלען געגען בעשאפער?

און גאט האט אונז זיכער ליעב, אזוי ווי דער פסוק זאגט: "לא מרובכם מכל העמים, כי מאהבת ה' אתכם" — ניט ווייל איהר זיינט מעהר פאר אנז'ערע פעלקער האט גאט אייך אידען אויסערוועהלט, נור צוליב דעם ווייל ער האט אייך ליעב. און ער האט זיין ליבשאפט צו אונז ארויסגעוויזען דורך די פיעלע טובות און אותות ומופתים וואס ער האט מיט אונז געטהאן און וואס ער טהוט מיט אונז אין יעדען דור. און אז מיר וועלען די זאך באטראכטען גרינד־ליכער, וועלען מיר מעהר איבערצייגט זיין אויף ווי ווייט מיר דארפען זיין איבערגעבען צום בורא יתברך. ווארום עס איז אנגענומען אז דער וואס איז געוועזען א גוטער פריינד פון אונזערע עלטערען און עלטערען'ס עלטערען, זיינען מיר פערפליכטעט צו אנערקענען יענ'עמ'ס גוט פריינדשאפט און איהם ליעב האבען און עהרען און אכטען, אזוי ווי דער חכם זאגט אין משלי: "רעך ורע אביך אל תעזוב" — דיין גוטען פריינד און דעם גוטען פריינד פון דיין פאטער זאלסטו ניט פארלאזען. און דער בורא יתברך טוט אונז פיעל גוטעס צוליב דעם זכות פון אונזערע עלטערען, מיט וועלכע ער האט געשלאסען א ברית, א פאר־באנד, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין דער תורה: „ומשמרו את השבועה" — גאט האט מיט די אידען גוטעס געטאן ווייל ער האט געהיט די שבועה, דעם אפמאך מיט אונזערע אבות. און עס זיינען דא א סך עהנליכע פסוקים.

דעריבער, ווען מיר זאלען זיך אויף גאט ניט פארלאזען, ווען מיר זאלען זיך ניט סומך זיין אויף זיינע חסדים און ניט זיין געניינגט צו ליעב האבען איהם און זיך אפגעבען מיט זיין דינסט און ניט פארלייגען פאר איהם אונזערע בקשות און פארלאנגען — ווען מיר זאלען דאס ניט טאן, וואלטען מיר געווען אונגעהייער פערגרעבט. אונדאקבאר און אונגלויביג. מיר וואלטען דערמיט ארויסגעצייגט ווי ווייט מיר זיינען פון אמת, אז ניט מיר גערענקען די ליעב־שאפט פון גאט צו אונזערע עלטערען און עלטערען'ס עלטערען און ניט מיר גערענקען זיין ליעבשאפט און השגחה וואס ער האט אויף אונז אליין. און וואל־טען מיר זיך ניט דארפען שעהמען צו פארגעסען גאט'ס חסדים און טובות און גוטע הבטחות אויף שפעטער?

ערוואך, ברודער, פון דעם דאזיגען שלאף און ווארף פון זיך אראפ דעם צודעק פון יצר הרע וואס שיידעט דיך אפ פון דיין שכל. אזוי ווי א שפין וואס וועבט זיין שפינוועב אויף א פענסטער, איז וואס מעהר ער וועבט אלץ דיקער ווערט די וועב ביז עס פארשטעלט די ליכטיגקייט פון דער זון. דער יצר הרע, וואס רוהט אין דיין הארצען, איז אויך אזוי. אנפאנגס פארשטעלט ער ניט פיעל די אויגען פון דיין שכל, אבער אז דו לאזט איהם איינווארצלען זיך אין דיר פארפינסטערט ער דעם אמת און דו ווערסט דורכאויס פאלש. ווען אבער דו דערפיהלסט דעם יצר הרע באלד און דו פארטרייבסט איהם פון דיין הארץ, קומט עס דיר אן לייכט, און פארנאכלעסיגסטו די זאך און דו לייגסט עס אפ, ווערט דער יצר הרע שטארק, נעהמט ביי דיר אוועק דעם שכל, און עס קומט דיר שוין אן זעהר שווער פטור צו ווערען פון איהם.

דעריבער, אייל זיך צו רעטען דיין זעלע און נעהם גאט צו הילף צו פאר־שטויסען דעם יצר הרע, און בעמיה זיך און סטארע זיך צו דערלייכטען דיינע אויגען מיט דער ליכט פון חכמה און דו וועסט איינזעהן און איבערצייגט זיין

אין ריכטיגען אמת. באדענק זיך ברודער, און פיהר דיין נשמה אויפ'ן וועג פון איהר רעטונג. אויף די וואס פארנאכלעסיגען אריינצוטראכטען זיך אין דער זאך זאגט שלמה המלך אין משלי: „אנשי רע לא יבינו משפט" — שלעכטע מענשען פערשטעהען ניט קיין משפט, קיין גערעכטע גוטע זאכען.

דעם פופצעהנטען חשבון הנפש דארף דער מענש מיט זיך האבען, ווען ער גרייט זיך אז לעבענס־באדערפניסע איידער ער דארף דאס, ניט וויסענדיג אויב ער וועט לעבען ביז דער צייט ווען ער וועט דערפון קענען הנאה האבען. אדער ווען ער דארף פאהרען אונטערוועגענס מאכט ער פריהער פארבערייטונגען און טראכט וועלכע סחורה ער זאל מיטנעהמען, מיט וואס פאר א מסחר ער זאל זיך אפגעבען, ווי אזוי ער זאל פאהרען, מיט וועמען ער זאל פאהרען, וואס פאר א שפייז ער זאל מיטנעהמען, און דאס גלייכען, כאטש ער וויים ניט וואס גאט האט אויף איהם גוזר געווען און צי ער וועט גאר דערלעבען מאכען די רייזע.

אזוי אויך, ברודער, און נאך פיעל מעהר, דארפען מיר מאכען פארבערייטונגען פאר אונזער נסיעה אין דעם ווייטען וועג, אין דער וועלט, פון וועלכע מיר קענען ניט אנטלויפען און מיר מוזען אהין קומען. מיר דארפען דענקען וועגען צוגרייטען שפייז און זאכען, מיט וועלכע מיר זאלען דארט באגעגענען אונזער באשעפער, פאר וועלכען מיר האבען אפצוגעבען א גרויסען חשבון, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין מלאכי: „כי הנה היום בוער כתנור" — דער טאג פון יום הדין אויף יענער וועלט ברענט ווי אן אויווען און מיר דארפען זיך צו איהם צוגרייטען מיט דאס בעסטע וואס מיר קענען.

ווי אזוי קענען מיר דאס פערנאכלעסיגען? די דאזיגע רייזע פון דער וועלט אויף יענער וועלט איז א שטענדיגע, אן אונאויפהערליכע, שטענדיג ציהען זיך מענשען אריבער פון דער וועלט אויף יענער וועלט. און דער וועג איז א לאנגער און די רוה איז ווייט. עס געדויערט, הייסט עס, ביז מען געניסט די תענוגי עולם הבא. היינט ווארום זאלען מיר זיך ניט באדענקען אין זינען צו האבען אונזער סוף און ניט צוגרייטען די שפייז, וואס מען דארף דארט אויף יענער וועלט האבען?

לאמיר בעטראכטען די זאך. מיר האבען זיך עוסק געווען אין א וועלט וואס ווערט כלה און אוועקגעלאזט א וועלט וואס האט אן אייביגען קיום! מיר האבען געזארגט פאר די באדערפניסען פון אונזער גוף און ניט געזארגט פאר אונזער שכל. מיר האבען זיך געמיהט צו דיענען דעם יצר הרע און פארגעסען די דיענסט פון אונזער באשעפער. מיר האבען געדיענט, נאכגענעבען אונזערע תאוות און ניט געדיענט און ניט ממלא געווען דעם רצון פון אונזער גאט!

וועה צו אזא פלאנטער, צו אזא שכרות און פערפיהרונג וואס פארפיהרט פיעלע מענשען! אזוי ווי דער פסוק זאגט אין ישעיה: „כי טח מראות עיניהם מהשכיל לבותם" — זייערע אויגען זיינען פארקלעפט פון זעהן און זייערע הערצער — פון וויסען און פארשטעהן. און ווייטער זאגט ער דארט: „שכרו ולא יין" — זיי האבען זיך אנגע'שכור'ט אהן וויין. דאס הייסט: דער יצר הרע האט זיי פער'שכור'ט און פערפיהרט.

דעם זעכצעהנטען חשבון הנפש דארף א מענש מיט זיך מאכען וועגען דער צייט וואס ער האט נאך צו עקזיסטירען אויף דער וועלט. אויב ער איז זוכה צו אריכת ימים, זאל ער ניט דענקען, אז ער וועט שוין קיינמאל ניט שטארבען. ער דארף ניט פארגעסען, אז זיין סוף וועט גיך קומען. ווארום ער זעהט דאך

אז אנדערע בעלי חיים, רעדעוודיגע, מענשען, הייסט עס, און אנדערע לעבעדיגע זאכען שטארבען אפטמאל גאר אומגעריכט, ניט וויסענדיג פאראויס אז דער טויט שטעהט פאר זייערע אויגען און זיי האבען אפילו קיין אנדייטונג דארויף. קיינער איז ניט זיכער אז ער וועט לעבען ביז א געוויסע צייט, ווייל דער טויט האלט זיך ניט אפ צו קומען אין אלע חדשים פון יאהר, אין אלע טעג פון חודש און אין יעדע שטונדע פון טאג. דער טויט קומט ניט דוקא אויף דער עלטער, ער קען קומען אין דער יוגענד, אין קינדהייט און אפילו ווען דער מענש איז נאך א זויג־קינד. דער טויט טרעפט די לעבעדיגע באשעפעניסען אין אלע צייטען און אין יעדען ארט.

דאס איז גלייך אזוי ווי א מלך וואס גיט איינעם א פקדון, א זאך צו בעהאלטען און ער באשטימט ניט קיין צייט ווען ער זאל עס צוריק קריגען. און דער מלך זאגט יענעם אז אז ער זאל שטענדיג זיין גרייט אומצוקעהרען איהם דעם פקדון. ער זאל שטענדיג זיין אויפ'ן פלאץ, כדי מען זאל איהם ניט דארפען זוכען — אין אזא פאל, פערשטעהט זיך, וועט דער וואס האט דעם פקדון ערגעץ ניט אוועקגעהן און אימער זיין גרייט טאמער קומט דער קעניג מאהנען ביי איהם דאס וואס ער האט איבערגעגעבען אין זיינע הענד. אדער ווען איינער איז דעם אנדערען שולדיג א חוב אהן א באשטימטע צייט ווען ער דארף דעם חוב באצאהלען, האט ער עס אין זינען יעדען טאג טאמער וועט יענער קומען מאהנען דאס וואס עס קומט איהם. אז דער מענש וועט דאס באטראכטען, וועט ער זיך אויך טאג טעגליך ריכטען אויפ'ן טויט.

האבענדיג מיט זיך דיזען חשבון הנפש, וועט דער מענש בעטראכטען, אז א סך פון זיינע באקאנטע האבען ניט דערלעבט זיינע יאהרען און זיינען אוועק אין אן אנדער וועלט פריהער, ווען זיי האבען נאך געהאט שטארקע האפנונגען צו לעבען אויף דער וועלט און אויפטאן פילע זאכען, היינט וואָרום זאל ער זיין אן אויסנאהם און פארבלייבען דא אויף דער וועלט א לענגערע צייט? און דיזער רעכענונג וועט איהם ברענגען ניט צו לייגען גרויס געוויכט אויף דער וועלט און מעהר אין זינען האבען יענע וועלט און אנגרייטען שפייז אויף זיין נסיעה איידער עס וועט זיין צו שפעט.

א געוויסער חכם האט אמאל געזאגט: "דער וואס האט דעם טויט פאר זיינע אויגען, דער וואס ערווארטעט דעם טויט, גרייט זיך צו דעם צו". און שלמה המלך האט געזאגט אין קהלת: "לב חכמים בבית אבל" — די הארץ פון חכמים איז אין א טרויער הויז. ווער דער פארשטענדיגער מענש זעהט אז מען טרויערט נאך א מת, דערמאנט ער זיך, אז ער וועט אויך שטארבען. ער זאגט דארט אויך: "טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה באשר הוא סוף כל האדם והחי יתן אל לבו" — עס איז בעסער צו געהן אין א הויז וואו מען טרויערט נאך א טויטען איידער צו געהן צו א הוליאנקע, ווייל דער טויט איז דער סוף פון אלע מענשען און דער לעבעדיגער, דער, ביי וועמען דאס הארץ לעבט, דער וואס האט שכל וועט עס אין זינען נעהמען און וועט תשובה טהאן.

דעם זיבענצעהנטען חשבון הנפש דארף דער מענש האבען, ווען ער באקומט א חשק, ווען ער פארבענקט זיך נאך געזעלשאפט, ווען ער וויל זיך קאמפאנירען מיט מענשען און פארברענגען מיט זיי. ער דארף דאן באטראכטען די מעלות פון איינזאמקייט, פון זיין אפגעזונדערט פון מענשען און

די פעלערן וואָס נארישע געזעלשאַפט קען ברענגען בעת עס איז ניט נויטיג צו קאָמפּאַנירען זיך מיט זיי. אמאָל פאַלט א מענש אריין אין א שלעכטע קאָמפּאַני און מען רעדט אזעלכעס וואָס מען דאַרף ניט ריידען. מען דער־צעהלט: "יענער האָט געזאָגט אזוי און אזוי", קומען אנדערע און דריקען זיך אוים: "מיר וועלען זאָגען אזוי און אזוי" און עס ווערט א צוזאַמענמיש פון פּוסטע רייד, וועלכע פיהרען ניט צו גוטעס, אזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: "ברוב דברים לא יחדל פשע" — פון א סך רייד דרעהט מען זיך ניט אוים פון זינד. א געוויסער חכם האָט געזאָגט: האַלט אין דיינע איבע־ריגע, אומנוציטיגע רייד און פערשלים דיין צונג פון ריידען וועגען מענשען און דערמאָנען וועגען זייערע שלעכטע מעשים און טאַדלען זיי. און אויף דעם זאָגט דוד המלך אין תהלים: "תשב באחיך תדבר" — דו זיצסט אין געזעל־שאַפט פון מענשען און בערעדסט דיין ברודער, דיין חבר.

ווען מען רעדט א סך ברענגט עס צו זאָגען ליגענס, ריידען פאַלשע רייד און פאַלש אָדער אומזיסט שווערען, וואָס אויף דעם זאָגט די תורה: "כי לא ינקה ה'" — גאָט וועט ניט ריינִיגען, וועט ניט שנעקען דעם פאַלש שווערער. א געוויסער פרומער מאַן האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: "די תורה האָט אונז מתיר געמאכט צו שווערען מיט גאָט'ס נאָמען אויף אן אמת, דאָך וועל איך אייך אן עצה געבען אז איהר זאָלט ניט שווערען ניט אויף אן אמת און ניט אויף שקר. זאָגט "יאָ" אָדער "ניט" אָהן שבועות."

דאָס קאָמפּאַנירען זיך מיט מענשען קען ברענגען צו גאוה. צווישען מענשען וויל מען זיך אויספּיינען, ציינט מען ארוים שטאָלץ. דאָס ברענגט אויך צו לצנות, אָפּשפּאָטען פון אנדערע און אָפּשוואַכונג פון יראת ה'. בעת מען פאַרברענגט מיט קאָמפּאַני, בעת מען ציהט אן ברייטע שמועסען, קען מען אמאָל איינע פאַר די אנדערע מגלה זיין פּערזענליכע סודות און פאַר־אורזאַכען שאַדען צו זיך אליין. אמאָל קען דאָס ברייגגען צו חניפה און צו זוכען קויפען זיך א נאָמען, דערצעהלען גוטעס וואָס מען האָט אויפגעטהאָן, כדי צו קריגען א שם אלס גוטע און פרומע לייט. אמאָל ברייגגט עס מענשען צו בע־ריהמען זיך אפילו מיט זאַכען וואָס זיי האָבען גאָרניט געטהאָן אָדער מיט קענט־ניס און חכמות וואָס זיי בעזיצען גאָרניט.

דאָס אויסמיידען געזעלשאַפט האָט נאָך א מעלה. יעדער מענש איז מחויב צו לערנען אנדערע טהאָן גוטעס און זיי אָפּוועגדען פון שלעכטעס, אזוי ווי די תורה זאָגט: "הוכח תוכיח את עמיתך" — דו זאָלסט שטראָפען, דו זאָלסט אויפציינען דיין חבר וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט, און דאָס קען געטהאָן ווערען אויף דרייערליי אופנים: אַנגרייפען דעם זינדיגען מיט די הענד, בעשטראָפען איהם קערפּערליך, אזוי ווי פּנחס הכהן האָט געטהאָן צו זמרי און כזבי, ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער סדרה בלק; שטראָפען מיט רייד, אזוי ווי משה רבנו האָט געזאָגט צום מצרי וואָס האָט געשלאָגען א אידען: "רשע למה תכה רעך" — רשע, שלעכטער מענש, וואָרום שלאָגסטו דיין חבר? און דורך פּעראַכטען דעם שלעכטען מענשען אין הארצען, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: "שנאתי קהל מרעים" — איך האָט פיינט פערזאַמלונגען פון שלעכ־טע מענשען. פאָלגליך, איז אויב נור מען קען, אויף וואָס פאַר אן אופן ניט איז, אָפּהאַלטען איינעם פון זינד איז מען דאָס מחויב צו טהאָן. דעריבער, אויב מען געפינט זיך אין קאָמפּאַני צווישען מענשען, קען אמאָל זיין, אז מען זעהט

פון ווען מען אַן עולה און מען פערשוויגט עס און דאָס איז א זינד; ווען אָבער מען מיידט אויס געזעלשאַפט און מען לעבט אין איינזאַמהייט, פאַלט אַרונטער דער חוב פון „הוכח תוכיח" און מען איז זיכער פון אן עבירה. און מקים זיין די מצוה פון "הוכח תוכיח" ווי געהעריג איז, איז ניט אַזוי לייכט און ניט אימער קען מען יוצא זיין אין דעם פּרט. דעריבער איז גלייכער אַז מען איז גאָר אין גאַנצען פּטור פון דיעזער מצוה.

און ווייטער איז דאָס קאָמפּאַנירען זיך מיט מענשען אָפטמאָל ניט גוט, ווייל מען ווערט צוטומעלט און מען פערלירט דעם שכל און מען קען זיך ניט בעראַטהען מיט זיך אליין וועגען אייגענע אנגעלעגענהייטען. אַמאָל לערענט מען זיך פון זיי אָפּ שלעכטע זיטען; אָבער אַז מען איז אַליין, איז מען מעהר מיושב'דיג, מען קען יעדע זאַך ריכטיג בעטראַכטען און מען האָט ניט פון וועמען אָפּצולערנען זיך צו טהאָן וואָס מען דאַרף ניט אָדער עס פּאַסט ניט. דעריבער האָבען אונזערע אַלטע חכמים געזאָגט אין פּרקי אבות: "שיחת הילדים וישיבת בתי כנסיות של עמי הארץ מוציאין את האדם מן העולם" — דאָס ריידען צופּיעל מיט קינדער און דאָס זיצען אין געזעלשאַפט פון עמי הארצים, פון פערגרעבטע מענשען נעהמען אַוועק דעם מענשען פון דער וועלט.

דער כלל איז, אַז דאָס רוב עבירות ווערען בעגאַנגען דורך צוויי, ווי למשל: זנות, שווינדעל אין מסחר, פאַלש שווערען, פאַלש עדות זאָגען און אַלע עבירות וואָס ווערען געטהאָן מיט'ן צונג, ווי לשון הרע און דאָס גלייכען, קען אַ מענש ניט עובר זיין מיט זיך אַליין, נור אין געזעלשאַפט וועניגסטענס מיט נאָך איין מענשען. ווען אָבער מען איז אַליין, אָפּגעזונדערט פון מענשען, איז מען זיכער, אַז מען וועט ניט עובר זיין אויף די אַלע עבירות און דאָס ברייננגט דעם מענשען צו גוטע און שעהנע מדות. און עס איז שוין געזאָגט געוואָרען אַז דער הויפּט זייל, דער הויפּט יסוד פון אַ ריינע הארץ איז דאָס ליעב האָבען איינזאַמקייט.

דעריבער היט זיך, ברודער, אַז בעת דו ביזט אַליין זאָל דיר דער יצר הרע ניט אַריינגעבען קיין חשק צו זוכען געזעלשאַפט און לייטע מיט וועמען צו קאָמפּאַנירען זיך. און אַז דו וועסט אָננעהמען די מדה פון בדידות, פון איינזאַמ־קייט, זאָלסטו פּאַרזיכטיג זיין ניט צו האָבען דעם טעות און אויך אויסמיידען די געזעלשאַפט פון לערנער, גאָטספאָרכטיגע און גוטע און פרומע לייט. דו זאָלסט זיך ניט לאָזען איינריידען פון יצר הרע, אַז בדידות, איינזאַמקייט דאַרף זיין פאָלקאָם און ניט קאָמפּאַנירען זיך מיט קיינעם, ווייל דאָס איז ניט אַזוי. מיט לומדי תורה און גוטע און פרומע לייט דאַרף מען זיך דוקא יאָ קאָמפּאַנירען, ווייל דאָס פיהרט צו גוטעס, אַזוי ווי דער חכם זאָגט אין משלי: "הולך את חכמים יחכם" — דער וואָס געהט מיט קלוגע, דער וואָס קאָמפּאַנירט זיך מיט זיי, ווערט קלוג. און די חז"ל האָבען געזאָגט: "קבוץ לרשעים רע להם ורע לעולם ולצדיקים טוב להם וטוב לעולם" — אַ צוזאַמענקונפט פון רשעים איז שלעכט פאַר זיי און שלעכט פאַר דער וועלט און אַ צוזאַמענקונפט פון צדיקים איז גוט פאַר זיי און גוט פאַר דער וועלט. אין אַן אַנדער פּלאַץ האָבען די חז"ל געזאָגט: "יהי ביתך בית ועד לחכמים" — דיין הויז זאָל זיין אַ פערזאַמלונגס פּלאַץ פאַר חכמים. אין מלאכי זאָגט אַ פּסוק: "אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע" — דאַמאָלס האָבען זיך גאָטספאָרכטיגע צוזאַמענגערעדט איינע מיט די אַנדערע און גאָט האָט געהערט און אָנגענומען זייערע רייד. דערפון זעהט מען, אַז די געזעלשאַפט פון צדיקים דאַרף מען ניט און מען טאָר ניט

אויסמיידען, און דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, אז מען דארף זיך דערווייטערען פון חברותא, פון קאָמפּאַני, איז דאָס געמיינט צוזאמענקינפטע פון ניט גוטע און פרומע לייט.

# פרק ז׳

אכצעהנטעס, דארף א מענש האָבען מיט זיך אליין א רעכענונג בעת עס קומט אהם אָן א געפיהל פון גאוה; בעת ער הויבט אָן צו דענקען אז ער איז גרעסער אָדער חשוב׳ער פון אנדערע און ער פערלאנגט דעריבער צו געניסען אויף דער וועלט אזעלכעס וואָס עס געהער גאָרניט צו איהם. ווען עס קומען איהם אָן אזעלכע געדאנקען, דארף ער בעטראכטען זיין ווירדע צווישען די בעשעפּ־ניסען און ער וועט דאן וויסען ווי קליין און נישטיג ער איז, און וואָס פאר א קליינע ראָלע ער שפּיעלט צווישען אלעס וואָס גאָט האָט באשאפען. אזוי ווי איך האָב שוין ערקלעהרט אין זעקסטען שער פון דיעזען ספר.

דאן דארף ער זיך אין זינען נעהמען, אז כאָטש ער פערנעהמט א קליינעם פּלאַץ אין דער שאפונג, האָט דער בעשעפער איהם צוגעטיילט די גדולה צו זיין דער מושל איבער די אנדערע לעבעדיגע זאכען, וואקסונגען, מעטאלען און מינע־ראלען, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין תהלים: ״תמשילהו במעשי ידיך״ — דו, גאָט, האָסט דעם מענשען געמאכט געוועלטיגען איבער די שאפונג פון דיינע הענד. אויסער דעם האָט גאָט דעם מענשען געמאכט צו וויסען די געזעצע פון זיין תורה און האָט איהם געגעבען שכל צו פערשטעהן אויבערשטע און אונ־טערשטע, אָדער הימעלשע און ערדישע סודות פון דער וועלט. דער מענש, הייסט עס, קען משיג זיין די לעהרען פון אסטראָנאָמיע, פון דעם גאנג פון שטערען און פּלאנעטען, און פערבארגענע זאכען אויף דער ערד און אין דער ערד. און דערצו פערשטעהט ער צו דאנקען און לויבען זיין בעשעפער, רופען צו איהם אין צייט ווען איהם איז שלעכט, ווען ער ווערט בעגענענט פון צרות אויף דער וועלט. און דורך די הילף פון גאָט טהוט דער מענש אויף וואונדערליכע זאכען, און נאָך פיעלע טובות, קערפּערליכע און גייסטיגע, וואָס גאָט טהוט מיט איינצעלנע מענשען און מיט׳ן כלל, וועלכע עס וואָלט פערנומען פיעל פּלאַץ אויסצורעכענען.

און בעדענק זיך, ברודער, ווי קליין דיין ווירדע איז אויף דער וועלט, ווי נידעריג דיינע אויפפיהרונגען זיינען, און דאָך האָט דיך גאָט גרויס געמאכט און דערהויבען, כאָטש ער דארף צו דיר ניט אָנקומען און דו דארפסט יאָ אָנקומען צו זיין השגחה און הילף. בעטראכט דאָס אלעס און שאנעווע די קרוין וואָס גאָט האָט דיך בעקרוינט און די דערהויבענקייט וואָס ער האָט דיך דערהויבען דאָ אויף דער וועלט און האָט נאָך פאר דיר בעהאלטען גרויסע בעלוינונג לעולם הבא, און בעהעפט זיך אין גאָטס דיענסט און דאנק איהם און לויב איהם שטענדיג.

און דאָס וואָס גאָט האָט דיך מיט זיין גוטסקייט און גנאדען דערהויבען זאָל דיך ניט ברייגען צו האלטען זיך גרויס און שטאלצירען, מיינענדיג אז דו ביזט צו אלעס בערעכטיגט און עס קומט דיר אלעס על פי דין. דו דארפסט אין זינען האָבען אז לויט דיין ווירדע האָסטו דאָס ניט פערדיענט, און זיין א נכנע און אן עניו, אן אונטערטעניגער און א נידערגעפאלענער, אזוי ווי א שוואכער,

נידעריגער דיענער צו זיין ווירטה, וועלכער טהוט מיט איהם חסד און הויבט איהם אויף צו א הויכער שטופע. דער מענש דארף ניט און טאָר ניט זיין געהויבען צוליעב זיין חשיבות אויף דער וועלט, און ער דארף זיך ניט מאכען קיין געוואוינהייט צו בעטען און פערלאנגען ניט וויסענדיג זיכער וואָס עס איז פאר איהם גוט און וואָס עס איז ניט גוט. אין דעם פּרט דארף ער זיך פערלאָזען אויף גאָט און האָבען אין איהם בטחון אז ער טהוט אלעס פון זיין טובה וועגען.

מען דערצעהלט אויף א געוויסען צדיק, אז צום סוף פון זיין דאווגען פלעגט ער זאָגען:

מיין גאָט, דאָס וואָס איך וואג, דאָס וואָס איך שטעל זיך אונטער צו בעטען ביי דיר, איז ניט מחמת איך בין נאריש און וויים ניט ווי קליין איך בין און ווי גרויס דו ביזט. איך וויים דוקא אז דו ביזט גרויס און ערהאבען און איך בין צו קליין און מבוזה צו פערלאנגען עטוואָס פון דיר און לויבען דיין הייליגען נאָמען וואָס איז געהייליגט אין דער וועלט פון די הייליגע מלאכים; אָבער איך וואג צו טהאָן דאָס, ווייל דו האָסט מיך דערהויבען מיט דיין געבאָט, מיט דיין אָנזאָגען מיר אז איך זאָל דיך רופען, אז איך זאָל ביי דיר בעטען, און דו האָסט מיר ערלויבט צו לויבען דיין הויכען נאָמען לויט ווי איך בעגרייף דיך און לויט איך וויים און פערשטעה דיין כבוד. דערמיט צייג איך ארויס מיין קנעכטשאפט צו דיר און מיין ערנידערונג פאר דיר. און דו, גאָט, ווייסט דאך וואָס עס איז גוט פאר מיר, מיין איך ניט מיט מיין תפלה אויפמערקזאם צו מאכען דיר וואָס מיר פעהלט, וואָס איך דארף, ווייל דאָס ווייסטו בעסער פון מיר. איך בעט נור ביי דיר, כדי איך זאָל פיהלען און ניט פערגעסען אז איך מוז צו דיר אָנקומען און פערשטארקען מיין בטחון אין דיר. און אויב מיין נארישקייט וועט מיך ברייננען צו פערלאנגען פון דיר אזעלכעס וואָס איז פאר מיר ניט גוט און עס וועט מיר קיינע נוצען בריינגען, וויים איך אז דיין בחירה, דיין אויסוואהל איז בעסער פון מיינע און איך פערלאָז זיך מיט אלע מיינע אנגעלעגענהייטען אויף דיין גזירה, אויף דיין הימעלשער בעשטימונג. אזוי ווי דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט אין תהלים: "ה' לא גבה לבי ולא הלכתי בגדולות ובנפלאות ממני" — גאָט, מיין הארץ איז ניט הויך, איך האָב אין זיך קיין גאוה און איך בין ניט נעגאנגען, איך האָב ביי זיך ניט בעשטימט זאכען וואָס זיינען צו הויך און פערבאָרגען פון מיין שכל, נור איך האָב זיך פערלאָזט אויף דיר גאָט, אז דו וועסט אלעס טהאָן פון מיין טובה וועגען.

דער ניינצעהנטער חשבון וואָס א מענש דארף האָבען מיט זיין זעעלע איז: ווען דער בעשעפער איז איהם מציל פון בייזע בעגעגניסען, צרות, קראנקהייטען און אנדערע שלעכטע געשעהעניסען, ווי תפיסה, הונגער, דורשט, קעלט, היץ, סם המות, ווילדע חיות, משוגעת, דאָס פערלירען וועלכע עס איז חושים, ווי טויבקייט, בלינדקייט און אנדערע געשעהעניסען וואָס קענען געשעהן מיט א מענשען, און גאָט בעשירמט איהם פון דעם, כאָטש ער איז אפשר ווערטה און האָט פערדיענט אז דאָס זאָל אויף איהם קומען פאר זיינע פריהעריגע חטאים, וואָס ער איז בעגאנגען נעגען דעם באשעפער, און פאר פעראכטען זיינע רייד און ניט תשובה טהאָן אויף די זינד און ניט דאנקען און לויבען איהם פאר זיינע שטענדיגע חסדים און טובות.

ווען דער קלוגער מענש וועט, בעת ער ווערט נצול פון וועלכע עס איז צרה, דאָס גוט בעטראכטען; ווען ער וועט זיך בעדענקען ווי אזוי גאָט שטעלט מענ־

שען צו פּראָבע דורך ברייגנען אויף זיי פּגעים רעים און דורך בעשירמען פון זיי, כאָטש מען איז דאָס ניט ווערטה — אז ער וועט דאָס האָבען אויף'ן רעיון, וועט ער דאַנקען גאָט פאַר זיינע גענאַדען און וועט תשובה טהאָן און בעטען ביי גאָט פערצייהונג אויף זיינע זינד, אויף וועלכע גאָט האָט לאַנג געוואַרט צו שטראָפען איהם, און ער וועט זיך פלייסיג נעהמען צו דיענען גאָט, כדי אויסצומיידען זיין שטראָף, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט אין דער תורה: "והיה אם שמוע תשמע, והסיר ה' ממך כל חולי" — אז דו וועסט הערען גאָט'ס קול, אז דו וועסט איהם פאָלגען און דיענען, וועט גאָט פון דיר אָפּטהאָן אַלע קראַנקהייטען און צרות. און איינער פון אונזערע פאַרצייטיגע חכמים האָט געזאָגט: "אין ערוד ממית אלא החטא ממית" — ניט די גיפטיגע שלאַנג טויטעט, נור די זינד טויטעט. ד"ה, אז דעם וואָס זינדיגט ניט איז גאָט מציל פון בייזע שלאַנגען און אַנדערע פגעים רעים. און דוד המלך ע"ה זאָגט אין תהלים: "על שחל ופתן תדרוך" — ווען דו וועסט ניט זינדיג זיין, וועסטו טרעטען אויף בייזע, גיפטיגע שלאַנגען און זיי וועלען אויף דיר קיין שליטה ניט האָבען.

דער צוואַנציגסטען חשבון הנפש איז דיעזער: ווען אַ מענש האָט געלט, דאַרף ער מיט זיך אַ חשבון האָבען אויף וואָס פאַר אַן אופן ער האָט דאָס געלד ערוואָרבען, אפשר ניט אויף אַן עהרליכען שטייגער. ער דאַרף זיך אויך בערע־כענען אויב ער האָט פון דעם געלד גענוג אויסגעגעבען פון גאָטס וועגען און אויב ער האָט מענשען בעצאָהלט וואָס זיי קומט. ער זאָל ניט דענקען אז גאָט האָט איהם געגעבען געלד נור פאַר איהם אַליין, פאַר זיין אייגענעם געברויך און גענוס. ער דאַרף וויסען, אז דאָס איז איהם געגעבען געוואָרען בלויז אַלס פּקדון, אַלס בעהעלטנים וואָס ער קען האַלטען נור כל זמן גאָט וויל און ער קען דאָס ביי איהם אוועקנעהמען צו יעדער צייט. אז דער מענש וועט האָבען מיט זיך דיעזען חשבון, וועט ער קיינמאָל קיין מורא האָבען פאַר אַ שלעכטע צייט ווען ער וועט פּעראַרימט ווערען, ווייל וואָס קען דאָס איהם קימערען ווען דער פרעמדער פּקדון וועט פון איהם אוועקגענומען ווערען? און אויב דאָס געלד וועט ביי איהם פערבלייבען וועט ער דאַנקען דעם בעשעפער און וועט איהם ליבען, און וועט ער עס פערליערען, וועט ער אויך צופריעדען זיין און וועט אָננעהמען גאָטס גזירה פאַר גוט.

דער דאָזיגער חשבון הנפש וועט ברייגנען דעם מענשען צו מאַכען איהם לייכט צו בענוצען זיין געלד פאַר די דיענסט פון בורא יתברך. עס וועט איהם ניט אָנקומען שווער אויסצוגעבען געלד אויף אַ דבר מצוה, ווייל דאָס וועט דאָך הייסען אָפּגעבען דאָס וואָס מען האָט איהם אַנפערטרויט. און ער וועט ניט מקנא זיין דעם רייכערען פאַר איהם און ער וועט ניט פעראַכטען דעם אָרימען צוליעב זיין אָרימקייט. דאָס געלד וועט ביי איהם זיין איינס פון די אורזאַכען צו פערשטאַרקען אין איהם מדות טובות און צו דערווייטערען איהם פון מאוס'ע זיטען, אַזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: "כבד את ה' מהונך" — גיב גאָט כבוד, שענק איהם עהרע פון דיין פערמעגען, און אין אַן אַנדער פּלאַץ זאָגט ער: "מלוה ה' חונן דל" — דער וואָס איז מילד צו אַן אָרימאַן, דער וואָס שטיצט איהם, איז אַזוי ווי ער ליהט געלד צו גאָט.

דער איין און צוואַנציגסטער זעעלע חשבון בעשטעהט אין דעם, וואָס דער מענש דאַרף מיט זיך אַליין אויסרעכענען ווי ווייט ער האָט ביכולת צו דיענען גאָט, און ער דאַרף זיך איינגעוואוינען אין דעם און דאָס שטענדיג אין זינען

האָבען און זיך סטאַרען און פלייסען צו טהאָן גוטעס לויט זיין מעגליכקייט, ביז דאָס וועט ביי איהם ווערען א נאַטור זאַך. נאַכהער זאָל ער זיך בעמיהען נאָך מעהר און נאָך מעהר און ער זאָל דערצו חשק האָבען, שטענדיג האָבען דאָס אין זינען און בעטען ביי גאָט אז ער זאָל איהם העלפען און שטאַרקען צו טהאָן נאָך מעהר ווי זיין מעגליכקייט, ער זאָל וויסען מעהר און טהאָן מעהר.

אז ער וועט עס שטענדיג ערֿנסט אין זינען האָבען, וועט איהם גאָט העלפען אז זיין וואונש זאָל ערפילט ווערען און ער וועט פאַר איהם עפענען די טויערען פון זיין וויסען און ער וועט שטאַרקען זיין שכל און זיינע גליעדער נאָכצוקומען זיינע פערזאָגען נאָך מעהר ווי ער, דער מענש, האָט ביכולת שטופּע נאָך שטופּע, אזוי ווי דער פּסוק זאָגט אין ישעיה: "אני ה' מלמדך להועיל מדריכך בדרך תלך" — איך גאָט לערען דיך צו גוטען, איך מאַך דיך טרעטען אין דעם ריכטיגען וועג וואָס דו דאַרפסט געהן. דאָס איז אַלץ איינס ווי איינער לערענט זיך א געוויסע מלאכה, איז אָנפאַנגס לערענט ער נאָר טיילען פון דער אַרבייט וואָס זיינען איהם לייכט איבערצונעהמען, כאָטש ער וואָלט לכתחילה געקענט טהאָן אין דער זאַך מעהר. ווען אָבער ער אַרבייט זיך איין אין דעם און ווערט צוגעוואוינט צו דער אַרֿבייט, בעגרייפט ער אַליין אַזעלכעס וואָס מען האָט איהם גאָרניט געלערענט.

און אזוי איז אויך אין לערנען וועלכע ניט איז חכמה. לאָמיר נעהמען, למשל, די חכמות השיעור (געאָמעטריע), פאַנגט מען עס אָן מיט ניט קיין שווערע פּראָבלעמען, וואָס ליגען זיך לייכט אויף'ן שכל. שפּעטער אָבער, ווען ער טהוט זיך אריין אין דער זאַך און איז פלייסיג אין זיין לערנען העלפט גאָט דעם תלמיד און זיין שכל ווערט פון זיך אַליין שאַרפער און ער לערענט די זאַך אויס גרינדליך. פון איין זאַך פערשטעהט ער אנדערע זאַכען און ער טהוט אויף וואונדער, עפּעס אזוי ווי דורך א נבואה וואָס קומט פון גאָט.

אזוי איז אויך מיט אנדערע חכמות וואָס א מענֶש לערענט. ווארום ווען איינער טהוט זיך אריין אין א חכמה זאַך בעקומט ער א הימלישען גייסטיגען כה, וואָס א מענש האָט קיין מאַכט צו געבען איהם. דעריבער האָבען אונזערע רבנים ז"ל געזאָגט: „חכם עדיף מנביא" — א חכם איז בעסער פון א נביא. און אליהוא זאָגט אין איוב: "אכן רוח היא באנוש ונשמת שדי תבינם" — דאָס איז א גייסט אין מענשען און גאָט'ס אָטהעם גיט זיי פערשטאַנד.

און וויבאַלד די הויפּט זאַך ביי אַלע מלאכות און חכמות איז דער שכל, די געטליכע קראַפט וואָס ברייננט דעם תלמיד צו פאָלקאָמענהייט אין דער זאַך וואָס ער לערענט, דאַרפסטו, ברודער, פערשטעהן אז דער עיקר כונה פון די מצוות וואָס א מענש טהוט מיט זיין קערפּער, מיט זיינע גליעדער איז, כדי דאָס מקיים זיין די דאָזיגע מצוות זאָל דעם מענשען ברענגען צו די הערצליכע מצוות, צו די מצוות וואָס מען איז מקיים מיט דער מחשבה, מיט'ן געדאַנק, ווייל דאָס איז דער הויפּט אויפהאַלט פון גאָטעס דיענסט און זיי, די הערצליכע מצוות, זיינען דער עיקר פון דער תורה, אזוי ווי דער פּסוק זאָגט אין דער תורה: "את ה' אלהיך תירא" — פאַר גאָט דיין גאָט זאָלסטו מורא האָבען. אז אנדער פּסוק זאָגט: "כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו" — די זאַך, דער ענין התורה והעבודה, איז זעהר נאָהענט צו דיר צו טהאָן עס מיט דיין מויל און הארץ. די תורה זאָגט אויך "ואהבת", דו זאָלסט גאָט ליעב האָבען.

און ליעב האָבען איז אויך ניט א זאך וואָס מען קען טהאָן מיט די אברים, נור מיט'ן הארץ, מיט דער מחשבה.

און ווייל די הערצליכע מצוות זיינען העכער פון דעם מענשען'ס כח; ווייל גייסטיגעס איז ניט אין זיין נאטור, קען ער די הערצליכע מצוות ניט ריכטיג מקיים זיין סיידען ער זאָל זיך אָפּשיידען פון א סך פון זיינע טיערישע תאות און פערטרייבען פון זיך זיינע נאטירליכע נייגונגען. דעריבער האָט איהם גאָט גע־געבען קערפּערליכע מצוות, מצוות וואָס ער דאַרף טהאָן מיט זיינע גליעדער אזוי ווייט ווי ער האָט ביכולת. דיעזע מצוות שוואכען אָפּ זיינע תאות און עס מאכט איהם לייכטער נאָכצוקומען די הערצליכע מצוות, פּארזאָגען, וואָס זיינען שייך צו דער מחשבה, צום געדאנק.

און אז דער גלויביגער בעמיהט זיך און פלייסט זיך אין מצוות מחשבות אין געדאנק מצוות און טהוט זיי אזוי פיעל ווי מעגליך, עפענט גאָט פאר איהם דעם טויער פון גייסטיגע מעלות און ער קען דערגרייכען נאָך מעהר ווי זיין מעגליכקייט צו דיענען גאָט מיט'ן גוף און מיט דער נשמה, אָפען און פער־בארגען, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: ״לבי ובשרי ירננו אל אל חי״ — מיין הארץ און מיין לייב וועלען לויבען דעם לעבעדיגען גאָט.

דאָס איז גלייך אזוי ווי איינער וואָס האָט פערפלאנצט בוימער און ער האָט די ערד אויסגעארבייט און אויסגערייניגט פון דערנער און ווילדע גראָזען, האָט די בוימער בעוואסערט ווען מען האָט געדארפט, און געטהאָן אנדערע זאכען וואָס נויטיג איז, קען ער האָפען צו גאָט אז עס וועלען וואקסען פּירות. ווען אָבער ער פערנאכלעסיגט און היט די בוימער ניט אָפּ ווי געהעריג איז, קען ער ניט ערווארטען אז גאָט וועט איהם געבען פּרוכט. אזוי איז אויך מיט דיענען גאָט. אז דער מענש סטארעט זיך און פלייסט זיך אין דעם ווי ווייט מעגליך, וועט איהם גאָט העלפען צו טהאָן פון גאָט'ס וועגען אריבער זיינע געוועהנליכע מעגליכקייטען. דאָס איז די הימעלשע גוטע פרוכט וואָס גאָט גיט זיינע גע־ליעבטע דאָ אויף דער וועלט, אזוי ווי די חז"ל האָבען געזאָגט אין פּרקי אבות: ״כל המקים את התורה מעוני סופו לקימה מעושר״ — ווער עס איז מקים די תורה פון אָרעמקייט, וועט דער סוף זיין, אז ער וועט זי מקים זיין פון רייכקייט.. און ווי שלמה המלך זאָגט אין קהלת: ״כי לאדם שטוב לפניו נתן חכמה ודעת״ — דעם מענשען וואָס איז גוט פאר איהם, וואָס האָט ביי איהם לאָסקע האָט גאָט געגעבען חכמה און וויסענשאפט און רייכטהום.

און די חז"ל האָבען געזאָגט: ״תורה מביאה לידי זהירות״ — תורה ברייננט דעם מענשען צו זיין גוט און פרום. אז ער לערענט די תורה, ברייננט עס איהם צו זיין אָפּגעהיט פון זינד אפילו ווען די עבירות קומען איהם צו דער האנד. ער רעכענט דאָרט נאָך מדרגות, שטופען אלץ העכערע און העכערע ביז צו חסידות, וואָס דאָס איז די העכסטע מדרגה, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: ״אז דברת בחזון לחסידך״ — דאמאָלס האָסטו, גאָט, גערעדט מיט נבואה צו דיינע חסידים.

ווען אָבער א מענש פערנאכלעסיגט צו טהאָן פון גאָט'ס וועגען לויט זיינע מעגליכקייט און ער האלט פאר גרינג צו טהאָן דאָס וואָס ער קען, וועט זיך גאָט'ס הילף פון איהם דערווייטערען און ער וועט איהם ניט געבען די מעג־ליכקייט צו דיענען איהם און טהאָן מעשים טובים, אפילו אזעלכע וואָס דער מענש האָט ביכולת צו טהאָן, אזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: ״רחוק ה׳

מרשעים" — גאָט איז ווייט פון די רשעים. און ישעיה הנביא זאָגט פון גאָט'ס וועגן: "עונותיכם מבדילים" — אייערע זינד האָבן מיך אָפּגעשיידט פון אייך און איך וועל אייך ניט קומען צו הילף אַז איהר זאָלט מיך דיענען.

דעם צוויי און צוואַנציגסטען חשבון הנפש דאַרף דער מענש מיט זיך האָבען אין דעם ענין פון תקון העולם, פון ברייננגען דער וועלט נוצען צוזאַמען מיט אַנדערע מענשען, אַזוי ווי אַקערן, זעען, שניידען תבואה אָדער מסחר'ן, זאַכען וואָס מענשען טהוען פאַר זיך און פאַר דער טובה פון דער גאַנצער מענשהייט, ווייל אָהן דעם קען די וועלט קיין קיום ניט האָבען. דאַרף אין דיעזען פּרט יע־דער איינער זיך בעטראַכטען, אַז ער דאַרף די אַנדערע מענשען, וואָס העלפען אויפהאַלטען דעם קיום פון דער וועלט אַזוי ווי ער, ליעב האָבען. ער דאַרף ליעב האָבען פאַר זיי דאָס וואָס ער האָט ליעב פאַר זיך און פיינט האָבען פאַר זיי דאָס וואָס ער האָט פיינט פאַר זיך. ער דאַרף אויך זיי רחמנות האָבען און אָפּ־ווענדען פון זיי וועלכען עס איז שאַדען לויט זיין מעגליכקייט, אַזוי ווי די תורה זאָגט: "ואהבת לרעך כמוך" — דו זאָלסט דיין חבר ליעב האָבען אַזוי ווי זיך אַליין.

דאָס איז גלייך אַזוי ווי אַ גרופּע מענשען לאָזען זיך אַוועק אין אַ ווייטע וועג און זיי האָבען מיט זיך אַ סך אָקסען אָדער פערד, וואָס פיהרען שווערע משאות, וועלכע מען דאַרף אין געוויסע פּלעצער אויסלאָדען און אָנלאָדען. מוזען די לייט זיין גוט איינע צו די אַנדערע און העלפען איינער דעם אַנדערען. ווען אָבער יעדער איינער וועט זיין פאַר זיך, וועלען דאָס רוב פון זיי מיעד ווערען און וועלען ניט דערגרייכען זייער ציעל. און דעריבער, ברודער, איז די וועלט שווער אויף די מענשען; דעריבער קומט מענשען אָן זייער חיונה אַזוי שווער מיט דאָפּעלטע ארבייט, ווייל זיי ווילען זיין אָפּגעזונדערט פאַר זיך און געניסען פון דער וועלט מעהר ווי זיי דאַרפען, מעהר ווי זיי מוזען נויטיג האָבען. און צוליעב דעם, ווייל מענשען בענוגענען זיך ניט און יעדער איינער וויל פאַר זיך אַליץ מעהר און מעהר, פעהלט זיי אפילו זייערע נויטוועגדיגקייטען און זיי זיינען ניט צופריעדען פון דער וועלט און זיי זיינען מתרעם און בעדויערען וואָס זיי האָבען ניט גענוג אויף זייער אויסקומעניש.

ווען אָבער מענשען וואָלטען זיך בענוגענט מיט בלויז דאָס וואָס זיי מוזען האָבען נויטיג און אַלע וואָלטען זיך גלייך געסטאַרעט פאַר די נוצען און וואָהל־זיין פון אַלעמען, וואָלטען זיי ניט גערדאַרפט אַזוי פיעל האָוועז, אַזוי פיעל האָ־רעווען און יעדער איינער וואָלט געהאַט מעהר ווי ער דאַרף.

און ניט גענוג וואָס מענשען העלפען ניט איינע די אַנדערע, שוואַכען זיי נאָך אָפּ איינער דעם צווייטען און לאָזען ניט צו אַז אַן אַנדערער זאָל אויך עפּעס האָבען, און דאָס ברייננגט דערצו אַז אַלעמען פעהלט און קיינער דערגרייכט ניט זיין פערלאַנג און וואונש.

דעריבער, ברודער, סטאַרע זיך צו האָבען אמת'ע גוטע פריינד און טרייע חברים וואָס זאָלען דיר העלפען אין דער תורה און אין וועלטליכע זאַכען, זייענ־דיג טריי צו זיי מיט'ן גאַנצען האַרצען און מיט אַ קלאָהרען זינען, און זיי זאָלען דיר זיין בעליעבט אַזוי ווי דו ליעבסט זיך אַליין. און דו זאָלסט ניט פער־טרויען דיינע סודות נור צו דיינע בעסטע און געטרייעסטע פריינד, אַזוי ווי בן סירא האָט געזאָגט: "רבים יהיו דורשי שלומך, גלה סודך לאחד מאלף" — פיעל פריינד זאָלסטו האָבען, אָבער דיין סוד פערטרוי נור צו איינעם פון טוי־

זענד. און דער חכם זאָגט אין משלי: ״שמן וקטורת ישמח לב ומתק רעהו מעצת נפש״ — אזוי ווי בוימעל און בשמים דערפרעהט דאָס האַרץ, אזוי דערפרעהט די עצה פון אַן אמת׳ען פריינד, ווען די עצה איז פון פריינד׳ס נשמה, ווען זי איז אויס געטריישאַפט און אויפריכטיגקייט.

# פרק ח׳

צום דריי און צוואַנציגסטען חשבון הנפש בעלאַנגט דאָס בעטראַכטען די וועלט און אַלעס וואָס אין איהר געפינט זיך, פון די קליינע בעשעפעניסען און די גרויסע, די מעלות פון די רעדעווודיגע, די מענשען, די שטופען פון די ברואים אונטען אויף דער ערד און אויבען אין הימעל, די בעוועגונגען פון דער זון, די לבנה, די שטערען און פּלאַנעטען, דאָס פאַלען פון רעגען, דאָס בלאָזען פון ווינד און די אַרט און ווייזע ווי אזוי א קינד ווערט געבוירען. ער דאַרף אויך בעטראַכטען די מעהר דעליקאַטנע זאַכען, די מעהר וואונדערליכע זאַכען פון דעם בעשעפער, וואָס זיינען מעהר אַנגעזעהן אָדער פערקעהרט — מעהר פערבאָרגען, אָבער זיי ציינען גאָט׳ס חכמה, מאַכט, גוטע פיהרונג און די אַלגעמיינע חסד און רחמים און השגחה אויף זיין שאַפונג.

און דיין געוואוינהייט צו זעהן גאָט׳ס וואונדער זאָל דיך ניט פערפיהרען אוועקצומאַכען אַלעס מיט דער האַנד און האַלטען עס פאַר גרינג. ווארום דער שטייגער איז, אז ווען מען ווייס פון א זאַך און מען זעהט עס אָפט, מעג עס זיין א וואונדערבאַרע זאַך, בעוואונדערט מען עס ניט. עס זיינען אפילו דאָ מענשען וואָס בעלאַנגען צו א העכערען, צו אַן איידעלערען קלאַס, און דאָך בעוואונדערען זיי, למשל, א לקוי חמה, א לקוי לבנה, אַן אויסערגעוועהנליכען שטורם, שטאַרקע דונערען און בליצען; אָבער זיי בעוואונדערען ניט די זון אויפגאַנג און אונטערגאַנג, א געוועהנליכען רעגען, א געוועהנליכען ווינד און דאָס גלייכען, ווייל די ערשטע זעהען זיי ניט אָפט און די לעצטע איז ביי זיי קיין נייעס און זיי זיינען געוואוינט צו דעם. אזוי בעוואונדערען אויך מענשען די כוואַליעס אויף׳ן ים, דאָס שטורמען פון די וואַסער, די זאָנדערבאַרע חיות וואָס געפינען זיך דאָרט און זיי בעוואונדערען ניט די טייכען און די קוואַלען וואָס פליסען שטענדיג אַהן אויפהער, אויך צוליעב דעם, ווייל דעם ים זעהען זיי זעלטען און טייכען און קוואַלען זעהען זיי אָפט.

דעריבער, ברודער, דאַרפסטו מיט זיך האַבען א חשבון הנפש און בעאָבאַכטען אַלעס וואָס דער בורא יתברך האָט בעשאַפען און בעוואונדערען אַלעס, הן די זאַכען צו וועלכע דו ביזט צוגעוואוינט, הן די זאַכען וואָס דו זעהסט זעלטען, אָדער אפילו וואָס דו האָסט ניט געזעהן, נור דו ווייסט אַז זיי עקזיסטירען.

און דיין נאַרישקייט זאָל דיך ניט ברייגגען דערצו אז דו זאָלסט בעאָבאַכטען זאַכען אין דיין יוגענד, ווען דו האָסט נאָך קיין שכל אָפּצושאַצען ווי וואונדערבאַר זיי זיינען, און ווען דו ווערסט עלטער און דיין שכל ווערט שאַרפער און קלעהרער, זאָלסטו שוין גאָרניט דענקען וועגען דעם. אדרבא, קוק זיך צו און בעטראַכט די זעלבע זאַכען אזוי ווי דו זאָלסט זיי קיינמאָל ניט האָבען געזעהן. שטעל זיך פאָר אז דו ביזט פריהער בלינד געווען און איצט זיינען דיינע אויגען אויפגעעפענט געוואָרען און דו זעהסט די זאַכען צום ערשטען מאָל. און דו

ווייסט דאָך, ברודער, אַז אַ נאַר איז אַזוי ווי אַ בלינדער און אַז דער נאַר קריגט שכל איז אַזוי ווי ער ווערט פון בלינד זעהענדיג, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה אויף אדם און חוה: "ותפקחנה עיני שניהם" — זייערעביידענס אויגען זיינען געעפענט געוואָרען, וואָס עס מיינט, אַז זיי זיינען געקומען צום שכל, אָבער בלינד זיינען זיי פריהער אויך ניט געווען.

אַז דו ווערסט אַזוי טהאָן, וועסטו שטענדיג בעוואונדערען גאָט'ס שאפונג און קיין זאַך וועט ניט זיין קליין אין דיינע אויגען.

און דו זאָלסט ניט פערנאַכלעסיגען צו דערמאָהנען דיינע גייסטיגע גע־פיהלען זיי זאָלען זיך די מיה נעהמען און בעזייטיגען דיינע נאַרישקייטען, וועסטו דאַמאָלס זעהן און אַנערקענען די וואונדער פון בורא יתברך, וואָס דו האָסט פריהער ניט געוואוסט און ניט פערשטאַנען, אַזוי ווי אַ געוויסער חכם האָט געזאָגט: "די הערצער פון קלוגע האָבען אויגען און זיי זעהען וואָס די נאַרען זעהען ניט", און אַזוי ווי ישעיה הנביא האָט געזאָגט: "שאו מרום עיניכם" — איהר וועט ווייסען, איהר וועט פערשטעהן גאָט'ס וואונדער, ווען איהר וועט אויפהויבען אייערע אויגען צום הימעל און בעטראַכטען וואָס פאַר אַ זעלטענע קונץ עס ליגט אין די שאפונג.

דער פיער און צוואַנציגסטער זעלע רעכענונג בעשטעהט אין דעם, אַז דו זאָלסט מיט זיך אַליין אַ חשבון האָבען און אויפפאָדערען דיין אייגענעם נפש, דיין אייגענעם שכל, אַז ער זאָל פאַר דיר ענטדעקען אַלעס וואָס ער ווייס און בעגרייפט וועגען גאָט, זיין תורה, די רייד פון אונזערע פאַרצייטיגע חכמים און זייערע רעטעניסען, די ענינים וואָס זיינען שווער צו פערשטעהן. פאָדער אויך אויף דיין שכל ער זאָל דיך לערנען און געבען מעהר צו פערשטעהן דעם ענין פון די תפלות וואָס דו האָסט אַמאָל געלערענט. די אַלע זאַכען דאַרפסטו גוט בעטראַכטען, כדי צו ווייסען ווי אַזוי אַנצוגעהן ווייטער אין די ענינים פון עבודת הבורא.

ווארום איידעלע, דעליקאַטנע זאַכען האָבען ניט איינעם און דעם זעלבען פּנים, איינעם און דעם זעלבען אויסזעהן. ביי דעם וואָס דער שכל איז שוואַך און ביי דעם וואָס בעזיצט אַ שטאַרקערען, אַ שאַרפערען שכל. דער טעמפּער מח פערשטעהט עס אַנדערש און דער שאַרפער — אַנדערש. און וואָס מעהר שכל אַ מענש האָט, אַלץ ווערען איהם טיעפע און דעליקאַטנע ענינים קלעהרער און קלעהרער. דעריבער בענוגען זיך ניט דערמיט וואָס עס איז פערבליבען אין דיין האַרץ אָדער אין דיין מח פון דיין אַמאָליגען לערנען די שווערע אונדייטליכע ענינים, נור ווען דו קריגסט מעהר שכל, דאַרפסטו זיך אַנפאַנגען גריבלען אויף דאָס ניי און לערנען מיט מעהר אויפמערקזאַמקייט גאָט'ס תורה און די רייד פון די נביאים אַזוי ווי אַזעלכער וואָס האָט עס גאָר קיינמאָל ניט געלערענט.

און דו דאַרפסט זיך נעהמען די מיה און געוואוינען זיך אויסטייטשען און גוט פערשטעהן זייערע ווערטער, אויסדריקע און מיינונגען, וואָס מען קען פון ווערטער און פּסוקים אויסדריגגען, וואָס עס איז פּשוט ווי עס שטעהט גע־שריעבען און וואו עס זיינען בעהאַלטען געוויסע כונות, וואָס עס זיינען אָפענע זאַכען און וואָס פערבאָרגענע, וואָס אַ מענש קען פערשטעהן מיט'ן שכל און וואָס ער קען ניט משיג זיין.

און אַזוי זאָלסטו אויך טהאָן מיט תפלות און שבחים צו גאָט. אין דעם זאָלסטו זיך אויך ניט פוילען צו בעטראַכטען גוט יעדעס וואָרט, זייערע בע־

דיטונגען און צו וואס זיי ציעלען, כדי ווען דו וועסט ריידען פאר דיין גאט זאלסטו וויסען וואס דו רעדסט און וואס דו פערלאנגסט. דו זאלסט אין דיעזען פרט ניט זיין ווי א יונגער אינגעל און ניט ארויסריידען סתם ווערטער וואס קומען אויף'ן צונג ניט אכטענדיג ווי אזוי זיי ווערען ארויסגעשפראכען און ניט וויסענדיג געגוי זייער בעדייטונג. מיר האבען שוין פריהער גענוג גערעדט וועגען דיעזען ענין און עס איז איבעריג אנצוציהען איצט א סך רייד וועגען דעם.

און אזוי זאלסטו אויך טהאן ווען דו לערענסט די ספרים פון חכמים און קבלה, די טראדיציעס וואס ווערען איבערגענומען פון דור צו דור. דו דארפסט אין דעם אויך צולייגען דיין מח, און ווען אפילו א זאך קומט ביי דיר ניט אויס אזוי ריכטיג, זאלסטו זיי, די חכמים און די שעפער פון די טראדיציעס, דן זיין לזכות. דו זאלסט זיי ניט בעשולדיגען, אז זיי האבען ניט ריכטיג געזאגט, נור אנהענגען אז דו פערשטעהסט זיי ניט אקוראט, און פאדער אויף דיין שכל ער זאל דיר די זאך פינקטליכער ערקלעהרען. דו מעגסט שוין האבען די זאך פיעל מאל געלערנט, שטעלט זיך פאר אז דו פאנגסט עס איצט אן און גריבעל זיך אין דעם צו וויסען און פערשטעהן וואס מעהר.

און די זאך וואס וועט ביי דיר קלאהר ווערען, זאלסטו געדענקען און דאס וואס וועט ביי דיר פערבלייבען אין ספק, זאלסטו ניט דורכלאזען, נור נאכפרעגען און נאכפארשען וועגען דעם ביי די חכמים, ביי די לערנער פון דיין צייט, אבער ניט אויבערפלעכליך ווי איינער וואס הויבט אן לערנען א זאך, נור מיט מעהר אויפמערקזאמקייט, מיט מעהר פערטיעפען זיך אין דעם ענין.

אז דו וועסט זיך אזוי נוהג זיין, וועסטו דערגעהן די סודות פון דער תורה און די סודות פון די חכמים מעהר ווי דו האסט געקענט משיג זיין אין אנפאנג פון דיין לערנען.

און זאל דיין גאוה דיך ניט ברייגגען צו דענקען, אז דו ביזט שוין א פער־טיגער חכם פון דיין יוגענד און דו דארפסט שוין ניט לערנען מעהר און וויסען מעהר. עס זאל דיר אויף'ן זינען ניט ארויפקומען אז דו ווייסט שוין אלעס, ווייל דאס וויל דיר אזוי דער יצר הרע איינשמועסען, כדי צו מאכען דיר פויל און אפווענדען דיר פון נאכפארשען און נאכזוכען צו דערגעהן זאכען אויף ריכטיג. אזוי ווי דער חכם זאגט אין משלי: "חכם עצל בעיניו" — דעם פוילען דאכט זיך אז ער איז א חכם, אז עס פעהלט איהם גארניט אין לערנען און וויסען. אין אן אנדער פלאץ זאגט ער דארט: "ראית איש חכם בעיניו תקוה לכסיל ממנו" — אז דו זעהסט איינעם וואס אין זיינע אויגען איז ער א חכם, קען מען אויף'ן נארר לייגען מעהר האפנונג ווי אויף איהם. ווארום דער ערשטער וויל שוין מעהר ניט לערנען און זוכען צו דערגעהן עפעס, און דער צווייטער, וואס ווייס אז ער איז אומוויסענד, סטארעט זיך צו לערנען און דערוויסען זיך וואס מעהר.

אין קהלת איז דא א פסוק: "החכם עיניו בראשו" — ביים חכם זיינען די אויגען אין קאפ, דאס מיינט צו זאגען בדרך מליצה, אז דער קלוגער, דער פער־שטענדיגער מענש קוקט אויף'ן קאפ, אויף'ן אנפאנג, אויף דעם וואס ער האט פריהער אויפגעטהאן אין די ענינים פון דער תורה און די וועלט און ער בע־דענקט זיך און בעטראכט וואס ער האט נאך פערפעהלט און סטארעט זיך אויס־צובעסערען זיינע פעהלערען. דער נאר אבער קוקט ניט אויף צוריק, אויף זיין

פערגאנגענהייט. ער איז אזוי ווי איינער וואָס געהט אין וועג אין א פינסטערער נאכט, קוקט ער זיך ניט ארום הינטער זיך צו וויסען וויפיעל ער איז אפּגעגאנ־גען, ווייל ער וועט דאָס סאי ווי סאי ניט זעהן. ער האָט נור אין זינען צו פּטור'ן זיין גאנג און דאָס אפּגעגאנגענע קימערט איהם ניט. און אויף דעם זאָגט דער חכם: "והכסיל בחושך ילך" — דער נארר געהט אין דער פינסטער. און ער פערגלייכט דאָרט חכמה צו ליכטיגקייט און נארישקייט, אומוויסענהייט צו פינסטערנים און זאָגט: "וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך" — איך זעה איין, אז חכמה איז בעסער פון נארישקייט ווי ליכט איז בעסער פון פינסטערניש.

דער פינף און צוואנציגסטער חשבון וואָס א מענש דאַרף האָבען מיט זיך איז: אויף ווי ווייט ער איז אריינגעטהאָן אין עולם הזה און אויף ווי ווייט זיין ליעבשאפט צו וועלטליכע תאות איז שטארקער פון די ליעבשאפט וואָס ער פיהלט צו עולם הבא. און וויסענדיג דאָס, דאַרף ער זיך בעמיהען ארויסצוציהען פון זיין הארצען די ליעבע און לוסט צו עולם הזה און פערשטארקען זיין ליעבע און לוסט צו עולם הבא. ער וועט דאָס טהאָן, ווען ער וועט זיך אריינטראכטען אין סוף פון די ביידע וועלטען; ווען ער וועט זיך אין זינען נעהמען אז די וועלט איז ניט קיין דויערהאפטע, ניט קיין לאנג עקזיסטירענדע פאר'ן מענשען און יענע וועלט איז א שטענדיגע, אן אייביגע, וואָס איז מעהר ווערטה געליעבט צו ווערען.

א געוויסער חכם האָט געזאָגט: אזוי ווי פייער און וואסער קענען ניט געהאלטען ווערען אין איין כלי, אזוי קענען אין הארץ פון גלויביגען ניט עק־זיסטירען צוזאמען ליעבע צו עולם הזה און צו עולם הבא. אנדערע קלוגע לייט האָבען געזאָגט, אז די וועלט און יענע וועלט זיינען אזוי ווי צוויי ווייבער ביי איין מאַן, איז ווען דער מאַן ליעבט און צערטעלט איינער, ווערט די צווייטע בייז. אזוי, ברודער, איז מיט די צוויי וועלטען. דיין נשמה און דיין גוף דארפען ביידע אז מען זאָל פאר זיי זאָרגען און צושטעלען זייערע בעדערפניסע, וואָס זיי מוזען האָבען. און די נשמה נויטיגט זיך מען זאָל איהר איינגעוואוינען אין שעהנע, מאָראלישע זיטען, אין לערנען איהר דברי חכמה און אפּוועגדען איהר פון איהרע טהיערישע תאות. אום אויפצוהאלטען דעם גוף אָבער דאַרף מען איהם בעזאָרגען מיט גוטע שפּייזען, געהעריגע משקאות צום טרינקען, וואשען, באָדען אין אזעלכע וואסער וואָס איז פאר איהם געזונד, און השגחה געבען אויף איהם אז עס זאָל איהם קיין זאך ניט פעהלען. אויב אָבער דו וועסט זיך אין גאנצען אפּגעבען צו פערזאָרגען דיין גוף, וועסטו פערנאכלעסיגען דיין נשמה, און אויב וויעדער דו וועסט שענקען דיין גאנצע אויפמערקזאמקייט דיין נשמה, וועסטו פערנאכלעסיגען דיין גוף, וועלכער קען ניט עקזיסטירען, ווען ער קריגט ניט דאָס וואָס עס געהער צו איהם.

דעריבער דאַרפסטו ביידען ניט פערלאָזען, ניט די נשמה און ניט דעם גוף; אָבער דו מוזט אויף דיין נשמה וואָס האָט אן אייביגען קיום מעהר השגחה געבען ווי אויף דיין גוף וואָס ווערט כלה. פערנאכלעסיגען דעם קערפּער אין גאנ־צען און ניט געבען איהם דאָס וואָס ער מוז נויטיג האָבען, זאָלסטו ניט. ווא־רום אז דו וועסט גאָרניט אכטונג געבען אויף דיין קערפּער, וועט ער אפּגע־שוואכט ווערען און במילא וועט דאָס אויך ברייגנען שוואכקייט צו דער נשמה. אז א מענש זאָל, למשל, ניט עסען, וועט ער קיין כח האָבען צו דיענען גאָט.

פאַלגליך, מוז א מענש עסען און טרינקען בלויז אויף אויפהאַלטען זיין גוף, ניט צופיעל, מעהר ווי נויטיג איז; אַבער דער נשמה דאַרף ער געבען איהר שפייז, תורה און גוטע מדות, וואָס מעהר. ווען אפילו דיר ווייזט אויס אַז עס איז שוין אריבער דיין מעגליכקייט, זאָלסטו זיך אַנשטרענגען צו טהאָן נאָך מעשים טובים. אזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין קהלת: "אל תהי צדיק הרבה ואל תתחכם יותר" — דו זאָלסט ניט זיין צופיעל צדיק און אויך ניט צו קלוג, און ווייטער זאָגט ער דאָרט: "טוב אשר תאחוז בזה וגם מזה אל תנח את ידיך" — עס איז גוט אז דו, מענש, זאָלסט זיך האַלטען אַז דיין נשמה און זאָרגען פאַר איהר, אַבער דיין גוף זאָלסטו אויך ניט פערנאַכלעסיגען. דאָס מיינט צו זאָגען, אז א מענש דאַרף ניט זיין עקסטרים, אין גאַנצען אויסגעטהאָן פון דער וועלט אזוי ווי געוויסע צדיקים וואָס זאָגען זיך אין גאַנצען אָפּ פון עולם הזה; א מענש דאַרף זיך ניט פאַרנעהמען צו פיהרען זיך אזוי, טאָמער וועט ער דאָס ניט קענען אויסשטעהן, און ער דאַרף אויך ניט זיין עקסטרים פון דער צווייטער זייט און מאַכען דעם גוף פאַר'ן עיקר און געבען איהם צופיעל תענוגים. אין דעם פּרט דאַרף ער זיך ניט לערנען פון רשעים, פון די לעבע יונגען, וואָס זיינען בלויז אריינגעטהאָן אין וועלטליכע פּערגעניגענס, ווייל דאָס פיהרט ניט צו גוטעס, אזוי ווי דער פסוק זאָגט דאָרט ווייטער: "פּן תמות בלא עתך" — טאָמער וועסטו שטאַרבען פאַר דער צייט, דאָס הייסט: די נשמה, דער איידעלער גייסט, די איידעלע געפיהלען וועלען אָפּשטאַרבען, וועלען פערזונקען ווערען אין דעם ים פון קערפּערליכע תענוגים.

דעריבער זיי ניט עקסטרים און געה מיט'ן מיטעל־וועג. שטאַרק זיך צו זאָרגען פאַר דיין סוף און פון דיעזער וועלט זאָג זיך אויך ניט אָפּ, ווייל פון דיעזער וועלט נעהמסטו שפּייז פאַר יענער וועלט וואָס האָט א קיום און דאָרט איז די אמת'ע רוה, אזוי ווי די חז"ל האָבען געזאָגט אין פּרקי אבות: התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין" — דיעזע וועלט איז גלייך צו א פאָרהויז אנט־קעגען יענע וועלט. גרייט זיך צו אין פאָרהויז, כדי דו זאָלסט קענען אריינקומען אין פּאַלאַץ, און אזוי האָבען זיך געפיהרט אמאָליגע פרומע לייט וואָס האָבען מורא געהאַט פאַר גאָט.

און וויבאַלד אז א מענש דאַרף געהן אויף'ן דרך ממוצע, אויף'ן מיטעל־וועג, טאָ וואָרום זאָגט שלמה המלך "ואל תתחכם יותר" — דו זאָלסט ניט זיין איבעריג קלוג, און ער זאָגט ניט "ואל תהי סכל יותר" — דו זאָלסט ניט זיין איבעריג פערנאַרישט? ווען ער דריקט זיך אזוי אויס, וואָלט דאָך דאָס אויך געהאַט די זעלבע מיינונג, אז מען דאַרף זיך פיהרען מיטעלמעסיג? איז דער תירוץ, אז צו חכמה איז ביי אונז דאָ א גרענעץ, וועלכען מען קען ניט איבער־געהן. אין אַלע חכמות וואָס ברייננען אונז צו גאָטעס דיענסט, אַפּהיטען זיינע מצוות און צייגען זיין מאַכט און חכמה, דאַרפען מיר זיך עוסק זיין און מיר זיינען מחויב צו פאָרשען און גריבלען זיך צו דערגעהן אין זיי וואָס מעהר, אזוי ווי איוב זאָגט: "הן יראת ה' היא חכמה" — די מורא פאַר גאָט איז א חכמה, אָדער אין תהלים ווערט געזאָגט: "ראשית חכמה יראת ה'" — דאָס ערשטע פון חכמה, דער הויפּט חכמה איז דאָס מורא האָבען פאַר גאָט, און נאָך עהנליכע פּסוקים געפינען זיך אין די הייליגע שריפטען. חכמות אַבער וואָס האָבען ניט קיין שיכות מיט גאָטעס דיענסט אָדער אנערקענונג פון זיין גרויסקייט און מאַכט, מיט אזעלכע חכמות טאָר מען זיך ניט אָפּגעבען. דעריבער זאָגט ער: "ואל

תתחכם יותר" — דו זאלסט ניט זיין צופיעל קלוג, דו זאלסט זיך, הייסט עס, בלויז בעשעפטיגען מיט דער חכמת התורה און עבודת ה', אבער ניט מעהר. מיט נארישקייט אבער דארף מען זיך גארניט אפגעבען, אפילו א ביסעל אויך ניט, דעריבער זאגט ער ניט: "ואל תהי סכל יותר" — ווייל נארישקייט דארף מען אפילו א ביסעל אויך ניט געברויכען, דאס הייסט: זינדיגען דארף מען גארניט, ווייל א ביסעל זינד קען קאליע מאכען א סך גוטע מעלות, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין קהלת: "זבובי מות יבאיש יביע שמן רוקח יקר מחכמה מכבוד סכלות מעט" — טויטע פליעגען גיבען א שלעכטען גערוך אין שמעקענדיגען בוימיל, און א ביסעל נארישקייט האט מעהר געוויכט פון חכמה און כבוד. דאס מיינט אויסצודריקען, אז א ביסעל נארישקייט, א ביסעל זינד דערשטיקט אין מענשען זיין חכמה און כבוד.

דער זעקס און צוואנציגסטען חשבון הנפש בעשטעהט אין דעם, וואס דער מענש דארף זיך פארשטעלען, אזוי ווי ער זאל זיין אונטערווארפען א בעפעהל פון מלך, ווי אזוי ער וואלט אפגעהיט דעם בעפעהל אוים מורא פאר א שטרענגע שטראף. אז ער וועט דאס אין זינען האבען קען ניט זיין, אז ער זאל זיך ניט פיהלען פערפליכטעט נאכצוקומען גאט'ס געבאטען, כדי ער זאל ניט בעשטראפט ווערען.

און ווי אזוי קען עס א מענש ניט פערשטעהן מיט זיין שכל, אז צווישען די צוויי געבאט פון מלך און גאט איז א גרויסער אונטערשיד? ווייס ער ניט אז א בשר ודם קען ניט אזוי לייכט בעשטראפען אזוי ווי גאט? ווייס ער ניט, פערשטעהט ער ניט, אז א מלך מוז צוערשט מברר זיין אויב די שולד וואס ער ווארפט אויף אימיצען איז א ריכטיגע, און אמאל קען גאר דער מלך פערגעסען אדער ער קען שטארבען און דער וואס האט זיך פערזינדיגט געגען איהם זאל פערבלייבען אומבעשטראפט? און דאך דארף מען א מלך פאלגען און מורא האבען פאר איהם, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין משלי: "ירא את ה' בני ומלך" — האב מורא, מיין זוהן, פאר גאט און פאר'ן קעניג. היינט ווי דארף מען שוין מורא האבען פאר גאט וואס פון זיין שטראף קען מען זיך ניט אויסדרעהען? ווי אזוי שעהמט זיך ניט א מענש מיט פערשטאנד ארונטערצואווארפען פון זיך גאט'ס מורא, בעת ער ווייסט, אז ער, גאט, קוקט אויף איהם שטענדיג און זעהט וואס ער טהוט און אפילו וואס ער טראכט אין הארצען? ווי אזוי קען ער זיך אפהאלטען פון תשובה טהאן אויף זיינע פערגאנגענע זינד און זיך אפהיטען פון ווייטערע זינד, בעת ער ווייס אז קיין זאך וועט איהם ניט געשענקט ווערען? אויף אזעלכען וואס בעטראכט עס ניט זאגט דוד המלך אין תהלים: "רשע כגבה אפו כל ידרוש אין אלהים כל מזמותיו" — צוליעב זיין גדלות, צוליעב זיין גאוה, פארשטעט דער רשע ניט נאך און האט ניט אין זינען גאט און זיין שטראף.

## פרק ט'

דער זיעבען און צוואנציגסטער חשבון וואס א מענש דארף מיט זיך האבען איז: ווען עס קומט אויף איהם עפעס בייזעס, ווען עס געשעהט עפעס מיט זיין גוף אדער מיט זיין פערמעגען אדער מיט וואס עס איז וואס ריהרט איהם אן צו שלעכטען. אין אזעלכע פעלע דארף ער זיך בערעכענען, אז ער דארף אלעס אננעהמען פאר גוט און ליידען און דולדען און צופריעדען זיין מיט

גאָט׳ס גזירה. ער דאַרף ניט זיין קיין נאַר און בייז זיין דעריבער, אַזוי ווי ישעיה הנביא זאָגט: ״וחכיתי לה׳ המסתיר פניו מבית יעקב״ — און איך האָב געהאָפט צו גאָט אפילו ווען ער האָט פערבאָרגען זיין פנים פון יעקב׳ס הויז, פון די אידען. און א מענש דאַרף ניט זיין אַזוי ווי דער וואָס ישעיה זאָגט אויף איהם: ״והיה כי ירעב והתקצף וקלל במלכו ובאלהיו״ — ווען ער ווערט הונגעריג, ווען עס געהט איהם ניט גוט, ווערט ער אין כעס און לעסטערט זיין קעניג און זיין גאָט.

און וויים, ברודער, אז פאַר די צעהן נסיונות, וואָס גאָט האָט מיט זיי אויסגעפּרואווט אברהם אבינו, וואָלט מען איהם ניט געלויבט, ווען ער וואָלט זיי ניט אָנגענומען פאַר גוט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט אין נחמיה: ״ומצאת את לבבו נאמן לפניך״ — דו, גאָט, האָסט געפונען אברהם אבינו׳ס הארץ איבער־געגעבען און געטריי צו דיר. ער האָט אלעם געטהאָן מיט שמחה, און אפילו ווען גאָט האָט איהם געהייסען מקריב זיין זיין יצחק׳ן, זיין איינציגען זוהן, האָט ער אויך ניט מתרעם געווען אויף גאָט און איז געווען גרייט צו טהאָן דאָס מיט פאַרגעניגען. און די יוצאי מצרים, די אידען וואָס זיינען ארויס פון מצרים, וואָל־טען ניט געשטראָפט געוואָרען אין דער מדבר, ווען זיי וואָלטען קיין פערדרוס געהאַט אויף גאָט׳ס הנהגה און וואָלטען מיט׳ן גאַנצען הארצען אלעם אָנגענו־מען פאַר גוט, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: ״ולבם לא נכון עמו״ — זייער הארץ איז ניט געווען טריי, אנפערטרויט אין גאָט, אַזוי ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער תורה, אַז די אידען האָבען זיך אין דער מדבר געבונטעוועט און געוואָלט אומקעהרען זיך צוריק קיין מצרים, און האָט זיי גאָט געגעבען מן, האָבען זיי געוואָלט פלייש, און נאָך אזעלכע זאַכען.

דאָס לידען, דאָס דולדען, ווען אויף א מענשען קומט עפּעס שלעכטעס, איז זעהר א גוטע מדה. אָבער דאָס לידען און דולדען דאַרף ניט זיין איבער געוואַלד, נור מיט שמחה און צופריעדענהייט. ווען אָבער מען לידט ווייל מען מוז לידען, ווייל מען האָט קיין ברירה ניט, אָבער די הארץ איז ניט דערביי און מען וויל ניט לידען און איבערטראָגען וועלכע ניט איז שלעכטעס, וואָס גאָט שיקט אָן אויף א מענשען, — פאַר אזא לידען און גערולד קריגט מען ניט קיין שכר און עס ווערט ניט גערעכענט אלס אָפּקומעניש פאַר די זינד.

בעטראַכט, ברודער, דעם אונטערשיעד צווישען די צוויי סאָרטען גערולד, פון גערולד מיט׳ן גוטען ווילען און אזא גערולד וואָס אין דער זעלבער צייט האָט מען פערדרוס אויף דעם וואָס מען מוז לידען. ווארום עס זיינען דאָ דריי־ערליי סאָרטען לידען. א מענש קען לידען פון דיענען גאָט. עס קומט איהם אָן שווער מיט מאַטערנים נאָכצוקומען גאָט׳ס געבאָטען. ער קען לידען דערפון וואָס ער איז הינטערשטעליג אין גאָטעס דיענסט און פאָלגט ניט אויס וואָס די תורה הייסט, און ער קען לידען פון וועלטליכע בעגעגעניסען. דער לעצטער מין לידען אָדער צער קען זיין אויף צווייערליי אופנים. לידען אָדער צער וואָס א מענש האָט ווען עס פעהלען איהם נויטווענדיגקייטען, אָדער ווייל ער האָט ניט א זאַך וואָס איז איהם בעליעבט, וואָס ער איז גערן צו האָבען, כאָטש עס איז ניט נויטיג און מען קען אויסקומען אָהן דעם. און וואָס פאַר א יסורים אָדער עגמת נפש א מענש זאָל ניט האָבען פון די לעצטע צוויי; אויב ער האָט צער דערפון וואָס ער האָט ניט דאָס וואָס ער מוז נויטיג האָבען, אָדער צוליעב דעם וואָס ער קען ניט ערגרייכען מעהר ווי די נויטווענדיגקייט פאָדערט, קען זיין

אז גאָט שיקט איהם צו דעם צער אלס שטראָף פאר זיינע זינד און דאָס ווערט גערעכענט אלס אָפּקומעניש, אָדער דאָס קען זיין אן אָנפאנג פון א נסיון, וואָס דער בעשעפער וויל איהם אויספּרוּאוּוען אויב ער וועט דעם צער, די יסורים אָננעהמען פאר גוט.

און ווי עס זאָל ניט זיין, דארפסטו שטענדיג אלעם וואָס עס קומט אויף דיר פון גאָט מקבל באהבה זיין. דו דארפסט אלעם אָננעהמען פאר ליעב, אזוי ווי דוד המלך, עליו השלום", זאָגט אין תהלים: "כל ארחות ה' חסד ואמת לנוצרי בריתו ועדותיו" — אלע וועגען פון גאָט איז חסד און אמת ביי די פרומע לייט וואָס היטען זיין בונד און זיין תורה. און ער דריקט זיך אוים מיט די ווערטער "חסד ואמת", ווייל, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, האָט דער מענש יסורים ענטוועדער כדי ער זאָל אָפּקומען פאר זיינע זינד, וואָס דאָס איז אמת, דאָס קומט איהם מיט רעכט, אָדער ער איז ניט זינדיג, נור גאָט שטעלט איהם צו פּראָבע און אויב ער קען ביישטעהן דעם נסיון, קריגט ער דערפאר א בע־זונדערען שכר, וואָס דאָס איז שוין חסד, א גענאד פון בעשעפער צו בע/וינען דעם מענשען מיט מעהר וויפיעל ער האָט פערדיענט. אויב דו וועסט די דאָזיגע זאכען גוט בעטראכטען, וועלען אלע דיינע ליידען דיר ברייגען גוטעס און די בעלוינונג פאר דעם איז געזיכערט.

דעריבער, ברודער, פערנאכלעסיג ניט צו דענקען דעריבער שטענדיג, און דאַן וועט דיר לייכט זיין איבערצוטראָגען אלעם וואָס אויף דיר וועט קומען. ווען דו וועסט אין זינען האָבען אז דאָס איז געמיינט פון דיין טובה וועגען, כדי צו פערגעבען דיינע זינד אָדער כדי צו געבען דיר מעהר שכר פאר ביי־שטעהן א נסיון, וועסטו זיך שטענדיג טרייסטען און עס וועט דיר ניט שווער זיין ארונטערצושלינגען די ביטערע טראָפּענס פון יסורים און עגמת נפש, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין תהלים: "חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה'" — שטארקט און פעסטיגט אייערע הערצער אלע די וואָס האָפען צו גאָט.

דער אכט און צוואנציגסטער חשבון הנפש איז פאָלגענדער:

**ווען א מענש האָט פולען בטחון אין גאָט און איז צו איהם איבערגעגעבען** מיט לייב און זעעלע, מיט זיין פערמעגען, מיט זיינע קינדער און מיט אלעם; ווען דעם דאָזיגען מענשען ענדערט זיך די צייט און עס הויבט איהם אָן געהן ניט ווי ער וויל, זאָל ער קיינע תרעומות האָבען אויף'ן בעשעפער און זיין גזירה. ער דארף אין אזא פאל האָבען אזא רעכענונג:

ווען איינער שענקט דעם אנדערען אוועק א הויז אָדער א פעלד און דער וואָס קריגט די מתנה בויט איבער די הויז אויף אן אנדער אופן, אויף אן אנדער פאָרמע, אָדער ער מאכט שנויים אין פעלד, דארף דער מתנה געבער בעדויערען דעם פאל? דארף דאָס איהם קימערען וואָס יענער האָט מיט דער מתנה געטהאָן? געווים ניט. וויבאלד ער האָט די הויז אָדער די פעלד יענעם אוועקגעגעבען, קען יענער דערמיט טהאָן וואָס ער וויל. און אזוי, ברודער, וויבאלד דו ביזט מיט אלעם איבערגעגעבען צו גאָט; וויבאלד דו אליין, דיין פערמעגען און אלעם וואָס דו בעזיצסט האָסטו בעשטימט אלס גאָט'ס אייגענ־טהום, דארף דאָך דיר ניט פערדריסען וואָס ער טהוט דערמיט. אז דו פערלאָזט זיך אויף איהם, דארפסטו זיך פערלאָזען אין אלע פרטים און אָננעהמען פאר גוט אפילו אזעלכעס וואָס אין דיינע אויגען זעהט אוים ניט גוט.

דו דארפסט זיך ניט קימערען וועגען דעם וואָס עס געהט דיר ניט לויט

דיין וואונש. דו האָסט איין מאָל אלעם איבערגעבען דעם בעשעפער, איז אלעם זיינס און ער האָט א רעכט צו טהאָן מיט דעם וואָס ער וויל. דו דארפסט אויך ניט פערגעסען, אז דו ביזט איינער פון גאָט'ס בעשעפעניסען און ער שפייזט דיך און פיהרט דיך צו גוטען, אויב דו זעהסט עס אָדער דו זעהסט עס ניט. אמאָל קען דיר אויסוויזען אז ער טהוט דיר שלעכטעס, אָבער פאַקטיש איז עס ניט אזוי, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין הושע: "ולא ידעו כי רפאתים" — זיי וויסען ניט אז איך היילן זיי, אז איך טהו אלעם פון זייער טובה וועגען.

דער ניין און צוואנציגסטער חשבון הנפש בעשטעהט אין דעם, וואָס דער מענש דארף זיך איבערלייגען און בעטראַכטען ווי זיין נשמה איז חשוב'ער פאַר'ן גוף און ווי מענשען זיינען ניט גלייך איינע צו די אנדערע, נור עס זיינען דאָ העכערע מענשען און נידעריגערע מענשען. עס קען זיין אז איין מענש זאָל אין מעלות איבערוועגען טויזענד אנדערע. און דאָס, דארף מען וויסען, איז ניט אין גוף בעשטעהט די חשיבות פון איין מענשען איבער אַנדערע, נור אין דער נשמה. די גופים, די קערפּערס זיינען כמעט אלע גלייך און דער אונטער־שייד איז אין די נשמות, אין די גייסטיגע אייגענשאַפטען און פעהיגקייטען, וואָס איינער בעזיצט און אנדערע ניט, אזוי ווי דאָס פאָלק האָט געזאָגט אויף דוד המלך: כי עתה כמונו עשרת אלפים" — דו איינער ביזט איצט אזוי ווי אונזערע צעהן טויזענד.

אפילו ביי שעהנע פרויען איז אויך ניט דער עיקר זייער שעהנקייט. ווען דער שעהנער פרוי פעהלען גייסטיגע מעלות, איז די שעהנקייט איהרע ניט קיין אנגענעהמע און זי איז מעהר העסליך ווי שעהן, אזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: "נזם זהב באף חזיר אשה יפה וסרת טעם" — אזוי ווי א גאָלדענער נאָזבאַנד אויף'ן נאָז פון א חזיר אזוי איז א שעהנע פרוי וואָס האָט קיין שכל. און אין אנדער פּלאַץ זאָגט דאָרט שלמה המלך: "שקר החן והבל היופי" — קערפּערליכען חן איז פאַלש און שעהנהייט איז גאַרנים.

און לויט ווי דו אנערקענסט די חשיבות פון דיין נשמה איבער דיין גוף; לויט ווי דו פערשטעהסט אויף ווי ווייט דיין נשמה שטעהט העכער פון דיין קערפּער, אזוי דאַרפסטו איהר אָפּהיטען און טהאָן דאָס וואָס פאַר איהר איז בעסער און בעשירמען איהר פון בייזען מצד איהר ווירטה, גאָט, וואָס קוקט אויף איהר ריינקייט און שווארצקייט, וואָס עס פּאַסט פאַר איהר און וואָס עס פּאַסט ניט, אויב זי פאָלגט דעם שכל אָדער די קערפּערליכע תאוות.

דעריבער גיב שטענדיג אכטונג אויף דיין נשמה מעהר ווי אויף דיין גוף. און וויים, אז דיין קערפּער קען לייכטער און שנעלער געהיילט ווערען פון דיא שווערסטע קראַנקהייטען איידער דיין נשמה קען געהיילט ווערען פון דער מחלה וואָס קומט פון יצר הרע, ווען ער איז איהר גובר, ווען ער בעזיעגט איהר. אזוי ווי דער חכם זאָגט אין משלי: "רוח איש יכלכל מחלהו ורוח נכאה מי ישאנה" — דעם מענשען'ס גייסט, דער שכל זיינער קען איבערטראָגען זיין קערפּערליכע קראַנקהייט; אָבער ווען דער גייסט אליין איז צובראָכען, ווען דער גייסט איז קראַנק ווייל ער לאָזט זיך פערפיהרען פון יצר הרע, ווער קען עס פערטראָגען? און אין אן אנדער פסוק זאָגט ער דאָרט: "מכל משמר נצור לבך" — דיין האַרץ, דיין נשמה זאָלסטו היטען מעהר פון אלעם.

איצט האַלטען מיר ביים לעצטען, ביים דרייסיגסטען חשבון הנפש וואָס א

מענטש דארף מיט זיך האָבען, און דאָס איז: וועגען די בעדיענגונגען פון א גר, פון איינעם וואָס וואוינט אין א פרעמדר לאנד.

דער מענטש דארף די זאך בעטראכטען און וויסען אז ער איז דאָ אויף דער וועלט אזוי ווי איינער וואָס איז געקומען אין א פרעמד לאנד, וואו ער קען קיינעם ניט און קיינער קען איהם ניט, נור דער שר אָדער מלך פון דער מדינה האָט אויף איהם רחמנות געהאט און איהם געלערענט ווי אזוי ער זאָל זיך אויפפיהרען, כדי ער זאָל קענען עקזיסטירען. און דער שר האָט איהם געשפּייזט און איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל איהם פאָלגען און נאָכקומען זיינע געבאָטען, פאר וועלכעס ער האָט איהם מבטיח געווען גוטעס, און געוואָרענט אז ער וועט איהם בעשטראָפען אויב ער וועט איהם ניט פאָלגען לויט די צייט און דעם אָרט, ווען און וואו ער וועט נעגען דער שר זינדיגען. און דער שר האָט דעם פרעמדען צו־וויסען געגעבען אז ער וועט ווען עס איז מוזען ארויסציהען פון זיין מדינה, אָבער ער האָט איהם ניט געזאָגט ווען. ער האָט איהם ניט בעשטימט קיין צייט, נור געהייסען אז ער זאָל שטענדיג זיין גרייט דערצו. איז וואָס פאר א בעדינ־גונגען דארף אזא פרעמדער נאָכקומען?

ער דארף זיין א נכנע, געפאלען בייזיך און דערנידעריגען זיך פון גאוה און שטאָלץ, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט ביי לוט: "האחד בא לגור וישפוט שפוט" — איינער איז אהער געקומען וואוינען, איז דאָ א גר און ער אורטיילט, זאָגט דעות. די אנשי סדום, הייסט עס, האָבען לוט'ן פארגעוואָרפען וואָס ער איז א פרעמדער און איז גרויס ביי זיך. און ווייטער דארף דער דאָזיגער גר זיין גרייט צו דער נסיעה, טאָמער הייסט מען איהם ארויסציהען פון דער מדינה, און ער דארף ניט רוהען און שטענדיג האָבען דאָס אין זינען. ער דארף אויך נאָכפאָרשען און וויסען די געזעצע פון לאנד און נאָכקומען זיינע פליכטען צום שר אָדער קעניג, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: "גר אנכי בארץ" — איך בין א גר אויף דער וועלט, דעריבער וויל איך אָפּהיטען גאָט'ס געבאָטען. דער גר איז אויך מחויב ליעב צו האָבען אנדערע גרים אין לאנד, כדי זיי זאָלען איהם העלפען און שטיצען, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין דער תורה: ואהבתם את הגר" — איהר זאָלט ליעב האָבען דעם גר. און ווייטער דארף ער אָנווענדען אלע זיינע מעגליכקייטען צו געווינען די לאַסקע פון דעם פערוואַלטער פון דער מדינה, מחמת זייענדיג א פרעמדער וועט מען זיך פאר איהם ניט אָננעהמען ווען ער וועט זיך מיט וואָס ניט איז פערזינדיגען. אין מלכים ב' ווערט דער־צעהלט, אז דער נביא האָט געפרעגט דער שונמית: "היש לדבר לך אל המלך או אל שר הצבא" — אפשר האָסטו עפּעס צו ריידען אָדער צו בעטען ביים קעניג אָדער הויפּטמאַן? און זי האָט איהם געענטפערט: "בתוך עמי אנכי יושבת" — איך וואוין צווישען מיין פאָלק, צווישען אייגענע מענשען און ווען איך האָב עפּעס א בקשה בעטען זיי דאָס פאר מיר. א גר אָבער האָט ניט ווער עס זאָל פאר איהם בעטען, דעריבער דארף ער זיין שטארק געהיט ניט ארויפצוציהען אויף זיך דעם צאָרן פון הערשער.

אויך דארף דער גר אין א פרעמד לאנד זיך בענוגענען מיט פיעל ער קען קריגען פאר זיין חיונה. ער דארף ניט פערלאנגען גוט עסען, א שעהנע דירה און דאָס גלייכען. ער דארף ניט האָווען צו פיעל און אָנשטרענגען זיך צו בע־קומען רייכטהום, נור צופריעדען זיין מיט פיעל ער האָט. ער דארף אויך צו־גרייטען שפּייז און אלעס נויטיגע אויף'ן וועג, און די ביסעל גוטעס וואָס ער

געניסט דארף ביי איהם זיין גערעכענט פאר א סך, און דאנקען און לויבען דעם יעניגען וואס פערשאפט איהם די ביסעל גוטעס. און קומט אויף איהם שלעכטעס, דארף ער עס געדולדיג איבערטראגען אויס אונטערטעניגקייט און ערנידערונג און מחמת זייענדיג א גר איז ער ניט אימשטאנד אויסצומיידען די שלעכטעס.

פט די אלע תנאים נעהם, ברודער, אויף זיך דא אויף דער וועלט, וואו דו ביזט אן אמת'ער גר. און דיין פרעמדקייט דא אויף דער וועלט קען איבערציינט ווערען פון אנפאנג פון דיין בעשאפונג. ווארום ווען דו ביזט נאך געוועז אין בויך פון דיין מוטער, האסטו ניט געהאט קיינעם וואס זאל פאר דיר עפעס טהאן אדער קענען טהאן. ווען די גאנצע מענשהייט זאל געווען ווען ווען בריינגען דיך אויף דער וועלט מיט א רגע פריהער אדער מיט א רגע שפעטער; ווען די גאנצע וועלט זאל געוועז וועלען פערנאנדערשיידען דיינע גליעדער וואס דארפען זיין צוזאמען אדער צוזאמענבינדען די וואס דארפען זיין בעזונדער, אדער מאכען וועלכען גליעד אונטער אן אנדער פארמע, מאכען די בעוועגענדע גליעדער רוהען אדער די רוהיגע בריינגען אין בעוועגונג, לייכטער מאכען דיר דאס קומען אויף דער וועלט אדער שווערער מאכען, וואלטען זיי דאס ניט געקענט. אדער נאכהער ווען דו ביזט שוין געקומען אויף דער וועלט, וואלט קיין מענש דיך ניט געקענט ערנעהרען אהן די הילף פון גאט. קיינער וואלט דיין קערפער ניט געקענט אנדערש מאכען, עפעס צוגעבען אדער ארונטערנעהמען פון איהם. און ווען דו זאלסט זיך פארשטעלען אז דו ביזט דער איינציגער בעזיצער אויף דער וועלט און מעהר איז קיינער ניטא, דענקסטו אז אין אזא פאל וואלסטו געהאט מעהר צו עסען ווי דו דארפסט ביז דיין סוף, ביז דו וועסט שטארבען? ניין, דו וואלסט אפילו א קערענדעל ניט געהאט מעהר ווי דאס וואס עס געהער צו דיר. פערקעהרט וויעדער: ווען די וועלט זאל האבען נאך אמאל אזוי פיעל מענשען ווי זי האט, וואלט דיר גארניט געפעהלט פון דעם וואס דו מוזט האבען. אזוי אויך קען דיר קיין בעשעפנים ניט העלפען אדער שאדען טהאן, דערלענגערען דיינע יאהרען אדער פערקירצען, און אזוי אלעס קען קיין מענש ניט טהאן פאר דיר, ניט קיין גוטעס און ניט קיין שלעכטעס.

פאלגליך, איז ניטא קיין פערבינדונג צווישען דיר און אלע מענשען פון דער וועלט. דו ביזט צו זיי ניט קיין קרוב און זיי זיינען צו דיר קיינע קרובים. דו ביזט אויף דער וועלט ניט מעהר ווי גר. ווען די וועלט וואלט פערמאגט מעהר מענשען, וואלטען זיי דיר גארניט געהאלפען און ווען עס זאלען זיין וועניגער, וואלט עס דיר גארניט שאדען. יעדער מענש איז אויף דער וועלט אזוי ווי אן איינזאמער, אן עלענדער, וואס האט קיינעם נור זיין האדר און קיינער האט אויף איהם רחמנות נור זיין בעשעפער.

דעריבער, ברודער, לייג זיך אפ אויף איין זאך צו דיענען איהם. אזוי ווי ער איז דער איינציגער וואס האט דיך באשאפען און דיין חיונה, לעבען און טויט איז ביי איהם אין די הענד, אזוי דארפסטו אויך זיין נור צו איהם, און האלט שטענדיג זיין תורה, זיינע פערזאגען אנטקעגען דיינע אויגען, און ערווארט בעלוינונג פאר טהאן גוטעס און האב מורא פאר שטראף פאר טהאן שלעכטעס. נעהם אויף זיך די בעדינגונגען פון גר, אויף וועלכעס איך האב דיר אויפמערקזאם געמאכט און פיהר זיך שטענדיג אזוי כל זמן דו לעבסט אויף דער וועלט, כדי דו זאלסט נאכהער זוכה זיין צו די תענוגים פון עולם הבא, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין משלי: "כן דעה חכמה לנפשך" — דו זאלסט

געבען דיין דעה אויף חכמה, דו זאלסט זיך אפליינען אויף חכמת התורה פאר דיין נפש, פאר דיין נשמה, כדי איהר זאל זיין גוט אויף יענער וועלט.

אט דאס זיינען די דרייסיגערליי רעכענונגען וואס א מענש דארף האבען מיט זיך אליין פון גאטס וועגען. און אז דו וועסט זיי גוט בעטראכטען און אור־טיילען זייער ריכטיגקייט, וועט דיר ליכטיג ווערען אין די אויגען און זייער העלע שיין וועט דיך ארומרינגלען. דעריבער האב זיי שטענדיג אין זינען, אימער, דיין גאנצען לעבען. און בענוגען זיך ניט מיט דעם וואס איך האב דיר אלעס געזאגט בקיצור, און ווען מען זאל יעדען פונקט גוט ערקלעהרען, קען מען דערפון לערנען דאפעלט. איך האב בלויז אויפמערקזאם געמאכט, בלויז דערמאהנט אין קורצען פאר די וואס פערלאנגען צו וויסען דאס און די איבעריגע זאלען זיי אליין דענקען און טראכטען. ווארום ווען איך זאל דעם ענין פון די דרייסיג חשבונות הנפש ברייטער ארומריידען, וואלט דיעזער ספר מיינער געווען צו גרויס, און דאס איז ניט מיין כונה. איך בעצוועק נור מיט דיעזען ספר צו לערנען מענשען, און לערנען איז בעסער בקיצור, ניט אנציהען צופיעל.

און אז דו וועסט צולייגען דיין מה צו אלעס וואס איך האב דיר געזאגט און פערטיעפען זיך אין דעם, וועסטו דערגעהן א סך מעהר פערבארגענע סודות און גייסטיגע לעהרען וואס זיינען אין ספר ניט געשריבען.

און דו זאלסט ניט דענקען אז ווען דו וועסט אויבערפלעכליך לערנען די דרייסיג חשבונות און דו וועסט זיך אפשטעלען אויף די געשריבענע ווערטער וועסטו שוין אלעס וויסען, ניין, פון די ווערטער וועסטו ניט פיעל דערגעהן, סיידען דו וועסט זיך אין זיי ארייינטראכטען און פלייסיג לערנען א לאנגע צייט און א סך מאל. אז דו וועסט אזוי טהאן, וועסטו פערבעסערען דיינע איינענע מעשים און אויך קענען פיהרען אנדערע אויף'ן גוטען וועג, פאר וועלכעס דו וועסט האבען פיעל שכר, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין דניאל: "והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע" — די קלוגע וועלען שיינען ווי די לויטערקייט, ווי דער גלאנץ פון הימעל. און אין משלי ווערט געזאגט: "ולמוכיחים ינעם" — די וואס שטראפען אנדערע, די וואס לערנען אנדערע צו געהן בדרך הישר וועט זיין זיס און גוט אויף יענער וועלט.

## פרק י'

און די נוצען וואס דער אויבען דערמאהנטער חשבון ברייננגט דעם מענשען איז: דאס געווינען וואס דער נפש, די נשמה געווינט דערביי. דורך דעם חשבון הנפש, דורך די דרייסיגערליי זעעלע־רעכענונגען, ווען מען פערשטעהט זיי גוט און מען בעטראכט זיי פינקטליך, אויבערפלעכליך און אויך טיעפער ווי זיי זיינען אויבען אויף, איז מען איבערצייגט ווי וויכטיג זיי זיינען און ווי מען דארף זיי אויפנעהמען און אפהיטען לויט די נשמה, דער שכל קען בעגרייפען. דא־מאלס, ברודער, ווען דו וועסט זיך אין די דאזיגע חשבונות ארייינטראכטען, וועט דיין נשמה געווינען א גוטע געווינס. דו וועסט דערפון לערנען אלע גוטע מדות און דו וועסט דורכדעם דערגרייכען דאס בעסטע וואס דו קענסט דערגרייכען.

דורך די דאזיגע חשבונות וועט דיין נשמה געלייטערט ווערען פון די נא־רישקייט און דאס וועט אוועקנעהמען די ספקות וואס געפינען זיך אין דיין הארץ.

און דאָס ווייסטו דאָך, אז וואָס ריכטיגער און קלעהרער מען דערגעהט א זאַך; וואָס מעהר מען גיט זיך די מיה איינצואָרדענען א זאַך, אלץ בעסערע און גרעסערע נוצען ציהט מען פון דעם. אזוי איז אין דער מעדיצינישער וויסענשאַפט, די ווירקונג פון רפואות איז לויט די מינים וואָס זיי ענטהאַלטען און לויט ווי זיי זיינען צוזאַמענגעשטעלט. וואָס מעהר דער דאָקטאָר, וואָס גיט דעם רעצעפּט, איז אריינגעטהאָן אין דער זאַך, וואָס מעהר ער גיט זיך די מיה צו בעטראַכטען דעם כח, די ווירקונג פון יעדען מין, אלץ בעסער קומט די רפואה ארויס און אלץ בעסער ווירקט זי אויף׳ן חולה. אזוי איז אויך מיט אנדערע חכמות און וויסענשאַפטען. וואָס מעהר מען לייגט צו זיי צו דעם קאָפּ, אלץ מעהר דערגעהט מען אין זיי. מען מוז פריהער לערנען זייטיגע זאַכען אום גרינדליך צו פערשטעהן א געוויסע חכמה אָדער וויסענשאַפט. מען קען ניט צוטרעטען צו אַסטראָנאָמיע איידער מען קען גוט רעכנען און מען קען ניט זיין קיין גוטער רעכענער איידער מען ווייס געוויסע כללים וואָס האָבען א שייכות צו דער חכמת החשבון.

אזוי איז, ברודער, דאָס אויך. עס איז פאַר דיר אונמעגליך צו מאַכען ריין נשמה דאָס וואָס זי דאַרף זיין, סיידען דו נעהמסט אויף זיך נאָכצוקומען דאָס אויף וועלכעס איך האָב דיר אויפמערקזאַם געמאַכט דאָ אין דיעזען שער און אין די אנדערע שערים פון דיעזען ספר און אלעם שטענדיג אויספאָלגען. ווען דו וועסט עס טהאָן מיט טרייהייט און איבערגעבענהייט; אז דו וועסט ניט שפּאָרען קיין מיה צו פערשטעהן אלעס וואָס מעהר און בעסער, וועט דיין שכל ווערען אלץ שאַרפער און קלעהרער און דו וועסט זעהן און וויסען דעם וועג צו אלע הויכע מעלות וואָס א מענש קען דערגרייכען, פאַר׳ן יצר הרע וועט דאַן זיין פערשטעלט דער וועג צוצוקומען צו דיר און אנריידען דיר צו שלעכטעס. דו וועסט קומען צו דער מדרגה פון גאָט׳ס געליעבטע און וועסט ערווערבען א גייסטיגע קראַפט וואָס דו האָסט פריהער ניט געהאַט. אזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין קהלת: "חכמת אדם תאיר פניו" — די חכמה פון מענשען דערלייכט זיין פּנים, מאַכט איהם ליכטיג און ער זעהט און בעגרייפט אזעלכעס וואָס ניט אלע זעהען און בעגרייפען.

דאַמאָלס, אז דו וועסט אלעס לערנען און שטודירען ווי געהעריג איז, וועסטו דערגעהן הויכע ענינים און דורך דיין לויטערע נשמה, ריינע הארץ און שטאַרקע אמונה וועסטו זעהן די טיפע סודות, וואָס וועלען דיר פערשאַפען שטענדיגע פרייד דאָ אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און דו וועסט זיך מיט דעם ניט שיידען.

איך וועל דיר געבען א משל, דורך וועלכען דו וועסט אביסעל מעהר פערשטעהן דאָס וואָס איך האָב דיר פריהער געזאָגט.

ווען דו געפינסט זיך, צום ביישפּיעל, אויף א געוויסען פּלאַץ, וואו אויבען איז דאָ א וואונדער שעהנע בילד, אָבער דו קענסט זי ניט זעהן, מחמת זי קומט אויס פערשטעלט פון דיינע אויגען. גיט מען דיר אן עצה דו זאָלסט נעהמען א שטאָלענע בלעך און זי שלייפען און אויסרייניגען פון פלעקען, דאַן שמירען פאַר א צייט מיט אזעלכע זאַלבען ביז זי וועט בעקומען א העלען בליאַסק און פערוואַנדעלט ווערען אין א שפּיגעל. נאָכהער האַלטען די בלעך אנטקעגען פּנים און די פּראַכטפולע בילד וועט זיך אין איהר אָפּשפּיגלען און דו וועסט זי זעהן און גרויס פערגעניגען האָבען. אזוי איז אויך דער הימעלישער וואונדערבאַ־

רער פאַרטרעט, דאָס הייסט: די געטליכע חכמה, וועלכע דו קענסט ניט זעהן מיט דיינע אויגען: דו קענסט ניט בעגרייפען די אויבערשטע וועלט ווי זי איז, אָבער דו קענסט זי זעהן און בעגרייפען דורך א שטאָלענע בלעך, דאָס איז דיין נשמה, וועלכע דו מוזט אָבער פריהער שלייפען , געוואוינען איהר אין גוטע מדות און קלוגע לעהרען פון דער תורה, און שמירען איהר מיט זאלבען, דאָס מיינט: די דרייסיג חשבוני הנפש וואָס איך האָב דיר געלערענט. און אז דו וועסט זיי, די חשבונות, אין זינען האָבען, וועט דיין נשמה ווערען העל און לויטער, דיין שכל וועט קלאָהר און ליכטיג ווערען און עס וועט זיך אין דיר אָפּשפּיגלען אלע זאכען וואָס זיינען פון דיר פערבאָרגען. דער פאַרהאַנג וואָס שיידט דיך אָפּ פון דער הימעלשער חכמה וועט פערשוואונדען ווערען און דו וועסט אלעס זעהן מיט אָפענע אויגען. און דער בורא, ברוך הוא, וועט דיך לערנען ערהאבענע חכמות און וועט דיר שענקען געטליכע קראַפט, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין ישעיה: "ונחה עליו רוח ה׳ רוח חכמה ובינה" — עס וועט אויף איהם רוהען גאָט'ס גייסט, דער גייסט פון חכמה און פארשטענדיגקייט. און אין משלי ווערט געזאָגט: "אם תבקשנה ככסף וכטמונים תחפשנה, אז תבין יראת ה׳" — אויב דו וועסט גאָט'ס חכמה זוכען אזוי ווי מען זוכט זילבער אָדער בעהאלטענע אוצרות; אויב, הייסט עס, דו וועסט זיך אָפּגעבען דערמיט, דאמאָלס וועסטו פערשטעהן ווי אזוי מורא צו האָבען פאר גאָט און ווי אזוי צו דיענען איהם.

## פרק יא

וועגען דער פראגע: אויב א מענש איז שטענדיג מחויב צו האָבען מיט זיך א חשבון הנפש, אָדער בלויז צו געוויסע צייטען, וועל איך זאָגען, אז דאָס איז א שטענדיגע פליכט. יעדער איינער, לויט זיין שכל קען בעגרייפען און לויט ער האָט ביכולת צו פערשטעהן, איז מחויב צו דענקען וועגען דעם יעדען אויגענבליק. און אויב ער איז אימשטאַנד דארף ער דאָס טהאָן מיט זיין גאַנצען לעבענס אטהעם, כדי די מורא און שאנדע פאר גאָט וואָס קוקט אויף איהם זאָל פון איהם קיינמאָל ניט אָפּגעטהאָן ווערען. דער מענש דארף זיך לערנען פון דעם וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט ווי אזוי א קעניג דארף זיך פיהרען, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: "וכתב לו את משנה התורה הזאת וקרא בו כל ימי חייו" — דער קעניג זאָל זיך שרייבען די משנה תורה, דעם ספר דברים, און אין דעם לייענען כל זמן ער וועט לעבען. אין יהושע ווערט געזאָגט: "לא ימוש ספר התורה הזאת מפיך" — די תורה זאָל ניט אָפּגעטהאָן ווערען פון דיין מויל. דו זאָלסט זי, הייסט עס, שטענדיג לערנען, קיינמאָל ניט אויפהערען, און נאָך עהנליכע פסוקים דריקען אויס דאָס זעלבע. און אזוי ווי די דרייסיג חשבונות וואָס מענשען דארפען האָבען מיט זיך אליין זיינען כולל אלע פרטים וואָס האָבען צו טהאָן מיט אין זינען צו האָבען גאָט, דארף מען שטענדיג האָבען די דאָזיגע רעכענונגען.

דעריבער, ברודער, דארפסטו זיך איינגעוואוינען צו מאכען די דאָזיגע חשבונות אין יעדע שעה און אין יעדע רגע פון גאָטסוועגען, און יעדע גוטע זאך וואָס דו טהוסט פון גאָטסוועגען זאָל אין דיינע אויגען ניט זיין קליין, אפילו א וואָרט, אפילו א בליק זאָל ביי דיר ניט גערעכענט זיין פאר א קלייניגקייט.

ווארום דאָס וואָס ביי דיר איז ווייניג, איז ביי איהם א סך. דאָס זעלבע איז אויך מיט עבירות, אז עבירה וואָס אין דיינע אויגען זעהט זיא אויס קליין, איז ביי גאָט גרויס.

דער בעסטער און נעהענטעסטער משל וואָס מען קען צו דעם געבען איז פון דער זון. ווען די זון רוקט זיך אוועק אויף דער ערד איין אייל; ווען א בעלויכטענער פלאץ ווערט פערשאָטענט אויף אַן אייל, איז די זון דערווייטערט געוואָרען אויף מיילען. דאָס זעלבע זעהט מען אויף א זון-זייגער. אין דער צייט וואָס דער שאָטען וואָס צייגט די שטונדען, געהט אריבער א קליין שטיקעלע פון איין נומער צום צווייטען, געהט די זון אָפּ א גאַנץ גרויסע שטרעקע. הייסט עס אַלזאָ, אז די קליינינקייט דאָ אויף דער וועלט איז דאָרט אין דער הויך גרויס.

און דו זאָלסט דיינע מעשים טובים ניט האַלטען פאַר צו גרויס, פאַר צו־פיעל. דו זאָלסט קיינמאָל ניט דענקען, אז דו טהוסט גענוג און מעהר ביזטו ניט מחויב צו טהאָן. דו זאָלסט דאָס ניט האָבען אין זינען אפילו ווען דו טהוסט אַלעס בלויז פון גאָטס וועגען. ווארום ווען דו זאָלסט זיך ריכטיג אויסרעכענען זיינען א ביסעלע טובות וואָס דו אליין געניסט פון גאָט מעהר ווי די מעשים טובים פון אלע בעזיצער פון דער וועלט.

דעריבער זאָלסטו ניט פערנאַכלעסיגען צו מאַכען דיינע רעכענונגען צווישען דיר און דיין בעשעפער, וועלכער טהוט מיט דיר גוטעס און חסדים. דו זאָלסט זיך מיט איהם רעכענען יעדען טאָג. און אויב דו ביזט א טרוד, א פערנומענער מענש און דו קענסט ניט האָבען קיין חשבון הנפש בייטאָג, זאָלסטו דאָס טהאָן ביי נאכט, און אויב עס איז אוועק א טאָג און דו האָסט ניט געהאַט קיין חשבון הנפש, יאָג דאָס אָן אויף'ן צווייטען טאָג, אזוי ווי אונזערע רז"ל האָבען געזאָגט: „שוב יום אחד לפני מיתתך" — טהו תשובה איין טאָג פאַר דיין טויט, און אזוי ווי א מענש ווייס דאָך ניט ווען ער וועט שטאַרבען, דאַרף ער שטענדיג תשובה טהאָן. און שלמה המלך זאָגט אין קהלת: "בכל עת יהיו בגדיך לבנים" — דיינע קליידער זאָלען שטענדיג זיין ווייס, דו זאָלסט, הייסט עס, שטענדיג זיין ריין פון זינד.

# פרק יב

און וועגען דער פראַגע: וואָס דאַרף קומען נאָכדעם ווי דער מענש האָט מיט זיך דעם געהעריגען חשבון הנפש? וואָס האָט ער צו טהאָן נאָכדעם ווי ער האָט ריכטיג דורכגעמאַכט די אַלע רעכענונגען צווישען איהם און גאָט? אויף דיזער פראַגע וועל איך ענטפערען, אז דאָס ווענדט זיך ווי ווייט זיין נשמה איז דורך דעם ריין געוואָרען און ווי ווייט זי האָט דערגרייכט די אמת'ע געטליכע ליכט. אויב דורך די חשבונות ווערט דעם מענשען'ס שכל גוט פערשאַרפט און פאַלירט און ער פערשטעהט די ריכטיגע כונה דערפון און וואָס גאָט פערלאַנגט פון איהם, געוויינט ער לאַסקע פון בורא יתברך און ער העלפט איהם טהאָן זיינע מצוות און דעקט פאַר איהם אויף די ליכט פון חכמה אלץ דייטליכער און קלעה־רער, אזוי ווי איוב זאָגט: "צדק לבשתי וילבישני" — איך האָב זיך אליין אָנ־געקליידט גערעכטיגקייט און גאָט האָט מיך אָנגעקליידט מיט דאָס זעלבע. איך האָב, הייסט עס, געטהאָן גוטעס און גאָט האָט מיך געהאָלפען צו טהאָן נאָך מעהר גוטעס. איך האָב זיך געסטאַרעט צו פערשטעהן די גאָטהייט און ער

האָט מיר געהאָלפֿען צו פֿערשטעהן און וויסען נאָך מעהר. דאַמאָלס, אויב דער מענש דערגרייכט אזא מדרגה, ענטזאגט ער זיך אין גאנצען פֿון וועלטליכע זאָרגען און פֿערלאנגען און איז צופֿריעדען און פֿרעהט זיך מיט גאָטעס דיענסט.

דער מענש וואָס זיין נשמה און געוויסען זיינען ריין; דער וואָס זיין נשמה איז בעלויכטען מיט דער אמת'ער העלישער ליכט, קימערט זיך ניט וועגען דער וועלט און איהרע תענוגים און איז פֿול מיט שמחה פֿון דעם וואָס דער בעשעפֿער העלפֿט איהם צו דערגעהן הימעלשע חכמות און ער שעצט זיך גליקליך מיט זיין וויסען און פֿערשטעהן דעם אמת'ען תכלית פֿון דער אונטערשטער וועלט און דער אויבערשטער. עס איז פֿאַר איהם גענוג וואָס ער בעגרייפֿט די גוטע מחשבות פֿון גאָט, זיין הנהגה און די גזירות וואָס ער איז גוזר אויף די בעשאַפֿענע. אזוי ווי דוד המלך, עליו השלום, זאָגט אין תהלים: "ישמח צדיק בה' וחסה בו" — דער צדיק פֿרעהט זיך מיט גאָט און פֿערלאָזט זיך אויף איהם. און ווי אין ירמיה ווערט געזאָגט: "אל יתהלל חכם בחכמתו, כי אם בזאת יתהלל המתהלל השכל וידוע אותי" — דער חכם אין וועלטליכע זאכען דאַרף זיך ניט בעריהמען מיט זיין חכמה, דער גבור דאַרף זיך ניט בעריהמען מיט זיין גבורה, נור בעריהמען קען זיך א מענש, ווען ער איז קלוג גענוג און וויים מיך (גאָט). און דאָס איז א הויכע מדרגה. ווארום דער וואָס וויים גאָט, דער וואָס בעגרייפֿט די גאָטהייט ריכטיג, בעהעפֿט זיך אין זיין דיענסט, גיט זיך אָפּ אויף איין זאך צו דיענען איהם און מורא האָבען פֿאַר איהם מיט'ן גאנצען הארצען, לויט זיין וויסען און בעגריעף, און איז מקים די חובות הלבבות והאברים, ער דיענט, הייסט עס, גאָט מיט'ן הארצען און מיט די גליעדער, אָהן פֿיעל טרחה און מאטערנים, נור מיט חשק און פֿלייסיגקייט, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: "חשתי ולא התמהמהתי" — איך אייל זיך און פֿערזאַם ניט נאָכצוקומען גאָט'ס געבאָטען, ווייל איך האָב דערצו לוסט און עס קומט מיר ניט אָן שווער.

און דער בורא יתברך זאָל אונז מיט זיינע גענאַדען העלפֿען און מיר זאָלען אויך אזוי זיין און ער זאָל אונז אריינברייננגען אין די כתות, אין די געזעלשאַפֿטען פֿון גוטע און פֿרומע לייט, אמן.

סוף פֿון שער חשבון הנפש.

## שער התשיעי,

# שער הפרישות

(דער טויער פון פרישות, די לעהרע פון זיין אפגעזונדערט פון דער וועלט)

## פרק א׳

האט דער מחבר געזאגט:
ווייל מיר האבען פריהער גערעדט וועגען די חשבונות וואס א מענש דארף האבען מיט זיך אליין, און ווייל פרישות, זיין אפגעזונדערט פון דער וועלט, איז אויך אין די פונקטען פון חשבון הנפש, דעריבער געפין איך פאר פאסענד צו דיידען איצט און ערקלעהרען דעם ענין פון פרישות, און וואס דאס בעשטעהט און אונטער וואס פאר א מינים פרישות גוטע און פרומע לייט דארפען זיך אונטערוואַרפען, כדי עס זאל זיי נוצען ברייגגען אין תורה און אין וועלטליכע זאכען און עס זאל זיי בריינגען רוה פאר די קערפערס און נשמות אין ביידע וועלטען.

אין דעם ענין פון פרישות, פון זיין אפגעשיידט, אפגעזונדערט פון דער וועלט, דארפען מיר ערקלעהרען זיעבען־ערליי זאכען.

ערשטענס, וואס מיינט פרישות אין אלגעמיין און צו וואס דארף מען עס, וואס פאר א נוצען קען עס בריינגען די מענשען בכלל? צווייטענס, וועגען די נוצען וואס פרישות קען בריינגען צו יחידים, צו איינצעלנע פערזאנען, בלויז לומדים און פרומע לייט. דריטענס, אין וויפיל קלאסען זיינען די, וואס זיינען נוהג פרישות, איינגעטהיילט. פיערטענס, וועגען די תנאים, די בעדינגונגען פון פרישות, וואס א פרוש, איינער וואס לעבט אפגעזונדערט פון דער וועלט דארף טהאן אדער ניט טהאן. פינפטענס, וואס פאר אן ארט פרישות דארף מען נוהג זיין לויט דער תורה. זעקסטענס, וואס עס ווערט געזאגט אין דער תורה און אין די נביאים מכח פרישות, און זיעבענטעס, דעם אונטערשייד אין פרישות צווישען פארצייטיגע מענשען און אונזערע עלטערען און אונז.

מיר וועלען געהן צו דער ערשטער פראגע: וואס מיינט פרישות אין אל־געמיין און וואס פאר א נוצען בריינגט די דאזיגע הנהגה צו די מענשען פון דער וועלט? אויף דעם וועל איך זאגען, אז פרישות איז א שם הכולל, אן אלגעמיי־נער נאמען פאר א געוויסען סארט אויפפיהרונג, אבער אונטער דעם דאזיגען נאמען זיינען פאראן פערשיעדענע פרטים, פערשיעדענע איינצעלהייטען, אזוי ווי, למשל, דער נאמען געלט איז נכלל פיעל־ערליי מטבעות

דער אלגעמיינער נאמען אדער ווארט „פרישות“ איז פשוט, באקאנט צו יעדען איינעם וואס דאס מיינט. מען ווייס אז פרישות איז דער טייטש: אפ־געזונדערטקייט, ניט צוזאמענגעמישט מיט אנדערע. אזוי מיינט עס אויבער־פלעכליך, אבער דער גאנצער ענין פון פרישות איז א פערבארגענער סוד, בעהאל־

טען אונטער א צודעק. און אז מען דעקט אויף דעם צודעק, ווערט דער ענין אנטפלעקט און מען זעהט איצט די ריכטיגע כונה, דעם ריכטיגן ציל פון פרישות.

סתם פרישות. דער פראסטער טייטש פון פרישות איז: איינהאלטען זיך פון תאוות און אפזונדערען זיך פון געוויסע זאכען, אזוי ווייט ווי מען האט ביכולת. ווען איינער קען טהאן א געוויסע זאך און ער טהוט עס ניט, הייסט עס, אז ער איז א פורש פון יענער זאך, א צוריקגעהאלטענער דערפון. און וואס ברענגט צו זיין אפגעהאלטען אדער צוריקגעצויגען פון עפעס? זיינען אין דעם דא צווייערליי סבות, צווייערליי אורזאכען, איין אורזאך קען זיין אי ביי מענשען אי ביי א סך אנדערע לעבענדע ברואים, און די צווייטע איז בלויז שייך ביי מענשען, און דוקא ביי אנשי תורה, ביי גוטע און פרומע לייט.

די אלגעמיינע פרישות, וואס איז שייך אי ביי מענשען, אי ביי חיות, איז אזעלכע וואס איז פאר די נוצען פון אונזער גוף און כדי צו האלטען אין ארדנונג אונזערע אינטערעסען און אלעם וואס בעלאנגט צום טעגליכען לעבען. אזוי ווי, למשל, לאנדעם געזעצע, געוויסע זאכען וואס רעגירונגען פערביטען, איז כאטש מענשען האבען דערצו חשק, פונדעסטוועגען האלטען זיי זיך דערפון אפ און טהוען דאס ניט, ווייל דאס וועט זיי אדער אנדערע שאדען טהאן; אדער אויס־פאלגען, צום ביישפיעל, פארשריפטען פון דאקטוירים, אפהאלטען זיך פון גע־וויסע זאכען מחמת דאקטוירים הייסען אזוי, איז אויך אין די אינטערעסען פון גוף. מענשען, געזונטע אדער קראנקע, ווייסען, אז ווען זיי וועלען עסען א געוויסע זאך וועט עס זיי שאדען צום געזונד, ווערען זיי פרושים פון יענער זאך. אזוי איז אויך מיט קליידען זיך, מיט ריידען, מיט בעוועגען די גליעדער און פיעלע אנדערע זאכען, אין וועלכע מענשען זיינען איינגעהאלטען און בעשרענקט צו א געוויסען גראד, צוליעב זייער געזונדהייט און וואויל זיין.

אזא פרישות איז מען אויך נוהג מיט חיות. מען היט קיה אדער פערד אז זיי זאלען זיך ניט איבערפרעסען אדער זאלען ניט פרעסען אזעלכעם וואס איז פאר זיי שעדליך, אדער זיי זאלען ניט ארבייטען צופיעל, כדי דאס זאל זיי ניט שאדען צו זייער געזונד.

די פרישות הכוללת, די אלגעמיינע פרישות, האט ניט צו טהאן מיט דער נשמה. דאס איז בלויז פאר'ן גוף. וועגען די פרישות המיוחדת, די איינצעלנע פרישות, דאס אפגעזונדערט זיין פון געוויסע זאכען, וועלכע די תורה און דער שכל לערנען אונז כדי מתקן צו זיין אונזער גייסט, אונזער נשמה — וועגען דעם וועל איך איה"ש ווייטער ריידען און ערקלעהרען.

אבער פריהער וויל איך זאגען עטוואס וועגען די פרישות הכוללת, וואס ווערט פראקטיצירט פון אלעמען, אדער לכל הפחות פון דאס רוב מענשען, ניט בלויז פון יחידים, פון איינצעלנע פערזאנען.

צו וואס דארף מען גאר די פרישות? ווארום האט גאט ניט בעשאפען די מענשען מיט א בעשטימטע טבע זיי זאלען זיין בעשרענקט פון דער נאטור ווי צו פיהרען זיך אויף דער וועלט? צו וואס זיינען מענשען בעשאפען געווארען מיט געוויסע אינסטינקטען, וועלכע זיי דארפען ברעכען, כדי א קיום צו האבען אויף דער וועלט? וועגען דיעזען ענין האבען מיר שוין גערעדט אין דריטען שער פון דיעזען ספר. מיט'ן בעשאפען דעם מענשען האט דער בורא יתברך אויסען געוועזן לייטערען די נשמה, שטעלען איהר צו געוויסע נסיונות, וועלכע

עס איז איהר שווער בייצוקומען, אום זי זאָל דורכמאכען די דאָזיגע שוועריג־קייטען און ווערען ריין און זויבער זי זאָל קענען קומען צו דער מדרגה פון די הייליגע מלאכים. האָט די הימלישע חכמה איינגעזעהן, אז דאָס בעסטע פאר דיעזען צוועק איז אריינצוגעבען די נשמה אין א חומר, אין אן ערדישען קערפער, וואָס קען וואקסען און זיך מעהרען דורך דעם מיטעל פון שפייז, וואָס האלט אויף זיין קיום. און דער בעשעפער האָט די מענשען אריינגעגעבען אזא כח, אזא אינסטינקט זיי זאָלען לוסט האָבען צו נאהרונג וואָס איז פאר זיי נרייט אויף דער וועלט, כדי זיי זאָלען קענען לעבען און עקזיסטירען כל זמן זייערע גופים זיינען בעהעפטעט מיט די נשמות. ער האָט זיי אויך אריינגעגעבען א געשלעכטליכע ניגונג, כדי די מענשען זאָלען זיך מעהרען און די וואָס שטאַרבען זאָלען איבערלאָזען אנדערע אויף זייער פּלאַץ. און ער האָט דעם יצר הרע געגעבען די מאכט צו בעוועגען דעם מענשען, צו טרייבען איהם צו עסען, טרינקען, נאָכקומען געשלעכטליכע פּאָדערונגען און אנדערע וועלטליכע תענוגים, וואָס דורך דעם האָט ער א קיום, אזוי ווי דער פּסוק זאָגט אין קהלת: "גם את העולם נתן בלבם" — גאָט האָט די וועלט, די וועלטליכע תענוגים אריינגעגעבען אין מענשען'ס הארץ, אז ער זאָל צו זיי האָבען לוסט.

און אז דער יצר הרע, דער געפיהל, דער חשק צו תענוגים שטאַרקט זיך איבער'ן שכל און ברייננט דעם מענשען צו לאָזען זיך געניסען מעהר ווי ער דאַרף, מעהר ווי נויטיג איז, טהוט עס איהם שאַדען. ווען ער עסט, למשל, צו־פיעל אָדער אזעלכעס וואָס טויג פאר איהם נים, ווערט זיין קערפּער רואינירט. דעריבער מוז דער מענש בעזיצען די מדה פון פּרישות. ער דאַרף, הייסט עס, איינצאַמען דעם יצר הרע, דעם אינסטינקט, דעם חשק צו תענוגים און זיך אָפּ־שיידען, אָפּזונדערען פון געוויסע זאכען. ער דאַרף אין אלעם אָננעהמען דעם מיטעל־וועג און נים איבערכאַפּען די מאָס. אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: „טוב איש חונן ומלוה, יכלכל דבריו במשפט" — עס איז גוט א מענש א בעל רחמנות וואָס העלפט אוים אנדערע אין נויט, און עס איז אויך גוט ווען א מענש פיהרט זיך מיטעלמעסיג און זוכט נים צו געניסען פון דער וועלט מעהר ווי נויטיג איז.

און ווייל פּרישות, ענטזאגען זיך פון געוויסע וועלטליכע גענוסען איז א נויט־ווענדיגקייט פאר די מענשען, דאַרפען על פּי שכל אויף דער וועלט זיין פּאַלשטענ־דיגע פּרושים, אזעלכע וואָס זאָגען זיך אָפּ פון אלע תענוגים, פון אלע גענוסען, אפילו פון די נויטווענדיגע, כדי מענשען, אלע קלאַסען מענשען, זאָלען פון זיי לערנען יעדער איינער פיעל ער דאַרף און פיעל איהם נויטיג איז לויט זיינע אויפפיהרונגען און מדות. ווען איינער איז, צום ביישפּיעל, צופיעל אריינגעטהאָן אין א געוויסע תאוה, איז קוקענדיג אויף די פּרושים, וואָס זיינען אין גאנצען ארויסגעטהאָן פון יענער תאוה, איהם לייכטער צו בעהערשען זיך און נים נאָכ־געבען דעם יצר הרע. דאַרף מען דעריבער האָבען אויף דער וועלט פּרושים גמורים, פּאַלשטענדיגע פּרושים, כדי מענשען זאָלען זיך פון זיי לערנען און נים איבערכאַפּען די מאָס אין ענינים פון עולם הזה.

עס טויג אָבער נים פאר דער וועלט אז אלע זאָלען זיין פּרושים, אז אלע זאָלען זיך ענטזאגען פון וועלטליכע גענוסען. ווען, צום ביישפּיעל, אלע מענשען זאָלען זיין אָפּגעשיידט פון ווייבער, וואָלט די וועלט קיין וועלט נים געווען, ווייל די אלטע וואָלטען אויסגעשטאָרבען און קיינע נייע וואָלט נים צוגעקומען,

און דער פסוק זאָגט אין ישעיה: "לא תהו בראה לשבת יצרה" — גאָט האָט ניט בעשאפען די וועלט זי זאָל זיין וויסט, נור זי זאָל זיין בעזעצט.

די וועלט נויטיגט זיך אין פרושים, אין פאָלשטענדיגע פרושים, וואָס זיינען אין גאַנצען ארויסגעטהאָן פון קערפערליכע גענוסען, אָבער ניט מעהר ווי זי נויטיגט זיך אין חכמות און מלאכות. עס זיינען דאָ מענשען וואָס קענען געוויסע חכמות אָדער מלאכות וואָס אנדערע קענען דאָס ניט. א צאָהל מענשען האָבען איין בעשעפטיגונג און א צאָהל — אן אנדערע און אלע צוזאמען האלטען אויף דעם קיום פון דער וועלט. די וועלט וואָלט אָבער ניט געקענט עקזיסטירען ווען אלע מענשען זאָלען זיך בעשעפטיגען מיט איין חכמה אָדער מלאכה. ווען אלע מענשען וואָלטען געווען, לאָמיר זאָגען, שניידער, וואָלט מען ניט געקענט האָבען קיינע וואוינונגען, קיינע כלים און פיעלע אנדערע נויטיגע הצטרכות. עס וואָלט אפילו קיין ברויט ניט געווען, ווייל קיינער וואָלט זיך דאָך ניט בעשעפטיגט מיט ערד־ארבייט. ווען וויעדער פערקעהרט: אלע וואָלטען געווען ערד־ארבייטער, וואָלט אויך די וועלט קיין קיום ניט געהאט. אזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין קהלת: "את הכל עשה יפה בעתו" — אלעס האָט גאָט בעשאפען גוט אין זיין צייט. יעדע זאך מוז מען אויף דער וועלט האָבען, ווייל דאָס ברייגנט נוצען צו געוויסע צייטען.

אזוי איז אויך מיט פרישות. פאָלקאָמענע פרושים בריינגען נוצען דער וועלט, אָבער ווען אלע מענשען וואָלטען געוואָרען פרושים, ווען אלע וואָלטען זיך ענטזאגט פון אלע תענוגים און גענוסען, וואָלט די וועלט ניט לאנג געקענט עקזיסטירען.

האָבען מיר שוין אין דאָס פריהער געזאָגטע ערקלעהרט דעם ענין פון אלגעמיינע פרישות, וואָס איז א נויטווענדיגקייט פאר מענשען, כדי זיי זאָלען קענען עקזיסטירען אויף דער וועלט.

## פרק ב'

איצט וועלען מיר ריידען וועגען פרישות המיוחדת, וועגען פאָלשטענדיגע אפגעזונדערטקייט פון דער וועלט, וואָס בלויז איינצעלנע פערזאָנען, לומדי תורה און פרומע לייט זיינען נוהג.

וואָס מיינט פאָלשטענדיגע פרישות? אין דעם זיינען דאָ מיינונג פערשיעדענהייטען צווישען די חכמים. עס איז דאָ א מיינונג, אז פאָלשטענדיגע פרישות מיינט אָפשיידען זיך, אָפזאָגען זיך פון אלע זאכען וואָס קענען זיין א שטערונג צו גאָטעס דיענסט. אן אנדער חכם זאָגט, אז ריכטיגע פרישות מיינט: פעראכטען די וועלט און ניט נאָכגעבען זיך קיינע תאוות. נאָך איינער טייטשט אוים פרישות: האָבען אין זינען בלויז די נשמה און ניט האָבען אויף'ן רעיון קיינע וועלטליכע זאכען וואָס מען דענקט אז זיי זיינען גוט. נאָך איינער וויל האָבען, אז ריכטיגע פרישות מיינט: האָבען ריכטיגען בטחון אין גאָט. עס איז דאָ נאָך א דעה, אז דער וואָס בענוגענט זיך מיט א שטיקעל ברויט און האָבען וואָס ניט איז צו פערטרייבען דעם הונגער און אלע אנדערע מענשליכע נויטווענדיגקייטען פערהאסט ער, דער איז א ריכטיגער פרוש. נאָך איינער איז אין דער מיינונג, אז פרישות הייסט אויסמיידען געזעלשאפט און ליעב האָבען איינזאמקייט. עס איז דאָ נאָך א מיינונג, אז פרישות הייסט: דאנקען

גאָט פאַר זיינע טובות און געדולדיג איבערטראָגען די צרות דורך וועלכע גאָט שטעלט די מענשען צו פּראָבע. און גאָר אַן אַנדערער מיינט, אַז אמת׳ע פּרישות מיינט: אָפּזאָגען זיך פון אַלע קערפּערליכע תענוגים און ניט האָבען זיי אין זינען און בלויז געברויכען אַזעלכע קערפּערליכע בעפריעדיגונגען, וואָס די נאַטור פון מענשען איז אַז אָהן זיי קען ער ניט לעבען און עקזיסטירען. און איך האַלט מיט׳ן לעצטען און זאָג, אַז דאָס איז די ריכטיגע פּרישות.

אָבער וואָרום דאַרפען פרומע לייט זיך נוהג זיין אַזאַ מין פּרישות? וואָרום אָפּזאָגען זיך אין גאַנצען פון וועלטליכע הנאות? וועל איך זאָגען, אַז די תורה וויל האָבען, אַז דער שכל ביים מענשען זאָל געוועלטיגען איבער אַלע זיינע תאוות, זאָל האָבען די אויבערהאַנד איבער אַלעם וואָס אַ מענש גלוסט און האָט אַ געוויסע נייגונג. און עס איז בעוואוסט, אַז ווען די תאוה שטאַרקט זיך איבער׳ן שכל און בעזיעגט איהם, ברייגנט עס דעם מענשען צו זינד און שענדליכע זאַכען.

קיינער טהוט זיך ניט אַריין אין וועלטליכע תענוגים איידער ער טרעט אָפּ פון די לעהרען פון דער תורה. אַז מען היט אָפּ די תורה איז דער שכל גובר דעם יצר הרע און מען וויל ניט קיינע מותרות, קיינע איבעריגע תענוגים. ווען אָבער מען טרעט אָפּ פון דער תורה, רעדט דער יצר הרע אָן צו פערלאָזען יענע וועלט און נור אין זינען האָבען די וועלט. דער יצר הרע האָט אַזוי אַראָפּגעפיהרט מענשען פון וועג. ער האָט זיי געבראַכט צו דער מדה אַז זיי זאָלען זיך ניט בענוגענען מיט דאָס נויטוועגדיגסטע וואָס מען מוז האָבען צו קענען לעבען און עקזיסטירען. ער האָט זיי אַרויפגעפיהרט אויף אַזאַ וועג אַז דאָס געניסען מעהר פון דער וועלט זאָל אָנגענומען ווערען אַלס אַ בעשעהנונג און מען זאָל זיך דערמיט בעריהמען. און די פערפיהרטע פון יצר הרע האָבען זיך אָנגעהויבען יאָגען נאָך רייכטהום און קערפּערליכע גענוסען זיינען ביי זיי באַליעבט געוואָרען, ביז זיי זיינען געזונקען אין די טיעפעניש פון די ימים פון לוסט צו גע־ניסען פון דער וועלט אַלץ מעהר און מעהר. און דאָס האָט זיי נאָכהער גע־בראַכט צו ליידען פון די כוואַליעס פון די דאָזיגע תאוה ימים. דאָס הייסט: זיי האָבען געמוזט איבערטראָגען דעם צער און עגמת נפש וואָס מענשען האָבען ווען זיי קענען ניט בעפריעדיגען זייערע צו גרויסע פערלאַנגען.

אָט איבער די פערפיהרטע מענשען האָט די וועלט די ממשלה. דאָס הייסט: זיי זיינען אונטערוואָרפען די וועלטליכע תאוות אויף אַזוי פיעל, אַז זיי האָבען איבער זיך אַליין קיין דעה ניט. און די לוסט צו תענוגים פערשטאָפּט זייערע אויערען און אויגען און זיי ווילען ניט הערען קיין אמת וואָרט און ווילען ניט זעהן וואָס פאַר זיי איז גוט. זיי זוכען נור צו געניסען וואָס מעהר פון דער וועלט און דאָס איז זייער תורה און געזעץ, און דאָס פערטרייבט זיי פון זייער גאָט.

און מיט אַנדערע פּאַסירט, אַז זיי דערגרייכען ניט די תענוגים צו וועלכע זיי שטרעבען. זייער חשק איז שטאַרק און זיי הערען ניט אויף צו טראַכטען איבער זייערע תאוות טאָג און נאַכט, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: ״און יהשוב על משכבו״ — דער בעל תאוה האָט אין זינען זיינע תאוות אויף זיין געלעגער, און ביידע, סאַי די וואָס בעפריעדיגען זייער חשק צו וועלטליכע תענוגים, סאַי די וואָס קענען ניט דערגרייכען זייערע פערלאַנגען זינקען אין ים פון זייערע תאוות, ווייל ביידע ליידען. די ערשטע ליידען ווייל עס קומט זיי אָן שווער ביז זיי קריגען דאָס, און די צווייטע ליידען, ווייל זיי קריגען

דאָס ניט. נארישע מענשען, זיי בייטען אוים גאָטעס דיענסט אויף קערפערליכע תענוגים! זיי האנדלען אזוי ווי די וואָס האָבען געמאכט דעם עגל, אנשטאט צו דיענען גאָט האָבען זיי געדיענט צו א קאלב.

און די וואָס זיינען געוואוינט צו זוכען תאוות עולם הזה; די וואָס זוכען נור צו בעפריעדיגען זייערע קערפערליכע פערלאנגען, טרעטען שוין פון דעם ניט אָפּ און זיי פערשטארקען נאָך זייער חשק אלץ מעהר און מעהר. זיי זעהען ניט איין, אז זיי מאכען א שלעכטען בייט; זיי פערגעסען אז מיט די וועלט־ליכע פארגעניגענס זיינען פערבונדען צרות און קלעמענים. און וואָס מעהר זיי זיינען אריינגעטהאָן אין דעם, אלץ וויטער זיינען זיי פון אמת'ען גליק, און וואָס מעהר זיי דערוויטערען זיך פון אמת, אלץ מעהר פערציהט זיך איבער זיי א פינסטערער וואָלקען. און אלץ מעהר זעהען זיי ניט וואָס עס איז פאר זיי גוט און וואָס עס איז ניט גוט.

און דער שכל פון די בעלי תאוה ווערט אלע מאָל טעמפער און טעמפער, ביז זיי נעהמען אָן די שלעכטע וועג פאר א גוטע און די גוטע פאר א שלעכטע. און דאָס זיין אריינגעטהאָן אין עולם הזה ווערט ביי זיי א געזעץ און טאטעס לערנען דאָס זייערע קינדער און די קליגערע לערנען דאָס די מעהר אומוויסענדע און עס געהט אזוי וויט, אז דער יצר הרע קריגט ביי זיי א פולע מאָס. ער פיהרט, הייסט עס, מיט זיי אוים וואָס ער וויל און אומרעכט ווערט ביי זיי רעכט און רעכט ווערט ביי זיי אומרעכט; דער בעל טובה וואָס שפייזט א הונ־געריגען ווערט ביי זיי אָנגענומען אלס א כופר, אן אפיקורוס, אזוי ווי, למשל, די אנשי סדום וואָס העלפען אז ארימאַן איז ביי זיי גאר געווען א חטא. און דעם וואָס געניסט פון דער וועלט בלויז פיעל נויטיג איז, רופען זיי פוילענ־צער, און דער וואָס איילט זיך ניט, וואָס יאָגט זיך ניט נאָך צופיעל עשירות און וועלט געגוסען, איז ביי זיי פעררעכענט אלס איינער וואָס טהוט ניט זיינע פפליכטען פאר זיך און פאר דער מענשהייט. און דעם וואָס בענוגענט זיך מיט דעם וואָס ער האָט, בעטיטלען זיי אלס שוועכלינג. נור דעם וואָס ערווערבט מעהר רייכטהום און געניסט א סך פון דער וועלט האלטען זיי פאר א פלייסיגען און ווערט געליובט און געאכטעט פון אלעמען.

און אז זיי געהען איבער דעם גרענעץ, אז זיי קריגען אריין א סך רייכטהום, מאכען זיי זייערע בייכער פאר זייערע געטער, זייערע קליידער פאר זייער תורה און זייערע שעהנע וואוינונגען פאר זייער מאראל. דאָס הייסט: זיי זיינען נור אריינגעטהאָן אין עסען גוט, טראָגען טייערע בגדים און וואוינען אין שעה־נע דירות. און אזוי בלאָנדזען זיי אין די זומפּען פון נארישקייט אָנגעלאדען מיט שווערע משאות פון תאוות און זיינען פויל צו תשובה טהאָן, און זיי מיינען אז זיי פיהרען זיך אויף גוט, אז אזוי דארפען זיך מענשען אויפפיהרען.

און ווייל דער יצר הרע פאנגט א סך מענשען אין זיין נעץ און מאכט זיי פאר בעלי תאוה, דעריבער מוזען מיר האָבען פרושים, וואָס זאָלען נוהג זיין פאָלשטענדיגע פרישות, ניט בלויז די אלגעמיינע, כדי זיי זאָלען אָפּהאלטען די בעלי תאוה און זיי אומקעהרען אויף דער ריכטיגער וועג פון דער תורה, וואָס בעפעסטיגט די אמונה און וועלטליכע אינטערעסען.

די דאָזיגע פרושים קענען אָפּווענדען מענשען פון זייערע טהיערישע תאוות און דיענען אלס רופאים צו פערשטארקען די אמונה ביי די יעניגע וואָס טרעטען אָפּ פון גוטע מדות און זיינען אריינגעטהאָן אין אזעלכע מדות וואָס זייער סוף

איז א מיאוס'ער. און בעת דער יצר הרע איז גובר דעם שכל און מענשען ווערען אריינגעשלעפט אין לוסט צו מותרות, צו איבעריגע, ניט נויטיגע וועלטליכע תענוגים, קומען די דאָזיגע פרושים זיי צו הילף מיט דער איינציגער כונה כדי צו פערשטארקען די אמונה, ניט כדי צו זוכען כבוד און רוהם.

זיי, די פרושים, וואָס ענטזאגען זיך פון וועלטליכע תענוגים און געניסען פון דעם ניט, קענען מאכען זינדיגע פאר בעלי תשובה און פרומע לייט — נאָך פרימער. זייערע מדות טובות קענען דיענען אלס ביישפיעל פאר אלעמען, ווייל זיי זיינען אזוי ווי די זון וואָס בעלייכט אנדערע פלאנעטען אויבען און אונטען. אזוי ווי די תורה זאָגט אויף סדום: „ונשאתי לכל המקום בעבורם" — אויב אין סדום וועלען זיך געפינען א געוויסער צאָהל צדיקים, וועל איך (גאָט) אלע־מען מוחל זיין און וועל די שטאָדט ניט איבערקעהרען. דעריבער האָט מרים הנביאה געזאָגט: "ואוהביו כצאת השמש בגבורתו" — גאָט'ס ליעבהאָבער, די צדיקים, זיינען אזוי ווי די זון. זיי בעלייכטען מיט זייערע מעשים טובים שטראהלען אנדערע מענשען פון זייער דור און פערהיטען זיי פון שלעכטעס אויף דער וועלט און בעזאָרגען זיי מיט שכר לעולם הבא, אזוי ווי דער חכם זאָגט אין משלי: "פרי צדיק עץ חיים" — די פרוכט פון צדיק, די מעשים טובים זיינע, איז א בוים פון לעבען לעולם הבא.

און דעם מנהג פון פרישות, פון זיין אָפּגעשיידט פון וועלטליכע תענוגים האָבען די נביאים און פארצייטיגע חסידים געהאַלטען, ווי עס איז בעשריבען אין זייערע ספרים. און איך וועל, מיט גאָטס הילף, ריידען דעריבער אין פאַ־סינגען פלאַץ, וואו עס וועט מיר צום האנד קומען.

## פרק ג׳

ווענען דער פראגע אין וויפיעל כתות אָדער אין וויפיעל קלאסען ווערען די פון דער וועלט אָפּגעזונדערטע איינגעטיילט? וועל איך זאָגען, אז די ריכטיגע פרושים וואָס שיידען זיך אָפּ פון וועלטליכע תענוגים ניט צו ליעב זייער געזונד־הייט און וואויל זיין, נור מיט דער אבזיכט כדי זיי זאָלען קענען מקיים זיין די תורה, זיינען דאָ דרייערליי. איין קלאס זונדערט זיך אין גאנצען אָפּ פון דער וועלט. זיי טהוען זיך ארוים פון גשמיות, פון זאכען וואָס אנבעלאנגען דעם קערפּער און ווילען דערגרייכען די מדרגה פון זיין גלייך ווי מלאכים. דיעזע פערלאָזען אלעס וואָס קען זיי מאכען וועלכע ניט איז שטערונג צו דיענען גאָט און זיי געהען אוועק וואוינען אין וויסטענהייטען צווישען בערג, וואו קיינע מענשען זיינען ניטאָ. זיי לעבען אויף גראָז און בלעטער און קליידען זיך אין שמאטעס אָדער וואָס ניט איז, אבי צודעקען זייער נאקעטקייט. זיי ווילען ניט פערשווענדען קיין צייט אויף קערפּערליכע נויטווענדיגקייטען, א זאך וואָס צוויי־שען מענשען וואָלטען זיי ניט געקענט אויספיהרען. און זיי האָבען קיין מורא פאר ווילדע חיות וואָס געפינען זיך אין די וויסטע ערטער, מחמת זייער מורא פאר גאָט איז גובר, שטייגט איבער די מורא פון וועלכע ניט איז געפאהרען, און זייער ליעבשאפט צו גאָט פערטרייבט פון זיי דעם געפיהל פון ליעב האָבען מענשען, און זיי דענקען ניט ווענען מענשען און האָבען זיי ניט אין זינען.

דיעזער קלאס פרושים איז ווייט פון די אנדערע קלאסען. זייער פיהרונג איז עקסטרים, ניט נאָך דעם וואונש פון דער תורה, ווייל זיי זאָגען זיך אין

גאנצען אפּ פון דער וועלט און די תורה וויל דאָס ניט, אזוי ווי מיר האָבען שוין פריהער דערמאָהנט דעם פּסוק פון ישעיה: "לא תהו בראה לשבת יצרה" — גאָט האָט ניט בעשאפען די וועלט זי זאָל זיין וויסט, נור בעזעצט, און אזא פּרישות פיהרט ניט צו פראָגרעס, נור צו דער רואינע פון דער וועלט.

די צווייטע קלאַס פּרושים זיינען די וואָס האַלטען אָן דעם מיטעל־פּונקט. זיי זאָגען זיך ניט אָפּ פון דער וועלט אין גאנצען, אָבער זיי פערזאכטען מותרות, איבעריגע, אוננויטיגע תענוגים. זיי צאמען איין זייערע תאוות און האָבען קיין לוסט צו זאכען, אָהן וועלכע מען קען זיך בעגעהן. און מותרות זיינען דאָ צוויי־ערליי. עס גיבען מותרות, וואָס זיינען ניט פערבונדען מיט'ן גוף, וואָס ליגען ניט אין קערפּער פון מענשען און ער קען אָפּטמאָל חשק האָבען צו זיי, אָבער ער קען זיי ניט קריגען. למשל: עסען גוט, טרינקען גוט, טראָגען טייערע קליידער און וואוינען אין א שעהנע דירה, קען מען דערצו האָבען תאוה און אָפּטמאָל ניט געניסען דערפון צוליעב אָרימקייט אָדער אנדערע אורזאכען. עס זיינען וויעדער דאָ מותרות וואָס זיינען בעהעפט מיט'ן מענשען און ער קען זיי שטענדיג געניסען, ווי צום ביישפּיעל: ריידען, לאכען, רוהען, קוקען אויף וואָס מען דארף ניט, הערען וואָס עס טויג ניט צו הערען אָדער אין זינען האָבען אזעלכעס וואָס ניט נויטיג איז. אָט פון דיזע ביידע־ערליי מותרות זאָגט זיך אָפּ דער צווייטער קלאַס פּרושים. זיי עסען ניט מעהר ווי עס איז נויטיג אויפצוהאלטען דאָס געזונד, זיי טרינקען ניט און קליידען זיך ניט מעהר ווי א מענש מוז טרינקען און קליידען זיך און זיי ריידען ניט און לאכען ניט מעהר ווי נויטווענדיג. אָבער זיי פערלאָזען ניט די וועלט מיט איהרע מענשען און זאָגען זיך ניט אָפּ פון מענשליכע גענוסעַן אזוי ווי דער ערשטער קלאַס פּרושים. זיי וואנדערען ניט אום אין וויסטענהייטען, נור זיי זיצען איינזאם ביי זיך אין דערהיים און געניסען פון דער וועלט אזוי פיעל וויפיעל עס איז נויטווענדיג פאר זייערע גופים און נשמות. אזא ארט פּרישות איז בעסער און נעהענטער צו דעם וואונש פון דער תורה ווי דער ערשטער קלאַס וואָס טהוט זיך אין גאנצען ארויס פון דער וועלט.

צום דריטען קלאַס פּרושים בעלאַנגען די וואָס זונדערען זיך אָפּ פון דער וועלט אין זייערע הערצער, אָבער מען זעהט עס אויף זיי ניט. פאר דער וועלט ציינען זיי זיך אלס פּשוט'ע מענשען. זיי בעשעפטיגען זיך מיט געוויסע מלאכות, קאָמפּאנירען זיך מיט מענשען און העלפען דעם ישוב העולם, טהוען אלעס וואָס מענשען דארפען טהאָן, כדי די וועלט זאָל קענען א קיום האָבען. אין זייערע געדאנקען אָבער האָבען זיי נור אין זינען גאָט און אלעס וואָס זיי טהוען איז לשם שמים, פון גאָטס וועגען. זיי ווייסען און פערשטעהען, אז זייערע נשמות זיינען גרים דאָ אויף דער וועלט און אז זיי זיינען ארונטערגעשיקט געוואָרען אהער געלייטערט צו ווערען. דעריבער האָט ביי זיי די וועלט קיין ווערדע ניט און זייער הויפּט שטרעבען איז צו עולם הבא. זיי ערווארטען דעם טויט, ווייל דאן וועלען זייערע נשמות קומען צוריק אין זייער מקור אין די עולמות העליונים. און אין דער זעלבער צייט היטען זיי זיך פון טויט און שטעלען זיך ניט אין סכנה ווען ניט נויטיג איז, ווייל אזוי איז דער רצון פון בעשעפער. זיי גרייטען אָן שפּייז צו זייער נסיעה אויף יענער וועלט און האָבען שטענדיג אין זינען דאָס איבערקלייבען זיך פון דיעזער וועלט אין דער וועלט פון אמת'ע רוה. זיי געניסען פון דיזער וועלט בלויז עטוואס און גרייטען צו וואָס מעהר פאר יענער וועלט.

דיעזער ארט פּרישות איז נאָך בעסער און נאָך נעהענטער צו דעם וואונש פון דער תורה ווי דער ארט פּרישות, וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָהנט.

אָבער די וואָס שיידען זיך אָפּ פון וועלטליכע תענוגים, כדי צו ציהען דערפון נוצען דאָ אויף דיעזער וועלט; די יעניגע וואָס ציינען זיך ארוים אלס פּרושים און זייערע הערצער זיינען ניט דערביי, די זיינען ניט קיינע פּרושים, ווייל אזא ארט פּרישות טויג ניט.

אזעלכע פאלשע פּרושים זיינען דאָ דרייערליי. עס זיינען דאָ אזעלכע וואָס מיידען אוים וועלטליכע תענוגים און לעבען אין דחקות, קוים די נשמה אויפצוהאלטען, כדי זיי זאָלען קריגען א שם אלס פרומע לייט, וואָס ווילען ניט הנאה האָבען פון דער וועלט און מען זאָל זיי ליבען און שבחים זאָגען אויף זיי. זיי זיינען דערמיט אויסען, אז מענשען זאָלען האָבען אמונה אין זייער עהרליכקייט און מען זאָל זיי אנפערטרויען געלט און ענטדעקען פאר זיי סודות, כדי זיי זאָלען עס קענען אויסנוצען פון זייער טובה וועגען, אפילו ווען זיי וועלען דורכדעם אימיצען שאדען טהאָן. אזא ארט געפעלשטע פּרישות איז די ערגסטע, ווייטסטע פון דעם אמת און די העסליכסטע פון אלע ניט אמת׳ע פּרישות.

צום צווייטען קלאַס פאלשע פּרושים בעלאַנגען די וואָס ווערען כלומרשט פּרושים, גיבען אויף זייער בעסערען ארט לעבען, ווען זייערע אומשטענדען ווערען געענדערט. ווען זיי ווערען אָרימער אָדער ווען זייערע פערדיענסטען ווערען קלענער און קיין בטחון אויף גאָט אז ער וועט זיי צוריק אומקעהרען בעסערע צייטען האָבען זיי ניט, הויבען זיי אָן קארגען מיט׳ן עסען און גיבען אויף אנדערע וועלטליכע פערגעניגענס, אָבער זאָגען זיי, אז זיי טהוען דאָס צוליעב דער מדה פון פּרישות, ווייל זיי ווילען ניט הנאה האָבען פון דער וועלט. אזעלכע פּרושים נארען בלויז אָפּ זייערע מיטמענשען, אָבער זיי מיינען דאָס ניט פון גאָטס וועגען. זייער כונה איז נאָר כדי צו שפּאָרען געלט און זיי זאָלען נאכהער זיך קענען אָנטהאָן מעהר תענוגים. אויף אזעלכע געפעלשטע פּרושים זאָגט שלמה המלך אין קהלת: ″איש אשר יתן לו האלהים עשר ונכסים וכבוד ולא ישליטנו לאכל ממנו″ — אזא איינער וואָס גאָט גיט איהם רייכטום און גיטער און כבוד, אָבער גאָט גיט איהם ניט די שליטה, די געלעגענהייט צו עסען פון דעם.

עס איז ווידער דאָ א דריטער קלאַס פּרושים, אָפּגעשיידטע פון וועלטליכע הנאות, וואָס זיי ווערען דאָס אוים נויטה. זיי זיינען אָרים און ניט פערמעגליך נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון לעבען, און בעטען שטיצע ביי מענשען שעהמען זיי זיך, לעבען זיי אין גרוים דחקות, קומען אָפּ מיט וואָס עס איז, אבי אויפהאלטען די נשמה און פאר לייטען זאָגען זיי, אז זיי קענען לעבען בעסער, נור זיי ווילען זיין פּרושים, ארויסגעטהאָנענע פון וועלטליכע זאכען. זיי זאָגען אזוי, כדי מען זאָל ניט וויסען אין וואָס פאר א לאגע זיי געפינען זיך און מען זאָל זיי ניט אָנבאָטען קיין הילף, ווייל זיי בעטראכטען דאָס פאר א חרפּה. און אויב דו ווילסט וויסען ווער עס איז אן אמת׳ער פּרוש; אויב דו ווילסט זיך איבערציינגען וועמעס פּרישות עס איז מיט א ריינעם געוויסען פון גאָטס וועגען און וועמעס ניט, קענסטו דאָס אויסגעפינען לויט די בעדינגונגען פון אמת׳ע פּרישות, וואָס איך וועל מיט גאָט׳ס הילף אויסרעכענען. דער וואָס קומט נאָך די דאָזיגע תנאים, די דאָזיגע בעדינגונגען איז דער אמת׳ער, אויפריכטיגער פּרוש פון גאָטס וועגען, און דער וואָס קומט זיי ניט נאָך, האָט מיט זיין אָפּגעזונדערט זיין פון וועלטליכע הנאות אנדערע אבזיכטען. ער איז דערמיט אויסען זיי איינגע טובה

און ער טהוט עס ניט לשם שמים, כדי ער זאָל בעסער און מעהר קענען דיענען גאָט.

## פרק ד'

וואָס זשע זיינען די תנאים וואָס געהערען צו די איינצעלנע פערזאָנען וואָס זיינען נוהג פרישות מעהר פון דעם כלל? האָט א געוויסער חסיד געזאָגט:

דער אמת'ער פרוש, וואָס צאמט איין זיינע תאוות און זאָגט זיך אָפּ פון וועלטליכע הנאות בלויז פון גאָטס וועגען, בעזיצט בעזונדערע מדות און מאַניערען. אויף זיין פנים ליגט א פרעהליכקייט און טרויער — אין זיין הארצען. דאָס הייסט: ער צייגט זיך פאַר מענשען אלס צופריעדענער; אין הארצען אָבער איז ער זיך מצער וואָס ער האָט ניט די מעגליכקייט צו דיענען גאָט נאָך מעהר ווי ער דיענט איהם. זיין הארץ איז זעהר ברייט אויפצונעהמען גוטעס און טהאָן גוטעס און איז אויך שפּל ביי זיך, ערנידעריגט, ווייל ער דענקט אלץ אז ער טהוט ניט גענוג. ער טראָגט אויף קיינעם קיין שנאה, האָט קיין לוסט צו נעהמען ביי אימיצען וואָס ניט איז, טאדעלט קיינעם ניט און רעדט ניט וועגען קיין מענשען אפילו צו גוטען אוים מורא טאָמער וועט ער ארויסריידען א שלעכט וואָרט. ער פערהאסט גרויסקייט און חשיבות, ער וויל ניט, הייסט עס, מען זאָל איהם האלטען פאַר א גרויסען און חשוב'ען מענשען און האָט פיינט צו זיין אַן אויבערהאר. ער איז שטענדיג מיושב, איבערלייגט אין אלעם וואָס ער וויל טהאָן; איז א בעל זכרון, ווייל זיין קאָפּ איז ניט פערנומען מיט וועלטליכע פערגעניגענס; איז שטענדיג מודה אויף'ן אמת, ווייל קיין כבוד זוכט ער ניט, איז ווען ער איז אין עפּעס אומגערעכט, זאָגט ער אז ער איז אומגערעכט. ער איז אויך א בעל בשת, א שעהמעוודיגער, ווען ער טהוט עפּעס א זאַך וואָס איז ניט ריכטיג, שעהמט ער זיך דערמיט. ער היט זיך שטענדיג אז קיינער זאָל דורך איהם קיין גרויסען שאדען האָבען. צום ביישפּיעל: ווען עס קומט איהם אוים צו זיין ערגעץ אַן אורח, וויל ער ניט אז דער, ביי וועמען ער איז אַן אורח, זאָל צו איהם פיעל צולייגען און בענוגענט זיך מיט דאָס ווענינגסטע וואָס מען גיט איהם.

דער אמת'ער פרוש בעזיצט אויך די מדה, אז ווען ער לאַכט, לאַכט ער ניט פיעל און ווען ער פאלט אריין אין כעס, ווערט ער ניט אויפגערעגט. ווען ער פרעגט עפּעס ביי אימיצען, איז זיין אבזיכט צו לערנען און וויסען די זאַך, ניט כדי צו בעריהמען זיך אז ער ווייס וואָס צו פרעגען. זיין חכמה איז פיעל, ער קען און ווייס א סך און פונדעסטוועגען איז ער א גרויסער עניו און שטאָל־צירט ניט מיט זיין קענטנים און וויסען. זיין הסכמה איז שטאַרק. ווען ער איז מסכים אויף עפּעס א זאַך, ווען ער שטימט אויף עפּעס איין, האלט ער זיך דערביי און ענדערט ניט זיין מיינונג. ער איילט זיך ניט צו בעשליסען וואָס ניט איז, נור ער בעטראַכט אלעס פריהער, כדי ער זאָל ניט אָפּטהאָן קיין נאריש־קייט. ווען ער קריעגט זיך אפילו, איז זיין קריעג שעהן, בדרך כבוד, און ער בעפאלט קיינעם ניט מיט זלזולים. אפילו ווען ער איז אין כעס איז ער אויך א צדיק און טרעט קיינעם ניט אַן גראָב. און אויב זיין געגנער פערלאַנגט פון איהם עפּעס, ערפילט ער זיין וואונש. זיין פריינדשאפט צו מענשען איז א זויבערע, אהן פניות. דאס וואָס ער נעהמט אויף זיך צו טהאָן אָדער ניט טהאָן איז שטאַרק. ער פיהרט עס, הייסט עס, דורך, און זיין אָפּמאַך מיט אימיצען איז

פינקטליך. גאָט'ס משפט נעהמט ער אָן פאַר גוט. דאָס הייסט: אויב גאָט שיקט אויף איהם אָן יסורים, איז ער זיי מקבל באהבה. ער געוועלטיגט איבער זיין יצר הרע, טאָרעלט ניט די יעניגע וואָס טהוען איהם שאַדען און בעשעפטיגט זיך ניט מיט זאַכען וואָס ברייגען איהם קיינע ריכטיגע נוצען.

ער האָט אויך ניט דעם געפיהל פון נקמה אפילו צו זיין גרעסטען שונא און ווען איינער טהוט איהם שלעכטעס, פערגעסט ער דאָס. ער מיידט אויס מטריח צו זיין אימיצען פון זיינטוועגען און ער פאַר אַנדערע טהוט א סך. ווען עס געהט איהם שלעכט, דאַנקט ער גאָט און טראָגט איבער כל־ערליי שאַדענס. אז מען בעט ביי איהם, גיט ער, און אז מען בע'גזל'ט איהם איז ער מוחל. אויב לייט ווילען איהם קיין טובה ניט טהאָן, האלט עס איהם ניט אָפּ פון טובות צו אַנדערע און אויב לייט דערווייטערען איהם, ווילען פון איהם ניט וויסען, איז ער פונדעסטוועגען יענע לייט מקרב און צייגט צו זיי ארויס פריינדשאַפט. ער איז ווייכער פון פּוטער און זיסער פון האָניג. ער מאַכט מענשען אויפמערקזאם אויף'ן אמת, רעדט גערעכטיגקייט, האָט ניט אין זינען קיינע תאוות און ערוואַרטעט זיין לעצטען טאָג, דאָס הייסט: דעם טויט. ער זאָגט און ער טהוט און פּטור'ט ניט אָפּ בלויז מיט זאָגען. איז פלייסיג צו טהאָן גוטעס און האלט זיין נשמה טייער, ער היט זיך. הייסט עס, ניט צו טהאָן אַ זאַך וואָס זאָל מאַכען אַ פלעק אויף זיין נשמה. ער ווערט בעטראַכט אלס א גבור, ווייל ער יאָגט זיך ניט נאָך קיינע תאוות, האָט ער ניט קיינע דורכפעלע אין זיינע אינטערעסען. ער איז בעשירמט פון שענדליכע זאַכען און איז אַ העלפער און שטיצער צו אָרימע לייט און געקריוודעטע. ער ענטדעקט ניט קיין פערבאָרגענע זאַכען און זאָגט ניט אויס קיינע סודות. ווען אפילו ער האָט א סך צרות, בעקלאָגט ער זיך וועניג. גוטעס געדענקט ער און שלעכטעס פערגעסט ער. ער איז ביי אלעמען געליעבט, מען פרעהט זיך מיט זיין געזעלשאַפט און זיין דערווייטערען זיך פערשאַפט טרויער. צוליעב די חכמת התורה וואָס ער בעזיצט איז ער ריין און געלייטערט און זיין עניוות בעשעהנט איהם. קלוגע מענשען דערמאַהנט ער צו טהאָן גוטעס און נאַרישע לערענט ער קלוג צו ווערען.

דער אמת'ער, אויפריכטיגער פּרוש האלט פון זיך ניט און אלעם וואָס אימיצער טהוט אין דעם ענין פון גאָטס דיענסט זעהט ביי איהם אויס בעסער ווי דאָס וואָס ער טהוט און אלע נשמות זיינען ביי איהם אין די אויגען ריינער און זויבערער ווי זיין נשמה. ער ווייס שטענדיג זיינע פעהלערען און געדענקט זיינע זינד. ער האָט ליעב גאָט און פלייסט זיך נאָכצוקומען זיין ווילען. ער זוכט ניט צו מאָהנען זיינע קריוודעס און האלט ניט לאַנג קיין כעס. איז א חבר מיט די וואָס מאַכען איהם אויפמערקזאם אויף גאָטס דיענסט, פערברייגגט מיט אָרימע לייט, האָט ליעב די גערעכטע, איז איבערגעגעבען צו די וואָס אכטען דעם אמת און איז א פאָטער צו יתומים, שטיצט אלמנות און עהרט אלע אָרימע און געדריקטע בכלל.

דאָס זיינען די תנאים וואָס אַן אמת'ער פּרוש לשם שמים דאַרף נאָכקומען און נאָך דיעזע סמנים קען מען אונטערשיידען צווישען א ריכטיגען פּרוש און ניט קיין ריכטיגען. אחוץ די אלע מדות און מאַנירען וואָס זיינען דאָ אויסגערעכענט געוואָרען דאַרף דער אמת'ער פּרוש אויך נאָכקומען אלע חובות הלבבות, אלע הערצען־פּפליכטען, וואָס זיינען דערמאַהנט געוואָרען אין דיעזען ספר, און וועלכע איך דאַרף ניט איבער'חזר'ן, ווייל זיי ווענען פערנעהמען צופיעל פּלאַץ.

## פרק ה'

איצט געהען מיר צום פינפטען פונקט צו פערענטפערען די פראגע: וואס פאר אן ארט פרישות איז די בעסטע און פאסענדסטע לויט דעם אנקלאנג מיט דער תורה? אויף דיזער שאלה וועל איך ענטפערען, אז דאס נוהג זיין זיך בפרישות לויט די תורה פערלאנגט איז אויף דרייערליי אופנים.. מען דארף זיך פורש זיין, צוריקהאלטען זיך פון געוויסע זאכען אין געזעלשאפט, בעת מען געפינט זיך צווישען מענשען, און צווייערליי יחיד'ישע פרישות, יעדער איינער מיט זיך אליין. צו דיזע בעלאנגען זאכען וואס מיר קענען ארויסווייזען מיט אונזערע עפענטליכע חושים און גליעדער, און זאכען וואס ליגען בלויז אין אונזערע מחשבות, אין די בעהעלטענים פון אונזערע הערצער. איך וועל עס מיט גאט'ס הילף ערקלעהרען אין קורצען לויט מיין מעגליכקייט.

וואס הייסט פרישות, אפגעזונדערטהייט אדער פרומקייט בעת מיר קאמפאנירען זיך מיט מענשען? וואס האט דער פרוש, דער וואס זאגט זיך אפ פון וועלטליכע הנאות צו טהאן בעת ער געפינט זיך אין געזעלשאפט? ערשטענס, דארף ער פאר זיי ציינען א פריינדליך פנים, א פרעהליך פנים און דערביי אויך זיין ערנידריגט ביי זיך, ניט ארויסווייזען קיין שום גאוה. ער דארף ריידען ווייכע רייד, ניט ריידען ווי א תקיף, נור ווי א נידערגעשלאגענער. צווייטענס, דארף ער זיין א בעל רחמנות און מיטלייד האבען מיט זיינע מיטמענשען. ער דארף זיך מטריח זיין פאר זיי און ניט צולאזען אז זיי זאלען זיך מטריח זיין פאר איהם. ער דארף אלעמען דערמאהנען צו גוטען, טהאן מיט זיי חסדים ניט ערווארטענדיג צו געניסען וועלכע ניט איז הנאה פון זיי, פון זייער איינענטהום. דריטענס, דארף ער זיי העלפען אין די ענינים פון זייער תורה און זייער וועלט און זיין ביי זיי א מורה דרך, אנציינען זיי דעם גוטען וועג, אין וועלכען זיי זאלען געהן, כדי זייערע מעשים זאלען זיין מרוצה פאר גאט. און אויב זיי רעדען צו איהם הארטע רייד, אויב זיי טאדלען אדער זידלען איהם, זאל ער עס געדולדיג איבערטראגען און בעטען ביי גאט, אויסרעדען דאס ביטער הארץ פאר איהם, ניט פאר די מענשען וואס זיינען איהם מצער. צו די פרישות וואס איז שייך צו א מענשען צווישען מענשען געהער אויך דאס זיין צוריקגעצויגען פון געזעלשאפט, וואו מען עסט איבעריגס, מען טרינקט, מען לאכט, מען פראוועט הוליאנקעס אדער מען טהוט אנדערע זאכען וואס געהען ארויס פון גרעניץ פון פרומקייט און מאראל און עס קען ברייננען צו זינד.

די צווייטע ארט פרישות וואס מיר דארפען נוהג זיין מיט אונזערע חושים, וואס לייט זעהען און אונזערע אברים, איז איינגעטהיילט אין צוויי טהיילען. איין טהייל איז אונז פערבאטען און דער צווייטער איז מותר, ניטא אויף איהם קיין פערבאט אין דער תורה. ווי, למשל, עסען טרפות איז אונז פערבאטען, אבער עסען כשר'ע פלייש, כאטש אפילו דאס איז אונטער דער קאטעגאריע פון מותרות, פון איבעריגע הנאות, אהן וועלכע מען קען זיך בעגעהן, פון דעסטוועגען מעג מען דאס. און יעדע פון די צוויי טהיילען ווערט איינגעטהיילט אין דריי חלקים. דאס הייסט: יעדע זאך וואס איז אסור און יעדע זאך וואס איז מותר איז אונטערוואָרפען דרייערליי אופנים. די דברים האסורים, די זאכען, וואס מען טאר ניט, זיינען דא אזעלכע וואס דער מענש האט פון דער נאטור א חשק דערצו, ער איז בעשאפען מיט דעם אינסטינקט אז ער זאל צו דעם האבען א געוויסע

ניגונג, ווי זנות און עסען מאנכע פערבאטענע זאכען. עס זיינען ווידער דא אזעלכע איסורים, זאכען וואס מען טאר ניט, וועלכע מען האט ניט פיינט און ניט ליעב, ניט מען פער'מאוס'ט עס און ניט מען האט דערצו א בעזונדערען חשק, אזוי ווי, צום ביישפיעל, שעטנז, חלב עסען און נאך פיעלע אזעלכע. עס זיינען ווידער דא זאכען וואס זיינען פערבאטען און דער מענש האט זיי פיינט בטבע, עס עקעלט איהם דערפון, ווי, למשל, עסען שרצים אדער פלייש פון א נבלה און עהנליכעס, וואס ווען אפילו עס זאל אויף דעם ניט זיין קיין פערבאט אין דער תורה, וואלט מען זיך אויך דערפון דערוויטערט. דארף דער מענש זיין אויף אזוי פיעל פרוש, אז די איסורים צו וועלכע ער גלוסט, צו וועלכע ער האט בטבע א חשק, זאלען ביי איהם זיין גלייך ווי די וועלכע ער פער'מאוס'ט פון נאטור. ער דארף, הייסט עס, ברעכען די נאטור אין זנות אדער אנדערע פערבאטענע זאכען, צו וועלכע ער האט א נאטירליכע נייגונג, זאלען איהם אזוי אפעקלען אזוי ווי א מאוס'ער שרץ אדער פלייש פון א פגירה.

און אז דו וועסט דערגרייכען אזא מדרגה, אז דיר וועט לייכט זיין אפצושיידען זיך פון פערבאטענע זאכען, אז דו וועסט זיך אזוי איינברעכען, אז דו וועסט בעהערשען דיין נאטור און דער לוסט צו געוויסע זאכען וועט ביי דיר פערוואנדעלט ווערען אין אן עקעל, וועסטו זיין פון די וואס ווערען נצול פון זינד, וואס אויף זיי זאגט דער חכם אין משלי: ״לא יאונה לצדיק כל און״ — דעם צדיק וועט ניט טרעפען, וועט צום האנד ניט קומען קיין זינד.

און אזוי איך אויך מיט די זאכען וואס מיר מעגען. דיעזע זיינען אויך איינגעטהיילט אין דרייערליי אופנים אדער קאטעגאריען. לאמיר נעהמען, צום ביישפיעל, סתם עסען. א מענש קען עסען נור אזוי פיעל וויפיעל עס איז איהם נויטיג צו דערהאלטען זיך ביים לעבען, אבער ניט לשום תענוג. ער עסט ווייל ער מוז עסען, ווייל דאס האלט איהם אויף דער וועלט, אבער ניט מעהר. אן אנדערער עסט אביסעל מעהר און בעסער ווי נויטווענדיג איז. זיין כונה איז ניט בלויז אויפצוהאלטען זיין קיום, זיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט, נור ער וויל זיך אויך אביסעל תענוג פערשאפען, און א דריטער לאזט זיך אריין אין צופיעל תענוגים, ער כאפט איבער די מאס אין עסען און טרינקען. ער לאזט זיך צופיעל וואויל געהן און דאס קען איהם ברייגנען צו עסען אדער טרינקען אזעלכעס וואס מען טאר ניט, ווייל פון צופיעל הוליען, פון צופיעל פארגעניגענס האבען פערגעסט מען אז גאט און די פפליכטען וואס מען האט צו איהם, אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי: ״פן ישתה וישכח מחוקק״ — טאמער וועט ער צופיעל טרינקען און פערגעסען די געזעצען פון דער תורה.

דארפסטו, ברודער, זיך נוהג זיין בפרישות, זיין אזוי פיעל צוריקגעהאלטען פון איבעריגעס, אז דאס עסען אדער טרינקען לשם תענוג זאל ביי דיר זיין אזוי ווי אן איסור, אזוי ווי א פערבאטענע זאך, כאטש עס איז ניטא אויף דעם קיין פערבאט אין דער תורה. און דו ווייסט דאך, אז דער בעשעפער האט אנגעזאגט דעם מלך: ״ולא ירבה לו נשים, ולא ירבה לו סוסים״ — ער זאל ניט האבען פיעל ווייבער און פיעל פערד, ער זאל זיך, הייסט עס, ניט אנטהאן צופיעל תענוגים, ווייל דאס וועט איהם ברייגנען צו זינד. און שלמה המלך, כאטש ער איז געווען א גרויסער מענש, א קלוגער און פערשטענדיגער, איז ער פערפיהרט געווארען פון צופיעל תענוגים, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין נחמיה: ״הלא על

אלה חטא שלמה" — מיט דעם וואס שלמה האט געהאט פיעל ווייבער האט ער געזינדיגט, ווייל זיי, די ווייבער, האבען איהם אראפגעפיהרט פון וועג.

דעריבער היט זיך פון אלע זאכען וואס קענען דיך אפווענדען פון גאט. אויב דו ביזט צופיעל פערנומען מיט זוכען דיין חיונה און דו קענסט זיך ניט אפגעבען שטענדיג מיט דיענען גאט אין טהאט, האב וויינינגסטענס אין זינען דיין סוף און זיי א פרוש, אן אפגעזונדערטער פון צופיעל תענוגים אין דיין מחשבה, אזוי ווי אונזערע חז"ל האבען געזאגט אויף פיעלע צדיקים און חסידים וואס זיינען געווען פערנומען מיט וועלטליכע זאכען, מיט ציהען זייער חיונה פון ארבייט, און אין דער זעלבער צייט זיינען זיי געווען פרושים, אזוי ווי אבא חלקיה, וואס האט זיך בעשעפטיגט מיט גראבען ערד; שמאי, וואס איז געווען א בוי־מייסטער און הלל א האלץ־העקער און אין הארצען זיינען זיי געווען פרושים, אפגעזונדערטע פון וועלטליכע זאכען וואס זיינען איבעריג און אהן וועלכע מען קען זיך בעגעהן. און די פרישות זאל דיך ניט אפווענדען פון עוסק זיין אין וועלט־ליכע ענינים, דו זאלסט זיך, הייסט עס, ניט אפזונדערען אין גאנצען פון דער וועלט און נאר ניט טהאן פאר זיך און דיינע מיטמענשען, ווייל דאס גופא וואס דו ביזט זיך עוסק אין וועלכע ניט איז מלאכה, טהוסטו דאך דאס פון גאט'ס וועגען, אזוי ווי איך האב פריהער געזאגט. און אז דו וועסט קענען אויפגעבען דיין מלאכה אדער בעשעפטיגונג, אז די אומשטענדען וועלען דאס דיר ערלויבען, וועסטו דאס אויך טהאן פון גאט'ס וועגען, כדי צו קענען איהם מעהר דיענען און פערווענדען די צייט פון דיין חיונה זוכען אויף תורה און מעשים טובים.

און כאטש מיר זאגען, אז א מענש איז ניט מחויב אויפצוגעבען זיין ארבייט צוליעב פרישות, זאלסטו ניט מיינען אז דאס איז געזאגט אויף שטענדיג אונטער אלע אומשטענדען. דאס איז נור געזאגט ווען עס האנדעלט זיך וועגען די נויטיגע טעגליכע חיונה, אבער זיין ארייננעטהאן אין וועלטליכע זאכען, אין מסחר אדער מלאכה, כדי אנצוגרייטען אויף שפעטער, דאס דארף מען ניט. אין דעם פרט דארף מען האבען בטחון אין גאט, וואס וויים דעם מענשען'ס מחשבות, און אויב די מחשבות זיינען גוטע, אויב ער האט אין זינען צו דיענען גאט, העלפט ער איהם אז ער זאל האבען זיין חיונה, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין פרקי אבות: כל המקים את התורה מעוני סופו לקימה מעושר וכל המבטל את התורה מעושר סופו לבטלה מעוני" — ווער עס היט אפ די תורה צוליעב ארימקייט, ווייל ער האט ווייניג פרנסה און די צייט ערלויבט איהם צו לערנען און טהאן מעשים טובים, וועט איהם גאט העלפען מקים זיין די תורה אוים רייכקייט, דער אבער וואס איז ארויסגעטהאן פון דער תורה צוליעב רייכקייט, ווייל ער זוכט אנצוזאמלען רייכטהום און פערשווענדעט דארויף זיין גאנצע צייט, וועט דער סוף זיין אז ער וועט פעראָרימט ווערען און ניט קענען היטען די תורה, ווייל ער וועט זיין פערנומען אין זוכען חיונה.

און דו דארפסט זיך, ברודער, סטארען איינצוצאמען דיינע געפיהלען און די בעוועגונגען פון דיינע גליעדער ווי איך וועל דיר ווייטער ערקלעהרען.

צוערשט דארפסטו איינצאמען דיין צונג און האלטען געשלאסען דיינע ליפען ניט צו ריידען דברים בטלים. דו דארפסט צו דעם אזוי איינגעוואהנט ווערען, אז בעוועגען דיין שווערסטען אבר זאל ביי דיר לייכטער זיין ווי בעוועגען דיין צונג. ווארום דער צונג בעוועגט זיך זעהר לייכט און שנעל צו ריידען דאס וואס מען דארף ניט און מען טאר ניט, און די זינד וואס מען קען בעגעהן מיט'ן צונג

זיינען מעהר ווי די זינד וואס מען קען בעגעהן מיט אנדערע גליעדער, טאקי צוליעב דעם גופא וואס ער באוועגט זיך לייכט און ווערט ניט אזוי אפגעמאטערט ווי די הענד אדער די פיס, ווען מען שטרענגט זיי אן. מיט'ן צונג קען מען טהאן גוטעס און שלעכטעס אהן פערמיטלער, אהן א זייטיגע זאך וואס זאל העלפען טהאן די מצוה אדער די עבירה. לאמיר נעהמען, צום ביישפיעל, צדקה געבען, קען די האנד ניט געבען, ווען זי האט ניט וואס צו געבען. אדער פארקעהרט: גנב'ענען, מוז דאך זיין וואס צו גנב'ענען. מיט'ן צונג אבער איז מען אימשטאנד צו טהאן מצוות און עבירות אהן שום זייטיגע פאקטארען. דאריבער, ברודער, איז דער שכל מחייב, אז מען דארף אנווענדען אלע מעגליכקייטען צו האלטען דעם צונג אין צאם און ניט פריי לאזען איהם צו ריידען אבי וואס. ער דארף נור זיין פריי צו ריידען דאס וואס נויטיג איז אין תורה אדער וועלטליכע זאכען און ניט מעהר. אז דו וועסט זיך אזוי פיהרען, וועט דיר דער צונג קיין שאדען טהאן, אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי: "מות וחיים ביד לשון" — טויט און לעבען איז אין די הענד אדער אין רשות פון צונג.

און דאס וואס איך זאג אז צוערשט דארפסטו איינהאלטען דעם צונג איז צוליעב דעם, ווייל דער צונג קען ברייגנען ערגערעס ווי אלע אנדערע אברים, ווייל דיזער גליעד איז דער שעדליכסטער, ווען מען האלט איהם ניט געצאמט, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "מי האיש החפץ חיים, נצור לשונך" — דער וואס וויל לעבען, זאל צום אלעם ערשטען היטען זיין צונג. און אין אונזערע ספרים ווערט פיעל גערעדט וועגען דיזען ענין און עס איז גוט בעקאנט..

און אויב דו ווילסט זיך איבערצייגען וועגען די פעהלערן וואס דו בעגעהסט מיט דיין צונג, נעהם אויף זיך צו האלטען אין זכרון אלעס וואס דו רעדסט ביי טאג זייענדיג צווישען מענשען. אויב מעגליך, פערשרייב יעדעס ווארט וואס נעהט ארויס פון דיין מויל, און ביי נאכט, ווען דיינע געדאנקען זיינען פריי, טראכט איבער אלעס וואס דו האסט דורכ'ן טאג גערעדט, וועסטו ויסען וואס דו האסט געדארפט ריידען און וואס דו האסט ניט געדארפט; וועלכע רייד עס האבען דיר געבראכט נוצען און וועלכע — שאדען. דו וועסט דאן איבער־צייגט זיין, אז דו האסט גערעדט איבריגע רייד, וועלכע מען טאר ניט, אזוי ווי רכילות און לשון הרע און דו וועסט אנערקענען דיין אייגענעם פעהלער.

און דו זאלסט עס שטענדיג אין זינען האבען, דו זאלסט שטענדיג טראכטען וועגען די שאדענס וואס דיין צונג קען דיר ברייגנען אזוי ווי דו טראכסט ווי אזוי אויסצומיידען די עוולות וואס דיינע שונאים בעגעהען געגען דיר. דו זאלסט גאר ניט אויפהערען צו האלטען קאנטראל איבער דיין צונג און ריידען וואס ווייניגער. אנשטאט צו ריידען א סך, זאלסטו בעסער א סך דענקען און האבען מיט זיך אליין א חשבון. ווארום דאס דענקען איז אזוי ווי א ליכט און דער חשבון וואס א מענש האט מיט זיך אליין איז אזוי ווי זונען שטראהלען וואס דרינגען אריין אין דיין הארצען צו וויסען וואס דארט איז פארבארגען, און דער צונג איז דער טהויער צו די בעהעלטענים פון הארצען. ווען דו לאזט אפ דיין צונג, ווען דו בעפרייסט איהם, הערט ער אויף היטען דיינע הערצליכע אוצרות און ער צייגט ארויס און ניט איבער אזעלכעס וואס דו ווילסט ניט און עס טויג פאר דיר ניט אז עס זאל ארויסגעגעבען ווערען. אז דו וועסט אבער האלטען א וואך איבער'ן טהויער וועט דיין הערצליכער אוצר זיין געהיט, קיינער וועט, הייסט עס, ניט וויסען וואס ביי דיר אין הארצען טהו טזיך, אזוי

ווי דער חכם זאגט אין משלי: "גם אויל מחריש חכם יחשב" — אפילו א נאר ווען ער שווייגט האלט מען איהם אויך פאר א קלוגען, אדער אין קהלת ווערט געזאגט: "אל תבהל על פיך" — דו זאלסט ניט איילען צו ריידען מיט דיין מויל, נור פריהער גוט בעטראכטען אויב דו זאלסט ריידען אדער ניט ריידען.

נאכדעם, ווען דו ווערסט האבען דיין צונג איינגעצאמט, ווענד אן מיטעל צו פערמאכען דיינע אויגען, ניט געברויכען, הייסט עס, דיין זעה קראפט אויף זאכען וואס דו דארפסט ניט קוקען, וואס זיינען ניט נויטיג צו זעהן אדער אזעל־כעס וואס קען דיך אפווענדען פון דענקען ווענען וויכטיגעס, וואס קען דיר נוצען בריינגען. מייד אויס דאס צופיעל קוקען, ווייל דאס קען בריינגען צו זינד, אזוי ווי די רז"ל האבען געזאגט: "לבא ועינא תרי סרסורי דחטאה" — דאס הארץ און די אויגען זיינען צוויי פאקטארען צו זינד. מיט די אויגען זעהט מען א זאך וואס מען טאר ניט און דאס הארץ קריגט דערצו חשק און עס בריינגט דעם מענשען צו זינדיגען. בענוץ דיין קוק און דיין בליק צו קוקען אויף גאט'ס וואונדערליכע שאפונג און דערפון ווערסטו פערשטעהן זיין מאכט און טובות וואס ער טהוט מיט זיינע בעשאפענע, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך" — ווען איך זעה דיינע הימלען, די ווערק פון דיינע פינגער, די לבנה און די שטערען, ווייס איך וואס פאר א גרויסער און מעכטיגער גאט דו ביזט, אדער ווי עס ווערט דארט ווייטער געזאגט אין דעם קאפיטעל „השמים מספרים כבוד אל".

נאכהער זאלטו איינגעוואוינען דיינע אויערען זיי זאלען פערשטאפט זיין פון הערען אזעלכעס וואס דו דארפסט ניט הערען. און ווי ווייט מעגליך מייד אויס צו הערען אזעלכעס וואס קען דיר בריינגען מעהר שאדען ווי נוצען, ווי, למשל, ליגענס, רכילות און לשון הרע. דו זאלסט זיך אויך ניט צוהערען צו געזאנג, צו מוזיק און צו לוסטיגע גלעכטערס, וואס ווענדען אפ דעם מענשען פון מצוות און גוטע טהאטען; אבער לייג צו דיינע אויערען צו הערען וואס גוטע און פרומע לייט זאגען ווענען דיענען גאט, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין משלי: "הט אזנך ושמע דברי חכמים" — בויג צו דיין אויער און הער די רייד פון חכמים. אן אנדער פסוק זאגט דארט: "אזן שומעת תוכחת חיים" — דער אויער וואס הערט שטראף רייד בריינגט לעבען.

נאכהער זאלסטו זיך בעמיהען איינצוצאמען דעם חוש הטעם, דעם געפיהל פון געשמאק, פון אונטערשיידען צווישען א געשמאקען מאכל צו ניט קיין גע־שמאקען און ניט עסען און טרינקען מעהר ווי דו מוזט האבען נויטיג. דו זאלסט אויסמיידען צו עסען א סך פאטראוועס מיט דיין ברויט. בענוגען זיך מיט איין פאטראווע, אויב נור דו קענסט עס אויספיהרען. און דעם איין מאכל, וואס דו עסט מיט דיין ברויט, זאלסטו אויך ניט עסען קיין סך, נור אזוי פיעל וואס זאל דיר לייכטער מאכען אראפצושלינגען דיין ברויט, אבער ניט פון תענוג ווענען. און געוואוין זיך צו געוויסע צייטען צו עסען ברויט מיט נישט, כדי ווען עס וועט זיך מאכען א צייט אז דו ווערסט גארניט האבען צום ברויט זאל דיר לייכטער זיין אויסצוקומען מיט ברויט אליין. און אויב דו קענסט אויסקומען אהן געריכטען, אויף וועלכע מען דארף פערשוועגדען מיה און צייט צו פער־פערטיגען זיי, טהו דאס. עס פייגען, וויינטרויבען אדער אנדערע פרוכט מיט ברויט, כדי צו שפארען טרחה און צייט. און דיין בייטאגיגער עסען זאל זיין א לייכטערע ווי דער ביינאכטיגער. דו זאלסט בייטאג עסען וועניג און א

לייכטע אכילה, ווארום אז דער מאָגען איז פול, ווערען די גליעדער שווער און מען ווערט פויל און דאָס קען זיין א שטערונג צו דיענען גאָט אָדער טהאָן וועלטליכע זאכען וואָס מען מוז טהאָן. און אז דו וועסט געוואוינט ווערען נאָכצוקומען דאָס וואָס איך האָב פריהער געזאָגט, זאָלסטו זיך איינגעוואוינען צו פאַסטען כאָטש איין טאָג אין וואָך. און ווי ווייט דו קענסט ברעכען דיין נאטור ניט צו האָבען קיין פערלאנג צו עסען און טרינקען, זאָלסטו דאָס טהאָן. און ווען דו עסט זאָל זיין כונה זיין מעהר פון רפואה וועגען ווי צוליעב זאטקייט. דאָס הייסט: דו זאָלסט עסען מעהר מיט'ן צוועק צו דערהאלטען דיין געזונד איידער פון הנאה וועגען. און דיין געטראנק זאָל זיין וואסער, סיידען דו דארפסט טרינקען פון דיין געזונד וועגען אָדער כדי צו פערטרייבען דאגה און מרה שחורה, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין משלי: ″תנו שכר לאובד ויין למרי נפש″ — גיט שטארקע געטראנק צום פערצווייפעלטען און וויין — צו א פערביטערטען, צו א בעל דאגות. דו זאָלסט אָבער אפילו אין אזא פאל ניט טרינקען קיין סך און ניט פראוועןקיינע וויין הוליאנקעס אין געזעלענשאפט, ווייל דאָס טרינקען איז א גרויסע שטערונג צו מקים זיין די תורה און צו טהאָן וויכטיגע זאכען פאר דער מענשהייט. ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: ″לץ היין הומה שכר″ — וויין מאכט דעם מענשען פאר א לץ, פאר אן אָפּלאכער און שטארקע געטראנק בערוישט דעם מענשען. און בכלל וועגען עסען און טרינקען זאָגט דער פסוק: ″אל תהי בסובאי יין בזוללי בשר″ — דו זאָלסט ניט זיין פון די וואָס פרעסען פלייש און זויפען וויין, ווייל דער וואָס לאָזט זיך אריין אין דעם קען ניט קלוג זיין.

נאכהער זאָלסטו זיך נעהמען די מיה אָפּצוהיטען זיך ניט צו בעריהרען מיט דיין האנד קיין זאך וואָס בעלאנגט ניט צו דיר. און דערווייטער זיך פון אלע סאָרטען גנבה, נארעריי, גזלה און פון אימיצען בייז טהאָן. זיי איינגעהאלטען מיט די בעוועגונגען פון דיינע הענד און איידער דו נעהסט עפּעס טהאָן מיט די הענד בעטראכט וואָס דער סוף קען דערפון ארויסקומען. און היט דיין מאָראל און בעשיידענהייט דו זאָלסט קיינעם קיין שלעכטס ניט טהאָן בעת דו וועסט דערהויבען זיין, בעת דו וועסט שטעהן אויף אזא מדרגה, אז דו וועסט האָבען די מאכט צו טהאָן מענשען שלעכטעס, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין ישעיה: ″ושומר ידו מעשות כל רע″ — ער היט זיינע הענד פון טהאָן שלעכטעס. אין אן אנדער פסוק דאָרט ווערט געזאָגט: ″נוער כפיו מתמוך בשוחד″ — ער טרייסעלט אָפּ זיינע הענד פון נעהמען שוחד, כאבאר. דו זאָלסט אָבער בענוצען דיינע הענד אויף זאכען וואָס גאָט האָט געבאָטען, ווי למשל, צדקה געבען, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: ″פתוח תפתח את ידך″ — דו זאָלסט עפענען דיין האנד צו העלפען און שטיצען אָרימע לייט. און אין משלי איז דאָ א פסוק: ″כפה פרשה לאביון″ — די אשת חייל, די גוטע און פרומע פרוי שטרעקט אויס איהר האנד צום אביון. דו דארפסט אויך בענוצען דיינע הענד צו ארבייטען און פערדיענען אויף היונה און ניט געניסען פון אזעלכע געלט וואָס מען טאָר ניט געניסען אָדער אָנקומען צו די הילף און שטיצע פון מענשען. ווארום אז דו קומסט אָן צו לייטען, אז מענשען זיינען דיך מפרנס אָדער שטיצען דיך אויף וואָס פאר אן אופן עס זאָל ניט זיין, מיינט עס, אז דו פערקויפסט זיי א טייל פון דיינע זכיות, א טייל פון דעם שכר וואָס דו דארפסט קריגען פאר דיינע גוטע מעשים, וועלכע דו וואָלסט ניט געקענט טהאָן,

ווען יענע וואָלטען דיך ניט אויסגעהאָלפען מיט לעבענסמיטעל. און דו זאָלסט קיינעם ניט פאַלען צו לאַסט, אַזוי ווי אַ געוויסער חכם האָט געזאָגט: ״גאָט זאָל זיך מרחם זיין אויף דעם יעניגען וואָס האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, וואָס איז זיך נוהג בפרישות, אָבער ער פאַלט דורכדעם ניט צו לאַסט אויף זיינע גוטע פריינד, ווייל ער טהוט עפּעס צו פערדיענען זיין לעבענסמיטעל, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט אין תהלים: ״יגיע כפיך כי תאכל״ — אַז דו וועסט עסען די האָרעוואַניע פון דיינע הענד, וועט דיר זיין גוט און וואויל אויףביידע וועלטען.״ און עס איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרען אַז דער אָנפאַנג פון פרישות, פון פרום זיין, איז פּרנסה. צוערשט דאַרף אַ מענש אין זינען האָבען צו פערדיענען זיין חיונה מיט זיינע אייגענע הענד, דאַן קען ער זיך נוהג זיין בפרישות, אָפּגעזונדערט זיין פון וועלטליכע זאַכען וואָס זיינען ניט קיין נויטווענדיגקייט.

נאָכהער פּיהר זיך אַזוי מיט דיינע פיס און בעשרענק זיי בלויז פאַר געוויסע צוועקען. בענוץ זיי ניט אויף אומגעהן מיט רשעים, וואָס זוכען מותרות, איבעריגע זאַכען וואָס ניט נויטיג זיינען, אַזוי ווי דוד המלך ע״ה זאָגט אין תהלים: ״אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים״ — וואויל איז דעם מענשען וואָס איז ניט געגאַנגען אין דער עצה פון רשעים, וואָס האָט ניט געפאָלגט זייער ראַטה און זיי ניט נאָכגעטהאָן. דו זאָלסט אָבער די פיס געברויכען צו לויפען טהאָן גוטעס און קאָמפּאַנירען זיך מיט חכמים, מיט גוטע און פרומע לייט, אַזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: „הולך את חכמים יחכם״ — דער וואָס געהט אום מיט חכמים ווערט אויך קלוג. אין אַן אַנדער פּלאַץ זאָגט ער דאָרט: ״למען תלך בדרך טובים״ — דו זאָלסט געהן אין וועג פון גוטע.

און אויף אַלעם וואָס מיר האָבען פריהער געזאָגט זיינען דאָ פסוקים וואָס וואַרנען אונז. דער פסוק זאָגט אין ישעיה: ״מי יגור לנו אש אוכלה?״ — ווער וועט שטעהן פאַר אונז, ווער וועט אונז בעשיצען פון גאָט׳ס פייערדיגען צאָרן? רעכענט ער דאָרט אויס: דער וואָס געהט אין גערעכטיגקייט, רעדט נור אַזעלכעס וואָס מען דאַרף ריידען, האַסט צו האָבען געלד אויף ניט קיין אָרענטליכען אופן, טרייסעלט זיך אָפּ פון שוחד, פערשטאָפּט זיינע אויערען און פערמאַכט זיינע אויגען פון הערען און זעהן שלעכטעס. דוד המלך, ע״ה, אין תהלים אין קאַפּיטעל: ״ה׳ מי יגור באהליך״ רעכענט אויך אויס אַ רייהע פון מעשים וואָס אַ מענש דאַרף געוואוינען זיינע גליעדער און געפיהלען.

און דו זאָלסט, ברודער, וויסען, אַז דו דאַרפסט אַלעם נאָכקומען. דו מוזט דיינע אַלע אברים און געפיהלען היטען פון שלעכטעס, ווייל דאָס איז אַזוי ווי פּערל וואָס זיינען אַרויפגעצויגען אויף אַ שנירעל, איז אויב דו וועסט איבעררייסען דעם שנירעל אַרונטערצונעהמען איין פּערל, וועלען זיי אַלע צופאַלען. אויב דו וועסט, למשל, היטען דיינע אַלע גליעדער, נור די הענד וועסטו פריילאָזען צו טהאָן וואָס מען טאָר ניט, וועסטו שוין זינדיגען מיט די פיס און מיט די אַנדערע אברים אויך. דעריבער היט זיי אָפּ אַלע און איינע די אַנדערע וועלען העלפען צו טהאָן גוטעס, אַזוי ווי די רז״ל זאָגען אין פרקי אבות: ״מצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה״ — איין מצוה שלעפּט מיט נאָך אַ מצוה און אַן עבירה שלעפּט נאָך אַן עבירה.

און וועגען דעם דריטען אַרט פרישות, וועגען די פרישות פון אונזערע מחשבות, וואָס איך האָב דערמאָהנט אין אָנפאַנג פון דיעזען פּרק, וועל איך זאָגען, אַז דער אָנפאַנג פון דיעזען אַרט פרישות בעשטעהט אין דעם, אַז די

גערדאנקען פון מענשען זאָלען שטענדיג זיין קאָנצענטרירט צו גאָטעס דיענסט. וואָס דו טהוסט און וואָס דו טראכסט זאָל נור זיין פון גאָטס וועגען. דו זאָלסט נור אין זינען האָבען צו האַבען דיין חיונה אזוי ווייט ווי נויטיג איז אויפצוהאַל־טען דיין געזונד, אָבער ניט פון תענוג און בעקוועהמליכקייט וועגען. דו זאָלסט ניט האָבען אין דיין מחשבה רייך צו ווערען, כדי צו זיין אַן אויבער־הארר איבער אימיצען אָדער בעריהמען זיך דערמיט. דיין אָפּגעזונדערט זיין פון וועלטליכע תענוגים, זאָל ניט זיין כדי צו קריגען א נאָמען אלס א צדיק אָדער כדי אָנצו־זאמלען פערמעגען, נור פון גאָטס וועגען. און דו זאָלסט מיט דיין פרישות ניט איבערטרעטען דעם גרענעץ פון דער תורה. דו זאָלסט ניט פאסטען שבתים, ימים טובים און ראש חודש און דו זאָלסט זיך ניט ענטזאגען פון אנדערע תענוגים וואָס מען איז מחויב נאָך דעם דין פון תורה. דיין פרישות דאַרף נור בעשטעהן אין דעם ניט צו האָבען קיין לוסט צו איבעריגע זאכען, נור דאָס וואָס דו מוזט שוין באַלד נויטיג האָבען. דו דאַרפסט זיך שטענדיג פאַרשטעלען, אז דו האָסט צו זיין אויף דער וועלט בלויז דעם טאָג און אין אבענד מוזטו אוועק פון איהר. אז דו וועסט זיך אזוי פאַרשטעלען, וועסטו ניט האָבען קיין לוסט צוצוגרייטען אויף ווען עס איז און דו וועסט זיך בענוגענען מיט דעם וואָס דו האָסט דיינע צייטווייליגע נויטווענדיגקייטען. און אז צו דעם וועסטו האָבען חשבון הנפש, ווי מיר האָבען ארומגערעדט אין פאָריגען שער, און וועסט האָבען בטחון אין גאָט און נאָכקומען אלע חובות הלבבות, וואָס מיר האָבען ערקלעהרט אין דיעזען ספר, וועסטו ערשט זיין א ריכטיגער פרוש, לויט דעם פערלאנג פון גאָט און זיין תורה. בעטראַכט די זאַך און נעהם עס גוט אין זינען און דאָס וועט דיר ברייגנען גוטעס.

## פרק ו׳

איצט וועלען מיר ערקלעהרען די ענינים פון פרישות, וואָס געפינען זיך אין די הייליגע שריפטען און אין דער גמרא.

א מין פרישות ווערט דערמאָהנט אין דער תורה פון יעקב אבינו. וועלכער האָט געזאָגט: ״ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש״ — גאָט זאָל מיר געבען ברויט צו עסען און א מלבוש אָנצוקלייידען — זאכען וואָס אָהן דעם קען מען ניט אויסקומען; אָבער אנדערע פארגעניגענס און הנאות האָט ער ניט פערלאנגט. פון משה רבנו, דערצעהלט די תורה, אז ער האָט דריי מאָל געפאַסט צו פיער־ציג טעג מיט פיערציג נעכט. אליהו הנביא, ווערט געזאָגט אין מלכים א׳, האָט אויך געפאַסט פיערציג טעג, אזוי ווי עס שטעהט דאָרט: ״וילך בכח האכילה ארבעים יום״ — אליהו הנביא איז מיט׳ן כח פון זיין עסען א מאָהלצייט געגאַנ־גען פיערציג טעג אומגעגעסען. און די אלע פרישות, אפילו די לאַנגע תעניתים זיינען געווען מרוצה צו גאָט. פראַוען נזירות, ניט טרינקען קיין וויין און לאָזען וואקסען די האָר, ניט שערען זיך, איז אויך א מין פרישות, ווייל דער נזיר מיידט דאָך אויס די דאָזיגע צוויי תענוגים, און דאָס איז ביי גאָט אָנגעלייגט, און ער רופט דעם נזיר ״קדוש״, הייליגער, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין נשא: ״כל ימי נזרו קדוש הוא״ — די גאַנצע צייט פון זיין נזירות איז ער הייליג. א פשיטא שוין דער וואָס ענטזאָגט זיך פון אלע תענוגים און ער האָט צו דעם קיין לוסט, איז נאָך מעהר חשוב ביי גאָט און ער פערדיענט מעהר שכר.

מיר געפינען ווידער אין דער תורה, אז גאָט האָט אָנגעזאָגט אהרן הכהן: ״יין ושכר אל תשת אתה ובניך בבואכם אל אהל מועד״ — דו און דיינע זיהן זאָלען ניט טרינקען קיין וויין און אנדערע שאַרפע משקאות ווען איהר דאַרפט קומען אין אהל מועד. דאָס איז אן אָנזאָג אויסצומיידען אזעלכע זאכען וואָס קענען פערהינדערען די פאָלקאָמענהייט פון גאָטעס דיענסט. אזוי ווי די רז״ל האָבען געזאָגט: דער וואָס האָט געטרונקען א רביעית וויין, זאָל קיינע שאלות ניט פסק׳ענען; דער וואָס האָט געטרונקען א רביעית וויין, זאָל ניט תפלה טהאָן צו גאָט, זאָל ניט דאַווענען, ווייל וויין צומישט די רעיונות און מען קען נאָך א טעות האָבען אין א דין אָדער ניט ארויסברייננגען די תפלה ווי געהעריג איז.

עס איז דאָ נאָך אן ארט פרישות, וואָס ווערט דערמאָהנט אין ירמיה. יונדב בן רכב, ווערט דאָרט דערצעהלט, האָט אָנגעזאָגט זיינע קינדער זיי זאָלען ניט טרינקען קיין וויין, ניט זעען, ניט פלאַנצען קיין וויינגאָרטען און ניט בויען קיין הייזער, נור וואָוינען אין געצעלטען, אין פאלאטקעס אויסער׳ן שטאָדט, אָפּגעזונדערט פון מענשען. דאָס איז שוין א הויכער ארט פרישות. דאָס הייסט שוין אזוי גוט ווי אין גאנצען זיין אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, און דער בע־שעפער האָט די בני יונדב געלויבט פאר מקיים זיין זייער פאָטער׳ס פערזאָג, אזוי ווי דער פסוק זאָגט דאָרט: ״לא יכרת איש ליונדב בן רכב״ — עס וועט ניט אומקומען קיין מענש פון יונדב בן רכב. אלישע הנביא האָט זיך אויך נוהג גע־ווען בפרישות. ווי עס ווערט דערצעהלט אין מלכים א׳: ״וילך אחרי אליהו וישרתהו״ — אלישע האָט פערלאָזט זיינע עלטערען, זיין משפחה און אלעס וואָס ער האָט געהאט און איז אוועק בעדיענען אליהו הנביא. און אזוי איז געווען דער מנהג פון די נביאים פון יענעם דור און פון פאָריגע דורות, אז זיי האָבען אוועקגעלאָזט וועלטליכע זאכען און אפילו זייערע אייגענע נויטווענדיגקייטען און זיינען אוועק אין ווילדסטענהייטען, כדי אָפּצוגעבען זיך בלויז מיט גאָטעס דיענסט אי מיט זייערע אברים, אי מיט זייערע מחשבות.

די תורה זאָגט אונז אָן אויף פרישות דורך פאסטען בעת מיר טהוען תשובה און מיר בעטען מחילה אויף אונזערע זינד. יום הכפורים זיינען מיר מחויב צו האַלטען א תענית און פייניגען זיך. די כונה דערביי איז, אז מיר זאָלען איינ־צאַמען אונזערע תאוות און זיך דערווייטערען פון תענוגים, וואָס דאָס ברייננגט אָפט מעהרסטענס צו זינד, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין הושע: ״כמרעיתם וישבעו״ — אז זיי האָבען זיך אויסגעפאַשעט און זאט געווען האָבען זיי פערגעסען אן גאָט. פערקעהרט ווידער זאָגט דאָרט דער פסוק: ״בצר להם ישחרונני״ — ווען עס איז זיי שלעכט זוכען זיי מיך, גאָט.

נאָך אן ארט פרישות ווערט דערמאָהנט אין זכריה. דער פסוק זאָגט דאָרט: ״ולא ילבשו אדרת שער למען כחש״ — זיי זאָלען ניט אָנקליידען א פעל מאנטעל כדי נאַרען די וועלט. זעהט מען דערפון, אז עס איז דאַמאָלס גע־ווען דער מנהג פון פרומע לייט צו קליידען זיך אין פעל פון חיות, ניט אין מלבושים פון אנדערע מאַטעריעס וואָס מען האָט צו יענער צייט געטראָגען. זאָגט עס אָן דער נביא, אז קיינער זאָל זיך ניט אָנטהאָן אין אן אדרת שער מיט דער כונה כדי לייט זאָלען מיינען אז זיי זיינען פרומע לייט, גאָטספאַרכטיגע מענשען.

און דוד המלך זאָגט אין תהלים: „טרם אענה אני שוגג״ — איידער איך האָב זיך געפייניגט בין איך געווען א שוגג, א זינדער אונגערן, און נאכהער

זאָגט ער: "טוב לי כי עניתי" — מיר איז גוט, איך האָב אויפגעהערט צו זינדיגען, ווייל איך האָב זיך געפייניגט, ווייל איך האָב זיך צוריק געהאַלטען פון תאוות און אפילו פון נויטווענדיגע זאכען.

איוב איז אויך געווען א פּרוש, א צוריקגעהאַלטענער פון וועלטליכע בעק־וועהמליכקייטען, ווי ער דערצעהלט אויף זיך, אז ער האָט פערהאַסט וועלטליכע תענוגים, זיין פערמעגען און האָט זיך איבערגעגעבען בלויז צו טהאָן גוטעס.

אזוי איז אויך געווען דניאל. ווען ער האָט געטרויערט אויף'ן גלות און תפלה געטהאָן צו גאָט וועגען דעם, האָט ער געזאָגט: "לחם חמודות לא אכלתי" — קיינע לאַקאָמע זאכען האָב איך ניט געגעסען. און דאָס איז געווען אָנגע־לייגט ביי גאָט, און דער מלאך האָט נאכהער געזאָגט צו דניאל: "מן היום הראשון אשר נתת את לבך להבין ולהתענות" — פון דעם ערשטען טאָג אָן זייט דו האָסט זיך איין זינען גענומען צו פערשטעהן און זיך פייניגען, זיינען דיינע רייד געהערט געוואָרען פון גאָט. אזא פרישות ווי דניאל האָט נוהג געווען מיט'ן אבזיכט צו פּועל'ן ביי גאָט אז ער זאָל די אידען אויסלייזען פון גלות, איז די בעסטע.

די איינוואוינער פון ננוה, ווערט דערצעהלט אין יונה, האָבען זיך געפיי־ניגט, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז דער בעשעפער וויל זיי אומברייננגען פאר זייערע זינד. ווען המן הרשע האָט געוואָלט אומברייננגען די אידען, ווערט דערצעהלט אין מגילת אסתר, אז די אידען האָבען געפאַסט און זיך געפייניגט, און אין א סך אזעלכע פעלע ווערט דערצעהלט אין אונזערע ספרים, אז מען האָט זיך נוהג געווען בפרישות, מען האָט זיך צוריקגעהאַלטען פון בעקוועהמ־ליכקייטען און תענוגים, ווען עס איז געקומען אן עת צרה.

און שלמה המלך רעדט וועגען פרישות אין משלי און אין קהלת. "אל תהי בסובאי יין" — דו זאָלסט ניט זיין פון די וואָס זויפען וויין. "מעט שנות מעט תנומות" — אביסעל שלאָפען אביסעלע דרעמלען. "אל תתן לנשים חילך" — פערשווענד ניט דיינע קרעפטען ביי פרויען. "טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה" — עס איז בעסער צו געהן אין א טרויער הויז ווי געהן צו א הוליאנקע. "מתוקה שנת העובד" — דער שלאָף פון ארבייטער, פון האָרא־פּאשנעם מענשען איז זיס און עס טויג ניט ווען מען לאָזט זיך וואויל־געהן און מען האָרעוועט ניט.

אין משנה און אין גמרא ווערט אזוי פיעל גערעדט פון פרישות, פון אויס־מיידען תענוגים, אז איך קען די אלע מאמרים ניט איבערגעבען אין דיעזען ספר. דאָס רוב פון די דאָזיגע מאמרים געפינען זיך אין פּרקי אבות. דאָרט ווערט געזאָגט: "כך היא דרכה של תורה פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן" — אזוי איז די וועג, די ארט און ווייזע ווי אזוי א מענש וואָס וויל נאָכקומען די תורה דאַרף זיך פיהרען: עסען ברויט מיט זאַלץ, טרינקען וואסער מיט'ן מאָס, שלאָפען אויף דער ערד און לעבען א לעבען פון צער. אין אן אנדער פּלאַץ ווערט דאָרט געזאָגט: "התורה נקנית בארבעים ושמונה דברים" — די תורה קען ערוואָרבען ווערען דורך אכט און פיערציג זאכען אָדער אייגענשאַפ־טען. רעכענט ער דאָרט אלץ אזעלכע זאכען וואָס פערשאַפען ניט קיין קערפּער־ליכען פארגעניגען. אין מסכת תענית ווערט אויך ברייט גערעדט וועגען דיעזען עניין. און אז איהר וועט נאָכקוקען און נאָכזוכען וועט איהר געפינען נאָך מעהר.

נעהמט עס אין זינען און דענקט וועגען דעם און איהר וועט מיט גאָט'ס הילף

אלעם וויסען און פערשטעהן, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין משלי: "אם תבקשנה ככסף אז תבין יראת ה' — אז דו וועסט די תורה זוכען אזוי ווי מען זוכט זיל־בער און אנדערע טייערע זאכען, דאמאָלס וועסטו פערשטעהן ווי אזוי מען דארף מורא האָבען פאר גאָט און ווי מען דארף איהם דיענען.

## פרק ז'

אָבער אין דעם ענין פון פרישות, פון זיין צוריקגעצויגען פון געוויסע תענוגים, איז דאָ אן אונטערשייד צווישען פארצייטיגע מענשען און אונז. דער אונטערשיעד איז דיעזער:

די פארצייטיגע צדיקים חנוך, אברהם, יצחק, יעקב און איוב מיט זיינע חברים, איז זייער שכל געווען ריין און לויטער און דער יצר הרע שוואך. זייער גייסט, זייערע געפיהלען האָבען זיך געצויגען נאָך'ן שכל. זייער שכל, הייסט עס, האָט זיי דיקטירט וואָס זיי זאָלען טהאָן און וואָס זיי זאָלען ניט טהאָן און זיי האָבען איהם געפאָלגט. דעריבער האָבען זיי ניט געדארפט האָבען קיין תורה מיט א סך מצוות, און פיעל מצוות זיי האָבען געהאט איז פאר זיי גענוג געווען אז זיי זאָלען האָבען אמונה אין גאָט און איהם דיענען, אזוי ווי דער פסוק אין נחמיה זאָגט וועגען אברהם'ען: "ומצאת את לבבו נאמן לפניך" — דו גאָט האָסט געפונען זיין הארץ געטריי צו דיר. יענע לייט האָבען ניט געדארפט האָבען די פרישות וואָס איז אָנגעזאָגט אין דער תורה און זיי זיינען אָהן דעם אויך געווען צדיקים. ווען אָבער יעקב'ס קינדער זיינען געקומען אין מצרים און האָבען אין יוסף'ס צייטען דאָרט אָפּגעלעבט ביי א זיעבציג יאָהר און עס האָט זיי קיין זאך ניט געפעהלט, האָבען זיי בעקומען מעהר תאוות. פון וואוילטאָג, הייסט עס, האָט זיך דער יצר הרע געשטארקט איבער זייער שכל, און אום צו דיענען גאָט באמונה האָבען זיי שוין געדארפט מעהר פרישות. זיי האָבען גע־מוזט צוריקגעהאלטען זיין פון תאוות, כדי צו בעקעמפּפען דעם יצר הרע. דערי־בער האָט זיי דער בעשעפער צוגעגעבען געוויסע מצוות שמועיות, אזעלכע מצוות, הייסט עס, וואָס מען פערשטעהט ניט מיט'ן שכל, ווי שעטנז און דאָס גליי־כען, כדי דאָס זאָל זיי פיעל ניט איז אָפּהאלטען פון וועלטליכע פארגעניגענס און זיי מעהר דערנעהענטערען צו גאָט.

און אז די אידען האָבען איינגענומען די לאנד כנען, זיך דאָרט בעזעצט און עס איז זיי געגאנגען זעהר גוט, האָבען זיי בעקומען א גרעסערען חשק צו עסען גוט און אנדערע וועלטליכע תענוגים. און וואָס מעהר זיי האָבען זיך איינגע־זעצט אין לאנד, וואָס מעהר זיי האָבען זיך בעפעסטיגט און גענאָסען גוטעס, איז אַלץ דער שכל ביי זיי שוואכער געוואָרען און דער לוסט צו לאָזען זיך וואויל־געהן איז שטארקער געוואָרען, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: "פן תאכל ושבעת ובתים טובים תבנה, ורם לבבך" — טאָמער וועסטו עסען צו זאט און בויען גוטע הייזער, וועט דיין הארץ דערהויבען ווערען, דו וועסט, הייסט עס, ווערען ביי זיך שטאָלץ און דו וועסט אָן גאָט פערגעסען. דאמאָלס האָבען זיי שוין געדארפט אָנקומען צו מעהר פרישות, דאמאָלס האָבען זיי זיך געמוזט צוריקהאלטען פון מעהרערע זאכען, כדי צו בעקעמפּפען זייערע געפיה־לען, זייער לוסט צו תענוגים. דאן האָט מען שוין געדארפט אָנקומען צו אזא פרישות ווי נזירות און צו די פרישות פון די נביאים וואָס מיר האָבען פריהער

דערמאָהנט, ווייל אָהן דעם איז שווער געווען נאָכצוקומען גאָט'ס געבאָטען ווי געהעריג איז. וואָס דער שונא איז שטארקער דארף מען אלץ האָבען שטארקערע וואפען צו בעקעמפפען איהם. און אזוי אין אלע דורות איז דער שכל שוואך און דער יצר הרע שטארק, און ווען מען טהוט וואָס ניט איז פון די זאכען וואָס האָבען צו טהאָן מיט עולם הזה, ווענדט עס אָפּ פון די ענינים פון עולם הבא. דעריבער דארפען מיר אין אונזערע צייטען זיך אָפּווענדען פון עולם הזה זאכען בעת מיר טהוען וואָס ניט איז פאר עולם הבא, כדי יעדע מצוה וואָס מיר טהוען זאָל זיין בלויז לשם שמים, פון גאָטס וועגען, אָהן זייטיגע כונות אָדער פּניות.

אונזערע עלטערען האָבען דאָס ניט געדארפט. די פארצייטיגע מענשען, וואָס זייער שכל איז געווען שטארק, האָבען געקענט טהאָן אי פאר דער וועלט אי פאר יענער וועלט און איינס דאָס אנדערע האָט ניט געשאדט, אזוי ווי דער פּסוק זאָגט אין ירמיה: „אביך הלא אכל ושתה ועשה משפט וצדקה אז טוב לו" — דיין פאָטער, דאָס הייסט, דער פארצייטיגער צדיק האָט געגעסען און געטרונקען, האָט הייסט עס, גוט געלעבט און אין דער זעלבער צייט האָט ער געטהאָן גערעכטיגקייט און צדקה און עס איז איהם וואויל געווען. אין קהלת איז דאָ א פּסוק: „טוב אשר תאחז בזה וגם מזה אל תנח ידיך" — עס איז גוט דו זאָלסט זיך האלטען אָן זאכען וואָס האָבען צו טהאָן מיט יענער וועלט און פון דער וועלט זאָלסטו זיך אויך ניט אָפּלאָזען. אָבער אזוי ווי דאָס איז שווער אויסצופיהרען צוליעב די שוואכקייט פון שכל און שטארקייט פון יצר הרע, דארף מען ווי ווייט מעגליך זיך נוהג זיין בפרישות לויט די תנאים וואָס זיינען שוין פריהער געזאָגט געוואָרען.

איך האָב, ברודער, געזעהן א שארפע מליצה אין דעם ענין פון פרישות פון א געוויסען חסיד, וואָס האָט עס אָנגעזאָגט זיין זוהן. דאָס איז מיר געפעהלען געוואָרען און איך וועל עס דאָ איבערגעבען אלס סוף צו דיעזען שער אנשטאָט אייגענעם מוסר. פערשטעה דאָס און בעטראכט דאָס גוט, וועסטו מיט גאָט'ס הילף ארויפקומען אויף'ן גוטען וועג און טהאָן גוטעס. דאָס איז די מליצה:

דו, מיין זוהן, זאָל דיר גאָט העלפען, אז דו זאָלסט זיין פון די וואָס הערען גאָט'ס רייד און נעהמען עס אריין אין זינען, נעהמען אריין אין זינען און דענקען וועגען דעם, דענקען וועגען דעם און ווייסען און פערשטעהען די זאך, ווייסען און טהוען. דו זאָלסט ניט זיין פון די וואָס זיינען געזונקען אין אירטהומס, אין טעות'ען אזוי ווי שכורים וואָס זיינען צוטומעלט פון וויין טרינקען און וואָס דער יצר הרע פיהרט זיי אראָפּ פון וועג און געוועלטיגט איבער זיי, און די תאוות שטארקען זיך אין זיי, און זיינען געניינגט צו תענוגים, און זיינען גערייצט צו וועלטליכע הנאות, און ווערען צוקלאפּט אזוי ווי מענשען וואָס געהען אין דער פינסטער און ווידערהאָלען זייערע טעות'ן, חזר'ן איבער זייערע זינד נאָך אמאָל און נאָך אמאָל, ווייל זיי זיינען צומישט און ווייסען ניט אויף וואָס'ער וועלט זיי זיינען.

דו זאָלסט ניט זיין פון די וואָס הערען און נעהמען ניט אריין אין זינען, און זאָגען און טהוען ניט. זוכען רוה און פאלען אריין אין צרות. לייגען אוועק מיה צו געניסען בעקוועהמליכקייטען און קריגען יסורים. זייערע נשמות און גופים ווערען אויסגעמאטערט און דער שכל צובראָכען און צוברעקעלט. זיי זאמלען אָן גאָלד, וואָס האָט ניט קיין לאנגען עקזיסטענץ; זילבער, וואָס איז ניט דויערהאפט און אמאָל ירש'ענען דאָס זייערע שונאים אָדער אומגעטרייע וויי־

בער, וואָס בע'גנב'ענען און בערויבען זיי אין געהיים. די דאָזיגע לייט גרייטען צו שטאַרקע פּאַלאַצען און ליגען אין קברים, בויען געביידעס וואָס זיי בעזעצען ניט, זאַמלען פערמעגענס וואָס זיי געברויכען ניט. יעדער פון זיי בעגראָבט זיין פאָטער און זיינע קינדער, זיי ווייסען אַלע אַז מענשען שטאַרבען אי אין דער עלטער, אי אין דער יוגענד און טהוען פון דעסטוועגען ניט די זאַכען וואָס האָבען אַן אייביגען קיום. יעדער פון זיי פערגעסט זיין סוף און געדענקט און האָט אין זינען זיינע וועלטליכע הנאות און פאַרגעניגענס. און וואָס טויג דער אין מי־טען וואָס זיינע ביידע ברעגען זיינען פערלאָרען געגאַנגען? וואָס טויג דער וואָס זיינע עלטערען און קינדער שטאַרבען אוועק און ער בלייבט איינער אליין אויף דער וועלט? און כאָטש זיי ווייסען אַז דאָס קען פּאַסירען, קימערען זיי זיך ניט וועגען דעם.

און גיב אכטונג, מיין קינד, אויף דעם וואָס דער בעשעפער האָט ברייט גע־מאַכט זיין הארץ, האָט איהם געגעבען פיעל שכל און איהם געמאַכט אַן אוי־בערהאַר איבער זיינע מחשבות, און געעפענט זיינע אויגען און איהם אָנגעצייגט דעם ריכטיגען וועג אין וועלכען אַ מענש דאַרף געהן. אַזאַ איינער, זיינען לייט זיכער, אַז ער וועט זיי קיינע בייזעס ניט טהאָן און ער איז זיכער אַז קיינער וועט איהם קיינע בייזעס ניט טהאָן. ער לעבט מיט אַלעמען בשלום און קיינער בעריהרט איהם ניט צו שלעכטען. אנדערע קענען זיין פערשקלאַפּט צום יצר הרע און ער טהוט זיך זיינס און דיענט דעם גאָט פון הימעל און ערד, וואָס ברייננגט לעבען און טויט, וואָס בעשאַפט און טהוט חסדים און וואָס איז דער איינציגער גאָט און נאָך איינער איז ניטאָ.

זעה דעם חילוק צווישען די וואָס זיינען איבערגעגעבען צו תאוות עולם הזה און די וואָס זייערע געדאַנקען זיינען קלאָהר און זייערע רעיונות לויטער און זייערע אויגען רוהען, קוקען ניט צו פיעל און צו הויך, און זייערע הערצער זי־בער, אַז עס וועט מיט זיי קיינע שלעכטעס פּאַסירען. זיי, די דאָזיגע לייט, ווען זיי זיינען אַליין, אָפּגעזונדערט פון מענשען, פרעהען זיי זיך און האָבען פאַר־געניגען וואָס זיי קענען אין זינען האָבען גאָט און דאַנקען איהם אי פאַר גוטעס אי פאַר שלעכטעס, מחמת זיי ווייסען אַז שלעכטעס וואָס עס קומט אויף זיי איז אויך פון זייער טובה וועגען. די פרומע לייט זיינען נאָהענט צו הויכע זאַ־כען, וועלכע ניט אַלע קענען בעגרייפען און פערשטעהן. זיי האָבען אַרונטערגע־ריסען דעם צודעק פון פערבאָרגענע זאַכען און זיינען געקומען צו אמת'ע רוה דורך האַראָוואַניע און פראַצע אין דער חכמת התורה, און זיי געניסען פער־גניגען טאַקי צוליעב דעם, ווייל זיי זיינען ניט פערנומען מיט זוכען פערגע־ניגענס. און דאָס וואָס זייער סוף, זייער יום המיתה פערשפּעטיגט זיך, דאָס וואָס זיי זיינען מאריך ימים, האַלט זיי ניט אָפּ פון תשובה ומעשים טובים. זיי ליגען דאָס ניט אָפּ אויף שפּעטער. זיי ערוואַרטען דעם טויט און היטען זיך אַז דער טויט זאָל זיי ניט קומען פאַר זייערע זינד. זיי זיינען ביי גאָט חשוב, פאַרשען איהם, האָפען צו איהם און דיענען איהם. זיי ריידען אמת און גערעכ־טיגקייט און האָבען קיין מורא פאַר'ן שטן, וואָס וויל זיי אָפּווענדען פון דעם אמת.

זיי, די פרומע לייט, זיינען טייערער פון אַלע מענשען און גאָט היט זיי מעהר ווי אַלע פעלקער און זייער פּראַכט און רוהם איז העכער און גרעסער פון אַלעמען. זיי זיינען געעהרט אין גאָט'ס הייזער, אין שולען און בתי מדרשים, און זיינען גרויס און חשוב אין אַלעמענס אויגען. קיין בעשעפטיגונג פערהינ־

דערט זיי ניט פון געדענקען און אין זינען האָבען גאָט און קיין זאך האלט זיי ניט אָפּ פון דאנקען איהם און לויבען איהם. זייערע צינגער זיינען געוואוינט צו לויבען און דאנקען זייער בעשעפער און זיי פרעהען זיך דערמיט וואָס זייערע רעיונות זיינען קלאָהר און זיי קענען אלע זייערע מעשים איינינגען בלויז פון גאָטס וועגען. און כאָטש די וועלט איז צו זיי פרעמד, כאָטש אליין געניסען זיי ניט פון איבעריגע וועלטליכע תענוגים, קענען זיי אָבער די וועלט מיט איהרע איבּלען און זייריידען וועגען דעם. די פאַלשקייטען פון דער וועלט, די פוסטע תענוגים זיינען פאר זיי ניט פערבאָרגען און זיי ווייסען אז דאָס איז גאָרניט ווערטה און מען דארף זיך דערמיט ניט אָפּגעבען.

אָפּטמאָל פוצט זיך די וועלט פאר זיי אויס. זי גיט זיי גוטס און זיי, די צדיקים, בעטראכטען איהר, דער וועלט, פאר א רויבער. זיי נעהמען אָן אז דורך די גוטעס וואָס זיי וועלען געניסען אויף דער וועלט, וועלען זיי בערויבט ווערען פון א טייל פון זייער שכר אויף יענער וועלט. און לאָזט זיך די וועלט אָפּ פון זיי, אויב זי גיט זיי ניט גענוג פיעל זיי דארפען, געפינען זיי אָבער אויס, אז די וועלט איז געצוואונגען צו געבען זיי זייערע נויטווענדיגקייטען און זיי גיבען זיך אליין ניט פיעל אָפּ מיט וועלטליכע זאכען און זוכען ניט צו זאמלען רייכטהום. שמייכעלט זיך די וועלט צו זיי, בייזערען זיי זיך אויף איהר, און בויגט זי זיך צו זיי, חנפ׳עט זי זיי, טרעטען זיי פון איהר אָפּ און ווילען ניט איהרע תענוגים. זיי, די צדיקים, קוקען אויף דער וועלט און זעהען ווי נישטיג זי איז און זי קען ניט האָבען די אויבערהאנד איבער זיי און עס איז ניטאָ קיין מיטעל צו דערנעהענטערען די פרומע לייט צו דער וועלט און איהרע פוסטע הנאות און תענוגים.

אָט די זיינען די אויסערוועהלטע פון גאָט און די געליעבטע חסידים, וואָס האָבען אָפענע אויגען און גוטע בענעהרען און גיבען זיך אָפּ מיט זאכען וואָס זיינען בעווילינט צו גאָט, דיעזע מאכען אנדערע צו לויבען גאָט, און די וואָס האנדלען מיט זיי, די וואָס געהען אין זייערע דרכים פראָפיטירען. זיי האָבען געלייטערט זייערע מחשבות און זיינען געקומען צו די ריכטיגע איבערצייגונג. זיי האָבען גערייניגט זייערע הערצער און זיי זיינען אויסערוועהלט געוואָרען פון גאָט. זיי האָבען זיך אָנגענומען מיט מורא פאר שלעכטעס און זיינען פון דעם בעשירמט געוואָרען און זיי האָבען זיך גענומען די מיה צו טהאָן גוטעס און זיי האָבען זייער צוועק דערגרייכט. זיי האָבען בענעגענט אונאויפהערענדע פרייד און לוסטינקייט וואָס ווערט קיינמאָל ניט געענדערט. זיי זיינען אויסגעהיט געוואָרען פון מורא׳דיגען יום הדין און זיינען זיכער געווען פון צרות און יסורים. און דו, מיין זוהן, קלייב זיך אויס דאָס בעסטע פאר דיר איידער דו זאָלסט נאָך׳ן טויט חרטה האָבען, ווייל דאמאָלס וועט שוין די חרטה ניט העלפען און די דאגה אויף דיינע זינד וועט קיינמאָל ניט אויפהערען.

און גאָט זאָל אונז אלעמען אָנצייגען די ריכטיגע וועגען און זאָל אונז מיט זיין רחמנות און פיעל חסדים ווענדען צום וועג פון הצלחה, אמן.

סוף פון שער הפרישות.

### שער העשירי

# שער אהבת ה׳

(דער מהויער פון ליעב האבען גאט. די לעהרע ווי אזוי מען קומט צו דער דאזיגער מדרגה)

## פרק א׳

האט דער מחבר געזאגט:

ווייל מיר האבען פריהער, אין ניינטען שער, גערעדט און ערקלעהרט דעם ענין פון פרישות, פון צוריקהאלטען זיך פון וועלטליכע תענוגים, און ווייל אונזער כונה איז דערביי געווען כדי דאס הארץ זאל ניט זיין פערנומען מיט אנדערע זאכען און בלויז נעאיינינט צו דעם געפיהל פון ליעבשאפט צום בורא יתברך און טהאן זיין ווילען, דעריבער וועל איך איצט אין דיעזען שער ערקלעהרען די ארט און וויזע פון אהבת ה׳, פון דער מדה ליעב צו האבען גאט, ווייל דאס איז דער עיקר תכלית, דער הויפט צוועק פון אלע גוטע אייגענשאפטען און מעלות וואס פרומע לייט בעזיטצען, און קומט מען ניט צו דער מדרגה פון אמת׳ע אהבת ה׳, איז מען ניט קיין ריכטיגער גאט־דיענער. און איך וועל זאגען וואס איך וויים וועגען דיעזען ענין און גאט וועט מיר העלפען איך זאל אלעס ריכטיג ארויסזאגען.

דו דארפסט, ברודער, פערשטעהען און וויסען, אז אלעס וואס מיר האבען פריהער דערמאהנט אין דיעזען ספר וועגען חובות הלבבות, הערצער פפליכטען, מדות און איבערגעבענהייט צו גאט, זיינען אלץ שטופען אדער טרעפ צו דער־גרייכען דעם הויכען ענין, וואס מיר זיינען בערייט צו ערקלעהרען אין דיעזען שער. און דו דארפסט אויך וויסען, אז יעדע מצוה און יעדע גוטע מדה, אזעלכע וואס מען פערשטעהט מיט׳ן שכל, און אזעלכע וואס איז דערמאהנט אין דער תורה אדער מיר האבען עס בקבלה פון אלטע חכמים, זיינען אלץ אייגענשאפטען און מעלות, דורך וועלכע מען קומט צו צו דער מדרגה פון אהבת ה׳, וואס דאס איז דער עיקר און דער סוף פון אלע גוטע טהאטען וואס א מענש טהוט. קיין העכערע מדרגה ווי די איז שוין ניטא.

דעריעבער האט דער נביא משה רבנו, ע״ה, אוועקגעשטעלט אהבת ה׳ נעבען יחוד, נעבען דעם פערזאג פון גלויבען אין גאטס איינהייט. די תורה זאגט: ״שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד״ — גלויב אין אחדות הבורא, און באלד נאכדעם ״ואהבת״ — דו זאלסט גאט ליעב האבען. און אין משנה תורה, אין ספר דברים זיינען דא מעהרערע געבאטען אויף אהבת ה׳: „לאהבה את ה׳ לשמוע בקולו ולדבקה בו״ — ליעב האבען גאט, פאלגען איהם און זיך בעהעפטען אין איהם. וואס מיינט בעהעפטען זיך? דאס מיינט פיהלען אמת׳ע ליעבע מיט׳ן גאנצען הארצען, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין משלי: ״ויש אוהב דבק מאח״ — עס טרעפט א ליעבהאבער וואס איז מעהר בעהעפט, מעהר איבער־

געגעבען ווי א ברודער. עס זיינען אין ספר דברים פאראן נאך עהנליכע פסוקים, אזוי ווי דער פסוק: "ועתה ישראל מה ה׳ אלהיך שואל ממך כי אם ליראה ולאהבה אותו" — און איצט, ישראל, וואס פערלאנגט גאט פון דיר? דו זאלסט פאר איהם מורא האבען און איהם ליעב האבען, און נאך אזעלכע פסוקים.

און דאס וואס אין דיעזען פסוק און אין אנדערע פסוקים קומט יראה פאר אהבה, פריהער ווערט געזאגט מען זאל מורא האבען פאר גאט און נאכ־הער — מען זאל איהם ליעב האבען, איז דער שכל מחיב אז אזוי דארף דאס זיין. פריהער דארף מען מורא האבען און נאכהער קומט די ליעבשאפט. דער צוועק פון יראה איז אהבה. מען דארף פאר גאט מורא האבען, כדי דאס זאל ברייגנען צו ליעב האבען איהם, ווייל די יראה איז דער טהויער וואס פיהרט צו אהבה. און דעריבער האבען מיר דעם שער הפרישות געשטעלט פאר דיעזען שער, ווייל ווען א מענש האלט זיך ניט צוריק פון תאוות און זיין הארץ איז פערנומען מיט ליעב האבען וועלטליכע זאכען, פערבלייבט אין איהר קיין פלאץ פאר אהבת ה׳. עס קען ניט זיין אז מען זאל ליעב האבען קערפערליכע פער־געניגענס, און באמת ליעב האבען גאט. ווען אבער דעם גלויביגענס הארץ איז ליידיג פון ליעבשאפט צו דער וועלט און איהרע פערגעניגענס, ווייל ער פערשטעהט און אנערקענט אז אזוי דארף זיין, ווערט די ליעבע צו גאט איינגע־פלאנצט אין זיין הארצען אויף אזוי פיעל ווי ער בעגרייפט און אנערקענט דיא גאטהייט.

און אין דעם ענין פון אהבת ה׳ דארפען מיר ארומריידען זיעבען זאכען:
וואס איז די ליעבשאפט צום בורא יתברך, אין וואס בעשטעהט די דאזיגע ליעבשאפט?
אויף וויפיעלערליי אופנים אדער פונקטען דארף די ליעבשאפט זיין.
ווי אזוי מען קומט צו דער דאזיגער מדה.
אויב א מענש האט ביכולת צו קומען צו אהבת ה׳.
די זאכען וואס פערדארבען, וואס מאכען קאליע די ליעבשאפט צו גאט.
די סמנים דורך וועלכע מען קען דערקענען אן אמת׳ן אוהב ה׳.
און ווי אזוי אמת׳ע ליעבהאבער פון גאט דארפען זיך אויפפיהרען.
מיר וועלען די אלע זיעבען זאכען ערקלעהרען כסדר.

אין וואס בעשטעהט די ליעבשאפט צו גאט? די ליעבשאפט צו גאט בעשטעהט אין א בענקשאפט פון דער נשמה, א גייסטיגער געפיהל אזעלכער, וואס ציהט דער נשמה צו דערנעהענטערען זיך צו גאט, כדי צו בעהעפטען זיך אין זיין הימלישע ליכט. ווארום די נשמה איז א גייסטיגעס וועזען, וואס האט א נייגונג צו איהר גלייכען, צו די מלאכים, וואס זייען אויך רוחניים, גייסטיגע וועזענס אהן גופים. פון דער נאטור דערווייטערט זיך די נשמה פון דעם, וואס איז איהר קאנטראסט, פון קערפערליכעס. זי קען ניט הארמאנירען מיט א חומר, מיט א גראבע מאטעריע, מחמת זי איז דעליקאטנע. אבער אז דער בורא יתברך האט די נשמה פערבונדען מיט׳ן גוף פון מענשען, כדי אויס־צופרובירען איהר און זעהן ווי זי וועט זיך פיהרען זייענדיג בעהעפט מיט א גראבע זאך, האט ער איהר אריינגעגעבען א געפיהל, אז זי זאל דעם קערפער שאנעווען, נאכגעבען איהם און פערשאפען איהם דאס וואס איז פאר איהם, פאר׳ן קערפער, ניצליך. און אזוי מוז דאס זיין צוליעב די שותפות וואס איז געשלאסען צווישען גוף און נשמה אין אנפאנג פון זייער בעשאפונג. ווארום

ווען די נשמה זאָל שטענדיג געהן איהר נאַטירליכען וועג און ציהען נור צו הימלישעס. צו גייסטיגעס, וואָלט דער גוף ניט געקענט קיין קיום האָבען. דעריבער, ווען די נשמה פיהלט עטוואָס וואָס קען העלפען אָדער גוטעס טהאָן דעם גוף, אין וועלכען זי רוהט, האָט זי צו דעם חשק און דענקט וועגען דעם. דער קערפּער, למשל, דאַרף עסען, האָט די נשמה צו דעם א נייגונג, כאָטש זי אליין דאַרף ניט עסען. די נשמה האָט א לוסט צו בעפריעדיגען דעם קערפּער, צו מאַכען איהם פיהלען בעקוועם. אזוי ווי א מענש ווען ער איז קראַנק וויל ער האָבען א גענימען רופא און אימיצען וואָס זאָל איהם בעדיענען, אזוי וויל די נשמה אז דער גוף זאָל זיין אימשטאַנד צו העלפען איהר דיענען גאָט, און דער גוף קען דאָך קיין מאַכט האָבען, ווען ער עסט ניט, טרינקט ניט און האָט ניט זיינע אַנדערע נויטיגע הצטרכות.

און אז די נשמה פיהלט א זאַך וואָס קען איהר גופא גוטעס טהאָן, וואָס קען איהר גופא קרעפטיגען: ווען עס קומט, הייסט עס, צו טהאָן א מצוה, דענקט זי וועגען דעם, האָט דערצו חשק און גיט זיך איבער צו דער זאַך. דאַן האָט זי ניט אין זינען דעם גוף און איז אינגאַנצען אָפּגעלייגט דורכצופיהרען דאָס וואָס פאַר איהר איז גוט. אָט דאָס מיינט ריינע ליעבשאַפט צו גאָט.

און וויבאַלד אז דאָס איז אזוי; וויבאַלד די נשמה האָט א לוסט צו ערפילען די פערלאַנגען פון קערפּער, און דער קערפּער פערלאַנגט בטבע א סך און שטענדיג אין אַלע צייטען איז רק עס פעהלט איהם, און די נשמה האָט קיין מאָל קיין רוה און איז אַלץ פערנומען מיט בעפריעדיגען דעם קערפּער, פערנאַכלעסיגט זי זיך אליין, אַכטעט ניט אויף דעם וואָס פאַר איהר איז גוט, אויף דעם וואָס קען איהר זעלבסט גליקליך מאַכען. זי גיט זיך, הייסט עס, ניט אָפּ מיט עניני עולם הבא און איז אריינגעטהאָן אין עולם הזה.

און אז די ליכט פון שכל שיינט אין איהר אויף, אז די נשמה קומט צום בעוואוסטזין און זי זעהט איין אז דאָס וואָס זי איז גענייגט צו קערפּערליכער הנאות מעהר ווי צו איהר אייגענעם גליק אין ביידע וועלטען, איז ניט גוט און שענדליך, ווענדעט זי זיך פון דעם אָפּ און גיט זיך איבער צום בעשעפער, פערלאָזט זיך אויף איהם און זוכט וועגען ווי אזוי נצול צו ווערען פון דער פערפיהרונג, אין וועלכע זי איז פערפיהרט געוואָרען פון די תאוות החיים, פון לעבענס לוסט, דורך וועלכעס דער בעשעפער האָט איהר צו פּראָבע געשטעלט. דאַמאָלס זונדערט זי זיך אָפּ פון דער וועלט און אַלע איהרע תענוגים און פעראַכטעט די גופים און זייערע פערלאַנגען און אַנדערע קערפּערליכע זאַכען. דאַמאָלס ווערען דער נשמה׳ס אויגען געעפענט און געלייטערט פון דעם וואָלקען פון נאַרישקייט און אונוויסענהייט אין די ענינים פון גאָט און זיין תורה, און זי אַנערקענט די וואַהרהייט פון איהר בעשעפער און איהר פיהרער.

און אז די נשמה בעגרייפט גאָט׳ס גרויסקייט, מאַכט און מעלות, בוקט זי זיך מיט פחד און עהרען־פורכט פאַר זיין גרויסקייט און מאַכט און זי טרעט ניט אָפּ פון דיעזער הנהגה ביז דער בעשעפער, ברוך הוא, שטילט איהר אנגסט און מורא און דאַן ווערט זי אָנגעטרונקען מיט׳ן בעכער פון ליעבשאַפט צו גאָט. זי געהט, הייסט עס, איבער פון יראה צו אהבה, פון מורא צו ליעבשאַפט, און זי בעהעפט זיך מיט גאָט און קאָנצענטרירט איהרע געדאַנקען צו ליעבען איהם, פערלאָזען זיך אויף איהם און שטרעבען צו איהם. און זי האָט ניט קיין אַנדער בעשעפטיגונג אויסער צו דיענען איהם, און עס קומט איהר ניט אויפ׳ן געדאַנק קיין אַנדער זאַך אויסער איהם, און זי בעוועגט ניט קיין גליעד פון איהר קערפּער

פאר קיין אנדער זאך, נור ממלא צו זיין דעם רצון פון גאָט, ווייל אַלעם וואָס די גליעדער טהוען, אפילו פאר זייערע אייגענע נוצען, איז מיט דער כונה לשם שמים. און זי, די נשמה, עפענט ניט דעם קערפערליכען צונג צו ריידען, נור אַזעלכעס וואָס דריקט אויס לויב און דאנק צו גאָט וואָס זי ליעבט און פיהלט א בענקשאפט צו איהם.

און אויב דער בורא יתברך טהוט איהר גוטעס, דאַנקט זי איהם, און אויב ער פייניגט איהר, טראָגט זי עס געדולדיג איבער און זי האָט איהם נאָך מעהר ליעב און האָט אין איהם מעהר בטחון. אזוי ווי מען דערצעהלט אויף א געוויסען פרומען מאן, אז ער פלעגט אויפשטעהען ביי נאכט און פלעגט זאָגען: "מיין גאָט, דו האָסט מיך אויסגעהונגערט און איבערגעלאָזט נאקעט און פערפינסטערט מיין לעבען, און מיך געלערענט און אָנגעציינט דיין שטארק־קייט און גרויסקייט. אויב אפילו דו וועסט מיך ברענען אין פייער, וועל איך דיך אליץ ליעב האָבען און זיך פרעהען מיט דיר. אזוי ווי איוב האָט געזאָגט: "הן יקטלני לו איחל" — אויב אפילו גאָט וועט מיך טויטען, וועל איך אליץ צו איהם האָפען. און אויף אזא אופן האָט דער חכם, שלמה המלך, אָנגעדייטעט אין שיר השירים אין דעם פסוק: "צרור המור דודי לי בין שדי ילין" — טייטשען עס די חז"ל: כאָטש גאָט מאכט מיר ענג און ביטער פון דעסטוועגען נעכטיגט ער, געפינט זיך הייסט עס, שטענדיג צווישען מיינע בריסט. ער איז אימער, הייסט עס, ביי מיר אין הארצען און איך האָב איהם שטענדיג אין זינען. דאָס איז אזוי ווי די תורה זאָגט: "ואהבת את ה׳ בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך" — דו זאָלסט גאָט ליעב האָבען מיט דיין גאנצען הארצען, מיט דיין גאנצער נשמה און מיט דיין גאנצען פערמעגען.

## פרק ב׳

איצט וועלען מיר ריידען וועגען דער פראַגע: אויף וויפיעלערליי אופנים אָדער פונקטען די ליעבשאפט צו גאָט דארף זיין. וועגען דער דאָזיגער פראַגע וועל איך זאָגען פאָלגענדעס:

די ליעבע וואָס א קנעכט פיהלט צו זיין הארר קומט פון איינע פון די דריי אורזאכען: ער קען איהם ליעב האָבען פאר די טובות און חסדים וואָס ער טהוט מיט איהם; ער קען איהם ליעב האָבען דערפאר וואָס ער פערצייהעט איהם, ווען ער בעגעהט פערברעכענס געגען איהם, און די ליעבשאפט קען אויך קומען צוליעב דעם, וואָס דער קנעכט אנערקענט דעם הארר'ס גרויסקייט און דערהויבענקייט. ער אכטעט דעם ווירטה'ס כבוד און ער האָט איהם ליעב ניט ווייל ער האָפט צו קריעגען פון איהם טובות און ניט אויס מורא אז ער וועט איהם בעשטראָפען פאר זינדיגען געגען איהם. אזוי איז אויך מיט אהבת ה׳, מיט ליעב האָבען גאָט פאר די גרויסע חסדים און טובות וואָס ער טהוט מיט אונז שטענדיג און אויס די האָפענונג אז ער וועט אונז ווייטער גוט בעלוינען. מיר קענען אויך ליעב האָבען גאָט דערפאר וואָס ער פערדעקט אונזערע זינד, כאָטש זיי זיינען פיעל, און איז אונז מוחל; און מיר קענען אויך פיהלען ליעב־שאפט צו איהם, צו זיין וועזען גופא, און עהרען איהם און אכטען און דער־הויבען איהם צוליעב זיין גרויסקייט און מאכט, ניט צוליעב די פאָריגע צוויי אורזאכען.

און די לעצטע אהבה, די ליעבשאפט צו גאָט אהן פערזענליכע אורזאכען וואָס זיינען אונז נוגע, איז די ריכטיגע און אמת ריינע און זויבערע. און דער נביא, משה רבנו, האָט אונז אָנגעזאָגט: ״ואהבת את ה׳״ — דו זאָלסט ליעב האָבען גאָט מיט דיין גאנצען הארצען, מיט דיין לעבען און פערמעגען. ער האָט אָנגעגעבען די דאָזיגע דריי פונקטען לויט די פערשיעדענע נאטורען פון מענשען און מיינונגס פערשיעדענהייטען אין מילדקייט און קארגשאפט. עס זיינען דאָ מענשען וואָס זיינען מילד אויף זייער קערפער, זיי קימערען זיך ניט אויב זיי וועלען האָבען קערפערליכע אונאנגענעהמליכקייטען אָדער אפילו אויב זיי וועלען געבראכט ווערען אין א סכנה, אבי זייער געלד און כבוד זאָל געשאנעוועט זיין. ביי אנדערע וויעדער איז דאָס וויכטיגסטע דער קערפער. אויף זייער געזונד, אויף זייער לעבען זיינען זיי קארג, דאָס שאנעווען זיי; אָבער זיי אכטען ניט אויף זייער געלד און כבוד. ביי א דריטען סאָרט וויעדער איז דער כבוד דער עיקר און זיי וועלען ליעבערשט מפקיר זיין זייער געלד און לעבען אבי ניט מבוזה ווערען. די חז״ל האָבען דאָס אויך בעמערקט. אין גמרא ווערט געפרעגט: ״אם נאמר בכל נפשך למה נאמר בכל מאדך?״ — אז די תורה זאָגט, מען זאָל ליעב האָבען גאָט מיט׳ן גאנצען לעבען, צו וואָס דארף זי נאָך זאָגען מיט׳ן פערמעגען? אז מיט׳ן לעבען, איז דאָך מיט׳ן פערמעגען געוויס. ענטפערט דאָרט די גמרא, אז עס זיינען דאָ מענשען וואָס זייער געלד איז ביי זיי מעהר בעליעבט ווי זייער לעבען, דעריבער האָט די תורה אָנגעזאָגט, אז קיין אָפּהאַלט זאָל ניט זיין און יעדער מענש זאָל מפקיר זיין דאָס ליעבסטע און דאָס טהייערסטע פאר אהבת ה׳.

און עס קען זיין אז מיט׳ן ״בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך״ קלאַסיפיצירט די תורה דרייערליי סאָרטען ליעבהאָבער. עס זיינען דאָ אזעלכע וואָס וועלען פאר איינעם וואָס זיי האָבען ליעב ניט זשאלעווען קיין געלד, אָבער ניט מעהר ווי געלד. אנדערע זיינען בערייט צו דיענען דעם וואָס זיי האָבען ליעב אי מיט געלד, אי מיט׳ן גוף, מיט טרחה, מיט ארבייט, און א דריטער סאָרט איז פאראן, וואָס וועלען פאר א געליעבטע פערזאָן מפקיר זיין אי זייער געלד, אי זייערע גופים, אי זייערע נשמות. זאָגט די תורה אָן, אז וואָס אנבעלאנגט ליעבשאפט צו גאָט דארף א מענש קומען צו דער העכסטער מדרגה פון ליעבשאפט און אָפּפערען פון זיינעטוועגען אי דעם פערמעגען, אי דעם גוף, אי די נשמה, און קיין זאך ניט זיין צופיעל אָדער צו שווער נאָכצוקומען דעם רצון פון השם יתברך. אזוי ווי די חז״ל האָבען געזאָגט: ״בכל לבבך, בשני יצריך, ביצר הטוב וביצר הרע״ — בכל לבבך מיינט מיטביידע יצרים, מיט ביידע געפיהלען פון יצר טוב און יצר הרע, ד. ה., מען דארף גאָט דינען אי מיט גוטע מדות, אי מיט שלעכטע וואָס קומען פון יצר הרע, אזוי ווי עס איז געזאָגט געוואָרן אין שער עבודת האלהים, אז אין געוויסע פעלע דארף א מענש געברויכען כעס און גאוה און אנדערע שלעכטע מדות פון גאָטס וועגען. ״ובכל נפשך״ טייטשען אונזערע אלטע חכמים: ״ואפילו נוטל את נפשך״ — אפילו ווען עס האלט דערביי אז פאר דיענען גאָט וויל מען ביי דיר דעם לעבען אוועקנעהמען, זאָלסטו זיך לאָזען טויטען אויס ליעבשאפט צו איהם. ״ובכל מאדך״, זאָגען די רז״ל, מיינט: מיט דיין גאנצען פערמעגען, מיט אלעם וואָס דו האָסט. אויב מען וויל ביי דיר אוועקנעהמען אלעם וואָס דו פערמאָגסט, גיב עס אוועק און זיי ניט עובר אויף גאָט׳ס רצון. און אין פרק אבות ווערט

נעזאגט: "עשה רצונו כרצונך" — מאך גאטס ווילען אזוי ווי דיין ווילען. ברעך אזוי אייך דיין נאטור, אז אלעס וואס גאט פערלאנגט זאלסטו טהאן מיט חשק אזוי גוט ווי דו זאלסט עס פערלאנגען און עס זאל דיר ניט זיין שווער און קיין זאך זאל דיך ניט אפהאלטען דערפון.

מען קען אויך זאגען, אז "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך" מיינט, אז מען דארף זיין איבערגעגעבען צו גאטס ליעבשאפט מיט'ן הארץ און זעלע, דאס הייסט: אין פערבארגענהייט, וואס קיינער ווייס ניט און זעהט ניט און מיט'ן פערמעגען, וואס מענשען ווייסען און זעהען. דער אמת פרומער מענש דארף ליעב האבען גאט אי אין בעהעלטנים, אי אין די עפענטליכקייט. און די ליעבשאפט מוז זיין איינע און דיעזעלבע אויף איין מאס, ווען מענשען בעמערקען דאס אדער ניט. צייגען זיך פאר לייטען פאר א גרעסערען אוהב ה׳ ווי מען איז מיט זיך אליין, בעת קיינער זעהט ניט, טויג ניט, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "לבי ובשרי ירננו אל אל חי" — מיין הארץ און מיין לייב לויבען גלייך דעם לעבעדיגען גאט. דאס הייסט: די ליעבשאפט צו גאט וואס איז מיר איינגעקריצט אין הארצען און וואס קיינער זעהט ניט, איז אלץ איינס ווי די ליעבשאפט צו איהם וואס איך צייג ארויס מיט מיינע גליעדער און לייט זעהען.

מען קען אויך זאגען, אז "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך" — מיינט צו זאגען, אז דיין גאנצער ליעבעס געפיהל וואס דו ווענדסט אן אויף עפעס אדער אויף אימיצען אויסער גאט, און אלעס וואס דו טהוסט ניט אין געטליכע ענינים, זאל אלץ זיין פון גאטס וועגען, אוים ליעבע צו איהם. דו זאלסט ניט געברויכען דיין ליעבעס געפיהל אויף א זאך וואס הארמאנירט ניט מיט די ליעבשאפט צו גאט. אויב דו האסט עפעס אדער אימיצען ליעב, זאל דאס זיין אזעלכעס אדער אזעלכער וואס גאט וויל אז דו זאלסט ליעב האבען, אזוי ווי מיר האבען שוין וועגען דיעזען ענין געשמועסט אין דריטען שער פון דיעזען ספר. און דאס מיינט דער פסוק: "ואהבת את ה׳ בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך" — דו זאלסט ליעב האבען גאט מיט אלעס. דיין יעדער ליעבעס געפיהל צו עפעס זאל זיין א צווייג אדער א טהייל פון די ליעבשאפט צו גאט.

## פרק ג׳

**אויף דער פראגע: ווי אזוי מען קומט צו דער מדה פון אהבת ה׳ יתברך?** וועל איך זאגען, אז די דאזיגע שאלה קען ניט פערענטפערט ווערען אהן פיעלע הקדמות, אהן געוויסע פאר־זאכען. דאס הייסט: אום צו קומען צו אהבת ה׳, מוז מען פריהער בעזיצען אנדערע מדות, און בעזיצט מען יענע מדות, קומט די ליעבשאפט צום בעשעפער ממילא. אבער דער וואס וויל גלייך צוקומען צו אהבת ה׳ אהן די פאר־זאכען, וואס איך וועל ווייטער ערקלעהרען, איז אומזיסט זיין מיה און זיין טרחה, ווייל ער וועט עס ניט דערגרייכען.

און די פאר־זאכען, דורך וועלכע דער גלויביגער קען קומען צו אהבת ה׳ זיינען: צוויי יחודי הלבבות, צווייערליי כניעות, צווייערליי חשבונות און צווייערליי בחינות, פרופען אדער איבערצייגונגען. איך וועל עס ערקלערען רייטליך.

די צוויי יחודי הלבבות זיינען: גלויבען באמונה שלמה אין גאטס איינ־

הייט און אייניגען אלע מעשים לשם שמים, ניט טהאָן קיין זאך פון דער אייגענער הנאה וועגען, נור ביי אלעם אין זינען האָבען צו דיענען גאָט. די צווייערליי כניעות זיינען: זיין אונטערטעניג צו גאָט און אונטערטעניג, ערניעדריגט פאר גאָטס פאָרכטיגע און זיינע אויסערוועהלטע. די צווייערליי חשבונות זיינען: האָבען מיט זיך אליין חשבונות וועגען זיינע פליכטען צו גאָט פאר דיא שטענדיגע טובות וואָס ער טהוט מיט איהם און זיך אלע מאָל בערעכענען, אז ער איז זינדיג און גאָט שטראָפט איהם ניט באלד און וואַרט ער זאָל תשובה טהאָן. די צווייערליי בחינות זיינען: די איבערצייגונג אין גאָטהייט פון דעם וואָס ער וויים פון אמאָליגע געשעהעניסען און פאסירונגען, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: ״זכרתי ימים מקדם״ — איך דערמאהן זיך פערצייטיגע טעג, איך דערמאהן זיך וואָס אמאָל האָט פאסירט און דורכדעם בין איך איבערצייגט אין גאָטהייט, און זוכען פרוּף, איבערצייגונג פון די וואונדער וואָס ער זעהט אליין פון בעשעפער און זיינע שאפונגען.

און מיר האָבען שוין אין דיעזען ספר גערעדט וועגען דיעזע ענינים אזוי פיעל וויפיעל עס איז מעגליך געווען און עס איז גענוג פאר דעם יעניגען וואָס פערשטעהט עס און וויים אז אין דעם ליעגט זיין רעטונג און שוטץ אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

און אז א מענש קומט נאָך די אויבען דערמאָהנטע זאכען און דערצו איז ער זיך נאָך נוהג בפרישות, זאָגט זיך אָפּ, האלט זיך צוריק פון וועלטליכע תענוגים און תאות, און בעגרייפט ריכטיג די גרויסקייט פון בעשעפער, זיין מאכט, זיין וואהרהייט און דערהויבענקייט, און צו דערזעלבער צייט פערשטעהט ער אויך ווי קליין, ביליג און נישטיג ער, דער מענש, איז, און ער אנערקענט גאָטס טובות און חסדים, דאמאלס קען ער ליעב האָבען גאָט מיט׳ן גאנצען הארצען און מיט א ריינעם געוויסען און גלוסטען צו איהם און בענקען נאָך איהם, וואָס דאָס איז דער ריכטיגער געפיהל אויסדרוק פון אהבת ה׳. אויף אזא אופן זאָגט דער נביא ישעיה: ״נפשי אויתיך בלילה״ — מיין נשמה גלוסט דיר ביי נאכט, דאָס הייסט: ווען מיינע רעיונות זיינען מיר קלאָהר גלוסט איך צו דיר גאָט, בענק נאָך דיר. און פריהער זאָגט ער דאָרט: ״לשמך ולזכרך תאות נפש״ — צו דיין נאָמען און צו דיין אנדענקונג גלוסט מיין זעעלע. און דוד המלך זאָגט אין תהלים: ״צמאה נפשי לאלהים״ — מיין זעעלע, מיין נשמה איז דורשטיג צו גאָט, דאָס הייסט: איך האָב צו גאָט א חשק, איך פיהל א בענקשאפט צו איהם.

און די הויפּט זאך וואָס ברייגנט דעם מענשען צו דיעזער מדרגה איז די גרויסע מורא פאר גאָט, דאָס שרעקען זיך פאר איהם און פאר ניט מקיים זיין זיינע מצות, און דאָס שטענדיג אין זינען האָבען אז דער באשעפער קוקט און וויים וואָס דער מענש טהוט אָפען און פערבאָרגען, און קיינמאָל ניט פערגעסען ווי גאָט איז דעם מענשען מקרב און האלט פאר איהם אָנגעגרייט גוטעס. אז דו וועסט אין זיך האָבען אָט די אלע מדות, וועסטו זיך ניט קענען צוריקהאלטען פון ליעב האָבען איהם מיט א ריינעם געוויסען און מיט ריכטיגע אמונה. דיין נשמה וועט דאן זיין אָנגעקניפּט אָן זיין ליעבשאפט און דו וועסט זיך פערלאָזען אויף זיין רחמנות און גענאָדען און עס וועט אין דיינע געדאנקען ניט זיין קיין שותפות ליעבע, דו וועסט, הייסט עס, קיין זאך און קיינעם ניט ליעב האָבען אויסער איהם, ווייל דאָס וואָס דו וועסט

ליעב האָבען אויסער גאָט, וועט דאָס אויך זיין אויס ליעבשאפט צו איהם. און גאָט וועט אכטונג געבענדיג אויף דיר ניט זעהן אז דו האָסט פאר נאָך עפּעס אָדער נאָך אימיצען מורא אויסער איהם, און דו וועסט איהם ניט ארויסלאָזען פון דיינע גדאנקען, און דו וועסט איהם שטענדיג האָבען פאר דיינע אויגען, און ער וועט זיין דיין קאמפאניאָן, ווען דו וועסט זיין איינזאם און ער וועט מיט דיר וואָהנען אין וויסטענהייטען, און וועסטו זיך געפינען אין א פּלאץ פול מיט מענשען, וועט זיך דיר אויסווייזען אז קיינער איז ניטא, און וועסטו זיין איינער אליין, וועסטו זיך פארשטעלען אז דו ביזט ניט עלענד. עס וועט דיך ניט קימערען ווען דו וועסט קיינעם ניט האָבען נעבען זיך און דו וועסט זיך תמיד פרעהען מיט דיין גאָט, מיט דיין בעשעפער, דו וועסט זיך צופריעדען שטעלען מיט טהאָן זיין פערלאנג און האָבען לוסט צו איהם, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין תהלים: ״ישמח צדיק בה׳״ — דער צדיק פרעהט זיך מיט גאָט, און חבקוק הנביא זאָגט: ״ואני בה׳ אעלוזה אגילה באלהי ישעי״ — איך פרעה זיך מיט גאָט און פיהל זיך לוסטיג מיט גאָט מיין העלפער. און אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים אין קאפּיטעל ״ה׳ רועי וישעי״.

## פרק ד׳

איצט געהען מיר צו דער פראגע: אויב א מענש האָט ביכולת צו קומען צו דער מדרגה פון ריכטיגע אהבת ה׳?

צו פערענטפערען דיזע פראגע, וועל איך זאָגען, אז אהבה, ווי עס איז שוין פריהער ארומגערעדט געווארען, קען מען אויסדריקען אויף דרייערליי אופנים. איינער קען אויסדריקען ליעבשאפט צו אן אנדערען דורך פערליערען געלד פון יענעמס טובה וועגען, אָבער זיין געזונד און זיין לעבען וועט ער פאר איהם ניט אוועקגעבען. אן אנדערער וועט פאר דעם וואָס איז איהם ליעב אוועקגעבען אי זיין געלד, אי א טהייל פון זיין קערפּער, אבי עס קאָסט איהם ניט זיין לעבען. א דריטער ווידער איז אזוי איבערגעגעבען צו די וואָס זיינען איהם ליעב, אז עס איז פאר איהם ניט צו שווער אוועקצוגעבען פאר זיי זיין פערמעגען, זיין קערפּער און אויך זיין זעעלע. דאָס הייסט: ער וועט זיך פאר זיי אפילו לאָזען ממית׳ן. און מיר ווייסען, אז אברהם אבינו האָט ארויסגעצייגט זיין ליעבשאפט צו גאָט מיט די אַלע דריי אופנים. ער האָט פון זיינטוועגען מפקיר געווען זיין פערמעגען, זיין קערפּער און זיין זעעלע. אברהם אבינו, ווייסען מיר, איז געווען א מכניס אורח. ער פלעגט דורכגעהער אָדער דורכפאָהרער אריינגעהמען צו איהם אין הויז, פלעגט זיי געבען עסען און טרינקען און זיי לערנען און ערקלעהרען גאָט־הייט. דאָס האָט איהם געקאָסט געלד, אָבער ער האָט ניט געאכטעט דארויף, אזוי לאנג ער האָט מיט דעם עפּעס אויפגעטהאָן פון גאָטס וועגען. עס ווערט אויך דערציעהלט אין דער תורה, אז אברהם האָט געזאָגט צום מלך פון סדום: ״אם מחוט ועד שרוך נעל״ — איך וועל ביי דיר ניט נעהמען אפילו קיין פאָדים, קיין שוך בענדעל, כדי דו זאָלסט ניט זאָגען ״אני העשרתי את אברם״ — איך האָב אברם׳ען רייך געמאכט. דערפון זעהט מען אויך, אז געלד האָט ביי איהם קיין ווערדע געהאט און ער האָט עס פרייוויליג אוועקגעגעבען אויס

ליעבשאפט צו גאָט. און אז ער האָט מפקיר געווען זיין קערפּער פון גאָטס וועגן, ווייסען מיר, פון דעם וואָס ער האָט זיך מל געווען און זיך פערשאפט קערפּערליכע יסורים, ווייל דאָס איז געווען גאָטס רצון. און אז ער איז אויך ווילּיג געווען אוועקצוגעבען זיין נשמה, זיין לעבען צו גאָט, ברוך הוא, ווייסען מיר פון דער עקידה, וואָס עס איז פאר איהם רעכט געווען מקריב צו זיין יצחק׳ן, זיין איינציגען זוהן, וואָס ער האָט ליעב געהאט אזוי ווי זיין נשמה, כדי מכולא צו זיין דעם בעשעפער׳ס רצון און אוים ליעבשאפט צו איהם. און געפיהרט האָט ער יצחק׳ן צו דער עקידה מיט גרויס חשק, ווייל זיין ליעבשאפט צו גאָט איז געווען אן אמת׳ע, א ריינע און א זויבערע. דאָס איז די העכסטע מדרגה פון אהבת ה׳, וואָס ניט יעדער מענש קען דערגרייכען, ווייל דאָס איז געגען די נאטור געזעץ פון מענשען און אויף אזוי פיעל ברעכען די נאטור איז זעהר א שווערע זאך.

און אויב עס געפינען זיך יחידים, איינצעלנע מענשען, וואָס זיינען זיך מוסר נפש אוים ליעבשאפט צו גאָט, קען דאָס אנדערש ניט זיין סיידען דורך די גענאדען פון בעשעפער און דורך זיין ארויסהעלפען זיי אז דער יצר הרע זאָל זיי ניט בעזיעגען. און גאָט קומט זיי צוהילף דערפאר וואָס זייער גאנצע מיה און פלייס איז פון זיינטוועגען, צו דיענען איהם און מקיים זיין די מצות פון זיין תורה ערנסט און אויפריכטיג מיט אמת׳ע איבערגעבענהייט און מיט׳ן גאנצען הארצען, אזוי ווי די געטליכע נביאים און אויסערוועהלטע צדיקים. אָבער ניט יעדער איינער קען קומען צו אזא הויכע מדרגה, ווייל די נאטור און דער יצר הרע שטעהען אין וועג.

אָבער די אנדערע צוויי פּונקטען — ליעב האָבען גאָט מיט געלד און מיט׳ן קערפּער, ניט מוסר נפש זיין זיך, זייַן בערייט אוועקצוגעבען דעם גאנצען לעבען פון גאָט׳ס וועגען, דאָס קענען דאָס רוב מענשען נאָכקומען, ווען נור זיי ווילען און גיבען זיך אָפּ מיט דעם, אזוי ווי מיר האָבען פריהער געזאָגט אין דיעזען שער. און א בעוויז אז דער וואָס קומט נאָך די צוויי פּונקטען איז אויך א פאָלקאָמענער אוהב ה׳ קענען מיר נעהמען פון איוב׳ן. אין איוב ווערט דערצעהלט אז דער שטן האָט געזאָגט צו גאָט: ״החנם ירא איוב אלהים? הלא אתה שכת בעדו ובעד ביתו ובעד כל אשר לו״ — צו אומזיסט האָט איוב מורא פאר גאָט? דו, גאָט, האָסט דאָך בעשיצט איהם, זיין הויז געזונד און אלעס וואָס ער פערמאָגט. עס געהט איהם, הייסט עס, גוט דעריבער זינדיגט ער ניט. פּרוביר אָבער בעריהר זיין פערמעגען, פערארים איהם, וועסטו זעהן אויב ער וועט דיך ניט לעסטערען. דעם שטן׳ס טענה איז געווען, אז איוב מאכט מיט גאָט מסחר. ער איז עהרליך און פרום דערפאר וואָס גאָט גיט איהם רייכטהום און כבוד. זאָל איהם אָבער גאָט אויפהערען געבען זיין סחורה, וועט איוב איהם אויפהערען צאָהלען. האָט גאָט געזאָגט צום שטן: ״אלעם וואָס איוב פערמאָגט גיב איך איבער אין דיינע הענד. דו קענסט עס ביי איהם אוועקנעהמען, אָבער איהם אליין זאָלסטו ניט בעריהרען און מיר וועלען זעהן אויב זיין ליעבשאפט צו מיר וועט געענדערט ווערען אָדער ניט״. ווערט וויי־טער דערצעהלט, אז פון איוב׳ס פערמעגען איז גאָר ניט געוואָרען, זיינע קינ־דער זיינען געשטאָרבען און ער איז אליין פערבליעבען דערזעלבער צדיק און זיך אויסגעדריקט: ״ערם יצאתי מבטן אמי וערם אשוב״ — א נאקעטער בין איך ארויס פון מיין מוטער׳ס בויך און א נאקעטער וועל איך זיך אומקעהרען, א

נאקעטער, הייסט עס, וועל איך שטארבען און גאר ניט מיטנעהמען אין קבר. און נאכהער איז דער שטן צוגעשטאנען צו גאט, ער זאל אויף איוב׳ן אנשיקען יסורים, ער זאל ליידען קערפערליך. דער שטן האט אזוי געזאגט: עס זיינען דא א סך מענשען וואס וועלען אוועקגעבען זייער געלד און זייערע ווייבער און קינדער, אבי צו פערהיטען זייערע אייגענע קערפערס. דעריבער איז דאס וואס איוב איז פעראכימט געווארען און האט פערלארען זיינע קינדער און פער־בליעבען טריי צו דיר איז נאך ניט קיין ראיה, אז ער האט דיך באמת ליעב. פרוביר נור שיק אויף איהם אן קערפערליכע ליידען, וועסטו דאמאלס זעהן אויב זיין הארץ וועט פערבלייבען גאנץ מיט דיר. האט דער בורא, ברוך הוא, דעם שטן דאס אויך ערלויבט, און איוב איז געווארען א שרעקליכער בעל יסורים און דאך איז ער פערבליעבען ביי זיין צדקות אזוי ווי פריהער, און האט זיין ווייב אויסגערעדט א שלעכטווארט, א פאראיבעל אויף גאט, האט זיך איוב אויף איהר געבייזערט און געזאגט: ״כדבר אחת הנבלות תדברי״ — דו רעדסט ווי א זינדיגע, ווי א פערברעכערין.

דערפון האט מען געזעהן איוב׳ס טרייע ליעבשאפט און איבערגעבענהייט צו גאט, ער האט געדולדעט און געליטען און זיין הארץ איז ניט אפגעטראטען פון גאט און זיין אמונה איז ניט אפגעשוואכט געווארען. א בעווייז: אז ער האט נאכהער געזאגט צו זיינע חברים: ״אם יקטלני לו איחל״ — אפילו אויב גאט וועט מיך הרג׳ענען, וועל איך אלץ צו איהם האפען. און גאט האט איהם דער־פאר געלויבט און אויף זיינע חברים פערדרוס געהאט דערפאר וואס זיי האָ־בען געהאט אנדערע מיינונגען, אזוי ווי עס ווערט דערצעהלט אין איוב קאפ. מ״ב.

און איהר זעהט דאך ווי איוב׳ס האנדלונג איז געווען ביי גאט אנגעלייגט, אז ער האט איהם צוזאמענגעפארט מיט צוויי צדיקים און זיי ארויסגעשטעלט אלס מוסטער, אלס ביישפיעל פון אמת׳ע צדיקים, אזוי ווי דער פסוק זאגט אין יחזקאל: ״נח, דניאל ואיוב״. און דער בעשעפער האט נאכהער איוב׳ן געהאל־פען און איהם צוריקגעבראכט צו זיין אמאליגען שטאנד, און אזוי איז מיט אלע וואס ווערען געפרובט מיט נסיונות, ווערען זיי נאכהער געהאלפען און געניסען גוטעס, אויב ניט אויף דער וועלט, איז אויף יענער וועלט.

און אזוי ווי איוב אזוי האבען אויך געהאנדעלט אלע פערצייטיגע צדיקים, וואס האבען דורכגעמאכט געוויסע נסיונות, נאך גרעסערע ווי איוב, אזוי ווי דניאל און זיינע חברים, וועלכע דער מלך בבל האט אריינגעווארפען אין א קאלך אויוועז און אין ליבען גרוב, און די עשרה הרוגי מלכות, די צעהן תנאים, וואס זיינען דורך די רוימער אומגעקומען אויף קידוש השם, און אנדערע, וואס האבען זיך מוסר נפש געווען פון גאטס וועגען און מקים געווען דעם ״ואהבת״ אפילו מיט זייערע נשמות, מיט זייערע לעבענס, ווייל מען האט זיי פון הימעל געהאלפען אז זיי זאלען דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון אהבת ה׳.

און דער וואס פלייסט זיך, דער וואס סטארעט זיך שטענדיג צו קריגען דעם געפיהל פון אהבת ה׳, צו אוים האפנונג אויף בעלוינונג אדער אוים מורא פאר שטראף אויף דער וועלט; אויב ער איז מקים די תורה און מצוות און גיט זיך די מיה צו דערגעהן טהאן וואס מעהר, וואס דאס קענען דאס רוב מענשען נאכקומען, וועט איהם דער בעשעפער שטארקען און העלפען צו קומען צו דער העכסטער מדרגה פון אהבת ה׳. ער וועט דאן ליעב האבען גאט ניט אוים האפנונג און ניט אוים מורא, נור צו גרויסען און דערהויבען דעם נאמען

פון בורא יתברך. אזא ליעבשאפט איז אריבער דער מענשליכער נאטור. פאר אזא ליעבשאפט קען שוין א מענש מפקיר זיין זיין פערמעגען, זיין קערפער און אפילו אויך זיין נשמה. אזוי ווי די חז״ל האבען געזאגט: לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצוות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה״ — א מענש זאל זיך שטענדיג פערנעהמען מיט לערנען תורה און טהאן מצוות, אפילו ניט פון גאָטס וועגען, נור אויס האָפנונג פאר שכר אָדער מורא פאר עונש, און ער וועט שוין במילא קומען דערצו אז ער וועט דיענען גאָט טאקי בלויז פון גאָטס וועגען, ניט האָבענדיג דערביי קיינע אנדערע כונות. און דער פסוק זאָגט אין משלי: ״אני אוהבי אהב ומשחרי ימצאונני״ —גאָט זאָגט: די וואָס האָבען מיך ליעב, ליעב איך און מיינע פאַרשער געפינען מיך.

## פרק ה׳

און וואָס זיינען די זאכען וואָס פערדארבען, וואָס מאכען קאליע אָדער שטערען די ליעבשאפט צו גאָט? דיעזע זיינען דאָ א סך. מענשען וואָס זיינען הינטערשטעליג אין די מדות וואָס ברייגען צו אהבת ה׳, ווי מיר האָבען ערקלעהרט אין פאָריגען שער, קענען ניט זיין גאָטס ליעבהאָבער. מען מוז פריהער נאָכקומען די הקדמות, די פאַר־זאכען און דאן ערשט קריעגט מען דעם אמת׳ן געפיהל פון אהבה, פון הערצליכע ליעבשאפט.

דער וואָס קומט ניט נאָך די אלע אנדערע לעהרען וואָס זיינען דערמאהנט געוואָרען אין דיעזען ספר, וועלכע איך פערשפאָר איבער׳חזר׳ן, קען אויך ניט קומען צו דער מדרגה פון אמת׳ע אהבת ה׳. מען מוז פריהער נאָכקומען אלעם וואָס איז געזאָגט געוואָרען אין פאָריגע שערים, דאן קען מען קומען צו דער הויפט מדרגה, צום תכלית פון דיענען גאָט, צו ווערען אן איבערגעגעבענער אוהב ה׳.

און אפילו דער וואָס קומט נאָך אלעם, נור ער פיהלט א שנאה צו דיא וואָס גאָט האָט ליעב און האָט ליעב די יעניגע וואָס גאָט האָט פיינט איז ער אויך ניט קיין אוהב ה׳. מען קען איהם ניט רעכענען צווישען גאָט ליעב־האָבער, ווייל ער איז דאָס ניט, כאָטש אפילו אין פרטים ציינט ער זיך ארויס אלס אמת פרומער און גאָטספאָרכטיגער. אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין משלי: ״מצדיק רשע ומרשיע צדיק תועבת ה׳״ — דער וואָס מאכט גערעכט דעם רשע און בעשולדיגט דעם צדיק; דער וואָס פיהלט ליעבשאפט צו שלעכטען מענשען און שנאה צו א גוטען, האָט גאָט פיינט. אין אן אנדער אָרט זאָגט דאָרט דער חכם: ״עוזבי תורה יהללו רשע״ — די וואָס פערלאָזען די תורה ריהמען דעם רשע. דאָס הייסט, אז ליעב האָבען א רשע, איינעם וואָס דיענט ניט גאָט, איז א סמן פון אונטרייהייט צו גאָט און זיין תורה, ווייל דאָס גופא שטערט דעם מענשען פון זיין אן אויפריכטיגער אוהב ה׳.

## פרק ו׳

איצט וועלען מיר ערקלעהרען די צייכענס, די סמנים דורך וועלכע מען קען דערקענען א ריכטיגען אוהב ה׳. די סמנים זיינען פערשיעדענע.

א ריכטיגער גאָטס ליעבהאָבער דארף זיין צוריקגעצויגען פון אלעם וואָס

קען איהם מאכען וועלכע ניט איז שטערונג אין גאָטעס דיענסט. ער דאַרף זיין צוריקגעהאלטען פון מותרות, פון איבעריגע זאכען, אהן וועלכע מען קען אויסקומען, ווייל דאָס יאָגען זיך נאָך מותרות האלט אָפּ א מענשען פון עבודת ה׳. וויעדער דאַרף ביים אמת׳ן אוהב ה׳ ליגען די מורא פאר גאָט אויף׳ן פּנים. מען דאַרף אויף איהם דערקענען אז ער איז א גאָטספאַרכטיגער, אזוי ווי דער פּסוק זאָגט אין דער תורה: ״ובעבור תהיה יראתו על פּניכם לבלתי תחטאו״ — גאָט׳ס מורא זאָל ליעגען אויף אייערע פּנים׳ער, כדי איהר זאָלט ניט זינדיגען. זעהט מען דאָך דערפון, אז די יראה, די מורא פאר גאָט איז אויפ׳ן מענשען אנזיכטיג און מען קען דאָס בעמערקען אויף זיין פּנים.

און די מורא קען זיין אויף צווייערליי אופנים. ערשטענס, די מורא פאר שטראָף אָדער נסיונות. ער זעהט אז מענשען האָבען צרות אלס שטראָף פאר זייערע זינד אָדער ווייל גאָט שטעלט זיי צו פּראָבע, און עס בעפאלט איהם א פּחד טאָמער וועלען אויף איהם אויך אָנגעשיקט ווערען צרות און יסורים. ווי וואָלט אָבער געווען, ווען ער זאָל זיכער זיין אז עס וועט איהם קיינע בייזעס געשעהן, וואָלט ער ניט מורא געהאט פאר גאָט. און אזא יראה איז ניט קיין פאָלקאָמענע, אזוי ווי א געוויסער חסיד האָט אמאָל געזאָגט: איך שעהם זיך פאר גאָט צו דיענען איהם צוליעב בעלוינונג און שטראָף, ווייל אזוי האנדעלט אן אומטרייער קנעכט. אויב ער האָט מורא אז זיין הארר וועט איהם בעשטראָפען אָדער ער האָפּט אז ער וועט איהם גוט בעלוינען, טהוט ער זיין ארבייט; און אויב ניט, אויב ער האָט ניט וואָס מורא צו האָבען און צו האָפען, פערנאכלעסיגט ער זייגע פּפליכטען. דעריבער דיען איך גאָט ניט צוליעב קיין אורזאך, נור ווייל מען דאַרף איהם דיענען. דער צווייטער אופן פון יראת ה׳ איז, וואָס מען האָט פאר איהם מורא אוים עהרע־פורכט, ווייל ער איז גרוים און דערהויבען. אזא מין יראה טרעט קיינמאָל ניט אָפּ פון מענשען און שיידט זיך מיט איהם ניט זיין גאנצען לעבען. און דאָס איז די העכסטע מדרגה פון יראה און זי ברייננגט צו ריינע און אויפריכטיגע ליעבשאפט צו גאָט, צו פיהלען א שמערצליכע בענקשאפט צו איהם.

און דער וואָס קומט צו דיעזער מדרגה פון יראת ה׳, וועט פאר קיינעם ניט מורא האָבען און וועט קיינעם ניט ליעב האָבען אויסער דעם בעשעפער, אזוי ווי א געוויסער פרומער מאַן האָט דערצהלט אויף איינעם א גאָטספאַרכטיגען, אז ער האָט איהם געפונען שלאָפענדיג אין א מדבר. האָט ער איהם געפרעגט: ״האָסטו קיין מורא ניט צו שלאָפען דאָ, וואו עס געפינען זיך לייבען און אנדערע ווילדע, געפעהרליכע חיות?״ און יענער מאַן האָט געענטפערט: ״איך שעהם זיך פאר גאָט אז ער זאָל מיך זעהן מורא האָבענדיג פאר אימיצען אויסער איהם.

נאָך א סימן דורך וועלכען מען קען דערקענען אז אמת׳ן אוהב ה׳ איז, אז עס זאָל ביי איהם זיין אלץ איינס אויב מען לויבט איהם אָדער מען שענדט איהם בעת ער איז בעשעפטיגט מיט דיענען דעם בורא יתברך. ווען ער מאכט לייט אויפמערקזאם צו טהאָן גוטעס און זיך דערווייטערען פון שלעכטעס, זאָל איהם ניט קימערען אויב זיי דאנקען איהם דערפאר אָדער זיי שפּאָטען פון איהם און זיינען איהם מבזה. ביים אמת׳ן אוהב ה׳ דאַרף אויך רעכט זיין אוועקצוגעבען זיין געלד, זיין קערפּער און זיין לעבען פון גאָטס וועגען, אזוי ווי דוד המלך

זאָגט אין תהלים: ״כי עליך הורגנו כל היום״ — פאַר דיר, גאָט, האָבען מיר זיך מוסר נפש געווען, גרייט געווען גע׳הרג׳עט צו ווערען.

אן אמת׳ער, אויפריכטיגער אוהב ה׳ דאַרף שטענדיג האָבען אויף זיין צונג גאָטס נאָמען און לויבען און דאַנקען איהם, אַזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: „ולשוני תהגה צדקך״ און „ימלא פי תהלתך״ — מיין צונג טהוטריידען פון דיין (גאָט׳ס) גערעכטיגקייט, מיין מויל איז פול מיט דיין לויב. ער דאַרף אָבער ניט שווערען מיט׳ן נאָמען פון בעשעפער אומזיסט אָדער מיט אַ פאַלשע כונה אָדער אין פערבינדונג מיט אַ קללה. וואָס הייסט אַן אומזיסטע שבועה? וואָס מיינט שווערען מיט גאָט׳ס נאָמען אומזיסט? דאָס מיינט, ווען מען שווערט מיט גאָט׳ס נאָמען, ווען מען דאַרף גאָר ניט שווערען, ווען בית דין איז ניט מחייב קיין שבועה און אַ שבועת שקר, אַ פאַלשע שבועה איז, ווען בית דין הייסט איינעם שווערען בעת ער האָט אַ דין תורה מיט אימיצען, אָבער ער שווערט פאַלש, אויף אַ זאַך וואָס איז נישט דער ריינער אמת. און אַז אוהב ה׳ דאַרף זיך היטען אַז ער זאָל נישט געבראַכט ווערען צו שווערען מיט דעם בעשעפער׳ס נאָמען אפילו ווען דאָס איז אמת. ווארום אַז מען ווערט געוואָהנט מיט שבועות, קען מען אַמאָל אויך קומען צו אַ פאַלשע שבועה. אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: „נקי כפים ובר לבב אשר לא נשא לשוא נפשו״ — דער וואָס האָט ריינע הענד, דער וואָס בעריהרט ניט פרעמדעס, און אַ זויבערע הארץ, וואָס שווערט ניט אומזיסט. און אין מלאכי איז דאָ אַ פסוק: ״וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה״ — די וואָס פאַרכטען מיין נאָמען, זאָגט גאָט, וועט די זון פאַר זיי שיינען צו גוטען און וועט זיי ברענגען היילונג. האָבען די רז״ל געזאָגט, אַז ״יראי שמי״ מיינט מען דיא יעניגע וואָס האָבען מורא ארויסצוברענגען גאָט׳ס נאָמען אומזיסט, ווען מען דאַרף עס ניט טהאָן.

און דאָס דערמאָהנען גאָט׳ס נאָמען אין פערבינדונג מיט אַ קללה מיינט, דאָס וואָס מענשען שילטען זידלען אָדער זידלען איינע די אַנדערע און דערמאָהנען דערביי דעם נאָמען פון בעשעפער, און דאָס איז אַ גרויסע חרפה פאַר אַ מאמין. און דער פּראָסטער עולם האָט זיך געפונען אַ היתר צו שילטען און זידלען מיט גאָט׳ס נאָמען, ווייל זיי ווילען די קללות אָדער זידלעריי מאַכען שטאַרקער, מעהר אויסדריקענד. און אויף זיי זאָגט דער חכם אין משלי: ״כשחוק לכסיל עשות זימה״ — אַזוי ווי לאַכען איז אַ לייכטע זאַך, אַזוי איז פאַר׳ן נאַר לייכט צו טהאָן שענדליכע זאַכען,, ווי ריידען לשון הרע, דערמאָהנען גאָט׳ס נאָמען ווען מען קען זיך בעגעהען אָהן דעם, און דאָס גלייכען.

צו די סימנים פון אַ ריכטיגען אוהב ה׳ בעלאַנגט אויך די מדה, אַז ווען מען זאָגט עפּעס אימיצען צו זאָל מען דערביי זאָגען ״אם ירצה השם״ — אויב גאָט וועט וועלען. אַן אוהב ה׳ דאַרף זיך ניט פערלאָזען אויף זיך אַז ער קען עפּעס אליין אויפטהאָן אפילו אין דער נעהענסטער צוקונפט. ווען אַ מענש, למשל, פערשפּרעכט דעם צווייטען אַז ער וועט איהם באַלד באָרגען געלד, דאַרף ער צולייגען די ווערטער ״אם ירצה השם״ און דאָס איז צוליעב צוויי זאַכען; ערשטענס, אויס מורא טאָמער וועט איהם דער טויט אָנקומען פּלוצלונג און ער וועט ניט קענען מקים זיין דעם צוזאָג, און צווייטענס, ווייל ער ווייס דאָך ניט אויב דאָס וואָס ער פערשפּרעכט יענעם איז בעשערט פון גאָט. טאָמער

איז דאָס ניט די גזירה פון השם יתברך, וועט ער דאָס ניט דורכפיהרען אפילו אויב ער וועט ניט שטארבען.

דעם אמת'ן אוהב ה׳ קען מען אויך דערקענען אז דעם, וואס ער מאכט אנדערע טרעטען אין גאָט'ס וועגען און לערענט זיי ווי צו דיענען גאָט מיט גוטען אדער מיט בייזען ווי נויטיג איז לויט די צייט, דעם פּלאַץ און די סאָרטען מענשען און זייערע שטופען. אין דעם ענין פון בעקעהרען מענשען צו גאָטעס דיענסט דארף מען ניט האנדלען מיט אלעמען גלייך. מיט איינעם דארף מען ריידען ווייכע רייד און מיט א אנדערען — הארטע; ביי אן איידעלען מענשען קען מען דאָס פּועל'ן מיט א ביסעלע אויפקלעהרונג און א פּראָסטאַק, א טעמפּען מח דארף מען מוסר'ן אויף אן אנדער אופן. אזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: "ישמע חכם ויוסף לקח" און "לתת לפתעום ערמה" — דער קלוגער וועט הערען וועט ער מעהר לערנען, און דער נאר, דער פּראָסטאַק וועט קלינער ווערען. און דו דארפסט, ברודער, וויסען, אז ווען אפילו א גלויביגער, א פרומער מאַן זאָל קומען צו דער העכסטער מדרגה פון פרומקייט; ווען אפילו ער זאָל זיך פערגלייכען אין גאַנצען דיענסט און אין ליעב האבען גאָט מיט די הימעלשע וועזענס, מיט די מלאכים, וועט ער נאך אלץ האבען וועניגער זכיות ווי דער וואס צייגט אן אנדערען דעם ריכטיגען וועג און ברייגגט רשעים צו גאָטעס דיענסט, ווייל די זכיות פון דעם וואס בעקעהרט אנדערע צו גאָט פערגרעסערען זיך אין אלע טעג און אין אלע צייטען. ווארום וואס מעהר די בעקעהרטע טהוען גוטעס, אלץ גרעסער ווערט דער זכות פון די וואס האבען זיי געבראכט דערצו.

דאָס איז א משל צו צוויי סוחרים וואס זיינען ערגיץ געקומען טהאָן מסחר. האָט איינער געהאָט איין מין סחורה אז וועלכע ער האָט פערדיענט צעהן מאָל אזוי פיעל וויפיעל עס האָט איהם געקאָסט און דער סך הכל איינגאַהמע דער קרן מיט'ן ריוח, איז געוועזן הונדערט גילדען. דער צווייטער אבער האָט געהאָט פיעלע מינים סחורות, וועלכע ער האָט פערקויפט בלויז פאר צוויי מאָל אזוי פיעל וויפיעל ער האָט דערפאר בעצאָהלט און ער האָט איינגענומען צעהן טויזענד גילדען. קומט אויס אז דער ערשטער, כאָטש ער האָט געמאכט אזוי פיעל ריוח אן זיין סחורה האָט בסך הכל פערדיענט ניינציג גילדען מיט צעהן עלפטעל גילדען. ווארום אז ער האָט איינגאַנצען איינגעלייזט הונדערט גילדען איז אין דעם געוועזן דער קרן און צעהן מאָל אזוי פיעל פּראָפיט. הייסט עס, אז געקאָסט האָט איהם די סחורה אז עלפט־חלק פון די הונדערט גילדען — ניין מיט אן עלפטעל גילדען און פערדיענט האָט ער ניינציג מיט צעהן עלפטעל גילדען דער צווייטער אבער, וואס האָט בלויז געמאכט ריוח נאך אמאָל אזוי פיעל ווי די סחורות האבען איהם געקאָסט, האָט פערדיענט פינף טויזענד גילדען. נמצא, אז דער וואס האָט מעהרערע סחורות, מאכט מעהר פּראָפיטען אפילו ווען ער ברייגגט זיי אויס מיט קיין גרויסען ריוח.

אזוי, ברודער, איז אויך מיט דעם וואס איז בלויז מתקן זיין אייגענע נשמה, דער וואס איז פאר זיך פרום, אבער ער אינטערעסירט זיך ניט צו מאכען לייטען פרום, הייסט עס, אז ער האָט ניט מעהר ווי איין סאָרט סחורה און זיין ריוח, זיין זכות איז קליין, וועהרענד דער וואס איז מתקן זיין אייגענע נשמה און אויך די נשמות פון אנדערע, דער וואס איז אליין פרום און מאכט אנדערע פרום, הייסט עס, אז ער ברייגגט אויס א סך מינים סחורות, זיינען זיינע פּראָפיטען, זיינע זכיות מעהר. אזוי ווי אונזערע אלטע חכמים האבען געזאָגט: "כל המזכה את

הרבים אין חטא בא על ידו" —דער וואס איז מזכה פיעלע, דער וואס פיהרט ארויף מענשען אויפ'ן דרך הישר, קומט איהם קיין זינד צו דער האנד. אויף משה רבנו ווערט געזאגט: „משה זכה וזכה את הרבים, זכות הרבים תלוי בו" — משה איז געוועז פרום און האט מעהרערע פרום געמאכט, איז די מעשים טובים פון יענע אנגעהאנגען אן איהם. אין משלי איז דא א פסוק: „ולמוכיחים ינעם ועליהם תבוא ברכת טוב" — די שטראפער, די מוסר זאגער וועט וואויל זיין און עס וועט אויף זיי קומען גוטע ברכות. אין דניאל ווערט געזאגט: "ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד" — די וואס מאכען מעהרערע מענשען פאר צדיקים, וועלען אויביג לייכטען ווי די שטרען. דעריבער האט דער בעשעפער אנגעזאגט אין דער תורה: „הוכח תוכיח את עמיתך" — ווען דו זעהסט אז איינער געהט ניט בדרך הישר זאלסטו איהם שטראפען. און די רז"ל האבען געזאגט: "עד היכן היא תוכחה?" — ווי ווייט דארף מען געהן מיט שטראפען די וואס פערנאכ־לעסיגען צו דיענען גאט? זאגט דארט רב: "עד קללה"— אויב גוטע רייד העלפט ניט, דארף מען זיי שילטען און זידלען, און שמואל זאגט אז מיט שילטען און זידלען איז מען נאך אויך ניט יוצא, און אויב דאס העלפט ניט, דארף דער פרומער די ניט־פרומע שלאגען. און שלמה המלך זאגט אין משלי: "מוכיח אדם אחרי חן ימצא" — דער וואס שטראפט אימיצען, וועט שפעטער פון יענעם געליעבט זיין.

דעם אויפריכטיגער אוהב ה׳ קען מען אויך דערקענען אז זיין פרייד און פארגעניגען וואס ער האט פון זיינע זכיות, פון די מעשים טובים וואס ער טהוט, ווייל זיין שמחה איז אנדערש ווי די שמחה פון א ניט ריכטיגען אוהב ה׳. ער פרעהט זיך ניט אויס גאוה אדער כדי אויסצופיינען זיך אז ער איז א צדיק. ער פרעהט זיך פון דער מצוה וואס ער טהוט און האט ניט דערביי קיינע אנדערע פניות. און אין דער זעלבער צייט וואס ער איז זיך משמח מיט די גוטעס וואס ער טהוט איז ער זיך מצער און טרויערט אויף זיינע זינד און האט אויף זיי חרטה. אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: „פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתך"— פון מיינע אויגען רינען קוואלען וואסער, דאס הייסט, טרעה־רען דערויף וואס מען היט ניט דיין (גאט'ס) תורה.

פון די ווייטערע סמנים פון א ריכטיגען אוהב ה׳ איז אויב ער טהוט תפלה ביי נאכט און פאסט בייטאג, אויב נור ער קען דאס אויספיהרען. ווארום די ביינאכטיגע תפלה איז א ריינערע, א מעהר זויבערע אין איינינע פרטים. ביינאכט איז א מענש מעהר פריי פון זיין בעשעפטיגונג ווי ביי טאג און די געדאנקען זייי־נען איהם קלעהרער. ביי נאכט איז דער לוסט צו עסען און טרינקען קלענער ווי בייטאג און ער קען זיינע געדאנקען מעהר קאנצענטרירען אויף דער תפלה. ביי נאכט איז ער איינזאם, מענשען קומען איהם זעלטען בעזוכען און ער ווערט ניט געשטערט. ביי נאכט רוהען דעם מענשען'ן חושים, ער האט ניט אויף וואס צו קוקען און וואס צו הערען און פון וואס בעגייסטערט צו ווערען. און אין זיינע רעיונות קומען ניט אריין קיינע אנדרע זאכען אויסער זיין תפלה. ווען א מענש טהוט תפלה ביינאכט קען ער ניט אין זינען האבען אויסצופיינען זיך פאר לייטען, ווייל ער איז דאך דאס רוב אליין און זעלטען ווען עס איז דערביי פאראן א זייטיגער מענש. די ביינאכטיגע תפלה האט נאך א מעלה, וואס דער מתפלל קען זיך דאמאלס פעראייניגען מיט גאטס אנדענקען אזוי ווי צוויי גע־ליעבטע ווען זיי זיינען אליין און גיסען אויס זייערע ליעבעס געפיהלען איינע

פאר די אנדערע. אזוי ווי ישעיה הנביא זאגט: "נפשי אויתיך בלילה — "מיין נשמה גלוסט דיך, גאט, ביינאכט. אין שיר השירים ווערט געזאגט: "על משכבי בלילות"— אין די נעכט אויף מיין געלעגער זוך איך, טראכט איך וועגן דאס וואס איז מיר ליעב. אין די הייליגע שריפטען זיינען דא א סך פסוקים וואס ציי־גען דעם פארצוג פון ביינאכטיגע תפלות. אין תהלים ווערט געזאגט: „זכרתי בלילה שמך ה׳, "חצות לילה אקום להודות לך" און "צעקתי בלילה" — ביינאכט דער־מאהן איך, גאט, דיין נאמען; איך שטעה אויף האלבע נאכט לויבען דיך, איך האב געשריען צו גאט ביינאכט. אין איכה זאגט דער נביא ירמיה: "קומי רוני בלילה" — שטעה אויף און טהו תפלה צו גאט ביינאכט, און נאך פיעלע עהנליכע פסוקים.

און צום סוף פון דיעזען ספר האב איך פערפאסט שארפע ווערטער, וועלכע איך רוף „תוכחה" — שטראף רייד. ווער עס לייענט עס, ערוועקט עס איהם צו תשובה און תפלה. אבער דער עיקר איז ניט מיין תוכחה אדער אנדערע תפלות, וואס מען ברייננט בלויז ארויס פון מויל. דער עיקר פון תפלה איז כונה. און זאל אין דעם דיין צונג ניט זיין פריהער פון דיין הארץ. דאס הייסט: דו זאלסט ניט ארויסברייננען ווערטער פון דיין מויל, איידער דו בעטראכטסט זייער בעדייטונג און דו קענסט זיי ארויסזאגען מיט'ן גאנצען הארצען. ווארום אביסעל מיט כונה, מיט א ריינעם געוויסען איז בעסער ווי א סך תפלות וואס לויפן ארויס פון צונג און דאס הארץ איז דערביי ניטא. א געוויסער חסיד האט אמאל געזאגט: איהר זאלט ניט לויבען גאט מיט א פוסטע לויב, דאס הייסט: אזא לויב וואס דאס הארץ איז ניט דערביי, אזוי ווי דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים: „בכל לבי דרשתיך", „חליתי פניך בכל לב", „לבי ובשרי ירננו אל אל חי" — מיט מיין גאנצען הארצען פארש איך דיך, גאט; איך בעט ביי דיר מיט'ן גאנצען הארצען; מיין הארץ און מיין לייב זינגען צום לעבעדיגען גאט.

צו די סמנים פון אן אמת'ן אוהב ה׳ בעלאנגט אויך די מדה פון פרעהען זיך מיט גאט, ברוך הוא, און מיט זיינע גוטע לעהרען, און דאס גלוסטען, דאס געניינט זיין צו ערפילען זיין רצון און דאס זיין בארימהערציג און פריינדליך צו די וואס האבען פאר איהם מורא, אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "חבר אני לכל אשר יראוך", "ישישו וישמחו בך כל מבקשך", "בדרך עדותיך ששתי — איך בין א געזעלען, א גוטער ברודער מיט אלע וואס האבען פאר דיר (גאט) מורא; עס זיינען לוסטיג און פרעהען זיך מיט דיר, גאט, אלע וואס זוכען דיך, וואס האבען צו דיר א בעגעהר; אין וועג פון דיין תורה האב איך זיך געפרעהט. און חבקוק הנביא האט געזאגט: "ואני בה׳ אעלוזה אגילה באלהי ישעי" — איך, בין זיך משמח מיט גאט, איך פרעה זיך מיט גאט מיין העלפער.

## פרק ז׳

מיר קומען איצט צום זיבעטען פונקט וועגען דער פראגע: צו וואס אהבת ה׳ פיהרט דעם מענשען. די מדה פון ליעב האבען גאט פיהרט צו פיעלע זאכען, אבער איך וועל נור דערמאהנען די וואס וועלען מיר צום האנד קומען.

די לייט וואס ווייסען זייער גאט און וואס ער פערלאנגט פון זיי, צו וואס פאר א צוועק, הייסט עס, ער האט זיי בעשאפען; די וואס ווייסען און פער־

שטעהען, אז גאָט איז זייער פיהרער און שפייזער און ער געוועלטיגט און האָט די דעה איבער די טהאטען פון מענשען; די יעניגע וואָס עס איז ביי זיי קלאָהר, אז קיין זאך סאי אין וועלטליכע ענינים, סאי אין ענינים פון דער תורה און מצוות קען א מענש ניט דורכפיהרען אָהן דעם רצון און הילף פון השי״ת; די וואָס זיינען אין דעם איבערצייגט אוים ליעבשאפט און איבערגעבענהייט צו גאָט, פיהרט עס זיי דערצו, אז זיי זיינען ניט קיין איבערקלייבער אין זייערע אינטערעסען. זיי זאָגען ניט אז דאָס איז בעסער ווי יענעס און זיי האָבען בטחון אין בעשעפער, אז ער וועט פאר זיי אויסקלייבען דאָס בעסטע און דאָס ריכטיגסטע. און וויסענדיג אז די תורה זאָגט זיי אָן אויף געוויסע זאכען וואָס זיי זאָלען טהאָן און וואָס זיי זאָלען ניט טהאָן, ווערט די לוסט צו וועלטליכע תענוגים ביי זיי אָפּגעשוואכט און זיי האלטען זיך צוריק פון דעם. זיי אכטען ניט אויף קערפערליכע פערגעניגענס און שטעלען זיך אָפּ ביי דעם וואָס די תורה הייסט זיי. זיי פיהלען דאן א בענקשאפט צו גאָט און צו זיין הייליגען רצון און די וועלט און אלעס וואָס מען קען אין איהר געניסען האָט ביי זיי קיין ווערדע ניט.

די אהבת ה׳ בריינגט די מענשען צו האָפען און ערווארטען פון גאָט מיט׳ן גאַנצען הארצען, אז ער וועט זיי העלפען דורכפיהרען אלעס וואָס זיי האָבען אין זינען צו טהאָן פון זיינטוועגען, און דעם ענין פון מקיים זיין זיינע מצות. און אז זיי פיהרען דורך וועלכע גוטע זאך, דאנקען זיי און לויבען גאָט דערפאר, און ביי גאָט איז זייער סטארען זיך צו טהאָן גוטעס אָנגעלייגט. און אויב זיי קענען ניט ארויסווייזען בפועל דאָס וואָס זיי האָבען פאַרגענומען אין זייערע מחשבות; אויב זיי זיינען צו שוואך דורכצופיהרען א געוויסע גוטע טהאט וואָס זיי האָבען אין זינען געהאט דורכצופיהרען, ענטשולדיגען זיי זיך פאר גאָט און זיי נעהמען אויף זיך צו טהאָן די מצוה ווען זיי וועלען קענען, און זיי האָפען צום בעשעפער אז ער וועט זיי אין דעם בעהילפיג זיין, און זיי בעטען אויף דעם מיט א ריינעם געוויסען און טרייע איבערגעבענהייט, און דערצו גלוסטען זיי און דאָס איז זייער עיקר פערלאנג פון גאָט, אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: ״אחלי יכונו דרכי לשמור חקיך״ — איך בעט דיר, גאָט, זאָלען מיינע וועגען זיין געריכטעט צו היטען דיינע געזעצען. און ביי גאָט איז דעם מענשען׳ס אויסוואהל צו טהאָן גוטעס, דער פערלאנג צו טהאָן א מצוה אנגעלייגט אפילו ווען ער פיהרט עס ניט דורך אין טהאט, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט ביי דוד המלך אין מלכים א׳: ״יען אשר היה עם לבבך לבנות בית לשמי הטיבות כי היה עם לבבך״ — ווייל דו האָסט אין זינען געהאט צו בויען א הויז פאר מיין נאָמען׳ס וועגען, ווייל דו האָסט געוואָלט בויען א בית המקדש, האָסטו גאנץ גוט געטהאָן דערמיט גופא וואָס דו האָסט עס אין זינען געהאט, כאָטש דו האָסט עס ניט דורכגעפיהרט.

גאָט׳ס ליעבהאָבער, וואָס האָבען שטענדיג אין זינען ממלא צו זיין דעם רצון פון השי״ת פערלאָזען די אינטערעסען פון זייער וועלט און זייערע קערפערס. זיי דענקען ניט וועגען דעם, זיי לייגען ניט אָפּ זייערע מחשבות צו טראכטען וועגען וועלכע עס איז קערפערליכע הנאות, און וואָס נויטיג איז פאר׳ן קיום פון זייערע גופים טהוען זיי ניט מיט קיין אינערליכען גייסטיגען חשק, ווייל זיי האלטען עס פאר אונוויכטיג און נישטיג. זיי גיבען זיך אבער אָפּ מיט זייערע גאנצע גייסטיגע געפיהלען צו דער תורה און צו גאָטעס דיענסט צוליעב זיין כבוד און דערהויבענהייט. זייערע גופים זיינען אויף דער ערד און זייערע הערצער

אין הימעל. דאָס הייסט: זיי טראַכטען ניט וועגען זיי אליין, נור וועגען גאָט. און דאָס ברייננט זיי צו אַזא מדרגה אז זיי דיענען דעם בעשעפער גלייך אזוי ווי די הייליגע מלאכים אין די הימלען, וואָס האָבען ניט אין זיך קיין גשמיות, קיין קערפּערליכעס. דער לעבענס לוסט געהט פון זיי אוועק און דער חשק צו וועלטליכע תענוגים פערשווינדעט פון זיי צוליעב דעם גרויסען חשק וואָס זיי בעקומען צו דיענען גאָט און אוים ליעבשאַפט צו איהם. און דער פייער פון יצר הרע ווערט אויסגעלאָשען פון זייערע הערצער און עס מיידט זיין היטץ פון זייערע געדאַנקען, צוליעב דער שיין און וואַרימקייט וואָס עס בעהערשט זיי צו גאָטעס דיענסט. אזוי ווי די שיין און וואַרימקייט פון א ברענענדיגע ליכט האָט ניט קיין ממשות נעגען דער שיינענדער זון, אזוי ווערט דער יצר הרע בטל נעגען די שיין און וואַרימקייט פון אמת׳ע, אויפריכטיגע עבודת הבורא. און די אוהבי ה׳ זיינען אונטערטעניג זייער גאָט, און זיי זיינען זיך מתודה פאַר איהם ווען זיי פערנאַכלעסיגען וואָס ניט איז פון זיינע געבאָטען און עס קימערט זיי ניט ווען עס פעהלט זיי עפּעס פון וועלטליכע זאַכען.

אז איהר קומט מיט די דאָזיגע לייט אין נאָהענטע בעציהונג, זעהט איהר, אז זיי זיינען אזוי ווי ברידער צו דער בושה. דאָס הייסט: די שעהמעוודיגקייט, די ניעדערגעפאַלענקייט איז פעראייניגט מיט זיי אזוי ווי א ברודער מיט א ברודער, און אז איהר רעדט מיט זיי, זעהט איהר אז זיי זיינען חכמים, און אז איהר פרעגט זיי עפּעס, ווייסען זיי, וואָס צו ענטפערען, און אז מען זינדיגט נעגען זיי, צייגען זיי ארויס זייער עניוות, זייער ניעדערגעפאַלענקייט און זיי זיינען מוחל. איהר וועט קוקען אויף זייערע פּנים׳ער וועט איהר זעהן אז זיי לייכטען, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין קהלת: ״חכמת אדם תאיר פניו״ — די חכמה פון מענשען בעלייכט זיין פּנים און ער זעהט אוים פרעהליך. און כאָטש זייערע פּנים׳ער לייכטען פון פרייד, פון דעסטוועגען, ווען איהר זאָלט אריינדרינגען אין זייערע הערצער, וואָלט איהר געזעהען, אז זיי, די הערצער זייערע, זיינען צובראָכען.

און אין רייד וועגען געטליכקייט זיינען זיי בעהאַווענט און אין וועלט־ליכע עסקים זיינען זיי וויסט, פּוסט און ווייסען אין דעם גאָר ניט, ווייל זייערע הערצער זיינען פול מיט די ליעבשאַפט צו גאָט און זיי האָבען קיין אינטערעס אין רייד פון מענשען און זייערע אונטערהאַלטונגען. זיי האָסען די פּער־דאָרבענע וועגען און געהען נור אין ריכטיגען וועג. און אין זייער זכות ווערט די וועלט בעשירמט פון יסורים, אין זייער זכות רעגענט ווען מען דאַרף און מענשען און בהמות ווערען אַנגעטרונקען. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי, דיא צדיקים, די אמת׳ע אוהבי ה׳ זיינען צוריקגעצויגען פון אויסגעלאָסענהייט, פון אַלע זאַכען וואָס זיינען פערבאָטען און געהען בדרך הישר. און דערפאַר וואָס זיי ליידען אביסעל קומען זיי צו א הויכער מדרגה און זיי געניסען פון ביידע וועלטען און האָבען דעם פאַרצוג פאַר די וואָס דיענען ניט גאָט אי דאָ אויף דער וועלט, אי דאָרט אויף יענער וועלט, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים אין מזמור: אשרי איש ירא את ה׳. און וואונדערבאַר ווי די אמת׳ע אוהבי ה׳ זיינען מיט לייב און זעלע איבערגעגעבען צו גאָט, אז די מצות וואָס דער שעפער האָט געגעבען זיינען פאַר זיי ווייניג. זיי מיינען אז לויט די טובות וואָס גאָט טהוט מיט די מענשען דאַרף מען איהם דיענען מעהר ווי די תורה הייסט. און איך וועל אייך ערקלעהרען וואָרום זיי דענקען אזוי.

די צאָהל פון אלע מצות פון דער תורה איז תרי״ג, זעקס הונדערט מיט דרייצעהן. אין דעם זיינען אריינגערעכענט שס״ה, דריי הונדערט מיט פינף און זעכציג לא תעשה׳ס, זאכען וואָס זיינען פערבאָטען, ווי, למשל, עסען חזיר, טראָגען שעטנז און דאָס גלייכען, וואָס די מצוה איז ווען מען טהוט עס ניט. וויעדער זיינען דאָ בערך פינף און זעכציג מצות, וואָס א גאנצער קהל איז מחויב צו טהאָן, אָבער ניט איינצעלנע מענשען. עס זיינען אויך דאָ מצות עשה שהזמן גרמא, אזעלכע מצות וואָס זיינען אָבהענגיג אָן צייט, ווי, למשל, שבת, יום טוב, וואָס דאָס קען מען ניט מקיים זיין אלע טאָג, נור אין די בעשטימטע טעג דערפאר. א חוץ דעם זיינען דאָ אזעלכע מצות עשה, געבאָטען וואָס זיינען נור געגעבען געוואָרען פאר ארץ ישראל, ווען די אידען זיינען געזעסען אויף זייער אייגען לאנד, ווי קרבנות יחיד, די קרבנות וואָס איינצעלנע מענשען האָבען געדאַרפט מקריב זיין, (קרבנות צבור געהט דאָך אריין אין כלל פון די מצות וואָס נור קהל איז מחויב) תרומות, מעשרות, עולה לרגל זיין און דאָס גלייכען. עס זיינען אויך דאָ מצות וואָס זיינען אָבהענגינג אָן עפּעס, ווי, למשל, די מצוה פון מילה, א פאָטער איז מחויב צו מל זיין זיין זוהן, ווי איז אָבער אז ער האָט ניט קיין זוהן, געהט פון איהם די מצוה ארונטער. אָדער פדיון הבן איז אויך אזוי, דער וואָס האָט ניט קיין בכור איז אויף איהם ניט חל די דאָזיגע מצוה. אזוי איז אויך מיט כבוד אב ואם פאר א יתום, און נאָך עהנליכע מצות. מאכען די ריכטיגע פרומע לייט אזא חשבון: די לא תעשה׳ס רעכענען זיי ניט, ווייל מקיים זיין א לא תעשה איז דאָך די מצוה אין ניט טהאָן, און ניט צולייגען קיין טרחה. די מצות עשה, די טהאָט מצות וואָס זיינען בעשרענקט פאר צייט, אָרט און אומשטענדען נעהמען זיי אויך ניט אריין אין חשבון, ווייל ניט שטענדיג, ניט אומעטום און ניט אונטער אלע אומשטענדען קען מען זיי מקיים זיין. דעריבער קומט ביי זיי אויס אז זיי טהוען זעהר ווענִיג לויט זייער לוסט און חשק צו דיענען גאָט.

פרומע לייט האָבען געזוכט מצות עשה, טהאָט געבאָטען, וואָס יעדער איינצעלנער איז מחויב צו טהאָן צו יעדער צייט און אין יעדען אָרט און אונטער אלע אומשטענדען און זיי האָבען בלויז געפונען צוויי אזעלכע: לערנען תורה שבכתב, און לערנען די מצות פון תורה שבעל פה, פון גמרא, אזוי ווי דער פסוק זאָגט: „והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך ושננתם לבניך ודברת בם״ — די דאָזיגע רייד וואָס איך פערזאָג דיר היינט זאָל זיין אין דיין הארצען און דו זאָלסט זיי לערנען דיינע קינדער און דו זאָלסט וועגען זיי ריידען זיצענדיג אין הויז, געהענדיג אין וועג, ליגענדיג זיך און אויפשטעהענדיג. און דיענען גאָט בלויז מיט צוויי מצות, האָבען די פרומע לייט בעטראכט פאר ווייניג, דעריבער האָבען זיי געדיענט דעם בעשעפער מיט מצות שכליות, מיט מצות וואָס מען פערשטעהט אליין מיט׳ן שכל, כאָטש זיי זיינען ניט דערמאָהנט אין דער תורה, און מיט בעזונדערע מאָראלישע זיטען און גוטע גייסטיגע מדות, מדות וואָס בעשטעהען ניט פון טהאָטען, נור פון מחשבה, פון דענקען, וועלכע זיי האָבען אויס טרייהייט צו גאָט אליין צוגעגעבען צו די געשריבענע מצות, און געבעטען ביי גאָט אז זיי זאָלען איהם זיין לרצון און ער זאָל עס פון זיי אָננעהמען.

און וואָס זיינען די מצות שכליות? זיי נעהמען אריין אין כלל די חובות הלבבות, די הערצענס פפליכטען, וואָס מיר האָבען בעצוועקט צו ערקלעהרען דאָ אין דיעזען ספר, וועלכע זיינען א פערבאָרגענע חכמה אין די הערצער פון קלוגע

און פרומע לייט און אלע ווייסען און זאגען עדות אויף זייער וואהרהייט און אויפריכטיגקייט. און דורך מקיים זיין די חובות הלבבות קומט דער מענש צו הויכע מדרגות און טהייערע מעלות אין דעם ענין פון דיענען גאָט מיט׳ן גאנצען הארצען און צו דיענען איהם מיט ליעבשאפט און איבערגעבענהייט מיט לייב און זעעלע און האב און גוטס. דורכדעם קען א מענש מקיים זיין דעם "ואהבת את ה׳ אלהיך" מיט אלע פרטים. און די וואס קומען צו דיעזער מדרגה זיינען מעהר ווי אנדערע נאהענט צו דער מדרגה פון די נביאים, די ריינע און זויבערע פרומע לייט וועלכע דער פסוק רופט אוהבי ה׳, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין משלי: "להנחיל אוהבי יש" — גאָט זאגט: פאר מיינע ליעבהאבער האב איך וואס צו מאכען ערבען.

און אויב דו, מיין ברודער, ווילסט אריינקומען אין דער חברותא פון דיא דאזיגע צדיקים; אויב דו ווילסט בעלאנגען אין זייער געזעלשאפט, פערלאז די איבעריגע זאכען פון דיין וועלט און ענטזאג זיך פון אלעם וואס ניט נויטיג איז. בענוגען זיך מיט די שפייז וואס דו מוזט נויטיג האבען. געוואהן זיך איין אויסצוקומען אהן איבעריגע זאכען און מאך לייכטער דיין לאסט. זאל דיין הארץ ניט זיין פערנומען מיט טראכטען וועגען וועלטליכע ענינים, און ווען דו טהוסט עפעס וועלטליכע זאכען, טהו דאָס נור מיט דיין קערפער, מיט דיינע גליעדער, אָבער ניט מיט דיין הארץ און ווילען. די זאכען, וואס האבען ניט קיין שיכות מיט עבודת הבורא, זאלסטו טהאָן איבער געוואלד, אזוי ווי איינער וואס טרינקט ביטערע רפואות, טרינקט ער עס נור מיט׳ן מויל, אָבער קיין לוסט צו דעם האָט ער נים. ער האסט עס, עס עקעלט איהם דערפון, אָבער ער טרינקט עס און פיהלט דעם ביטערען טעם לשם רפואה, כדי געהיילט צו ווערען פון זיין קראנקהייט. אזוי דארפסטו זיך אויך עוסק זיין אין וועלטליכע זאכען ניט אויס ליעבשאפט צו דעם, נור ווייל דו מוזט עס, ווייל אהן דעם, אהן עסען, למשל, אדער אהן הלבשה קען א מענש ניט עקזיסטירען.

און דו ווייסט דאך, ברודער, אז דערמיט וואס דו וועסט אפגעבען דיינע רעיונות אויף וועלטליכע זאכען וועט דיר דערפון גאר ניט צוקומען אזוי גוט ווי פון ניט טראכטען און ניט פיעל בעמיהען זיך וועט דיר גאר ניט געמינערט ווערען, ווייל אלעם איז געווענדעט אן דעם רצון פון בעשעפער, וועלכער שיקט יעדען איינעם צו זיינע שפייז און נויטווענדיגקייטען אין לעבען. און אז דו וועסט פערשווענדען דיינע געדאנקען אויף בעסער לעבען אדער זאמלען געלד, וועט עס דיר אפווענדען פון טראכטען וועגען וויכטיגע זאכען, וועגען דער תורה און גאָט׳ס געבאָטען, וואס זיינען דיר געגעבען געוואָרען און דו האסט אויף זיך גענומען עוסק צו זיין אין דעם דיין גאנצען לעבען. פאלגליך וועט עס דיר שאדען ברייגען, אָבער קיינע נוטצען. דעריבער גיב זיך אפ מיט זאכען וואס היטען און בעשירמען דיך אין די אינטערעסען פון דיין תורה און דיין וועלט, און זאל דיין שכל שטעהן געגען דעם שטראָמיגען קוואל פון דיינע שלעכטע געוואהנהייטען און ניט לאזען זיי שטראָמען ווייטער, און פלייס זיך און סטארע זיך צו טהאָן און צו דענקען מעהר אין די ענינים פון דיין סוף, פון נאך דיין טויט. און זאל דער שכל זיין דיין מלך, דיין רעגיערער; די עניוות, די ניעדער־געפאלענקייט — דיין הארר; די חכמה — דייך פיהרער און די פרישות, דאס צוריקהאלטען זיך פון הנאות און תענוגים — דיין גוטער פריינד. דאָס הייסט: דו זאלסט אין זיך איינפלאנצען אלע דיעזע מדות און אזוי זאלסטו זיך פיהרען.

און אזוי געה לאנגזאם אין ערווערבען גוטע מדות, לויט ווי די אומשטענדען ערלויבען דיר, און געה ניט צו הויך און גריבעל זיך ניט צו טיעף מיט אמאל, ווייל דאס וועט ניט פיהרען צו גוטעס, ווארום צופיעל איל אין א לאמפ, קען זיין אן אורזאך אויסצולעשען זיין ליכט. ווען א מענש טראכט זיך אריין אין צו הויכע ענינים איידער ער פערשטעהט קלענערע און לייכטערע זאכען, וועט ער גאר ניט קענען און גאר ניט וויסען.

און זיי ניט נאכלעסיג, פויל און אפגעלאזען אין גאט׳ס דיענסט און פער־איינעג איין פלייסיגקייט מיט די אנדערע. זיי, הייסט עס, פריהער פלייסיג אין דערגעהען קלענערע זאכען און דאן זיי פלייסיג און זוך צו דערגעהען אלע מאל אליץ העכערע און העכערע ענינים. און איין געדולד זאל יאגען די אנדערע. דאס הייסט, דו זאלסט שטענדיג געדולדיג זיין און אויב עס קומט דיר אויס צו ליידען, זאלסטו ליידען און זיך אליץ מעהר דערנעהענטערען צו גוטע מדות, אבער אליץ שטופענווייז און ניט זוכען אריינצוכאפען העכערעס איידער דו ביזט איינגעוואהנט אין קלענערעס.

און דו זאלסט ניט פערנאכלעסיגען פון בעדענקען זיך אפט און שטענדיג האבען מיט זיך אליין א חשבון וואו דו האלטסט אין גאטעס דיענסט. און טראכט זיך אריין אין דיעזען ספר מיינעם און לייען איהם און געדענק וואס אין איהם איז געשריעבען און היט זיינע גרונד זאכען און זוך נאך און פארש צו דערגעהען מעהר זאכען וואס איך האב ניט דערמאהנט, וועסטו קומען צו דיא ערהאבענע מעלות און בעסטע מדות וואס זיינען בעוויליגט פאר גאט, און דאס וועט דיך ארויפפיהרען אויפ׳ן ריכטיגען וועג און דו וועסט אנדערע קענען פיהרען אין זעלבען וועג.

און דו זאלסט ניט לייגען קיין האפנונג, אז דו וועסט פון זיך זעלבסט צו דעם קומען. זיי וויסען, אז דו קענסט ניט קומען צו דער ריכטיגער מדרגה סיידען דו וועסט אפליידיגען דיין הארץ פון וועלטליכע דאגות. דאס פערהאסען און פעראכטען וועלטליכע ענינים איז וויינינ. מען מוז זיי אין גאנצען פון זינען ארויסשלאגען. אזוי ווי א שכור קען זיך ניט אויסניכטערען ביז דער וויין ווערט פון איהם אויסגעליידיגט, אזוי קען א מענש ניט קומען צו די גוטע מדות, וואס ווערען דערמאהנט אין דיעזען ספר, ביז די תאות און הנאות פון דער וועלט ווערען אויסגעווארצעלט פון זיין הארצען. און א געוויסער חסיד האט אמאל געזאגט: ווען מיר וואלטען זיך געשעהמט פאר׳ן בעשעפער, וואלטען מיר ניט געדענקט וועגען ליעבשאפט צו דער וועלט און מיר וואלטען עס אין זינען ניט געהאט. מיר זיינען אבער פער׳שכור׳ט פון דעם כוס וועלט־ליעבע וויין, מיר האבען, הייסט עס, יא ליעב די וועלט און איהרע תענוגים, און דאס איז א סימן אז מיר שעהמען זיך ניט פאר גאט.

דעריבער, ברודער, סטארע זיך אפצואווענדען דיין הארץ פון וועלטליכע הנאות אויף אזוי פיעל, אז דיין גוף זאל זיך אויך ניט עוסק זיין אין דעם. גיב, הייסט עס, אויף קערפערליכע תענוגים אי במעשה, אי במחשבה, דו זאלסט ניט פערשווענדען קיין מיה דערויף און דו זאלסט ניט טראכטען דאריבער. ווארום ווען דיין גוף איז אפילו אפגעזונדערט פון וועלטליכע ענינים, ביזטו ניט יוצא ביז דיין גייסט ווערט אויך אפגעזונדערט דערפון און דו האסט עס ניט אין זינען. דאס הייסט: ווען אפילו דו ביזט אפגעשלאסען אין א בעזונדער חדר און דו טהוסט ניט קיין זאך פון דיין קערפערליכע הנאה וועגען, קען אבער דיין גע־

דאנק זיין צוגעבונדען צו דעם און דו זאָלסט גאָר ניט טהוענדיג אין זינען האבען וועלטליכעס אָדער קערפּערליכעס, און דאָס טויג ניט. דערמאָהן עס, ברודער, שטענדיג זיך אליין און ווענד אָן אלע מעגליכקייטען צו דערווייטערען פון זיך וועלטליכע תאות און בייט עס בעסער אוים אויף אזעלכע מעשים און געדאנקען וואָס זאָלען דיר גוטעס ברייגגען צו דיין סוף, נאָך דיין טויט. אז דו וועסט אזוי טהאָן, וועסטו ערפילען דעם רצון פון בעשעפער און גאָט'ס פנים וועט צו דיר לייכטען, ער וועט, הייסט עס, צופריעדען זיין מיט דיר, און וועט אָננעהמען דיינע גוטע מעשים און מוחל זיין דייגע זינד און דו וועסט ביי איהם האָבען לאָסקע, אזוי ווי דער פסוק זאָגט אין משלי: ״אני אוהבי אהב״ — איך, גאָט האָב ליעב מיינע ליעבהאָבער, און אין שמואל א׳ ווערט געזאָגט: ״כי מכבדי אכבד ובוזי יקלו״—די וואָס האלטען מיך (גאָט) עהרליך, האלט איך זיי עהרליך, אָדער די וואָס טהיילען מיר צו כבוד, טהייל איך זיי צו כבוד און די וואָס ניעדער־שעטצען מיך וועלען ניעדערשעצט און מבוזה זיין.

און גאָט ב״ה זאָל מיר און דיר מיט זיינע געגאָדען אָנציינען דעם וועג ווי אזוי צו דיענען איהם, אמן.

### סוף פון שער אהבת ה׳ און פון גאנצען ספר.

# תוכחה להרב המחבר ז"ל

(ונזכרת מהמחבר בשער התשובה פ"ז ובשער אהבת ה' פ"ו)

## ברכי נפשי את יי וכל קרבי את שם קדשו:

לויב מיין זעעלע גאט, און אלע מיינע אינערעס זיין הייליגען נאמען.

**נפשי** · עוז תדרכי · וצורך ברכי · וחין
לפניו תערכי · ושיחה לנגדו שפכי ·
והתעוררי משנתכי · והתבונני מקומכי ·
אי מזה באת ואנה תלכי :

**נפשי** · מתנומתך עורי ולפני יוצרך שיר
דברי · ולשמו זמרי · ונפלאותיו
ספרי · וגורי ממנו כאשר הגוחי :

**נפשי** · אל תהיי כסוס כפרד אין הבין ·
וכשכור נרדם · ואיש נדהם · כי
ממקור בינה קורצת · וממעין חכמה לקחת ·
וממקום קדוש הובאת · ומעיר גבורים הוצאת ·
מאת יי מן השמים :

**נפשי** · לבשי בגדי שכל · והתאזרי אזור
בינה · ומלטי את נפשך · מהבלי
פגרך · אשר את בו מתגוררת · ואל ישיאך
לבך בנעם חמדותיו · ואל יסיתך בשכיות
תאוותיו · אשר ימאסו כמו מים יתהלכו למו ·
חכרי כי לא לעזר ולא להועיל ראשיתם · כי
אם לבשת וגם לחרפה אחריתם :

**נפשי** · שוטטי ברחובות תבונתך · וסובי
בחדרי חכמתך · ובואי עד תכונת
בנין משכיתך · אשר בעפר יסודו : הלא הוא
גוף נמאס, ופגר מובס · קרוץ ממעין נרפש ·
ומקור משחת · בנוי מטפה סרוחה · שרופה
באש כסוחה · גלם כדמות תולעה · והיה רק
זועה · עצור ברחם מטנף · סגור בבטן
מלכלך · ילד בצירים וחבלים · לראות עמל
והבלים · כל היום התאוות תאוה · וסר ממוסר

מיין זעעלע, טרעט פעסט אין גא'ט וועגען, און מיין בעשיצער לויב, און געפעלינקייטען גרייט פאר איהם צו, און געבעט גיס פאר איהם אויס, און ערוואך פון דיין שלאף, און פערשטעה דיין פלאץ אויף דער וועלט, פון וואנען דו קומסט און וואוהין דו מוזט געהן.

מיין זעעלע, פון דיין דרעמעל ערוואך, און פאר דיין בעשעפער לויב געזאנג רייד, און צו זיין נאמען זינג, און זיינע וואונדער דערצעהל, און האב פאר איהם מורא אומעטום, וואו דו האלסט זיך אויף.

מיין זעעלע, זיי ניט ווי א פערד און מויל־עזעל וואס האט ניט קיין פארשטאנד. און ווי א שכור וואס איז פערשלאפען, און ווי א צו־טומעלטער מענש, ווייל דיין אפשטאמונג איז פון גרונד־קוואל פון פערשטענדינקייט, און פון א ברונים פון חכמה ביזטו גענומען געווארען, און פון א הייליגען ארט ביזטו געבראכט, און פון א שטאדט פון גבורים ארויסגעצויגען — פון גאט, פון הימעל.

מיין זעעלע, בעקליידט זיך אין קליידער פון שכל, און גארטעל זיך ארום מיט א גארטעל פון פערשטאנד, און רעטע זיך פון די נישטיגע טהאטען פון דיין פגר (דער גוף), אין וועלכען דו, נשמה, וואהנסט, און ווער ניט פערפיהרט פון די אנגענעהמע קערפערליכע פארגעניגענס, און זאל דיך דער גוף ניט איבעררייידען צו זיינע תאוות, וועלכע צורינען זיך ווי וואסער און ווערען פערשוואונדען, און געדענק, אז די קערפערליכע געגוסען העלפען ניט און ברייננען קיינע נוטצען אין זייער אנפאנג, אבער שאנדע און שפאט איז זייער סוף.

מיין זעעלע, זוך אין די גאסען פון דיין פערשטאנד, און וואנדער אין די צימערען פון דיין חכמה, און בעטראכט די אייגענשאפט פון דיין גאנצע שעהנע געביידע, וואס איהר פונ־דאמענט איז ערד. דער גאנצער געבוי פון קערפער ווערט מיט דער צייט עקעלהאפט, א אומציכטיגער פגר, און שטאמען שטאמט ער פון אן אומרייגעם ברונים און פערדארבענעם קוואל, געבויט פון א שלעכט גערוכיגען טרא־פען, פערברענט פון ליידענשאפטליכען פייער, זיין אנהייב ענטוויקלונג איז ווי א ווארים, מורא'דיג, העסליך, האלט זיך אויף אן אומ־ריינעם ארט, איינגעשלאסען אין אן אומציכ־טיגען בויך, ווערט געבוירען מיט וועהען און שמערצען, צו ליידען אויף דער וועלט, שטענ־דיג וויל ער רק געניסען און ווענדט זיך אפ פון מאראל און מצוות, אין דער פינסטער קומט ער און אין דער פינסטער געהט ער אוועק. ארים, בעטלעריש, עלענד ווי א שלעפער. דער

ומתנה · בחשך בא ובחשך ילך · דל אביון עני והלך · לא דעת לו מבלעדך · ולא תבונה לו מבלתך · בחייו עפר · ובמותו אפר · בעודו תולעים יסובבוהו · ואחריתו רמה וגוש עפר יכסוהו · לא ידע בין ימינו לשמאלו · טמון בארץ סבלו · לכן לכי את ומלכי עליו · כי לבני חכמה מלוכה תאות · ועבד אויל לחכם לב · ואל תלכי בשרירות לבך הרע · ואל תתקשי במועצותיו · ומאסי בבצע מעשקותיו · ואל תבטחי בעשק ובגזל אל תהבלי · כי העשק יהולל חכם ויאבד את לב מתנה :

נפשי · שיתי לבך למסלה דרך הלכת · כי הכל היה מן העפר · אמנם הכל שב אל העפר · ולכל נברא ונוצר · יש קץ ותכלית · לשוב אל הארץ אשר ממנה לקח · והחיים והמות אחים · שבתם יחד איש באחיו ידבקו · יתלכדו ולא יתפרדו · אחוזים בשתי קצות גשר רעוע · וכל ברואי תבל עוברים עליו · החיים מובאו והמות מוצאו · החיים בונה והמות סותר · החיים זורע והמות קוצר · החיים נוטע והמות עוקר · החיים מחביר והמות מפריד · החיים מחריז והמות מפזר · ודעי נא וראי כי גם עליך תעבר כוס · ותצאי מכלון חדרך כרגע · כי יקרך עת ופגע · ותשובי אל בית עולמך · ביום ההוא תרצי פעלתך · ותקחי משכרתך · חלף עבודתך · אשר יגעת בו בעולם הזה · אם טוב ואם רע : לכן שמעי נא וראי והטי אזנך · ושכחי עמך ובית אביך · וקומי רני למלכך · יומך ולילך · שאי אליו כפים · והשתחוי לו אפים · ועפעפיך יזלו מים · בכריעה על ברכים · אולי יתאו המלך יפיך · וישא פניו אליך · וישם לך שלום · ויחן עליך כימי ענגך · בעולם הזה · ואחרי שובך למנוחיכי · כי מעודך גמל עליכי :

נפשי · הכיני צדה לרוב אל תמעיטי · בעוד בחיים מחיתך ויש לאל ידך · כי רב

גוף האט קיין ווייסן און קיין פערשטאנד אהן דיר. ביי זיין לעבען איז ער ערד, און נאך זיין טויט — אש. דורך דיין עקזיסטענץ איז ער ארומגערינגעלט פון ווערים (פון צרות) און זיין סוף איז ווידער ווערים און שטיקער ערד דעקען איהם צו. ער ווייס ניט צו אונטערשיידען צווישען זיין רעכטע און לינקע האנד, זיינע בעגריפע זיינען אין דער ערד בעהאלטען. דעריבער גייה דו, נשמה, און קעניג אויפ'ן גוף, ווארום צו די קלוגע פאסט דאס קעניגען, ווייל דער נאר מוז זיין א קנעכט ביים קלוגען. און גייה ניט נאך די תאוות פון דיין שלעכטע הארץ, און פאל ניט אריין אין דעם קערפערס עצות, און פערהאס אומארענטליכע פערדיענסטען, און פערלאז זיך ניט אויף בעטרוג און בענאריש זיך ניט מיט גזילה, ווארום אומרעכט בענארישט דעם קלוגען און פערדארבט די בעסטע הארץ.

מיין זעעלע, בעדענק זיך וועגען דער וועג וואס דו ביזט געגאנגען, ווארום אלעס איז ענטשטאנען פון דער ערד און אלעס קעהרט זיך אום צוריק צו דער ערד, און צו יעדע בעשאפענע זאך קומט א סוף און אז ענד אומצוקעהרען זיך צוריק צו דער ערד, וואס פון דעם איז עס גענומען געווארען, און דער לעבען מיט'ן טויט זיינען ברידער, זיי וואהנען צוזאמען, האלטען זיך איינער אן אנדערען, זיינען צוגעפעסטיגט און שיידען זיך ניט. זיי האלטען זיך ביי די ברעגען פון א צובראכענעם בריק, און אלע בעשאפענע אויף דער וועלט געהען איבער דיעזען בריק. דער לעבען איז דער ארויפגאנג אויפ'ן בריק און דער טויט — דער ארונטערגאנג. דער לעבען בויט און דער טויט צושטערט; דער לעבען זעעט און דער טויט שניידט; דער לעבען פלאנצט און דער טויט רייסט אויס; דער לעבען ברייננט צוזאמען און דער טויט צושיידעט; דער לעבען שנירעלט צוזאמען און דער טויט שיט פאנאנדער. און זעה און ווייס, אז דו וועסט אויך טרינקען דעם ביטערען בעכער, און דו וועסט זיך מאמענטאלנע מוזען ארויסקלייבען פון דיין קווארטיר, ווען עס וועט דיך טרעפען א צופאל אין דער בעשטימטער צייט, און דו וועסט זיך אומקעהרען צו דיין אייביגע היים. אין יענעם טאג וועסטו מוזען אפגעבען חשבון פון דיינע מעשים און קריגען דיין געצאהלט פאר דיין ארבייט, אויף וועלכע דו האסט זיך געמיהט דא אויף דער וועלט, סאי פאר גוטעס, סאי פאר שלעכטעס. דעריבער הער נאר און נעהם זיך אין זינען און לייג צו דיינע אויערען און פערגעס און פערלאז די וועלטליכע פערגעניגענס, און שטעה אויף און לויב דיין קעניג (גאט) דיינע טעג און נעכט. הויב צו איהם אויף דיינע הענד און בוק זיך צו איהם און דיינע אויגען זאלען רינען טרעהרען פאלענדיג פאר איהם אויף די קניע, אפשר וועסטו דעם קעניג געפעלען און ער וועט דיך אויפנעהמען און וועט דיך שענקען פריעדען, און וועט זיך אויף דיר דערבארעמען אין די טעג פון דיין ליידען אויף דער וועלט און אויך ווען דו וועסט קומען צו דיין רוה אויף יענער וועלט, ווארום פון דיין יוגענד אן טהוט גאט מיט דיר גוטעס.

מיין זעעלע, גרייט אן א סך שפייז און קארג ניט, כל זמן דו לעבסט און דו האסט בכח דאס צו טהאן, ווארום די וועג איז א ווייטע. און זאג ניט: „מארגען וועל איך זיך פערזארגען מיט שפייז פאר יענער וועלט". ווארום דער טאג (דער לעבען) וועט באלד אוועק

סִפֵּךְ הַדְּרָךְ · וְאַל תֹּאמְרִי לְמָחָר אֶקַּח צֵדָה · כִּי פָּנָה הַיּוֹם · וְלֹא תֵדְעִי מַה יֵּלֶד יוֹם · וּדְעִי כִּי תְמוֹל לָעַד לֹא יָשׁוּב · וְכָל אֲשֶׁר פָּעַלְתְּ בּוֹ · שָׁקוּל וְסָפוּר וְחָשׁוּב · וְאַל תֹּאמְרִי מָחָר אֶעֱשֶׂה · כִּי יוֹם הַמָּוֶת מִכָּל חַי מְכֻסֶּה · מַהֲרִי עֲשׂוֹת בְּכָל יוֹם חָקּוֹ · כִּי הַמָּוֶת בְּכָל עֵת יִשְׁלַח חִצּוֹ וּבְרָקוֹ · וְאַל תִּתְמַהְמְהִי מֵעֲשׂוֹת חֹק דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ · כִּי כְצִפּוֹר נוֹדֶדֶת מִן קִנָּהּ כֵּן אִישׁ נוֹדֵד מִמְּקוֹמוֹ · וְאַל תְּדַמִּי בְנַפְשֵׁךְ · כִּי אַחֲרֵי צֵאתֵךְ מִמַּסְגֵּר פִּגְרֵךְ · תָּשׁוּבִי לְתוֹכַחַת · מִמְּשׁוּבָה נִצַּחַת · כִּי לֹא יִתָּכֵן לָךְ אָז עֲשׂוֹת טוֹב וָרָע · וְלֹא יוֹעִילֵךְ תְּשׁוּבָה מִמְּשׁוּבָה · וְלֹא הִנָּחֵם לָךְ מֵרֶשַׁע · וְאַשְׁמָה וָפֶשַׁע · כִּי הָעוֹלָם הַהוּא נָכוֹן לְחֶשְׁבּוֹן · וְסֵפֶר כָּל סָתוּם וְצָפוּן · אֲשֶׁר בְּיַד כָּל אָדָם חָתוּם · וְעָרוּךְ לְשַׁלֵּם שָׂכָר טוֹב, לְיִרְאֵי יְיָ וּלְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ · וּלְהִנָּקֵם בּוֹ נְקַם בְּרִית מִן שׁוֹכְחֵי אֵל, הָאוֹמְרִים לָאֵל סוּר מִמֶּנּוּ · וְדַעַת דְּרָכֶיךָ לֹא חָפָצְנוּ · מַה שַּׁדַּי כִּי נַעַבְדֶנּוּ · וּמַה נּוֹעִיל כִּי נִפְגַּע בּוֹ :

נַפְשִׁי · אִם חָכַמְתְּ חָכַמְתְּ לָךְ · וְאִם לַצְתְּ אַתְּ תִּלִּין מְשׁוּגָתֵךְ · שִׁמְעִי מוּסָר וַחֲכָמִי וְאַל תִּפְרָעִי · שִׁיתִי עַל לִבֵּךְ תָּמִיד · דִּבְרֵי קֹהֶלֶת בֶּן דָּוִד · סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע · אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר · כִּי זֶה כָּל הָאָדָם · כִּי אֶת כָּל מַעֲשֶׂה הָאֱלֹהִים יָבִיא בְמִשְׁפָּט · עַל כָּל נֶעְלָם · אִם טוֹב וְאִם רָע : וְאַל תִּשְׁכְּחִי בְּיַד כָּל אָדָם יַחְתּוֹם · לָדַעַת כָּל אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ · וְזִכְרִי אֵין חֹשֶׁךְ וְאֵין צַלְמָוֶת · לְהִסָּתֶר שָׁם פֹּעֲלֵי אָוֶן : בַּקְּשִׁי אֶת יְיָ קוֹנֵךְ · בְּכָל כֹּחֵךְ וְאוֹנֵךְ · בַּקְּשִׁי צֶדֶק בַּקְּשִׁי עֲנָוָה · אוּלַי תִּסָּתְרִי בְּיוֹם אַף יְיָ · וּבְיוֹם חֲרוֹן אַפּוֹ · וְתַזְהִירִי כְּזֹהַר הָרָקִיעַ · וּכְצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ · וְתִזְרַח עָלַיִךְ שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ · וְעַתָּה קוּמִי לְכִי וְהִתְחַנְּנִי לַאֲדוֹנַיִךְ · וּשְׂאִי זִמְרָה לֵאלֹהַיִךְ · הַלְלוּ יָהּ כִּי טוֹב זַמְּרָה אֱלֹהֵינוּ · כִּי נָעִים נָאוָה תְהִלָּה :

און דו ווייסט אפילו ניט וואס היינט וועט פאסירען. און ווייס אז דער נעכטען וועט זיך קיינמאל ניט אומקעהרען, און דאס וואס דו האסט געטהאן אין דעם נעכטען איז געוואויגען, געצעהלט און גערעכענט. און זאג ניט: מארגען וועל איך טהאן גוטעס, ווייל דער טויט איז פון אלע לעבעדיגע פערבארגען. אייל זיך און טהו אלע טאג וואס דו מוזסט טהאן, ווארום דער טויט שיסט צו יעדער צייט זיינע פיילען און בליצען, און פערשפעטיג ניט צו טהאן טעגליך, וואס דו דארפסט טהאן, ווארום, אזוי ווי א פויגעל ווערט פערוואגעלט פון איהר נעסט, אזוי ווערט א מענש פערוואגעלט פון זיין ארט און דענק ניט אז ווען דו וועסט ארויסגעהן פון גוף וועסטו תשובה טהאן אויף דיין שטארקע ווילדקייט, ווייל דאמאלסט, נאכ'ן טויט פון קערפער, קענסטו ניט טהאן ניט קיין גוטעס, ניט קיין שלעכטעס, און דיין תשובה וועט דיר דאמאלסט ניט העלפען, און דיין חרטה אויף דיינע שלעכטע מעשים, מיטטהאטען און זינד, וועט דיר קיינע גוטעס טהאן. ווארום יענע וועלט איז צוגעגרייט פאר א חשבון, דארט איז דער ספר, וואו עס זיינען פערשריבען אלע פערבארגענע מעשים, אויף וועלכע יעדער מענש איז גע'חתמ'עט. אויף יענער וועלט איז פארבערייטעט גוטע בעלוינונג צו די גאטספארכטיגע און די וואס האלטען עהרליך גאט'ס נאמען, און שטראף פאר די וואס פערגעסען אן גאט, פאר די וואס זאגען צו גאט: לאז אונז צורוה, דיינע וועגען ווילען מיר ניט וויסען. וואס איז גאט וואס מיר זאלען איהם דיענען? און וואס פאר א נוצען וועלען מיר האבען אז מיר וועלען איהם בעטען?

מיין זעעלע, אויב דו ביזט קלוג איז דאס פון דיין טובה וועגען. און אויב דו האסט אפגעשפאט פון עהרליבקייט, וועסטו אליין ליידען. הער מוסר און זיי קלוג און מאך ניט צו נישט די רייד פון דער תורה. האב שטענדיג אין זינען וואס קהלת בן דוד האט געזאגט: „סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם. כי את כל מעשה האלהים יביא במשפט על כל נעלם אם טוב ואם רע" — די ענדע, דער שלום וואס מען קען לערנען פון ספר קהלת, נאכדעם ווי מען האט איהם אין גאנצען אויסגעהערט, איז: האב מורא פאר גאט און זיינע מצוות היט אפ, ווייל דאס איז דער תכלית, דער צוועק פון אלע מענשען. ווארום אלע מענשליכע טהאטען וועט גאט בריינגען פאר'ן געריכט, אויך די פארבארגענע מעשים וואס מען ווייס ניט סאי גוטע און סאי שלעכטע. און פערגעס ניט וואס איוב האט געזאגט: „ביד כל אדם יחתום לדעת כל אנשי מעשהו" — יעדער מענש חתמ'עט אליין, כדי מען זאל וויסען יעדענס טהאטען. און געדענק אז עס איז ניטא קיין פינסטערער און פערבארגענער ארט פאר די זינדיגע צו בעהאלטען זיך דארט. זוך דיין בעשעפער מיט דיינע גאנצע קרעפטען און מאכט. זוך גערעכטיגקייט, זוך עניוות, אפשר וועסטו זיך אויסבעהאלטען אין טאג פון גאט'ס כעס, און וועסט שיינען ווי די שיין פון הימעל און ווי די זון ווען זי געהט ארויס מיט א שטארקע ליכט. און דו וועסט אויך זיך מאכען לייכטען א זונען שיין פון גערעכטיגקייט, וואס וועט דיר בריינגען היילונג. איצט שטעה אויף, געה און בעט דיין הארר, און הויב אויף א געזאנג שטימע צו דיין גאט. לויב גאט, ווייל ער איז גוט, זינג צו אונזער גאט, ווייל ער איז פארגעניגענד און לויב נעזאנג פאסט איהם.